This material was made publicly available by the

**Heritage Projects Foundation**

info@yiddish-culture.com

**https://yiddish-culture.com**

© The Heritage Projects Foundation

*This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:*

info@yiddish-culture.com

**© The Heritage Projects Foundation**

31-525

# סאָוועטיש

4

1979

# היימלאנד

# לייענט אינעם נומ. 5
# „סאָוועטיש היימלאַנד"

■

צום צווישנפעלקערלעכן יאָר פון קינד:

י.־ל. פּ ע ר ע ץ. פאר די קליינע קינדערסוועגן (לידער)

■

געפונענע מאנוסקריפטן:

שאָלעם־אַלייכעמס אן אומבאַוויסטע פּיעסע

■

א נ א ט א ל י ר י ב א ק א ו. „שווערער זאמד" (ראָמאַן, פאַרזעצונג)

# סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פֿון שרײַבער-פֿאַרבאַנד פֿון סססר

דערשײַנט פֿון 1961

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

אַפּרעל

4

1979

# אינהאַלט


געזעץ פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רע־פּובליקן וועגן בירגערשאַפט פון פּסטר . . . . . 3

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער. די פאַקטן וועגן דעם וויַיטערדיקן גורל פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון סאָוועטישער בירגערשאַפט, זיַינען גע־נומען פון דער ערשטער האַנט . . . . . . . . 9

דאָרע כיַיקינע. ווי ס׳פּאַסט דעם פרימאָרגן די ליכטי־קע שיַין (לידער) . . . . . . . . . . . 22

50 יאָר ערשטער פינפיאָר. דערציילונגען, פאַרצייכענונגען און לידער פונעם זשורנאַל „פּראָליט" (1928 — 1932) 27

אַנאַטאָלי ריבאַקאָוו. שווערער זאַמד (ראָמאַן) . . 69

אַרן ווערגעליס. פונעם ציקל „זיכרוינעס פון דער וויַיט" (לידער) . . . . . . . . . 136

יוסעף בורג. א וואַלד־בלום און אַנדערע דערציי־לונגען . . . . . . . . . . . . . 141

שירע גאָרשמאַן. אַלערליי דערציילונגען . . . . 157

כאָשעוועער רעדאַקטאָר, איך שיק איַיך דאָ איין ליד מיַינע, בלויז איינע... (לידער פון מ. ריַיאַנט, א. קאַצעוו, מ. גאָלבשטיין, ב. סינעלניקאָווע, כ. גורעוויטש, ב. מאָ־גילנער) . . . . . . . . . . . . . 165

אוראַן גוראַלניק. אויף יענער זיַיט פון סאָציאַלן יוישער . . . . . . . . . . . . . 168

די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" . . . . . . 174

מיר ענטפערן אויף פראַגעס פון אונדזערע לייענער. ס. טאָנ־קין. די טראַגעדיע און דער קאַמף פון די פּאַלעסטינער 179

בלעטערנדיק זשורנאַלן און ציַיטונגען . . . . . 180

כראָניק . . . . . . . . . . . . . . 184

דאָס איז טשיקאַווע. וו. סטעפּאַנענקאָ. די געשיכטע פונעם סאָוועטישן הערב . . . . . . . . . 185

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטי־שער ליטעראַטור . . . . . . . . . . . 188

פריַינטלעכע שאַרזשן אין זשורנאַל „פּראָליט" . . . . 190

פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש . . . . . . . . . 192

רעזומע (רוסיש, ענגליש) . . . . . . . . . . . I



**הויפּט־רעדאַקטאָר**

א. ווערגעליס

**רעדקאָלעגיע:**

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר), א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פריַי, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר)

# געזעץ

## פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן

# וועגן בירגערשאַפט פון ססר

די בירגער פון ססר באַזיצן מיט דער גאַנצער פולקייט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פּאָלי־טישע און פּערזענלעכע רעכט און פרייהייטן, וועלכע זיינען פּראָקלאַמירט און ווערן גאַראַנ־טירט דורך דער קאָנסטיטוציע פון ססר און דורך די סאָוועטישע געזעצן.

די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע אַלפאָלקישע מעלוכע היט אָפּ די רעכט און פרייהייטן און זיכערט די גלייכבאַרעכטיקונג פון די בירגער פון ססר אין אַלע לעבנס־געביטן — עקאָנאָ־מישן, פּאָליטישן, סאָציאַלן און פון דער קולטור.

א בירגער פון ססר איז מעכויעוו אָפּצוהיטן די קאָנסטיטוציע און די סאָוועטישע געזעצן, טראָגן מיט ווירדע דעם הויכן נאָמען בירגער פון ססר, אָפּהיטן די אינטערעסן פון דער סאָוועטן־מעלוכע, מיטהעלפן צו פאַרשטאַרקן איר מעכטיקייט און אויטאָריטעט, זיין טריי דעם סאָציאַליסטישן היימלאַנד.

## I. די אַלגעמיינע גרונטלאַגן

ארטיקל 1. אַן איינהייטלעכע פאַרבאַנדישע בירגערשאַפט

אין העסקעם מיט דער קאָנסטיטוציע פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּו־בליקן איז אין ססר איינגעשטעלט אַן איינהייטלעכע פאַרבאַנדישע בירגערשאַפט.

יעדער בירגער פון א פאַרבאַנדישער רעפּובליק איז א בירגער פון ססר.

די בירגערשאַפט פון ססר איז א גלייכע פאַר אַלע סאָוועטישע בירגער, אומאָפּהענגיק פון דעם, אַף וועלכן סמאַך זי איז באַקומען געוואָרן.

ארטיקל 2. די געזעצגעבונג פונעם פאַרבאַנד ססר און פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן וועגן סאָוועטישער בירגערשאַפט

די געזעצגעבונג פונעם פאַרבאַנד ססר וועגן סאָוועטישער בירגערשאַפט באַשטייט פון דעם דאָזיקן געזעץ, וועלכער באַשטימט אין העסקעם מיטן ארטיקל 33 פון דער קאָנסטיטוציע פון ססר די יעסוידעס און די אָרדענונג פון באַקומען און פאַרלירן די סאָוועטישע בירגער־שאַפט, און פון אַנדערע אַקטן פון דער געזעצגעבונג פון ססר.

די געזעצגעבונג פון א פאַרבאַנדישער רעפּובליק לייזט די פראַגן פון סאָוועטישער ביר־גערשאַפט, וועלכע זיינען דורך דער קאָנסטיטוציע פון ססר, דער קאָנסטיטוציע פון דער פאַר־באַנדישער רעפּובליק און דורך דעם דאָזיקן געזעץ פאַרעכנט צו איר קאָמפּעטענץ.

ארטיקל 3. די אָנגעהעריקייט צו דער בירגערשאַפט פון ססר

בירגער פון ססר זיינען:

פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער בירגערשאַפט פון ססר אינעם טאָג, ווען עס איז געוואָרן גילטיק דער דאָזיקער געזעץ;

פּערזאָנען, וועלכע האָבן באַקומען בירגערשאַפט פון ססר אין העסקעם מיט דעם דאָזיקן געזעץ.

ארטיקל 4. דאָס פאַרהיטן די בירגערשאַפט פון ססר באַם כאַסענע האָבן אָדער געטן זיך

ווען א בירגער אָדער א בירגערין פון ססר האָט כאַסענע מיט א פּערזאָן, וואָס איז אַן אויסלענדישער בירגער, אָדער מיט א פּערזאָן אָן בירגערשאַפט, ווי אויך באַם געטן זיך, ברענגט עס ניט צו קיין ענדערונגען אין דער בירגערשאַפט פונעם פּאָרפאָלק.

ווען איינער פונעם פּאָרפאָלק באַקומט אָדער פאַרלירט די בירגערשאַפט פון ססר, רופט עס ניט אַרויס קיין ענדערונג אין דער בירגערשאַפט פונעם צווייטן צאַד.

ארטיקל 5. דאָס פאַרהיטן די בירגערשאַפט פון פסשר דורך פּערזאָנען, וועלכע וווינען אין אויסלאַנד.

**דער עצעם פאַקט, וואָס אַ בירגער פון פסשר וווינט אין אויסלאַנד, ברענגט ניט דערצו, אַז ער זאָל פאַרלירן די בירגערשאַפט פון פסשר.**

ארטיקל 6. דאָס פאַרטיידיקן דורך דער מעלוכע די בירגער פון פסשר אין אויסלאַנד

**אין העסקעם מיט דער קאָנסטיטוציע פון פסשר געניסן די בירגער פון פסשר אין אויס־לאַנד פון דער פאַרטיידיקונג און שוץ מיצאַד דער סאָוועטן־מעלוכע.**

ארטיקל 7. די אומדערלאָזבאַרקייט, אַז אַ בירגער פון פסשר זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַן אויסלענדישער מעלוכע

**אַ בירגער פון פסשר קאָן ניט אַרויסגעגעבן ווערן אַן אויסלענדישער מעלוכע.**

ארטיקל 8. פאַר אַ בירגער פון פסשר ווערט ניט אַנערקענט קיין טאָפּעלע בירגערשאַפט

**פאַר אַ פּערזאָן, וואָס איז אַ בירגער פון פסשר, ווערט ניט אַנערקענט די אָנגעהעריקייט צו דער בירגערשאַפט פון אַן אויסלענדישער מעלוכע.**

ארטיקל 9. פּערזאָנען אָן בירגערשאַפט

**פּערזאָנען, וועלכע וווינען אויף דער טעריטאָריע פון פסשר, ניט זייענדיק קיין בירגער פון פסשר און ניט האָבנדיק קיין באַווייזן, אַז זיי געהערן צו דער בירגערשאַפט פון אַן אויסלענ־דישער מעלוכע, ווערן גערעכנט אַלס פּערזאָנען אָן בירגערשאַפט.**

## II. דאָס באַקומען בירגערשאַפט פון פסשר

ארטיקל 10. די יעסוידעס אויף צו באַקומען בירגערשאַפט פון פסשר

**בירגערשאַפט פון פסשר ווערט באַקומען:**

**1) באַם געבוירן ווערן;**

**2) אין רעזולטאַט פון אָננעמען אין בירגערשאַפט פון פסשר;**

**3) אין העסקעם מיט די יעסוידעס, וועלכע זיינען פאָרויסגעזען דורך די צווישנפעלקער־לעכע אָפּמאַכן פון פסשר;**

**4) אין העסקעם מיט אַנדערע יעסוידעס, וועלכע זיינען פאָרויסגעזען אין דעם דאָזיקן געזעץ.**

ארטיקל 11. די בירגערשאַפט פון קינדער, וועמעס עלטערן עס זיינען בירגער פון פסשר

**אַ קינד, וועמעס ביידע עלטערן האָבן צום מאָמענט פון זיין געבוירן ווערן זיך געפונען אין דער בירגערשאַפט פון פסשר, איז אַ בירגער פון פסשר, אומאָפּהענגיק דערפון, צי עס איז געבוירן געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פון פסשר אָדער אויסער די גרענעצן פון פסשר.**

ארטיקל 12. די בירגערשאַפט פון קינדער, וואָס איינער פון זייערע עלטערן איז אַ בירגער פון פסשר

**באַ אַ פאַרשיידענער בירגערשאַפט פון די עלטערן, ווען איינער פון זיי האָט צום מאָמענט פונעם קינדס געבורט זיך געפונען אין דער בירגערשאַפט פון פסשר, איז דאָס קינד אַ בירגער פון פסשר:**

**1) אויב עס איז געבוירן געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פון פסשר;**

**2) אויב עס איז געבוירן געוואָרן אויסער די גרענעצן פון פסשר, נאָר די עלטערן אָדער איינער פון זיי האָבן אין דער דאָזיקער צייט געהאַט אַ שטענדיק וווין־אָרט אויף דער טערי־טאָריע פון פסשר.**

**באַ אַ פאַרשיידענער בירגערשאַפט פון די עלטערן, ווען איינער פון זיי האָט צום מאָמענט פונעם קינדס געבורט זיך געפונען אין דער בירגערשאַפט פון פסשר, אויב אין אָט דער צייט האָבן ביידע עלטערן געהאַט אַ שטענדיק וווין־אָרט אויסער די גרענעצן פון פסשר, ווערט די בירגערשאַפט פונעם קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויסער די גרענעצן פון פסשר, באַשטימט דורך אַ פאַרשטענדיקונג פון די עלטערן.**

**אַ קינד, וואָס איינער פון זיינע עלטערן האָט צום מאָמענט פון זיין געבורט זיך געפונען אין דער בירגערשאַפט פון פסשר, און דער צווייטער איז געווען אַ פּערזאָן אָן בירגערשאַפט**

אָדער עס איז געווען אומבאַוווּסט, ווער ער איז, איז אַ בירגער פון פּססר, אומאָפּהענגיק פונעם אָרט, וווּ עס איז געבוירן געוואָרן.

אַרטיקל 13. דאָס באַקומען בירגערשאַפט פון פּססר דורך קינדער, וועמעס עלטערן עס זײַנען פּערזאָנען אָן בירגערשאַפט

אַ קינד פון פּערזאָנען אָן בירגערשאַפט, וואָס האָבן אַ שטענדיק וווין־אָרט אין פּססר, אויב עס איז געבוירן געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פון פּססר, איז אַ בירגער פון פּססר.

אַרטיקל 14. די בירגערשאַפט פון קינדער, וועמעס עלטערן זײַנען אומבאַוווּסט

אַ קינד, וואָס געפינט זיך אויף דער טעריטאָריע פון פּססר, נאָר מע ווייסט ניט, ווער זײַנען ביידע עלטערן, איז אַ בירגער פון פּססר.

אַרטיקל 15. דאָס אָננעמען אין בירגערשאַפט פון פּססר

אויסלענדישע בירגער און פּערזאָנען אָן בירגערשאַפט קאָנען לויט זייערע הישטאַדלעסן אָנגענומען ווערן אין דער בירגערשאַפט פון פּססר אין העסקעם מיט דעם דאָזיקן געזעץ, אומאָפּהענגיק פון זייער ראַסאָווער און נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקײַט, געשלעכט, בילדונג, שפּראַך, וווין־אָרט.

# III. דאָס פאַרלירן די בירגערשאַפט פון פּססר
# דאָס אופשטעלן אין דער בירגערשאַפט פון פּססר

אַרטיקל 16. די יעסוידעס פון פאַרלירן די בירגערשאַפט פון פּססר

די בירגעשאַפט פון פּססר ווערט פאַרלאָרן:

1) אין רעזולטאַט פון אַרויסטרעטן פון דער בירגערשאַפט פון פּססר;

2) אין רעזולטאַט פון אָפּנעמען די בירגערשאַפט פון פּססר;

3) אויפן סמאַך פון די יעסוידעס, וועלכע זײַנען פאַרויסגעזען דורך די צווישנפעלקער־לעכע אָפּמאַכן פון פּססר;

4) אין העסקעם מיט אַנדערע יעסוידעס, וועלכע זײַנען פאַרויסגעזען אין דעם דאָזיקן געזעץ.

באַם פאַרלירן די בירגערשאַפט פון פּססר פאַרלירט מען די בירגערשאַפט פון דער פאַר־באַנדישער רעפּובליק.

אַרטיקל 17. דאָס אַרויסטרעטן פון דער בירגערשאַפט פון פּססר

אַרויסטרעטן פון דער בירגערשאַפט פון פּססר ווערט דערלויבט דורכן פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר.

אין אַרויסטרעטן פון דער בירגערשאַפט פון פּססר קאָן אָפּגעזאָגט ווערן, אויב די פּער־זאָן, וואָס איז זיך מישטאַדל וועגן אַרויסטרעטן, האָט ניט אויסגעפילטע היסכּײַוועסן פאַר דער מעלוכע אָדער פאַרמעגן־פליכטן, מיט וועלכע עס זײַנען פאַרבונדן וויכטיקע אינטע־רעסן פון בירגער אָדער פון מעלוכישע, קאָאָפּעראַטיווע און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַ־ניזאַציעס.

אַרויסטרעטן פון דער בירגערשאַפט פון פּססר ווערט ניט דערלאָזט, אויב די פּערזאָן, וואָס איז זיך מישטאַדל וועגן אַרויסטרעטן, איז צוגעצויגן געוואָרן אַלס באַשולדיקטער אָדער בענע־גייע אים איז פאַראַן אַן אורטייל פון געריכט, וואָס האָט באַקומען אַ געזעצלעכע קראַפט און דאַרף אויסגעפילט ווערן, אָדער אויב דאָס אַרויסטרעטן מיצאַד דער פּערזאָן פון דער בירגער־שאַפט פון פּססר ווידערשפּרעכט די אינטערעסן פון דער מעלוכישער זיכערהײַט פון פּססר.

אַרטיקל 18. דאָס אָפּנעמען די בירגערשאַפט פון פּססר

אָפּנעמען די בירגערשאַפט פון פּססר קאָן מען אין אַן אויסשליסלעכן פאַל לויטן באַשלוס פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר, אויב די פּערזאָן איז באַגאַנגען אַקטן, וואָס שעדיקן דעם הויכן נאָמען בירגער פון פּססר און פאַרשאַפן שאָדן דעם פּרעסטיזש אָדער דער מעלוכישער זיכערהײַט פון פּססר.

דאָס אָפּנעמען בײַ אַ פּערזאָן די בירגערשאַפט פון פּססר ברענגט ניט קיין ענדערונג אין דער בירגערשאַפט פונעם צווייטן צאַד פונעם פּאָרפּאָלק און פון די קינדער.

ארטיקל 19. דאָס אופּשטעלן אין דער בירגערשאַפט פון פּססר

א פּערזאָן, וואָס האָט פאַרלאָרן די בירגערשאַפט פון פּססר, קאָן בא זײַן הישטאַדלעס אופגעשטעלט ווערן אין דער בירגערשאַפט פון פּססר לויט א באַשלוס פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר.

## IV. די בירגערשאַפט פון קינדער בײַסן ענדערן די בירגערשאַפט פון די עלטערן, און באַם אַדאָפּטירן

ארטיקל 20. דאָס ענדערן די בירגערשאַפט פון די קינדער אין פאַל פון ענדערן די ביר־גערשאַפט פון ביידע עלטערן

בײַסן ענדערן די בירגערשאַפט פון די עלטערן, אין רעזולטאַט פון וועלכן ביידע ווערן בירגער פון פּססר אָדער ביידע טרעטן ארויס פון דער בירגערשאַפט פון פּססר, ענדערט זיך אַנטשפּרעכיק די בירגערשאַפט פון זייערע קינדער, וועלכע האָבן נאָך ניט דערגרייכט דעם עלטער פון 14 יאָר.

ארטיקל 21. דאָס באַקומען בירגערשאַפט פון פּססר דורך קינדער אין פאַל, ווען עס באַקומט בירגערשאַפט פון פּססר איינער פון די עלטערן

אויב א בירגער פון פּססר ווערט איינער פון די עלטערן, און דער צווייטער פאַרבלײַבט אַן אויסלענדישער בירגער, קאָן דאָס קינד באַקומען בירגערשאַפט פון פּססר לויט דער הי־שטאַדלעס פון יענעם פון די עלטערן, וועלכער באַקומט בירגערשאַפט פון פּססר.

אויב א בירגער פון פּססר ווערט איינער פון די עלטערן, און דער צווייטער פאַרבלײַבט א פּערזאָן אָן בירגערשאַפט, ווערט דאָס קינד, וואָס וווינט אויף דער טעריטאָריע פון פּססר, א בירגער פון פּססר.

אויב א בירגער פון פּססר ווערט איינער פון די עלטערן, און דער צווייטער פאַרבלײַבט א פּערזאָן אָן בירגערשאַפט, קאָן דאָס קינד, וואָס וווינט אויסער די גרענעצן פון פּססר, באַ־קומען בירגערשאַפט פון פּססר לויט דער הישטאַדלעס וועגן דעם מיצאַד יענעם פון די עלטערן, וואָס באַקומט בירגערשאַפט פון פּססר.

ארטיקל 22. דאָס פאַרהיטן דורך די קינדער די בירגערשאַפט פון פּססר אין פאַל, ווען איינער פון די עלטערן טרעט ארויס פון דער בירגערשאַפט פון פּססר

אויב איינער פון די עלטערן טרעט ארויס פון דער בירגערשאַפט פון פּססר און דער צווייטער פאַרהיט די בירגערשאַפט פון פּססר, פאַרהיט דאָס קינד די בירגערשאַפט פון פּססר.

ארטיקל 23. דאָס באַקומען דורך די קינדער בירגערשאַפט פון פּססר אין פאַל, ווען זיי ווערן אַדאָפּטירט

א קינד, וואָס איז אַן אויסלענדישער בירגער אָדער א פּערזאָן אָן בירגערשאַפט, ווען עס ווערט אַדאָפּטירט דורך בירגער פון פּססר, ווערט א בירגער פון פּססר.

א קינד, וואָס איז אַן אויסלענדישער בירגער, ווען עס ווערט אַדאָפּטירט דורך א פּאָרפּאָלק, וואָס איינער פון זיי איז א בירגער פון פּססר, און דער צווייטער — א פּערזאָן אָן בירגער־שאַפט, ווערט א בירגער פון פּססר.

א קינד, וואָס איז א פּערזאָן אָן בירגערשאַפט, ווען עס ווערט אַדאָפּטירט דורך א פּאָר־פּאָלק, וואָס איינער פון זיי איז א בירגער פון פּססר, ווערט א בירגער פון פּססר.

א קינד, וואָס איז אַן אויסלענדישער בירגער, ווען עס ווערט אַדאָפּטירט דורך א פּאָרפּאָלק, וואָס איינער פון זיי איז א בירגער פון פּססר, דער צווייטער — אַן אויסלענדישער בירגער, ווערט א בירגער פון פּססר לויט א פאַרשטענדיקונג פון די אַדאָפּטירער.

ארטיקל 24. דאָס פאַרהיטן דורך די קינדער די בירגערשאַפט פון פּססר, ווען זיי ווערן אַדאָפּטירט

א קינד, וואָס איז א בירגער פון פּססר, ווען עס ווערט אַדאָפּטירט דורך אויסלענדישע בירגער אָדער אַדאָפּטירט דורך א פּאָרפּאָלק, וואָס איינער פון זיי איז א בירגער פון פּססר, און דער צווייטער — אַן אויסלענדישער בירגער, פאַרהיט די בירגערשאַפט פון פּססר. לויט דער

הישטאַדלעס פון די אַדאָפּטירער קאָן דער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסקר דער־לויבן אַזאַ קינד אַרויסטרעטן פון דער בירגערשאַפט פון פּסקר.

א קינד, וואָס איז אַ בירגער פון פּסקר, ווען עס ווערט אַדאָפּטירט דורך פּערזאָנען אָן בירגערשאַפט, אָדער עס ווערט אַדאָפּטירט דורך אַ פּאַרפּאָלק, וואָס איינער פון זיי איז אַ בירגער פון פּסקר און דער צווייטער — אַ פּערזאָן אָן בירגערשאַפט, פאַרהיט די בירגערשאַפט פון פּסקר.

ארטיקל 25. די נייטיקייט פון אַ האַסקאָמע פון די קינדער באַם ענדערן זייער בירגער־שאַפט.

אין ענדערונג אין דער בירגערשאַפט פון קינדער אינעם עלטער פון 14 ביז 18 יאָר אין פאַל, ווען עס האָט זיך געענדערט די בירגערשאַפט פון זייערע עלטערן, ווי אויך אין פאַל פון אַדאָפּטאַציע, קאָן פּאַרקומען בלויז מיטן העסקעם פון די קינדער, וואָס איז אויסגעדריקט אין אַ שריפטלעכער פאָרם.

## V. דאָס באַטראַכטן מעלדונגען און רעקאָמענדאַציעס מיקויעך בירגערשאַפט־פּראַגן

ארטיקל 26. די אָרגאַנען, וועלכע נעמען אָן באַשלוסן מיקויעך פּראַגן פון סאָוועטי־שער בירגערשאַפט

דער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסקר נעמט אָן באַשלוסן:

מיקויעך מעלדונגען וועגן אָנעמען אין דער בירגערשאַפט פון פּסקר אויסלענדישע ביר־גער און פּערזאָנען אָן בירגערשאַפט, וועלכע וווינען אין אויסלאַנד;

מיקויעך מעלדונגען וועגן אָנעמען אין דער בירגערשאַפט פון פּסקר אויסלענדישע ביר־גער און פּערזאָנען אָן בירגערשאַפט, וועלכע וווינען אין פּסקר, אויב בענגייע זייער בירגער־שאַפט זײַנען פריִער אָנגענומען געוואָרן באַשלוסן פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסקר;

מיקויעך מעלדונגען וועגן אופשטעלן אין דער בירגערשאַפט פון פּסקר, וועגן אַרויסטרעטן פון דער בירגערשאַפט פון פּסקר, ווי אויך מיקויעך רעקאָמענדאַציעס וועגן אָפּנעמען די ביר־גערשאַפט פון פּסקר;

מיקויעך אַנדערע מעלדונגען וועגן פּראַגן פון דער סאָוועטישער בירגערשאַפט, וועלכע זײַנען אָנגענומען געוואָרן דורכן פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסקר צום באַטראַכטן.

באַשלוסן מיקויעך מעלדונגען וועגן אָנעמען אין דער בירגערשאַפט פון אַ פּאַרבאַנדישער רעפּובליק און דערמיט גופע אין דער בירגערשאַפט פון פּסקר אויסלענדישע בירגער און פּערזאָנען אָן בירגערשאַפט, וועלכע האָבן אַ שטענדיק וווין־אָרט אויף דער טעריטאָריע פון דער פּאַרבאַנדישער רעפּובליק, ווערן אָנגענומען דורכן פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון דער פּאַרבאַנדישער רעפּובליק.

מיקויעך די פּראַגן וועגן ענדערן די בירגערשאַפט גיט אַרויס דער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסקר אָדער דער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון דער פּאַרבאַנ־דישער רעפּובליק אוקאַז, און באַם אָפּוואַרפן הישטאַדלעסן מיקויעך די בירגערשאַפט־פּראַגן — נעמט ער אָן באַשטימונגען.

די ענדערונגען אין דער בירגערשאַפט ווערן גילטיק אינעם טאָג, ווען עס איז אַרויסגע־געבן געוואָרן דער אוקאַז פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסקר אָדער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון דער פּאַרבאַנדישער רעפּובליק, אויב אינעם אוקאַז איז ניט אײַנ־געשטעלט קיין אַנדער דאַטע.

ארטיקל 27. מעלדונגען מיקויעך בירגערשאַפט־פּראַגן

מעלדונגען מיקויעך פּראַגן פון בירגערשאַפט פון פּסקר ווערן דערלאַנגט אַנטשפּרעכיק אַפן נאָמען פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסקר אָדער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון דער פּאַרבאַנדישער רעפּובליק.

פּערזאָנען, וועלכע וווינען אין אויסלאַנד, דערלאַנגען מעלדונגען דורך די דיפּלאָמאַטישע אָדער קאָנסולאַטישע פאָרשטייער פון פּסקר.

מעלדונגען מיקויעך די פראגן פון בירגערשאפט מיצאד פערזאָנען, וועלכע זײַנען נאָך ניט אלט קיין 18 יאָר, ווערן דערלאַנגט דורך זייערע געזעצלעכע פאָרשטייער.

ארטיקל 28. די אָרדענונג פון באַטראַכטן מעלדונגען און רעקאָמענדאַציעס מיקויעך ביר־גערשאַפט־פראַגן

די אָרדענונג פון באַטראַכטן מעלדונגען און רעקאָמענדאַציעס מיקויעך בירגערשאַפט־פראַגן, פון צוגרייטן און אויספורעמען די מאַטעריאַלן מיקויעך די דאָזיקע פראַגן, ווי אויך וועגן פעסטשטעלן די אָנגעהעריקייט צו דער בירגערשאַפט פון פססר שטעלט איַין דער פּרעזי־דיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר, און מיקויעך די פראַגן פון בירגערשאַפט, וועלכע באַ־לאַנגען צו דער קאָמפּעטענץ פון א פאַרבאַנדישער רעפּובליק,— דער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון דער פאַרבאַנדישער רעפּובליק.

## VI. צווישנפעלקערלעכע אָפּמאַכן

ארטיקל 29. דאָס אָנווענדן די צווישנפעלקערלעכע אָפּמאַכן

אויב אין א צווישנפעלקערלעכן אָפּמאַך, אין וועלכן עס באַטייליקט זיך פססר, זײַנען אײַנגעשטעלט אַנדערע קלאַלים, איידער די, וועלכע זײַנען פאַראַן אין דעם דאָזיקן געזעץ, ווערן אָנגעווענדט די קלאַלים פונעם צווישנפעלקערלעכן אָפּמאַך.

פאָרזיצער פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר
**ל. ברעזשנעוו**
סעקרעטאַר פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר
**מ. געאָרגאַדזע**

מאָסקווע, קרעמל, 1 דעקאַבער 1978 י.

■ ■ ■

# די פאַקטן וועגן דעם ווײַטערדיקן גורל פֿון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון סאָוועטישער בירגערשאַפֿט, זײַנען גענומען פֿון דער ערשטער האַנט

## א בילדל: צווישן „סאָכנוט” און „האיאַס”

דער אווטאָר איז א זשורנאַליסט. ער איז אָבער קיין אויסלאַנד ארויסגעפאָרן ניט אין א שעפערישער קאָמאַנדירונג לויט זײַן פאַך, ניין — ער איז אָפּגענאַרט געוואָרן דורך דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. איצט דערציילט ער, וואָס עס איז מיט אים געשען.

„דאָס אַלץ, וואָס מיט מיר איז געשען אין יענע טראַגישע טעג, איז, דוכט מיר, א פּינצטערער כאָלעם. ליידער אָבער איז עס געווען אַף דער וואָר.

אַפֿן ווינער וואָקזאַל האָב איך זיך געזעגנט מיט מײַן אַלטן פרײַנט לעאָניד כיל. ער איז דאָ געווען מיטן גאַנצן געזינד און מיט אַלע שטורעמדיקע בעבעכעס. כיל האָט געהערט צו די מענטשן, וועלכע טראָגן אַלץ אריבער שטיל, שווײַגנדיק, האַלטנדיק די עמאָציעס אין זיך. ער איז לויטן פאַך א בלעכער, צוואַנציק יאָר אָפּגעאַרבעט בא בלעכערײַ אין א מינסקער קאָמבינאַט. צווישן די עמיגראַנטן איז ער ארײַנגעפאַלן איבער א ברודער, וואָס וווינט שוין פינף און צוואַנציק יאָר אין אמעריקע און האָט איצט גערופן אים מיט זײַנע היימישע צו זיך.

מײַן לאַגע איז געווען ניט קיין פריילעכע: מיט מײַן איינציקן פרײַנט דאָ, מיט כילן, האָב איך געמוזט זיך צעשיידן, ווײַל ער מיט זײַן געזינד האָט געדאַרפט פאָרן קיין אמעריקע, און איך קיין יִשׂראָעל. אָבער פֿון מײַן גרופּע בין איך אָפּגעשטאַנען, דער אווטאָבוס פֿון „סאָכנוט” איז שוין אוועקגעפאָרן. צו וועמען קאָן איך זיך איצט ווענדן? דערזען מײַן צעטומלונג, האָבן די צוויי אַגענטן פֿון „האיאַס” (אמעריקאַנער קאָמיטעט אַף העלפֿן יִדישע עמיגראַנטן), וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט כילן, מיר געזאָגט, אַז הײַנטיקע נאַכט קאָן איך בלײַבן מיט כילס פאַמיליע, און מאָרגן וועט מען מיך אָפּפירן קיין שענאַו, ווו עס איז די רעזידענץ פֿון „סאָכנוט”.

ביז פאַרטאָג זײַנען מיר געבליבן וואַרטן אַפֿן וואָקזאַל. קאַיאָר האָט מען אונדזערע זאַכן ארויסגעטראָגן אין גאַס. אַפֿן פּלאַץ איז געווען שטיל און פּוסט, עס האָט געגאָסן א רעגן. צו אונדז איז צוגעגאַנגען דער פּאָליציִאַנט, וואָס איז געשטאַנען ניט ווײַט אַפֿן פּאָסט, און געפרעגט:

— איר זוכט א טאַקסי?

די מאַשין האָט אונדז געבראַכט צו א דרײַשטאָקיק הויז, וואָס האָט געהייסן „בעטינס פּאַנסיִאָנאַט”. אין דער צענטראַלער געבײַדע זײַנען שוין אַלע ערטער געווען פאַרנומען, האָט די באַלעבאָסטע בעטין אײַנגעאָרדנט אונדז אינעם „פיליִאַל” פֿונעם פּאַנסיִאָנאַט. דאָס איז א פּריוואַטע דירע פֿון צוויי צימערן מיט אַן אייוועלע און א קליינער עלעקטרישער פּליטקע.

— באַנוצן זיך מיט דער פּליטקע און מיט דער וואַנע טאָרט איר ניט, — האָט די באַלעבאָסטע בעטין מודיִע געווען. — אויב איר וועט וועלן אויסטרינקען א גלאָז קאַווע, איז אונטן אַפֿן א רעסטאָראַנדל.

פאַרשלאָפֿענע, הונגעריקע, האָבן מיר זיך טיי־קעף א וואַלגער געטאָן אַף די שמאָלע הילצערנע בעטן.

ווען איך האָב געעפֿנט די אויגן, איז שוין געווען האַלבער טאָג. עס האָט זיך אָבער ניט געוואָלט וועקן כילן. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז די לײַט פֿון „האיאַס” האָבן איבערגעגעבן כילס פרוי, פאַניען, א פּעקל פּאַפּירן, דאָרט מוז זײַן דער אַדרעס פֿון „האיאַס”.

אין די פּאַפּירן איז געווען אָן א שיר מאַקולאַטור: דעקלאַראַציעס, וועגווײַזערס, א גרוס

פונעם „האיאס"־אמט צו אלע, וועלכע זיַינען געקומען פון רוסלאַנד און זיַינען ענדלעך „באַפריַיט געוואָרן פונעם סאָוועטישן יאָך". געוועזן דאָרט אויך וויזיט־קאַרטלעך, און פון זיי האָב איך זיך דערוווּסט דעם אדרעס פון „האיאס".

דער „האיאס" האָט זיך געפונען אין א דריַישטאָקיק הויז. די ברייטע מירמלנע טרעפּ זיַינען געווען באדעקט מיט א טעפּיך. אפן צווייטן שטאָק האָב איך דערזען א מאסיווע טיר מיט א פענצטערל. א ציי געטאָן דאָס הענטל פונעם מעכאנישן גלעקל, האָב איך געוואָלט עפענען די טיר, אָבער זי האָט זיך ניט געעפנט, אין פענצטערל האָט א שיַין געטאָן און ווידער זיך פאַרלאָשן אן „אייגל". עמעצער האָט אַף א געבראָכענעם רוסיש געפאָדערט דאָקומענטן. איך האָב דערלאַנגט די סאָוועטישע אַרויספאָר־וויזע. אינעם גרויסן האָל זיַינען געזעסן א צענדליק עלטערע אוילים.

דער סעקרעטאר (ער איז, אַפּאָנעם, געווען איינציַיטיק אויך א וואכטיאָר) האָט מיר אופגעקלערט, וויַאזוי איך קאָן פאָרן קיין שענאו און וואָס איך זאָל טאָן, אויב מע וועט מיך הײַנט אהין ניט אריַינלאָזן. אינמיטן די רייד האָט זיך צעקלונגען דאָס גלעקל. אין האָל איז אריַין אן אָפּגעריסענער־אָפּגעשליסענער ייִד, א געלער. דער סעקרעטאר־וואכטיאָר האָט דורכגעקוקט זיַינע דאָקומענטן און מיטאמאָל אויסגעדרייט אים א האנט הינטער דער פּלייצע, א שטויס געטאָן מיטן פוס די טיר און אַרויסגעשליַידערט אים אַף די טרעפּ. ס'האָט מיך באשלאָגן א קאַלטער שווייס, ווען ער איז צוגעגאנגען צו מיר:

— יונגערמאַן, איר קליַיבט זיך פאָרן קיין ייִסראָעל?

איך האָב א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף יאָ.

— צי ווייסט איר, וועמען איך האָב איצט אַרויסגעשליַידערט אַף די טרעפּ?

— פונוואנען זאָל איך וויסן?

— אָט דער געלער איז אנטלאָפן פון ייִסראָעל. ביז איצט פלעגן מיר אזעלכע געבן הילף, זיי זאָלן אַריבערפאָרן קיין אמעריקע, נאָר איצט פאָלגן מיר דעם „סאָכנוט" און טריַיבן זיי אַרויס. קיין אמעריקע דאַרף מען פאַרקערעווען גליַיך פון אָנהייב...

אָנצינדנדיק זיך פון קאַס, האָט ער צוגעגעבן:

— אלע לויפן פון ייִסראָעל... אלע רוסישע ייִדן זיַינען קאָמוניסטן! געבילדעטע זיַינען זיי! דאָלארן מיט ריינער ארבעט גיב זיי!

ער האָט אויסגעשטרעקט צו מיר זיַין וויַיזפינגער און מיט צאָרן פאַרענדיקט:

— איַיך געפעלן ניט די זאמדן פון ייִסראָעל, איז פייגערט דאָ! קיין וועג צוריק קיין רוסלאַנד איז ניטאָ! ניטאָ פאר איַיך קיין אויסוואַל!

אפן גאס איז די פינצטערניש פונעם הארבסטיקן ביין־האשמאָשעס געוואָרן געדיכטער, עס האָט געזיפּט א קאַלט רעגנדל. איך האָב זיך צוגעזעצט אַף א נאסער באנק, פאַרמאכט די אויגן און אונטערגעשטעלט דאָס פּאָנעם אונטער די דערפרישנדיקע רעגן־טראָפּנס.

עמעצנס האנט האָט אָנגערירט מיַין אקסל:

— עפּשער ווען מיר אריַינגיין ערגעץ זיך אָנוואַרעמען? ווו איז דאָ פאראן א דאך איבערן קאָפּ?

דאָס איז געווען דער געלער ייִד. איך האָב מיטאמאָל דערפילט, אז די שיך נעצן דורך און אין די פיס איז קאַלט. נאָר אָנהייבן א שמועס מיט אָט דעם מענטשן האָט זיך מיר ניט געגלוסט. איך האָב זיך אופגעהויבן פון דער באַנק און, שווער טאָפּטשענדיק אין די לוזשעס, זיך אוועקגעשלעפּט צום טראַמוויַי־אָפּשטעל.

איך ווייס אליין ניט פאַרוואָס, נאָר אָפּגעגאנגען א פופצן מעטער, האָב איך זיך אומגעקוקט אהינטער. דער געלער ייִד איז געשטאנען אַף דעם זעלבן אָרט, ווו איך האָב אים איבערגעלאָזט, און אין די ליכטיקע פענצטער פון דער גאס האָט, ווי געוויינלעך, געפלאָסן א לעבן, א רויִקס אָדער אן אומרויִקס, אָבער אין דער וואַרעם, אונטער א דאך, אין דער אייגענער היים.

פאַקטיש האָב איך קיין שום געמיינזאמס מיט אָט דעם מענטשן ניט געהאט. ער האָט זיך געריסן אַף צוריק, קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, און מיר איז פאַרגעשטאנען א וועג קיין ייִסראָעל. נאָר ער האָט, ווי א בייזער נאָווי, מיט זיַין גאנצן אויסזען מאַמעש פאַרויסגעזאָגט מיר, אז ניט נאָר דער אָנהייב פון מיַין נייַעם לעבנסוועג איז א שלימאזלדיקער, נאָר אויך דער סאָף וועט זיַין ניט בעסער. עס האָט מיר א ריס געטאָן אין הארצן: און טאָמער וועל איך טאקע האָבן זיַין סאָף? בררר!..

דער אווטאָר פון אָט דעם רעפּאָרטאזש ג. רובענשטיק האָט זיך ניט אומגעקערט אהיים — ניט אַף מאָרגן, ניט אַף איבערמאָרגן... ער איז ווי א וואָגלער אויסגעוועזן אין איטאליע, עסטריַיך, אין אמעריקע... פאר זיַינע אויגן האָבן זיך דורכגעטראָגן לענדער, שטעט, גאסן... אָבער פון די געענדערטע אדרעסן האָט זיַין לעבן זיך ניט געענדערט. ער האָט געוואשן פענצטער, געפעס, געווען אויך א מאליער, א שאָפער פון א טאקסי. ער האָט געפילט אַף זיך דעם גאנצן שעקער פון די ציִעניסטישע ווערבירער.

„פאר א מענטשן, וואָס איז דערצויגן גאָר אין אן אנדער וועלט, — שריַיבט ג. רובענטשיק אין זיַין בריוו, — פאר א מענטשן, בא וועמען אזעלכע ווערטער, ווי ווירדע, ערע, מענטשן־ליבע, זיַינען ניט קיין פּוסטע קלאנגען, נאָר וויכטיקע, טיפע באַגריפן, איז די מאָראל פון דער בורזשואזער וועלט אומנאטירלעך".

(„סאָוועטסקאיא בעלאָרוסיא", מינסק)

# ליידן און האָפֿענונגען

אָט וואָס עס האָבן דערציילט דאָס פּאָרפּאָלק קרייס און א. יאַנקעלעוויטש, וועמען עס האָט אָפּגעגליקט זיך אומקערן צוריק אין זייער היימשטאָט טשערנאָוויץ.

ל. קרייס, א שאָפער פון דער טשערנאָוויצער אויטאָמאָביל־אונטערנעמונג 25021:

— צוויי טאָן באַגאַזש האָבן מיר מיטגענומען, ווען מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל. א טעלעוויזאָר, א וואַש־מאַשין, טעפּיכער, קורץ — אַלץ, וואָס מע האָט געקאָנט מיטנעמען. דערפון האָט מען, אַגעוו, געקאָנט זען דעם מאַטעריעלן לעבנס־ניוואָ פון אַן אַרבעטס־מענטש אין סאָוועטנפאַרבאַנד. וואָס האָבן מיר געבראַכט פון דער מעדינע? צוויי קאָלדרעס און צוויי קישנס אין א קאַרטאָן־שאַכטל, וואָס איז אונדז פאַרבליבן פונעם אין אײַלעניש פאַרקויפטן טעלעוויזאָר.

מיר זײַנען געקומען נאַקעט־הויל. אָבער איך קלאָג זיך ניט. עס זײַנען נאָר א שאָד די צוויי אומזיסט געפּאַטערטע יאָר, וועלכע מיר האָבן, אין טאָך, אַליין אַוועקגעגאַנוועט בא זיך און בא אונדזערע קינדער.

ק. קרייס, א מעדיצין־שוועסטער:

— דער דאָזיקער געדאַנק ברענט ביז איצט, ווי מיט א פײַער. איך דערמאָן זיך די מאַטערנישן אין עמיגראַציע: פון די ערשטע טריט אינעם אַעראָפּאָרט לאָד, וווּהין מיר זײַנען געקומען צו פליִען, און ביז דער פּאָרט־שטאָט כײַפע, ווּ מיר האָבן זיך אויסגעמאַטערט, זוכנדיק א דירע און אַרבעט, — אומעטום האָט אונדז געפּײַניקט די בענקשאַפט, די נאָסטאַלגיע נאָכן היימלאַנד, וואָס מיר האָבן אַזוי אומבאַטראַכט פאַרלאָזט. דער עלטערער זון האָט שוין ניט געלערנט, ער האָט געדאַרפט פאַרדינען אַפן שטיקל ברויט, דער ייִנגערער, מיכל, האָט פּאַקטיש שוין אויך ניט באַזוכט די שול — די איוורית־שפּראַך איז ניט אַזוי פּאָשעט אײַנצובײַסן, און זי איז דאָך די מעלוכע־שפּראַך פון ייִסראָעל. עס איז ניט מעגלעך איבערצוגעבן, ווי ביטער עס איז געווען אַפן האַרצן! מיר זײַנען אָן א גרענעץ דאַנקבאַר די מענטשן, וועלכע האָבן אונדז פאַרשטאַנען און געהאָלפן זיך אומקערן.

א. יאַנקעלעוויטש, אַן אָפּעראַטאָר אין דער מעבל־פאַבריק פון דער פאַרייניקונג „טשערנאָוויצליעס":

— איך וועל דערציילן, וויפל אונדז איז אויסגעקומען איבערצולעבן, וויפל שטרויכל־שטיינער מיר האָבן געמוזט בײַקומען, קעדיי ווידער דערפילן זיך צווישן לאַנדסלײַט. איך האָב באַקומען א בריוו פון דער שוועסטער אין ייִסראָעל. „מיר וואַרטן אַף אײַך", — שרײַבט זי. און אָט זײַנען מיר געקומען צו פאָרן. אַרומגעקוקט זיך ווי געהעריק, ערשט איך זע: ס'איז גאָר אַן אַנדער בילד. סאַכאַקל דרײַ כאַדאָשים בין איך דאָרט אָפּגעווען און באַשלאָסן צו לויפן וווּהין די אויגן טראָגן.

איך האָב זיך א וואָרף געטאָן אַהער־אַהין, אָבער די כוואַליעס שלעפּן צום גרונט, ווי א שטיין אַפן האַלדז. אָנגעהויבן פון דער אימיגראַציע־ביוראָ, האַלט מען אין איין דערמאָנען וועגן די כוואַליעס: פאַר די קאָלעראַליי הילפס־אַרבעטן, פאַר די שטײַערן. אַפילע די לײַבלעכע שוועסטער, וואָס האָט אַזוי געגאַרט צו „פאַרייניקן זיך", האָט בא מיר געמאָנט פאַר איר הילף 6.000 פונט. ווּ זאָל איך נעמען אַזאַ סומע? גוט, איך וועל דערציילן וועגן נאָך עפּעס. פּאַר די דרײַ כאַדאָשים האָב איך זעקס מאָל געביטן דאָס אַרבעטס־אָרט, ריכטיקער, מע האָט מיך אַרומגעוואָרפן פון איין אָרט אַפן צווייטן. א וואָך צײַט האָב איך זיך געהאַלטן אַף איין טריקאָטאַזש־פאַבריק, דרײַ טעג — אַף א צווייטער. דער סאַכאַקל איז איינער: פּראָפעסיאָנעל טויג איך ניט... הערט זיך נאָר אײַן: איך, א מענטש, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט אַכט און צוואַנציק יאָר בא טריקאָטאַזש, טויג ניט! נו, טראַכט איך מיר: זײַט מיר געזונט, און דו, מײַן טײַערסטע שוועסטערקע... און אָט האָב איך אין איינעם א בעזמעס שיינעם פאַר מיר טאָג אומגעקערט זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַף שטענדיק. אָט אַזוי איז, ווי איר זעט, אַלץ געשען...

א פּאָר ווערטער וועגן דער פראַגע אין אַלגעמיין גענומען. אין ייִסראָעל ווערט שוין א סאַך יאָרן געפירט א ברייטע קאַמפּאַניע פאַר „אָנשטעכן ווערעמלעך אַף די וועגטקעס", דעריקער אַף דער טעריטאָריע פון די סאָציאַליסטישע לענדער. אין דעם איניען אַרבעטן גאַנצע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ספּעציאַליזירן זיך אינעם צונויפשטעלן פאַלסיפיצירטע בריוו מיט האַרצרײַסנדיקע ביטעס צו „פאַרייניקן זיך מיט די מישפּאָכעס". פאַר יעדן איינעם, וואָס לאָזט זיך פאַנגען אַף דער וועגטקע, צאָלט מען אויס די אָרגאַניזאַטאָרן פון 200 ביז 300 פונט (אָפּהענגיק פון דעם, וואָס פאַר א „פיירע" עס איז דער אוילע). דער עקספּערימענט מיט אַריבערפירן מאַסנווײַז די ייִדן פון די קאַנטן, ווּ זיי און זייערע טאַטעס און זיידעס זײַנען געבוירן געוואָרן און געוואַקסן, גיט אָבער ווייניק עפעקט. צווישן אַנדערס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין ייִסראָעל, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, ווּ עס געוועלטיקט דער קאַפּיטאַל, הערשט קאָרופּציע, און קעדיי לעבן, מוז מען גוט אָן אַרבעט טאָן מיט די עלנבויגנס, דורכשטופּן זיך, ווי עס באַפוילן די וואָלפישע געזעצן.

דערפאַר טאַקע לויפן פון ייִסראָעל טויזנטער און טויזנטער נעכטיקע אוילים. און וויפל פאַרפירטע, אָפּגענאַרטע זײַנען געבליבן שטעקן אין די כורוועס פון די אייראָפּעיִשע הויפּטשטעט. אין ווין, ניט ווײַט פון פּאַנצאַמאַניגענגאַסען, קאָן מען א גאַנצע נאַכט זען בא זײַן „שטעלע" אַן אַלטן שוימער. דאָס איז א ייִד מיט אַן אָדישקע. ער אַרבעט אַזוי אין די נעכט, קעדיי פאַרדינען אַף באַצאָלן פאַר זײַן געדונגען קעמערל. ער וועט זיך ניט צוזעצן, אַפילע ניט אָפּשטעלן זיך אַף א רעגע — א קונציקע רעכענונג־מאַשינקע איז אײַנמאָנטירט אין זײַן אוניפאָרם, און די

געציילטע שילינגען, וועלכע ער פאַרדינט, זײַנען די פּרײַז פאַר זײַנע פאַרקויפטע פיס, וועלכע ווערן וואָס ווײַטער אַלץ מער געשוואָלן פונעם צופיל גיין. טויט טאַקע ווי דאָס האַרץ פאַרן געוועזענעם טשערנאָוויצער אײַנוווינער יאַ. פײַערמאַן — פאַר אַלץ, וואָס ער האָט פאַרלאָרן אין דער פרעמד, פאַר דער פרוי עסטער, וואָס איז געשטאָרבן ניט לאַנג צוריק, פאַר די לעצטע האָפענונגען צו אומקערן זיך אַהיים.

„מײַנע ליידן זײַנען ניט צו באַשרײַבן, — ווענדט ער זיך אין אַ בריוו צו די סאָוועטישע אָרגאַנען. — די ליידן וואָלטן מיר געקלעקט אַף אויסצוקויפן מײַן שולד פאַרן היימלאַנד. איך בעט איינס — איך וויל שטאַרבן אין דער היים, ניט אין אַ פרעמד לאַנד“.

י. סקרוטען
(„ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ“, קיִעוו)

## דער וועג אַף צוריק איז פאַרמאַכט

אַף די טעלעוויזיע־עקראַנען איז באַוויזן אַ געוויינלעכער אַרבעטסטאָג אין ריגער „אָוויר“. אַן אַלטע ייִדישע פרוי בעט זיך בײַ איינעם פון די מיטאַרבעטער, ער זאָל העלפן איר זון, יאַנקעוו כאַנעליסן, אומקערן זיך אַהיים. ער האָט שוין אויסגעלעבט ביזן דעק דעם בעכער מיט שמוציקן קאָקטייל, וועלכן עס האָבן פאַר אים צוגעגרייט די סאַרווערס פונעם אויסגעטראַכטן „גאַניידן אַף דער וועלט“, אָבער אַנשטאָט אַ גאַניידן האָט ער געהאַט אין יִסראָעל פינצטערע ליידן, ווי אין געהענעם. זײַנע מענטשלעכע רעכט און פרײַהײַטן, צו וועלכע ער איז דאָס גאַנצע לעבן געווען צוגעוווינט, ווי צו אַ נאַטירלעכער זאַך, האָט מען דאָרט צעטראָטן מיט די פיס.

יאַנקעוו כאַנעליס האָט אַ קערעווע געטאָן דעם דישל און זיך אַוועקגעלאָזט קיין מײַרעוודײַטשלאַנד, פון דאָרט קיין אַמעריקע, אָבער אומעטום האָט ער געטראָפן דאָס זעלבע. קיינעם איז ניט אָנגעגאַנגען דאָס לעבן און דער גורל פון אַ וואַנדערנדיקן וויסנשאַפט־מאַן (אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט ער באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פון וויסנשאַפטן). ער האָט זיך אומגעקערט קיין יִסראָעל און... פאַרגרעסערט די אַרמיי פון די דאָרטיקע אַרבעטסלאָזע, וועמענס איינציקע לעבנס־קוואַל איז די קיצווע. דעמלט האָבן זיך ענדגילטיק געעפנט זײַנע אויגן, ער האָט דערזען די צוויעס און פאַלשקײַט פון די ווערבירער. האָט ער אָנגעהויבן פאַרשיטן מיט בריוו זײַן אַלטע מאַמע, זי זאָל זיך פאַר אים מישטאַדל זײַן וועגן אַ דערלויבעניש אומצוקערן זיך אַהיים (כאָטש דעמלט, ווען ער האָט זיך געקליבן אַרויספאָרן אין דער „פרײַער וועלט“, האָט די מאַמע זײַנע געגאָסן טרערן, ער זאָל זי ניט איבערלאָזן אַף דער עלטער אַליין). איצט וויינט זי פאַר די מיטאַרבעטער פון „אָוויר“ און בעט, מע זאָל דערלויבן איר זון אומקערן זיך קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. אָבער ער, איר זון, איז צו שפּעט געקומען צום סייכל...

די מיטאַרבעטער פון „אָוויר“ דערמאָנען דער אַלטער פרוי, אַז יעדער איינער, וואָס קומט נאָך אַ וויזע צו פאַרלאָזן לויט זײַן אייגענעם ווילן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, ווערט געוואָרנט, אַז „דער וועג אַף צוריק וועט זײַן פאַרמאַכט“. נאָר יענע, וועלכע האָבן זיך אָנגעהערט מיט די באַבעמײַסעס פון דער טעל־אָוויווער ראַדיאָ, פלעגן שאָקלען צעשטרייט מיט די קעפּ: „יאָ, יאָ, מיר ווייסן, מיר ווייסן“. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דעם עמעס האָבן זיי זיך דערוווּסט ערשט דעמלט, ווען זיי האָבן אַלץ דערזען מיט די אייגענע אויגן.

דער געוועזענער דאָקטער און איצט סאַניטאַר אין איינעם אַן אַמעריקאַנער שפּיטאָל י. מאַכנאָוועצקי שרײַבט אין דער צײַטונג „רוסקי גאָלאָס“: „אין סאָוועטנפאַרבאַנד בין איך געווען אַ פולבאַרעכטיקטער בירגער... איך האָב גענאָסן פון אַלע רעכט, וועלכע יעדער סאָוועטישער בירגער גענויסט לויט דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע. דאָ אין אַמעריקע האָב איך דערפילט מיט מײַן גאַנצן וועזן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די „פרײַע וועלט“: ביסט אַ דאָקטער, איז גיי אַרבעטן אַלס אַ סאַניטאַר. ביסט אַן אינזשעניר, נעם אָן אַ שטעלע פון אַ וועכטער. געפעלט דיר ניט, איז לעב פון קיצווע“.

אַפן טעלעוויזיע־עקראַן זעט זיך אַ וויטרינע פון אַ קרעמל, ווו מע פאַרקויפט אָפּגענוצטע בגדים. אַלע טאָג, פון פינצטער ביז פינצטער, שטייט באַם קראָם־טיש דער פאַרקויפער קאַץ. געקומען אַהער איז ער פון אָדעס. ער איז אַ דיפּלאָמירטער אינזשעניר. נאָר איצט מעג ער זיך פילן „גליקלעך“, ווײַל ווערן אַ פאַרקויפער אין אַ קרעמל, וואָס געפינט זיך לעבן פּאָרט, האָט זיך אים אײַנגעגעבן ערשט נאָך דרײַ יאָר מאַטערנישן און אַרבעטסלאָזיקייט. שמועסנדיק מיט סאָוועטישע טוריסטן, האָט ער געזאָגט: „איך וואָלט אַוועקגעגעבן צען יאָר פון מײַן לעבן, אַבי אומקערן זיך אין דער אַלטער היים“. אָבער...

— דער וועג אַף צוריק איז פאַרמאַכט.

אַ מיטאַרבעטער פון „אָוויר“ ענטפערט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער טעלעוויזיע אַף זײַנער אַ פראַגע, אַז בײַ אונדז אין לאַנד פאַרהאַלט קיינער ניט אַ מענטשן, וואָס האָט באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פון זײַן סאָוועטישער בירגערשאַפט. מיר רעכענען זיך שטרענג מיט די צווישנפעלקערלעכע נאָרמעס. אײנצײַטיק דערצו מיט וואָרענען מיר יעדן איינעם, ווער עס האָט באַשלאָסן צו ווערן אַן עמיגראַנט: „טוט אַ טראַכט נאָכאַמאָל, איידער איר באַשליסט“... אַ סאַך מענטשן זאָגן זיך אָפּ אָנצונעמען די אַרויספאָר־וויזע, כאָטש זי איז שוין אונטערגעשריבן. אָבער אַנדערע... נעמען זי אָן און פאָרן אַוועק.

אַזעלכע קלײַבן אַליין אויס פאַר זיך אַ וועג פון מאַטערנישן און פּײַן. גאָר איניקע האָבן זיי כאַראַטע, אָבער...

— דער וועג אַף צוריק איז פאַרמאַכט...

ג. וועטראַטשענקאָוו
(„זנאַמיאַ קאָמוניזמאַ“, אָדעס)

# „אָטקאַזניקעס"[1]

ס'איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס באַם לייזן די פּראַגע וועגן דערלויבן אַ בירגער אַרויסצופֿאָרן קיין אויסלאַנד און באַזעצן זיך דאָרט אויף שטענדיק, לאָזן ניט אַרויס די סאָוועטישע אָרגאַנען פֿון אויג די אינטערעסן פֿון לאַנדשוץ. אויב דער מענטש, וואָס דערלאַנגט אַזאַ מעלדונג, באַזיצט אַ געוויסע אינפֿאָרמאַציע (מיליטערישע, מיליטעריש־אינדוסטריעלע און אַנדערע), וועלכע שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ מעלוכע־סאָד, קאָן ער ניט אין משך פֿון אַ געוויסן טערמין באַקומען די דערלויבעניש אַרויסצופֿאָרן. אַזאַ קלאַל איז פֿאָרויסגעזען אין די געזעצן פֿון יעדן לאַנד און, כוץ דעם, אינעם שלוס־אַקט פֿון דער העלסינקער באַראַטונג, אויף וועלכער עס פֿאַרופֿן זיך אָפֿט אונדזערע אויסלענדישע אידעאָלאָגישע קעגנער. דער אָפּזאָג איז, געוויינלעך, ניט קיין ענדגילטיקער. עס גייט אַריבער אַ געוויסע צײַט, און דער „אָטקאַזניק" באַקומט אַ דערלויבעניש.

די אויסלענדישע „באַשיצער" פֿון די סאָוועטישע ייִדן באַמערקן צוליב עפּעס נאָר די ווייניקע אין צאָל „אָטקאַזניקעס". פֿאַראַן אַ טרויעריקע לאָגיק אין דעם פֿאַקט, וואָס זיי זעען פּאַשעט ניט די העכער צוויי מיליאָן ייִדן, וועלכע טראַכטן אַפֿילע ניט וועגן אַרויספֿאָרן פֿונעם לאַנד.

און ס'איז פֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס. די מאַסן־עמיגראַציע פֿון די סאָוועטישע ייִדן, וועגן וועלכער עס האָבן געטרוימט די ציִעניסטן און זייערע אַלטע פֿאַרבינדעטע — די שוואַרצמייעניקעס, איז דורכגעפֿאַלן. באַזונדערט אַרט די אַנטיסאָוועטישע סטראַטעגן דאָס, וואָס די עמיגראַציע האָט ניט אָנגענומען, ווי עס האָט זיך זיי געוואָלט, דעם כאַראַקטער פֿון אַ פּאָליטישער דערשײַנונג.

מיילע, ניט איז ניט, די ציִעניסטן און די אַנדערע אומפֿרײַנט אונדזערע באַנוגענען זיך, לעס־ברײַרע, מיט אַ קליינעם פֿאַנג. דערפֿאַר אָבער פּרוּוון זיי אויפֿהייבן אַ טומל אַרום די „אָטקאַזניקעס".

עס האָבן זיך שוין באַוויזן „רעדלפֿירער" און „פֿירער" פֿון דער „אָטקאַזניקעס־באַוועגונג", וועמענס האַנדלונגען מיר זעען אין דער גאַנצער שמוציקער נאַקעטקײַט, און אויף וועלכע די ווײַט גרעסטע מערהײַט סאָוועטישע ייִדן קוקט מיט עקל.

אָט איז איינער פֿון די קעשענעווער „אָטקאַזניקעס". זײַן נאָמען איז מאַרק, די פֿאַמיליע — אבראַמאָוויטש. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ווען מע איז אַן „אָטקאַזניק", קאָן מען ביכלאַל ניט אַרבעטן — מיט געלט אויף דער הוצאָע באַזאָרגן די אַמעריקאַנער ציִעניסטן. אבראַמאָוויטש האָט פֿאַרשטאַנען צו קאָנצענטרירן אין זײַנע הענט די פּאָטשט־פּעקלעך, וועלכע קומען אָן פֿון אויסלאַנד, און דערמיט איז ער געוואָרן דער באַלעבאָס און מוישל איבער יענע אַלע, וואָס קלײַבן זיך פֿאָרן קיין ייִסראָעל. ער האָט געהאַט די מעגלעכקײַט צו צעטיילן די פּאָטשט־פּעקלעך ווי אים האָט זיך געגלוסט. אָבער זײַן זאַט לעבן, זײַן מעמשאָלע האָט ער פֿון מענטשן אויסבאַהאַלטן, — ווען צו אים פֿלעגן קומען פֿון אויסלאַנד קלוימערשטע טוריסטן, פֿאַקטיש ציִעניסטישע שליכים, פֿלעגט ער זיך אָנטאָן קרועבלוע און דערמיט דעמאָנסטרירן זײַן „אָרעמקײַט". אין 1971 האָט ער באַקומען אַ וויזע און איז אוועקגעפֿאָרן קיין ייִסראָעל.

אַזעלכע שמוציקע מענטשלעך זײַנען צווישן די קעשענעווער „אָטקאַזניקעס" געווען ניט ווייניק. מע קאָן, לעמאָשל, אָנרופֿן איינעם אַ רוטבערג, ער איז פֿאַקטיש גאָר קיין „אָטקאַזניק" ניט געווען. געגעט זיך מיטן ווײַב, האָט ער באַדאַרפֿט האָבן געלט אויף באַצאָלן אַלימענטן (אַז מע פֿאָרט אַרויס אויף שטענדיק קיין אויסלאַנד, דאַרף מען די אַלימענטן באַצאָלן פֿאָרויס פֿאַר אַלע יאָרן), האָט ער איבערגענומען די מעמשאָלע איבער די „אָטקאַזניקעס" און אָנגעקליבן די נייטיקע סומע געלט, דערלאַנגט אַ מעלדונג אין „אָוויר" און אין צוויי וואָכן אַרום באַקומען אַן אַרויספֿאָר־וויזע. קיינער האָט אַפֿילע ניט געטראַכט פֿאַרהאַלטן אַזאַ נעפֿעש, וואָס איז, אַגעוו, די לעצטע צײַט, צוליב זײַן אַמאָראַלישער אויפֿירונג, באַפֿרײַט געוואָרן פֿון עטלעכע שטעלעס: אינעם אָרסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וווּ ער איז געווען אַ לערער פֿון פֿראַנצויזיש, אין אַ טשערנאָוויצער האָטעל (געווען אַדמיניסטראַטאָר און געפֿעלשט פֿינאַנץ־דאָקומענטן). ער האָט אַפֿילע פֿאַרעגיסטרירט זײַנע אַ פֿיקטיווע כאַסענע, קעדיי צו קאָנען שרײַבן אין דער מעלדונג וועגן אַן אַרויספֿאָר־וויזע, אַז ער פֿאָרט צו קרויווים.

אַ בעעמעס עקלהאַפֿטער פֿאַרשוין איז אַנאַטאָלי שטאַרקמאַן. אַן אינזשעניער מיט צוויי דיפּלאָמען, האָט ער פֿריִער פֿאַרנומען אַזאַ פּאָסט, איבער וועלכן מע האָט אים אַ געוויסע צײַט ניט געקאָנט געבן קיין אַרויספֿאָר־וויזע. איז ער געוואָרן אַן „אָטקאַזניק". די אויסלענדישע אומפֿרײַנט אונדזערע האָבן געפֿאַטערט ניט איין ראַדיִאָ־שאָ, קעדיי אײַנריידן נאַיִווע מענטשן, אַז די סאָוועטנמאַכט רוידעפֿט שטאַרקמאַנען: פֿון דער אַרבעט טרײַבט מען אים, קיין אַנדער אַרבעט גיט מען אים ניט. אינדערעמעסן אָבער אַרבעט ער ביז איצט אין אַ ספּעציִאַליזירטער מאָנטאַזש־פֿאַרוואַלטונג פֿון „מאָלדאָוופּלאָדאָאָוואָשטש־פּראָמסטראָי". זײַן אַרבעטסלוין באַטרעפֿט 216 רובל אַ כוידעש, מיט די פּרעמיעס — ביז 300 רובל. ער וווינט אין אַ קאָאָפּעראַטיווער דירע מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן. זײַן טאָכטער לערנט אין טיראַספּאָלער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

אינעם קאָלעקטיוו פֿון דער פֿאַרוואַלטונג, וווּ שטאַרקמאַן אַרבעט, רופֿט מען זיך אָפּ וועגן

---

[1] דאָס וואָרט „אָטקאַזניק" שטאַמט פֿונעם רוסישן וואָרט отказ — אָפּזאָג. אַזוי רופֿן זיך יענע, וועלכע מע האָט צוליב אַ געזעצלעכער סיבע צײַטווײַליק אָפּגעזאָגט אין דער ביטע אַרויסצוגעבן זיי אַ דערלויבעניש אויף אַרויספֿאָרן קיין ייִסראָעל.

אים גאָר ניט פֿײַן: ער אַרבעט שלעכט, באַציט זיך צו זײַנע פֿליכטן מיט אָפֿענעם ביטל, רעדט גראָב מיט די קאָלעגן אויף דער אַרבעט, באַליידיקט זיי. ניט בעסער פֿירט ער זיך אויף אין דער היים. די שכנים קלאָגן זיך אויף זײַן כוליגאַנישער האַנדלונג.

אַזעלכע „אָטקאַזניקעס", ווי שטאַרקמאַן, האָבן, צווישן אַנדערע צילן, נאָך אַזאַ מין: מיט זייער כוצפּעדיקער האַלטונג ווילן זיי אַרויסרופֿן בײַ דער געזעלשאַפֿט, וווּ זיי לעבן, אַ געפֿיל פֿון אַנטיסעמיטיזם, שפּרייטן צווישן די סאָוועטישע מענטשן נאַציאָנאַלע סינע, וואָס איז דערווידער דעם עצם גײַסט פֿון דער סאָוועטישער אָרדענונג, אַרויסרופֿן פֿײַנטלעכע געפֿילן צו דער סאָוועטנמאַכט אויך צווישן די אַנדערע ייִדן און דערמיט זיי שטויסן צו ווערן אוילים קיין ייִסראָעל.

וו. אַלעקסאַנדער
(„וועטשערני קישעניאָוו")

## וויאַזוי די ציִעניסטן „פֿאַרייניקן" מישפּאָכעס

אויף די אַרויסרופֿן, וועלכע קומען אָן פֿון ייִסראָעל צו סאָוועטישע ייִדן, איז אָפּגעדרוקט אַ סטאַנדאַרטער טעקסט. די קאָמפּעטענטע אָרגאַנען אין פּסר ווערן געבעטן, זיי זאָלן דערלויבן די קרויווים פֿון די אויטאָרן פֿון די צוגעלייגטע בריוו (גאַנץ אָפֿט איז דאָס אַ פֿאַלשע קרויווּעשאַפֿט) אַרויסצופֿאָרן אויף שטענדיק קיין ייִסראָעל: „איך און מײַן מישפּאָכע זײַנען מאַטעריעל גוט באַזאָרגט, און מיר פֿאַרמאָגן אַלע מיטלען אויף צו געבן די קרויווים אַלץ, וואָס זיי איז נייטיק, באַלד פֿונעם ערשטן טאָג נאָך זייער קומען צו אונדז". אַזאַ פֿילזאָגנדיקע באַוואָרעניש איז אַ טייל פֿון דער ניט אָרנטלעכער מעטאָדאָלאָגיע פֿון די ציִעניסטן, וועלכע אָרגאַניזירן די עמיגראַציע.

צו אַזאַ רוף פֿון זייערע שוועסטער, וועלכע לעבן אין ייִסראָעל, האָבן זיך צוגעהערט ביילע וואָלק און כאַנע גודקאָווע. זיי האָבן אײַנגערעדט אויך די קינדער און אוועקגעלאָזט זיך צו די קרויווים, וועלכע האָבן זיך נאָך זיי פֿאַרבענקט. אײנעם אַראָפּפֿאָרט לאָד האָט זיי אָבער קיינער ניט באַגעגנט מיט צעשפּרייטע אָרעמס. די באַאַמטע פֿונעם אימיגראַציע־אַמט האָבן זיי דערלאַנגט צום אונטערשרײַבן די קוויטלעך, אַז זיי האָבן באַקומען אין קרעדיט געלט אויף אַן אַוויאַ־בילעט פֿון ווין ביז טעל־אַוויוו און אויף אײַנאָרדענען זיך. וווּ זשע זײַנען די קרויווים, וועלכע האָבן צוגעזאָגט צו געבן אַלץ, וואָס איז נייטיק, באַלד פֿונעם ערשטן טאָג פֿון דעם לעבן אויפֿן נײַעם אָרט? זוכנדיק זיי, האָט כאַנע דערהערט פֿון די אָנגעשטעלטע פֿונעם אימיגראַציע־אַמט רייד, וועלכע האָבן אויף איר געווירקט ווי אַ קאַלטער דוש: „קיינער האָט אײַך אַהער ניט גערופֿן!". ביילע האָט יאָ געטראָפֿן זיך מיט אַ שוועסטער, אָבער זייער באַגעגעניש איז געווען ניט וואַרעמער, איידער כאַנעס שמועס מיטן אימיגראַציע־באַאַמטן. ביידע האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז זיי זײַנען אָפּגענאַרט געוואָרן. צום גליק, איז שפּעטער געשען אַ נעס: מיט גרויסע מאַטערנישן האָט זיך זיי אײַנגעגעבן אין אַ צײַט אַרום אומקערן זיך אַהיים, און זיי דערמאָנען זייער וויזיט קיין ייִסראָעל ווי אַ שרעקלעכן כאָלעם.

אין מינסקער „אָוויר" האָט מען אונדז באַוויזן פֿאַלשע אַרויסרופֿן, מיט וועלכע די סאָוועטישע בירגער איזאַבעלאַ כאָדאָס, אַרן לעדער, זײַן מוטער ראָכל, מיכאָעל דייטש מיט זײַן געזינד און אַנדערע האָבן ניט געוואָלט באַנוצן זיך. בײַ איינעם אַ פֿעטער, וואָס איז מיט פֿופֿציק יאָר צוריק אַרויסגעפֿאָרן קיין פּאַלעסטינע, האָבן זיך איצט דערוועקט די קרויווישע געפֿילן צום פּלעמעניק, און ער בעט די סאָוועטן־רעגירונג, זי זאָל העלפֿן צו פֿאַרייניקן די מישפּאָכע. די קרויווים פֿונעם פֿעטערס פֿרוי כאַלעשן צו פֿאַרייניקן זיך מיט דער מישפּאָכע פֿון זײַן פּלעמעניצע. מיכאָעל דייטש דערוויסט זיך אומגעריכט פֿונעם אַרויסרוף, אַז אין ייִסראָעל, אינעם קיבוץ „בעט אַלפֿאַ", האָט ער אַ קאָרעוו יוסף לאַכנאָ, וואָס וויל זייער זען אים בײַ זיך אין קיבוץ. דאָס אַלץ וואָלט געקלונגען קאָמיש, אָבער די, וואָס האָבן געגלייבט, אַז די פֿאַבריצירטע אַרויסרופֿן זײַנען עמעסע, האָבן שפּעטער ניט געלאַכט, נאָר געוויינט.

אַשטייגער, ס'האָט זיך געקליבן פֿאָרן קיין ייִסראָעל די מינסקער פֿרוי מ. לעוויטינאַ. אַרויסגערופֿן זי האָט אַ שוועסטער. זי וויל אָבער ניט אוועקלאָזן זיך אין וועג אַליין און פֿאָדערט, אַז צוזאַמען מיט איר זאָלן פֿאָרן ניט אַנדערש, ווי די טאָכטער, דער איידעם און די אייניקלעך. דער איידעם האַלט אָבער, אַז זײַן היימלאַנד איז דאָ, אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, און ער קלײַבט זיך אין ערגעץ ניט פֿאָרן. איז אָט, פֿון יאַנוואַר פֿאָריקן יאָר אָן געפֿינט ער זיך מאַמעש אין אַ באַלאַגערונג־צושטאַנד: די שווייגער האָט, וועלנדיק אײַנריידן דעם איידעם, צוערשט געכאַפּט אים, דערנאָך געסטראַשעט, אַז זי וועט אָפּנעמען די דירע, צעשטערן דאָס רויִקע לעבן, אָן זײַן העסקעם וועט זי אוועקפֿירן די קינדער קיין ייִסראָעל...

עס וויל ניט לאָזן זיך אין ווײַטן וועג איינער אַליין דער מינסקער אײַנוווינער לעוו בליאַכעראָוו, ער זוכט באַגלייטער און פֿאָדערט, אַז מיט אים זאָלן פֿאָרן די פּלעמעניצע אַנאַ קאָנטראָוויטש און איר מאַן. די פּלעמעניצע האָט ער אײַנגערעדט. דער מאַן אָבער האָט זיך פֿאַרעקשנט: ניין און ניין. ווידער סטראַשונקעס, שאַנטאַזש. אַנעס מאַן איז געווען געצוווּנגען זיך ווענדן צו אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען מיט דער באַקאָשע, מע זאָל אים באַשיצן פֿון די ווערבירער.

דער פֿעלערהאַפֿטער וועג פֿון איינעם לאָזט זיך אויס מיט אַן אומגליק פֿאַר זײַנע קרויווים

און נאָענטע. דאָס געזינד פון אנא קאָנטאראָוויטש איז צעפאלן געוואָרן, עס איז צעשטערט דער שאָלעם־באיִס בא מאריִא לעוויטינא. ס׳זײַנען אוועקגעפאָרן קיין ייִסראָעל די פרוי און דער זון פונעם אינזשעניער מארק פאָלעי, מארק אליין האָט נאָך שטארקע איבערלעבונגען באשלאָסן, אז אים איז לײַכטער צו פארלירן זיי, איידער דאָס היימלאנד. מ. יודקעוויטש שרײַבט צו זײַנע קינדער, ווי ביטער עס איז דאָס לעבן אין ייִסראָעל, און ער בעט, מע זאָל אים העלפן ארויסרײַסן זיך פון דאָרטן. עס דריקן אויס זייער כאראָטע און ווענדן זיך אין די סאָוועטישע אָרגאנען מיט דער ביטע צו דערלויבן זיך אומקערן אהיים ד. פרידמאן, מ. יוד. אגעוו, זײַנען פרידמאן און יוד אריבערגעפאָרן פון ייִסראָעל קיין אמעריקע, נאָר אויך אין אמעריקע פילן זיי זיך אומגליקלעך.

די ציִעניסטישע ווערבירער טראכטן ניט וועגן מענטשלעכע לײַדן, זיי טוען זייער שמוציקע ארבעט, וועלכע ווערט פינאנסירט פון אנטיסאָוועטישע פאָנדן. „די, וואָס שיקן אָן אַף אונדז ציִעניזם, — שרײַבט פון דער עמיגראציע אהיים עדוארד ווייץ, — זיצן אין אמעריקע, אין קאנאדע, מערסטנטייל מיט מיליאָניקע קאפּיטאלן אין קעשענע. עס ציט זיי ניט צו דער „הייליקער ערד”. צוליב אייגענע אינטערעסן טראכטן זיי אויס אין סאָוועטנפארבאנד א „ייִדן־פראגע” און זשאלעווען ניט קיין געלט אַף ווערבירן אוילים”.

וועגן דער פּראָבלעם צו געפינען אין ייִסראָעל ארבעט לויטן פאך דערציילן י. גאָלדבלאט, ב. וואָלק, דאָס פּאָרפּאָלק אראָן און ליליע וואָלאָדארסקי. ער — אן עלעקטריקער — קאָן ניט קריגן קיין ארבעט אין זײַן פּראָפעסיע און איז געצוווּנגען צו גיין אלס שווארצארבעטער אין א וווּרשט־פאבריק. ב. וואָלק האָט פאר גראָשנס געוואשן די דילן בא באלעבאטים. די אוילים פון סאָוועטנפארבאנד האָבן אין ייִסראָעל איין רעכט: טאָן די שווערסטע ארבעט און... שווײַגן. „אנדערש וועט דער באלעבאָס געפינען צען אנדערע אַף מײַן אָרט”, — זאָגט ביילע וואָלק. דעם טאַם פון דער קאפּיטאליסטישער עקספּלואטאציע האָבן אפן גאנצן לעבן פארגעדענקט יענע אלע, וועמען ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן פּאָטער ווערן פון דער עמיגראציע, זיי האָבן ניט געוואָלט, ווי גאָלדבלאט האָט זיך אויסגעדריקט, „זײַן קנעכט באם קאפּיטאליזם, לאקייען בא די באלעבאטים”.

„ווען די טאָכטער איז פּלוצעם קראנק געוואָרן, — דערציילט כאנע גודקאָווא, — האָב איך געמוזט ארויסרופן די גיכע הילף. די דאָקטוירים זײַנען געקומען ניט פריִער ווי אין א שאָ צוויי ארום, און ביז איך האָב ניט באצאָלט די 25 פונט, זײַנען זיי פון דער מאשין ניט ארויסגעגאנגען...”

פונקט אזא פאקט ברענגט אינעם שמועס אויך י. גאָלדבלאט.

די מענטשן, וועלכע מיר האָבן דאָ אָנגערופן, האָבן געלעבט אין ייִסראָעל פון אָנדערהאלבן כאדאָשים ביז אָנדערהאלבן יאָר. דערצויגענע אין אן אנדער אטמאָספער, זײַנען זיי דערשיטערט געוואָרן פון דער הארצלאָזער געזעלשאפט, ווו דאָס געזונט און דאָס לעבן פון א מענטשן איז אָפּהענגיק דערפון, צי ער האָט געלט, א געזעלשאפט, ווו קעסעף (געלט) איז די מאָס פון אלץ — פון קרויווישע געפילן, פרײַנטשאפט, מיטלײַד צום נאָענטן. „איך מיין, אז דאָס לעבן אין אזא געזעלשאפט איז ניט בעסער איידער אין געטאָ”, — האָט געזאָגט כ. גודקאָווא, און אזא איז די מיינונג פון דער איבערוועגנדיקער מערהײַט אוילים פון סאָוועטנפארבאנד, וועלכע זײַנען פריִער פארבלענדט געוועזן פונעם גלאנץ פון דער רעקלאמע וועגן דעם לעבן אין ייִסראָעל. „פון א סאך מענטשן אין ייִסראָעל וועסטו אָבער אזוינס ניט הערן, — וואָרנט י. גאָלדבלאט, — ווײַל זיי האָבן מוירע. זיי שווײַגן, דולדן די צאָרעס, קאָנען ניט ארויספאָרן איבער די כוועס”...

לאָמיר לייענען ווײַטער דעם בריוו פון עדוארד ווייץ. „פון אזא לעבן, ווי דאָ, אין ייִסראָעל, עקלט: איך בין גליקלעך, וואָס איר זײַט ניט געקומען צו פאָרן. בעסער פונעם סאָוועטנפארבאנד איז ניטאָ קיין לאנד אין ערגעץ... יעדערער לעבט אין דער מעדינע פאר זיך. איך קען אלץ ניט באשרײַבן, — דאָס איז א שוידער. מע בעט מיך, איך זאָל ארויסטרעטן אין ראדיִאָ פאר די סאָוועטישע צוהערער, נאָר איך טו דאָס ניט. כ׳וועל זיך קיינמאָל ניט מויכל זײַן, אויב איבער מיר וועלן מענטשן ארײַנפאלן אין דער פּאסטקע. דו געדענקסט, יאשע, יענע ייִדן, וואָס האָבן געוויינט אין טעלעוויזאָר (עס רעדט זיך וועגן דעם אינטערוויו אין טעלעוויזיע מיט סאָוועטישע ייִדן, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון ייִסראָעל. — וו. ז.). מיר האָבן זיי ניט געגלייבט. אָבער אלץ, וואָס זיי האָבן דערציילט, איז עמעס”.

דעם דאָזיקן בריוו האָט אָנגעשריבן א „מאזלדיקער” מענטש. ער האָט געהערט צום העכסטן סטאנדארט אין ייִסראָעל: געווען א מיטגליד פון דער ייִסראָעלדיקער אָלימפּישער זאמל־קאָמאנדע, מאטעריעל געווען באזאָרגט. פארוואָס זשע איז ער אזוי אנטוישט? דער ענטפער איז א פּאָשעטער. אָנטרעפנדיק אַף דער וועלט פון הארצלאָזיקן קאפּיטאליזם, אפן געיעג נאָך געלט, אַף די זײַטן פון רויבערײַ און אינדיווידואליזם, האָט ער אינערלעך דאָס אלץ ניט אָנגענומען, ס׳האָט פּראָטעסטירט אין אים דער מענטש, וואָס איז דערצויגן אין די באדינגונגען פון דער סאָוועטנמאכט. צום באדויערן, האָבן אזעלכע, ווי ער, פּאָליטיש זיך אונטערגעגעבן און ארויסגעוויזן זיך אלס „נארישע קאָרבאָנעס פון גענארערײַ און זעלבסטגענארערײַ”, ווי עס האָט געשריבן וו. אי. לענין וועגן די מענטשן, וואָס האָבן זיך ניט אויסגעלערנט „הינטער יעטווידע זיטלעכע, רעליגיִע־

זע, פּאָליטישע, סאָציאַלע פּראָזעס, דערקלערונגען, צוזאָגן אָפּצוזוכן די אינטערעסן פון די אַנדערע קלאַסן".

ו. זדאָלניקאָוו
(„סאָוועטסקאיא בעלאָרוסיא")

## באָריס מאַסיס האָט זיך צוגעהערט צו דער שטים פון די אָוועס

באָריס מאַסיס איז געווען א דאָצענט פון דער פראַנצויזישער קאַטעדרע אין סמאָלענסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, דערנאָך פּאַרוואַלטער פון דער קאַטעדרע פון אויסלענדישע שפּראַכן. אין דער מעלדונג וועגן ארויספאָרן קיין ייִסראָעל האָט ער געשריבן: „איך וויל די יאָרן, וועלכע מיר איז געבליבן צו לעבן, געפינען זיך אין לאַנד פון מײַנע אָוועס".

ווען די סטודענטן פון מאַסיסעס קאַטעדרע האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער דאָזיקער מעלדונג, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו באַזוכן זײַנע לעקציעס און געפאָדערט באַם רעקטאָר, מע זאָל זיי געבן אַן אַנדער לעקטאָר, כאָטש עס האָבן צווישן זיי ניט אויסגעפעלט אַזעלכע סטודענטן, וועלכע האָבן געהאַט א הויכע מיינונג וועגן פּראָפעסיאָנעלן ניוואָ פון די לעקציעס (מאַסיס איז געווען א גרויסער קענער פון שפּראַכן). זײַן פרוי האָט אָנגעגעבן אין געריכט א מעלדונג וועגן א געט. איר האָט זיך זייער ניט געוואָלט כאָרעוו מאַכן דאָס פאַמיליען־לעבן, נאָר מאַסיס האָט געטײַנעט:

— עס רופט מיך די שטים פון מײַנע אָוועס.

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין אינסטיטוט האָבן די לערער אים געפרעגט:

— האָט די סאָוועטנמאַכט מיט עפּעס אײַך באַאוולט?

— ניין, — האָט ער געענטפערט.

— האָבן עפּשער די סטודענטן, עמעצער פון קורס, אײַך מיט עפּעס באַליידיקט?

— ניין.

— פאַרוואָס זשע פאַרלאָזט איר דעם אינסטיטוט, די כאַוויירים און פרײַנט, מיט וועלכע איר זײַנט געווען פאַרבונדן ניט איין יאָר?

— עס רופט מיך די שטים פון די אָוועס...

— און די שטים פון אײַערע קינדער און איינִיקלעך? ווער וועט וועגן זיי זאָרגן?

— די סאָוועטנמאַכט. זי וועט די קליינע קינדער ניט לאָזן פאַרפאַלן ווערן.

איינמאָל איז צו מאַסיסן געקומען זײַן קאָלעגע, א דאָצענט פון פראַנצויזישער שפּראַך. אינעם לעבן האָט ער זיך א סאַך אָנגעזען: געבוירן אין בולגאַריע, געלערנט אין פראַנקרײַך, געאַרבעט אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, ענדלעך געקומען קיין סאָוועטנפאַרבאַנד.

— דיר וועט זײַן אין ייִסראָעל שווער, — האָט ער געזאָגט מאַסיסן. — איך האָב אין זינען ניט בלויז די נאָסטאַלגיע (דו וועסט בענקען נאָך דער היים), נאָר דעם פּאָשעטן לעבנשטייגער. די רעכט, וואָס די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע גיט אונדז, ווייסטו גוט. נעם, אַשטייגער, די רעכט אויף אַן אָנקלאָגע. דאָ בלײַבט קיין איין אָנקלאָגע ניט אָן רעזולטאַט, מע שאַפט ספּעציעלע קאָמיסיעס, מע קאָמאַנדירט פאַראַנטוואָרטלעכע טוער און זשורנאַליסטן צו קאָנטראָלירן די ריכטיקײַט פון דער אָנקלאָגע. און דאָרט? ווער וועט זיך אויף דיר אומקוקן?

— אײַ, דו פאַרשטייסט ניט דעם אינערלעכן געפיל, די שטים פון די אָוועס, — האָט ווידעראַמאָל איבערגעכאַזערט מאַסיס.

פאַרן אָפּפאָרן קיין ייִסראָעל האָט ער ניט געהאַט קיין געלט־אָפּשפּאָרונגען (אויב גלייבן זײַן בריוו צום פינאַנץ־מיניסטער פון פּסר): פון די 300 — 400 רובל א כוידעש, וועלכע ער פלעגט פאַרדינען, האָט ער ניט אָפּגעשפּאָרט אפילע אויף א ווינטער־מאַנטל (עמעס, דער בריוו איז אָנגעשריבן מיט א באַשטימטן ציל — באַפרײַען זיך פון די הויצאָעס, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיטן עמיגרירן).

מאַסיס האָט זייער גוט געוווּסט, אַז צווישן די וויסנשאַפט־טוער פאַרנעמען די סאָוועטישע ייִדן דאָס דריטע אָרט (האַגאַם צווישן דער באַפעלקערונג — אינגאַנצן גענומען — דאָס עלפטע אָרט), אַז אויף יעדע 10 טויזנט אײַנוווינער זײַנען פאַראַן 315 ייִדישע סטודענטן, ווען די צאָל סטודענטן פון אַנדערע פעלקער באַטרעפט ניט מער ווי 182. מע האָט אים בײַ איינעם א שמועס באַוויזן די מאַטעריאַלן פון א פּרעסע־קאָנפערענץ, וואָס זײַנען פּובליקירט געוואָרן אין דער פּרעסע און פון וועלכע ס'איז צו זען, אַז צווישן די, וועלכע אַרבעטן אין דער וויסנשאַפט, באַטרעפן בײַ אונדז אין לאַנד 8 פּראָצענט ייִדן, אין דער מעדיצין — 6 פּראָצענט, אין דער קונסט — 8 פּראָצענט, אין דער ליטעראַטור און פּרעסע — 20 פּראָצענט. מאַסיס האָט די דאָזיקע ציפערן ניט באַשטריטן, ער ווייסט וועגן דעם זייער גוט, ער האָט אָבער איין ענטפער:

— די שטים פון די אָוועס...

פאַרן אָפּפאָר איז בײַ אים געווען א פרײַנט — ייִצכאָק זעלצער, וועלכער איז נאָרוואָס געקומען צוריק פון ייִסראָעל:

— הער אויס, בערל, אַן אייצע פון אַן עלטערן פון דיר. איך בין געווען אין דער מעדינע און בין דאָרט קליגער געוואָרן אַזוי, אַז עס וועט קלעקן אויפן גאַנצן לעבן. א סאָוועטישער ייִד קאָן זיך ניט אַדאַפּטירן אין דעם דאָזיקן טײַוולאָנישן גאַניידן, דו וועסט זיך דאָרט שטענדיק פילן דערנידעריקט, דערשטיקט. עפּשער קלערסטו עפענען א קרעמל, איז זײַ וויסן, אַז גאָר גיך וועט דיך דערשטיקן דער באַלעבאָס פון דער נאָענטסטער אוניווערסאַלער קראָם...

מאַסיס האָט קיינעם ניט געפאָלגט, ער האָט זיך צוגעהערט בלויז צו דער שטים פון די אָוועס. און אָט איז ער שוין אין כײַפע, אים



1—1040

האָט בעעמעס אָפּגעגליקט: דער אַבסאָרבציע־צענטער האָט אים אײַנגעאָרדנט אַלס לעקטאָר אין אוניווערסיטעט. דאָס מאַזל אָבער האָט געקלעקט סאַכאַקל אַף צוויי יאָר. מע האָט אים באַפרײַט פון דער אַרבעט, און ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין דער אַרמיי פון אַרבעטסלאָזע.

אַ גאַנץ יאָר האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די כײַפער גאַסן, זוכנדיק אַרבעט. קיינעם האָט ניט אינטערעסירט, וואָס ער, אַזאַ קענער פון אייראָפּעיִשע שפּראַכן, גייט אַרום פּוסט־און־פּאַס. ער איז אַרויף אַף די בערג פון קאַרמעל, ווו די רײַכע סאַברים וווינען אין די לוקסוס־הײַזער, נאָר גלייך דערפילט, אַז מע קוקט אַף אים דאָרט, ווי אַף אַ פרעמדן, קיינער דאַרף אים ניט. איז ער אַראָפּ צום פּאָרט, ווו מע קאָן טרעפן אינזשעניערן און פּאַטאָגראַפן, דאָקטוירים און פּאַריקמאַכערס, לערער און מוזיקאַנטן — געוועזענע, פאַרשטייט זיך, ווען אַט די מענטשן האָבן געלעבט אין ווילנע, באָברויסק, קעשענעוו, סאַמאַרקאַנד, אָדעס, לענינגראַד, איצט זײַנען זיי איבעריקע מענטשן. אין פּאָרט קאָן מען אַמאָל פאַרדינען עפּעס אַלס טרעגער. (ס'איז מעגלעך אויך פאַרדינען אַף ברויט אין די גלאָז־ און גומי־פאַבריקן, ווו עס אַרבעטן יידן פון די אַזיאַטישע און לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, נאָר צו אַזאַ אַרבעט דאַרף מען האָבן אײַזערנע מוסקולן).

— — — — — — — — — — — —

אין אַ צײַט אַרום איז באָריס מאַסיס געקומען אין זעלבן כײַפער פּאָרט, אָבער ניט קעדיי זוכן אַרבעט. ער איז אַרויסגעפאָרן פון ייִסראַעל, מיט פאַרפּלאָנטערטע וועגן געקומען קיין ווין און געוואָרן אַ שטענדיקער באַזוכער אין דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט. עפּשער וועט מען אים דערלויבן אומקערן זיך אַהיים?

א. לאַנסקי

(„ראַבאָטשי פּוט", סמאָלענסק)

## פאַרוואָס לויפט מען פון ייִסראַעל

די רעגירער פון ייִסראַעל זײַנען גליקלעך: אָט־אָט קומען אָן פון אַמעריקע 90 נײַסטע קריגס־עראָפּלאַנען. אָבער דער ייִד פון אַ גאַנץ יאָר פרעגט: וואָס טויגן מיר די 90 אַעראָפּלאַנען, אויב פּראָדוקטן זײַנען פאַריקס יאָר טײַערער געוואָרן אַף 60 פּראָצענט; מער ווי אַף 2.000 ייִסראַעל־פונט האָט זיך געהעכערט דער יאָריקער סכאַר־לימעד אין די מיטלשולן און אוניווערסיטעטן; אַף 40 פּראָצענט זײַנען טײַערער געוואָרן בילעטן אַפן שטאָטישן טראַנספּאָרט, די הויצאָעס אַף וואַסער, עלעקטרישער ענערגיע, אַף אַלע מינים הייצוואַרג...

די לעצטע צײַט האָט די רעאַקציע אין ייִסראַעל גענומען פאַרשטאַרקן איר אָנגריף אַף די רעשטן פון די אַרומגעשניטענע בורזשואַזע „פרײַהייטן". דער דעפּוטאַט פון דער אולטראַ־רעאַקציאָנערער „פּאַרטיי פון באַנײַונג" ש. פּלאַטאָ־שאַראָן האָט אַפילע פאָרגעלייגט צו פאַרבאָטן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ער קלײַבט אונטערשריפטן פאַר זײַן פאָרשלאַג.

ווער איז דאָס דער ש. פּלאַטאָ־שאַראָן? אַ פּאַשעטער גאַנעוו, וואָס איז אַנטלאָפן פון די פראַנצויזישע געריכט־אָרגאַנען. אין 1975 האָט דער פראַנצויזישער געריכט צום פינפטן מאָל פאַרפירט אַ קרימינעלן פּראָצעס קעגן דעם גאַנעוו לאַטורא (אונטער אַזאַ פאַמיליע האָט מען דאָרט געקענט דעם איצטיקן קנעסעט־דעפּוטאַט פּלאַטאָ־שאַראָן). אים האָט געדראָעט פינף יאָר טפיסע... דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַ ייִד. אַט אַזוי האָט אין ייִסראַעל זיך באַוויזן אַ נײַער „אוילע", אַן אימיגראַנט מיט אַ גראָבן טײַסטער, וועלכן ער האָט אָנגעלעבט פון גנייוויִשע מאַכינאַציעס. און אַט דער קרימינעלער פאַרברעכער האָט עס פאַרנומען אַ פּאָטעל אין דער קנעסעט, באַקומען פּאַרלאַמענטישע אומבאַרירלעכקייט!

דער פּרעמיער מענאַכעם בעגין האָט, ווי עס טיילט מיט די רייטער־אַגענטור, ניט לאַנג צוריק אָפּגעגעבן אַ פאַראָרדענונג צו באַפרײַען פון טפיסע אונטער זײַן, בעגינס, פּערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט דעם באַנקיר יעהוישוע בענסאָן, וואָס איז געזעסן פאַר גאַנווענען 47 מיליאָן דאָלער. דאָ איז צום אָרט צו דערציילן, אַז בענסאָן האָט פאַרמאָגט אַ היפּשן פינאַנציעלן אײַנפלוס אין טעל־אוויוו, ער האָט אַ לאַנגע צײַט פינאַנסירט די פּאַרטיי „כערוט", וואָס איר לידער איז בעגין. קורץ, איין האַנט וואַשט די צווייטע.

זייער אַקטועל אין ייִסראַעל איז איצט די פּראָבלעם פונעם וווּקס פון פאַרברעכנס צווישן דער יוגנט. יעדעס יאָר ווערן אין לאַנד רעגיסטרירט 36 טויזנט גנייוועס. אין ייִסראַעל איז דער גרעסטער אין דער וועלט פּראָצענט יוגנט, וואָס באַנוצט נאַרקאָטיקס. די בעגין־רעגירונג טראַכט גאָר אַפילע ניט וועגן אָפּשטעלן די פאַרברעכערישקייט און נאַרקאָמאַניע. דער איצטיקער פּרעמיער פאָלגט זײַן גײַסטיקן פאָטער וו. זשאַבאָטינסקי, וועלכער האָט באַ אַ געלעגנהײַט געזאָגט: „מיר וועלן ווערן אַ נאָרמאַלע מעלוכע ערשט דעמלט, ווען די באַנדיטן און פּראָסטיטוטקעס וועלן ווערן באַ אונדז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע דערשײַנונג".

אָט פאַרוואָס אַ סאַך אוילים לויפן פון ייִסראַעל. די דאָרטיקע בירגער זײַנען מיד פון פילצאָליקע מילכאָמעס און קעסיידערדיקע קריגס־פּראָוואָקאַציעס, פון די העכסטע אין דער וועלט שטײַערן, פונעם אומגעהערטן ניוואָ פון אינפלאַציע און מיליטאַריזאַציע, פון די פאַרברעכנס, פון שטענדיקער שרעק פאַרן מאָרגעדיקן טאָג, פאַר דער צוקונפט פון די קינדער.

ד. קאָרעצקי

(„ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ", קיִעוו)

# דער אינהאַלט און די געשיכטע פון איינער אַ ניט־פאַרעפנטלעכטער קאָרעספּאָנדענץ

א גרופּע אמעריקאנער טעלעוויזיע־אָפּעראַטאָרן האָט אין א יִשוב, וואָס יִשׂראָעל האָט אופגעבויט אַף די אָקופּירטע אראבישע טעריטאָריעס, געדאַרפט פאָטאָגראפירן עטלעכע אָביעקטן, קעדיי פארענדיקן א פילם, וואָס עס האָט באַשטעלט די גרעסטע טעלעוויזיע־קאָמפּאַניע פון אמעריקע. ווען די אָפּעראַטאָרן זײַנען געקומען אין דעם יִשוו, וועלכן די מאכטאָרגאַנען פון יִשׂראָעל האָבן רעקאָמענדירט, און גענומען אויסלאָדן פון די מאשינעס די אפּאראַטור, איז פון א נאָענט הויז ארויסגעלאָפן א צעקאַעסטער מאַנצבל מיט אַן אווטאָמאט און אַף א געמישט איוורית—ענגליש־לאָשן גענומען פאָדערן, זיי זאָלן זיך טייקעף אָפּטראָגן פונדאַנען. די פּרוּוון צו באַרוּיִקן אים האָבן ניט געהאָלפן. דער יִשוּווניק האָט אויסגעשאָסן פונעם אווטאָמאט איבער די קעפּ פון די זשורנאַליסטן און אזוי שאַרף אויסגעזידלט זיי, אַז זיי האָבן גלײַך גענומען אָפּטראָגן די אפּאראַטן צוריק אין די מאשינעס.

דער אינצידענט וואָלט ניט געהאַט קיינע פאָלגן, ביפראַט נאָך, אַז מע האָט די אמעריקאַנער פאָרגעלייגט אַן אנדער יִשוּוו אַף פאָטאָגראפירן, ווען זיי וואָלטן געהאַלטן וואָרט און קיינעם וועגן דעם אינצידענט ניט דערציילט, ווי זיי האָבן צוגעזאָגט. אָבער, קומענדיק אין פּרעסע־קלוב, האָבן זיי פאַרינטריגירט מיט דער פּאַסירונג איינעם פון די זשורנאַליסטן, וועלכער האָט באַשלאָסן אַף אייגענער אַכרײַעס א שמועס טאָן מיט דעם בייזן יִדן.

אַף מאָרגן, אין אָוונט, איז דער זשורנאַליסט צוגעפאָרן אַף זײַן אַלטינקן פּיִאַט־אווטאָמאָביל צו דעם זעלבן אָרט. אָפּגעשטעלט זיך, האָט ער געעפנט דעם קאַפּאָט און גענומען פאָרקען זיך אינעם מאָטאָר. ס'איז אַוועק א האַלבע שאָ צײַט. עס איז געווען ווינטער, ווען עס ווערט פרי פינצטער. מיט דער פינצטערניש איז אָנגעקומען די קעלט. אַף די גרענעצן פונעם יִשוּוו זײַנען געשטאַנען סלופּעס מיט פּראָזשעקטאָרן, אָבער די שײַן פון די פּראָזשעקטאָרן האָט באַלויכטן די אַנטקעגנדיקע זײַט. אַרום און אַרום איז געשטאַנען א געדיכטע פינצטערניש, בלויז לעבן די הײַזער זײַנען קליינע פּלעצער געווען באַלויכטן מיט דער שײַן פון די פענצטער. ענדלעך איז פונעם אַנטקעגנדיקן קאָטעדזש ארויס א מאַנצבל און א זאָג געטאָן: „דער מאָטאָר אַרבעט ניט?”... אינעם זאָג האָט זיך געפילט סײַ א פראַגע, סײַ א באַשטעטיקונג. דער זשורנאַליסט האָט זיך אָפּגערופן: „איך קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס מיט אים איז געשען”...

ארײַנגעקוקט אונטערן קאַפּאָט, האָט דער יִשוּווניק געבעטן צולײַכטן אים מיטן פאָנאַר, און ווי א פאַכמאַן, האָט ער אָנגעהויבן גיך קאָנטראָלירן די קאָנטאַקטן.

— עס האָט איבערגעברענט די שפּולקע. דאָ וועט איר איצט קיין שפּולקע ניט קריגן. מאָרגן קאָן מען אָנקלינגען אַף דער נאָענטסטער סטאַנציע. הײַנט אָבער וועט קיינער ניט פאָרן ניט אַהין, ניט פון דאָרט. ס'וועט אײַך אויסקומען איבערנעכטיקן בא מיר.

אין א שאָ אַרום, זיצנדיק בא א טעפּל הייסער טיי אין א באַשיידן מעבלירטן צימער, האָט דער זשורנאַליסט שוין פּאַקטיש דערגרייכט דאָס, צוליב וואָס ער איז, אייגנטלעך, אַהער געפאָרן. דער באַלעבאָס איז געווען דער זעלבער מענטש, וואָס האָט געדראָעט מיטן אווטאָמאט די טעלעוויזיע־אָפּעראַטאָרן.

ער איז אָבער געווען ווײַט ניט קיין צערייצטע כײַע, ווי עס האָבן אים געשילדערט די איבערגעשראָקענע אַמעריקאַנער. א פערציקיאָריקער מאַן מיט מידע אויגן, וואָס קוקן גלײַכגילטיק אַף אַלץ, האָט ער אַליין אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם, פאַרוואָס ער איז מיט א טאָג פריִער אָנגעפאַלן אַף די אָפּעראַטאָרן:

— די נערוון האָבן זיך צעשפּילט. שוין צופיל שרײַט מען אַף אַלע קוילעס, ווי גוט אונדז לעבט זיך. דאָס איז אָבער ניט עמעס. איך האָב אַף מײַן אייגענעם לײַב איבערגעפּרוּווט פיל „פּרעכטיקע” זאַכן.

דאָס איז א מין טײַוולאָנישער טעמפּערווינקל, פון וועלכן מע קאָן זיך ניט ארויסרײַסן. מע האָט מיר געזאָגט: „נעם צו פאַר זיך אָט די ערד, דאָס איז דײַן ערד, לעב אַף איר און באַשיץ זי”. קוידעמקאָל, איז דאָס ניט קיין ערד, נאָר א מידבאָר! איך זיץ דאָ מיט אַן אווטאָמאט אין האַנט, און מע האַלט מיר אין אײַנריידן, אַז איך קום א כויוו דער יִדישער מעלוכע. איך דאַרף דינען אין דער אַרמיי, גיין אין בעסמעדרעש, אָפּגעבן א גרויסן טייל פון מײַן פאַרדינסט אַלס שטײַער, ניט שרעקן זיך פאַרן יאַקרעס און פאַר אַנדערע מאַנגלען. און אַזוי נאָכאַנאַנד: איך דאַרף, איך דאַרף, איך דאַרף — צוליב עפּעס א כימערישער אידייִ!

מע שמועסט מיר אײַן, אַז איך בין בא זיך אַף דער ערד, איך בין דאָ דער באַלעבאָס. דאָס איז אָבער גאָלע גענאַרערײַ. אין ערגעץ אין דער וועלט פילט ניט א יִיד אַזא סינע צו זיך, ווי דאָ, אַף די אָקופּירטע טעריטאָריעס. סײַ די שטוב, סײַ די ערד, אַף וועלכער איך האָרעווע א גאַנצן טאָג און שטיי באַנאַכט אַף דער וואַך, זײַנען ניט מײַנע. איך בין ארײַנגעפאַלן אין א פּאַסטקע, וואָס איז קונציק אוועקגעשטעלט געוואָרן. אַף אויסצאָלן די כויוועס וועט מיר ניט קלעקן ניט מײַן לעבן, ניט דאָס לעבן פון מײַנע קינדער. מײַנע שכיינים געפינען זיך אין דער זעלבער לאַגע. און מע פאָדערט נאָך בא אונדז, מיר זאָלן פאָזירן פאַר די אָביעקטיוון, שמייכלענדיק, מיט א פריידיקער מינע. אונדזער לעבן האָט מען פאַרוואַנדלט אין א קאָשמאַר, און אונדזערע קינדער האָט מען געמאַכט פאַר אומגליקלעכע, דערבײַ האָט מען „צוליב אונדז” פאַרפינצטערט דאָס לעבן בא אַנדערע

אומשולדיקע מענטשן, אָפּגענומען בא זיי די ערד און די היים.

איך האָב ערגעץ געלייענט, אַז עס קאָן ניט זײַן פרײַ א מענטש, וואָס נעמט אָפּ די פרײַהײַט בא אנדערע. דאָ פילט מען עס באַזונדערס קלאָר. מע טאָר ניט בויען דאָס אייגענע גליק אפן אומגליק און אף די ליידן פון אנדערע! קאָלזמאַן מיר זײַנען שטארקער פון די אראַבער, פארנעמען מיר די דאָזיקע ערד. איך לעב אָבער די גאנצע צײַט אין שרעק פאר נעקאָמע. דעריבער צעשייד איך זיך ניט מיטן אווטאָמאט.

אַזעלכע, ווי איך, לעבן די גאנצע צײַט אומרויִק, אָנגעשטרענגט. אַז מע שלאָפט אומרויִק, פילט מען זיך א גאנצן טאָג קראנק. אָט אזוי גייט עס טאָג נאָך טאָג, כוידעש נאָך כוידעש, און קיין סאָף פון אזא לעבן הינטער שטעכלדראָט, אונטער דער וואך פון סאָלדאטן זעט זיך ניט...

די דערציילונג פונעם ייִשוּווניק האָט דער זשורנאליסט ניט געוואגט פארעפנטלעכן. דאָס וואָלט ארויסגערופן דעם צאָרן פון די מאכטאָרגאנען און פון די ציִעניסטישע עקסטרעמיסטן ניט אזוי קעגן אים, ווי קעגן דעם ייִשוּווניק, וואָס איז בעשײַטע פארשיקערט געוואָרן פונעם שאָוויניסטישן טשאד פון דער אָפיציִעלער ייִסראָעל־פּראָפּאגאנדע און איצט האָט ער אָנגעהויבן קומען צום סייכל.

איינִיקע קאָלעגן פונעם זשורנאליסט, וועלכע שרײַבן אין די מײַרעוו־צײַטונגען און זײַנען אקרעדיטירט אין יערושאָלאיִם, האָבן אים מיטגעפילט און צוגעזאָגט צו העלפן אָפּדרוקן די קאָרעספּאָנדענץ, ניט אָנרופנדיק דעם אווטאָר און דעם נאָמען פונעם ייִשעוו. אָבער אין די אַזויגערופענע אומאָפּהענגיקע בורזשואזע זשורנאלן און צײַטונגען האָט זיך פאר דער קאָרעספּאָנדענץ ניט געפונען קיין אָרט. מיר האָבן זיך דערוווּסט דערפון צופעליק, פון א מיטארבעטער פון איינער פון אָט די רעדאקציעס. ער האָט אויך געבעטן, איך זאָל ניט אָנרופן קיין נעמען. אָבער ניט דער נאָמען איז דאָך דער איקער. אין ייִסראָעל איז דער באַשריבענער פאקט איינער צווישן פיל אנדערע, און דעם עמעס וועגן דעם דארפן אלע וויסן.

וו. וולאַדימיראָוו
(פרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי״)

## אסיע סעמיאַנאָוונע וואָלפּע האָט זיך גענומען דאָס לעבן

איך האָב זי קיינמאָל ניט געזען, אָבער רעגולער געענטפערט אף אירע בריוו, וועלכע פלעגן אָנקומען ניט זעלטענער ווי צוויי מאָל אין וואָך. געוויינלעך פלעגט זי דרוקן די בריוו אף האַלב־דורכזיכטיק פאפיר. שפּאָרנדיק פלאַץ, פלעגט זי מאכן צווישן די שורעס א וואָס קלענערן אינטערוואל.

קיין בריוו וועלן שוין מער ניט אָנקומען. אסיע סעמיאַנאָוונע וואָלפּע איז באַגאנגען זעלבסטמאָרד.

„קעדיי איר זאָלט וויסן, ווער איך בין, וועל איך עטוואָס דערציילן וועגן זיך, — האָט א. וואָלפּע געשריבן דעם 2 פעווראל 1978 אין רעדאקציע פון „גאַלאָסא ראָדיני״. — איך בין א דאָקטער (קאנדידאט פון מעדיציניִשע וויסנשאפטן, פון 1967 — שטעלפארטרעטער פונעם הויפּט־דאָקטער פון דער פּאָליקליניק בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר), געבוירן אין לענינגראד, ווו איך האָב אָפּגעלעבט דאָס גאנצע לעבן. בײַס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע געדינט אין דער סאָוועטישער ארמיי. און כאָטש איך בין פרי פארבליבן אַן אלמאָנע מיט צוויי קליינע קינדער אף די הענט, איז מײַן לעבן אין לענינגראד געווען אינטערעסאנט, פולווערטיק. עס זײַנען געוואקסן די זין. איך האָב זיך באמיט ברענגען נוצן מײַן פאָלק, מײַן לאנד.

עס זײַנען אויסגעוואקסן די קינדער, און אין מײַן געזינד איז געשען א טראגעדיע. דער ייִנגערער זון האָט קאטעגאָריש געפאָדערט, איך זאָל אוועקפאָרן מיט אים קיין אמעריקע, ווײַל אהין האָט עמיגרירט די מישפּאָכע פון זײַן קאַלע. איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו פארלאָזן דאָס היימלאנד. אָבער אין אָנדערהאַלבן יאָר ארום האָט גענומען די אויבערהאנט דער מוטערלעכער געפיל, וואָס לאָזט זיך ניט קאָנטראָלירן, און די בענקשאפט. אין 1975 האָב איך באַקומען א וויזע קיין ייִסראָעל, און געפאָרן בין איך קיין וואשינגטאָן צום זון און, פארשטייט זיך, פארלאָרן די סאָוועטישע בירגערשאפט. עס איז געווען גענוג איין וואָך, אַז איך זאָל פארשטיין דעם גרויסן טאָעס, וואָס איך בין באַגאנגען. מיטן זון זײַנען מיר געוואָרן לאַכלוטן פרעמדע מענטשן. ער איז אוועקגעפאָרן מיט זײַן געזינד אין אַן אנדער שטאָט, מיך האָט ער איבערגעלאָזט אליין אין וואשינגטאָן.

פון מוטערלעכער מעשוגענער בענקשאפט האָב איך זיך גיך אויסגעהיילט. אָבער דער פאלשער טראָט האָט מײַן לעבן פארוואנדלט אין אַן עמעסער טראגעדיע. דאָ בין איך אינגאנצן א פרעמדע, קיינער דארף מיך ניט. עס האנדלט זיך ניט אין דעם, וואָס איך ארבעט אלס א ניאנקע בא רײַכע אמעריקאנער פאציִענטן (אף דער דירע און אף עסן קלעקט מיר, מער דארף איך ניט), נאָר אין פולשטענדיקער מאָראלישער פוסטקײַט, שוידערלעכער איינזאמקײַט. איך לעב אויסער דער געזעלשאפט, ניט ברענגענדיק קיינעם קיין נוצן. קיין שום מאטעריעלע באַזאָרגטקײַט קאָן ניט געבן אפילע קיין טראָפּן גליק, אויב דו פילסט ניט, אַז דו ברענגסט נוצן דעם קלאל. דאָס איז א שרעקלעך געפיל — דו גיסט קיינעם גאָרנישט ניט, און קיינער דארף דיך ניט״...

עס טוט מענטשלעך ווי דאָס הארץ פאר דער דאָזיקער פרוי. זי פארופט זיך אף א „מוטער־

לעכן געפֿיל, וואָס לאָזט זיך ניט קאָנטראָלירן". און דאָס האָט זי דערפֿירט צום טויט. אָבער צי בלויז פֿאַר איר טויט ווײ דאָס האַרץ? עס טוט ווײ דאָס האַרץ פֿאַר אַלע די, וואָס האָבן זיך געלאָזט באַהערשן פֿון אַ שוואַכקייט און בלינד זיך אָפּגעגעבן זייערע אויסלענדישע קרוויווים (גאַנץ אָפֿט זײַנען דאָס אַזעלכע קרוויווים, ווי: „דעם פֿערדס פֿוס' פּאָדקעווּעס אַן אײניקל"). דאָס האַרץ טוט ווײ פֿאַר יענע, וועלכע זײַנען אָפּגענאַרט געוואָרן דורך דער פֿאַלשער מײַרעוודיקער פּראָפּאַגאַנדע און נעמען אָן אַלס אַ קאָשערע מאַטבייע די באָבעמײַסעס וועגן דעם אַמעריקאַנער אָדער ייִסראָעלדיקן גאַניידן, פֿון וועלכן עס לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. ס'איז קלאָר, אַז אין זייער אומגליק זײַנען זיי אין דער ערשטער ריי אַליין שולדיק און פֿאַר זייערע האַנדלונגען מוזן זיי זיך צעצאָלן.

פֿאַר א. וואָלפֿע איז דאָס ערגסטע געווען די אויסגאַנגסלאָזע בענקשאַפֿט. אָט איז איר בריוו פֿונעם 29 דעקאַבער 1977. אין אַמעריקע איז דאָס דער פֿערטער טאָג פֿון באַגעגענען נײַ־יאָר. ווער עס קאָן — פֿרייט זיך. עס קלאַפּט די אַלטע שרײַבמאַשינקע מיט רוסישן שריפֿט, די ווערטער שפּרינגען אויפֿן פּאַפּיר, פֿול מיט ייִעש:

„...די קויכעס גייען אויס. און איך ווייס ניט, אויף וויפֿל זיי וועלן מיר נאָך קלעקן, קעדיי צו ציִען אָט דאָס שרעקלעכע, מאָראַליש פֿולשטענדיק פּוסטע לעבן. איך בעט אײַך, נעמט דאָס ניט אָן אַלס אַ פּאָזע. ס'איז אַ געשריי פֿון האַרצן, פֿאַרצווייפֿלונג, וועלכע איך האַלט שוין אויס מיט גרויסע אָנשטרענגונגען.

איך בין מאַסקים מיט אַלץ, וואָס איר ווילט נאָר, ווײַל אויב איך וועל מער ניט זען מײַן היימלאַנד, שטייט מיר פֿאָר אין דער צוקונפֿט איבערצולעבן די סאַמע שרעקלעכע נעשאָמעליידן"...

א. וואָלפֿע האָט דאָך אָבער געהאַט אַ זון. ווער נאָך, אויסער אים, האָט זי געקאָנט אונטערהאַלטן? מיט וועמען, אויב ניט מיט אים, האָט זי פּאָשעט מענטשלעך געקאָנט דערמאָנען איר שטוב אויף נעווסקי פּראָספּעקט, לאָזן אַ טרער נאָך דעם, וואָס איז פֿאַרשוווּנדן...

דער זון אָבער האָט זיך באַנוצט מיט אַלע „פֿרײַהייטן", וועלכע עס האָט אים געגעבן אַמעריקע, פֿרײַ פֿאַרשוועכט דאָס היימלאַנד, האָט ער פּונקט אַזוי פֿרײַ אָנגעשפּיגן אין פּאָנעם דער מאַמען.

פֿאַרלירן צוערשט דאָס פֿאָטערלאַנד, דערנאָך דעם זון, צוליב וועמען זי האָט אַוועקגעוואָרפֿן די היים, — איז דאָס שוין ניט צופֿיל? די מוטער האָט דאָס ניט איבערגעלעבט.

די פֿראַגע וועגן די באַציִונגען צווישן די געוועזענע סאָוועטישע בירגער, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין אויסלאַנד, און זייערע קרוויווים, — דאָס איז אַ ספּעציִעלע טעמע. קעדיי צו באַווײַזן, אַז דאָס, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען צווישן א. וואָלפֿע און איר זון, איז ניט קיין אויסנאַם, וועלן מיר ברענגען אַ בריוו פֿון א. מײַסקאַיאַ, אויך אַן אימיגראַנטקע, וועלכע וווינט אין ניו־יאָרק. דער בריוו גיט אַ פֿאָרשטעלונג וועגן די זײַטן, וואָס האָבן זיך אײַנגעוואָרצלט צווישן די אימיגראַנטן.

„אין די אָוונטן באַהאַלטן זיי זיך אין זייערע הײַזער, ווי די מוילוווּרפֿן. בעסער אַרויסרופֿן די קרוויווים, וועט זײַן פֿריילעכער, — אַזוי טראַכטן אייניקע.

און אָט איז נאָך אַ טיפּישע סיטואַציע.

— עס איז מיר אומעטיק אַליין מיטן זונעלע. זאָל די מאַמע קומען צו מיר, — האָט געזאָגט איינמאָל אַ געוועזענע אײַנוווינערן פֿון קיִעוו.

די מאַמע אָבער, שוין אַן אַלטע, האָט ניט געוואָלט פֿאַרלאָזן קיִעוו. די לאַנגע קאָרעספּאָנדענץ, די קעסיידערדיקע אײַנריידענישן פֿון דער טאָכטער האָבן פֿונדעסטוועגן געווירקט. די מאַמע האָט געפֿאָלגט און איז מיט אַ ווייטעק אין האַרצן אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. צום ייִנגעלע איז, אַזויאַרום, אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד אַן אומזיסטע ניאַניע...

איצט האָט די טאָכטער געקאָנט צוזוכן זיך אַ מאַן. נאָר ווער וועט נעמען אַ פֿרוי מיט אַ זון און אַ באָבע? די אַמעריקאַנער לעבן מיט כעזשבן, יעדער צענט שפּילט אַ ראָליע.

קיין כאַסאַנים האָט די טאָכטער ניט געפֿונען. זי ליידט צוליב דער מאַמען, שוין צײַט פּאָטער ווערן פֿון איר. אַ מיטל דערצו האָט זי געפֿונען שנעל. זי האָט ווידער גענומען שרײַבן בריוו קיין קיִעוו. איצט האָט זי שוין אײַנגערעדט דעם ברודער, ער זאָל קומען אונטערהאַלטן די זיבעציקיאָריקע מאַמע. דער קונץ האָט זיך אײַנגעגעבן. דער ברודער איז אַרויסגעפֿאָרן מיט זײַן געזינד"...

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו א. וואָלפֿע. זי האָט געטרוימט צו טאָן עפּעס פֿאַר אַנדערע מענטשן, וועלכע האָבן געקאָנט איבערכאַזערן איר פֿעלער. זי האָט געפֿירט איר „טאָגבוך פֿון אַן עמיגראַנט". איך ווייס ניט, וויִאַזוי דער טאָגבוך זעט אויס אינגאַנצן. אין רעדאַקציע האָט זי צוגעשיקט בלויז אויסצוגן — צו דרײַ פֿיר זײַטלעך. אויב די רעדאַקציע וועט ניט געפֿינען פֿאַר צוועקמעסיק זיי צו פֿאַרעפֿנטלעכן, וועט עפּשער זײַן גענוג דאָס, וואָס איך שרײַב איצט.

איך פֿאַרמאַך די פּאַפּקע. מער קיין בריוו פֿון אַסיע סעמיאָנאָוונע וואָלפֿע וועלן ניט זײַן. די טרויעריקע און באַלערעוודיקע געשיכטע איז געקומען צו אַ לאָגישן סאָף. דאָס לעבן האָט געגעבן אַ שווערע לעקציע.

מ. איוואַנאָוו

(„סאָוועטסקאַיאַ ראָסיִאַ")

## בריוו פֿון לייענער

לעאָניד סוועטילניקאָוו האָט געאַרבעט אַלס עלעקטראָמאָנטיאָר אין איינעם פֿון די אָדעסער רעסטאָראַנען. ער האָט גוט פֿאַרדינט, געהאַט אַ פֿרוי, צוויי קינדער, אַ דירע מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. נאָר באַקאַנטע זײַנען אַוועקגע־

פאָרן קיין אַמעריקע און צוגעשיקט אים דערנאָך אַן אַרויסרוף. דאַן האָט ער פאַרלאָזט די מישפּאָכע און אַוועקגעפאָרן. זײַן ברודער אַנאַטאָלי סוועטילניקאָוו האָט איבערגעשיקט אין רעדאַקציע דעם בריוו, וועלכן ער האָט באַקומען פון לעאָנידן.

„שרײַב, ווי לעבט מײַן ווײַב מיט די קינדער. איך ווייס, אַז איר איז זייער שווער אָן מיר און מיט צוויי קינדער, און איך קאָן אויך אָן זיי ניט לעבן. איך האָב זיך געווענדט אין דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט, מע זאָל מיר דערלויבן אומקערן זיך אַהיים. זאָל לידיע דערציילן אין „אָוויר", אַז אונדזער געט איז געווען אַ פיקטיווער. דער גאַנצער הויף וועט באַשטעטיקן, אַז מיר האָבן מיט איר געלעבט גוט ביזן לעצטן טאָג... איך וועל דאָ אין דער פרעמד פאַרפאַלן ווערן.

צײַטנווײַז איז אַזוי שווער אויפן האַרצן, אַז איך ווייס ניט, וווּ אַהינטאָן זיך. איך אַרבעט נאָך ניט, זוך אַן אַרבעט. כ'האָב פאַרדינט 200 דאָלער בײַ צופעליקע באַלעבאַטים. עס איז גאָר ניט שײַעך איבערצוקלײַבן, אַבי מע זאָל צאָלן...

אַ פּאַספּאָרט וועל איך קריגן ערשט אין צוויי יאָר אַרום. דעמלט וועל איך שוין קאָנען פאָרן איבערן לאַנד און זוכן אַרבעט. איך וועל אויך קאָנען שווימען אויף שיפן, אָבער ניט אויף אַמעריקאַנישע — אויף אַזעלכע, וואָס נעמען צו זיך אַלערליי לײַט.

איך הער פּלאַסטינקעס פון רוסישע עמיגראַנטן, זיי דערמאָנען מיר אינעם לאַנד. איך בין דאָך געבוירן געוואָרן אין אָדעס. פּאָטאָגראַפיר אָפּ מײַן טאָכטער וויקאַ אין איר גאַנצן וווּקס לעבן דעם אָפּערע־טעאַטער, און שיק מיר אַרויס דאָס בילד.

איך קאָן זיך ניט דערוואַרטן די שעה, ווען מיר וועלן זיך זען צוריק אין מײַן שטוב און וועלן זיצן בײַ מײַן טיש און מער וועט אונדז קיינער ניט צעשיידן. שוין באַלד צוויי יאָר, ווי איך מאַטער זיך אין דער פרעמד. אָפּט וויין איך. איך בין באַגאַנגען אַ שווערן פעלער, כ'וועל אים פאַריכטן, עס טוט וויי דאָס האַרץ. איך בעט דיך, זײַ זיך מישתּדל, מע זאָל מיר דערלויבן אומקערן זיך. איך פאָר אָפּט קיין וואַשינגטאָן, אין דער געזאַנדשאַפט, אַ בילעט קאָסט 30 דאָלער, און קיין געלט האָב איך ניט.

איך פאַרדין דערווײַל ניט, באַקום שטיצע. די דירה קאָסט זייער טײַער. איך וווין דאָ אין אַ צימער צוזאַמען מיט מײַן חבֿר פון לוואָוו — מיט מאַרקן, ער וויל אויך זיך אומקערן אַהיים. אין לוואָוו האָט ער אַ פרוי מיט אַ טעכטערל.

איך וואַרט אויף בריוו און לעב נאָר מיט דער האָפענונג צו זען אײַך".

חשובֿע חבֿרים פון רעדאַקציע! מיר שיקן אײַך איבער אַ בריוו, וואָס איז אָנגעקומען אויף אונדזער נאָמען. מיר האָבן קיין אַנונג ניט, ווער עס שרײַבט אונדז. מיר האָבן זיך קיינמאָל ניט געקליבן פאָרן ערגעץ און זײַנען אויפגעבראַכט, וואָס ווילד־פרעמדע מענטשן פאַרנעמען זיך מיט אונדזער גורל. מיר קענען זיי ניט און ווייסן זיי ניט.

ס'איז קיין צווייפל ניט, אַז דער „אַרויסרוף" איז עפּעס אַ פּראָוואָקאַציע. מיר האָבן אונדזער אייגן היימלאַנד, וואָס האָט אונדז אויסגעהאָדעוועט, דערצויגן און באַשיצט.

מיט אַכטונג — די מישפּאָכע בעקער (לוואָוו)

...איינע אַ שושאַנע טאַל האָט מיר צוגעשיקט אַן אַרויסרוף קיין ייִשׂראָעל. ווער זי איז, ווייס איך ניט. ווי אַן אַלטער מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פאַרשטיי איך גאַנץ גוט אָט די ביליקע מאַנירן, נאָר איך בין דערשטוינט פון דער חוצפּה. איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז אַ „באַוועגונג", וואָס פּרעטענדירט צו פּראָקלאַמירן פּאָליטישע לאָזונגען, זאָל אָנקומען צו פּרימיטיוון שווינדל, ווי עס טוט דער ציוניזם. אָט פאַרוואָס איך ווענד זיך צו אײַער זשורנאַל און בעט, ס'זאָלן אָפּגעדרוקט ווערן אין מײַן נאָמען עטלעכע ווערטער, אַדרעסירט די שושאַנע־טאַלס און די אַנדערע ווערבירער:

— כ'בין אַ קאָמוניסט, וואָס פאַר אַ שײַכעס האָב איך צו דער וועלט פונעם קאַפּיטאַל? און פאַר אײַער שטופּן די נאָז אין מײַן לעבן שיק איך אײַך אויפריכטיקע פאַראַכטונג.

מיט גרוס די חבֿרים פון רעדאַקציע
ב. זאַסלאַווסקאַיאַ
(מאָהיליאָוו)

...איך האָב באַקומען דורך פּאָטשט צוויי אַרויסרופן פון ייִשׂראָעל, כאָטש איך האָב וועגן דעם קיינעם ניט געבעטן. אין די אַרויסרופן ווערן איבערגערעכנט אויך די מיטגלידער פון מײַן מישפּאָכע. איך מיין, אַז דאָס איז אַ שפּיצל פון פיליפּ גאַלאַן, וועלכער איז מיט דרײַ יאָר צוריק אַוועקגעפאָרן קיין ייִשׂראָעל. מיר זײַנען מיט אָט דעם פאַרשוין געווען באַקאַנט.

פאַר דעם שפּיצל בין איך אויפגערעגט ביז דער לעצטער מאַדרייגע. איך און מײַן פרוי האַלטן, אַז דאָס איז אַן אַקט פון כוליגאַנערײַ. די מענטשן, וועלכע האָבן אינעם אַרויסרוף זיך אָנגעגעבן אַלס מײַנע קרובֿים, קען איך ניט. איך הער וועגן זיי דאָס ערשטע מאָל אין לעבן.

אַנטשולדיקט פאַר אָפּנעמען בײַ אײַך צײַט.
ל. וואָראָנאָוו (אָדעס)

...פון אַלע טאָעסן, וועלכע איך בין באַגאַנגען אין מײַן לעבן, איז דער שרעקלעכסטער — מײַן אַרויספאָרן פונעם סאָוועטישן לאַנד.

פון אַ בריוו, וועלכע קלאַראַ טאַלאַ (ניו־יאָרק) האָט צוגעשיקט צו איר פרײַנדן ליפשיץ (מאָסקווע)

■ ■ ■

## ווי ס'פּאַסט דעם פרימאָרגן די ליכטיקע שײַן

### אויסיִעס

באַ מיר האָט אין אָנהייב זיך גאַרניט באַקומען:
די אויסיִעס די ערשטע געווען זײַנען קרומע,
געבוקט זיך, געגייגט זיך אין זײַטן אין אַלע,
כ'האָב מורא געהאַט, אַז זיי קאָנען נאָך פאַלן.
אַזעלכע קרומפּיסיקע,— האָב איך געציטערט,—
זיי קאָנען, ווי זעמדעלעך, גאָר זיך צעשיטן.
פאַרקלאַמערטע אָבער זיי זײַנען געבליבן
אין העפטן, די אויסיִעס, וואָס איך האָב געשריבן,
און ביסלעכווײַז אויסגעגלײַכט האָבן די רוקנס
די בוכשטאַבן מײַנע, נאָך גרויסע מעסוקן,
און שפּעטער, אַזוי ווי אין קישעף אין גאַרן,
אַלץ גלײַכער און קלענער זיי זײַנען געוואָרן.
האָב איך זיי געסילעט, ווי שיינע קאַרעלן,
אין שורעס אין גלײַכע, אין שורעס אין העלע,
געסילעט באַטאָג, אָפּדערנאַכט, אין באַגינען...
באַמערקט כ'האָב אַנומלט אינמיטנדערינען:
די טײַערע בוכשטאַבן מײַנע שוין ווידער
זיך בייגן עטוואָס, ווען איך שרײַב מײַנע לידער,
און אַנדערע שטייען קוים אײַן אויף איין פיסל,
און אַלע מאָל גרעסער זיי ווערן א ביסל.
ווען הילפלאָז, ווי ערשטע, זיי ווערן אָפּילע,
דעם גוואַלדיקן כילעק סײַווי וועל איך פילן,
ווײַל דעמלט געווען זײַנען זיי ניט בלויז קרומע,
די קינדערשע אויסיִעס געווען זײַנען שטומע.
די אויסיִעס די ערשטע געווען זײַנען טויבע,
כ'האָב גאָרניט געוווּסט, וואָס מע מעג זיי פאַרגלויבן.
די אויסיִעס די ווײַטע געווען זײַנען בלינדע,
איך האָב ניט געוווּסט, וואָס מיט זיי כ'וועל פאַרבינדן.
איצט ווייס איך: באַ אויסיִעס פאַראַן זײַנען פליגל,
איך ווייס, יעדער אָס האָט זײַן אייגענעם ניגן,
זײַן אייגענעם רייעד און אייגענע פאַרבן,
אַן אייגענעם אויסדרוק — א צאַרטן, א האַרבן.
ווערט ערגער מײַן קסאַוו, אויסיִעס כ'שרײַב — ניט קיין קלאָרע,
נאָר קינדערשע זײַנען זיי פאָרט ניט געוואָרן.

## כ׳באוווּנדער די כּאַכמע פון דער וועלט

עס פרייט מיך דער שטעג, וואָס צום טײַכל מיך פירט.
א שטעג, און ער ווייסט, וואָס באַקיינעט אים, באַצירט.
ער ווייסט: עס איז שיין זײַן באַזוימט מיט קאַווּיל,
אין בלוילעכן נעפּל זײַן עטוואָס פאַרהילט,
עס זאָל אַף זײַן זאַמדיקער ווייכקייט געשווינד,
זיך שפּילנדיק, לאַכן און טאַנצן א קינד.
ס׳איז טאַקע אַזוי אַפן שטעג, ווו איך גיי,
כ׳באוווּנדער זײַן כּאַכמע, און פריי זיך — א פריידן!

און ווײַטער — די לאַנקע — ווייסט אויך, וואָס איר פּאַסט,
עס פּאַסט איר פון לײַן אַן אומענדלעכער פּאַס,
דער לויטערער הימל אין זוניקער ווײַט,
די טשערעדע קי אַפן גראָז, בא דער זײַט,
און פריילעכע קעלבלעך אַף דינינקע פיס,
מיט אויגן מיט קײַלעכיק-ברוינע, ווי ניס.
ס׳איז אַלץ פּונקט אַזוי אַף דער לאַנקע, ווו כ׳גיי,
כ׳באוווּנדער איר כּאַכמע, און פריי זיך — א פריידן!

אין וואַלד זע איך גלײַך, אַז ער ווייסט אויך געניי:
אים פּאַסט, ס׳זאָל דער הימל זײַן יאַמטעווודיק-בלוי.
אים פּאַסט, ס׳זאָלן ביימער זײַן יונג און זײַן אַלט,
ס׳זאָל שאָטן און זון זײַן געגונג אינעם וואַלד,
אַף צווײַגן זאָל וויגן זיך זוניקע שײַן,
בערעזעס, ווי קאַלעס, פאַרפּוצט זאָלן זײַן.
עס פּאַסט אים, אַשטייגער, אַז דעמבעס א פּאָר
פון זון זאָלן שיצן א יונגיטשקע פּאַר,
און שוואַמען אין היטעלעך ווײַסע, פאַרטראַכט,
אַרויסקוקן זאָלן פון אונטער א דאַך
פון בלעטער פאַרגעלטע, און ערגעץ דערבײַ
די מורעשקעס בערג זאָלן בויען געטרײַ.
ס׳איז גראָד איצט אַזוי אינעם וואַלד, ווו איך גיי,
כ׳באוווּנדער זײַן כּאַכמע, און פריי זיך — א פריידן!

איך פיל, אַז עס פּאַסט מיר, ווען כ׳פריי זיך, ווען כ׳קווועל,
וואָס צויבערדיק-פּרעכטיק אַרום איז די וועלט.
מיר פּאַסט, וואָס א זאַמדיקע סטעזשקע מיך פרייט,
און ס׳פרייען מיך פעלדער מיט זריִע פאַרזייט,
עס פּאַסט מיר — צוזאַמען מיט זוניקער ליכט,
באַשעפּטיקט, אין פאַרטעך, אַרײַנגיין אין קיך,
אַן אייניקל באָדן, און אויכעט מיר פּאַסט
זיך שפּילן מיט דעם און שפּאַצירן אין גאַס,
מיר פּאַסט, ווען מיך פרייט, וואָס די זון האָט פאַרטאָג
באַלויכטן סײַ מיך, סײַ די וועלט, וואָס כ׳פאַרמאָג.
דעם טאָך ניט דערגייענדיק, פּאַסט מיר, איך מיין,
די האַרבע געזעצן פון קיִעם פאַרשטיין.

איך וויל, ס׳זאָל דאָס לעבן מיר פּאַסן, מײַן זײַן,
ווי ס׳פּאַסט דעם פרימאָרגן די ליכטיקע שײַן.

# איך צייל מײַנע וועלטן

ניין, ניט פון קאַמצאַנעס איך צייל מײַנע וועלטן,
ווי כ׳מי זיך, און פריי זיך און ווייטעק ניט זעלטן.
איך צייל זיי, ווי ס׳ציילן די קלײנינקע קינדער
די גאָלדענע אויסיִעס אין גאַסן אַף שילדן.
ווי שוועבעלעך, שטעקעלעך, ציילן זיי גערן,
די מאַמע זאָל וויסן, דער טאַטע זאָל הערן...
איך צייל אין מײַן וועלט מײַנע ליכטיקע וועלטן,
וואָס ווארעמען מיך אין די ביטערסטע קעלטן,
וואָס טוען אַ פּיק מיך, ווי ס׳טרעפט זיך — אַ האָגל,
און גיבן מיר קויעך צו שלעפּן מײַן וואָגן.
און עפּשער גאָר כ׳צייל זיי, ווי ס׳ציילן זיך יאָרן...
אַ ווײַב אין מײַן טײַערסטער וועלט כ׳בין געוואָרן,
אין ליבסטער — אַ מאַמע געוואָרן אַ יונגע,
אין העלסטער — עס האָבן זיך לידער געזונגען.
אין אָנגעשטרענגט־פּרייַלעכער וועלט — פון באַגינען
געוועבט האָב איך לײַוונט אין לויף פון מאַשינען.
די וועלטן — כאָטש גרויס זײַנען זיי, אומגעהײַער,
נאָר אָרט אין מײַן הארצן — פּאָר יעטווידער סטײַעט.
און קום איך צו גיין אין דער וועלט פון אַ מאַמע —
איך מיין, אַז כוץ איר איז מער גאָרניט פאַראַנען;
און גיב איר אוועק ניט געקארגט מײַן נעשאָמע,
איך טוק זיך ווי אײַן מיטן קאָפּ אין די שטראָמען,
און שטראָמען מיך טראָגן אַף לענגען און ברייטן;
און גיי איך אַרײַן אין מײַן וועלט אין דער צווייטער,
אין וועלט אין דער דריטער, דער פערטער — אין אַלע,
ווען זייערע טירן כ׳דערזע זיך צעפּראַלן,
פאַרשטיי איך: זיי אַלע אײַן וועלט מײַנע זײַנען.
און טייקעף די אַרבל פאַרקאַטשע איך מײַנע,
ווײַל כ׳קום צו זיי שטענדיק מיט לײַב און מיט לעבן.
כאָטש ס׳דאכט זיך אַמאָל: כ׳האָב זיי לאַנג אָפּגעגעבן
די מי, וואָס געהאַט כ׳האָב, דעם אומרו, די ליבע...
נאָר אַלע מאָל פיל איך: ניין, ס׳איז מיר געבליבן
דער קויעך — זיך מיִען, זיך פרייען — דער ווילן.
איך צייל מײַנע וועלטן מיט בעסטע געפילן.

# מע ציט זיך אַריבער אין נײַע הײַזער

געמיינט האָבן ביימער אין סעדל:
עס וועט דאָס געהויקערטע הײַזל
אין אָוונט ווידער באַלײַכטן
די שויבן מיט ווארעמער ליכט,
און אָפּן אַלטמאָדישן זייגער
עס וועלן זיך רוקן די ווײַזערס,
און עמעץ וועט לאַנג מיט אַ בעזעם
באַם גאַנעקל בערשטלען די שיך.

עס האָבן געגרייט זיך די ביימער
און דאָרשטיק די זאַפטן געקליבן,
די צווײַגן געצויגן אין הייכן,
מיט ראָזלעכן צוויט זיי באַפּוצט.
נאָר איינמאָל אין אויטאָמאָבילן
עס האָבן די טוישווים פון שטיבל
דאָס מעבל באַשטאַט און די כפייצים
און קעסטלעך און פּעקלעך אַ טוץ.

אין ענגשאַפט פון שטוביקע זאַכן
געהויכט האָט אַ שאַפע אָן אַלטע,
ווי ס׳טרעפט — אין אַ וואַלד אַ פאַרלאָזטן
עס הויכט זיך אָן צווײַגן אַ שטאַם.
צוריק זיך געלאָזט האָבן לויפן —
און קיינער וועט זיי ניט פאַרהאַלטן —

דאָס הײַזל, דער פּלויט מיטן סעדל
אין גרינער, צעבלעטערטער ראַם.

און ערגעץ אַף ברייטע פּראָספּעקטן
צעפּראַלט האָבן דעמבבענע טירן
גרויסשטאָטישע נײַע געבײַען
פון בעסטן בעטאָן און פון גלאָז.
איז וואָס זאָל מען טאָן — אַף די רעדער
ניט אַלץ קאָן מען נעמען און פירן,
און ס'האָבן די טוישווים פון שטיבל
ניט בלויז זייער סעדל געלאָזט.

דעם הימל, וואָס איבערן סעדל,
איניינעם געלאָזט מיט די שטערן,
די סטעזשקע, מיט גראָז א באַזוימטע,
וואָס האָט זיי צום גאַנעק געפירט,
דאָס קלינגען פון פריִע טראַמווײַען,
וואָס גלײַך פלעגט אין הײַזל זיך הערן,
געלאָזט אין צעקנייטשטער סעראַטע
אַף שווערע זאַוויסעס א טיר.

עס בליִען די ביימער אין סעדל,
ווי דעמלט, ווען ס'פלעגט אינעם הײַזל
דורך צווײַגן אין אָוונטן לײַכטן
אין פענצטער א ווארעמע ליכט,
ווען אַפן אַלטמאָדישן זייגער
עס פלעגן זיך רוקן די ווײַזערס,
ווען עמעץ פלעגט לאַנג מיט א בעזעם
באַם גאַנעקל בערשטלען די שיך.

## א בײַדל פון טרוקענע צווײַגן

א בײַדל פון טרוקענע צווײַגן איז בעסער
פון סאַמע פון פּרעכטיקסטע לופטיקע שלעסער.
כאָטש ס'ברעכט ניט די פּלייצע באַ לופטשלעסער־בויער,
איז שווערער זיי בויען, ווי בויען א מויער.
די לופטשלעסער בויט מען פון אייגענעם אָומעט,
באַנאַכט, ווען די פינצטערניש לויערט א שטומע.
מע בויט זיי פון ניט קיין פאַרווירקלעכטע טרוימען,
מע בויט פון לעבּבעד געגאַנגענע זוימען,
פאַרקניפּטע מיט בענקען, מיט דײַגעס, מיט ווייען.
ווען ס'פרייט זיך — מע קאָן אָן א לופטשלאָס זיך פרייען,
ווען ס'שמייכלט זיך, וואָס קאָן זײַן בעסער, ווי שמייכלען
גלײַך אונטער די הימלש־אומענדלעכע הייכן.
איך אויך פלעג זיך לופטשלעסער זאָרגעוודיק בויען,
ווען בענקענדיק פּענטען עס פלעגט מיך דער טרויער.
מיט דײַגעס דעם אומעט כ'פלעג בינדן איניינעם —
ס'איז בוי־מאַטעריאַל פאַר א לופטשלאָס א שיינעם.
ווּ בויט מען דעם לופטשלאָס? אַף זאַמדן? אַף שנייען?
נאָר ווינטן די שנייען און זאַמדן צעווייען.
פון לופטשלעסער, וועלכע צו הימל־בלוי שטײַגן,
איז בעסער א בײַדל פון טרוקענע צווײַגן.

## לעוואָניקע בײַוול

צו דער לעוואָנע לאָמיך נאָר פאַרײַסן
דעם קאָפּ און מיט די אויגן פינטלען נאָכאַנאַנד,
און זי וועט פעדעם בלויע, רויטע, ווײַסע,
געטרײַ מיר ווארפן אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט.

אין קנײַלעכלעך כ'וועל זיי געבן גלײַך א וויקל,
ס'וועט יעדער קנײַלעכל פאַרמאָגן זײַן קאָליר.

באַם פענצטער כ׳וועל זיך איינמאָסטען און שטריקן
פון די לעוואָנע־בײַוול אָן א שיר.

צום אַלעם ערשטן וועל איך פון די פעדעם
זיך אויסשטריקן א קאַפּטל — איינע אין דער וועלט.
א שאַלעכל און גרינגע שיכלעך — נאָכדעם,
וואָס קויפן קאָן מען ניט אַזעלכע פאַר קיין געלט.

עס וועלן שפּילן איליק שווינדלען דינע,
אַזויפיל קנײַלעכלעך בונטע ליגן אין מײַן שויס.
כ׳מוז אויסשטריקן די פעדעם ביז באַגינען,
ביז אָפן ווײַטן הימל וועט די זון אַרויס.

ווען ס׳וועט דעם מוילעד לעשן דער פרימאָרגן,
וועט מײַן לעוואָנע־אַנצוג נעלעם ווערן גלײַך.
ס׳וועט עפשער עמעץ מיר ניט גלויבן מאָרגן,
ווי פּרעכטיק־שיין איז ער געווען, און ווי רײַך.

איך דאַרף, אַז מיר זאָל בלײַבן פאַר די אויגן
די גאָרע שיינקײַט, וואָס צערינט ניט ווי א רויך.
עס איז מיר נייטיק, זיך אַליין כ׳זאָל גלויבן,
אַז איך וועל גלויבן זיך — וועט מען מיר גלויבן אויך.




אין א האלבן יאָרהונדערט נאָך דעם, ווי דאָס סאָוועטישע פאָלק איז צוגעטראָטן צום פאַרווירקלעכן די היסטאָרישע אופגאבן פון דעם ערשטן פינפיאָר, האָט אונדזער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", א קינד פון די לעצטע פינפיאָרן, פארבעטן צוגאסט איינעם פון זײַנע ליטעראַרישע פאָרגייער — דעם זשורנאל „פראָליט", אין וועלכן די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט לויט די פרישע שפורן אָפגעשפיגלט די העראָישע צײַט פון דעם ערשטן פינפיאָר.

„פראָליט" איז דערשינען אין כארקאָוו אין די יאָרן 1928 — 1932. אף זײַנע זײַטן פלעגן זיך רעגולער באווײַזן ווערק פון די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, ווי אויך פון דער יונגער פאלאנגע. א טייל פון זיי פארעפנטלעכן מיר אין הײַנטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאנד".

ש ײַ ע ש ק א ר אָ וו ס ק י

# אין דאָנבאס

די נאכט האָט שוין גענומען גויסעסן. ווי א בלינדע האָט די גרויע נאכט זיך אָנגעשלאָגן אין דער סטאנציע יאסינאָוואטע. די נאכט איז טייקעף אָפגעטראָטן אף א פאָר טריט, געבליבן הענגען אף דעם טעלעגראַפן־דראָט און ניט געוואגט שטעלן א טראָט פאָרויס. זי האָט זיך געטוליעט צו ברייטע שטרעקעס און געשוואָלענע בערג, די בערג האָבן מיט זייערע שווארצע הויקערס צום פארוואָלקנטן הימל זיך צוגעשפארט און ס'האָט זיך אויסגעוויזן: בעהיימעס קערן זיך אום פון דער טשערעדע, הויכע בעהיימעס מיט שווארצע פינטלען, און רײַבן דאָ בא די וואָלקנס זייערע רוקנס.

מאלע וואָס ס'האָט זיך אויסגעוויזן!

די וואָקזאל־פענצטער האָבן געשוויצט. די פענצטער זײַנען געווען העל באלויכטן, פארכלינעט פון ליכט, אין דרויסן איז געווען קאלט און נאס. מענטשן מיט זעק אף די רוקנס האָבן

ארומגעבלאָנקעט איבערן נאסן פעראָן און אויסגעקוקט א צוג, וואָס זאָל אָנקומען פון ווײַטע שטרעקעס און וואָס זאָל שוין און וואָס גיכער אָפּפירן אינעם נאָענטן דאָנבאַס.

האָט שטיל דאָ צווישן גרויער נאכט און פארטײַעטע בערג אזוי ארומגעבלאָנקעט א יונגער פויער אין קאָרענע פאָסטעלעס מיט וואקסענע ליידיקע הענט. די הענט זײַנען ארויסגעקראָכן פון זײַן קורצן קינדערשן בעגעד און דער האלדז איז אויך פונעם בעגעד ארויסגעקראָכן און איז אויך געווען א וואקסענער, ווי עמעצער זאָל אָט דעם הויכן יונגן פויער מיט זאפרען אויס־שמירן, נאָר די אויגן זײַנע האָבן מיט פונקען אים דעם וועג באלויכטן.

האָט ער זיך אזוי ארומגעדרייט, דער פויער מיט די וואקסענע האלב נאקעטע הענט, צווישן די ברודנע געפלאָכטענע רעלסן און האָט פלוצעם א ציטער געטאָן פון קעלט. האָבן, אף אים קוקנדיק, אלע דאָ, אָט די, וואָס זײַנען מיט זעק אף די פלייצעס, און די, וואָס שטייען מיט טשעמאָדאנעס און מיט א ביטערן פארדריסלעכן שמייכל, און די גאנצע גרויע נאכט ארום, אלע האָבן מיטאמאָל א ציטער געטאָן און זיך דערמאָנט, אז אין וואָקזאל, דאָ, אף דער פאר־וואָרפענער שלימשלימאזלדיקער סטאנציע יאסינאָוואטע, קאָן מען זיך דערוואַרעמען מיט א הייס גלעזל טיי.

געבליבן איז אין דרויסן נאָר אָט יענער פאראקשנטער אינזשעניער, וואָס האָט דעם ציגאר פון מויל ניט ארויסגעלאָזט און וואָס האָט די הענט פון זײַן לעדערן רעקל, אויך עמעצן אפצולאָכעס, ניט ארויסגעשלעפּט. האָבן דעם אינזשעניערס עלנבויגנס געסטאַרטשעט אין דער נאכט, ווי פלעקער, און קיינער האָט ניט געוואגט דעם אינזשעניער פרעגן:

— ווּהין? קיין מאקאיעווקע צי קיין ריקאָווקע?

דער יונגער פויער איז בא די באלויכטענע וואָקזאל־פענצטער געשטאנען, ווי בא אָן אייוועלע זיך געוואָרעמט, און האָט שטיל געניסט. זײַנע וואקסענע הענט זײַנען נאָך אלץ אראָפּגעהאנגען, גלײַך ווי זיי זאָלן עפּעס זוכן אף דער שוואַרצער ערד.

דער אינזשעניער האָט דעם קאָפּ געהאלטן גלײַך און ניט געוואָלט מיטן קאָפּ א ריר טאָן. ער איז געשטאנען אָן אײַנגעשפּארטער און יעדעס מאָל, ווען דער הויכער פויער האָט דאָ דערנעבן בא די פענצטער א נײַעם ניס געטאָן, האָט דער אינזשעניער שטאַרקער פארציגן דעם ציגאר און צום סאָף ניט אויסגעהאלטן, זיך אויסגעקערעוועט און איז צו צום פויער:

— סעזאָניק?

דער פויער האָט ביידע יונגע הענט זײַנע מיטאמאָל אופגעהויבן און זיי אונטערגעטראָגן דעם אינזשעניער:

— אָט זע, וואקסענע זײַנען מײַנע הענט.

— ווּהין? — האָט דער אינזשעניער ווײַטער געפרעגט און דערבײַ בייז געסמאָקעט דעם ציגאר.

— דאָנבאַס! — האָט קורץ און אָפּגעריסן, ווי דער גאנצער בעגעד זײַנער, געענטפערט דער פויער.

דער אינזשעניער האָט די הענט זײַנע פון די טאשן ארויסגעשלעפּט, האָט אויסגעגלײַכט די עלנבויגנס און גענומען ווײַטער אויספרעגן:

— געווען אף ארבעט?

— ווי אלט ביסטו?

— פאראן א קאָמאנדירונג?

דער פויער האָט די הענט אונטערן רוקן פארבויגן און אין דער פינצטער צעבונדן דעם קנופּ פון שטריק, וואָס האָט דעם קורצן קינדערשן בעגעד זײַנעם שטײַף ארומגעכאַפּט. האָט זיך דער בעגעד צעעפנט ווי א טויער — און דער אינזשעניער האָט דערזען א נאקעט וואקסן לײַב. אין דער פאָלע פון בעגעד איז די קאָמאנדירונג געווען אײַנגענייט:

— קאָמונעזאַם, — האָט דער פויער דערקלערט.

— און א צײַגעניש פון דאָקטער איז פאראן? — האָט דער אינזשעניער קאלטבלוטיק גע־פרעגט.

ווידעראמאָל האָט דער פויער ביידע וואקסענע הענט זײַנע אונטערגעטראָגן דעם אינזשע־ניער, נאָר יענער האָט שוין אָט די הענט אין אכט ניט גענומען, ער האָט דערוויכערט דעם ציגאר און פון צווישן דער גרויער נאכט האָט עמעצער א בייזן ברום געטאָן. ס׳איז אָנגעלאָפן דער מאַרי׳ופּאָלער צוג, א פארפינעטער און פארשוויצטער. די שײַן פון די וואָקזאל־פענצטער איז געוואָרן בלאסער, די בערג האָבן מיטאמאָל זייערע הויקערס אויסגעגלײַכט און מיר האָבן אלע דערזען, אז ס׳זײַנען גאָר קיין בערג ניט געווען, נאָר וואָלקנס, נידעריקע און געדיכטע, וואָס זײַנען זיך פאַמעלעך פויל צעשוווּמען.

אלע האָבן פאַרלאָזט יאַסיניאָוואַטע, א סטאַנציע, וואָס געפינט זיך בא אַכצן ווי־אַרסט פון דאָנבאַס, צווישן בערג, וואָס זיינען גאָר קיין בערג ניט, נאָר געדיכטע געשוואָלענע וואָלקנס.

## דער פּראַנצויז באַסע

א שטאָט מיט אָפענע טויערן, וואָס הייבט זיך אָן און פאַרענדיקט זיך מיטן זאַוואָד און ווי נאָר איין מאָל, אום זונטיק, טוט דער פאַרמאַרעשכוירעטער הימל צוליב, וואַשט זיך אַרום און טוט א שיין מיט ניַיעם כיין, פונקט, ווי די אַרבעטער, וועלכע פאָרן היינט הין און צוריק אין דער צעטרייסלטער איַיזערנער בויד צום זאַוואָד „באַסע" און צוריק.

דורך אָפענע טויערן איז אין צענעזיקטן הויף די אַרבפּאַקאָווקע אַריַינגעקומען. א מאָדנע אַרבפּאַקאָווקע מיט א האַלדז ברוינע קאָרעלן און מיט א שמייכל אַף די ליפּן. אין זאַוואָד־הויף צווישן שטיין און בלאָטיקן שליאַך איז איר אַנטקעגנגעקומען דער בריוטרעגער. האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. דער בריוטרעגער האָט שוין געוווסט, ווהין זאָל ער פאַרקערעווען. צוויי קרוד־מע רעלסן לויפן באַרג־אַראָפּ, צום טאָל, אין וועלכן ס'איז צעוואָרפן דאָס אַרבעטער־שטעטל און א שמאָל שטעגעלע, וואָס פירט צום פּאַבזאַוואָקאָם.

איז די אַרבפּאַקאָווקע דעם וועג פאַרלאָפן און די ברוינע קאָרעלן אַף איר האַלדז האָבן אָפּגעקלונגען:

— מאַטווייעוואַ, אַרבפּאַק פון די מעטאַליסטן.

דער בריוטרעגער האָט מיטאַקיוון לאַנגזאַם געזוכט דעם בריוו און אויך אַזוי לאַנגזאַם, מיט שטילער האַנאַע, באַטראַכט די גרויסע קלינגענדיקע קאָרעלן, וואָס באַמבלען זיך אַפן האַלדז פון דער מאָדנער אַרבפּאַקאָווקע.

נאָכדעם האָט דאָס מיידל דעם בריוו געכאַפּט און ראַפּטאָם זיך צום טאָל געלאָזט, צום אוטאָבוס, וועלכער שטייט אינמיטן טאָל, א הויכער, א צעטרייסלטער ווי אַף שטאָלצן, מיט איין פּאַדערשטער טיר.

די קאָנדוקטאָרן בייגט זיך אַרויס פון דער בויד, קוקט זיך אַיַין אין אירע פּאַסאַזשירן, אינעם געדיכטן און מונטערן אַרבעטער־אוילעם.

— אלע „באַסעווצעס".

און אין דער בויד, וועלכע מע רופט דאָ מיט גאַדלעס אוטאָבוס, זיינען שוין ביידע לאַנגע בענק פאַרנומען, ווי אַף א פאַרזאַמלונג ערעוו די פּרעזידיום־וואַלן, לייענט מאַטווייעוואַ דעם אָקאַרשט באַקומענעם בריוו, און עמעצער צעבינדט אומבאַמערקט איר שנירל קאָרעלן. די קאָרעלן צעשיטן זיך.

— כוליגאַן, — בייזערט זיך מאַטווייעוואַ.

די ברוינע קאָרעלן קייקלען זיך אַף דער פּאַדלאָגע, און א יונגער געלעכטער לויפט זיי נאָך איבער אַלע ווינקלען און קיינער קאָן אָט דעם געלעכטער ניט איַינשטילן. מאַטווייעוואַ קריכט אַרום אַף דער פּאַדלאָגע, פּלאָנטערט זיך צווישן די פיס, און כעוורע מאַכט פון איר שפּאַס:

— אַן אַרבפּאַקאָווקע מיט קאָרעלן.

און נאָר די שוואַרצכיינעוודיקע קאָנדוקטאָרן איז ערנסט:

— „באַסע"!

טאַטעס דערציילן קינדער:

— געווען דאָ אַמאָל א פראַנצויז באַסע. ס'איז נאָך דאַמאָלסט קיין ראַיפּאַרטקאָם ניט גע־ווען און קיין אַרבפּאַק איז אויך ניט געווען, נאָר קוילנגרובנס אַרום און ווינטן. איז ער גע־קומען, באַסע, מיט צוויי בייזע הינט און האָט דאָ דעם זאַוואָד אוועקגעשטעלט.

שטיפן די יאַטן:

— שטייט ער טאַקע?

— און ווו זיינען די הינט?

די ווינטן אַרום דעם אַלטן זאַוואָד „באַסע" זיינען נאָך די זעלבע. זיי יאָגן אַרום צווישן די טאָלן, ווי הונגעריקע וועלף, דרייען זיך איבער דעם נאַקעטן פעלד, פאַרקריכן אין די אָפענע גאָרגלען פון די ריזיקע קוימענס. די זאַוואָדן און די קוילנגרובנס, די שוואַרצע פּאַרוי־כערטע שטרעקעס הערן די ווינטן ווי דעם נעכטיקן טאָג. זיי טוען זיך זייערס. דער אוילעם פירט א האַפּערדיקן שמועס אַפן גאַנצן וועג, וואָס ציילט איַינגאַנצן צוועלף ווי־אַרסט פון סטאַ־לינאָ ביז מאַקייעווקע.

פּײַפן דינע, ווי שפּיזן, דרעלעוועו דעם צערונענעם פּאַרטאַג, נאָכדעם רעוווען די קוימענס מיט א צעבראָכן קאָל, גלײַך ווי מע זאָל דאָרט אין די שוואַרצע הויפנס אונטער די בערג מיסט עמעצן קוילען און זיי רופן, ס'זאָל עמעצער קומען ראַטעווען און אָפּשטעלן די שכיטע. און אַז ס'קומט צו פּאַרנאַכט־צו, פּלעכט זיך איבער א מילד געזאַנג פון צענדליקער קוימענס, און וואָס נעענטער מע קומט צו דעם געזאַנג צו, ווערט ער אַלץ מילדער, ווי ניט צענדליקער קוימענס, נאָר איינער א זינגער זאָל זינגען.

און אַז ס'קומט די נאַכט, א כאַשעווע, אָנגעפּעלצטע דאָנבאַסער נאַכט, וואָס זעט דאָ אומעטום אויס באַזונדער ערנסט און שטרענג, ברומען דאָן די קוימענס אויך אַזוי כאַשעווע. נאָר איידער די נאַכט קומט אָן, איז דאָס בריקל באַם אַלטן זאַוואָד „באַסע" פול מיט יוגנט. אַלע אין ברוינע רעגנמאַנטלען. געבליבן איז נאָר דער נאָמען „באַסע" און א דערמאָנונג וועגן צוויי בייזע הינט. צי האָט באַסע געהאַט אויך טעכטער און צי האָבן זיי זיך געלערנט, ווי מאַטוויעוואַ, אין ארבפאַק, — ווייסט דאָ קיינער ניט.

טאַטעס מײַדן אויס דאָס בריקל. זיי קומען נאָר צו אַמאָל אַהער, ווי צום פּלויט פון א שאָכנס הויף.

— פּאַוועל פּאַראַן!

— וואָס איז דען?

— אָף סמאָליאַנינער א זיצונג!

## „מעטאַלורגיע"

אין הויף פונעם מעטאַלורגישן זאַוואָד האָט מען הײַנט אײַנגעשפּאַנט די פערד. זײַנען געקומען קוקן קינדער, און גאַרניט אַזויפיל קינדער, ווי עלטערע אַרבעטער אויך. מע שפּאַנט דאָ זעלטן די פערד. דער אוילעם קוקט בייז אָף דעם, ס'איז אַן איבעריקער לוקסוס.

— פערד, ווער דאַרף עס...

און וואָזשע זאָלן זיך די פערד דאָ צעיאָגן, אַז אָף יעדן טראָט לויפן, ווי צעטומלטע פּאַרשוינען אָף א יאַריד, וואַגאָנעטקעס, אײַזערנע זשוקעס, וועלכע עמעצער האָט קונציק אונטערגעקאָוועט און זיי קריכן אומעטום, איבערן גאַנצן הויף, אין אַלע הינטערגעסלעך, אויסער דער שטאָט, אין טאָל און פעלד, אָף דער בלאָטיקער צעפּאַרעטעטער ערד, און אָף די רוקנס פון די שוואַרצע, ריזיקע מיסט בערג, וואָס באַ די קוילנגרובנס.

האָט דער עקיפּאַזש אָפּגעפירט די פרעמדע געסט, וועלכע זײַנען געקומען אַהער, מיט זייערע הויכע רייד און זינגעוודיקע שטימען, צוריק אין דעם האָטעל „מעטאַלורגיע".

אונטן אין האָטעל זיצן באַם שערער אינזשעניערן מיט בײַכיקע פּאָרטפעלן, אינזשעניערן, וואָס זײַנען געקומען פון ווײַטע שטעט, און ביז וואָס, ביז ווען קוקן זיי אַרײַן אין די „פּלעבער", דרייען זיך אַרום די אַרבעטער, וואָס שערן זיך אין „מעטאַלורגיע", ווײַל זונטיק איז דאָך אומעטום פּאַרמאַכט.

געדיכטע טעפּיכער זײַנען דאָ, אין „מעטאַלורגיע", אָף וועלכע ס'זיצן פּאַרצאָרגטע טערקן. אָף די טעפּיכער איז אויסגעהאַנגען א מעלדונג פון דער אַרבעטס־אָפּטיילונג.

שטיל זײַנען די טריט פון אָקאָרשט אָנגעקומענע מענטשן.

— אוראַל!

— דאָן!

— דניעפּער!

— וואָלגע!

די נעמען פון די שטעט באַהאַלט מען אויס איינער פונעם צווייטן. דאָ, אין דאָנבאַס, קלינגען אָט די נעמען ווי קליינגעלט.

די פרעמדע פּאַרשוינען זײַנען אַרויס פון עקיפּאַזש. דער עקיפּאַזש איז פלינק אוועק פון „מעטאַלורגיע", גלײַך ווי ער זאָל אָקאָרשט אָפּטאָן עפּעס א מיִעסע זאַך.

— ווער איז אָנגעקומען?

א מענטש אין שטיוול. ס'ווײַזט אויס, אַז אָט דער מענטש האָט זיך באַמיט די שטיוול זײַנע אַרופצוציִען וואָס העכער, און נאָך אַלעמען האָבן זיי זיך באַקומען, די שטיוול, קורץ און קליין, און דאָך ציִען זיי צו אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ס'רייצט זייער אויסערגעוויינלעכער גלאַנץ. לאַקירטע אויסלענדישע שטיוול.

און דער מענטש אליין איז א קלײנינקער, װי א שרעטעלע שפּאַנט ער אַרום איבער די קאָרידאָרן אין א געלער פּיזשאַמע מיט גלעזערנע קנעפּלעך.

וואָס האָט צו טאָן אַזעלכער דאָ, אין „מעטאַלורגיע"? מע קוקט אַרויס פון די צימערן און מע זאָגט שטיל מעװינעס:

— מיסטאָם מיט א צירק געקומען.

אַפּדערנאַכט האָבן מיר זיך דערװוּסט:

— פון אַרטיאָמאָװסקער אַקרפּלאַן. אויך אַן אינזשעניער.

דער קלײנינקער אַרטיאָמאָװסקער אינזשעניער איז געזעסן, פאַרוואָרפן א פוס איבער א פוס, און געפּירט עפּעס אַן אײגענעם אינווײניקן כעזשבן, אַראָפּגעקוקט צו די גלאַנציקע שטיװל זײַנע, װי מיט זײַ זיך מעיאַשעװו געװוען.

אין „מעטאַלורגיע", אַז דו זעסט א נײַעם מענטשן, קאָנסטו, אַז דו װילסט, נאָר א שמײכל טאָן:

— א מין קלײנינקער, װי א ניסעלע.

נאָכדעם האָבן דעם קלײנינקן אינזשעניער, װאָס איז געקומען פון אַרטיאָמאָװסקער אַקר־פּלאַן, אַרומגערינגלט א סאַך אינזשעניערן, װעלכע האָבן זיך פון אַלע צימערן צונויפגעקליבן, און אײנער א הויכער מיט גראָװלעכע באַקענבאַרדן האָט מיט גרויס דרערכערעץ א פרעג געטאָן:

— טרעט איר טאַקע צו בויען א נײַע דאַמנע?

און דער קלײנער אינזשעניער אין די לאַקירטע אויסלענדישע שטיװל האָט גענומען רעדן װעגן גרויסע בוינגס־פּלענער.

הײַנט גײַ זײַ א מיװון!

אין קאָרידאָר גײען אַלע אַרום מיט שטילע טריט, און אַז אין אַלע צימערן שלאָפט מען שוין, דרייט זיך נאָך א צײַט אַרום אַליין דער לערער מיט די קורץ־אונטערגעשױרענע װאָנ־צעס. ער איז אין דעם היטל, גלײַך װי ער קלײַבט זיך באַלד פונדאַנען אַװעק. ער האָט א קאָמאַנדירונג אין דער שול קײן ריקאָװוקע. ער פילט זיך איצט, דער לערער, אַזוי ניט הײמ־לעך און זוכט, מיט װעמען א װאָרט אויסרײדן.

איז צו אים פלוצעם אַזוי צוגעגאַנגען דער פאַרשטײער פון ר.ק.אי., אָנגענומען פאַר בײדע אַקסלען און א טרײסל געטאָן:

— סערגײ, ביסט א גרויסער נאַכאַל.

דער לערער האָט דערשראָקן אויסגעקערעװעט דעם קאָפּ און איז געבליבן שטײן דער־שטוינט:

— טפו זאָל עס װערן, געמײנט סערגײ, — האָט זיך פאַרענטפערט דער פאַרשטײער פון ר.ק.אי.

איז מען נאָכדעם שוין בײדע אָפּגעשטאַנען דאָ אין קאָרידאָר פון „מעטאַלורגיע". דער לערער, װאָס פאַרט אין דער נײַער שול און װאָס איז איבערצײַגט: זיכער אַלע הונדערט פּראָ־צענט פּיאָנערן, און דער ברײטפּלײציקער פאַרשטײער פון ר.ק.אי., װאָס טײַנעט זיך זײַנס:

— צו א ספּעץ, פאַרשטײט איר מיך, דאַרף מען װיסן װי צוגײן.

די נאַכט אַרום „מעטאַלורגיע" רױשט, א גאַנצע שטאָט פיבערט אין היציקן גאַלאָפּ. ס'הוד־זשען די קוימענס פון אַלע זײַטן, און דאָ, אין קאָרידאָר פון האָטעל, שפּאַנען אַרום דער לערער און דער פאַרשטײער פון ר.ק.אי. און קאָנען בײדע ניט אײנשלאָפן װערן.

## שװאַרץ ברויט

א שװאַרצע װעלט. די גאַנצע לופט איז דורכגעזאַפּט מיט שװאַרצן שטויב. אַף דער שװאַר־צער, װײכער, דורכגעװײקטער ערד פאָרן מיר צו דער סמאָליאַנינער קױלנגרוב.

אָט איז זי, די סמאָליאַנינער, פאַרקראָכן אין א זײַט, און מיר, זעען זי שוין ניט — פאַטער...

א קלאָרער, בלױער הימל, װאָס האָט אָקאָרשט די פאַרקיסנטעטע אויגן זײַנע דורכגעריבן. גרויס־סע ליכטיקע אויגן, און אַן ערד, װאָס שמעקט מיט פרילינג און עטעמט מיט װאַרעמקײט.

װאָלסט שוין געקאָנט פאַרגעסן, אַז דו ביסט אין לאַנד פון שװאַרצן ברויט. זײַנען מיטאַ־מאָל אָנגעקומען מענטשן. װילט זיך אָפּשטעלן די צעטרײסלטע בויד, אָפּשטעלן דאָס יאָגן פון אײגענעם האַרץ. האָסט שוין ערגעץ, אַמאָל אַזױנע מענטשן געזען, ניט אין דאָנבאַס, נײן, אין

ערגעץ אַן אנדער לאַנד, צווישן אַ ווילד־פרעמדן פאָלק, ביסט דעמלט נאָך געווען אַ קינד, נאָר שוין געפילט דעם טאַם פון אָט יענעם לאַנד, פון אָט יענעם פרעמדן שייוועט.

דאָס האָט עמעצער, וועלכער פאָרט מיט אונדז אין בויד, אַמאָל אין אַ בוך איבערגעלייענט וועגן מענטשן פון אַ פרעמדער ראַסע, איז וויל ער אָט די אייגענע פאַרגלײַכן מיט יענע פרעמדע.

זאָל ער!

די מענטשן, וואָס מיר באַגעגענען אויפן וועג, גייען עטוואָס אָנגעבויגן, האַלטן זיך אין איין זײַט, גלײַך ווי אויך דאָ, אויף די פרײַע שטרעקעס, וואָלטן זיי אויסמײַדן אַ צופעליקע פײַנטלעכע קויל. בײַ די מענטשן, וועלכע זײַנען אָנגעלאָדן מיט אײַזערנע לאָפּעטעס, ווי ברייטע צעעפנטע דלאָניעס, לײַכטן די ציין מיט אַ ווײַסן פײַער, און די ליפּן זײַנען העל־רויט, און די אויגן געוועגדט אין איין פּינטל. שוואַרצע מענטשן. זיי גייען, ווי מאַטראָסן, וואָס קומען אויף דער יאַבאָשע, צעשטעלן ברייט די פיס, און דער שפּאַן זייערער האָט אין זיך אײַלנדיקײַט און ניט זיכערקײַט.

דער קוילנגרובן קריכט מיטאַמאָל אַרויס פון זײַן באַהעלטעניש, ווי אַ ריז. קומסט אַרײַן אַהין מיט פאָרזיכטיקע טריט. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן הייבסטו אָן פילן אונטער זיך די ערד און פּרוווסט אַליין, פאַר זיך, באַשטימען דײַן אייגענע באַציִונג צו איר. האָסט קיינמאָל אין לעבן וועגן דעם ניט געטראַכט. איצט טראַכסטו, ווי זאָלסטו זיך מיט איר באַגיין. ביסט דורכגעדרונגען מיט יִיראַס־האַקאָווער צו דער שוואַרצער, פײַכטער ערד, וואָס קלעפּט זיך צו דײַנע פיס. דאָס אַליין איז אָבער נאָך ווייניק, עפּעס מוז מען דאָ זיך צוהערן צום אייגענעם שפּאַן.

ווערט אַ פאַרדראָס און גרויסע קינע געבוירן צו אָט די 600 סמאָליאַנינער אוויִאַכימאָוו־צעס, וועלכע פילן זיך איצט אַזוי פרײַ און ניט געבונדן, דאָ, אויפן פּלאַץ בײַם קוילנגרובן, מענטשן, וואָס פאַרגעסן גאָר, ווו זיי זײַנען אין דער וועלט.

אויסערן פּלאַץ איז פאַראַן נאָך אַ צווייטער הויף, וואָס איז אַרומגעכאַפּט אין אַ העליש פײַער. אַ הויף ברענט, און קיינער קוקט זיך ניט אַרום אויף דער באַטאָגיקער סרייפע, אַזוי ווײַזט זיך אויס. אינדערעמעסן האָט עמעצנס אַ ריזיקע האַנט אַריבערגעוואָרפן אַ בריק, און אַ צווייטע, און אַ דריטע, און אויף אָט די בריקן שטייען דרייסטע קאַפּיטאַנען, ווי אויף אַ שיף, און פירן אָן, און פלאַנעווען מיט אָט דעם פײַערדיקן שטראָם.

די בריקן זײַנען אונטן און אויבן, ווי אַ ריי גאָרנס, פאַרבונדן איינס מיטן צווייטן. צווישן אָט די גאָרנס יאָגן אָנגעגליטע וואַגאָנעטקעס, וואָס פירן דעם אָפּגעקילטן קאָקס. דאָס פײַער גייט אויס, און די ווינקלען זײַנען נאָך באַלויכטן, ווי אויף אַ סצענע. דער אָפּגעקילטער קאָקס ליגט קופּעסווײַז אינמיטן הויף, ווי ברודער־קוואָרים.

דער הויף איז אָנגעגליט, ווי אַ גרויסער קאַלך־אויוון. פון אַלע זײַטן שפּריצט מיט פײַער־דיקע פונקען, וואָס טאַנצן אינדערלופטן, ווי רויטע שנייעלעך. בײַ אַ זײַט שטייט אַ יונגע אַר־בעטערן מיט אַ פײַערדיקן שטורקאַץ אין האַנט און לעשט אים פּאַוואָלינקע, באַטראַכט, מיט האַנאָע, גלײַך ווי זי זאָל אָפּפּליקן אַ הון. נאָכדעם וואַרפט זי אַוועק דעם שוואַרצן אָפּגעקילטן שטורקאַטץ, טאַנצט פריילעך אונטער, און ס׳לאַכן אירע גרויע אויגן:

— כ׳פּאָר קיין פּיטער!

מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל, ווי אַמאָל אין אַ היימישן פאַרנאַכט, ווען אַלע צעגייען זיך. פונווײַטנס קוקט די שאַכטע ווי אַ שוואַרצער ברונעם, ווי אַ ברוינע כײַע, וואָס עמעצער האָט פאַרטריבן, אַ לײַכטער, זילבערנער שטויב דרייט זיך פאַר די אויגן. דער ווינט שפּילט זיך ווי אַ קינד, מיטן אָפּגעקילטן קאָקס.

די אַרבעטער פאַרקערעווען אין אַ שמאָל געסל, שטעלן זיך אויס אין אַ ריי און גיבן אָפּ די לעמפּלעך. די קאַמער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אויסשטעלונג פון טונקעלע פײַערן. יעדעס פײַערל זיצט אין געקאָוועטן, מיט דראָט געפּענטעטן לעמפּל, ווי אַ ווילד כײַעלע אין אַן אײַ־זערנער שטײַג.

שטייט אַן אַרבעטער אינמיטן הויף און באַטראַכט אַ רעגע דעם הימל און די גאַנצע בלויע שעפע זײַנע און דעם טאָג, וואָס איז ליכטיק, און עפּשער האָט ער כאַראָטע אויף דעם, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן דאָס לעמפּל, מיט וועלכן ער איז זעקס שאָ געווען פאַרבונדן, ווי מיט אַ ברודער.

וואָס איז אַזוינס שוואַרץ ברויט, און אייגענע ווײַסע הענט, און אָט די צײַטונגען אין די טאַשן, און דער זייגער, וועלכן טראָגסט מיט זיך יאָרנווײַז, און דאָס ווײַסע פּאַפּיר, מיט וועלכן טיילסט זיך שטענדיק, ווי מיטן נאָענטסטן פרײַנט, און דערציילסט אים אַלץ, וואָס אַ האַרץ קאָן גלוסטן, וואָס פילסט און טראַכסט.

שווארץ ברויט איז עפּעס אַנדערש. לאָזן מיר דאָ אַלץ איבער, צי׳ען אַרויף אויפן נאַקעטן לײַב שטײַפע לײַוונטענע בגדים, גרויסע שטיוול, נעמען אַ לעמפּל און ווילן עס באַטראַכטן — אָט דעם שטומען איידעס, וואָס וועט אונדז באַגלייטן אין נײַעם וועג אונדזערן. מיר באַווײַזן אָבער איצט ניט צו טראַכטן.

— איינס, צוויי, דרײַ.

מע קלאַפּט אָן מיט אַ האַמער אין דער שטומער ערד, אין איר אײַזערנעם דעק, ווי אַמאָל די מאַמעס אין זיידנס קוואָרים. מע גיט צו וויסן דער ערד, אַז מיר גייען צו איר. די ערד לייגט צו איר אויער און הערט זיך אײַן.

## ערד און הימל

די אײַזערנע שטײַג איז ווי אַ פליִנקער כּוואַרעמאַן אַראָפּ אין אָפּגרונט, און אויך אַזוי מיטאַמאָל איז געוואָרן אויס הימל. ווי מע זאָל אים, דעם הימל, פּלוצעם פון די הענט אַרויסרײַסן. און נאָר דאָס לעמפּל אין האַנט האָט ווי אַ לעבעדיק באַשעפעניש דרייסט געקוקט אין אָפּענעם אָפּגרונט.

פון די ווענט, צווישן די דראָטענע פּענטעס פון אונדזער שטײַג, האָט געשמיסן אַ בייזער רעגן, און אין דער שוואַרצער שטילקייט האָט באַזונדערס הילכיק אויסגעוויזן זײַן בייז קלאַפּן. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ ווייכער טיפעניש, וואָס האָט, דאַכט זיך, קיין שום שײַכעס ניט געהאַט צו דער ערד. טיפעניש אַליין האָט דאָ געהערשט. דערפאַר, ווי נאָר אונדזער שטײַג האָט זיך אָפּגעשטעלט, זײַנען מיר נאָך אַ רעגע אין איר פאַרבליבן, גלײַך ווי מיר זאָלן ניט וועלן שיידן זיך מיט אָט דער ווייכער טיפעניש.

אייגנטלעך איז קיין ערד ניט געווען. ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ מאַרעשכווירעדיקע אײַזערנע וואַנט פאַר די אויגן. אַ ברייטע טיר האָט זיך שווער צעעפנט און אַ וואַרע געמאַכט.

מיר זײַנען געגאַנגען צווישן שטיינערנע ווענט, אויף נאַסער שוואַרצער ערד. די לעמפּלעך האָבן דאָ ניט געוואָרפן קיין שאָטן. ווי גלעקעלעך אין דער וויסטעניש, האָבן זיי אָנגעזאָגט אויף אַ וועג, וואָס האָט קיין סאָף ניט. מיר זײַנען געגאַנגען אײַנגעבויגן אײַנדרײַען, און ס׳האָט זיך געוואָלט אָפּשטעלן און באַטראַכטן, ווו ביסטו עס אין דער וועלט.

אָפּשטיין טאָר מען ניט. די פײַערלעך מוז מען האָבן אין אויג. אַז זיי פאַרשווינדן, כאַפּט דיך אַרום פינצטערניש פון אַלע זײַטן, און דו פילסט, אַז דו ביסט פאַרשלאָסן אין אַ פינצטערניש, וואָס דו האָסט אין לעבן ניט געזען, אין וועלכער מע קאָן דערטרונקען ווערן, וועלכע טרעט מיטאַמאָל צו צום האַלדז און נעמט דיך וואַרגן.

און מיטאַמאָל אַ באַגעגעניש מיט מענטשן. מיט אַרבעטער, וואָס פירן די וואַגאָנעטקעס. אויף אַ רעגע זיך אָפּגעשטעלט און באַגריסט איינס דעם צווייטן, דאָ, אין שוואַרצן אָפּגרונט, פּילסטו באַזונדערס, וואָס הייסט אַזוינס מענטש, אַרבעט און גוטברודערשאַפט. אָט באַלד וועלן מיר פאַרייכערן, און אָט דער הויכער מענטש, וועלכן דו זעסט ניט, נאָר פּילסט ווי אַ בלינדער, אַז עמעצער איז נאָענט לעבן דיר, פרעגט, ווער ביסטו, און אין זײַן ענטפער פּילסטו זײַן גוטמוטיקן שמייכל, וועלכן דו קאָנסט בעשום־אויפן ניט זען, אַ שמייכל, גלײַך ווי ער זאָל פעסט די האַנט דיר דריקן. און מיר גייען ווײַטער און טרעפן נאָך אַ לעבעדיקע באַשעפעניש.

אַ פערד!

דאָס פערד שטייט אײַנגעגראָבן אין דער ערד אויך אַזוי ערנסט און באַטראַכט, ווי אָט די שוואַרצע הינטערוועלט. אָבער נאָענט צו דער דאָזיקער באַשעפעניש טאָר מען ניט צוגיין, זי בײַסט זיך. דערנעבן אין היי שלאָפט געשמאַק אַן אַרבעטער, די פיס פאַרבויגן אונטער זיך, ס׳זאָל זיי ניט פאַרכאַפּן אַ צופעליקע וואַגאָנעטקע. ער היט די פערד־שטאַל. איצט איז ער פרײַ, שלאָפט ער, אין שטאַל שטייט יעדעס פערד אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג. בײַ די פערד — הויכע רוקנס, און אויף די ברעטלעך:

— Облачный.
— Милый.
— Товарищ.

מיר גייען ווײַטער. פּלוצעם באַמערקן מיר: אויף אַ וואַנט הענגט אַ רעקל, גלײַך ווי אַ קינאָ־אַפּאַראַטאָר זאָל דאָ עס מיטאַקיוון אויסהענגען. נאָך אַ פּאָר שפּאַן — אַ טישל צוגערוקט צו דער וואַנט, אַ לעמפּל צאַנקט. בײַם טישל זיצט אַ מענטש, ערנסט פאַרטאָן אין כּעזשבוינעס. ס׳איז דער טאַבעלשטשיק, וואָס האַלט כּעזשבן.

הונדערט וואַגאָנעטקעס, דרײַ הונדערט, טויזנט.

ווי פֿל צײַט זײַנען מיר שוין אָט דאָ אין אָפּגרונט?

מע וועט אונדז זאָגן נאָכדעם אויבן. דערווײַל הייסט מען אונדז זיך אויסציִען. מיר לייגן זיך אַף דער נאַסער ערד, אַ טונקעלע מאַטע שײַן קריכט פֿון ערגעץ ארויס — אַ לאָך אין וואַנט. מיר שטעקן אהין אריַין דעם קאָפּ און דערזעען אַ מענטשן, צונויפֿגעדרייט, אײַנגעהויקערט, מיט אַ שפּיציקן האַמער אין האַנט. דער מענטש הייבט דעם האַמער עטוואָס איבערן אייגענעם קאָפּ. און שטיקער גלאַנצנדיקע קוילן לייגן זיך ארום אים, אָט וועלן זיי אים אײַנגאַנצן פֿאַרשטעלן. יאָגט אָבער אָן אין דער ווייכער טיפֿעניש אַ וואַגאָנעטקע, און מענטשן מיט ברייטע לאָפּעטעס, ווי צעשפּרייטע דלאָניעס, שאַרן ארויס דעם פֿרישן, פֿײַכטן קוילן־פּלאַסט.

און אַז מיר האָבן הימל דערזען איבער זיך, האָבן מיר זיך איינס דעם צווייטן ניט דערקענט, ווי מענטשן פֿון אָט דער גרויסער און מעכטיקער אַרבעטס־ראַסע.

מיר האָבן פֿאַרזוכט דעם טאַם פֿון שוואַרצן ברויט, דערשפּירט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, וואָס איז אַזוינס ערד און וואָס איז אַזוינס הימל. דאַכט זיך, מיר וועלן שוין וויסן, אַפֿן גאַנצן ווײַטערדיקן לעבן וויסן, וואָס עס איז אַזוינס ערד און וואָס עס איז אַזוינס הימל, און זיך לערנען ביידע צוגלײַך שאַנעווען.

דערווײַל אָבער אײַלן אונדז צו די כאַוויירים פֿון דער סמאָליאַנינער קוילן־גרוב:

— דער אָוונט אין קלוב איז באַשטימט אַף אַכט אַזייגער.

האָבן מיר, הייסט עס, פֿינף שאָ פֿאַרבראַכט אין שוואַרצן אָפּגרונט.

(נומ. 7—8, 1929)

■

## מוישע אַראַנסקי

# אופבוי

די ווײַסטע בסורע האָט אַנטקעגן געטראָגן דער לאַנגער פּאָליטורשטיק מיט דער גרוי־גרינער באָרד. ווי אַ זשמוט שטרוי איבער אַ קליינשטעטלדיקן אײַנפֿאָר־הויז האָט סטאַרטשאָם געשטעקט זײַן האָרטע, פּירעקעכדיקע באָרד און יעדן, וועמ ס׳איז אָנגעקומען פֿון דער פֿאַרטאָגיקער ווײַטערדיקער פּינצעטרניש, האָט ער אַנטקעגן געטראָגן, ווי אַ באַלכויוו טראָגט דעם גוטמאָרגן:

— פֿאַרפֿאַלן! פֿאַרפֿאַלן! די פֿאַבריק האָט זיך געשטעלט!

אין דער נעפּלדיקער פּינצטערניש פֿון די פֿאַרן־פֿײַף־שאָען איז ניט געוועזן צו דערקענען אַף אים, צי סע טוט אים האַנאָ, צי סע טוט אים ווײ, איז מען געשמײַדיק געלאָפֿן אין טויער ארײַן, ער האָט באַגעגנט אַנדערע:

— די פֿאַבריק האָט זיך געשטעלט! ס׳האָט זיך געזעצט דער פֿונדאַמענט און די מאַשין ליגט ווי אין אַ ביטל!..

איז הײַנט ארום דעם טויער דער טאָג געוועזן אָן אומגעוויינלעכער.

ווען אַלע פֿאַבריקן פֿון שטאָט האָבן געהודעט און געפֿײַפֿט, האָט דאָס קראַנקע, שוואַכע פֿײַפֿערל פֿון דער האַלץ־פֿאַבריק ניט געפֿײַפֿט. ערשט שפּעטער, ווען ס׳איז שוין גוט ליכטיק געוועזן, דער כמורנע הימל איז שוין אײַנגאַנצן באַטאָגעדיק געוואָרן, האָט זיך עס צעפֿײַפֿט דאָס קראַנקע, הייזעריקע פֿײַפֿערל. געפֿײַפֿט „נאַ־גוואַלד״, געוויינט לאַנג און נודנע, ווי אַ קינד, אַז סע שטייט אויף „אַף דער לינקער זײַט״...

האָט זיך די גאַס, די שטילע שורע הײַזער, וואָס אַנטקעגן דער פֿאַבריק, שטאַרק דערשראָקן:

— וואָס איז אַזוינס? וואָס האָט זיך געטראָפֿן?

די ווײַבער מיט די קוישעלעך זײַנען געגאַן אין מאַרק ארײַן און פֿון מאַרק, זײַנען זיי רעדלעכווײַז געשטאַנען באַ זייערע טיר־און־טויערן און מאַנצבלען ליידיקגייערס האָבן צו זיי געטײַנעט:

— זי זיצט, די מאַשין, טיף...

— ס'האָט זיך געשפּאָלטן די ערד און די מאַשין אײַנגעשלונגען...

— די וואַסער... וואַסער איז דאָרט דאָ אונטער דער ערד... וואַסער האָט פּײַנט, אַז מע טשעפּעט זי, האָט זי געטאַטשעט, געטאַטשעט און אופגעגעסן דעם פונדאַמענט...

פון יענער זײַט טויער, אינווייניק אין הויף, האָבן זיך אָף קלעצער און ברעטער אויסגע־זעצט די סטאָליערס און די טעסליערס, אָף די ברעטער די יונגע, אָף די קלעצער די אַלטע. די יונגע האָבן געשוויגן, די אַלטע האָבן געפּינעט:

— וואָדען, אַז מע קען ניט, נעמט מען זיך ניט אונטער...

— הונדערטער יאָרן האָבן סטאָליערס געאַרבעט אָן מאַשינעס... דער אַלטער יאָנטל האָט קיין מאַשין ניט געהאַט און האָט אָפּגעלעבט אַ וועלט, אָף מײַנע קינדער געזאָגט געוואָרן...

— נאַ, קוק זי אָן די פאַבריק. אָ! אַ שטונקען, ניט קיין פאַבריק. קוק אָן די פענצטער! בעסמעדרעש־פענצטער!

— זי איז גאָר געבויט געוואָרן, אַבראַמסאָן דער נאַגיד זאָל דאָ טילים זאָגן... און מע שטעלט דאָ גאָר אַ מאַשין...

— אַבראַמסאָן איז געגאַן אין שטעקשיך, האָט זי אים געקענט האַלטן, די וויסטע דירע...

פון די ברעטער האָט מען זיך אָנגערופן:

— פון אונטערערדישער וואַסער האָט זיך די מאַשין געזעצט...

מ'האָט זיך אָף די קלעצער צעהיצט:

— אונטערערדישע וואַסער!.. וואַסער!.. ווו איז די וואַסער געוועזן... פריִער? פאַר דער רעוואָליוציע? אַ?..

— איר האָט דעמלט ניט געגעסט אונטערן וואַנט...

— אַ, דו בײַסטרוק!... מאַלאָקאָסאָס!... דו רעדסט אויך... לאַכסט נאָך... מאַכסט כויזעק... דיר איז גוט... האָסט דײַנע קינדער פאַרזאָרגט... אָ, דו... דו שפּעט ניט... איכל דיר צעזעצן די פּיסקעס... זאָלץ ניט אָף די ווונדן, זאָלץ ניט...

— פּעטערל, קיל זיך אָפּ אַ ביסל!.. גיי זעץ זיך דיר אַנידער אָף די קלעצער. און וויש אָפּ דעם פּיסק...

געקומען אָף עטלעכע מינוט די אַדמיניסטראַציע, דער פאַבקאָם, איז שטילער געוואָרן, און אַז זיי זײַנען אוועק ערגעץ ווידער, האָט מען געקוקט אײנער אָפן צווייטן שטום, און דער פּאָליטורשטשיק, דער וויסטער בסורעזאָגער האָט די גרין־גרויע האַרטע באָרד אופגעהויבן אין דער הייך:

— וואָס האָבן זיי געמיינט דערמיט?..

— זיי האָבן געמיינט, אַז נעם די טאָרבע און דעם שטעקן און גיי איבער די הײַזער...

— איבער די הײַזער! איבער די הײַזער!

פון די ברעטער האָבן די יונגע זיך צעבייזערט אָפן פּאָליטורשטשיק:

— וואָס קאַרקעסטו דאָרט, אַ?

האָבן די קלעצער די ציין געשטשירעט:

— וואָדען!.. וואָדען!.. וואָדען וועלן מיר איצט טאָן?

איינער אַ שוואַרצער, אַ בייזער איז צו די ברעטער צוגעלאָפן, דאָרט איז געזעסן מאַיאַר־טשיק, צו מאַיאַרטשיקס זײַט אַ טיטשע געטאָן מיט דער האַנט:

— כ'וויל וויסן! וויסן וויל איך... וואָס האָט מען אונדז געגאַרט? צוליב וואָס... האָט מען באַדאַרפט? אַ?

זיי זײַנען זיך צונויפגעגאַן, די אַלטע און די יונגע, און די יונגע, זיי האָבן גאָר ניט גע־מיינט און ניט געדאַכט, ס'איז זיי אויך געוועזן אָנגעזאָלעט אָפן האַרצן, זײַנען זיי פּלוצלינג געוואָרן דער שולדיקער צאַד, זיי האָבן זיך אַנטקעגן די אַלטע אופגעהויבן. דער שוואַרצער, דער בייזער האָט אַלץ די האַנט געטיטשעט:

— וואָס האָט מען אַזוי געגאַרט, וואָס? ער האָט יענע וואָך דערציילט, דער פּיסקאַטע דוואָרניק: ס'איז גוט, אַ גאַניידן... מיר פאַרדינען, מיר מאַכן גוטע געשעפטן... ניסאָשער ווערן מיר... און איצט מעקעט ער נאָך דעם דירעקטאָר. דעם לעמעלע: „ניטאָ, ניטאָ קיין געלט... ביז זומער וועט די פאַבריק שטיין”... און וואָס זאָלן מיר עסן ביז זומער? סטרוזשקעס מיט קליי... אָ! רעד, רעד דיבורים... ביסט, מאַיאַרטשיק, אַ קאָמוניסט... און מיר האָבן דיך אַזאַ שנעק אויס־געקליבן פאַר אַ צעך־אופּאָלנאָמאָטשענע.

האָט מאַיאַרטשיק נאָך אַלץ געשוויגן, און די אַלטע זײַנען געקראָכן:

— איר שווײַגט... אָ! אײַער קאָמונע! אײַערע זיבן יאָר! אָ! דיר איז גוט!.. דאָס פאַרנאָסע־ביכל איז אין קעשענע, מיט פאָפּע ביסטו באַוואָרנט... אָבער מיר... מיר וואָס זאָלן טאָן? יידן!.. יידן!.. מיט וואָס וועלן מיר הײַנט קומען צו אונדזערע ווײַבער?

דער געשריי זײַנער האָט דעם אוילעם א וואָרף געטאָן, ווי מע גיט אן עמער וואסער א וואָרף אין פײַער ארײַן, נאָר ס'האָט ערשט זיך צעפלאקערט און צעברענט:

— וואָס ווען מיר טאָן?

אלע, די אלטע, וואָס האָבן זיך געריסן די העלדזער און געשריגן, זײַנען געבליבן שטיין אנטקעגן די יונגע. די יונגע זײַנען איצט געווען ווי בייזע טאטעס, און די אלטע ווי זינדיקע קינדער. א ראכמאָנעס געווען אף זיי, אף די אלטע. זייערע צונויפגעקאָרטשעטע דאר־געוואָרענע געשטאלטן האָבן ראכמאָנעס געבעטן. די יונגע האָבן זיך פארשעמט, אוועקגעדרייט די פּנעמער:

— עפּשער צעגיין זיך? א?

דער פאָליטורשטשיק איז אף די ברעטער צו די יונגע אונטערגעשפּרונגען:

— ווער ס'האָט געבונטעוועט האָט איר געזען?

עמעצער האָט אים א שפּײַ געטאָן אין באָרד ארײַן:

— האָסט דאָך געשריגן: די פאבריק וועט קיין קיִעם ניט האָבן?

— ווען האָב איך געשריגן?

— נעכטן און אייערנעכטן, און יענע וואָך, שטענדיק!

— ווער? איך?

פון די ברעטער האָט אים עמעצער באם קאָלנער אָנגענומען, און פון יענער זײַט טויער ארויסגעשטופּט:

— וואָראָ־נע!

צו איינציקווײַז האָבן די אלטע שרײַערס זיך ארויסגערוקט פון הויף.

די יונגע זײַנען געזעסן, מ'האָט א קוק געטאָן אף מאיאָרטשיקן:

— נו?

— וואָס זשע וועט זײַן ווײַטער?

געקומען איז מאיאָרטשיק שפּעט אין אָוונט אן אויסגעמאטערטער, א מידער. דער מעשו־נעדיק־ווילדער טאָג אין פאבריק און דאָס לויפן צו די שטאָט־טויער האָבן אים אויסגעמאטערט. ער האָט ניט געוואָלט ווארטן אף מאָרגן און איז געלאָפן צום קאָמכאָז, צום סעקרעטאר פון פאבקאָם... געטאראראמט, געטײַנעט:

— כאוויירים, מע דארף שוין מאָרגן שטעלן די פראגע וועגן דער פאבריק...

האָט מען אים געענטפערט:

— היץ זיך ניט אזוי, כאווער! מע דארף האָבן געדולד...

— כאווער, אלץ דארף מען טאָן באטראכט!.. האָב געדולד!

נאָכדעם איז מאיאָרטשיק אוועקגעגאן אין קלוב, געווען איז ער שוין מיד, איז ער געזעסן א ביסל דערשלאָגן און געקוקט גלײַכגילטיק, ווי די יונגע כעוורע שטיפן און שפּאסן, דאָס בלוי־אויגיקע מיידל איז צוגעגאן:

— וואָס ביסטו אזוי כמורנע?..

ער האָט שוואך א שמייכל געטאָן און א קוועטש געטאָן אירע דינע פינגער:

— זיץ מיט מיר א ביסל!..

— וועסטו ווערן פריילעכער?..

— עפּשער...

אז ער האָט דאָס מיידל אָפּגעפירט צו איר אהיים אף דער ווײַטער גאס, האָט זי זיך פארן געזעגענען ענג צוגעטוליעט צו אים.

ער איז געלעגן אין אָנטאָן און גערייכערט. גערייכערט א סאך: א פּאפּיראָס נאָך א פּאפּי־ראָס... ביכלאל רייכערט ער קיין סאך ניט, נאָר אז ער טראכט און ערגערט זיך, הערט ער ניט אוף צו בלאָזן פון זיך דעם רויך... איז ער איצט געלעגן. געקוקט אין דער פינצטערער סטעליע ארײַן און גערייכערט... ניט געקאָנט אנשלאָפן ווערן... צוליב דעם דרויסנדיקן לאמ־טערן האָט דעם פענצטערס ליכטיקער שאָטן זיך צעלייגט איבער דער גאנצער ברייט פון סטעליע און זיך געהוידעט, ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז נאָר צוויי זײַנען זיי, וואָס וואכן איצט, — ער און די ליכטיקע שײַן פון אנטקעגנדיקן פענצטער, האָט אים שטארק באנק געטאָן, וואָס די שײַן פון דרויסן איז פלוצלינג אויסגעלאָשן געוואָרן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואנט:

— די פאבריק! גאָרניט קאָן מען צו איר ניט צוטראכטן...

לאנג געלעגן מיטן פּאָנעם צו דער וואנט און פלוצלינג, פלוצלינג איז ער אופגעשפּרונ־גען: — ער איז דאָ, דער נייטיקער געדאנק... ער איז דאָ...

מאיאָרטשיק איז שוין געזעסן אפן בעט און אונטערגעטאנצט...

ס׳איז אן איינפאל... אף מיין וואָרט, ס׳איז אן איינפאל!..

אראָפּ פון בעט, געגומען רייבן פאר טיינעג די הענט:

— איי, א מעכייע... גוט!... פאר הונגער וועלן זיי ניט שטארבן...

ער איז געווען איבערצייגט, אז דאָס, וואָס ער האָט צוגעטראַכט, איז גוט, קיין בעסערס קאָן מען שוין ניט צוטראַכטן... האָט ער אומגעדולדיק געשפּאַנט צווישן גינעס און מינאָרס בעטלעך, געוואָלט עפּשער שוין, באַלד אוועקטראָגן דעם געדאַנק אין גאַס אריין, אין פאַבריק, אין פאַריין, אין פאַרטקאָם...

מאַיאָרטשיק האָט פאַרלאָשן די שיין און זיך גיך־גיך אויסגעטאָן... ווידער געריכערט אין דער פינצטער, באַטראַכט דעם איינפאַל: נעמען דעליאַנקעס און פאַרגרייטן ברעטער אף זומער...

טרישטשעט דער וואַלד, פאַלן ערגעץ ווייטער ביימער אָפּגעהאַקטע. און דאָ, אף דער ליכטיקער שיין, ווייטער פון וואַלד־פינצטערניש, אַרבעטן די „דראַטשעס".

פאַרלעכוויז אַרבעטן זיי איבער גריבער און קאָזלעס — זיי שניידן קלעצער. אַרבעט מען. סע שיפּען די זעגן, סע שיט זיך שטיל די טירסע, פּאַוואָליע, פּאַוואָליע שניידט זיך די זעג אין זאַפּטיקן האָלץ אריין, קריכט, קריכט, מע זעט קיין סאָף ניט.

פאַרייכערט מען:

— איי, איי, איי! ניטאָ די צייטן, ווען די צירקוליאַרקע האָט געזונגען, און מיר האָבן צוגעשפּילט! אי?..

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, איך בענק נאָך דער מאַשין, ווי נאָכן ווייב... איי, וואָלט איך זי א גלעט געטאָן, די מאַשין... און ווען איך שעם זיך ניט, גיב איך זי א קוש...

— יאָ, א מאַשינדעלע...

— הערסט, אז איך דערמאָן זיך, ווי די צירקוליאַרקע צעשניידט א קלאָץ, גלוסט זיך מיר איר אויסקושן יעדער אייווער... קוק, קוק אָן, ווי זיי קריכן אַ־די זעגן, דאָס האָלץ האָט גאָר פאַר זיי קיין מוירע ניט. זע, א פאַרשטונקענע זעג, זי הריזעט דאָס האָלץ, ווי א מויז א ביין...

— יאָ, ברודערקע! כ׳ווייס ניט ווי בא דיר, נאָר מיר דוכט זיך שטענדיק, אז די מאַשין איז א לעבעדיקע באַשעפעניש! סע אָטעמעט און סע גייט, אָדער סע יאָגט גאָר, אָדער סע טאַנצט גאָר אונטער...

— און איך זאָג דיר, א מאַשין איז בעסער ווי א לעבעדיקן מענטשן... א מענטש — אַרבעט ער, וויל ער עסן! אַרבעט ער ניט, וויל ער אויך עסן!.. און א מאַשין, זי עסט נאָר, אז זי אַרבעט... אָ, ווען מיר דאַרפן ניט עסן, וואָלטן מיר דאָ אין פראָסט ניט געקאַניוטשעט! נאָך דער צירקוליאַרקע עפּשער אויך ניט געבענקט...

— דו נאַר, דו, בא אונדז אין דער פאַרדריפּעטער שטאָט מיינען מיר, אז די צירקו־ליאַרקע איז דאָס קליגסטע אין דער וועלט... האָט מיר מיין פלעמעניק דערציילט, אז אין די גרויסע שטעט איז דאָ א מאַשין, אף רוסיש הייסט זי „ליעסאָפּילנאיא ראַמאַ"... שניידט זי ניט, ווי די צירקוליאַרקע, א ברעט, א ברעט, און נאָך א ברעט... נאָר מיטאַמאָל וויפל דו דאַרפסט... צוועלף איז צוועלף, אכט איז אכט, זעקס איז זעקס, און אז מע דאַרף מער איז מער...

זיפצט מען:

— נו, מע דאַרף אַרבעטן, די ראַמע דיינע וואָלט שוין מיסטאָם די קלאָץ צעשניטן און פאַרגעסן, און מיר קיינען א ציגייער...

— ע, וואָס דו רעדסט! בא דער מאַשין וועסטו ניט שמועסן וועגן הימל־זאַכן, זי שטשע־רעט אויס די ציין אירע און זאָגט: עסן גיב, עסן! שלאָף ניט...

און אז מ׳האָט דערזען פון דער קויטיקער שניי־סטעזשקע גייט מאַיאָרטשיק, האָט מען דאָס פוילע זעגן פאַרלאָזט און אנטקעגן געלאָפן:

— וואָס הערט זיך אין שטאָט?

און מאַיאָרטשיק איז אויך געלאָפן, געשיינט:

— שאַט, שאַט, שאַט! א נייס... אוי, האָב איך א נייס... לאָזט אָפּרוען זיך, אָנוואַרעמען...

— געלט האָסטו באַקומען?..

— געלט! כ׳האָב באַקומען...

— דאָס איז דאָס וויכטיקסטע...

— האָסט דאָך ניט געוואָלט גיין אהער אף די „דעליאַנקעס"?

— וואָס זשע מיינסטו, מיר לעקן דאָ האָניק...

— אָבער דעם ווייב דיינס האָב איך היינט געגעבן אין מאַרק אריין!

— האָסט זי געזען?

— וואָדען, זי איז געקומען צו לויפן, זי האָט ניט קיין גראָשן, האָב איך איר געגעבן... נאָר וואָס... הערט בעסער א נײַס!.. הערט!.. הײַנט איז געווען א זיצונג אין נארכאָז... בין איך געווען, ווײַל ס׳איז געשטאנען די פראגע וועגן דער פאבריק... האָבן מיר זיך דאָרט געקריגט... וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? ס׳איז געגאַן א פארע... נאָר הערט די אונטערשטע שורע: מיר באַקומען א נײַע דירע... א פונדאמענט, וועט ער אויסהאלטן זעקס מאָל אזויפיל ווי מיר דארפן... פענצטער ווי טויערן... און צוויי שטאָק, און סקלאדן... איין וואָרט — א נײַע פאבריק. דאָס איז אונטערגעשריבן און געכאסמעט... ס׳איז הייליק... א פּלאַן: אין מעשעך פון דרײַ יאָר זאָלן מיר האָבן 250 ארבעטער... אָ!..

קוקט מען אף אים, ווי ער קנאַקט זיגעריש מיטן צונג, און מע גלייבט אים ניט, און ער ווערט פלוצלינג טונקלער, ער טאנצט ארוף אף א קלאָץ, צעכראַסטעט אפן פראָסט דעם קאָלנער:

— וואָס? איר גלייבט ניט? איר האָט מיר ניט געגלייבט, אז כ׳האָב געזאָגט: איר וועט דערוויַיל אין וואלד פארדינען... וואָס מיינט איר? איך קום צו אײַך מיט באנאכטיקע כאלוימעס? וואָס איך טראכט באנאכט, דערצייל איך אײַך ניט... איך קום צו אײַך פון פארטקאָם... פון איספּאָלקאָם... מיט גרייטן קום איך צו אײַך... זאָג איך... סאָף זומער האָט איר א שפּאָגל־נײַע פאבריק!..

ס׳האָט זיך געוויגט דער וואלד, ס׳האָט געציטערט די פראָסטיקע לופט, די סטאָליערס, וואָס זײַנען ערשט ניט לאנג געקראָכן מיט פארמאָסטענע פויסטן, האָבן זיך געפרייט, דער ייִד, וואָס האָט נאָך דער צירקוליארקע געבענקט, איז צו צו דער זעג, וואָס האָט געשטעקט אין קלאָץ. צוגעגאַן און אף איר א שפּײַ געטאָן:

— טפו אף דיר!..

(נום. 5, 1929)

■

## א י צ י ק ג ר י נ ז ײַ ד

# שטענדיק יונג

## 1

אין ווימלענדיקן רויש פון גאס, צווישן די שאָטנס פון טאָג און נאכט, האָב איך זיך מיט אים צונויפגעשטויסן, אופגעהויבן דעם קאָפּ און אויסגעשריַען:

— נאומטשיק!..

א ווײַלע האָט ער מיך פארווונדערט אָנגעקוקט און באלד זיך צעשמייכלט. ער האָט מיך דערקענט. יאָ, ס׳איז געווען נאומטשיק, אזעלכער, ווי כ׳האָב אים געקענט, — מיטן צעפּאטלטן בליק און קינדעריש אראָפּגעלאָזטער ליפּ.

נאומטשיק! און מיטאמאָל האָבן א בלענד געטאָן פאר מיר די יאָרן פון אונדזער קאָמיוגישער יונגקײַט. אָט ערשט, דאכט זיך, איז דאָס געווען בא אונדז אין דער פארוואָרפענער קרײַז־שטאָט בא דער גרענעץ. עס האָט זיך אופגעשטעלט אין זיקאָרן דער קרײַזקאָם, א הײַפּעלע מענטשן פון אונדזער ארבעטער־יוגנט, אונדזער קלוב אין נאָמען פון קארל ליבקנעכט אף דער הויפּט־גאס פון שטאָט. עס האָבן זיך דערמאָנט די אָוונטן אונדזערע, געפּאקטע מיט יוגנט, אין וועלכע די ערשטע אקטיאָרן זײַנען די קרײַזקאָמניקעס געווען און, קוידעמקאָל, נאומטשיק — דער שטענדיקער פּאָליט־אופקלערער. ס׳איז שווער געווען דעמלט פאָרשטעלן זיך דעם קרײַזקאָם אָן נאומטשיקן, אָן זײַן צעטראָגענעם ייִנגלשן ברען. כעווירע האָבן אים זייער ליב געהאט; און האָט זיך געפּאָדערט א פאָרטרעגער וועגן צווישנפעלקערלעכער לאגע, פלעגט מען נאומטשיקן צערײַסן...

זיך פאַר אונדז דעמלט, מיט יאָרן צוריק, זײַנען זײַנע פאָרטראָגן געווען אַ יאָמטעוו. איצט איז מיר שווער צו זאָגן, פונוואַנעט האָט ער אויסגעגראָבן זײַנע פאַקטן פאַר די רייד. ס׳קאָן זײַן, אַז אַ טייל האָט אים זײַן פאַנטאַזיע אונטערגעזאָגט, נאָר אַז ער האָט געהאַלטן זײַן פאָרטראָג, פלעג אַוועק אַ לאַנגע דערציילונג וועגן קערזאָנען, לאַיד־דזשאָרזשן, וועגן ווילסאָנען. עס איז געווען אַ פאַרכאַפנדיקער קינאָ־אַוואַנטוריסטישער ראָמאַן וועגן לעבן פון אויסלענדישע קראָקאָדילן־אימפּעריאַליסטן, און מיר פלעגן זיצן ווי געשטאָרבענע.

— נאָומטשיק! — האָב איך ווידער אויסגעשריִען. ער האָט מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט:

— קום!..

מיר האָבן גענומען שפּאַנען צוזאַמען. אַ פּאָר מינוט האָבן מיר זיך פאַרלוירן צווישן דער וואַנט פון די דורכגייענדיקע. אַ גאַס האָט געיאָגט מיט מענטשן, מיט רויש פון מאַשינעס, מיט ליכט פון פריִע פײַערן. כ׳האָב געכאַפּט אויף אים אַ קוק פון דער זײַט, — ניין, ער האָט זיך קימאַט ניט געביטן, נאָומטשיק. די זעלבע פּראָסטקייט אין אָנטאָן. אויף די פּלייצעס — די אַמאָליקע קאָזשענקע, וועלכע מיר האָבן אַזויפיל מאָל אויסגעלאַכט און דערוויזן, אַז די קאָזשענקע ווייסט מער פון נאָומטשיקן, ווײַל אַלע קעשענעס ביז אַראָפּ זײַנען אָנגעשטאָפּט מיט פאַרשיידענע פּאַפּירלעך, און יעדער פּאַפּירל האָט זײַן ווײַטע, ווײַטע עלטער... ניט מער, ער איז געוואָרן, דאַכט זיך, אַ ביסל העכער, נאָומטשיק; עטוואָס פולבלעכער אין די פּלייצעס, און צום פּאָנעם איז צוגעקומען געזונט בלוט און אָנגעצונדן העלער זײַנע טיפע אויגן.

— קום!.. — האָב איך דער ערשטער אָנגעהויבן דעם שמועס, ווי נאָר דער מענטשלעכער שטראָם האָט אונדז ווידער צונויפגעפירט, — זאָג נאָר, וויאַזוי קומסטו אַהער?..

— אָט זעסט! — האָט מיר נאָומטשיק געענטפערט אָפּגעריסן און עפּעס צעטראָגן; קענטיק, עפּעס אַ געדאַנק האָט אים אין מויעך ניט געלאָזט רוען...

— שוין לאַנג פון קרײַזקאָם?..

— אָט גוט, וואָס כ׳האָב דיך באַגעגנט, — האָט נאָומטשיק מיטאַמאָל מיך אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט, — טו אַ שמעק די לופט, גיב אַ קוק אויפן הימל: אָ, זעסט די טשאַטעס וואָלקנדלעך, ווײַסע, צאַרטינקע וואָלקנדלעך... ס׳איז פרילינג אין לאַנד, אַ?..

— נאָום!.. — האָב איך אַ ביסל פאַרוווּנדערט אָנגעהויבן, נאָר ער האָט מיר ניט געלאָזט פאַרענדיקן און זיך צעלאַכט הויך, שטיפעריש:

— נאָום, זאָגסטו?.. יאָ, נאָום... וווּנדערסט זיך: „קליינבירגערלעכקײַט... עפּשער זיך צעלייגט... געשטאָרבן נאָום... אָר־וואַ”. הערסטו, — ער האָט מיטאַמאָל אַוועקגעוואָרפן זײַן כויזעק־טאָן און זיך צוגערוקט צו מיר: — האָסט צײַט?..

— יאָ, פאַרוואָס ניט...

— איז קום... פאַרשטייסט... — האָט ער שוין גערעדט שטילער, נאָר טיף אין די אויגן האָט געברענט אַ באַזונדער אינערלעך פײַער. — וווּנדערסט זיך מיסטאָם. נאָר — נאַרישקײַטן. דו ווייסט, בײַ מיר איז איצט אַזאַ שטימונג... איך בין שוין דאָ באַלד אַ יאָר, און דאָס ווײַבל איז אין אונדזער שטאָט... אַ פײַנער מעהאַלעך... איז הײַנט האָב איך באַקומען פון איר און פונעם מיידעלע אַ בריוול; פאַרשטייסט, אַ מיידעלע, איז זי שוין אַלט זעקס יאָר; זעקס גאַנצע יאָר, ווי ס׳לעבט אַ מענטש, וואָס איך האָב אויך אַ כיילעק אין זײַן לעבן, און דאָס מיידעלע שרײַבט מיר:

— פּאַפּאַ, זײַ גרייט!..

און איך בין דאָ. שוין ניט געזען זיי באַלד אַ יאָר. ווייסט דאָך: כאַווייריִם, אַרבעט, און מיטאַמאָל בלײַבט דיר אַ פרײַע שאָ און גייסט אַזוי אַרויס, קעדיי אײַנגאַנצן פאַרטרײַבן דעם רויש פון קאָפּ. אָט אַזוי... און מיטאַמאָל דערזעסטו — ס׳איז פרילינג, אַזאַ לויטערער פרילינג... נאָר דאָס איז קלייניקײַטן, נאַרישקײַטן. דו האָסט מיך עפּעס געפרעגט?

— וואָס טוסטו דאָ?

— איך לערן זיך אין אינאַרכאָז.

— לאַנג?

— שוין באַלד אַ יאָר...

— און מיטן קרײַזקאָם האָסטו אַ פאַרבינדונג?..

— שוין אַ יאָר, ווי כ׳ווייס ניט וואָס דאָרט טוט זיך; נאָר די לעצטע יאָרן בין איך שוין געווען אַ ביסל ווײַטלעך פון אים...

— האָסט ניט געאַרבעט ביז אין דער לעצטער צײַט?..

— שוין באַלד דרײַ יאָר...

— און די כעווירע האָבן דיך אָפּגעלאָזט?..

אף נאומס פּאָנעם האָט פלוצלינג א ווונק געטאָן א כיטרע שמייכל און אָנגעצויגן אין ציטער די ליפּן.

— דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע גראָד. כ'ווייס ניט, האָסט צײַט?..

— דערצייל, דערצייל, מיר גייען דאָך...

— איז אָט, — האָט אָנגעהויבן נאומטשיק, — די געדענקסט אונדזער צײַט און דעם קרײַז־קאָם? אַן אָרגאַניזאַציע איז געווען בא אונדז א קליינע. אַרבעטער ווייניק, פאַרשטייסטו, און א האַרב האָט מען געדאַרפט אונטערשטעלן א גרויסן... געדענקסט דאָך... קלאָר, אז דער קאָמיוג פאָדערט, דאַרף מען און קאָן מען.. און איך בין טאַקע אַזא מענטש, וואָס האָב איך זיך גע־נומען פאַר אַן אַרבעט, וועל איך דאָס לעבן פאַר איר אָפּגעבן, אָן שום ווערטער, שטיק, קום און שלעפּ באַנאַכט:

— מע דאַרף, נאומטשיק, עקסטרע ארויספאָרן אין דאָרף, גאַנץ נייטיק...

איז אויסגעדרעכעט די אויגן און אָן שום טײַנעס געפאָרן.

דאָס איז אַלץ געווען נאָך, דוכט זיך, פאַר דײַנע צײַטן; נאָר נאָכדעם ביסטו דאָך אוועק־געפאָרן, עס איז צוגעקומען א גאַנצער פאָלק. מיר האָבן זיך ניט באַוויזן ארומקוקן. כ'האָב נאָכדעם אליין געוווּנדערט זיך, ווי עס האָט אונדזער קאָמסאָמאָליע מיטאמאָל פאַנאַנדערגע־שפּרייט די הענט איבער אַלע אונטערנעמונגען און קעמערלעך פון אונדזער שטאָט.

אַמאָליקע צײַטן, געדענקסטו, מיר פלעגן זיך צונויפנעמען אין אונדזער קלוב, און בענקלעך פלעגן בלײַבן שטיין ליידיק, און דאָ מיטאמאָל איז די שטאָט, וואָס איז ערשט געווען אָפּגע־שטאָרבן, פאַרוויסט, — קיין גרויסע אונטערנעמונגען זײַנען דאָך קיינמאָל ניט געווען, דער טײַך איז זיך געדרונגען מיט א פאַרטײַעטן פאַרדראָס צו יענער זײַט ברעג — פון סוינע... אָט די שטאָט האָט מיטאמאָל אופגעלעבט... ס'האָט זיך פאַרברייטערט די דרוקערײַ, מ'האָט אָנגעהויבן בויען דעם קאָנסערוון־זאַוואָד, די מעבל־פאַבריק, הינטער דער שטאָט האָט מען אָנגעהויבן צו בויען א גרויסע עלעקטראָסטאַנציע... עס האָט זיך מיטאמאָל באַוויזן יוגנט, און מיר האָבן זיך ניט באַוויזן ארומקוקן, ווי מע האָט א שפּאַר געטאָן פון אַלע זײַטן צו אונדז אין די רייען; כעוורע, כ'קען זיי אַלעמען בא די נעמען; ערשט נעכטן, אייערנעכטן קליינינקע געווען, און הײַנט שטייען זיי שוין באַם טיש און לייענען פון א פּאַפּירל פאַר אַלעמען א פּאַרטראַג. און כ'ווייס ניט וויאַזוי, נאָר אין איין טאָג האָט מיר א שלאָג געטאָן אין קאָפּ:

— נאומטשיק, וויפל ביסטו שוין אין קרײַזקאָם?..

כ'האָב גענומען אויסרעכענען:

— דרײַ יאָר, אַריבער דרײַ יאָר...

— איז וואָס זשע ווײַטער?..

דרײַ יאָר זײַנען דורכגעלאָפן בא מיר, ווי איין טאָג: זיצונגען, פאַרזאַמלונגען, ארויס־פאָרן, צוזאַמענפאָרן; כ'האָב ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן, און, פאַרשטייסט, מיטאמאָל די פראַגע:

— איז וואָס זשע ווײַטער?..

צוערשט האָט די פראַגע מיך אליין דערשראָקן, כ'האָב אָנגעהויבן צונויפקלײַבן די אָפּגע־ריסענע געדאַנקען און ניט געקאָנט זיי צונויפבינדן.

— וואָס הייסט, וואָס זשע ווײַטער, נאומטשיק, ביסט דאָך ניט קיין קאָמיוגיסט, ווי קאָן מען אַזוי שטעלן די פראַגע?..

און עפּעס א געדאַנק אויסער מײַן ווילן קריכט אַזוי אײַנגעגעסן און קלאַפּט אין קאָפּ, ווי מיט א טשוועקל:

— טאַכלעס... טאַכלעס...

— טאַכלעס!.. סאַרא מאָדנע וואָרט... אין יענעם טאָג האָב איך גאָרניט געקאָנט טאָן. געזעסן אין קרײַזקאָם, אין אונדזער ברייטן צימער. אַנטקעגן מיר — זשאָרע. געדענקסט אים ניט? — פון בעקערײַ, א באָכער מיט ביצעפּסן און א גרויסן קאָפּ. אַן אײַזן, ניט קיין באָכער. זיצט זשאָרע דער עקאָנאָם און לאַכט.

— וואָס איז, — מאַכט ער, — נאומטשיק, די זון האָט אף דיר געווירקט?..

— טשעפּע זיך אָפּ, — זאָג איך צו זשאָרען...

— עפּשער א מיידל?..

— זשאָרע, — בעט איך זיך, — גיי צו אלדי רוכעס אף א פרײַוויליקן אויפן...

און אַרום אונדז — כעוורע, קאָמיוגיסטן, מיידלעך. טו איך א פּראַל מיט דער טיר און גיי אוועק, שפּאַציר איבער די גאַסן, שטויס זיך אָן אין די ביימער; פאַרשטייסט, דער קאָפּ היצט מיר, און א שווערקײַט ליגט אין קאָפּ און קיין געדאַנקען ניטאָ...

אזוי האָב איך ארומגעבלאָנקעט ביז שפּעט, ס'איז געוואָרן פאַרנאַכטלעך און שטערן האָבן זיך אויסגעשאָטן אפן הימל, ערשט דאַן האָב איך זיך דערמאָנט:

— כּאוועך, איר האָט דאָך היינט א פאָרטראַג אף דער עלעקטראָסטאַנציע...

פרעג שוין ניט, כ'ווייס ניט, וויאַזוי איך בין אהין דערגאַן, וואָס איך האָב גערעדט. כ'בין געקומען צו־זיך, ארומגעקוקט זיך און מיטאַמאָל האָט מיך אונטערגעהויבן — א דיך, ריין קעלעכל, כ'וואָלט געזאָגט, פון א קינד. כ'קוק זיך אום: עס שטייט א יאַטל עפּשער פון א יאָר זעכצן און רעדט. דאָס יאַטל איז קליין, קוים וואָס מע זעט אים ארויס לעבן טיש, נאָר רעדט, ווי א געבוירענער דיפּלאָמאַט... און מיטאַמאָל איז פון מיר אראָפּ די גאַנצע שווער־קייט פון טאָג און דאָס וואָרט „טאַכלעס" האָט זיך אָפּגערוקט ערגעץ וויַט־וויַט און אויסגעזען אזוי נעבעכדיק־קליין. איך האָב אליין צו זיך א שמייכל געטאָן:

— נאַומטשיק, כּאוועך, האָסט זיך פאַר א גאַנדז דערשראָקן...

פאַרשטייסט, ס'איז מיר קלאָר געוואָרן און כ'האָב דערפילט א באָדן אונטער די פיס.

— נאַומטשיק, — האָב איך שיר ניט אויסגעשריִען און א שמייכל געטאָן צו זיך אליין, — נאַומטשיק, די פּאַצאַנעס האָבן דיך שוין איבערגעוואַקסן... נאַומטשיק, דו דאַרפסט וואַקסן, און דיר איז ערשט צוויי און צוואַנציק יאָר...

א גאַנצע נאַכט, פאַרשטייסט, האָב איך שוין ניט געקאָנט שלאָפן... פאַר מיר מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט אזוינס, וואָס כ'האָב פריִער אין דעם ברען פון ארבעט ניט באַמערקט, און מיטאַמאָל האָב איך זיך דערמאָנט, אז ביסכאַקל האָב איך געענדיקט נאָר עטלעכע גרופּעס און פאַקטיש מײַן גאַנצע בילדונג באַקומען נאָר פון ביכלעך אליין. אָבער דאָס איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון מײַן ארבעט אין קרײַזקאָם. די לעצטע פּאָר יאָר האָט די ארבעט גע־דרישט, ווי א וואַסערפאַל, באַטאָג און אָפּדערנאַכט. אמאָל פלעג איך ניט באַוויַזן א צײַטונג רעכט איבערצולייענען... און ווײַטער האָב איך דערפילט מיטאַמאָל א גרויסע מידקײַט...

דאָס אלץ איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן אין יענעם אָפּדערנאַכט. אָבער געדאַנקען האָבן זיך געמערט, און איין געדאַנק איז אָנגעלאָפן אפן צווייטן: גוט, די וועגן זײַנען קלאָר. צוויי וועגן זײַנען פאַראַן: אוועקגיין אפן זאַוואָד, בא א מאַשין, דירעקט באַם רודער פון דער בויונג, אָנפילן זיך מיט דער געבענטשטער קראַפט פון ארבעט און באַקומען א מעגלעכקײַט וואַקסן, אָדער פאָרן זיך לערנען... יאָ, די וועגן זײַנען קלאָר. אָבער, וואָס טוט מען מיטן קרײַזקאָם, מיט די כעוורע? וויאַזוי וועלן זיי קוקן אף מיר?.. היינט, וואָס וועט זאָגן וואָלק, דער סעקרעטאַר?..

## 2

מיר זײַנען צוגעקומען צו א העל־באַלויכטענעם ראַג. אנטקעגן איז געשטאַנען אַן ערנסטער, זעקסגאָרנדיקער מויער און פון אלע זײַנע ווינקלען האָט געפינקלט מיט שטערן, און פונויבן איז א רויטלעכע שײַן ארומגעלאָפן ווילד און געצונדן נאָך זיך גרויסן זיכערע אויסיִעס. אונדזערע אויגן האָבן פאַרכאַפּט:

סאַ־ציַ־אָליז־ם.

אף א ווײַלע האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. פאַרבײַ אונדז האָט דורכגעשווינדלט א טאַקסי. מיר זײַנען אריבער אף דער צווייטער זײַט טראָטואַר. איך האָב ארויסגענומען א פּעקל פּאַ־פּיראָסן און מיר האָבן פאַררייכערט. נאַומטשיק האָט א ווײַלע געקוקט פאַר זיך, אָבער אין די אויגן האָבן זיך געדאַנקען אופגערעגטע געשלאָגן. נאָכדעם האָט ער פאַרצויגן דעם רויך טיף־טיף און פאַרגעזעצט:

— נו, אָט, פאַרשטייסט, אזא לאַגע האָט זיך געשאַפן...

אפן צווייטן טאָג בין איך שוין געווען א ביסל רויִקער. דער געדאַנק האָט שוין פעסט געארבעט. ניט מער, איין פראַגע איז געווען: וואָס טוט מען ווײַטער. כ'האָב באַשלאָסן זאָגן וועגן דעם זשאַרען. א ווײַלער באָכער געווען, אַן ערלעכער, אַן איבערגעגעבענער; עמעס, ניט קיין גרויסער טעאָרעטיקער. יאָ, יעדערער פון אונדז האָט זײַנע שוואַכקײַטן... איך איין זאָך בין איך אים יאָ מעקאַנע געווען: ער האָט זיך ניט געטרונקען אין די פּאַפּירלעך און האָט געקענט זיך אויסשמידן א געזונט לײַב... ס'זאָל געווען דונערן און בליצן האָט זשאַרע געפּוּנען זיך א צײַט אף מאַכן גימנאַסטיק און אף דורכפאָרן זיך אף זײַן וועלאָסיפּעד... ער פלעגט פאָרן אָפּדערנאַכט; ער פלעגט פאָרן אפילע אינמיטן דער נאַכט... ער האָט זיך געפונען א צײַט... געפאָרן איז ער אפן וועלאָסיפּעד זעלטן, געקאָנט אלע קונצן — פאָרן אָן הענט, זיך

צעלייגן אפּן וואָלאָסיפּעד, זיך אופשטעלן אין דער הייך, אף די הענט. הענט זײַנען טאַקע בא אים געווען א פּאָר אײַזערנע פּרענטעס...

יאָ, איז פאַרנאַכט שוין, רוף איך צו זשאָרען, וויַז אים די מעלדונג מײַנע אין דער ביוראָ און זאָג אים:

— לייען!..

ווערט ער א ביסל פאַרווונדערט און נעמט לייענען. ער לייענט דורך א ביסל, כאַפּט א קוק אף מיר און לייענט ווײַטער.

— עפּעס צו לאַנג געדויערט בא דיר דאָס לייענען, — טראַכט איך זיך.

מיטאמאָל זע איך, ווי זשאָרע ווערט רויט, און דאָס דאַרף איך דיר זאָגן, יאָ, א קאָמיוניסט איז ער געווען א זעלטענער; ער האָט פײַנט געהאַט דריידלעך, א שפּילקע אריַנשטעכן פון הינטערוויַלעכס; בא אים זײַנען די שטיק ניט אָנגעגאַנגען. וואָס אף דער לונג, דאָס אף דער צונג. דעם בעסטן כאַווער זײַנעם האָט ער ניט געשוינט. אייניקע פלעגן אים האַלטן פאַר א צו האַמעטנעם. נאָר מיר איז זײַן נאַטור געווען אויסערגעוויינלעך געפעלן.

— נו, שוין, — ווער איך אומגעדולדיק. — זשאָרע, וואָס קײַסטו קלאָטשע...

— מ... מ... — קווענקלט זיך א ביסל זשאָרע און שיסט באַלד אויס: — כ'בין קעגן!..

— פאַרוואָס?..

— קאַטעגאָריש!..

— פאַרוואָס? פאַרוואָס?

זײַן באַציִונג הייבט מיך שוין אָן רעגן.

— הײַנט דו, מאָרגן יענער... מענטשן! האָסט דאָך קיין מענטשן ניט!..

— אָבער, זשאָרע, פאַרשטיי, — גיב איך אים צו דערקלערן, — פּיר יאָר. דו ווייסט גאַנץ גוט, אז איך בין ניט פון די, וואָס רעכענען זיך מיט ארבעט און פילן ניט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, אָבער איצט מוז איך אוועקגיין.

— לייג איך פאָר, — מאַכט אזוי מיט א שטאָך־געלעכטער זשאָרע, — צומאַכן דאָס קלייטל, און מיר זאָלן צעלאָזן דעם קרײַזקאָם...

— אידיאָט!..

שריַי איך אויס, און אָן אופגעזאָטענער גיי איך גלײַך אוועק צו וואָלקאָוון דעם סעקרעטאַר. מיר האָבן אים אלע גערופן וואָלק. אים האָסטו שוין ניט פאַרכאַפּט. ער איז נאָך דאַן אין אונדזער שטאָט געווען א נײַינקער. ערשט דרײַ כאַדאָשים כאַדאָשים געווען א סעקרעטאַר. געקומען איז ער פון דניעפּראָפּעטראָווסק, געאַרבעט דאָרט אף א גרויסן זאַוואָד. געווען א סעקרעטאַר פונעם קאָמיוגישן קאָלעקטיוו. א יאָט איז ער געווען זייער א ווילער, א שטרענגער, נאָר א ביסל צופיל געהאַלטן פון זיך. האָט ער געזאָגט א וואָרט, איז פאַרפאַלן, פּונקט ווי א פעלדז, וועסט אים ניט רירן פון אָרט.

כ'קום ארײַן צו וואָלקן, זיצט ער אָנגעבויגן איבער די פּאַפּירן, רײַבט די נאָז. דאָס העמד איז בא אים צעכראַסטעט און ס'קוקט ארויס זײַן ברייטע ברוסט. דערזעט ער מיך ארײַנקומען, רופט ער מיך צו:

— קום אהער, נאַומטשיק, אָט א טײַוול... פון צעקאַ אָנגעקומען א גאַנצער פּלאַן וועגן איבערבויען די ארבעט, אלץ שטעלט מען מיטן קאָפּ אראָפּ...

גיי איך צו, לייג אוועק די האַנט אף די פּאַפּירן פון צעקאַ און זאָג:

— הער, וואָלק, כ'האָב אָן איניַען...

— וואָס פאַר אן איניַען? — זאָגט וואָלק און זיצט נאָך אלץ אײַנגעבויגן.

— א פאַרזענלעכער!..

— א פאַרזענלעכער... — שטויסט זיך וואָלק אָפּ פון טיש און דרייט אף איין פיסל א בענקל, — אינטערעסאַנט...

דערלאַנג איך אים די מעלדונג און גיב צו:

— נאָר איך בעט מיט ערנסט...

נעמט וואָלק די מעלדונג, לויפט זי דורך מיט די אויגן... איך זיץ און קוק אף אים. ער לייענט זי איין מאָל איבער, דאָס צווייטע מאָל, נאָכדעם הייבן אָן זײַנע שאַרפע קינבאַקן זיך באַוועגן. סאַפּקאָלסאַף זיך דערוואַרט. וואָלק האָט אופגעהויבן די אויגן אף מיר און קוקט א ווײַלע אזוי ערנסט, שאַרף, נאָכדעם לייגט ער צונויף מײַן פּאַפּירל אינצווייען, ווײַטער — אין פערטלען און... צערײַסט עס אף שטיקלעך.

כ'בין אופגעשפּרונגען:

— כאַווער וואָלקאָוו, ווי דאַרף מען עס פאַרשטיין?!..

— פּאַשעט, זייער פּאַשעט...

אין זײַנע אויגן — א רויִקער כויזעק, און די פינגער טאנצן איבערן טיש.
— כאווער וואָלקאָוו! — שרײַ איך שוין אַף א קאָל, — איך בעט א דערקלערונג...
— גאָר פּאַשעט, — רעדט זיך וואָלק רויִק, — כ׳האָב דײַן מעלדונג צעריסן און גאָר... פאַר־שטאנען?..
דאָס גאנצע בלוט האָט מיר א יאָג געטאָן אין קאָפּ:
— כאווער וואָלקאָוו, — האָב איך זיך צעשרײַען שוין ניט מיט מײַן קאָל, — עס איז פאראַן א צע־קאַ־קאַ...
כ׳ווייס אליין ניט, וואָס כ׳האָב אים דעמלט געזאָגט; די אופרעגונג האָט אָפּגעווישט יעדן שפּור פון מײַנע רייד אין זיקאָרן... ווען איך בין געקומען צו־זיך, האָב איך דערזען פאר מיר וואָלקן א בלייכן, מיט א גלאָז וואַסער אין דער האַנט:
— נא, טרינק...
שפּעטער־צו האָב איך נאָך באוויזן צו פארשטעפּן אין זיקאָרן זײַנע ווערטער:
— נארישקײַטן, פארשטייסט דאָך אליין... כ׳בין א נײַער מענטש, נאָרוואָס ארײַן אין דער ארבעט, און דאָ וועלן זיך די בעסטע אקטיוויסטן נעמען צעלויפן... צום טײַוול, אויב אזוי, די גאנצע ארבעט...
כ׳בין אופגעשטאַנען און וואַקלענדיק זיך ארויסגעגאַן פון קרײַזקאָם.

## 3

מיר האָבן פארקערעוועט אין א זײַטיקן ליק... ארום אונדז האָבן זיך צוניפגעקליבן שאָטנס; דער רויש, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג אָנגעפילט אונדזער יעדע באוועגונג, איז מיטאמאָל ווי אראָפּגעפאַלן פון א שרעקלעכער הייך אין דער נידער... ס׳איז געוואָרן מאָדנע שטיל. ניט מער, נאָומטשיק האָט אופגערעגט געאָטעמט, און פּונוויַטנס האָט אָפּגעהילכט א דינער פארטויבטער פּײַף פון אַן אוטאָ. איך האָב געשוויגן. נאָומטשיק, נאָך א לאַנגער פּויזע, האָט ווידער אָנגעהויבן:
— הייסט עס, זע איך, א שלאכט וועט זײַן א פארביטערטע... כ׳דאַרף דיר זאָגן, אז יענע טעג האָבן מיר זיך אײַנגעקריצט אין זיקאָרן. די גאנצע אופרעגונג, וואָס כ׳האָב איבערגע־לעבט יעדן טאָג, האָט זיך צוזאמען מיט דער מידקײַט אײַנגעזויפּט אין מײַנע ביינער און איך האָב זיך דערפילט צעשרויפט אַף אלע זײַטן. בין איך אוועק צום דאָקטער. ער האָט מיך באַ־טראַכט און, פארשטייסטו מיך, לויט מײַן ביטע טאַקע ארויסגעגעבן א צעטעלע, אז איך בין שרעקלעך נערוועז און כ׳דאַרף האָבן א מער רויִקע, געזעצמעסיקע ארבעט. אין עלעקטראָ־סטאַנציע וואָלט ער מיך געשיקט... אזוי האָב איך אים טאַקע געבעטן, פארשטייסט?
איצט וואָס טוט מען? ווי־אזוי ברעכט מען דורך די וואַנט? — וואָלק וועט זײַן וואָרט ניט בײַטן, — דאָס איז קלאָר; מיט זשאָרען איז ניטאָ וואָס צו ריידן, און אָט האָסטו דיר די גאנצע ארבעט — דרײַלינג, איך איינער בין פאַר, — אָבער וואָס קאָן איך טאָן... פיל האָב איך איבער־געטראַכט אין יענע טעג; ווייסט, ס׳איז מיר אפילע געקומען א געדאַנק אָנשרײַבן קאַלינינען. פארוואָס גאָר קאַלינינען, ווייס אַיך ביז איצט ניט. נאָר פארוואָלט האָט זיך מיר באַשרײַבן אָט די לאַגע און זי שטעלן אלס א פּראָבלעם פון געזונט און ארבעט פאר אונדזער גאנצן יונגן דאָר... הער זשע, וואָס איז געוואָרן ווײַטער.
אין עטלעכע טעג ארום איז פאָרגעקומען בא אונדז א פריילעכע באגעגעניש מיט די אלטע באָלשעוויקעס אין קלוב. אין יענער צײַט פלעגן מיר דורכפירן זייער אָפט אזעלכע אָוונטן, און יוגנט פלעגט זיך אָנפּאַקן א וועלט, קאָפּ אַף קאָפּ. געוועזן זײַנען בא אונדז אין שטאָט עטלעכע אלטע רעוואָליוציאָנערן. נאָר וועמען די בראַשקע האָט באזונדערס ליב געהאַט הערן ארויסטרעטן — דאָס איז איוואַנאָוו, אונדזער אלטיטשקן סעקרעטאַר פון פארטיי־קאָמי־טעט. געדענקסט דאָך אים. מיר, אין קרײַזקאָם, האָבן אים גערופן מאַטווייִטש.
איז אָט קומט פאָר דער אָוונט. דער זאַל — אַן אויסגעצירטער אין שײַן. פון אלע זײַטן ביינדלען זיך גרויסע פאַרביקע אויסיִעס און ווי זיי זאָלן אראָפּשרײַען און ווינקען אײנס צום צווייטן און פרעגן:
— אָבער ווער איז פון אונדז שענער? אָבער ווער איז פון אונדז בעסער?
און די בינע איז שוין פול מיט רויטע פאָנען, רויטס אַפן טיש, א רויטער ביוסט לענינס — בא דער זײַט, און אזא ערנסטע פײַערלעכקײַט ליגט אַף אלעמענס פּנעמער. מאַטווייִטש רעדט, דערציילט וועגן אן עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים און נאָך פיר כאווירים, אלטע

רעוואָליוציאָנערן... די כעווריַע זיצט אָנגעשפּאַרט איינס אפן אנדערן, מע זאָל זיך א באַוועג טאָן; ניט מער, אין די אויגן טליִען טיפע פיַיערן... און אָט צערוקן זיך די ווענט... אויס קאָמיוגישער קלוב אפן נאָמען פון קאַרל ליבקנעכט. מיר דערזעען זיך אַף דער וויַיטער, פאַרשנייטער סטאַנציע אין טאַמבאָווער גובערניע. א צוג גרייט זיך צום אָפּגיין. דער לעצטער וואַגאָן פון צוג איז פאַרגראַטעט. דאָ פירט מען די פּאָליטישע אַרעסטירטע, מאַטווייִטשן מיט זיַינע כאַווײרים. דער צוג האָט א הילכיקן פיַיף געטאָן און דער דאַמף האָט אונטערגעטריבן די רעדער פאַמעלעך, פאַמעלעך, נאָכדעם שטאַרקער, שטאַרקער... דער וואַגאָן איז א לאַנגער, שמאָלער, און פון יענער זיַיט זיצט א קאָנוואָיר... וואָס טוט מען... קאָן דען איַינזיצן רויִק א רעוואָליוציאָנערס האַרץ, אָן פריַיהייט, אָן קאַמף?.. און עס ווערט געבוירן א געדאַנק: שטיל, אומבאַמערקבאַר אָנהויבן אופריַיסן די פּאָדלאָגע, קעדיי אַראָפּלאָזן זיך צווישן די רעלסן...

אין זאַל איז האַלב־טונקל... שוין באַלד א האַלבע שאָ, ווי מאַטווייִטש רעדט, דערציילט וועגן א סאָלדאַט, וואָס האָט זיי מיטגעהאָלפן באַפריַיען זיך.

שטיל אין זאַל... אַז עמעצער זאָל א פּיפּס טאָן... מע האָט זיך מוירע א ריר טאָן, וויַיל פּונקט אין דער מינוט האָט מאַטווייִטש דער ערשטער אַראָפּגעלאָזט זיך אין דער אויסגע־בויערטער לאָך... וואָס וועט דאָ זיַין... פון אויבן שטייען זיַינע כאַווײרים און איַילן צו אין א פיבערדיקן ציטער:

— גיכער שוין, נו, גיכער...

ער פאַרהאַלט זיך אַף א פּאָר סעקונדעס, מאַטווייִטש; ער זוכט אן אָנשפּאַר־פּונקט און... מיטאַמאָל פאַלט ער אַף דער ליניע צווישן די רעלסן... אַף אים אין איין רעגע פאַלט אַרוף א שרעקלעכער רויש פון לעצטן וואַגאָן; עפּעס האָט אים א ריס געטאָן נעענטער צום האַלדז, נאָר ער פּילט גאָרניט... ערשט אין א מינוט פינף אַרום, ווען ער איז געקומען צו־זיך און אופגעהויבן זיך, האָט ער דערזען:

— פאַרנאַכט... פון ביידע זיַיטן סטעפּ, און פינף וויַיסע פיגורן שטייען, ווי אויסגעשני־טענע, אין דער טונקלער שיַין פון אָפּדערנאַכט...

פרעג שוין ניט, מיט וואָס פאַר א שטימונג אונדזער כעווריַע איז פונעם אָונט אוועק. איך האָב זיך נאָר א ביסל פאַרהאַלטן. כ׳גיי צו צו דער טיר, הער איך מיטאַמאָל הינטער זיך א שטים:

— וואַרט צו, זונדל...

כ׳קוק זיך אום:

מאַטווייִטש!.. א מידער, ווישט פון זיַין גרויסער ליסינע דעם שווייס. פון זיַין גראָוו־געלב־לעך בערדל רינט אַראָפּ א שמייכל, און אין די בלויע אויגן — אזאַ רויִקע, גוטע שיַין...

— קום, — זאָגט מאַטווייִטש, — וועלן מיר גיין צוזאַמען...

מיר זיַינען אַרויסגעגאַן אין דער נאַכט אַריַין, ס׳איז געווען א ביסל קילבלעך און א קאַלט ווינטל האָט געשניטן די אויערן.

— וואָס זשע מאַכסטו עפּעס, נאָומטשיק, ווי גייט די אַרבעט? — טוט א פרעג מאַטווייִטש. און דאָ האָט מיך מיטאַמאָל עפּעס אונטערגעטריבן און כ׳האָב זיך איַינדערשטיל א צעגדליק מאָל אויסגעזידלט:

— אייזל, אידיאָט, שליאָפּע אפן קאָפּ... וואָס זשע האָסטו פאַרגעסן אין מאַטווייִטשן... אָט ווער ס׳קאָן דיר העלפן!..

— מאַטווייִטש, — זאָג איך און ציטער, צי פון קעלט, צי פון אופרעגונג, — כ׳דאַרף דיר עפּעס דערציילן...

— רעד, זונדל, רעד, — זאָגט מאַטווייִטש.

האָב איך גענומען א וואָרט. כ׳האָב גערעדט לאַנג, זייער לאַנג. דערציילט וועגן זיך, ווי כ׳בין א קליינינקער געווען, וויאַזוי כ׳האָב קיינמאָל פון קיין טאַטן ניט געוווּסט, וויַיל דער טאַטע מיַינער איז געשטאָרבן פון סוכאָטע, ווען כ׳בין אַלט געווען צוויי יאָר; דערציילט אים, ווי איך בין שוין אין קאָמיוג זעקס יאָר, וועגן מיַינע אַרבעטן, וועגן מיַין איצטיקן צושטאַנד, אַלץ, אַלץ...

ער האָט מיך קיין איין מאָל ניט איבערגעריסן, נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, פאַרביסן א ליפּ און עפּעס געטראַכט. ווען איך האָב געענדיקט, האָט מאַטווייִטש א וויַילע שווער געשוויגן און נאָכדעם געזאָגט שטיל, האַרציק:

— טיַיוולאָנים, זעסטו, נאָומטשיק, ס׳איז שווער, זייער שווער די אַרבעט, וואָס מיר האָבן אַף זיך גענומען... מיר טוען אן אַלוועלטלעכע אַרבעט. א גאַנצע וועלט וועט זען, ווי באָלשעוויקעס קאָנען בויען...

ער האָט א ווײַלע צוגעשוויגן און נאָכדעם געזאָגט:

— ביסט גערעכט, נאָומטשיק... מיר דאַרפֿן אונדזערע מענטשן אַרומרינגלען מער מיט ליבע און אכטונג, ניט לאָזן פֿאַרברענט ווערן... אָט, כ׳האָב געטראַכט, נעם אונדזער יוגנט, ווי גליקלעך איז זי, וואָס זי האָט ניט פֿאַרזוכט אונדזער צײַט... ערשט הײַנט, איידער כ׳האָב גענומען א וואָרט, האָב איך געטראַכט: מיר האָבן אונדזער זאַך געטאָן, מיר האָבן צעשטערט דאָס אַלטע. אָן אַרבעט איז דאָס געווען א העלדישע, א גרויסע... אָבער די יוגנט האָט אונדז ניט וואָס צו מעקאַנע זײַן... בויען אַפּסנײַ איז פּונקט אַזוי העלדיש, אויב ניט שווערער, ווי צו צעשטערן דאָס אַלטע...

איך האָב געשוויגן און געשלונגען אין זיך זײַנע ווערטער. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו זײַן שטיבל און אָפּגעשטעלט זיך.

— איז אָט, — האָט מאַטווייִטש אַרופֿגעלייגט זײַן האַנט צו מיר אַפֿן אַקסל, — כ׳קוק אַף אונדזער יוגנט: וויפֿל ברען, וויפֿל ענטוזיאַזם איז פֿאַראַן אין איר, עס ווערט קלעקן א גאַנצע וועלט מיטן קאָפּ אַף די פֿיס אוועקשטעלן... אָבער הוילער ענטוזיאַזם איז ווייניק. צוליב דראַ־פּען זיך אַף די ווענט דאַרף מען קיין ענטוזיאַזם ניט האָבן... אײַ, ווי עס פֿעלט אונדז, זונדל, אויסגערעכנטקייט, קולטור, קולטור פֿון אַרבעט, ווי עס פֿעלט אונדז אַלעמען...

ווען ער האָט געזאָגט די ווערטער, האָב איך אויפֿגעציטערט און אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט:

— מאַטווייִטש... — האָב איך געזאָגט מיט א ציטערדיק קאָל, — אָט, כ׳ווייס דיר ניט, ווי איבערגעבן... נאָר ס׳איז ריכטיק... כ׳דאַנק דיר...

ער האָט מיך אָנגעקוקט פֿאַרוווּנדערט, און מיר האָט דאָס בלוט זיך אונטערגערוקט צום פּאָנעם.

— אָט, מאַטווייִטש, — האָב איך געזאָגט, — כ׳וויל, דו זאָלסט מיך פֿאַרשטיין... אָט, כ׳האָב אַזוי פֿיל געטראַכט וועגן דעם, כ׳האָב אַפּילע געטראַכט אָנשרײַבן קאַלינינען וועגן אונדזער יוגנט... ס׳איז דאָך די בעסטע ענערגיע פֿון לאַנד... זיצט אַזאַ באָכער אַמאָל אין אַן אַנשטאַלט און ווערט פֿאַרוואַקסן מיט מאָך, און איך מיין: האָסט אָפּגעאַרבעט צוויי יאָר, אַרומגעלאָפֿן, צעטרייסלט זיך א ביסל די נערוון און גענוג, גיי אַף א זאַוואָד, אַף א פֿאַבריק; גיי קריג וויסן, אַנדערע וועלן קומען אַף דײַן אָרט.

מאַטווייִטש האָט זיך שטיל צעלאַכט און פֿון זײַנע אויגן האָבן פֿונקען ליכטיקע גענומען אַראָפּשײַנען איבערן גאַנצן פּאָנעם.

— דו, זונדל, בייגסט שוין איבער א ביסעלע דעם שטעקן, — האָט מאַטווייִטש געזאָגט, — מיר טוען אַלץ צוליב דער פּאַרטיי און פֿאַר דער אַלוועלטלעכער רעוואָליוציע... און דאַרף מען און די רעוואָליוציע פֿאָדערט, גיב. אָפּ ניט נאָר די נערוון, נאָר דאָס גאַנצע בלוט ביז צו דער שפּענטע... ווייסט דאָך, ווי ס׳פֿעלט אונדז מענטשן, און, קוידעמקאָל, מענטשן פֿאַר דער בויונג... און דאָך, וויפֿל מענטשן, אַרבעטער, עמעסע פּראָלעטאַריער האָבן מיר אַרײַנגעגאָסן אין אַפּאַראַט...

ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט, און ווען איך האָב זיך שוין געקליבן אוועקגיין, מיר געזאָגט:

— און וואָס געהער דײַן פֿראַגע, שטעל אַף דער ביוראָ. כ׳וועל זײַן, וועלן מיר א טראַכט טאָן...

## 4

נו, אָט...

אַפֿן צווייטן טאָג איז געווען די זיצונג פֿון ביוראָ. ווען ס׳איז געקומען צו די לויפֿנדיקע פֿראַגעס, בעט איך א וואָרט. וואָלק האָט זיך אָנגעכמורעט, אָבער א וואָרט געגעבן. בין איך אויפֿגעשטאַנען און געבעטן די ביוראָ באַפֿרײַען מיך פֿון דער אַרבעט איבער מײַן געזונט־צושטאַנד...

שטעלט מיר וואָלק א פֿראַגע:

— מיר דוכט, אַז אין א פֿערזענלעכן שמועס מיט מיר האָט דער כאַווער נאָום גאָר אַנ־דערש מאָטיווירט זײַן דעמיסיע...

ענטפֿער איך:

— דאָ רעדן מיר ניט וועגן פֿערזענלעכע איניאָנים, נאָר כ׳בעט פֿאַנאַנדערקלײַבן מײַן אָפֿיציעלע מעלדונג... כ׳מעלדע נאָכאַמאָל: מײַן געזונט־צושטאַנד דערלאָזט מיך ניט צו אַרבעטן מער אין קרײַזקאָם...

דערהער איך פון הינטער זיך א שווער קאָל, גלײַך ווי מע זאָל מיר שיסן אין קאַרק:
— פונוואַנען ווייסן מיר, אַז דײַן געזונט־צושטאַנד דערלויבט ניט... און וואָס גאָר פיר יאָר איז ניט געווען קיין געזונט־צושטאַנד און איצט האָט ער זיך באַוויזן...
אַנטקעגן מיר זיצט מאַטווייטש, צוגעמאַכט די אויגן און ווי ער דרעמלט. ענטפער איך רויק:
— כאַוער וואָלקאָוו, ביטע איבערלייענען... אַן אַפּיציעלער דאָקומענט פון דער מעדיצין...
לייענט אים, פאַרשטענדלעך, וואָלק דורך, פאַרקרימט זיך א ביסל, נאָכדעם גלײַכט ער אויס די ברוסט און נעמט א וואָרט. ווײַ, ווײַ, וואָס האָט ער ניט אָנגעשאָטן: אי וועגן דעמאָ־ראַליזאַציע, אי וועגן דעזערטירן, וועגן צעפאַלונג, און זאָל מען אַלעמען צעלאָזן...
ווען ער האָט געענדיקט, האָט א מינוט געהערשט א שטילקײַט אין צימער, נאָך דעם האָט זיך דערהערט מאַטווייטשעס רויק קאָל:
— כ׳בעט א וואָרט!..
— ביטע!..
וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מײַן קיין וווּרטער האָט קיינער ניט גענומען. א האַלבע שאָ האָט ער גערעדט, מאַטווייטש, וועגן אונדזער יוגנט, וועגן קאָמוניזם. וואָלק איז געזעסן א בלייכער, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און מיט ציטערדיקע פינגער געפּירט איבערן טיש. צום סאָף האָט מאַטווייטש מיט א קוים באַמערקבאַר שמייכעלע געווענדט זיך צו וואָלקן:
— און וואָס געהער נאַומטשיקן, מײַן איך, אַז אַלעמען דאַרף מען ניט צעלאָזן, נאָר נאַומטשיקן אַפּלאָזן דאַרף מען... ער האָט זיך פאַראַרבעט, דער באָכער... און אַלע איר, יעדע־רער אין זײַן זײַט, וועט אָוועקגיין, קעדיי זיך אָנעמען מיט קויכעס, לערנען זיך און וואַקסן פאַרן לאַנד...
דאָס איז אַלץ. די ביוראָ האָט באַשטימט מיך באַפרײַען פון דער אַרבעט. א פּאָר יאָר האָב איך געאַרבעט אין עלעקטראָסטאַנציע און איצט בין איך דאָ, פאַרשטאַנען?
מיר זײַנען צוגעקומען צו א גרויסן צעוואָלגערטן הויף פון אינסטיטוט. דאָ האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און נאַומטשיק האָט ווי אַנטשולדיקט זיך:
— כ׳האָב דיך לאַנג פאַרהאַלטן...
— וואָס רעדסטו נאַרישקײַטן, — האָב איך אים איבערגעשלאָגן.
— יאָ, — האָט מיר נאַומטשיק פּלוצלינג א פרעג געטאָן, — דו פאָרסט ניט צופעליק אַף א צײַט צו אונדז אין שטאָט?..
— ניין, וואָס איז דען?..
— כ׳האָב געוואָלט עפּעס איבערגעבן פאַרן מיידעלע...
— נאַומטשיק, — האָב איך געזאָגט מיט א געלעכטערל, — ביסט שוין אַלט געוואָרן, נאַומ־טשיק...
ער האָט זיך אָפּגעשטויסן פון דער לופט מיטביידע הענט:
— נאָר ניט דאָס... ערשט איצט, ווי נאָך קיינמאָל, שטורעמען אין מיר קויכעס. כ׳קאָן זיך ניט דערוואַרטן אַפן טאָג, ווען כ׳וועל ענדיקן... כ׳בין יונג... שטענדיק יונג...

(נומ. 4—5, 1931)

■

## כאַים שאַיעוויטש

# בערשט

## I

א געדאַנק, ווי א הוידלקע, וויגט זיך בא דאָווידן אין קאָפּ. פּעסטעט ער אים, היט אים אָפּעט, לאָזט אָף אים קיין שפּרענקעלע ניט פאַלן. האַלט זיך דאָוויד בערגער פעסט אין זײַן מאַכשאָווע, וואַרעמט ער זי אונטערן שאַרבן, ווערט זי טאַקע ניט צערונען אין פאַבריק־ליאַרעם. אין יעדער פרײַער מינוט אַרבעט דאָוויד בערגער איבער זײַן געדאַנק, אָף פּאַפּיר לייגט ער אים אויס, צייכנט און מאָלט, מאַכט ווירעס און פּאַסן, שטריכן און קרײַזן. א פּראָ־יעקט פון א דערפינדונג איז דאָס בא אים, א מין סכעמע מיט בערשט. יאָ, דער צענטראַלער געדאַנק פון זײַן סכעמע איז בערשט. פאַר זיבעציק מיידלעך דאַרפן די בערשט אַרבעטן. דאַרפן? — ניין, פאַר דאָווידן איז דאָס שוין קלאָר, פּראַגעס זײַנען איבעריק, ספּייקעס האָבן אין זײַן סכעמע קיין אָרט ניט. דאָוויד בערגער איז איבערצײַגט, אַז אַנדערש קאָן דאָס ניט זײַן. זיבעציק מיידלעך באַם רייניקן די פּאַרטיקע פּראָדוקציע פון דער פאַבריק איז צו א גרויסע לאַסט אָפן געברויכערס קעשענע, צופיל אָרט דאַרף מען פאַר זיבעציק מענטשן האָבן. איז א געדאַנק געקומען — קלענער מאַכן דעם טומל באַם רייניקן די פּאַרטיקע קליידער, ראַציאָנאַליזירן די אַרבעט אַזוי, אַז ס'זאָל ביליקער קאָסטן. האָט א פונק אין זײַן מויעך אָנגע־הויבן טליִען. צוערשט — שוואַך, מ'האָט קוים דאָס פײַערל געקאָנט באַמערקן. אין די אָוונטן האָט זײַן פאַנטאַזיע דאָס פײַערל צעבלאָזן שטאַרקער, האָט זיך דאָס צעוואַקסן, פאַרשפּרייט און דאָווידן רוען ניט געלאָזט. האָט ער אָנגעהויבן טראַכטן איבער די בערשט, זײַן קאָפּ איז אָנגעלאָדן געוואָרן מיט א מין שפּעפערישער קראַפט, פון וועלכער ס'איז אוממעגלעך זיך צו באַפרײַען. האָט דאָווידן די קראַפט געטריבן פאָרויס, געשטויסן אַרבעטן איבער זײַן פּלאַן, אים פאַרווירקלעכן אין לעבן. און ווען דער געדאַנק איז אָף פּאַפּיר אין א געמעל פאַרוואַנדלט געוואָרן, האָט דאָווידן אָנגעכאַפּט א מאָדנער צווייענדיקער געפיל — פּאַכעד און פרייד. ער האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר זײַן אופטו. האָט ערשט אָנגעהויבן באַגרײַפן די אַלע פאָלגן, וואָס די בערשט טראָגן מיט זיך.

— ס'וועט דאָך מאַכן אַן איבערקערעניש אין פאַבריק! — האָט ער צו זיך אַליין אויסגע־שריגן און מיטן פוס א טופּע געטאָן איבערן דיל. דאָווידן האָט דאָס בלוט אין קאָפּ א זעץ געטאָן, דאָס פּאָנעם איז רויט געוואָרן, די אויגן האָבן זיך ברייטער צעעפנט. האָט ער זיך איבערן טיש אָנגעבויגן, אין די געמעלן אַרײַנגעגראָבן. קוקט ער לאַנג אָפן פּאַפּירל, קוקט און ס'דאַכט זיך אים, אַז די בערשט באַוועגן זיך, אָט הייבן זיי זיך אוף, רוקן זיך נאָענט צו צום מאַנעקען, אָף וועלכן ס'איז אָנגעטאָן א מאַנטל, נעמען דעם מאַנטל אָן פאַרן קאָלנער, רוקן זיך אַראָפּ די אַקסלען, פונדאָרט גליטשן זיי זיך אַראָפּ ביז אונטן. דער מאַנטל איז זויבער ריין. קיין איין שפּרענקעלע, קיין פעדעמל, ווי אויסגעוואַשן... בא דער זײַט שטייט... אסיע מעלאַ־מוד, קוקט מיט פאַרכידעשטע אויגן אָף דאָווידן, די אויגן גלאַנצן בא איר אַזוי מאָדנע, גלײַך ווי זי וואָלט וויינען, אָדער בעטן בא אים עפּעס...

שטיי, ס'דאַכט זיך דאָווידן, אַז ער הערט איר קאָל, די שטים ציטערט בא איר, ווי א סטרונע נאָכן לעצטן אַקאָרד.

— דאָוויד... דאָווידל... זיבעציק מיידלעך וועלן... דאָך בלײַבן אָף דער גאַס... ס'גייט צו ווינטער...

דאָוויד שפּײַט אויס:

— טפו, וואָס פאַר א האַלוציִנאַציעס... פון שוואַכקײַט, זעט אויס, שוין צוויי נעכט ניט געשלאָפן... שאַנעוועסט ניט דײַן געזונט, נאָך דער דריטער וואַכטע, אָנשטאָט שלאָפן — אַרבעטסטו איבער בערשט.

דאָוויד הייבט אוף זײַן מידן קאָפּ פונעם טיש, גלײַכט זיך אויס, זײַנע ביינער צעגייען זיך מיט א קנאַק, ווי אויסגעשאָטענע ניס. כאַפּט אים אָן א כיישעק גיין, שפּאַצירן, זײַן צווישן מענטשן, זיך טיילן מיט עמעצן וועגן זײַן ערשטלינג. קומט אים אָפן געדאַנק זײַן כאַווער אַליאָשע וואָראָביאָוו, א פעסט געבויטער יאַט, א ברייטביינערדיקער.

ווײל אים דאָוויד זען, דערצײלן אים וועגן ערשטלינג, מיט אים רײדן.

דאָוויד בערגער גײט ניט, נאָר ער לויפט, ספּאָטיקעט זיך אַ פּאָר מאָל, שטויסט זיך אָן אָף פאַרבײַגײער, יאָגנע זידלען זיך, שרײַען נאָך:

— כאַם!

דאָוויד הערט ניט, לויפט אַרויף די טרעפּ. בײַ דער טיר לײענט ער איבער:

„צו וואָראָביאָוון — דרײַ מאָל".

אין צימער איז אָנגערויכערט. אליאָשע ליגט און לײענט, די פּיס זײַנען פּאַריסן אָף דער פּאַרענטשע פונעם אײַזערנעם בעטל.

אליאָשע פאַרמאַכט דאָס ביכל, זעצט זיך אויף אויפן בעטל, פרעגט פאַרוווּנדערט:

— וואָס אַזוי שפּעט?

— אומעטיק אין דער הײם... זיך פאַרבענקט נאָך דיר... אַ וויכטיקע זאַך בײַ מיר פאַראַן.

— רעד קלאָר, זעץ זיך צו, און סאָפּע ניט אַזוי.

דאָוויד לאָזט זיך שווער אַראָפּ אויפן בעטל.

— איך האָב צוגעטראַכט אַ זאַך, בעסער אַזױנע; בערשט, וואָס רײניקן קלײדער. אָנ־שטאָט זיבעציק מײדלעך וועלן בערשט אַרבעטן. ערשט הײַנט פאַרענדיקט די דערפינדונג.

— דעם מאָדעל?

— נײן, נאָר די סכעמע, אָף פּאַפּיר. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז די בערשט לעבן, אַרבעטן שוין. מײַן... אַסיע איז אַפּילע שטאַרק אומצופרידן מיט מײַן דערפינדונג: „זיבעציק מײדלעך בלײַבן אָף דער גאַס, ס'גײט צו ווינטער".

אליאָשע האָט פאַרדרײט אַ ציגאַר־מאַכאָרקע, געדרײט און עפּעס געטראַכט, דעם ציגאַר צווישן די צײן אַרײַנגעשטעלט, פאַררײכערט און געזאָגט:

— אויב דײַן דערפינדונג איז אַזוי פאַרפלאָנטערט ווי דײַן רעדע, וואָס דו האָסט ערשט אויסגעמישט דאָ, איז אומזיסט די מי. וועגן די זיבעציק מײדלעך איז איצט איבעריק צו טראַכטן. ניט דײַן דאגע זײ פאַרזאָרגן. זײ וועלן סטאַם פון הונגער ניט שטאַרבן. דו ווײסט, אַז פּאַראַלעל מיט די גיפּט־גאַזן האָט מען צוגעטראַכט אַנטיגאַזן. אַנו, ווײַז נאָר אַהער דײַן סכעמע.

דאָוויד האָט איבערן טיש צעשפּרײט אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר. בײדע האָבן זיך אײַנגעפּרעסן אין אים.

בערגער האָט דערקלערט:

— די ליניע איז אַ האַנט. אין איר, דאָרט, ווו די פינגער גײען — איז אַ באַרשט, פון דער צווייטער זײַט — אויך דאָס אײגענע. די האַנט באַוועגט זיך דורך טאַק; אַז מע שטעלט דאָס גאַפּעלע אַרײַן אין שטעפּסל, דאַרף זיך די האַנט באַוועגן אַרום מאַנעקען. די באַוועגונג קומט פּאָר פון אויבן אַראָפּ, אַזוי ווי מע רײניקט קלײדער, לויט דער וואָרטע פונעם שטאָף. מ'קאָן מאַכן צוואַנציק, דרײַסיק, פופציק פּאָר הענט, וויפל ס'איז נײטיק. דאָס איז שוין אַ טעכנישע דעטאַל...

— דאָוויד, האָסט שוין מיט מינען גערעדט וועגן דעם? — איז אליאָשע אין די רײד מיט אַ פראַגע אַרײַן.

— נײן.

— איך מײן, אַז זי, אַלס רעאַליזאַטאָרן פון אַרבעטער־פאַרשלאָגן, וועט זיך אָנכאַפּן מיט הענט און פיס אָן דעם. ס'איז זײער אַ וויכטיקע דערפינדונג, אָבער ס'איז מעגלעך, אַז דײַן ערשטלינג זאָל זיך אָנשטויסן אָף אַ סאַך שטערונגען.

— צום בײַשפּיל?

— באַביטש דער אינזשעניר איז אַ קאָנסערוואַטאָר, און די צאָרע איז דאָס, וואָס מינע קוקט אים צופיל אין מויל. אָבער שרעקן דערפאַר דאַרף מען זיך ניט. מיר וועלן איבער זײערע קעפּ קאָנען אַפּעלירן צו די אַרבעטער, אויב ס'וועט נײטיק זײַן. איך וועל אין מעכאַנישן צעך מאַכן אַ מאָדעל, וועלכע מיר וועלן דעמאָנסטרירן פאַרן אוילעם. קלאָר? איצט, דאָוויד, גײען מיר שלאָפן. דו בלײַבסט בײַ מיר נעכטיקן. מיט מינען וועל איך מאָרגן איבער־רײדן וועגן דײַן דערפינדונג.

די שטאָט איז שוין געשלאָפן. פון באַטאַגיקן אימפּעט גערוט. אײנצלנע פאַרשפּעטיקטע דורכגײער האָבן מיט זײערע אײַלנדיקע טריט אַ דרעמלענדיקע גאַס געוועקט; די גאַס האָט אין אַ צווײטן עק מיט אַ שטומען ווידערקאָל אָף שפּעטן געענטפערט.

אליאָשע איז גלײַך אַנשלאָפן געוואָרן. בערגער איז אַ וואַכנדיקער אויפן ראַנד פון בעטל געלעגן, וועגן זײַנע בערשט געטראַכט. אַ שטאָלצע האָפענונג אָף זײַן דערפינדונג האָט אים

די רו געשטערט. נאָכדעם האָט דער געדאַנק זיך פּלאָנטערן אָנגעהויבן, די ווײַעס האָבן זיך געשלאָסן. און ווען די נאַכט האָט דרײַ פערטל פון איר אָנגעמערקטן וועג דורכגעמאַכט, האָט אויך בערגער אין אײַנקלאַנג מיט אליאָשעס גאָרגל אָנגעהויבן כראָפּען.

## II

מינע כאָראַש איז אופגעלייגט, צופרידן מיט זיך, מיט דער זון, וואָס שיט זשמעניעס שטראַלן אַף איר טיש און פון וועלכע ס׳איז אַזוי ליכטיק אין צימער. זי קאָן ניט פאַרגעסן דעם שמועס, וואָס זי האָט הײַנט מיט אליאָשען געהאַט.

א גאַנצן פרימאָרגן האָט וואָראָביאָוו זי „געטשאַטעוועט". איז ער אין מעכאַנישן צעך בא דער אַרבעט געשטאַנען און אַלע רעגע די אויגן פון דער אַרבעט אָפּגעריסן, דורך די פאַרוי־כערטע שויבן אין דרויסן געקוקט, און ווען מינע איז ענדלעך פאַרבײַגעגאַן, איז אליאָשע אין הויף אַרויסגעפלויגן, מינען דעם וועג פאַרלאָפן און מיט א שמייכל אַף זײַן פאַרנוורעטן פּאָנעם געזאָגט:

— כאַוועריטע כאָראַש, פאַראַן נײַס אַף דער פאַבריק.

מינע האָט זיך אָפּגעשטעלט, וואָראָביאָוון מיט א פאָרשנדיקן בליק אָפּגעמאָסטן, באַמערקט די סאַזשע אַף זײַנע נאָזפליגל, דערבײַ א טראַכט געטאָן: „ס׳איז נאָך קיין אַכט אַזייגער ניטאָ, און ער איז שוין פאַרשמירט", און באַלד זיך געווענדט צו אליאָשען:

— נײַס? וואָס פאַר א נײַס האָט זיך, אַשטייגער, גאַנצפרי געקאָנט טרעפן? — האָט זי אין א האַלב־שפּאָטישן טאָן געזאָגט.

— א דערפינדונג האָט בערגער צוגעטראַכט...

— וואָס פאַר א בערגער, ווער דער בערגער?

די לײַכטקײַט אין איר קאָל איז פאַרשווונדן געוואָרן.

— דאָוויד, דער שטעפער, אָט דער שוואַרצער מאָגערער „ציגײַנער" פונעם צווייטן שטאָק. מײַן כאַווער. בערשט האָט ער צוגעטראַכט. בערשט, וואָס רייניקן קליידער.

מינע האָט איר האַנט אַף זײַנע ברייטע אַקסלען אַרופגעלייגט און געזאָגט:

— קום אַרײַן צו מיר און דערצייל מיט טאָלק.

מינע האָט אים א בענקל צום טיש צוגערוקט, געהייסן זיך זעצן. אַליין האָט זי אַפן פענצ־טער זיך געזעצט, א פּאַפּיראָס פאַררייכערט, דער רויך האָט אײַנצײַטיק א שפּאַר געטאָן פון נאָז און פון מויל.

— נו, וואָראָביאָוו, איך הער.

— איך האָב שוין קימאַט אַלץ געזאָגט, איצט קאָן איך נאָר איבערכאַזערן: דאָוויד בערגער האָט דערפינדן בערשט, דאָס הייסט, ניט קיין בערשט, נאָר א קאָמבינאַציע מיט בערשט, וואָס רייניקן קליידער. אָנשטאָט זיבעציק מיידלעך וועלן בערשט קליידער רייניקן. איך האָב זײַנע צייכענונגען געזען, די קאָנסטרוקציע וועט זײַן א פּאַשעטע, אָבער א וויכטיקע פאַר דער פאַבריק.

— שוין לאַנג?

— ניין. ערשט נעכטן האָט ער מיר זײַן סאָד אַנטדעקט. א יאָר צײַט האָט ער איבער דער דערפינדונג געאַרבעט, איצט ווייסט ער ניט, ווי אַזוי רעאַליזירט מען דאָס...

מינע איז פונעם פענצטער אַראָפּ, אַפן בענקל זיך געזעצט, אין פײַער פונעם אויסגעברענטן פּאַפּיראָס א צווייטן פאַררייכערט, האָט אָנגעהויבן נערווירן. אַף אירע באַקן האָבן זיך ראָזע פלעקן באַוויזן, גלײַך מ׳האָט זיי א קניפּ געטאָן.

— וואָס הייסט, ער ווייסט ניט ווי אַרום מע רעאַליזירט די דערפינדונג? וואָס איז ער, א נעכטיקער, דאָס ערשטע יאָר אין פאַבריק? און איך ווו בין, און די ראַציאָנאַליזיר־ביוראָ פאַר־נעמט זיך מיט וואָס? מיט נעכטיקע טעג, עפּשער? ניין, ס׳איז ניט פײַן, אַרבעטער טוען ניט אַזוי. ווייסט אים הײַנט זען? יאָ, הייס אים אַרײַנקומען צו מיר. א זיצונג רוף איך וועגן דער פראַגע צונויף. באַביטש וועט אויך זײַן. דו קום אויך.

כאָראַש האָט אַפן טיש־קאַלענדאַר עפּעס פאַרצייכנט. דאָס וואָרט דרײַ מאָל אונטערגע־שטראָכן, די פּען האָט זיך צעשפּאַלטן, טינט האָט מיט דריבנינקע פּינטעלעך פאַרשפּריצט דאָס קאַלענדאַר־בלעטל. אליאָשע איז פון צימער אַרויס. מינע האָט איבערן קאַבינעט געשפּאַנט. אין די שלייפן האָט א געדאַנק, ווי א האַמער, געקלאַפּט — „בערשט, בערשט".

דער שמועס מיט אליאָשען האָט אַף איר אזא מין אײַנדרוק געמאכט, אז זי האָט זיך צו קיין ארבעט ניט געקאָנט נעמען. איר קאבינעט איז פול געווען מיט ארבעטער־פאָרשלאָגן. פון אלע צעכן האָבן זיי געשפּארט, די ארבעטער־פאָרשלאָגן. פון בריגאדעס האָבן זיי זיך ארויסגעריסן. ארבעטער האָבן זיי אַף פארשיידענע קאָלירענע פאפּירלעך פארפיקסירט. לאנג זיי געשריבן, איבערגעשריבן, פאָרמולירט אזוי און אנדערש. די אלע פאפּירלעך זײַנען אין פלאנעווע אָפּטיילונג אָנגעקומען, צו באביטשן אין די הענט ארײַנגעפאלן. יענער האָט זיי אין די טישקעסטלעך פארשלאָסן, זיי געפאנגען, פארשפּארט דעם וועג. פלעגן ארבעטער אַף פארזאמלונגען פרעגן:

— וואָס הערט זיך מיט אונדזערע פאָרשלאָגן?

האָט מען געהייסן צו באביטשן זיך ווענדן, און גראָד צו אים האָבן ארבעטער קיין צוטרוי ניט געהאט.

האָבן ארבקאָרן אַף זיך די איניציאַטיוו גענומען.

אַן ארטיקל אָנגעשריבן אונטער א קלינגענדיקן נאָמען:

„אופשטאנד" פון ארבעטער־פאָרשלאָגן!

האָט דאָס דעם גלײַכגילט צו די פאָרשלאָגן אופגעריסן. באביטש איז ווייכער געוואָרן, רעדעוודיקער. אָבער ער האָט פארשפּעטיקט. פון פאבריק האָט מען מינע כאָראָשן אין ראַציאָנאַליזיר־ביוראָ ארויסגערוקט; באביטש, אלס ספּעציאַליסט, איז א קאָנסולטאַנט.

---

מינע האָט מיטן בלײַשטיפט איבערן טיש א קלאַפּ געטאָן — די זיצונג געעפנט. אירע לויפנדיקע אויגן האָבן אַף באביטשן א קוק געטאָן, דערנאָך אַף אליאָשען, פון אים האָט איר בליק אַף בערגערן ארופגעקלעטערט.

— כאָטש קיין אָפיציעלע מעלדונג פון בערגערן האָבן מיר ניט. נאָר ווי ס'האָט מיר אין א פּריוואטן שמועס אינפאָרמירט דער כאוועער וואָראָביאָוו, האָט דער כאוועער דאָוויד בערגער געמאכט א וויכטיקע דערפינדונג. אָט וועלן מיר אים אליין הערן. האָ?

באביטש האָט זיך אָנגעלייגט אַף דער פארענטשע פונעם בענקל, דעם נאקן אין שפּיץ אָנגעשפּארט אזוי, אז דאָס פּאָנעם איז ארויסגעקומען צו דער סטעליע. אליאָשע וואָראָביאָוו האָט זיך נעענטער צום טיש צוגערוקט, מיטשלעפנדיק מיט זיך דאָס בענקל. באביטש איז, ווי א מאָנומענט, אין א פארגליווערטער פּאָזע געזעסן.

דאָוויד בערגער האָט זיך אופגעשטעלט, דאָס הארץ האָט אים מאָדנע געטיאָכקעט, ווי בא איינעם, וואָס וואַרט אַף זײַן אורטייל בייס די ריכטער זײַנען זיך מעיאשעוו. פון בוזעם־קעשענע האָט ער ארויסגעשלעפּט אַן אינפּירעך־צונויפגעלייגט בייגעלע פאפּיר.

— אייגנטלעך, — האָט דאָוויד אָנגעהויבן, — איז דאָס א פּאָשעטע זאַך, ס'איז א קאָמבינאַציע מיט בערשט, וואָס קומען אין באוועגונג דורך טאָק. די בערשט זײַנען דוהעארטיק, ווי א האלבע לעוואָנע, די הענטלעך דארפן זײַן ווי א קני. דעם מאנעקען קאָן מען שטעלן ווי מ'וויל. ס'איז ניט וויכטיק.

באביטש האָט פּאוואָליע דעם קאָפּ פון דער פארענטשע אופגעהויבן, זיך טיפער אין בענקל ארײַנגעזעצט, מיט דער נאָז א שמאָרע געטאָן, ווי ער וואָלט געגעבן אָנצוהערן, אז ער איז דאָ. אַף מינען א קוק געטאָן און געזאָגט:

— מינע מיכײַלאָוונע, דערלויבט א פראגע.

— וואַרט, וואַרט. נו, בערגער, האָסט שוין געענדיקט?

— יאָ, מער האָב איך ניט וואָס צו דערקלערן.

— יאקאָוו אנדרייעוויטש, ביטע. אײַער פראגע.

באביטש האָט זיך א קרום געטאָן און גלײַך געלאָסן געזאָגט:

— יעדע דערפינדונג איז אָנעמבאַר דעמלט, ווען זי קאָן ברענגען א געוויסע עקאָנאָמיע פון מיטלען. עפּשער וועט אונדז כאוועער בערגער זאָגן, וויפל וועט די פאבריק אײַנשפּאָרן אַף די בערשט?

— איך האָב גענוי ניט אויסגערעכנט. איך ווייס נאָר, אז מײַן דערפינדונג דארף פארבײַטן לעבעדיקע מענטשן. וועלוועלער פון לעבעדיקער ארבעטס־קראַפט וועט דאָס געוויס קאָסטן.

— אַף וויפל? — האָט באביטש זייער העפלעך געפרעגט.

אליאָשען האָט דאָס פונעם אָרט אופגעטראָגן. מיט דער פלינקײַט פון א געניטן ספּאָרטסמען האָט ער זיך אופגעשטעלט אַף זײַנע פעסטע פיס, דאָס בענקל פון זיך א שלײַדער געטאָן און געזאָגט:

— מאטעמאטיק קענען מיר דערווײַל ווינציקער פאר אײַך, בירגער באַביטש, אָבער אײנס איז פאר אונדז קלאָר, אז די מעכאנישע בערשט וועלן אופּרעסן ווינציקער ענערגיע, ווי זי בעציק מיידלעך ברויט. הײַנט כעזשבנט אויס וואָס לוינט בעסער...

— אזוי, מײַן יונגער פרײַנט, — האָט באַביטש געלאסן געזאָגט, — מ'דאַרף פארגעסן אמאָר־טיזאציע, רעמאָנט, קאפּיטאל, וואָס די קאָנסטרוקציע וועט שוין באטרעפן. א דערפינדונג איז דאָס עפּשער א וויכטיקע, נאָר מ'דאַרף זי אלזײַטיק באטראכטן... איך לייג פאָר די באהאנד־לונג איבערטראָגן אף א זיצונג פון ספּעציאַליסטן־קאָנסטרוקטאָרן.

— און איך לייג פאָר, — האָט אליאַשע געזאָגט, — איר זאָלט מיר דערלויבן אף מיטלען פון דער פאבריק מאכן א מאָדעל פון די בערשט. און אויב איר וועט ניט דערלויבן, וועלן מיר דאָס בעמיילע טאָן. קום, דאַוויד. די זיצונג איז שוין, דאכט זיך, פארענדיקט. כ'האָב פרײַער געוווּסט, אז אזוי וועט זײַן. דאַווידקע, פאל בא זיך ניט אראָפּ. דער פּראָלעטאריאַט וועט זיגן. אסיען האָסטו ניט געזען? זי פרעגט מיך שוין א פּאָר מאָל אף דיר, ווײַל מיט דיר ריידן. גיי זיך דורך צו איר.

בײדע כאַווײרים האָבן פארלאָזט די זיצונג, ניט הערנדיק, ווי מינע האָט זיי עפּעס נאָכ־געשריגן.

## III

דער קלאַנג וועגן דאַוויד בערגערס דערפינדונג האָט זיך ווי א שטורעם אין די צעכן אריבערגעריסן, זיך פארשפּרייט דאָרט פון בריגאדע צו בריגאדע, פון מאַשין צו מאַשין. ס'איז געוואָרן א שלאָגטעמע. ארבעטער האָבן וועגן דעם גערעדט. דאַווידס נאָמען איז אין מײַלער געלעגן, פּונקט ווי די פאבריק מיט דער דערפינדונג געוואָרן. דער באשײדענער מאָגערער „ציגײַנער", דאַוויד דער שטעפּער, איז אויסגעוואַקסן אף א קאָפּ העכער פון זײַנע כאַווײרים. מ'האָט אים אָנגעהויבן באמערקן, אים לויבן הינטער די אויגן. מיט שטאָלץ האָבן ארבעטער וועגן אים גערעדט:

— אונדזער דאַווידל איז א מאָלאָדיעץ.

— א סאָוועטישער עדיסאָן וועט פון אים ארויסקומען.

— אונדזער בערגער האָט א קאָפּ אף די פּלייצעס.

— אונדזערע דערפינדער וועלן פארשטעקן זייערע אין גארטל.

און טײַער איז בערגער אין פאבריק געוואָרן, מ'האָט אים אזוי פיל קאָוועד אָפּגעגעבן, אז ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן לעפּיש. פריקרע איז אים געווען די מאָדנע באציונג מיצאַד די ארבעטער. און געטראַכט האָט דאַוויד, אז מע לויבט אים אומזיסט, ווײַל אָן „עפּשער" האָט זיך אין זײַן האָפענונג ארײַנגעגאַנוועט, מיט א צווייפל אין דער מעגלעכקײַט רעאליזירן די דערפינדונג האָט אים באַביטש אָנגעשטעקט, האָט ער זיך געערגערט, און אליאַשען פאָר־געוואָרפן:

— ניט באדאַרפט גיין אף דער זיצונג, ס'וועט זיך אָנהייבן א פארשלעפּעניש, פון זיצונג צו זיצונג.

איז אליאַשע אף א מיטל געפאלן — פארינטערעסירן דאָס קעמערל מיט דער פראגע. ס'וועט גיכער זײַן.

— וואָס זשע טראַכסטו טאָן, אליאַשע?

— מיר וועלן אין אונדזער פאבריק־צײַטונג פאָטאָגראַפירן דעם מאָדעל, און אן ארטיקעלע דערבײַ צוגעבן.

— איז שוין דען פאַרטיק דער מאָדעל?

— פאַרטיק. פון פאַניר האָב איך אים געמאַכט נאָך דער ארבעט. ס'איז א פּאָשעטע זאַך, קימאַט פּרימיטיוו. אָט וועסטו זען, וואָס פאר א טומל מיר וועלן אופהייבן ארום דער פראגע.

און אזוי איז טאַקע געווען. וואָראַבײאָוס האשאָרעס האָבן זיך באשטעטיקט. אין אײנעם א טאָג, ווען כאַריטאָנין, דער סעקרעטאַר פונעם פּארטיי־קעמערל, האָט די זיצונג געעפנט, האָט זיך אים גלײַך געוואָרפן אין די אויגן א בילד מיט א גרויס קעפּל: „אונדזערע דערגרייכונגען".

כאַריטאָנין האָט זיך אפן בילד ארופּגעוואָרפן, זיך אײַנגעטראַכט אין דעם, דאָס ארטיקעלע מיט די אויגן איבערגעלאָפן איין מאָל, א צווייט מאָל, האָט ער אן אויג פארזשמורעט, מיט די

אקסלען א נערוועזן צי געטאָן, די צײַטונג אין זשמעניע צעקנייטשט, דאָס טעלעפאָן־טרײַבל א ריס געטאָן, אין דער מעמבראַנע אַרײַנגעשריגן:

— 82 — 24... רויזמאַן, האַ, רויזמאַן, קום גלײַך אַרײַן... ביסט פאַרנומען... א זיצונג? גיב איבער דאָס פּאַרזיצערײַ, דערווײַל, איך וועל דיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן.

רויזמאַן איז מער צעטראָגן ווי טאָמיד געווען. אין די שטופּלען פון זײַן ברייט פּאָנעם איז פאַרבאַהאַלטענער קאַס געלעגן:

— וואָס האָסטו מיך גערופן, כאַריטאָנין?

— לייען, — האָט יענער אים אָף דער צײַטונג אָנגעוויזן.

— וואָס לייענען?

— אָט אָ־דאָס־אָ, וועגן דער דערפינדונג.

— איך האָב דאָס שוין געלייענט.

— נו, וואָס טראַכסטו טאָן אין דער ריכטונג?

— ס'איז ניט מײַנע פונקציעס. כוץ דעם, האָט מיר מינע געזאָגט, אַז מ'האָט באַשטימט דאָס איבערגעבן אָף א זיצונג פון ספּעציאַליסטן.

— איך וויל פון גאָרניט וויסן. מ'דאַרף זיך פאַרינטערעסירן מיטן איניען. צי דאָס גייט אַרײַן אין די פונקציעס פון פּאַבקאָם, צי ניט, — וועלן מיר ריידן אָף דער ביוראָ. קאָנסט גיין פאַרזעצן דײַן פאַרזאַמלונג.

כאַריטאָנין האָט אויסגעגלײַכט די צעקנייטשטע צײַטונג און ווײַטער באַטראַכט דאָס בילד.

רויזמאַן איז א פּאָר סעקונדעס אָפּגעשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זיך באַטראַכט בעסער איצט אָפּשווײַגן, זיך אויסגעקערעוועט און אַן א זוי־געזונט פאַרלאָזט דאָס קעמערל. כאַריטאָנין האָט אין טאָג־צעטל פון דער קומענדיקער ביוראָ א פראַגע צו־געשטעלט:

„וועגן רויזמאַנען”, און אין קלאַמערן: „ס'איז ניט מײַנע פונקציעס”.

## IV

אָפן סקלאַד, ווו מ'רייניקט די קליידער, איז א געדריקטע שטימונג. די מיידלעך אַרבעטן אָן כיישעק. א געפּאַר דראָעט זיי.

— מ'וועט אונדז פאַרקירצן.

— אָף דער גאַס אַרויסוואַרפן.

— און ווען? ווינטער־צײַט.

די שטימונג גיט זיך איבער ווי אַן אָנשטעקעניש, פון מאַנעקען צו מאַנעקען. די שרעק פאַרקירצט צו ווערן האָט אַלעמען באַהערשט. דער קאָפּ אַרבעט לאַכלוטן ניט. דער ניכטערער געדאַנק האָט דעם פּאַכעד פון מעגלעכער אַרבעטסלאָזיקײַט פאַרטריבט. קיין טרייסט־ווערטער איז בא קיינעם ניטאָ, אויסגעוועפּט איז די האָפענונג, אומבאַהילפיק איז מען. אַסיע מעלאַמוד פּרוּווט טרייסטן, די געדריקטע שטימונג פאַריאָגן, רעדט זי:

— אומזיסט, מיידלעך, אײַער שרעק. אָף דער גאַס וועט איר ניט בלײַבן. מ'וועט פּאַר אונדז אַרבעט אָפּזוכן...

אָבער אירע רייד ווירקן ווינציק, פאַרקערט, נערווירן נאָר, צעשרויפן די אָנגעגליטע קעפּ. גראַבלען אונטערן האַרצן. ס'נאָגט שטאַרקער. אייניקע זעען אין אַסיען א דירעקטע שוטעפטע אין דער דערפינדונג.

— האָסט געוווסט וועגן די בערשט, וואָס „דײַן” דאָווידל האָט צוגעטראַכט, — האָט בוני פּלאַנטשאַק מיט פאַרדראָס געזאָגט. — האָסט געוווסט און פון אונדז באַהאַלטן. דו גייסט דאָך מיט אים אַלע טאָג, שיקט זיך, אַז ער האָט דיר ניט פאַרטרויט זײַנע פּלענער?.. שווער צו גלייבן...

און דווירעלע האָט מיט ווערטער געשטאָכן:

— פאַרלאָז זיך אָף כאָוועריס, בריגאַדירשעס שיינע, שקורניקעס זײַנען זיי. ווען דו זאָגסט מיר פּריער, וואָלט איך זיך אָן אייצע געגעבן. אָף מײַן אויסהאַלטונג איז א ברודערל און די מאַמע. וואָס וועלן זיי טאָן? עפּשער וועט מען אונדז אָף די בולוואַרן הייסן גיין פאַר־דינען...

פון די ווערטער האָבן די מיידלעך נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן פּיבערן. דער האַס צו דער

דערפינדונג איז געוואקסן, די אופרעגונג האָט איבערגעשטיַיגט אַלע גרענעצן. דער צאָרן איז אַריבער אין שפּאָט, מ׳האָט אָנגעהויבן כּויזעק מאַכן פון בערגערן מיט זיַין דערפינדונג.

— וואָס איז ער, דער בערגער: אַ שטעפּער, צי אַ קלעפּער, — האָט בוני אירָאַניזירט.

— ניט קיין קלעפּער, נאָר אַ קלעפּטאָמאַן, — האָט דווויִרעלע פּאַריכט.

— קלעפּטאָמאַן איז דאָך אַ גאַנעוו.

— ניט קיין גאַנעוו נאָר אַן אורקע.

— עפּשער האָט ער די דערפינדונג אויך ערגעץ צוגעגאַנוועט?

— וואָס דען, זיַין קאָפּ דערבײַ?

אַסיע האָט איר מאַנעקען אַ דריי געטאָן, מיטן בערשטל אַ קלאַפּ געטאָן, און אויסגעשריגן:

— גענוג!

— וואָס זשע, ס׳באַרירט דיַין קאַוועד?

— ניין. נאָר איר פאַרשטייט ניט איין זאַך: בערגערס דערפינדונג האָט אַ וויכטיקע באַדיַי־טונג פאַר אונדזער פאַבריק. די פּראָדוקציע וועט דאָס פאַרביליקערן. פרייען דאַרפט איר זיך, שטאָלצירן מיט אַזעלכע אַרבעטער, עמעסע פּראָלעטאַריער, דערפינדער.

— מיידלעך, לאָמיר זיך צעזינגען. אויב בליַיבן יאָ אָן אַרבעט, איז דערלאַנג לידער: שטייט אויף איר אַלע. וועגר ווי שקלאַ...

— בוני, בוני, האָסט אַ שאַרפע צונג און... אַ קליין קעפּל.

אַסיע האָט די באַרשט אופגעהויבן און פאַרגעזעצט די אַרבעט. צוויי געפילן האָבן אין איר געקעמפט — מיטלײַד צו די מיידלעך, וואָס וועלן עפּשער בליַיבן אַרבעטלאָז, און שטאָלץ פאַר דאַווידן. דער לעצטער געפיל האָט דעם ערשטן פאַרטונקלט, איז פאַר אירע אויגן בער־גער אויסגעוואַקסן. זיַין פאַרטראַכטקיַיט.

אין זיַין בליק שוועבט טאָמיד אום אַ זינען, ער רעדט זיך קיינמאָל ניט איבער. זיַין שטים קלינגט אַזוי ליריש, מיט אים איז איר טאָמיד היימלעך, אין זיַינע ווערטער פילט זי טאָמיד אַ זיכערקיַיט. זיי זיַינען פעסט און איבערצײַגנדיק. פאַרוואָס זשע האָט ער איר ניט פאַר־טרויט וועגן זיַין דערפינדונג? עפּשער איז ער ניט זיכער געוועזן אין דערפאָלג, אָבער ס׳איז דאָך ניט דאַווידס טעווע. אויב ער האָט זיך גענומען פאַר אָן אַרבעט, דערפירט ער זי ביזן סאָף. איר געדאַנקען־שטראָם האָט בוני אָפּגעשטעלט.

— מיידלעך, מ׳האָט ערשט איבערגעגעבן, אַז נאָך דער אַרבעט וועט אין רויטן ווינקל בערגער דעמאָנסטרירן זיַינע בערשט.

— מ׳דאַרף גיין, האַ?

— פאַרשטייט זיך, גיין.

— נאָך אַ מין גיין.

מיט אומגעדולד האָט אַסיע די שאָען ווי קליי דערצויגן ביזן ענדע טאָג.

דאָס האַרץ האָט איר געצאַפּלט, ווי אַ פישעלע אויף זאַמד.

דער אינסטרוקטאָר האָט אַ פיַיף געטאָן. די מיידלעך האָבן גיך געוואָרפן די אַרבעט, מיט אַ געפילדער זיך געלאָזט צו די קראַנען, ווו מ׳האָט זיך לאַנג און מיט האַנאַ געפּליוסקעט אין קאַלט פריש וואַסער.

## V

וועגן דער בויונג פון דער נײַער פאַבריק האָט גערעדט באַסקין — דער דירעקטאָר. אַרום אים זיַינען אין אומאָרדענונג געלעגן פּאַפּירן, פון וועלכע ער האָט געלייענט גיך, מעכאַניש.

כאַריטאָנין האָט אים אופמערקזאַם געמאַכט, אַז די ציפערן זאָל ער לייענען פּאַוואָליע.

באַסקין איז שטיין געבליבן, אַראָפּגענומען די ברילן, אויסגעווישט די פיַיכט־געוואָרענע גלעזער און פאָרגעזעצט.

— די בויונג האָט אַריבערגעשטיגן אונדזער סמעטע אויף פופציק טויזנט רובל. דער טרעסט האָט אונדז מער קיין אַסיגנירונגען ניט געוואָלט אַפּלאָזן, ס׳האָט געדראָעט אַ געפאַר אָפּשטעלן די אַרבעט. איצט האָבן מיר געקראָגן די געהעריקע סומע געלט און מ׳אַרבעט וויַיטער. דער קאַרפּוס איז פאַרטיק. געבליבן טיילווײַז אינערלעכע אַרבעט און אויסשטאַטונג.

באַסקין איז אַנשוויגן געוואָרן, האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אין עפּעס דערמאָנען.

— באַ מיר פאַראַן אַ פראַגע, — האָט רויזמאַן געזאָגט.

— און בא מיר, — האָט כאַראַש זיך געווענדט צו כאַריטאָנינען.

— און איך וועל עפּעס פרעגן, — האָט דער רעדאַקטאָר פון דער פאַבריקישער פּילטיראַזשקע כאַוועראַ שאַץ געזאָגט.

— אָרדענונג, אָרדענונג, — האָט כאַריטאָנין זיך געבעטן.

— כאַוועראַ רויזמאַן, ביטע, דײַן פראַגע.

— אויף וויפל ארבעטער איז אויסגערעכנט די נײַע פאַבריק? און נאָך: ווו וועלן מיר נעמען קאַדרען?

— ווײַטער, כאַווירים. — האָט דער פאָרזיצער געזאָגט.

— מיך אינטערעסירט, וואָס פאַר א סמעטע איז אַסיגנירט געוואָרן אויף רעאַליזירן ארבעטער־פאַרשלאָגן.

— נאָך ווער וויל?

— פאַרוואָס רעאגירט ניט די פאַבריק־אַדמיניסטראַציע אויף די ארבקאָרישע נאָטיצן, וואָס דרוקן זיך אין דער פּילטיראַזשקע?

כאַריטאָנין האָט באַטראַכט דעם אוילעם. אין זײַן בליק איז א פראַגע געשטאַנען: „נו, ניטאָ מער קיין באַלאַנים?” און זיך געווענדט צום פאָרטרעגער: „כאַוועראַ באַסקין, ענטפער, אָבער קורץ”.

באַסקין האָט א הוסט געטאָן, זיך א דריי געטאָן אויפן בענקל און געזאָגט:

— די נײַע פאַבריק איז אויסגערעכנט אויף צוועלף טויזנט ארבעטער. מיט קאַדרען שטייט בא אונדז שאַרף די פראַגע. מיר פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן געווערב־פאַרבאַנד, ער זאָל אונדז איבערגעבן אייניקע ארטעלן מיט דער גאַנצער אויסשטאַטונג. אויף רעאַליזירן די ארבעטער־פאַרשלאָגן האָבן מיר אין דער נײַער סמעטע אַסיגנירט קאַרגע צוואַנציק טויזנט רובל. אויף ארבקאָרישע נאָטיצן, דאַרף איך מודיע זײַן, ענטפערן מיר ניט מיט דער געהעריקער גיכקײַט. מיר זײַנען ניט בייגזאַם אין דער פראַגע. דאָס זאָג איך אין אָרדענונג פון זעלבסטקריטיק...

ס'איז געוואָרן שטילער ווי געווײנלעך, יעדער האָט זיך געסטאַרעט הערן.

— מ'דאַרף קאָנסטאַטירן, אַז די טעמפּן, מיט וועלכע ס'בויט זיך די נײַע פאַבריק, באַפרידיקן אַבסאָליוט ניט. מיר לייגן פאָר, אַז ביז די אָקטיאַבער־יאָמטויווים זאָל די פאַבריק זײַן גרייט צו ארבעטן. כ'מיין, אַז קיינער האָט ניט קעגן די פאָרשלאָגן? איצט וועלן מיר איבערגיין צו דער צווייטער פראַגע.

דער אוילעם האָט זיך אָנגעהויבן דרייען, מיט אומגעדולד אויפן זייגער געקוקט.

— עפּשער וועלן מיר זי אַראָפּנעמען איצט, שוין שפּעט...

— כאַווירים זײַט ניט גײַציק. אַז מ'קומט אויף א ביוראָ, דאַרף מען ניט שטיין אויף איין פּוס. זעצט זיך. לאָמיר אומזיסט ניט פאַטערן קיין צײַט. די פראַגע איז קורץ. צו דיר, מינע, האָט דאָס אויך א שײַכעס. ווי איר ווייסט, האָט אַן ארבעטער פון אונדזער פאַבריק דערפינדן מעכאַנישע בערשט, וואָס רייניקן קליידער. ס'איז, לויט מײַן מיינונג, א וויכטיקע דערשײַנונג, און דעם דערפינדער דאַרפן מיר מאַטעריעל שטיצן ווי ווײַט מעגלעך. אָבער וואָס זעען מיר אינדערעמעסן? אַן עכט ביוראָקראַטישע באַציִונג צו אים. באַביטש לייגט פאָר די פראַגע איבערגעבן א גרופּע ספּעציאַליסטן. מינע געפינט זיך אונטערן ספּעצס ווירקונג, רויזמאַן טײַנעט, אַז ס'איז ניט זײַנע פונקציעס. ווער האָט דאָס אײַך צעטיילט, ווי א שאַכמאַט־ברעטל, אַז נאָר אין די גרענעצן פון א באַשטימטן אָרט זאָלט איר זײַן? אונטערהאַלטן א כאַוועראַ א דערפינדער, אים אונטערגעבן כיישעק ווײַטער ארבעטן הייסט בא רויזמאַנען, אַז ס'איז ניט זײַנע פונקציעס.

— איך קאָן זיך אָבער ניט פאַרנעמען מיט יעדער קלייניקײַט, וואָס קומט פאָר אין פאַבריק.

— דאָס איז בא דיר קלייניקײַטן? ווען ארבעטער הייבן אָן באַהערשן די טעכניק, איז עס בא דיר קלייניקײַטן?

— ווער וויל זיך נאָך אַרויסזאָגן? דו ווילסט זאָגן, מינע?

מינעס אויגן האָבן א לויף געטאָן פון ווינקל צו ווינקל, ס'איז איר הייס געוואָרן, זי האָט זיך אָנגעהויבן פילן ניט גאָר אָנגענעם.

— אומזיסט, כאַוועראַ כאַריטאָנין, באַשולדיקסטו מיך. פאַרקערט, איך האָב צו דער צײַט רעאגירט אויף דער פראַגע. אויף דער באַראַטונג פון ראַציאָנאַליזיר־ביוראָ האָבן מיר באַשלאָסן די דערפינדונג איבערגעבן א גרופּע ספּעציאַליסטן... מ'קאָן דאָס ניט אָן א קאָמיסיע אָננעמען...

— ס'איז קלאָר, כאַווירים, די פראַגע דאַרף מען פאַרסירן. איך מעשעך פון א דעקאַדע. אויף דער צווייטער זיצונג פון אונדזער ביוראָ וועלן מיר שטעלן כאַראַשס אינפאָרמאַציע. און רויזמאַנען, פאַר זײַן ריין פאָרמאַליסטישן ענטפער, לייג איך פאָר מאַכן א פאָרוואורף.

רויזמאַן איז ווי אַ פּילקע פון זײַן אָרט אופגעשפּרונגען, מיט שוים אויף די ליפּן האָט ער אָנגעהויבן פּראָטעסטירן:

— פאַרוואָס אַ פאַרוואָרף? וואָס רעדסטו נאַרישקײַטן, כאַריטאַשאַ... קאָמפּראָמעטירסט מיך... — האָט ער אָנגעהויבן בעטן.

קעגן כאַריטאָנינס פאָרשלאָג האָט קיינער ניט דערווידערט. די זיצונג איז געשלאָסן געוואָרן. דער אוילעם איז זיך צעגאַנגען. רויזמאַן איז אַוועק דער לעצטער, האָט אַ שטאַרקן פּראַל געטאָן מיט דער טיר. אין קאָרידאָר האָט ער מיט היץ צו עמעצן געטײַנעט:

— איך וועל אַפּעלירן, ביז צקק וועל איך דעם איניען דערפירן. אַזוי לאָז איך דאָס ניט אָפּ...

ווען אַלע זײַנען אַוועק, האָט כאַריטאָנין ברייט דאָס פענצטער געעפנט. אַ שטראָם פרישע לופט איז אין אָנגערייכערטן צימער ארײַן. מיט אַ שאַקל מיטן קאָפּ האָט ער די האָר פאַרשאַרט אויף אַרויף און זיך געזעצט צו דער אַרבעט. דער זייגער האָט פויל אויסגעקלונגען צען.

כאַריטאָנין האָט דאָס בענקל צום טיש נעענטער צוגערוקט אַזוי, אַז זײַן ברוסט האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין שאַרף פון טיש, האָט פאַרייכערט אַ פּאַפּיראָס, דעם רויך אויפן קעפּעלע פײַער געבלאָזן, דאָס פײַערל איז העלער געוואָרן. די אַרבעט איז ניט געגאַנגען, ער האָט ניט געקאָנט געפינען קיין פּאַסיקן אָנהייב פאַר זײַן שריפטלעכן באַריכט. קאָנטיק, אַז כאַריטאָנין איז צעשרויפט געווען, געוואָלט טאָן איינס, אָבער זײַן געדאַנק איז פאַרנומען געווען מיט אַ צווייטער זאַך, וועגן בערגערן האָט ער געטראַכט. פאַר זײַנע אויגן איז געשטאַנען אַ מאָגערער, מיטלווּקסיקער באָכער מיט ציגײַנערישע שטריכן. דער גרויסער קאָפּ זײַנער זיצט פעסט אויף די אַקסלען. כאַריטאָנינען איז דער באָכער נאָענט געווען. אַ נײַעם מענטשן האָט ער אין אים דערשפּירט, אַן אַרבעטער־דערפינדער, אַ קעמפער פאַר טעכניק, פאַר סאָציאַליזם.

וואָס לענגער כאַריטאָנין האָט וועגן בערגערן געטראַכט, אַלץ נעענטער איז ער אים געוואָרן און ענלעכע צו זיך שטריכן האָט כאַריטאָנין אין דאַווידן באַמערקט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין דער יוגנט, ווען ער איז אויף בריאַנסקער זאַוואָד אָנגעקומען, האָט ער אַ מאַשין געוואָלט צוטראַכטן, אַ מאַשין פון „אייביקער באַוועגונג". ער איז אַזוי פאַרכאַפּט געווען מיט דעם געדאַנק, אַז אָפּטמאָל פלעגט ער ניט הערן, וואָס מ'רעדט צו אים. אָבער שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַקאַנט מיט פיזיק, איז ער אַנטוישט געוואָרן; כאַריטאָנין האָט זיך דעמלט דערוווּסט, אַז „פּערפּעטוום מאָבילע" איז אַן אומעגלעכע זאַך. אַ טרוים פון פאַנטאַזיאָרן, אַ כאָלעם, וואָס שטימט ניט מיט די פיזישע געזעצן. איז זײַן געדאַנק אָפּגעקילט געוואָרן, פאַרגאַן, ווי ס'פאַרגייט די זון אין אַ זומער־פאַרנאַכט, פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, קימאַט אומבאַמערקבאַר, ביז ס'איז פון אים אַ זייכער געבליבן, אַ דערמאָנונג, יינגלשע טרוימען פון שוין לאַנג פאַרגאַנגענע אין קאַמף פאַרהאַרטעוועטע יאָרן...

כאַריטאָנין האָט די אויגן צו דער סטעליע אופגעהויבן. דאָרט, אויפן צווייטן שטאָק העכער פון דעם צימער, ווו ער איז געזעסן, איז געווען די פאַבריק. דורך דער סטעליע האָט ער קלאָר געהערט דעם רויש פון מאָטאָרן, דעם ליאַרעם פון מאַשינעס, האָט אים אַ פרייד אָנגעכאַפּט, זײַנע אַלע גלידער דורכגעדרונגען, ווי אַן עלעקטרישער טאָק. האָט ער זיך אָן ענערגישן צי געטאָן, אַ האַנט אין אַ האַנט געריבן און צו זיך אַליין געזאָגט:

— עך, וועט גוט זײַן... אַ וועלט באַנײַען מיר. מיט סאָציאַליזם צעמענטירט זיך די געזעלשאַפט. די בערגערס וועלן זיך מערן און מערן. און איצט שרײַבן, כאַריטאַשאַ, שרײַבן...

כאַריטאָנין האָט אַ כוואַליע געדאַנקען אין קאָפּ אַ שפּאַר געטאָן. ער האָט די פען גענומען, און זײַן האַנט האָט מיט איר, מיט דער פען, אָנגעהויבן יאָגן איבערן ווײַסן בויגן פּאַפּיר.

## VI

אַליאַשע וואָראַביאָוו איז שטאַרק צעטומלט געווען. ווי קוועקזילבער, איז ער געשפּרונגען איבערן גרויסן זאַל, די בענקלעך געררוקט, זיי אין אָרדענונג אויסגעשטעלט, דעם אוילעם געהייסן זיך זעצן.

— מיר הייבן אָן, באַלד הייבן מיר אָן.

און צו דאַווידן:

— דאַווידקע, ביסט גרייט? וואָס שטייסטו ווי אַ גאַסט? לעבן, דערלאַנג לעבן!

דאַוויד איז אויסערלעך רויִק געווען, קימאַט ווי טאָמיד, אָבער אינערלעך האָט אין אים געקאָכט. דאָס האַרץ איז געשפּרונגען אַזוי, אַז אָט־אָט פליט דאָס אַרויס. אַלע רעגע האָט אַ

נערוו זײַן באַק ביזן שלייף אַ ריס געטאָן; ער האָט זיך געפּילט, ווי אַ שילער פאַרן לעצטן עקזאַמען: האַלט ער אויס גוט — עפּענען זיך פאַר אים נײַע וועגן, ברייטע האָריזאָנטן, די וועלט ווערט זײַנע. אָבער טאָמער פאַלט ער דורך? עפּשער וועלן אַרבעטער אים פּאַרטיוקען, אויסלאַכן, ווי די מיידלעך האָבן דאָס געטאָן.

— ..."ספּייקעס, וואָס דרייט איר זיך אַרום מיר ווי ווערעם אַף נעווייִלע, אוועקט, גענוג — אין מײַן האַרצן האָב איך פאַר אײַך קיין ברעקל אָרט ניט געלאָזט".

בערגער האָט מיט דער האַנט אַ פיר געטאָן איבערן שטערן, אליאָשען צוגערופן:

— דער מאָדעל איז בא דיר? די עלעקטריע איז אין אָרדענונג? יאָ. גוט, אַ דאַנק, אליאָשע, ביסט אַ ווילער יאַט. מאָלאָדיעץ.

— ביסט הײַנט סענטימענטאַל, ווי אַ פאַרליבט מיידל...

— דזין... דזין... דזין... — האָט דאָס מעשענע קלוב־גלעקל זיך צעלאָזט, דער פאָרהאַנג האָט פּײַערלעך די סצענע באַהילט. אין זאַל האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטופּעניש, יעדער איינער האָט זיך געסטאַרעט זיצן נעענטער. רויזמאַן האָט די פאַרזאַמלונג געעפנט. זײַן רעדע איז הייס געווען, ווי געוויינלעך, נאָר אָרעם אין אינהאַלט. דאָס זעלבע האָט ער ניט איין מאָל געזאָגט וועגן אינדפינפּלאַן, שעדיקערײַ און אויך וועגן דערפינדונג. דער אוילעם האָט אים ניט גערן געהערט.

זײַן געדאַנק האָט זיך טאָמיד געדרייט אין אַ פאַרקישעפטן קרײַז, ווי אַ צירק־פערד אַף דער אַרענע.

ווען ער איז אַנשוויגן געוואָרן, האָבן אַרבעטער צווייִדײַטיק אַפּלאָדירט. דאָס וואָרט האָט באַקומען בערגער. מיט זיכערע טריט איז ער צוגעגאַן האַרט צו דער ראַמפּע, דאָרט, וווּ ס'איז געשטאַנען דער מאָדעל.

זײַן בליק האָט איבערן אוילעם אַ בלאָנדזשע געטאָן. אין אַ ווינקל האָט ער זיך אין אַסיען אָנגעשטויסן, ווי אין אַן אָנשפּאַר־פּונקט האָט זיך דאָוויד אין איר מיטן בליק געהאַלטן. דער נערוו האָט די באַק אופגעהערט רײַסן. ער האָט זיך דערפילט ווי אין צעך בא דער אַרבעט.

— קיין נײַס, כאַווירים, וועל איך אײַך הײַנט ניט דערציילן, — האָט דאָוויד אָנגעהויבן, — איר ווייסט שוין אַלע וועגן מײַן דערפינדונג. מיר וועלן דאָס באַלד דעמאָנסטרירן. איך וויל נאָר צעקלאַפּן די קלאַנגען, וואָס אייניקע ספּעציאַליסטן פאַרשפּרייטן אַרום די בערשט. באַביטש זאָגט, אַז זיי זײַנען ניט רענטאַבעלנע פאַר דער פאַבריק, דאָס הייסט, אַז מ'וועט אַף זיי אויסברענגען מער מיטלען, וויפל זיי וועלן אײַנברענגען. דאָס איז אַ געדאַנק פון אַ קאָנסערוואַטאָר, פון אַ מענטשן, וואָס האָט מוירע פאַר נײַע זאַכן. איך איליוסטריר דאָס מיט ציפערן.

דאָוויד האָט דעם אָטעם געכאַפּט און פאָרגעזעצט:

— זיבעציק מיידלעך צו 75 רובל אַ כוידעש יעדערער, האָט איר 5250 ר. אין אַ יאָר איז צוועלף מאָל אַזוי פיל. ביכדיי רעאַליזירן מײַן דערפינדונג, דאַרף מען אויסברענגען אַ סאַך ווינציקער, וויפל ס'באַטרעפט דער לוין פון זיבעציק מיידלעך אַ כוידעש. הײַנט ווו איז מעכאַניזאַציע, און וויאַזוי דענקען די ספּעציאַליסטן, אַז אַף דער נײַער פאַבריק, אין וועלכער מיר גייען גיך איבער, וועט מען אויך רייניקן קליידער מיט די הענט? וויאַזוי שטעל איך מיך פאָר די בערשט? אָט וועט איר באַלד זען.

דער אוילעם האָט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם געהערט. אַלעמענס קערפּערס האָבן זיך געבויגן צו דער סצענע. אייניקע האָבן הענט צום אויער צוגעלייגט, ביכדיי בעסער הערן. אליאָשע האָט הינטער די קוליסן דאָס גאָפּעלע אין שטעפּסל אַרײַנגעשטאָכן. דער מאָדעל, וואָס איז ענלעך אַף אַ האַנט געווען, האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן. דעם צווייטן גאָפּל אין שטעפּסל אַרײַן, און דער מאָדעל דרייט זיך, מאַכט אַ קרײַז.

די שטילקײַט האָט געפּלאַצט, אין זאַל האָבן אַפּלאָדיסמענטן פון הונדערטער פאַרהאָרעוועטע, מיט מאָזאָליעס, הענט אופגעריסן די לופט. די פענצטער האָבן געקלונגען. פון טופּערײַ זײַנען די בענקלעך געשפּרונגען. דער זאַל איז כאַדאָראָם געגאַן.

אליאָשע איז פון הינטער די קוליסן אַרויס, צו דאָווידן צו, און אָנגעהויבן שרײַען „הוראַ".

די אַרבעטער זײַנען אַלע ווי איינער אופגעשטאַנען, אליאָשעס אויסגעשריי האָבן הונדערטער גאָרגלען אונטערגעכאַפּט.

— הײַדאַ, בערגער...

— הײַדאַ, דאָוויד.

און דער מאָדעל האָט זיך געדרייט, ווי מיט הענט געפאָכעט, ווי אַן אַרטיסט, וואָס דאַנקט פאַר אַפּלאָדיסמענטן זײַן פילבאַרע באַליבטע אַאודיטאָריע אָפּ.

„...שוין דעם דריטן טאָג, אַז איך קאָן ניט אָפּזוכן אַ פּאָר מינוט אויף צו פאַרענדיקן דעם בריוו. אָבער איך האָב זיך פאַרט אָן אייַצע געגעבן. איך גאַנווע בא דער נאַכט צייַט, אַפּן כעזשבן פונעם שלאָף, און שרייַב. טייַערער דאַוויד, איך וויל דיר באַשרייַבן די לעצטע נייַסן פון אונדזער פאַבריק. נאָר איידער איך טרעט צו צו די פאַקטן, וויל איך דיך דערפרייען מיט איינעם — די רעקאָמענדאַציעס, וואָס דו האָסט בא מיר געבעטן וועגן אַרייַנטרעטן אין פאַרטיי, שיק איך דיר אין אַ באַזונדערן רעקאָמענדירטן בריוו. צופרידן, האַ? איצט וועגן דער פאַבריק גופע. מיר אַרבעטן שוין אין דער נייַער געבייַדע. ביז צען טויזנט מענטשן איז אויסגעוואַקסן אונדזער אַרבעטער־קאָלעקטיוו, אַ היפשער פּראָלעטאַרישער קערן. אַ וועלט מיט נייַע מענטשן, געשטאַלטן. דרייַ וואַכטעס אַרבעטן.

דעם פינפיאָריקן פּלאַן וועלן מיר אויספּילן אין דרייַ מיט אַ האַלבן יאָר. מיר פאַרמעסטן זיך אויף אַ שלאָגלערישן אויפן אויף דער אַלוקראַינישער איבערגאַנג־פּאָן. מיר וועלן זי באַקומען. אַלע נייַע אַרבעטער זייַנען אַרומגעכאַפּט מיט סאָצגעוועט און שלאָגלערייַ. דער פאַבריק־דויפעק קלאַפּט אינטענסיוו. ס'שמעקט מיט סאָציאַליזם. דרייַ הונדערט אַרבעטער פון אונדזער פאַבריק זייַנען פּרעמירט געוואָרן. צווישן אַנדערע איך מיט אַסיען.

דייַנע בערשט אַרבעטן נישקאָשע, ריייניקן אויסגעצייכנט, איך בין אַ שטיקל „ווירעש" איבער זיי. מ'האָט מיך איבערגעפירט פון מעכאַנישן צעך צו די בערשט, אינסטרוקטאָר בין איך דאָ. איך האָב זיך אַזוי ספּעציאַליזירט אויף די בערשט, אַז איך פאַרשטיי זיי אַפּן וווּנק. זיי אַרבעטן בא מיר ספּראַוונע. די לעצטע צייַט, זינט מ'האָט זיי אָוועקגעשטעלט, קומען אָפּט עקסקורסיעס אַהער. מע כידעשט זיך אויף זיי, אַ גוואַלד. מע מיינט, אַז ס'איז אַן אַמעריקאַנער אַרבעט, קיינעם גלייבט זיך ניט, אַז דאָס האָט אַן אַרבעטער אַ שטעפּער אויסגעטראַכט.

די מיידלעך האָבן זיך אומזיסט געשראָקן פאַר די בערשט. אַלע אַרבעטן. בוני פּלאַנטשאַק, די שטעפּערן, דערמאָנט דיך אָפּט. זי שיקט דיר אַ הייסן גרוס און זאָגט, אַז דו ווועסט ענדיקן דעם „ווטוז", וועסטו פאַרשטעקן עדיסאָנען. מיט אַסיען ריידן מיר אָפּט וועגן דיר, דערמאָנען דיר אויף יעדן שריט און טריט. אַ וויל מיידל, אַסיע, ענדיקט דעם אַרבפּאַק. דער קאָמיוג האָט זי צו די אַקטיאַבער־יאָמטויוים איבערגעגעבן דער פאַרטיי. רויזמאַנען האָבן מיר נעבעך אָנגעווירן. מ'האָט אים אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט. דו געדענקסט זייַנע רעדעס? ווי אַ טראַפּאַרעט. איינע ענלעך אויף דער צווייטער. איצט, אַז איך טראַכט אַמאָל וועגן אים, זע איך ווי אָפּגעשטאַנען ער איז געווען, און עפּשער ניט? מיר זייַנען אים פּאַשעט אַריבערגעוואַקסן. באַביטש איז פאַרמישט געווען אין אַן אַנטיסאָוועטישער אָרגאַניזאַציע. מינען האָט מען אויך געשיקט לערנען. זי איז ניט קיין שלעכטע כאַווערטע, נאָר ניט זעלבשטענדיק, געפינט זיך טאָמיד אונטער עמעצנס אַ ווירקונג. נו, כאַריטאָנין איז נאָך אַלץ בא אונדז. ער האַלט דעם פאַבריק־קאָלעקטיוו פעסט, פירט אָן ווי אַ געניטער רודערער. ער הוסט צו צוביסלעך. היילן וויל ער זיך ניט. ניטאָ קיין צייַט — טייַנעט ער. ער אינטערעסירט זיך מיט דיר, מיט דייַנע דערפאָלגן אין „ווטוז". ווען איך האָב אים דערציילט, אַז דו ווילסט אַרייַן אין פאַרטיי, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט און אַליין רעקאָמענדאַציעס פאַר דיר געקראָגן. אָט דאָס איז אַ יאָט.

נו, דאַכט זיך אַלץ. שוין שטאַרק שפּעט, אַזייגער דרייַ אוודע. איך בין מיד, כאַלעש שלאָפן. אַך, ווו נעמט מען צייַט אויף צו לייענען? אַ וועלט מיט ביכער. איך שטאַרב פון נייַגעריקייַט. ס'דאַכט זיך מיר, אַז ווען איך ווער שלאָף, וואָלט פאַר מיר געווען גוט — כ'וואָלט צייַט געהאַט לייענען. אַ נאַרישער געדאַנק, כ'שעם זיך אים אפילע אַרויסזאָגן. דיר פאַרטרויע איך דאָס. הריזע, דאָווידֿ, הריזע דעם גראַניט פון וויסנשאַפט. סאָוועטישע עדיסאָנס דאַרפן מיר האָבן. זיי קומען און וועלן זייַן".

(נומ. 8, 1931)

נויעך לוריע

# צו נײַע געבײַען

אזוי ווי וואסערלעך לויפן אוועק,
און די גריבעלעך בלײַבן ליידיק...

צי זינגט עס ניט די פאַלקסליד וועגן זיך אליין?

כאַנקע האָט געקענט טויזנט לידער, אַלע טרויעריקע און אַלע פאַרשײַטע לידער, וואָס די ליקלעך און שטיבעלעך אין דעם אָרעמען ווינקל שטאָט, ווו זי איז געוואַקסן, זײַנען פול געווען מיט זיי, ווי קעמערלעך מיט האָניק. איר ווילדלעך קאָל האָט געהאַט אין זיך טערפּקע טעמבערען, וואָס האָבן גערירט ביז די געבליטן.

זי איז ניט געווען קיין שײנע, ניין — אַ נידעריקע, אַ גראָבלעכע, מיט אַ קורצן האַלדז, נאָר אויגן לעבעדיקע, קאַליר פון שטאַרקער טיי. אָט שטייט זי צווישן אירע כאַוועריעס, לויכט זיך רויִק מיטן ווארעמען שמייכל, זיסקײַט זאַמלט זיך אין אירע שטים־נעסטן. זי לאָזט זיך בעטן אַ ביסל. אויסרופן: „אַז איך וואָלט האָבן פליגעלעך!“, „שפּאַצירן זײַנען מיר געגאַנגען!“... „מײַן ליבער פרײַנט, אַז איך וועל שטאַרבן!“... „מענאַשקעז!“... זי וואַרט אויס, זי האָט צײַט.

נאָר אָנגעהויבן זינגען, איז שאָען ניט געשטילט זיך, און אַלץ שטאַרקער, שענער, ברוסטיקער. זי פילט זיך אַ ביסל מיד, זעצט זי זיך אויף אַ שטול און זינגט זיצנדיק. מיידלעך און באָכערים שרײַען אַרום און נעמען פון איר קיין אויג ניט אַראָפּ. עפּעס טוט זי אַ ווײַז מיט אַ האַנט, אַ בעט מיטן בליק, און מע ווייסט שוין, ס'איז איר טרוקן אין האַלדז, מע דאַרף איר צוטראָגן ביר. זי האָט ליב צו קרעפּטיקן זיך בייסן זינגען מיט ביר. אַזוי טרינקט זי אויס אַ פלאַש און צווײ, די באַקן צעפלאַמען זיך איר צוביסלעך, און די ברוינע אויגן גיסן זיך אָן מיט גליִענדיקן זאַפט.

דער זומערדיקער אָוונט איז שטיל. שכײנים קומען זיך צונויף אונטער די אָפענע פענצטער. ס'איז וואַרעם. די נאַכט אָפן שליאָך צווישן די ליפּעס איז ווי סאַמעט. די אַלטע ליפּעס בליִען אין דער פינצטער, זייער מעכטיקער אָטעם נעמט דורך ביז די פוס־פינגערלעך. כאַווערטעס טוליען כאַנקען אײַפערדיק אָפן שפּאַציר, באָכערים טוליען איר אָפּגעדעקטן אָרעם, דורכן דינעם בלוזקעלע די פולקײַט פון איר לײַב.

זוכן וועל איך דיך ארומפאַרן,
געוויס וועל איך דיך ניט געפינ־נען...

אין דער גרויסער שטאָט זינגען בעטלערס אויף די ראָגן, ס'איז אָנהייב ווינטער, גרוי, אַ מערדערישער ווינט מיט אַ טרוקענעם שטויב. אַ פרוי, אַ פאַרזעעניש מיט אַ זילבערן פּאָנעם, מיט אַ שוואַרץ־זײַדענער הויב אויפן קאָפּ, זינגט אין קעלט בײַ דער שטיינערנער וואַנט אָן איטאַליענישע באַרקאַראָלע וועגן ליבע, פּערל, ליליעס און זון און ווײַזט גלאַנץ פון שפּילעוודיקײַט און קאָלאַראַטור.

די אַלטע פאַבריק־שטאָקן זײַנען קאַרג פאַר דער צעוואַקסענער מאַסע אַרבעט און מענטשן, וואָס זיי נעמען אין זיך אַרײַן. די ניי־מאַשינעס אין די לאַנגע זעכציקמעטערדיקע טישן שטייען ענג. מאַנטל־שטאַפּן, גראָבע און האַריקע, גרויע און ברודיק־בלייכע וואַטן, וואָלוועלע אונטערשלאַקן — שטאַפּן אָן דעם רוים, באַוועגן זיך, רירן זיך דורך הונדערטער הענט, אונטער הונדערטער שטאָלענע נאָדלען, וואָס שטעפּן זיי הונגעריק דורך אין אַלע זײַטן. עק שטאָט שטײַגן די קאַרפּוסן פון דעם נײַעם פאַבריק־געבײַ. גערעם זײַנען זיי און גרינג, דורכגעלויכטן מיט אַ יאַם לופטיקע פענצטער. אין שטיקעניש און שוויס דערוויַל האָט די פאַבריק געקאַכט מיט אָנשטרענג און געוועטן. דער יאָג פון די מאַשינעס איז אָנגעפּליויגן און געשטילט זיך מיט שטורעמדיקן רויש, מיט באַהאַלטענעם ריטם פון רעגולירטער קראַפט.

כאַנקעס זאַך איז געווען ריגעווען לאַצן. זי האָט טאָג נאָך טאָג בײַ דער קליינער „מאַדעל“־מאַשין אופגעגעסן אירע זיבן שאָ אָן איין היפּ, נאָר פאַרנאַכטלעך אַמאָל געפילט זיך מיד, ווי צעבײַלט. קאָנווייער פאַרט זיך ניט מיט געזאַנג. כאַנקע האָט בײַ דער אַרבעט דאָס מויל

ניט געעפנט. זי איז אָפּגעצערט געוואָרן. ייִנגלעך האָבן זיך אָף איר ניט אומגעקוקט. קיין צימער האָט זי ניט געהאַט, קוים א ווינקל אין ענגשאַפט איינינעם מיט עפּעס ווילד־פרעמדן מענטשלעכן ברוך, איבערגענעכטיקט און באלד אינדערפרי ארויסגעלאָפן, ווי פון א גרוב, דערפרישט פון שטאָטישער גאַס, פרימאָרגן, באַוועגונג און לופט. זי איז אָפּגעצערט און געעלטערט געוואָרן, אָבער ניט פארלוירן די רויִקייט און ווירדע פון זשעסט און רייד, דעם וואָרעמען אָטעם פונעם זינגענדיקן פארמעג, וואָס איז אָנגעזאַמלט געווען אונטער איר דיקלעכן האלדז. אומעטום האָט געטריַי זי באַגלייט ראַיע, איר שטעטלדיקע כאַווערטע, א בלייכע און א פלאַטערנדיקע, מיט שמאָלע ביינדעלעך און שטענדיק פארליבטע אויגן.

איינמאָל אין אָוונט, ליכטיק אין די פאבריק־זאַלן, בא יעדער מאַשין איר אייגן טיש־לעמפּל אין טונקעלן אַבאַזשור־גלאָק. נידעריק מיט דער שיַין צום שפּיץ נאָדל, האָט זיך כאַנקען א ווייַז געטאָן דאָס אַרט, ווי א זומערדיקע גאַס אין זון, וואָס רוישט, לעבט איר לעבן, באַקאַנט און ליב, וואַרעם, מיט אָנבליק פון היים. האָט זי זיך שטילערהייט צעזונגען. אין די וויַטערדיקע אָוונטן האָט זיך עס איבערגעכאַזערט. נעענטער שטייענדיקע מיידלעך האָבן איבערגענומען אַנדערע לידער און אָפּט אונטערגעהאָלפן. ארום כאַנקען איז געוואָרן הילכיק, דערהויפּט אין די אָוונטן, ווען מע האָט זיך געפילט געוויינטלעך פריַיער. ראַיע איז, ווי שטענדיק, געווען ניט צופרידן — דער גערודער פון די מאַשינעס האָט אַלע מאָל איבערגעשלאָגן דעם באַליבטן גאַנג פון דער ליד. גאַנץ אָפּט האָט כאַנקע נאָר אונטערגעברומקעט אָדער גאָר אָפּגעשוויגן, געלאָזט גיין, ווי סע גייט, סיַיווי האָט זיך דעם איינצלנעמס קאָל ניט אָנגעזען אין גרויסן גערויש. זי איז געווען אויסערלעך רויִק, נאָר ניט פריילעך, אָפּגעפרעמדט, ווי קעסיידער די לעצטע צייַט.

אָפּגעפרעמדט און שטיל איז זי אויך דעם נאָכמיטיק אריַין אין לייען־צימער פאַרן גיין אָף דער צווייטער וואַכטע. איבערגעלאָפן דעם פרישן נומער פון דער פאבריק־צייַטונג, וואָס איז געלעגן אָפן טיש, און איז בלייך געוואָרן. אין א קליין אַרטיקעלע איז דאָרט דערמאָנט געווען איר נאָמען.

„אַז אָט אין אַזא צייַט, ווען די סאָציאַליסטישע בויונג פאָדערט פּינקטלעכקייַט און טעמפּ, באַמערקן מיר אָף די אָוונטיקע אומבייַטן א גרופּע כעוורע מיט כאַנקע גלוזמאַן אין דער מיט, זיי פּראַווען בא די מאַשינעס קאָנצערטן און רייַסן דערמיט אונטער די אַרבעטס־דיסציפּלין".

מ'האָט וועגן דער נאָטיץ גערעדט. כאַנקע האָט זיך ניט געמישט. עמעץ האָט זיך געהיצט:

— צי ווייסט, אשטייגער, הייַנטיקע יונגוואַרג, וויפל דער אַרבעטער איז אַמאָל אויסגעשטאַנען פאַר דער ליד — שטרייַקן, אַרעסטן, קלעפּ?

דאָס האָט געטייַנעט אן אַלטער ווילנער שנייַדער מיט א געבויגענער פּלייצע און פאָדאַגרישע הענט. נאָר דער האַר־רונג ארום דעם נאַקעטן קאָפּ — שוואַרץ, ווי קויל, און אין די אויסגעקוליעטע אויגן — פלאַמפייַער. דער אָטעם האָט זיך אים געריסן, ער איז פול געווען מיט זיכרוינעס, און אַלע זייַנע רעדעס פלעגט ער אָנהויבן פון אַמאָל.

— אַמאָל... אַז דער וואַרשטאַט פלעגט א קנאַק טאָן א ליד, איז... עך, ס'וואָס ווייסט איר, הייַנטיקע... אָף דער רעגע איז געווען אויס באַלעבאָס, אויס טורמע, זשאַנדאַרמעריע, טאַקע נאָר, ווי די פריַיהייט וואָלט געקומען צוגאַסט; אָדער אָף א דעמאָנסטראַציע, אשטייגער, אָף א מאַסאָווקע אין וואַלד.

ניין, קיינער קאָן אונדז ניט...

מער האָט די פאבריק פון כאַנקען קיין קלאַנג ניט געהערט, זי האָט די אויגן ניט אויפגעהויבן פון דער אַרבעט, קיין וואָרט אין א זייַט ניט גערעדט.

ראַיע האָט זיך ניט געקאָנט באַרויִקן. זי איז אַזוי לאַנג ערגעץ ארומגעלאָפן — פון כאַנקען און צוריק, ביז זי האָט געפּויעלט, אַז אָפן נאָענטסטן אָוונט אין קאָנצערט־אָפּטייל זאָל איינינעם מיטן באַלאַלייַקע־אָרקעסטער פון דער פאבריק אָנטיילנעמען כאַנקע מיט פאָלקסלידער. זי מוז וויַזן אַלעמען, וואָס כאַנקע באַטרעפט. כאַנקע האָט זיך געלאָזט איבעררייַדן, ס'האָט איר געצייטערט אַן אָדערל האָפענונג, אַז עפּעס וועט זיך נאָך דעם אָוונט בייַטן, פון דעם יאָם מענטשן אין דער פרעמדער שטאָט וועלן זיך אויסטיילן פריַינט און דערנעענטערן זיך צו איר, און ס'וועט זיך עפענען העלס און פריַיקס אין איר לעבן. זי האָט ניט געקאַרגט קיין קויכעס אָף דער אַרבעט, געגאַנגען אָף זיצונגען און פאַרזאַמלונגען.

— גלוזמאַן, ביסט דאָ? גרייט זיך צו.

א שאַ לאַנג איז זי געשטאַנען אין טונקעלן ווינקל הינטער די קוליסן צווישן אָנגעוואָרפענע פאַרשטויבטע שטיקלעך מעבל, דרענגלעך, ברעטלעך, געוואַרט, ביז ס'וועט זיך ענדיקן דער פאָרטראָג. ראַיע, וואָס איז די גאַנצע צייַט געווען מיט איר, האָט זיך אָפּט איבערגעוואָרפן,

ווי אין פיבער. אָט זײַנען אדורך די יאָטן פון דער נײַ־פאַבריק מיט זייערע באַלאַלײַקעס. זייע גרימפּלען, מע פליעסקעט, און זיי שפּילן נאָך.

עמעץ רופט אויס פון דער עסטראַדע כאַנקעס נאָמען. ראַיע טוט זיך א צעמישטן דריי אפן אָרט און פאַרזשמורעט די אויגן. כאַנקע איז ווינציק באַוואָגלעך. דער קורצלעכער האַלדז איז איר אָנגעשטרענגט, זי גייט אַרוף מיט פּאַמעלעכע טריט. זי שמייכלט ניט, איר פּאָנעם איז שטרענג.

אין דער נידער איז דער זאַל באַקאַנט און נײַ. די הויכע ווענט מיט דער גאַלעריי, די ליוסטרע, די מענטשן־מאַסע — העל באַשײַנט, און אין דער העלער שײַן באַהאַנגען מיט א פינצטערלעכקײַט. הינטן, נעענטער צו דער טיר, איז מען, ווי געוויינטלעך, אַרויס־ און אַרײַנגעגאַנגען. טומל, געשרייען: „שטילער!..“ „העכער!..“ כאַנקע האָט קיינעם ניט געזען, נאָר ליכטיקײַט און באַוואָגלעכן טונקל אונטן. זי האָט קימאַט ניט געהערט, צי מע פליעסקעט צי ניין, זי האָט געזונגען א ליד נאָך א ליד, ווי ס'איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין איר פּראָגראַם, און זיך ניט געקאָנט אָפּשטעלן. „שטילער!“ „העכער!..“ — זײַנען די געשרייען אָפטער געוואָרן, און אַנדערע האָבן באַרויקט: „לאָזט הערן! שאַ!“ און ווידער אויסגעשרייען: „העכער!“ „שטילער!..“

כאַנקע האָט אַלץ נאָך געזונגען. ס'האָט זיך פאַרצויגן צו לאַנג. פּלוצעם, אינמיטן א ליד האָט זיך כאַנקע אָפּגעשטעלט, א ווײַלע אָנגעקוקט דעם אוילעם און בעהאָלעדיק, מיט אונטערגעבראָכענע פיס אַנטלאָפן פון דער סצענע.

עפּעס האָט צו איר עמעץ גערעדט. ראַיע האָט געהאַלטן איר האַנט, און זי האָט געהאַט אַזא געפיל, פּונקט פון אַלע גלידער טוט זיך איר אָפּ.

א באַיאָרטער מענטש האָט צו איר גערעדט, אַן אומבאַקאַנטער.

— וויל, זייער וויל, — האָט ער גערעדט, — בעפיירעש גוט, עכט. איך זאָג, מיר געפעלט, ווי איר זינגט. נאָר פּאָר א קאָנצערט דאַרף מען אַן אַנדער שטים, אַן אַנדער שול, און די פּראָגראַם, פאַרשטייט זיך, ס'איז ניט קיין פּראָגראַם.

דער מענטש איז געגאַנגען מיט בלויזן קאָפּ, דער הויכער שטערן — דין געקנייטשט, אַרום די אויגן מיט די שטאַרק אונטערגעהויבענע ברעמען העכער די פּענסנע — א שמייכל פון זעלטענער ווייכקײַט. כאַנקע איז שוין אייגנטלעך געווען אויף די טרעפּ, אַרויס אין גאַס, און ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען מיט איר.

— ס'א קלייניקײַט, סאַפּקאָלסאָף, — האָט ער זי פּאַר א האַנט אָנגענומען, — פאַרגעסט, און אַן עק.

כאַנקע האָט שוואַך געהערט, נאָר מיט עפּעס איז ער איר ליב געוואָרן, אָט דער פרעמדער עלטערער מענטש מיטן מילדן שמייכל; עפּעס האָט ער פון איר פאַרלאַנגט.

— קומט, — האָט ער זי פאַרבעטן, — קומט אַרײַן צו אונדז אין דער סעקציע, אין א פרײַען טאָג, פאַרשטייט זיך. מיר געפעלט, ווי איר זינגט, בעפיירעש אינטערעסאַנט, עכט. איר קענט עפּעס א סאַך שיינע לידער? ווי דען, קומט אַרײַן.

די טיר, וווהין כאַנקע האָט אָנגעקלאַפּט, האָט געהערט דער מוזיק־סעקציע. ס'האָט זיך געעפנט א היפּשער צימער מיט בלאַנקענדיקע דילן און געגלאָזטע שאַפעס בײַ די ווענט. אַנטקעגן איר, פרײַנטלעך שמייכלענדיק, געגאַנגען דער מענטש, וואָס האָט זי באַגלייט אין יענעם אָוונט. ער האָט זי אָנגענומען פאַר א האַנט און באַזעצט אין א ווייכן פאָטעל. ס'איז געווען זייער שטיל, ער האָט צוגעגרייט די וואַליקעס, דעם אַפּאַראַט, נאָכדעם זיך אַנידערגעזעצט אַנטקעגן כאַנקען, זײַנע אויגן מיט די אונטערגעהויבענע ברעמען האָבן מילד אַריבערגעקוקט איבער די פּענסנע.

— איצט זינגט עפּעס, — האָט ער געבעטן, — זינגט, וואָס איר ווילט, איך וועל הערן.

כאַנקע האָט זיך געפילט גרינג, פונדעסטוועגן האָט איר דאָס קאָל אין אָנהייב א קאַפּל געציטערט, א זאַך, אויב זי איז דעם אַלטן געפעלן געוואָרן, האָט ער פאַרלאַנגט, זי זאָל עס איבערזינגען אין אַפּאַראַט אַרײַן. נאָכדעם האָבן זיי ביידע געהערט, ווי די פאַרשפּאַרטע ליד ענטפערט צוריק, רעדט, רופט, ווי פון א געפענקעניש, ווי פון ערגעץ א קעלערדיקער טיף.

ס'איז געווען שטיל. זיי זײַנען געווען אַליין, דאָס צימער גרויס, מיט ברייטגלאַנצנדיקעליידיקע דילן. כאַנקע האָט געזונגען א ליד נאָך א ליד, דאָס פּאָנעם האָט זיך איר פאַרויטלט, די אויגן זײַנען געווען שיקערלעך פאַרפלאַמט, זי האָט זיך אַלע מאָל דערמאָנט נײַס, ניט געקאָנט זיך שטילן, אָפּגעזונגען א ליד, אָנגעקוקט פרעגנדיק, צי ס'גוט, און זיך פאַרטראַכט, צי האָט זי ניט פאַרפעלט נאָך עפּעס א שיינס פון דעם, וואָס זי ווייסט.

— ווויל, זייער ווויל, — האָט זי דער אַלטער אונטערגעמונטערט. ער האָט זי שוין מער ניט איבערגעשלאָגן מיטן פאַרשרײַבן, — כאַטש, פאַרשטייט זיך, ס'איז אַ פּראָבלעם. — האָט ער, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, גערעדט. — איך מיין, אין אַלגעמיין, די פאָלקסליד...

און כאַנקע האָט ווײַטער געזונגען, אַלץ ניט אויסגעשעפּט איר פאַרמעג.

— ווויל, — האָט איר דער אַלטער די הענט געגלעט באַם געזעגענען זיך, — גאָלדן שיין, נאָר קיין קאָנצערטן, פאַרשטייט זיך, קיין קאָנצערטן דערוויַיל דאַרף מען ניט. קומט אַרײַן.

אין עק שטאָט זײַנען געוואַקסן די שטאָקן פון דעם נײַעם פאַבריק-געבײַ — לופטיק און גערױם, מיט ליכטיקע רייען פענצטער, אפן דאַך — פּראָזשעקטאָרס צו באַלויכטן דעם וועג פאַר די אָנקומענדיקע און אַוועקגייענדיקע באַנאַכטיקע וואַכטעס. ס'האָט געקלונגען, געקלאַפּט. אויטאָמאָבילן זײַנען צוגעפאָרן און צוריקגעפאָרן, מ'האָט אײַנגעשטעלט די מאַשינעס פאַר דער ניי־פאַבריק, וועלכע האָט זיך איצט אַהער איבערגעקליבן, פאַרגרעסערט און באַנײַט.

ס'איז געווען הארבסט, די פלעצער אַרום דער פאַבריק — פרײַ און גרין, אין שײַן פון ווייכער הארבסטיקער זון. ניט־פאַרנומענע אַרבעטער, יונגוואַרג דעריקער, האָבן גרופּקעסווײַז שפּאַצירט, געזעסן אַפן הויף, אַפן גראָז אַרום־און־אַרום דער פאַבריק, איבערן גאַנצן עקשטאַטישן שעטעך, ווי ברייט ער איז, קאָמפּאַניעסווײַז געזונגען קאָמיוגישע לידער, זיך צונויפגעגנומען אין רעדלעך, געמאַכט אָרט פאַר טאַנצנדיקע פּאָרן, צוגעפּליעסקעט מיט די הענט.

— ביסט דאָך עפּעס אַ זינגערקע, העלף אונטער, — האָט כעוורע געטאָרעט כאַנקען.

זי האָט געגנומען אונטערברומקען, ביסלעכווײַז אַרײַן אין געזאַנג מיטן פולן קאָל, דער־נאָך אומגעדולדיק געגנומען זיך פאַריכטן, אונטערגעגעבן טעמפּ און געפּיל און אַליין ניט באַמערקט, ווי ס'איז געשען — געוואָרן די פירערן און פאַרזינגערן אין דער קאָמפּאַניע.

ס'האָט געקלונגען איר ברוסטיקע שטים, און די שײנע אויגן האָבן זיך איר געברייטערט, געגלאַנצט מיט ברוינעם פײַער.

(נומ. 12, 1931)

■

## דאָוויד האָפשטיין

### צו דיכטער

ס'איז גרינג צו זינגען וועגן פרילינג,
ווען בלײַטן שיטן זיך אַף אַקסלען!
איר קאָנט פאַרויסזען די דערפילונג
אין ערשטע אָנזאָגן אַף וואַקסן!

און קאָנט פאַר דרייסטע טריט פון ערשטן
מיט בלוט פון הארץ די גאַסן שפּרייטן,
און ניט אַף טריט — אַף לאַנגע ווערסטן
זײַן שטײַגנדיקן גאַנג באַגלייטן!

איר, דיכטער, קאָנט מיט וואַכן אויער,
מיט וואַכע ציט'ריקע געהירן
דעם ווײַטן גאַנג פון הויכן בויען
אין ערשטע גרונט־שטיינער דערשפּירן!

נאָר ניט דערוועגט דאָס הארץ פאַרפּראַלן
פון אָט די שטומע, שאַרפע ווייען,
וואָס רײַסן דורך דאָס הויכע שאַלן
און ווייסט, וואָס הייסט געבורט־געשרייען!

## יאַנקל יאַנקעלעוויטש

### האָפן

יאָגט אַרום דער האָפן — פלינקע קאַרוסעלן,
שיפן קומען פולע, שיפן גייען אָפּ,
הויכע זעגלביימער — וועלדער, וועלדער יעלן,
שאָקלט יעדער יעל זיך, שאָקלט מיט זײַן קאָפּ.

פליען צוגן,
לויפן צוגן
איבער שטרענגע ברעגן.
טראָגן אָפּ,
ברענגען אָן
פאַר אַ לאַנד פאַרמעגנס.

הייבן אויף זיך הייבערס — אײַזנענדיקע פויסטן,
לאָדן אויס די צוגן, לאָדן אָן זיי פול,
ערגעץ דאָרט פון אונטן אײַלט דער יאַם אין רוישן,
שלאָגט זיך אין די מאָלן שוימענדיק און דול.

לויפן צוגן,
פליען צוגן
באַם צופוסנס פון א יאַם,
פירן אָפּ
אלדאָס גוטס פאַר א לאַנד.

## מאָטל האַרצמאַן

### פונקען מײַנע...

פונקען מײַנע, רויט געווימל, אויסגעשמידט כ'האָב דיך מײַן הרודע,
כ'האָב אײַך אַלע אויסגעשלאָגן כ'האָב מיט דיר זיך שטום געראַנגלט
פון מײַן הרודע שטאָל מײַן שווערער, אין אײַין שטיק דיך אויסגעגאָסן
און מיר דוכט אין שוואַרצן הימל אין א בלויער האַק, א בלאַנקער;
שפּאַלט מײַן האַמער שטיקער שטערן ס'איז פון אָדערן פון קלאָרע
און זיי פאַלן און באַצירן טראָפּנווײַז אין דיר געפּלאָסן
נאַכט פון ווײ און פון געבירן. פון מײַן קוועליק בלוט, מײַן גווורע.

## שימען גאָלדענבערג

### אַף ברויט־פּאַרגרייטונג

די שטאַט אַנטלויפט
מיט גאַנעקעס און דעכער,
אַף שפּיצן קלויסטערשע שוין צאַנקט א לעצטער קנויט.
מײַן בליק שווימט אום
אַף אַלע פעלדישע פיר עקן,
ווו ס'שמעקט מיט קוקורוזע און מיט ברויט.

מײַן בליק שווימט אום...
און ס'טרייסלט זיך די דראָזשקע...
די רעדער ציטערן אין אײַליקן געיאָג.
עס שפּילט דער וועג —
א שטויביקע האַרמאָשקע,
א לעצטן מאַרש דעם גויסעסדיקן טאָג.

עס שפּילט דער וועג...
און ס'קלינגט מיר נאָך אין אויער
פון ווערטער שטאָלענע א הילכנדיקער טאָן.
אַף גאַס אַף אײַינזאַמער
פאַראַן א רויטער מויער,
קלאַפּט דאָרטן דאָס האַרץ פון שטאַטישן פאַרטקאָם.

עס רעדט באַבראַוו...
און ס'ציטערט ניט קיין מוסקול.
אַף פּאָנעם בראָנזענעם פאַרגליווערט איז די הויט.
כאַווײרים! ס'איז אין דאָרף

א שרײַענדיקער דורכרײַס.
כאוויירים! ס׳וואַרט דאָס לאַנד
אַף רויטע וואָלקעס ברויט...
א שרײַענדיקער דורכרײַס...
און ס׳טראָגט זיך מײַן בריגאַדע,
די פערדלעך פלײַען אזוי אַדלעריש און גרינג.
אין הימל ברודיקן
זיך יאָגן קלאָרע סטאַדעס,
ווײַסע וואָלקנס, געטריבענע פון ווינט.

## אײַזיק הובערמאַן

### פון דער פּאָעמע „יעווראבמאַל"

בא יעדן אף די ליפּן הענגט א „זײַ־געזונט" אזא באקאנטער שליאַך, פון ביידע זײַטן קאָרן,
און פון זיך אליין סע ציטערן די אקסלען. עלף מיט צוואנציק גייט אָפּעט דער צוג,
דוכט זיך, אז מע קאָן איצט וועגן אפן פוד וויפל מאָל איז שיינדל דאָ געפאָרן
דעם לאנגווײַל פון די סקריפּענדיקע אקסן. אף די דערפער העלפן דעם קאָמיוג?

---

צי פאר אָנהייב אָוונט,
צי פאר אָנהייב טאָג,
צוגן ווייסן גאָר ניט,
צוגן מוזן יאָגן.

הימלען בלײַבן הענגען,
א לעוואָנע לויפט.
אין וואגאָנעס ענגע
רוקט מען זיך צונויף.

פעסטיקט אײַן די רעלסן,
עפנט סעמאפאָרן!
צוגן מוזן שנעל זײַן,
צוגן מוזן פאָרן.

פון זאוואָד איז איינער,
צווייטער פון קאָלווירט איז.
אין דער ערשטער ריי דאָך
פאָרן קאָמאנדירטע.

צוויי צוגן אף צאָפן.
צוויי צוגן צוריק.
פעלדער זײַנען אָפן,
וועלדער אופגעריגט.

און סע יאָגט דער מאָסקווער
הונדערט וויאָרסט נאָך הונדערט.
און ס׳איז א פארדראָס מיר
גראָד אף אים אצינדערט.

יאָגן צוגן, יאָגן,
און אלציינס איז זיי,
צי סע שמײַסט א האָגל,
צי סע פאלט א שניי.

דער צענטראלער צוג הײַנט,
ער זאָל עס ניט וויסן,
אז ער טראָגט די יוגנט
בויען סאָציאליזם.

## סאָניע טוטשינסקע

### פונעם ציקל „ווערעטענעס"

איך בין א מיידל פּאָשעט פון דער באד־גאס —
א גרויסער טאָל אזא, ווו כ׳בין געבאָרן, —
מיט הײַזעלעך, מיט שטאָלן און מיט וואָגנס,
מיט ארבעטער, מיט פויערים באיאָרטע.

די שכיינים פלעגט מען שטענדיק דאָרטן רופן
מיט צונעמענישן: קישקע אָדער „קרוטע״,
אין שווערסטער ארבעט פּויסטן אויסגעפּרוּווטע,
און איך געדענק זיי ניט קיין אויסגערוטע.

מײַן טאַטע איז געווען א פּראָסטער מוליער,
פלעגט מען אים רופן: „געלינקער מוראַוושיק״,
און מיר, די קינדער, פלעגן ווינטער קוליען
פון בערג, און זומער שפּילן בא דער ריטשקע.

פון שווארצע יאָר די זיידעס און די פעטערס,
די באָבעס די מאכשייפעס און די מומעס;
זיי פלעגן מײַנע קינדער־טעג פארשיטן
מיט פיל מעסלעסן פאכעדן און אומעט.

און ווען עס איז מיר קוים נײַן יאָר געוואָרן,
מיך אָפּגעגעבן לערנען א מעלאָכע, —
בא א שנײַדערקע אומזיסט — צוויי לאנגע יאָרן
בין איך געווען א דינסט בא איר מישפּאָכע...

דערנאָך האָט מען אין גרויען טאָל דערהאַרגעט
מײַן טאַטן מיט א גאנצער מענגע ברידער,
בין איך אוועק אף וועבערישער ארבעט,
און דעמלט האָב איך „אויסגעטראַכט״ שוין לידער...

די לידער מײַנע שווער מיט מיר איניינעם
איז דאַן געווען, ווי איך האָב דאַן געזונגען.
כ׳האָב שרײַבן ניט געקאָנט — „אף אויסווייניק״
פלעג איך זיי לייענען דעם צעך דעם יונגען...

## סוויר־בוי

גייט מען אום אין וואלד, אָן קלאנגען —
פונקט ווי אין א פּאַס ארײַן;
גייט מען ווײַטער, שטראָמט א בלאנקער
סוויר מיט זײַנע וואסערן.

הייבט זיך אוף א ברעג א הויכער;
דאכט זיך, ביז אין הימל הויך;
מיטאמאָל — ניטאָ קיין זייכער
שוין פון ברעג פון ליימיקן.

אויסגערויט און אויסגעזויגן
האָט א קראַן א ריזיקער,
און אָט ציט זיך שוין אין בלויקײַט
א קאנאל א ברויזיקער.

וועט מען אופהייבן דאָס וואסער,
און א הערבליע אופבויען;

וועלן זיך ארבינעס פּאסען
מיט א גרויסער קראפט בא איר.

וועט די געגנט זיך דערהויבן
מיט די שטעט און דערפלעך:
קראפט־מאשינעס, ליכט צו שויבן
טראָגן ט׳זיך אומופהערלעך.

עך, איר שיפן אָנגעפּאקטע,
פאָרן לאנד געלאָדענע,
איר וועט מער ניט דארפן וואַרטן,
אין „פּראַגולן״ באָדן זיך.

בארזשעס פלינקע וועלן קומען
איינס נאָך איינס, ווי וויכערן,
און צו שטעט דאָס ווײַטע שווימען
וועלן זיי פארגיכערן.

מ. דאַניִעל

# טײַנעס צו זיך און צו כאַוויירים

...איך בין עטלעכע מאָל בײַגעווען אף פּראָדוצירער־באַראַטונגען אין זאַוואָדן, איך האָב דאָרט געזען, ווי אַרבעטער שלאָגן זיך פאַר זייער פּראָדוקציע, פאַרטיידיקן זייער פּראַעסטיזש פון אומ־זיסטע אָנפאַלן, — און אין דער זעלבער צײַט דעקן זיי אויף אפן סאַמע אומבאַרעכטיגטיקן אויפן אייגענע און פרעמדע פעלערן.

מע דאַרף הייבן די קוואַליטעט.

מע דאַרף אַרבעטן אָן בראַק.

און מיר, פּראָלעטאַרישע שרײַבער, זײַנען דאָך אויך פּראָדוצירער, מיר שאַפן דאָך אויך פּראָדוקציע פאַר טויזנטער, טויזנטער געברויכער.

פאַרוואָס זײַנען בא אונדז ניטאָ קיין פּראָדוציר־באַראַטונגען?

פאַרוואָס געהערט די מאַנאָפּאָליע פון אָפּשאַצן אונדזער אַרבעט אויסשליסלעך עטלעכע ליטספּעצן?

און ווו זײַנען די אומיטלבאַרע פּראָדוצירער?

פאַרוואָס הערט מען ניט זייער וואָרט וועגן דער אייגענער און פרעמדער אַרבעט?

אף די אַלע טײַנעס איז דאָ איין אַלטער, צוגעלעגענער ענטפער:

„איר פאַרשטייט, דער שרײַבער אַרבעט אומבאַוווסטזיניק, אינטויִטיוו... ער ווייסט אַליין ניט, וואָס ער שאַפט..."

אָדער:

„וואָס גרעסער דער שרײַבער איז, אַלץ ווייניקער קאָן ער קריטיש באַנעמען די אייגענע ווערק און די ווערק פון זײַנע כאַוויירים. לאַגיש דענקען איז ניט זײַן זאַך. דאָס געהערט צו די קריטיקער"...

איך האָב דאָ געבראַכט ניט אַלע מאָטיוון, מיט וועלכע די שרײַבער באַרעכטיקן זייער פּאַסיווקײַט און נייטראַלקײַט.

איך גלייב, ס'לוינט ניט פאַטערן קיין סאַך טינט און פּאַפּיר, קעדיי אָפּצולייקענען די געבראַכטע מאָטיוון.

נאָר קליינבירגערלעכע פיליסטערס, וועלכע פאַרשטייען ניט, אָדער מאַכן זיך ניט פאַר־שטייענדיק, אַז די אינטויִטיווע טעאָריע האָט אַ דירעקטע שײַכעס צום סאַמע וווּלגאַרן אידעאַ־ליזם, צום אַטאַוויסטישן גלויבן, אַז דער שרײַבער איז אַ מין געטלעכער אידיאָט, דורך וועלכן ס'רעדט אַרויס דער געטלעכער רועך־האַקוידעשע, די ריינע באַגײַסטערונג, — קאָנען זיך טרייסטן מיט אַזוינע טעאָריעס.

מיר ווייסן דאַפקע אָן אַ שיר פאַקטן פון דער ליטעראַטור־געשיכטע, ווען די שרײַבער און קינסטלער זײַנען געווען ניט נאָר די אומיטלבאַרע שעפער פון שולן און ריכטונגען, נאָר אויך די הייסטע טעאָרעטיקער און קעמפער פון די עמעסן, וועלכע זיי האָבן געלייגט אין גרונט פון זייער אומיטלבאַרן שאַפן.

מע וועט זאָגן:

געווען אַנדערע צײַטן. די שרײַבער זײַנען דאַן געווען אוניווערסאַליסטן, גיגאַנטן... מיילע, מיר זײַנען שוין געוווינט צו די מײַסעס, אַז אַלץ, וואָס ס'איז אַמאָל געווען, אַלץ, וואָס ס'איז אין דער פאַרגאַנגענהײַט, איז גיגאַנטיש, טאַלאַנטפול און גענ:אַל, און אַלץ, וואָס ווערט איצט געשאַפן, איז גרוי, מיטלמעסיק און קליין, און ס'איז גאַר אַ האַזע וועלן נעמען אַ בײַשפּיל פון אַזוינע גדוילים... ווי אַנדערש! דער קליינבירגער און פיליסטער וואָלט דאָך זיך אַליין פאַראַכטן, ווען ער וואָלט אַנדערש געדענקט.

אָבער, וואָס האָט עס פאַר אַ שײַכעס צו די פּראָלעטאַרישע שרײַבער? — זייער אַ גרויסע.

ביז איצט וואלגערן זיך נאָך ארום רעשטלעך פון באַנקראָטירטע טעאָריעס און פאָרורטיילן; ביז איצט לויערט נאָך די שרעק איבער א סאך פון אונדז; עפּעס ווייסן מיר ניט פון פאקטן, ווען א ייִדישער פּראָלעטארישער שרײַבער זאָל ארויסטרעטן עפנטלעך און פּארטיידיקן זײַנעם א בוך קעגן אומזיסטע און אמאָל בייזוויליקע, אמאָל אמעראַציִשע אָנפאלן. ס׳איז א מאָדע, אז דער שרײַבער דארף שווײַגן. ס׳פּאסט ניט, אז ער אליין זאָל ארויסטרעטן פארטיידיקן זײַן אייגענע ארבעט. און בלויז, ווען ס׳דערגייט צו א פּאָליטישן סקאנדאל, ווען שווײַגן מער איז שוין אומעגלעך — באַנוגנט ער זיך מיט א קורצן בריוו אין רעדאקציע...

ווּ זײַנען די ארטיקלען פון אונדזערע שרײַבער וועגן זייער שעפערישן מעטאָד, וועגן די אידעאָלאָגישע שטרײַטן — ניטאָ.

מיר האָבן דיכטער און פּראָזאִיקער, וועלכע האָבן שוין אָנגעשריבן ביכער. מיר האָבן אָבער נאָך ניט קיין שרײַבער און דיכטער, וועלכע זאָלן קאָנען אָדער וועלן זייערע ביכער פארטיידיקן און באַשטעטיקן, די מעטאָדן, מיט וועלכע ס׳ארבעט איין גרופּע דיכטער, און יעדערער באַזונדער, טיילן זיך לאַכלוטן אָפּ פון די מעטאָדן פון דער צווייטער גרופּע. דאָס זעלבע האָבן מיר אין דער פּראָזע. איך פרעג:

ווּ זײַנען די ארטיקלען פון די שרײַבער, אין וועלכע זיי פארטיידיקן זייער שאַפונגמעטאָד? ווּ זײַנען די טעאָרעטישע שלאַכטן ארום דער פראגע? יעדער באַוווּסטזיניקער ארבעטער בא אונדז אין ראַטנפארבאַנד האָט א מיינונג וועגן זײַן אייגענער און וועגן זײַן כאַווערס ארבעט, זוכט מיטלען, וויאַזוי זי אויסצובעסערן. און מיר?

מיר ווארטן, ביזוואַנען ס׳וועלן קומען די קריטיקער און אונדז שענקען עטלעכע לעבלעכע קאָמפּלימענטן און צוקלעפּן יעדערן סטיל־יאַרליקלעך:

„דער איז א נאַטוראַליסט, דער א סימבאָליסט, דער א ראָמאַנטיקער, און דער א הונדערטפּראָצענטיקער דיִאַלעקטישער מאַטעריִאַליסט”.

אי די זידל־ארטיקלעך, אי די לויב־ארטיקלעך, אי די סטיל־יאַרליקלעך — ווערן בא אונדז געטיילט און געקלעפּט זייער אויבנאויפיק און אײַליק.

ס׳קומט ניט פאַר קיין פּארטייפטע דיסקוסיע. ס׳גייט ניט אָן קיין קאַמף פון פארשיידענע מיינונגען.

מע לייגט זיך שלאָפן א רעאַליסט און מע שטייט אויף א ראָמאַנטיקער... מע לייגט זיך שלאָפן אַן אָנפאַנגער, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן אָנצושרײַבן קיין איין בוך, און מע שטייט אויף א פּראָלעטארישער קלאַסיקער...

און אלץ איז קלאַסיש, און אלץ איז געניִאַל, און אלץ איז דערגרייכונג, און אלץ איז ניט דערלערנט, ניט אויסגעפאָרשט, ניט אַנאַליזירט.

די גאַנצע פּאָעטישע און פּראָזאִישע פּראָדוקציע מיט אירע אלע דורכפאַלן און דערגרייכונגען איז ניט אַנאַליזירט און ניט פארסאַכאַקלט.

מע דארף גלײַך עפענען א ברייטע פארצווײַגטע דיסקוסיע וועגן אלע געביטן פון אונדזער ארבעט: פּאָעזיע, דראַמאַטורגיע, קריטיק.

אין דער דיסקוסיע דארף מען ארײַנציִען אלע שרײַבער, וועלכע ווילן און האָבן וואָס צו זאָגן וועגן זייער ארבעט.

די פראגע וועגן סטיל שטייט פאַר יעדערן פון אונדז. ס׳טאָר ניט זײַן און דארף ניט זײַן קיין נייטראַלע שרײַבער. פּונקט ווי אין אינהאַלט פון א ווערק דארף דער פּראָלעטארישער שרײַבער זײַן קעמפעריש, אָפּלייקענען און באַשטעטיקן, ליב האָבן און פײַנט האָבן, פּונקט אזוי דארף ער זײַן קריגעריש אין דער פאָרם.

אין פּראָצעס פון דער ארבעט טוען עס א סאך פון אונדז, — ווער מער געלונגען, ווער ווייניקער.

אָבער די דערפארונג בלײַבט בא אונדז אין די טישקעסטלעך: יעדערער פון אונדז קאָן דערציילן וועגן עטלעכע פארשיידענע אָנהייבן פון א דערציילונג, א פּאָעמע, ליד; וועגן ארויסגעפאַלענע קאַפּיטלעך, אָפּגעוואָרפענע פארגלײַכונגען און בילדער; יאָ, מע קאָן אויך דערציילן וועגן שלאָפלאָזע נעכט אין זוכעניש נאָכן סטיל, וואָס זאָל אַמבעסטן אַנטשפּרעכן דעם שוין געפונענעם אינהאַלט (איך וויל, מע זאָל מיך ניט שלעכט פארשטיין, דאָס הייסט ניט, אז אלע מאָל פארן זעצן זיך שרײַבן דארף מען פירן מיט זיך א לאַנגן טעאָרעטישן דיספּוט וועגן סטיל־פּראָגעס, מע קאָן אָנשרײַבן זייער א גוטן בוך און קיין איין מאָל זיך ניט שטעלן קיין סטיל־אויפגאַבעס. אזוי קומט זייער אָפּט פאַר). און דאָך.

און דאָך, אז איר וועט בא דעם זעלבן שרײַבער פרעגן, פארוואָס ער האָט זײַן בוך אָנגעשריבן אזוי און ניט אַנדערש, וועט ער אײַך זייער לאָגיש דערווײַזן, אז נאָר מיט דעם מעטאָד,

נאָר מיט די מיטלען האָט מען געקאָנט און געדארפט געבן דעם מאטעריאל, דעם אינהאלט. און דאָ גייען מיר צו צום טאָך פון דער פראגע:

אונדז איז וויכטיק צו וויסן דעם שרײַבערס ארגומענטאציע, זײַן אייגענע בארעכטיקונג פון זײַן מעטאָד. אָן אזא בארעכטיקונג פון די אייגענע ארבעט־מעטאָדן, אָן א כאווערישער קריטיק פון פרעמדע ארבעט־מעטאָדן — ווערן ניט געשאפן קיין ליטערארישע שולן, ווערט ניט געשאפן קיין סטיל.

פאר אונדז דארף זײַן קלאָר, אז די כאוויירים, וואָס פארנעמען זיך ספעצ:על מיט קריטיק, וועלן ניט באווײַזן דערלערנען און פארסאכאקלען די פאָזיטיווע און נעגאטיווע דערשײַנונגען פון אונדזער גאנצער פראָזא:ישער, פאָעטישער און דראמאטורגישער פראָדוקציע.

ביז איצט איז גאָר ווייניק אָפגעטאָן געוואָרן, קעדיי צו דערלערנען דעם סטיל פון דער סאָוועטישער און פראָלעטארישער י:דישער ליטעראטור. אָנשטאָט ערנסטן אנאליז האָבן מיר געהאט א היימישע פרעמדפאטענטישע טעאָריע. אלע מאָל, ווען אין דער ליטעראטור פלעגט זיך ווײַזן א שרײַבער מיט אן אייגענעם סטיל, מיט אייגענע אויסדרוק־מיטלען, מיט אן אייגענעם בוי פון ווערק און פראָזע, — פלעגן אונדזערע קריטיקער, אָנשטאָט זוכן די סאָצ:אל־עקאָנאָמישע און פאָליטישע סיבעס, בעסער זוכן, בא וועמען ער האָט געגאנוועט, וועמען מאכט ער נאָך. אונדזערע קריטיקער האָבן שטארק געדענקט די צײַט, ווען י:דן האָבן געהאנדלט און געהאלטן קרעטשמעס אף פרעמדע פאטענטן. לויט אָט דער „פרעמדפאטענטישער” טעאָריע איז דערוויזן געוואָרן:

קושניראָווס בילדערישקײַט גייט דירעקט פון יעסענינען.

מארקישעס פלאקאטישקײַט — פון מאיאקאָווסקין.

פעפערס רעוואָליוצ:אָנערע פאטעטישקײַט — פון בעזימענסקין.

פינינבערג און כאשטשעוואצקי — פון בלאָקן.

קוויטקאָס „רויטער שטורעם” — פון בלאָקן.

כאריק — פון רייזינען.

גאָדינער — פון ניסטערן.

דאנ:על — פון פילניאקן.

גילדין — פון די פראָלעטקולטאָווצעס.

אָט די פרעמדפאטענטישע טעאָריע האָט דאָך עקזיסטירט, זי איז ארויסגעזאָגט געוואָרן מינדלעך און שריפטלעך, און נאָר די לעצטע צײַט קומען אייניקע קריטיקער צום סייכל, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט איינע און די זעלבע סאָצ:אל־פאָליטישע ענדערונגען, וועלכע האָבן ארויסגערופן אי אין דער רוסישער, אי אין דער י:דישער ליטעראטור ענלעכע ליטערארישע רעאגירונגען.

די נאָכמאכונג־טעאָריע איז געווען א טויטע און האָט גאָרניט דערקלערט אין סאמע אָנהייב, בא איר געבאָרן ווערן, און בא הײַנטיקן טאָג שטעלט זי מיט זיך פאָר א היסטאָרישן קוריאָז. אָבער אפן סמאך פון דער „ניטדאָגעדאכט”־קאָנצעפציע זײַנען אָפגעשאצט געוואָרן ווערק און שרײַבער, און בא דער איבערשאצונג, אין דער צײַט פון דער דיסקוסיע דארף מען עס האָבן אין זינען.

צום סאָף פון ארטיקל, וויל איך מאכן אייניקע אלגעמיינע באמערקונגען צו דער דיסקוסיע וועגן סטיל־פראגעס, וועלכע וועט זיך געוויס אָנהייבן.

1. ווען מע גייט צו אנאליזירן א ווערק פון א סאָוועטישן אָדער פראָלעטארישן שרײַבער האָט מען אלץ נאָך פאר א מאָס, פאר א קריטערי די קלאסישע ליטעראטור מיט אירע מוסטערן און פארגליווערטע זשאנרען:

א ראָמאן, א גרעסערע דערציילונג, נאָוועלע, פאָעמע, באלאדע, ריינע ליריק אאוו. מע פארגעסט אינגאנצן, אז זשאנרען זײַנען ניט קיין אייביקע קאטעגאָריעס, אז די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט באגראָבן און צעשטערט ניט נאָר סאָצ:אלע קלאסן, נאָר אייניינעם מיט זיי אויך ליטערארישע זשאנרען.

און אויב צוליב פוילקײַט, אָדער קאָנסערוואטיזם געברויכן נאָך די פראָלעטארישע שרײַבער די אלטע זשאנער־באצייכענונגען, הייסט עס בעשום־אויפן ניט, אז מע דארף זוכן אונטער אָט די נאָמינעלע באצייכענונגען דעם גאנצן קאָמפלעקס סימאָנים, וואָס זאָלן בארעכטיקן דעם נאָמען ראָמאן, אָדער פאָעמע, דראמע אאוו.

בא אן ערנסטן, און ניט אקאדעמישן אנאליז, וועט זיך ארויסווײַזן, אז די סאָוועטישע שרײַבער און דיכטער האָבן ניט נאָר אינהאלטלעך, נאָר אייניינעם מיטן נײַעם אינהאלט אויפגעריסן א סאך זשאנער־באגריפן, און דאָס דארף ווערן פארעכנט פאר א פליוס און ניט פאר

א דעפעקט. באַ אַזאַ צוגאַנג וועט מען אויך קאָנען מאַכן אַ סאַך צום יעשיוועבאָכערישן פּילפּל, וואָס איז אַזוינס „מינסקער בלאָטעס", „ברידער", „געפונענע פונקען" — אַ בינטל לירישע ליי־דער, אָדער פאַרגאַנצטע פּאָעמעס, און אויב פּאָעמעס, איז ווו זײַנען די הויפּט־העלדן? די אויס־געהאַלטענע אינטריגעס? און נאָך אַ סאַך קלאָץ־קאַשעס...

2. ביז איצט זײַנען די סטיל־זוכעניש געגאַנגען פון אַלגעמיינע פילאָסאָפישע פאַרהאַנאַ־כעס, און די קאָנקרעטע ווערק פון די שרײַבער האָבן געדינט בלויז, ווי אַן אילוסטראַציע פאַר די אַלגעמיינע פאַרהאַנאַכעס.

אָפּט האָט זיי דער פאַרטרעגער פאַר די האַר געשלעפּט און זיי מיט גוואַלד אַרײַנגעשטופּט אין דער אָדער יענער רובריקע. די לעבעדיקע פּראַקטיק, די דערפאַרונג, דער גאַנצער ליטע־ראַרישער פּראָצעס מיט זײַנע אַלע דיאַלעקטישע ווידערשפּרוכן איז פאַרפאַלן געוואָרן אין יאַמען אַבסטראַקטע פאָרמולעס. דערפון האָט זיך אויך גענומען, אַז צו דער סטיל־פּראָבלעם איז מען צוגעגאַנגען שטאַרק מעכאַניש: דער איז אַ נאַטוראַליסט, דער אַ רעאַליסט, דער אַ ראָמאַנטיק; דאָן, ווען באַ אַ גענויעם אַנאַליז פון דער קאָנקרעטער פּראָדוקציע וועט זיך אַרויס־ווײַזן:

צווישן נאַטוראַליזם פון פּיער אַמפּ, זאָליאַ, פּוקסן, וואַרשאַווסקין און נאַטוראַליזם פון אונדזערע כאַוויירים איז דאָ אַ קאַרדינאַלער פּרינציפּיעלער אונטערשייד, און ווי מע מאַכט ניט קלאָר די אונטערשייד־ליניעס — דערקלערט דער נאָמען „נאַטוראַליסט" גאָרניט.

דאָס זעלבע אויך מיטן ראָמאַנטיזם: מע קאָן ניט פאַרגלײַכן דעם יאָרדישן ראָמאַנטיזם פון די אונטערגעגאַנגענע און אונטערגייענדיקע פעאָדאַלן מיטן בונטאַרישן ראָמאַנטיזם, וועלכן מיר געפינען אין אַ סאַך מאַקסים גאָרקיס ווערק, און מיטן ראָמאַנטיזם, וועגן וועלכן ס'האָט גערעדט לענין אין זײַן בראָשור «Что делать?». צונויפמישן דאָס אַלץ אין איינעם איז ווײַט פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, און עס וווּלגאַריזירט די עצעם פראַגע וועגן סטיל.

3. אין איינעם און דעם זעלבן ווערק, אָדער אין פאַרשיידענע ווערק פון איינעם און דעם זעלבן שרײַבער געפינען זיך באַגלײַך מיט ווירקונגען פון בורזשואזע סטילן אויך באַדײַטנ־דיקע אָנהייבן פון פּראָלעטאַרישן סטיל.

דאָס ניט וועלן אײַנזען אַזוינע פּראָלעטאַרישע סטיל־עלעמענטן באַ איין גרופּע שרײַבער און דער פאַרלאַנג צו דעקרעטירן (צוליב גרופּן־אינטערעסן) דעם סטיל פון איין שרײַבער, ווי דער הונדערטפּראָצענטיקער סטיל פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור (און אָפּט ניט פון בעסטן), ברענגט בלויז שאָדן אי די לייענער, אי די שרײַבער. ס'טראָגט אַרײַן דעזאָרגאַניזאַ־ציע און פּלאָנטעריש.

4. באַם באַשטימען, צי די אָדער יענע ווערק דאַרפן אַרײַנגענומען ווערן אָדער ניט אין אײַזערנעם פאָנד פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, דאַרף מען ניט אַרויסגיין פון אַקאַדע־מישער סטיל־ריינקײַט, נאָר פון קלאַסנקאַמף און די אויפגאַבעס פון סאָציאַליסטישער בויונג. מע דאַרף שטענדיק האָבן אין זינען די ווירקונג־קראַפט פון בוך, וועלכע עמאָציעס עס וועקט, צי דאָס בוך באַגײַסטערט צום קאַמף, אָדער שוואַכט אָפּ די גרייטקײַט צום קאַמף. נאָך מײַן מיינונג איז עס דאָס סאַמע וויכטיקסטע. אַ קריטיקער, וואָס שטעלט אָפּ זײַן אַנאַליז פון בוך באַם ענדיקן אים לייענען און פאַרטראַכט זיך ניט וועגן זײַן ווירקונג־מעגלעכקײַט, וועגן זײַן פּאָזיטיווער, אָדער נעגאַטיווער פונקציע אין קלאַסנקאַמף און סאָציאַליסטישער בויונג, — אַזאַ קריטיקער האָט ניט געענטפערט באַם לעניניזם.

באַ אַלע סטיל־געשלעגן, באַ אַלע זוכענישן דאַרפן מיר אָף קיין איין רעגע ניט פאַרגעסן די פונקציע פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור: העלפן דעם קאַמף אין פאַרבאַנד און אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, העלפן בויען דעם סאָציאַליזם, און ווי „גוט" און קאָשער דער אָדער יענער סטיל זאָל זיך אין קאַבינעט פון קריטיקער ניט אַרויסווײַזן, אויב ער דינט ניט די אויבנדערמאָנטע אויפגאַבעס, וואַרפן מיר אים אָפּ.

אָבער קעדיי צו וויסן, וואָס אָפּוואַרפן און וואָס באַשטעטיקן, דאַרף מען ניט אויבערפלעכ־לעך קלעפּן יאַרליקעס, נאָר ערנסט, אָפּן פּראָלעטאַרישן אויפן אַנאַליזירן, דערלערנען און מאַכן באָלשעוויסטישע אויספירן. צו אַזאַ אַרבעט דאַרף מען, כאַוויירים, זיך גלײַך נעמען.

אנאַטאָלי ריבאַקאָוו



# שווערער זאַמד

## ראָמאַן

און געדינט האָט יאַנקעוו פאַר ראַכלען זיבן יאָר; און אים האָבן זיי זיך אויסגעדאַכט, ווי עטלעכע טעג, ווײַל ער האָט זי ליב געהאַט.

(בריישיס, קאַפּיטל 29, פּאַסעק 20)

## 1

מיט וואָס האָט באַזונדערס זיך אויסגעטיילט מײַן טאַטע? מיט קיין זאַך ניט. עמעס, ער איז געבוירן געוואָרן אין באַזעל, אין דער שווייץ, און בא אונדז אין שטאָט זײַנען קיין סאַך אַפּשטאַמיקע פון דער שווייץ ניט פאַראַן — פּינקטלעכער, נאָר מײַן פאָטער.

ער איז געווען א געוויינלעכער שוסטער. א שלעכטער שוסטער. זײַן טאַטע, מײַן זיידע הייסט עס, איז אין באַזעל געווען א מעדיצין־פּראָפעסאָר, און די ברידער, מײַנע פעטערס, — מעדיצין־דאָקטוירים. מײַן טאַטע האָט אויך געדאַרפט ווערן א מעדיצין־דאָקטאָר, נאָר געוואָרן איז ער ניט קיין געהויבענער שוסטער.

מײַן פאַמיליע, ווייסט איר, איז — איוואַנאָווסקי. מײַן טאַטע איז אויך געווען איוואַנאָווסקי און דער זיידע פון באַזעל — איוואַנאָווסקי, און די פעטערס זײַנען איוואַנאָווסקי, די שוועסטער־קינדער מײַנע, וואָס וווינען אין באַזעל, הייסן ניט פּראָסט איוואַנאָווסקי, נאָר איבערגעניצע־וועט אפן דײַטשישן שטייגער, אָבער ווי דו זאָלסט ניט דרייען, וועט סײַוויסײַ בלײַבן איוואַנאָווסקי.

מײַן אורזיידע איז געבוירן געוואָרן אינעם דאָרף איוואַנאָווקע, און דעמלט איז געווען א מינהעג געבן פאַמיליעס לויטן נאָמען פון דער שטאָט, פונעם דאָרף אָדער פונעם שטעטל, פון וואַנען דו קומסט אַרויס. מײַן אורזיידע איז געווען א מענטש א פאַרמעגלעכער, און ווען זײַן איינציקער זון, ס'הייסט מײַן זיידע, האָט פאַרענדיקט די גימנאַזיע, האָט ער אים געשיקט לערנען אין דער שווייץ. דער זיידע האָט פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין באַזעל און דאָרט טאַקע כאַסענע געהאַט פאַר דער טאָכטער פון א דאָקטער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע גרויסע קליניק. דער שווער איז געשטאָרבן, און די קליניק איז איבערגעגאַנגען צו מײַן זיידן, און נאָך אים צו זײַנע צוויי דערוואַקסענע זין, צו מײַנע פעטערס. מײַן טאַטע איז אויך געווען א יוירעש, ער האָט געהאַט די רעכט אַף א טייל פון דער קליניק, אָבער ער איז ניט געווען קיין מעדיקער און ניט געוווינט אין באַזעל, נאָר אין רוסלאַנד, ער האָט קיין זאַך ניט געטאָן פאַר דער קליניק און דעריבער אַף קיין זאַך ניט פּרעטענדירט.

דער טאַטע מײַנער, יאַקאָב הייסט עס, איז געווען דער קלענסטער, געווען דער ליבלינג, און זײַן מאַמע, מײַן באָבע, האָט זיך געסטאַרעט אים האַלטן לעבן זיך. זי איז געגאַנגען מיט אים שפּאַצירן איבער באַזעל, מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיך נאָכגעפרעגט, וועמענס איז עס, אָט דאָס מאַלעכל. יעדער מאַמע איז אָנגענעם, ווען מע שפּיגלט זיך אין איר קינד.



דער רוסישער שרײַבער אַנאַטאָלי נאומאָוויטש ריבאַקאָוו איז געבוירן געוואָרן אין 1911 אין טשערניגאָוו אין א מישפּאָכע פון אן אינזשעניער. פונעם 1919 וווינט ער אין מאָסקווע. ער האָט פאַרענדיקט די שול־קאָמונע אף לעפּעשינסקיס נאָמען, געאַרבעט אפן זאַוואָד אף מ. וו. פרונזעס נאָמען אלס טרעגער, דערנאָך אלס שאָפער. פונעם 1930 ביזן 1934 האָט ער זיך געלערנט אין מאָסקווער טראַנספּאָרט־אינסטיטוט און ביזן 1941 געאַרבעט אלס אינזשעניער אין אופא, קאַלינין, ריאַזאַן.

פונעם 1941 ביזן 1946 האָט א. ריבאַקאָוו געדינט אין דער אַרמיי. פאַרענדיקט די מילכאָמע האָט ער אלס שעף פון אַווטאָ־דינסט פונעם 4־טן גוואַרדייִשן שיסער־קאָרפּוס. באַלוינט מיט אָרדענס און מעדאַלן.

שרײַבן האָט א. ריבאַקאָוו אָנגעהויבן אין 1946. די הויפּט־ווערק: „קאָרטיק״ (1948), „שאָפערן״ (1950), „יעקאַטערינא וואָראָנינא״ (1955), „דער בראָנזענער פויגל״ (1956), „קראָש פּאַסירונגען״ (1960), „א זומער אין סאָסניאַקי״ (1964), „קראָש קאַניקולן״ (1966), „דער אומבאַוווּסטער סאָלדאַט״ (1970), „דער שאָס״ (1975).

דער ראָמאַן „שאָפערן״ איז אָפּגעמערקט געוואָרן מיט דער מעלוכע־פּרעמיע פון פססר און דער קינסטלערישער פילם „די מינוט פון שטילשווײַגן״ (לויט דער דערציילונג „דער אומבאַווּסטער סאָלדאַט״) — מיט דער מעלוכע־פּרעמיע פון רספּסר. לויט די ווערק „קאָרטיק״, „יעקאַטערינא וואָראָנינא״, „דער בראָנזענער פויגל״, „קראָש פּאַסירונגען״, „קראָש קאַניקולן״ און „דער שאָס״ („דער לעצטער זומער פון דער קינדהײַט״) זײַנען געשטעלט געוואָרן קינאָ־פילמען. א. ריבאַקאָווס ווערק זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אף העכער 40 שפּראַכן פון די פעלקער פון פססר און אף פיל אויסלענדישע שפּראַכן.

דער ראָמאַן „שווערער זאַמד״ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די נומערן 7 — 9 פונעם זשורנאַל „אָקטיאַבער״ און אָפּגעמערקט געוואָרן מיט א פּרעמיע פון דער רעדאַקציע פאַר די בעסטע ווערק, וועלכע דער זשורנאַל האָט געדרוקט אין 1978.

האַקלאַל, דער זיידע מײַנער איוואַנאָווסקי האָט געהאַט דרײַ זין... „אַן אַלטיטשקע האָט דרײַ זין פאַרמאָגט, דער עלטסטער איז א קלוגער יונג געווען, דער מיטלסטער אַזוי זיך, און דער ייִנגסטער — פּאָשעט א טיפּעש...״ איך ווייס ניט, צי איז מײַן עלטערער פעטער געווען קליגער פונעם מיטלסטן, איך קלער, אַז ניין. ביידע האָבן פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט, געוואָרן מעדיצין־דאָקטוירים, אייגנטימער פון איינער פון די בעסטע קליניקעס אין אייראָפּע, הייסט עס, אַז זיי זײַנען קיין טיפּשים ניט געווען. וואָס איז נעגייע מײַן פאָטער, איז ער אויך ניט געווען קיין גוילעם, נאָר ער האָט ניט באַקומען קיין העכערע בילדונג, כאָטש מעגלעכקייַטן האָט ער געהאַט ניט ווייניקער פון זײַנע ברידער. דער טאַטע מײַנער איז געווען דער לעצטער אין דער מישפּאָכע, דאָס מיזיניקל, ווי מע זאָגט עס בא אונדז, דער קלענסטער, און דער קלענסטער איז דער באַליבטסטער. פון די דרײַ ברידער איז ער איינער געווען ענלעך אף דער מאַמען, אף דער סובטילער דײַטשקע. די עלטערע ברידער זײַנען ענלעך געווען אף דעם זיידן איוואַנאָווסקי, געזונטע, פאַרשטייט איר מיך, בוהײַען. אָט איז זייערע א פאָטאָגראַפיע: איר זעט — ביידע אין ווײַסע כאַלאַטן און אין ווײַסע היטעלעך, דאָס זײַנען די עלטערע, ענלעך אף קאַצאָווים, אָבער באַוווּסטע אין גאַנץ אייראָפּע כירורגן. זייער פאַך האָבן זיי גוט באַהערשט! און אָט איז די קאַרטאָטשקע פון מײַן פאָטער: א בלוי־אויגיקער בלאָנדין, אַן איידעלער, א דינער — א שעמעוודיקער אַפּאַלאָן, דער מאַמעס און דעם טאַטנס ליבלינג. דער זיידע, דער פּראָפעסאָר איוואַנאָווסקי, איז געווען א געשעפטסמאַן און צוזאַמען מיט די עלטערע זין פאַרנומען געווען מיט דער קליניק און מיט די קליִענטן, נאָר די פרוי זײַנע האָט ער ליב געהאַט און דעם ייִנגערן זון, ס׳הייסט מײַן טאַטן, אויך. גערופן האָט מען מײַן טאַטן יאַקאָב — דאָס איז אף דײַטש, אף אונדזער אויפן — יאַנקעוו, בין איך, קומט אויס, יאַקאָוולעוויטש. באָריס יאַקאָוולעוויטש איוואַנאָווסקי.

מע זאָגט, אַז צו נײַנצן יאָר איז מײַן פאָטער געווען אַן עמעסער דאָריאַן גריי. וואָס?.. צי בין איך אויך ענלעך געווען אָף דאָריאַן גרייען? איך מיין, אַז ניין. אויב איך בין יאָ ענלעך געווען אָף דאָריאַן גרייען, איז אָף דעם, וואָס האָט שוין צעשניטן זײַן פּאָרטרעט. נאָר פון אַלע ברידער, מיר זײַנען געווען פינף, בין איך און דער ייִנגסטער, סאשע, ענלעך געווען אָפן טאַטן — ווי איר זעט, בין איך אַ בלאָנדער, די אויגן זײַנען בײַ מיר בלויע, און די הייך הונדערט אַכט און זיבעציק סאַנטימעטער, ווי דער טאַטע. די איבעריקע ברידער זײַנען דער מאַמעס. זי איז געווען אַ וווּקסיקע פרוי, און די ברידער וווּקסיקע — העכער הונדערט אַכציק סאַנטימעטער, ברייטבייניקע, שוואַרצע, ווי ציגײַנער... וויפל וועט איר עס מיך שאַצן? אַ דאַנק! און העכער די זעכציק ווילט איר ניט? שטעלט אײַך פאָר!.. אין דער יוגנט בין איך ווירקלעך געווען ניט קיין שפּעטנער.. איך וויל ניט איבערטרײַבן, נאָר אַ פאַקט בלײַבט אַ פאַקט. ווען כ'האָב נאָך ייִנגלווײַז געאַרבעט בײַ שוסטערײַ, האָבן די סאַמע פיפיקע, דאַמעטשקעס געפאָדערט, אַז איך זאָל זיי נייען זייערע שיכעלעך, און ווען איך פלעג אָט אַזאַ דאַמעטשקע אַראָפּנעמען אַ מאָס, האָט פון איר פיסל געזעצט מיט עלעקטרישן טאָק, איך גיב אײַך דאָס וואָרט!.. נאָר אַלץ איז פאַרגאַן, פאַרפאָרן, פאַרפלויגן, און לאָמיר זיך אומקערן צו מײַן פאָטער.

ווען מײַן פאָטער האָט פאַרענדיקט דעם קאָלעדזש און זיך געגרייט אָנצוקומען אין אוניווערסיטעט, איז אופגעשווומען אַן אידיי מאַכן אַ רײַזע קיין רוסלאַנד, אַ קוק טאָן אָף די לײַבלעכע ערטער. פאַרוואָס און ווי‏אַזוי איז געבוירן געוואָרן די דאָזיקע אידיי, קאָן איך פּינקטלעך ניט זאָגן. דער טאַטע האָט פאַרענדיקט זײַן מיטלבילדונג, האָט מען, מינאַסטאַם, באַשלאָסן, אַז פאַרן אוניווערסיטעט וועט ניט שלעכט זײַן אַ קוק טאָן אָף דער וועלט. און דער זיידע האָט שוין לאַנג געטרוימט באַזוכן די ערטער, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, ווו עס ליגן אין די קוואָרים באַגראָבן זײַנע אָוועס, מיט איין וואָרט — באַזוכן דאָס היימלאַנד.

און מײַן באָבע האָט אויך, ווײַזט אויס, געוואָלט אָנטאָן פאַרגעניגן איר ליבלינג. איר יאַקאָב איז דאָך מיט קיין זאַך ניט ענלעך געווען אָף די עלטערע ברידער: יענע זײַנען געשעפטסלײַט, פּראַקטיקער, רעאַליסטן, און דער — אַ טרוימער, אַ ראָמאַנטיקער. די באָבע איז אַפילע ניט זיכער געווען, צי דאַרף ער ווערן אַ דאָקטער, נאָר אויב עס פירט זיך שוין אַזוי אין זייער שטאַם — אַלע זײַנען דאָקטוירים, — איז זאָל ער זײַן ניט קיין כירורג, נאָר אַ טעראַפּעווט, אָדער נאָך בעסער — אַ פּסיכיאַטער, אַזוי ווי פרייד.

און אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן, מ'האָט אָפּגעגעבן יאַקאָבס דאָקומענטן אין אוניווערסיטעט, צי עפּשער פּראָסט אים דאָרט פאַרשריבן, כ'ווייס ניט, ווי‏אַזוי עס קומט פאָר אין דער שווייץ, מע האָט אַלץ אָפּגעטאָן און אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד: מײַן זיידע, דער פּראָפעסאָר איוואַנאָווסקי, און מײַן קומענדיקער פאָטער, דער שיינער יונגער בלאָנדין יאַקאָב פון דער שטאָט באַזעל, וואָס אין דער שווייץ. דאָס איז געווען אין 1909 יאָר, קימאַט מיט זיבעציק יאָר צוריק.

איצט שטעלט זיך פאָר דעם צושטאַנד פון אַ יונגנמאַן פון באַזעל, וואָס פאָרט איבער רוסלאַנד אין 1909 יאָר... פאָרט אַ טאָג, צוויי, דרײַ איבער רוסלאַנד און זעט דורכן וואַגאָןפענצטער אומענדלעכע סטעפּעס מיט דערפלעך אָפן האָריזאָנט, און ווײַסע אוקראַיִנישע כאַטעס, און ווײַנשל־סעדער אונטער דער הייסער דאָרעמדיקער זון, און אַ הימל פול מיט שטערן, און די שפּיצן פון קלויסטערס, און אוקראַיִנער מיט לאַנגע וואָנצעס, און אוקראַיִנקעס מיט בונטע קאָרעלן... ניין, דאָס איז ניט דער צוגעפּוצטער באַזעל, און דערבײַ ווייסט ער, דער יונגערמאַן, אַז אָט דאָ, אין די דאָזיקע סטעפּעס, איז געבוירן געוואָרן זײַן פאָטער, און דאָס קאָן נישט ניט מאַכן אָף אים קיין אײַנדרוק. מעגלעך, אַז אים האָט ניט פאַרקלעמט אַזוי דאָס האַרץ, ווי עס פאַרקלעמט בײַ אונדז, ווען מיר קערן זיך אום אהיים, אינעם היימלאַנד, ווי ס'איז, מינאַסטאַם, פאַרקלעמט געוואָרן באַם זיידן, ווען ער האָט קימאַט אין פערציק יאָר אַרום ווידער דערזען רוסלאַנד. נאָר איך כאַזער איבער, דער אײַנדרוק איז געווען זייער אַ טיפער, דער טאַטע האָט אַליין דערנאָך דערציילט, אַז ער האָט ניט געקאָנט אָפּטרעטן פונעם פענצטער, ניט געקאָנט זיך אָפּרײַסן פון דער ראַכוועס, פון די שטילע וואָקזאַלכלעך, פון די וועלדלעך. מע דאַרף נאָך צוגעבן, אַז קיין אַנדער לאַנד, אויסער דער שווייץ, האָט ער ניט געזען. ער איז געפאָרן דורך עסטרײַך, און אין עסטרײַך קיין באַזונדערע נײַס, קלער איך, אין פאַרגלײַך מיט דער שווייץ ניט באַמערקט.

און אָט גייט אין אַזאַ צושטאַנד אַ יונגער מענטש איבער אונדזער שטילער הייסער דאָרעמדיקער שטאָט, גייט איבער דער זוניקער זאַמדיקער גאַס, ווו עס איז געבוירן געוואָרן זײַן טאַטע, ווו עס האָט געוווינט זײַן זיידע מיט דער באָבען; די גאַס איז אַ גאַנץ ברייטע, ווי דאָס מאַכט זיך אין סטעפּישע קליינע שטעט. פון ביידע זײַטן הילצערנע שטיבלעך מיט בלויע

לאָדן, הילצערנע פּאַרקנס מיט פעסטע טויערן, סעדלעך, טאַפּאָלן, און אויף דער גאַס איז קיינער ניטאָ, די גאַס איז פּוסט.

אַלע האָבן, נאַטירלעך, געוווּסט, אַז איוואַנאָווסקיס זון איז געקומען אָנקוקן דאָס היימלאַנד און עס באַווייַזן דעם זון, אַז יענער זאָל ניט פאַרגעסן, פונוואַנען ער שטאַמט, און, פאַרשטייט זיך, אַז אַלעמען איז געווען אינטערעסאַנט א קוק טאָן אויף זיי. נאָר דער אוילעם איז באַ אונדז א דעליקאַטער, קיינער איז אויף דער גאַס ניט אַרויסגעגאַנגען; די מענטשן האָבן זיך ניט געשטופּט א קוק טאָן, ווי־אַזוי עס גייט דער באַיאָרטער איוואַנאָווסקי מיטן יונגן איוואַנאָווסקי. אָבער אַלע האָבן א ביסעלע צערוקט די פאָרהענגלעך און געקוקט אויף זיי שטילערהייט דורכן פענצטער; ווי דו זאָלסט ניט וועלן, איז דאָס פאַרט א געשעעניש — מענטשן זייַנען געקומען פון דער שווייץ א קוק טאָן אויף דער גאַס, א קוק טאָן אויפן הויז, ווו עס האָבן געוווינט זייערע אָוועס.

און נאָר איין מענטש איז אַרויס אויף דער גאַס, נאָר איינער איז אַרויס פון דער שטוב און געקוקט אויף די געסט ניט דורך דעם פענצטער, נאָר גלייַך זיי אין די אויגן. איר שטויסט זיך, מינאַסטאַם, אָן, ווער ס'איז געווען דער דאָזיקער מענטש... דאָס איז געווען ניט ער, נאָר זי, מייַן קומענדיקע מוטער ראָכל.

— וואָס זייַנען דאָס פאַרא פּרינצן? — האָט זי געזאָגט. — פאַרוואָס דאַרף איך, ווי אַן אַרעסטאַנטקע, קוקן אויף זיי דורכן פענצטער?

זי איז אַרויס אויף דער גאַס, געבליבן שטיין באַם טויער, זיך אָנגעשפּאַרט אין דער פּירטקע און געקוקט גלייַך אין די אויגן מייַן קומענדיקן זיידן און קומענדיקן פאָטער.

איר שטעלט זיך פאָר דאָס בילד?! עס גייט זיך א שייינקער, ציכטיקער בלאָנדינטשיק אין אַן אויסלענדישן גאַרניטער, מיט א האַלדזטוך, אין מאָדנע שטיוולעטן, א ייִנגל פון דער אַקוראַטער שטאָט באַזעל, ווו ער האָט געזען ציכטיקע דייַטשקעלעך אין ווייַסע פאַרטעכלעך, עס גייט זיך אָט דאָס דייַטשל איבער דער הייסער דאָרעמדיקער שטאָט, איבער דעם שווערן, אָנגעוואָרעמטן זאַמד און זעט: עס שטייט באַם טויער, אָנגעשפּאַרט אין דער פּאָרטקע, א פּאַרברוינט מיידל אין אַן אַלט קליידעלע, וואָס גרייכט איר ביז די קני, זעט די שטאַלטנע באָרוועסע פיס, זעט די טאַליע, וועלכע מע קאָן אַרומנעמען מיט צוויי פינגער, זעט געדיכטע, שוואַרצע, וווּנדערלעכע האָר, בלאָוו־בלאָווע אויגן און ציין, ווייַסע ווי צוקער. און זי נעמט ניט אַראָפּ אירע בלאָווע אויגן פון אים. א פּריטקע זעכצניאָריק מיידל פון א דאָרעמדיק אָקראַיִניש שטעטל, א טאָכטער פון א שוסטער, איז, ווי איר פאַרשטייט, ניט באַהאַוונט אין קיין שום עטיקעטן. און דער דאָזיקער באָכער איז פאַר איר אַן אויסנאַם. ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז פון דער שווייץ, זי האָט קיין אַנונג וועגן אָט דער שווייץ ניט געהאַט, זי האָט פּשוט קיינמאָל ניט געזען, אַז א ייִדישער באָכער זאָל זייַן א בלוי־אויגיקער בלאָנדין, זאָל זייַן אָנגעטאָן, ווי עפּעס א זון פון א גענעראַל־־גובערנאַטאָר. זי האָט געזען באָכערים נאָר פון איר גאַס, געזונטע, פּאַרברוינטע, שוסטערס, לעדערניקעס, שנייַדערס, פורמאַנעס, טרעגערס, און דאָס ערשטע מאָל דערזען אַזא ווייַס באָכערל מיט בלויע אויגן, א ציכטיקס, אַן אַקוראַטס, א שיינס, ווי א יונגער גאָט.

וואָס זאָל איך אייַך זאָגן? דאָס איז געווען א מאָמענט, א מאָמענט פון מאָמענטן. דאָס איז געווען א בליצשנעלע ליבע. דאָס דאָזיקע מיידל איז געוואָרן דער גוירל פון מייַן פאָטער, די פרוי, צו וועלכער ס'איז אים באַשערט געווען זיך צוקלעפּן, און ער איז צוגעזאָגט געוואָרן צו איר אויפן גאַנצן לעבן, ווי ס'איז צוגעזאָגט דער אורפאָטער אונדזערער יאַנקעוו צו זייַן ראָכלען.

מיט א סאַך יאָרן שפּעטער האָט דער טאַטע ניט איין מאָל געזאָגט, אַז דערזעענדיק די מאַמע, וואָס איז געשטאַנען באַם טויער א באָרוועסע, אין א קורץ צעריסן קליידל, האָט ער זיך פאַרליבט אין איר, ווי דער פּרינץ אין זאָלושקען, און כאַסענע געהאַט, קעדיי אַוועקפירן זי אין דער שווייץ. און די מאַמע האָט דערציילט, אַז דערזעענדיק דעם דאָזיקן בלייכינקן קראַסאַווטשיק אינעם אויסלענדישן קאָסטיום מיטן וועסטל און אָנגעקראָכמאַליעטן קעלנערל, וואָס האָט זיך געעקעלט פון היץ, האָט זי אויף אים ראַכמאָנעס געקראָגן און דערפאַר אים גענומען. זיי האָבן, נאַטירלעך, געשפּאַסט, ווייַל זיי האָבן ליב געהאַט איינער דעם אַנדערן.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו די געשעענישן.

ווען דער זיידע מיטן טאַטן זייַנען געקומען פון דער שווייץ, זייַנען שוין אין שטאָט קיין שום איוואַנאָווסקיס ניט געווען. מייַן זיידנס טאַטע איז שוין לאַנג געשטאָרבן, ביידע שוועסטער אויך, נאָר עס זייַנען געבליבן זייערע קינדער און באַ די קינדער זייַנען אויך געווען קינדער.

אין יענע צייַטן, באַזונדערס אין א קליין שטעטל, האָט מען א געקומענעם אויסלענדער אומבאַדינגט גערעכנט פאַר א מיליאָנער. און באַ יעדן מיליאָנער יאָווען זיך טייקעף אָן א

שיר אייגענע. נאָר אַזוי קומט דאָס פּאָר, אויב אַזעלכס פּאַרלויפט אין אַ פּאַרוואָרפן שטעטעלע, ווי עס האָט אין זײַן צײַט באַשריבן שאָלעם־אַלייכעם, און ווו מענטשן האָבן געלעבט פון איינער לופט. וועגן אונדזער שטאָט וועסטו דאָס ניט זאָגן. אונדזער שטאָט איז ניט ענלעך געווען אַף קיין שטעטל פון טכום. צאָפן פון דער טשערניגאָווער גובערניע, באַגאַנד די מאָהיליאָווער גובערניע — דאָס איז שוין ניט אוקראַיִנע, נאָר ווײַסרוסלאַנד. גאָר נאָענט צו די אַריאַלער און בריאַנסקער — זיי באַלאַנגען צו רוסלאַנד, דערצו נאָך אַ גרויסע אײַזנבאַן־סטאַנציע. און כאָטש דאָס איז געווען בייסן צאַריזם, וואָס האָט, ווי איר ווייסט, אונטערדריקט אַלע פעלקער, און דאָס ייִדישע פאָלק באַזונדערס, האָבן די מענטשן באַ אונדז געלעבט ניט נאָר פון לופט, די מענטשן האָבן געהאַט אַ מעלאָכע אין די הענט: לעדערניקעס, פורמאַנעס, טרעגערס, האַנטווערקער, אַזעלכע, ווי שוסטערס, ווי, אַשטייגער, ראַכלענקאָ, מײַן זיידע פון דער מאַמעס צאַד.

לעבן דער שטאָט — אַ סאָסנע־וואַלד, וואָס איז אַ רעפּוע פאַר מענטשן ביכלאַל, און פאַר שוואַכע לונגען באַזונדערס, פאַר זיי איז אונדזער וואַלד און אונדזער סטעפּישע טרוקענע לופט — פּאַשעט אַ רעטונג. ניט ווײַט — אַ ווונדערלעכער טײַך מיט אַ זאַמדיקן פּליאַזש. אַ גאַנ־ניידן! זומער פלעגן אָנפאָרן דאַטשניקעס פון טשערניגאָוו, קיִעוו, אַפילע פון מאָסקווע און פעטערבורג. און דאַטשניקעס דאַרף מען, פאַרשטייט איר מיך, באַדינען, אַרום אַ דאַטשניק איז דאָ וואָס צו טאָן, באַזונדערס פאַר אַ שוסטער. אַ דאַטשניק שפּאַצירט, רײַבט אויס די פּאָדעשוועס, טרעט אויס די קנאַפּל, מע דאַרף דאָס אַלץ שנעל פאַריכטן, דריגנגענד, מאָמענטאַל. נאָר שוין דעמלט האָט דער שוסטער־פאַך זיך באַ אונדז אַנטוויקלט ניט פּראָסט אַף צו פאַר־ריכטן אַ שוך, צו יענער צײַט איז שוין אין שטאָט געווען אַ לעדער־זאַוואָד. נו, און דאָרט, ווו לעדער, דאָרט דאַרף מען נייען שטיוול. נאָך ביז דער רעוואָליוציע האָבן באַ אונדז פיל שוס־טערס געמאַכט שטיוול אַף צו פאַרקויפן. נאָך דער רעוואָליוציע איז אויפגעקומען אַן אַרטעל, דערנאָך אַ שוך־פאַבריק.

ווי איר זעט, איז אונדזער אוילעם אַ האָרעפּאַשנער, וואָס האָט געצויגן די כאַיונע פון אַרבעט. פאַר קײַנעם זיך ניט געבוקט. געהאַלטן זיך ווירדיק. און כאָטש די געשעענישן, וועגן וועלכע איך דערצייל, זײַנען געווען ניט קיין געוויינלעכע: ווי דו זאָלסט ניט וועלן, אַ פּראָפע־סאָר, מעדיצין־דאָקטאָר פון דער שווייץ, אַ היגער, וואָס איז אַוועקגעפאָרן קימאַט מיט פערציק יאָר צוריק פון אָט דער זעלבער גאַס, — און דאָך איז דאָס ניט געווען קיין ערדציטערניש. אין וועלכן־ס׳איז־ניט שאָלעם־אַלייכעמישן שטעטל האָט עס געקאָנט אַרויסרופן אַן ערדציטער־ניש, נאָר באַ אונדז ניט.

אָט טאַקע דערפאַר איז קײַנער, אויסער מײַן מוטער ראַכל, ניט אַרויסגעגאַנגען אַף דער גאַס, אויסער עכטע קרויווים, האָט קײַנער זיך ניט אָנגעבאָטן אַלס מישפּאָכע. די נאָענטסטע קרויווע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דעם זיידנס פּלעמעניצע, אַ טאָכטער פון זײַן לײַבלעכער שוועסטער, אַ באַיאָרטע פרוי, דאָס ווײַב פון אַ שמיד, צווישן אַנדערס, אַן ערשטקלאַסיקער דוירעסדיקער שמיד, אַפילע די פאַמיליע זײַנע איז געווען קוזניעצאָוו. פאַמיליעס האָט מען זײַנערצײַט געגעבן ניט נאָר לויטן וווין־אָרט, נאָר אויך לויט דער פּראָפעסיע. וועמענס, הייסט עס, איז ער? אַ זון פון אַ שמידער — פון אַ קוזניעץ, קוזניעצאָוו. אַ זון פון אַ לעדער־ניק — סאַפּאָזשניקאָוו, פון אַ סטאָליער — סטאָליאַראָוו, נו, און אַזוי ווײַטער. צו אָט דעם שמיד זײַנען אונדזערע געסט פון דער שווייץ געקומען אין יענעם באַרימטן טאָג, ווען מײַן קומענ־דיקער טאַטע האָט דערזען מײַן קומענדיקע מאַמע.

פאַרשטייט זיך, אַז זיי זײַנען ניט גלײַך געקומען צו די קוזניעצאָווס. זיי האָבן זיך אָפּגע־שטעלט אין האָטעל. דעם האָטעל האָט געהאַלטן אַן אַלמאָנע, אַ פּוילישע פּאַני יאַנזשוועצקאַ. ס׳איז זומער, קוראָרט־סעזאָן, נאָר דעם זיידן איז אויסגעטיילט געוואָרן דער בעסטער נו־מער. ניט אַזעלכע אַפּאַרטאַמענטן, ווי ער איז געוווינט געווען אין באַזעל, נאָר צום דער־לײַדן. דער זיידע האָט זיך באַזעצט אין האָטעל, זיך אָנגעפרעגט וועגן זײַנע קרויווים און זיך דערוווּסט, אַז דאָס ווײַב פונעם שמיד קוזניעצאָוו איז זײַן פּלעמעניצע. נאָר ווי איר פאַר־שטייט, איז אין אַזאַ שטעטל קיין סוידעס ניטאָ און עס קאָנען ניט זײַן; ווען אָפּן אַנדערן טאָג איז דער זיידע מיטן זון יאַקאָבן געקומען צו די קוזניעצאָווס, האָט אַף זיי שוין געוואַרט די גאַנצע מישפּאָכע. ס׳איז געדעקט געווען דער טיש, און אָפּן טיש איז געשטאַנען אַלץ, וואָס פּאָדערט זיך אין אַזעלכע פאַלן. שוין באַ דעם טיש האָט דער זיידע זיך דערוווּסט וועגן אַנ־דערע קרויווים אויך, און ווי אַן אַקוראַטער, באַדאַכטער דײַטש, באַ אַלעמען געגעבן אויסגעפרעגט: ווי־אַזוי און פון וועלכן צאַד זײַנען זיי קרויווים. ער האָט אַלץ אָפּגעוויגן, באַשלאָסן מיט וועמען ער דאַרף זיך זען, מיט וועמען ניט, און די, וועלכע ער האָט אָפּגעקליבן, אײַנגעלאַדן

אף מאָרגן צום שמיד, און דער זיידע איוואַנאָווסקי האָט זיי באַשאָנקען מיט פאַרשיידענע מאַטאָנעס, און אייניקע פּראָסט מיט געלט.

דעם אייניצקין קאָרעווו, וועלכן דער זיידע האָט באַדאַרפט אַליין באַזוכן, איז געוועזן איי־נער אַ כאַים יאַגודין. כאַים יאַגודין איז דעם זיידנס אַ שוואָגער, ער האָט כאַסענע געהאַט מיט זײַן עלטערער שוועסטער, וועלכע איז צו יענער צײַט אויף דער וועלט שוין ניט געווען. און כאַים יאַגודין האָט געזאָגט, איב איוואַנאָווסקי איז געקומען צו פאָרן זיך זען מיט די איי־גענע, און אייגענע האָט ער פאַרמאָגט נאָר צוויי געשטאָרבענע שוועסטער, וואָלט ער באַ־דאַרפט אין דער ערשטער ריי קומען אין הויז פון זײַן לײַבלעכער שוועסטער, און ניט אין הויז פון דער פּלעמעניצע, ווײַל אַלע פאַרשטייען, אַ שוועסטער איז אַ מער נאָענטער קאָרעווו ווי אַ פּלעמעניצע. און ווײַבאַלד איוואַנאָווסקי האָט דורכגעשניטן אייראָפּע אויף צו זען זײַנע קרויווים, וועט אים ניט שוווער זײַן מאַכן נאָך פּופציק שפּאַן ביז זײַן, יאַגודינס, הויז. און אויב איוואַנאָווסקי וועט אָט די פּופציק שפּאַן ניט מאַכן, וועט עס זײַן פאַר אים, פאַר כאַים יאַגו־דינען, אַ שטערבלעכע באַליידיקונג.

לויט דער דאָזיקער אַמביציע, קאָנט איר זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ מענטש איז געווען כאַים יאַגודין לויטן כאַראַקטער. וואָס איז שײַך זײַן פּראָפעסיע, איז ער געווען אַן אויסגעג־דינטער אונטעראָפיצער. אין יענער צײַט אַ ייִד אַן אונטעראָפיצער איז געווען אַ זעלטנהײַט. און כאַים יאַגודין האָט זיך דערדינט, אפילו געהאַט אַ מעדאַל... אַ קליינינקער, טרוקענער, אַ הינקענדיקער נאָך אַ פאַרווונדונג, האָט ער געגאָלט די באָרד, פאַרלאָזט זיך פעלדפעבלשע וואָנצעס, זיך געשפּריצט מיט שאַרפן אָדעקאָלאָן, גערייכערט טוטין, גערעדט נאָר אויף רוסיש, ניט געהאַלטן פון שאַבעס, אין קיין שום גאָט ניט געגלייבט און זיך איזדיעקעוועט איבער די, וואָס האָבן געגלייבט. קיין איין סקאַנדאַל אין שטאָט איז ניט אַדורך אָן אים. אַ צעשויבער־טער, אַ בייזער, האָט ער הינקענדיק געײַלט צום אָרט פון דער געשעעניש, געפאָכעט מיטן שטעקן, זיך אַרײַנגעריסן אין אוילעם און גענומען אייצענען און מישפּעטן. אָנהייבן פלעגט ער רויִק, נאָר אינגיכן ארויס פון די קיילים. ער פלעגט ווערן אויסער־זיך „פון דער טעמפּקײַט פון אָט די בעהיימעס", און דעמלט האָט ער מיט זײַן שטעקן אַרײַנגעלייגט דעם גערעכטן און דעם שולדיקן. ער איז געווען אַ שוואַכינקער, נאָר מע האָט פאַר אים מוירע געהאַט, ניט גע־וואָלט מיט אים זיך פאַרטשעפּען, און ער האָט אַלעמען פאַרהאַסט, געשריגן, אַז ער קאָן ניט לעבן מיט „די דאָזיקע אידיאָטן", און אפילו געמאָלדן אַמאָל, אַז אינגיכן וועט קומען דער מולא פון טיפליס, וועט ער, כאַים יאַגודין, אָנעמען דעם מאַהאָמעטאַנער גלויבן. איר פאַרשטייט אַליין, אַז אין יענער צײַט אין אַ קליין שטעטל איז דאָס געווען אַלעמען אַ צולאָכעס.

דאָס ווײַב זײַנס, דעם זיידנס עלטערע שוועסטער, איז געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט פינף קינדער, אויף זייער כעזשבן האָט כאַים יאַגודין געלעבט. צווישן אונדז גערעדט, געווען אַ גרויסער פּויליאַק, אַרבעטן ניט געוואָלט, געהאַלטן זיך פאַר אַ געבילדעטן מענטשן. און באַ אַזעלכע לײַדאַקעס איז אַמערסטן דאָס ווײַב אַ האָרעפּאַשניצע און די קינדער אויך. אַזאַ איז דער געזעץ פון דער נאַטור. דאָס ווײַב האָט געהאַנדלט מיט פּרוכטן, דערמיט געקאָרמע־וועט די מישפּאָכע, זיך געדרייט ווי זי האָט געקאָנט. און די קינדער האָבן פרי אָנגעהויבן אַרבעטן, קימאַט פון עלף יאָר אָן, זיי האָבן געצויגן איינער דעם צווייטן און, ווען די מאַמע איז געשטאָרבן, אויסגעהאַלטן דעם פאָטער. די קינדער זײַנען געווען גוטע אַרבעטער, פּראָ־סטע, באַשיידענע מענטשן, און בלויז איין טאָכטער, סאָרע, האָט ניט געוואָלט וויסן פון קיין אָרנטלעכער מי. סאָרע איז געווען אַ שיינהײַט, פּונקט אַזאַ ווי ווערא כאָלאָדנאַיאַ, באַ אונדז האָט מען זי טאַקע אַזוי גערופן — ווערא כאָלאָדנאַיאַ. זי האָט זיך אָנגעהויבן באַשעפטיקן, מיט וואָס וואָלט איר געמיינט? מיט בריליאַנטן. מענטשן האָבן אפילו געזאָגט, אַז זי האָט געהאַט אַ בריליאַנט פונעם קייסער ניקאָלײַ. נו, און אַז אַ פרוי פאַרנעמט זיך מיט אַזאַ גע־שעפט, איז כאָטש זי איז אַ שיינהײַט, כאָטש זי איז ווערא כאָלאָדנאַיאַ, ענדיקט זי, ווי ס'איז באַוווסט — מיט טפיסע.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו כאַים יאַגודינען. ער איז געווען, דאַרף מען זאָגן, אַ גרויסער זשוויר, אַ מיוון אויף גאַלאַנטער אופירונג, ליב געהאַט אויסצוטרינקען, זיצן מיט אַן אינטעליי־גענטער געזעלשאַפט און שמועסן אויף אינטעליגענטע טעמעס. דעריבער האָט ער גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין שערערײַ אין אַ קאָמפּאַניע פון פּונקט אַזעלכע ליידיקגייער און פּלאַפּלער. אונדזער פאַבריקמאַכער בערנאַרד סעמיאָנאָוויטש איז אויך געווען אַ קענער פון גאַלאַנטער אופירונג, ליב געהאַט, אַז אין שערערײַ זאָל זיך צונויפזאַמלען אַ „געזעלשאַפט", און בייס ער צאָקעט מיטן שערל אָדער זייפט אָן אַ באָרד, זאָל מען שמועסן אויף פאַרשיידענע טעמעס.

ניט שטענדיק האָבן זיך די דאָזיקע שמועסן געענדיקט בעשאָלעם. איינמאָל האָט כאַים יאַגודין פאַרפירט אַ וויקועך מיט איינעם אַ פּראָוויזאָר, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר אַ ליבער־

ראל. איך ווייס ניט, איבער וואָס זיי האָבן זיך געשפּאַרט, נאָר כאַיִם איז פּלוצעם אופגעשטאַנען און געמאָלדן, אַז ער האָט געשווירן דעם קייסער און דעם פאָטערלאַנד קיינעם ניט דערלויבן זיי צו לעסטערן און דערפאַר, אויב דער פּראָוויזאָר וועט אין מעשעך פון צען טעג זיך ניט פאַרנעמען פון רוסלאַנד, פאַר וועלכן ער, כאַיִם יאַגודין, האָט פאַרגאָסן בלוט און פאַרלוירן אַ פוס, וועט ער אים הארגענען און פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר ניט זײַן.

דער פּראָוויזאָר האָט בלויז אַ שמייכל געטאָן, נאָר אויפן אַנדערן טאָג איז כאַיִם ניט געקומען אין שערערײַ — דער פּראָוויזאָר האָט זיך אָנגעהויבן באומרויִקן. כאַיִם איז ניט געקומען ניט אויפן דריטן, ניט אויפן פערטן טאָג — דאָס האָט אָנגעהויבן באומרויִקן אַלעמען. קורץ: כאַיִם האָט געגעבן אַ שווּע, אַז ער וועט אַרויסגיין פון שטוב נאָר דעם עלפטן טאָג, אַף זיך איבערצײַגן, צי דער אויסוואורף דער פּראָוויזאָר האָט זיך פאַרנומען פון רוסלאַנד, און אויב ער וועט זיך ניט אָפּטראָגן, וועט ער, כאַיִם, הארגענען אים.

דער פּראָוויזאָר איז אוועק צום פּריסטאַוו. דער פּריסטאַוו האָט געזאָגט, אַז ביז ער, דער פּראָוויזאָר, איז לעבעדיק, ס׳הייסט, ביז כאַיִם האָט אים ניט געהארגעט, איז ניט פאַראַן קיין שום גרונט אים צו פאַרפאָלגן... אָט אויב ער וועט אים ווירקלעך הארגענען, וועט דעמלט אויסקומען כאַיִמען אַרעסטירן. אַ שיינע טרייסט פאַרן פּראָוויזאָר!.. אויפן עלפטן טאָג האָבן בײַ כאַיִמס הויז זיך פאַרזאַמלט מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט זען, וויאַזוי כאַיִם וועט הארגענען דעם פּראָוויזאָר, נאָר זיי איז ניט אויסגעקומען דאָס צו זען. באַנאַכט איז דער פּראָוויזאָר אוועקגעפאָרן קיין אָדעס און פון דאָרט קיין אַמעריקע.

דאָס אַלץ דערצייל איך, פאַרשטייט זיך, לויט פרעמדע ווערטער, עפּשער איז דאָס אין דער ווירקלעכקײַט געווען ניט פּונקט אַזוי, נאָר ווי־עס־איז אַנדערש. אָבער דער דאָזיקער צופאַל כאַראַקטעריזירט כאַיִם יאַגודינען.

וועגן דעם אַלץ האָט, נאַטירלעך, דער זיידע איוואַנאָווסקי ניט געוווּסט, נאָר די מישפּאָכע פון די קוזניעצאָווס האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ טיפּ כאַיִם יאַגודין איז, פאַרשטאַנען, וואָס עס באַטײַטן זײַנע ווערטער וועגן שטערבלעכער באַליידיקונג: פון כאַיִם יאַגודינען קאָן מען דערוואַרטן דאָס גרעסטע כוליגאַנישע שפּיצל, און דערפאַר איז גלײַכער אים נאָכגעבן. און זיי האָבן דעליקאַט געגעבן אָנצוהערן דעם פּראָפעסאָר איוואַנאָווסקי, אַז זײַן שוואָגער כאַיִם יאַגודין — דער פאַרדינטער אונטעראָפיצער, איז אַן אינוואַליד, אַז גיין איז אים שווער, און ס׳וואָלט גוט געווען, אַז דער פּראָפעסאָר זאָל אים באַזוכן, ער איז דאָך דער מאַן פון זײַן פאַרשטאָרבענער שוועסטער און צו כאַיִמס הויז איז ניט מער פון פינף הונדערט שפּאַן.

אונדזערע שווייצאַרער געסט איז אויסגעקומען גיין צו כאַיִם יאַגודינען. איך בין, נאַטירלעך, בײַ דער דאָזיקער באַגעגעניש ניט געווען. נאָר דערנאָך בין איך געווען אין הויז פון יאַגודינען און מאָל זיך בוילעט אויס דאָס גאַנצע בילד...

שטעלט זיך פאָר אַן אַלט, פאַרלאָזט הויז פון אַן אַלמען, דערצו נאָך אַ לאָדער, וואָס האָט פאַר זײַן לעבן אויסגעזעצט פיל פרעמדע ציינער, נאָר ניט אַרײַנגעקלאַפּט אין דער וואַנט אַרײַן קיין איין צוויאַק. מאָלט אײַך אויס אַן אויסגעקרימטן גאַנעק, אַ צעבראָכענע פאָרענטש, טאַנצנדיקע ברעטער, אַ צעלעכערטן דאַך, צעהאַרגעטע שטוקאַטורקע, אַ פינצטער פירהויז, וואָס איז פאַרוואַלגערט מיט טראַנטעס. שטעלט זיך פאָר די „זאַל”: אַ פּראָסטער טיש אָן אַ צעראַטע און אָן אַ טישטעך, אַ קאָלאָסאַלער איבערגעטריקנטער בופעט מיט צעזעצטע שויבן, דרײַפיסלדיקע בענקלעך מיט לעכערדיקע דעקלעך... און צווישן אָט דער פּראַכט שטייט כאַיִם יאַגודין, אַ קלײנינקער, אַ געלוואָנציקער, מיט אַ גרויען אונטעראָפיצערישן באָבריק, און שמייכלט מיט אַ גאַלאַנט גרויסהאַלטעריש שמייכעלע, וואָס באַטײַט: מיר זײַנען ניט פון באַזעל, ניט קיין מעדיצין־דאָקטוירים, נאָר זײַנען אויך עפּעס ווערט.

כ׳קלער, אַז צווישן זיי האָט געקאָנט פאָרקומען אַ שמועס. כאַיִם איז פאַר זײַן צײַט און פאַר אונדזער שטאָט געווען אַ גאַנץ געבילדעטער מענטש, כאָטש קיין עכטע בילדונג האָט ער ניט באַקומען. ער האָט אַפילו באַהערשט אַ ביסל ענגליש. געקענט אָנשרײַבן אַף אַ קאָנווערט אַן אַדרעס אַף ענגליש. די, וואָס האָבן פאַרמאָגט קרויווים אין אַמעריקע אָדער אין אווסטראַליע און געדאַרפט אָפּשיקן אַ בריוו, יענע זײַנען געקומען צו כאַיִם יאַגודינען.

מיט איין וואָרט, מיט אים האָט מען זיך געקאָנט דורכשמועסן, און ער האָט ליב געהאַט אַ שמועס צו טאָן. נאָר אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון אַן אינצידענט און מיטן אינצידענט זיך פאַרענדיקט.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער, דער זיידע און דער טאַטע זײַנען געווען אָנגעטאָן אַזוי, ווי עס פּאַסט פאַר אַ וויזיט: אַ קאָסטיום, אַ האַלדזטוך, אַן אָנגעקראָכמאַליעט קעלנערל. זיי זײַנען אויסגעגאַנגען פון היץ, דער שווייס איז גערונען, באַזונדערס פונעם אַלטן, ווי אַ האָגל. און אונדזער בראַווער אונטעראָפיצער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס: אָפּפרישן די געסט מיט

אַדעקאַלאַן. ער שטעלט אוועק אינמיטן דעם צימער א לעכערדיק בענקל, זעצט אוועק דעם פּראָפעסאָר און באַשפּריצט זײַן פּאָנעם מיט טראַינאַי אַדעקאַלאָן פון א פּולוועריזאַטאָר, וואָס שטעקט מיט איין פּיסל אין פלאַקאָן און מיטן צווייטן באַ כאַימען אין מויל. דערבײַ שטעלט זיך פּאָר, אַז קיין צײַנער האָט ער ניט. כאַים בלאָזט אָן די באַקן, בלאָזט מיט אַלע קויכעס, שפּריצט אפן פּראָפעסאָר דעם איפעשדיקן אַדעקאַלאָן צוזאַמען מיט זײַן אייגענעם שפּײַעכץ. נאָר גלײַך ווי ער האָט אַף א ווײַל איבערגעריסן די פּראָצעדור, קעדיי איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, איז דער פּראָפעסאָר אופגעשטאַנען, אַרויסבאַקומען פון דער קעשענע א טיכעלע, אויסגעווישט דאָס פּאָנעם און אַפּגערוקט דאָס בענקל, און דערמיט געגעבן צו וויסן, אַז די פּראָצעדור איז פאַרענדיקט.

נאָר דער אַקשן כאַים שטעלט דאָס בענקל צוריק אַפּן אָרט און לאָדט אײַן יאַקאָבן זיך אָפּפרישן אפן זעלבן אופן. נאָר דער פּראָפעסאָר פאַרוועדט דאָס, און יאַקאָב אַליין זאָגט זיך אויך אָפּ. כאַים יאַגודין באַשטייט, פּאָדערט, צילעוועט אָן זײַן פּולוועריזאַטאָר אַף יאַקאָבן. דעמלט טוט דער זיידע אָן דעם קאָטעלאָק, פאַרנייגט זיך און גייט אַרויס מיט יאַקאָבן פון הויז. דערמיט האָט ער זיך אָנגעלעבט א דאָם־סוינע אין דער פּערזאָן פון כאַים יאַגודינען.

נאָר אַף דעם דאָזיקן סוינע האָט דער פּראָפעסאָר איוואַנאָווסקי, ווי איר פאַרשטייט, זיך אויסגעשפּיגן. ער וויל ניט וויסן פון קיין שום כאַים יאַגודינען, ער וויל קלאָל דאָ פון קיינעם ניט וויסן, אויסער דער מישפּאָכע פון די קוזניעצאָווס.

די מישפּאָכע פון די קוזניעצאָווס איז באַשטאַנען פונעם טאַטן — דעם שמיד, פון דער מאַמען — דער פלעמעניצע פון מײַן זיידן איוואַנאָווסקי און פון דרײַ טעכטער, דרײַ מיידלעך שיינהײַטן. די דאָזיקע שיינע מיידלעך האָבן געהאַט כאַוועריטעס שיינהײַטן, און, ווי איר שטויסט זיך מינאַסטאַמע אָן, איז צווישן די כאַוועריטעס געווייגלעך געווען די הויפּט־כאַווערטע ראָכל — ראָכיל ראַכלענקאָ, מײַן קומענדיקע מוטער. און, פאַרשטייט זיך, אַז ראָכל האָט געמאַכט אַזוי, אַז אין דער צײַט פונעם צווייטן וויזיט פון די איוואַנאָווסקיס צו די קוזניעצאָווס זאָלן זיי זי דאָרט טרעפן. און דאָס איז גאָר קיין כידעש ניט! די שוועסטער האָבן אײַנגעלאָדן צו זיך די בעסטע כאַווערטע ראָכיל ראַכלענקאָ און זי באַקאַנט מיט יאַקאָב איוואַנאָווסקין, וואָס כאָטש ער איז געקומען פון דער שווייץ, איז ער זייערער א קאָרעוו, א געשוועסטערקינד צי עפּעס ענלעכס דערוף. ס'איז דען א ביזאַיען, וואָס זייער כאַווערטע האָט זיך פאַרוואָלט נעענטער אָנקוקן אָט דאָס אויסלענדישע אַנטיקל, דאָס פּאָרצעלײַענע באָכערל, אָנרירן אים, א קערעווע טאָן, אָנקוקן, פון וואָס באַשטייען אַזעלכע שיינע ליאַלקעס. מײַן מאַמע האָט געקענט בלויז עטוואָס לייענען, שרײַבן, רעכענען — ניט מער. יענע יאָרן, באַזונדערס אין פאַמיליעס פון שוסטערס, האָט מען מיידלעך זעלטן־ווען געגעבן העכערע בילדונג. קיין זאַך, אויסער הימל, סאָסנע־וואַלד און דעם טײַך, האָט זי ניט געזען, און אָט, האָסטו דיר, א קליינינקער פּרינץ פון דער שווייץ...

מײַן מאַמע האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם טאַטן, ליב געהאַט דאָס גאַנצע לעבן און אָפּגעגעבן אים דאָס גאַנצע לעבן. נאָר ווען דער טאַטע וואָלט זי באַגעגנט אַף די גאַסן פון באַזעל, וואָלט ער אַלציינס ליב באַקומען ראָכילן און נאָר ראָכילן. זי איז געווען זײַן גוירל. און וואָלט מײַן פּאָטער געווען א באָכער פון אונדזער גאַס, איז נאָך ניט קלאָר, וויאַזוי דאָס רעדעלע וואָלט זיך א דריי געטאָן... א שיינער, פאַרשטייט זיך, נאָר א שטילער, א באַשיידענער, א שעמעוודיקער, וואָלט געקאָנט זיך מאַכן, אַז די מאַמע זאָל זיך פאַרליבן אין א מער שטאַרקערן, א געוואַגטן, העלדישן באָכער. באַ איר גאַנצער ספּריטנעקײַט און מיט אַלע קאַפּרײַזן אירע איז מײַן מאַמע געווען א פּראַקטישע פרוי, געוווסט, וואָס זי האָט געוואָלט, געוווסט, וואָס זי דאַרף, און ניט געוואָלט וויסן וועגן דעם, וואָס זי דאַרף ניט. פאַרגעסט ניט, אַז צווישן די מיידלעך האָט מײַן מאַמע זיך גערעכנט די ערשטע קראַסאַוויצע אין שטאָט, און די אָפּיצערן פונעם פּאָלק זײַנען ספּעציעל געפאָרן דורך אונדזער גאַס, קעדיי א קוק טאָן אַף ראָכיל ראַכלענקאָן.

אָבער אין דעם פּאַל איז טעטיק געווען די מאַמע. זי האָט געוואָלט זען די אויסלענדער. איז זי אָן שום פּוצן אַרויסגעגאַנגען אַף דער גאַס. איר האָט זיך פאַרוואָלט באַקענען מיט א שיינינק יינגל, וואָס איז ענלעך אַף א זון פון א גענעראַל־גובערנאַטאָר, איז זי געקומען אין הויז פון אירע כאַווערטעס און זיך באַקענט.

וואָס איז פאָרגעקומען ווײַטער, וויאַזוי זײַנען געווען זייערע צווישנבאַציִונגען, ווייס איך ניט, איך בין דערבײַ ניט געווען. די מאַמע האָט דערנאָך דערציילט: „ער האָט מיך ניט געלאָזט דורכגיין די גאַס, אוכאַזשעוועט נאָך מיר פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט". דער טאַטע האָט דערציילט: „פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט האָט זי מיר פאַנאַנדערגעשטעלט נעצן, קאַפּקאַנען". אַזוי האָבן זיי דערנאָך געשפּאַסט. נאָר אין די דאָזיקע שפּאַסן, קלאָר איך, איז געווען א טייל

עמעס. דער טאטע איז געווען פארליבט, די מאמע האָט געשפּילט מיט א זעלטן שפּילעכל, נאָר ס'איז קלאָר געווען, אז דאָס דאָזיקע שפּילעכל וועט זי שוין ניט אָפּגעבן.

וועמען קלאָר? פריִער פאר אלץ זיי אליין. און נאָר זיי אליין. אָבער אין יענע צײַטן, באזונדערס אין אזעלכע טראדיציאָנעלע מישפּאָכעס, זײַנען שידוכים געשלאָסן געוואָרן ניט אפן סאמע העכסטן שטאפל, ניט אין הימל, שידוכים האָבן געשלאָסן די עלטערן.

האָבן ראָכלס עלטערן געקענט אויסרעכענען אף אזא שידעך? מײַן זיידע ראכלענקאָ איז, פארשטייט זיך, געווען ניט קיין פּראָסטער קאלטער שוסטער, ער איז געווען א מײַסטער, געהאט זײַן שוסטער־וואַרשטאַט; קיין גוויר איז ער, עמעס, ניט געווען, נאָר קיין אָרעמאַן אויך ניט. אויסער דעם, ווי איר וועט זען פון דער ווײַטערדיקער דערציילונג, איז דאָס געווען אין פולן זין פון וואָרט אַן אויסגעצייכנטער מענטש, איך וואָלט אפילע געזאָגט א באדײַטנדיקער מענטש. נאָר דאָך ניט קיין פּראָפעסאָר, ניט קיין מעדיצין־דאָקטאָר, ניט קיין אייגנטימער פון דער בעסטער אין אייראָפּע קליניק. איז דען אין דער שווייץ א דויכעק אין רײַכע קאַלעס פאר א באָכער פון אזא מישפּאָכע?

וואָס איז נעגייע דעם זיידן איוואנאָווסקי, האָט ער, נאַטירלעך, וועגן קיין שום שידעך ניט געקלערט. יאַקאָב דארף פריִער ענדיקן דעם אוניווערסיטעט, באקומען א ספּעציאַליטעט, ווערן א דאָקטער, און ערשט דערנאָך טראכטן וועגן כאסענע האָבן. דער אלטער האָט ביכלאַל געקוקט אף יאַקאָבן, ווי אף א קינד. ס'איז אים אפן זינען אפילע ניט געקומען, אז זײַן יאַקאָבן, זײַן קליינינקן, שעמעוודיקן יאַקאָבן, אָט דעם מיזיניקל, וועט זיך פארוועלן כאסענע האָבן.

פארשטייט זיך, ווען דער אלטער זאָל געווען עפּעס אָנשמעקן, ווי מע זאָגט דאָס איצטער, וואָלט ער גלײַך זיך אופגעזעצט אפן באַן און פארקערעוועט דעם דישל אף צוריק אין דער שווייץ. נאָר ער האָט גאָרניט אָנגעשמעקט, און כאָטש ער האָט פארקערעוועט דעם דישל, איז ער אָבער אוועקגעפאָרן ניט אין דער שווייץ, נאָר אין דער שטאָט נעזשין, קעדיי זיך באַגעגענען מיט זײַנע פרײַנט פון דער גימנאזיע, און געפאָדן איז ער אליין, אָן יאַקאָבן. און אזיווי יאַקאָב האָט ניט געקאָנט ווינען אליין אין האָטעל און זיך דערנערן אין טראַקטיר, האָט ער אים איבערגעפירט צו די קוזניעצאָווס, ווו מע האָט אים אויסגעטיילט די זאַל, דעם סאמע פאַראדנעם צימער, און אים באזאָרגט מיט היימישער שפּײַז.

קיין גרעסערע נארישקײַט אָפּטאָן האָט דער אלטער ניט געקאָנט: ער האָט געלאָזט יאַקאָבן אויג־אף־אויג מיט ראכילן.

דער אלטער האָט זיך פארזאמט א וואָך, טאַקע וועגן אָט דער וואָך האָט די מאמע געזאָגט, אז דער טאטע האָט זי ניט געלאָזט דורכגיין די גאַס, און דער טאטע — אז זי האָט צעשטעלט פאר אים נעצן און קאַפּקאַנען. קיין שום קאָנקרעטס ווייס איך ניט וועגן דער דאָזיקער וואָך, נאָר פאָרשטעלן קאָן איך זיך... זיי זײַנען געגאַנגען זיך באָדן. דעמלט האָבן די פרויען זיך געבאָדן באזונדער פון די מאנצבלען, וועגן קיין אלגעמיינע פּליאַזשן האָט מען אין יענע צײַטן ניט געהערט. נאָר וואָס הייסט באזונדער? פון איין זײַט קוסט — יאַקאָב, פון דער אנדערער — די מיידלעך: די שוועסטער קוזניעצאָווס און ראָכיל. און יאַקאָב האָט געהערט זייערע קולעס, זייער געלעכטער. ער איז א דערצויגן יִינגל, ער האָט זיך ניט צוגעקוקט, נאָר פון זיך אליין האָט זיך באקומען, אז דורך די קוסטעס האָבן זיך געזען זייערע דורכשווינדלענדיקע נאקעטע קערפּערס, און כאָטש ער האָט אָפּגעקערט דעם בליק, ווען ראכיל גייט ארײַן אין וואסער, נאָר פון אינווייניק זעט ער זי, ווי א ווונדערלעכע אפראָדיטא אין שוים פון יאַם. און ארום איז סטעפּ, פעלדער, עס צאָקעט א שפּרינגערל אין גראָז, און אלץ ווערט אָפּגעבריט פון אונדזער געבענטשטער זון, וועלכע יאַקאָב האָט אין דער שווייץ ניט געזען און וועט קיינמאָל ניט זען...

נאָר דעריקער איז פאָרגעקומען אין וואלד. איך האָב שוין געזאָגט, אז אונדזער שטאָט איז געשטאנען אין א ווונדערלעכן סאָסנאָווע וואלד, — אזעלכע וועלדער זײַנען פאראן נאָר אף דאָרעם און נאָר אין סטעפּ. אזא ריינע, טרוקענע, פּעכיקע לופט, ווי אין אָט דעם וואלד, מײַן איך, וועט איר אין ערגעץ ניט געפינען. ניט אומזיסט זײַנען אהער געקומען דאטשניקעס פון מאָסקווע און פּעטערבורג זיך אָנעטעמען מיט דער דאָזיקער לופט. מע האָט גענומען האַמאַקעס, קוישלעך מיט עסנווארג און אינדערפרי אוועקגעגאנגען אין וואלד און זיך געוואַלגערט דאָרט דעם גאנצן טאָג. דערצו האָט אונדזער פּיפּיקער אַפּטייקער לויט דער פאמיליע אַריאָל אוועקגעשטעלט אין וואלד א ווערענדע און פארקויפט דאָרט פרישן קעפיר, ווי א רעפּוע, צום פלעשל קעפיר האָט מען געקאָנט צוקויפן א געוירן בולקעלע, דאָ איז אויך געווען אײַזקרעם אין קליינינקע שעלעכלעך. איך געדענק זייער גוט אָט דעם אַפּטייקער אַריאָל מיט זײַן היילונגס־קעפיר, מיט די געוירענע בולקעלעך און מיטן אײַזקרעם. זײַן טעטיקײַט האָט ער ווידער פאנאנדערגעוויקלט בייסן נעפּ, אין די צוואנציקער יאָרן, איך בין שוין דעמלט

געווען אַ גרויס ייִנגל; איך געדענק די בידאָנען מיטן אײַזקרעם, וואָס זײַנען געשטאַנען אין ברייטע הילצערנע פעסלעך ארומגעלייגט מיט אײַז. ווי‏אַזוי ס'איז פאָרגעקומען דער איניען, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די באַגעגענישן פונעם טאַטן מיט דער מאַמען, קאָן איך זיך פאָרשטעלן. געווען איז עס אַזוי: זיי זײַנען געגאַנגען אין וואַלד, פאַרשטייט זיך, ניט אַליין, נאָר מיט די שוועסטער קוזיניעצאָווס. גיין אַליין, אַ יונגער באָכער מיט אַ באַרישניע, האָט זיך גערעכנט דעמלט ניט אָנשטענדיק. איך ווייס ניט, צי אַלע דרײַ שוועסטער האָבן זיי באַגלייט, געוויס ניט, אין אונדזערע ערטער האָבן די מיידלעך ניט געלאָדערט: אַ סאָד, אַ גאָרטן, באַ אַן אַנדערן אַ קו צי אַ ציג — מע דאַרף העלפן דעם טאַטן אין דער קראָם, אויב ער האַנדלט, אָפּטראָגן באַשטעלונגען, אויב ער איז אַ באַלמעלאָכע, עס זײַנען אויך פאַראַן קלענערע ברידער און שוועסטער, נאָך וועלכע מע דאַרף כאַפּן אַ קוק, מע דאַרף גיין מיט דער מאַמע אין מאַרק אַרײַן און העלפן איר אין דער קיך, — מיט איין וואָרט, אַרבעט אין שטוב האָט געקלעקט, און קעכלען זיך אין וואַלד גאַנצענע טעג האָבן די קוזניעצאָווס זייערע טעכטער דערלויבן ניט געקאָנט. נאָר עס האַנדלט זיך אָבער וועגן יאַקאָבן, וועגן טײַערן גאַסט פון דער שווייץ, אַ גאַסט דאַרף מען פאַרווײַלן, און וואָס קאָן זײַן פאַר אַ בעסערער פאַרווײַלונג, ווי אונדזער באַוווּסטער וואַלד, אַ וואַלד, וואָס איז באַוווּסט, קאָן מען זאָגן, אין גאַנץ רוסלאַנד, און וואָס קאָן זײַן בעסער פאַר אַזאַ דעליקאַטן בלאָנדינטשיק, ווי פעכיקע לופט? און די קוזניעצאָווס האָבן, נאַטירלעך, אָפּגעלאָזט זייערע טעכטער מיט יאַקאָבן אין וואַלד. נו, און ווי‏אַזוי ראַכיל האָט זיך אָפּגעבעטן באַ די עלטערן, דאָס ווייס איך ניט. וויסנדיק, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער איר טאַטע, מײַן זיידע ראַכלענקאָ, האָט פאַרמאָגט, קאָן איך זיך אַפילע ניט פאָרשטעלן, ווי‏אַזוי איז עס איר געלונגען. נאָר איר זעט דאָך, ס'איז איר געלונגען.

מיט איין וואָרט, זיי זײַנען געגאַנגען אין וואַלד אַרײַן, און ווי איר שטויסט זיך אָן, זיך אײַנגעמאָסטעט ניט צווישן דאַטשנעם אוילעם, נאָר אין אַ זײַט. די שוועסטער האָבן זיך געוויגט אין האַמאַק אָדער געמאַכט אָן אָנשטעל, אַז מע קלײַבט פילעניצעס, און דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען געזעסן אַף אַ פּלעד צווישן סאָסנעס און האָבן געקוקט איינער אַפּן אַנדערן... ס'איז יול, דער הימל איז אָן אַ וואָלקנדל, די פאַרגליווערטע לופט איז דורכגעזאַפּט מיט אַ טערפּקע פעכיקן רייעך פון סאָסנעס, די ערד איז אָנגעגליט פון דער זון, ווייך פון די געלע סאָסנע־נאָדלען, און ראַכיל איז אין אַ דין קורץ קליידעלע, דער האַלדז איז אַנטבלויזט, איבער די אַקסל זײַנען צעשאָטן שוואַרצע האָר, און ס'איז גענוג אויסצוציִען אַ האַנט, וועסטו זיי קאָנען אָנרירן... אים איז נײַנצן יאָר, און איר זעכצן...

אַף וואָס פאַר אַ שפּראַך האָבן זיי גערעדט? דער פּאָטער האָט געקענט צוויי שפּראַכן, דײַטש און פראַנצויזיש, די מאַמע אויך צוויי, אַפילע דרײַ — ייִדיש, רוסיש און אוקראַיִניש. זיי האָבן איניינעם באַהערשט פינף שפּראַכן, און אַף קיין איינער ניט געקענט זיך צונויפשמועסן. זיי האָבן זיך צונויפגערעדט אַף אַ זעקסטער שפּראַך, אַף דער פאַרשטענדלעכסטער און שענסטער... מײַן מוטער איז געווען אַ פרוי אין פולן זין פון וואָרט, זי האָט געקאָנט צוציִען צו זיך און אין דער זעלבער צײַט האַלטן אַף אַ מעהאַלעך — דאָס איז די סאַמע כיטרע טנוע פון אַ פרוי. זי איז ווי אַ פּרוזשינע; זי נעמט זיך צונויף און דו ביסט אָט־אָט באַם ציל, נאָר די פּרוזשינע שפּרייט זיך פלוצעם פאַנאַנדער, און דו ווערסט אָפּגעשלײַדערט אַף צען שפּאַן. די דאָזיקע קונסט האָט די מאַמע באַהערשט פולשטענדיק, און דאָס איז געווען אָט יענער קאַפּקאַן, וועגן וועלכן ס'האָט שפּעטער גערעדט דער פּאָטער.

ווען דער פּראָפעסאָר איוואַנאָווסקי האָט זיך אומגעקערט פון נעזשין, האָט יאַקאָב אים געמאָלדן, אַז ער האָט כאַסענע פאַר ראַכילן.

איך ווייס ניט, צי האָט דער זיידע באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק, איך מיין, אַז ניט, ער האָט אײַנגענומען באַרויִקונגס־טראָפּנס, און עפּשער גאָרניט אײַנגענומען — כירורגן האָבן שטאַרקע נערוון. די זאַך איז באַשטאַנען ניט נאָר אין דער אומדערוואַרטקײַט: פון אַ נײַנצניאָריקן באָכער, וואָס האָט זיך פאַרקאָכט אין אַ מיידל, קאָן מען דערוואַרטן אַלץ. די זאַך איז באַשטאַנען אין דער אײַנגעשפאַרטקײַט, אַזאַ אַקשאָנעס האָט דער זיידע פון אים ניט דערוואַרט. צום ערשטן מאָל האָט יאַקאָב באַוויזן זײַן כאַראַקטער, און עס קאָן גאָר זײַן, אַז דאָס האָט דערפרייט דעם זיידן. איך קלער אַפילע, אַז אין פּרינציפּ איז ער ניט געווען שטאַרק קעגן דעם שידעך. ערשטנס, האָט ער געזען, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר ראַכיל, און אַז זי איז געווען די ערשטע שיינהײַט, האָב איך אײַך שוין געזאָגט. צווייטנס, איז ראַכיל אַ פּראָסט האָרעפּאַשנע מיידל, אָן פּוצן, און וועט זײַן אַ גוט ווײַב און אַ גוטע מוטער. און דריטנס, האָט דעם זיידן אימפּאָנירט דאָס, וואָס זײַן זון וויל נעמען אַ פרוי פון זײַן, דעם זיידנס, היים. אין דעם, ווי איר זאָלט ניט וועלן, שטעקט אַ סימען פון קאָוועד צו די עלטערן. און וואָס איז נעגייע דער מאַטעריעלער ניט גלײַכקײַט, וועט יאַקאָבן, גאָט צו דאַנקען, קלעקן זײַנס. דער אוניווערסי־

טעט? ווו איז דאָס אָנגעשריבן געוואָרן, אַז לערנען קאָן נאָר אַ ניט־באַוויַיבטער? פּאַרוואָס קאָן ניט לערנען קיין כאַסענע־געהאַטער, אויב ער איז מיט אַלץ באַזאָרגט און ער האָט אַ לעבעדיקן טאַטן און אַ לעבעדיקע מאַמע, וואָס קלײַבן זיך ניט שטאַרבן, אַז עס לעבן ברידער — כירורגן און ס'איז דאָ אַ קליניק, ניט די ערגסטע אין דער שווייץ?

אַזוי האָט, ווײַזט אויס, געקלערט דער זיידע, יאַקאָבס פּאָטער. נאָר ס'איז נאָך געווען יאַקאָבס מאַמע, און זי אויסמײַדן האָט מען אַף קיין שום אופן ניט געקאָנט. אין אַזאַ זאַך קאָן מען ביכלאַל ניט אויסמײַדן קיין מאַמע, און דאָ גייט נאָך אַ רייד וועגן איר ליבלינג, וועגן איר טײַערן יאַקאָבן.

און דער זיידע איוואַנאָווסקי האָט געזאָגט צום זון:

— יאַקאָב, איך האָב גאָרניט קעגן ראַכילן, אַ ווויל מיידל. נאָר אַזאַ זאַך, יאַקאָב, אָן דער מאַמעס בענטשונג טוט מען ניט. אויסמײַדן די מאַמע קאָנען מיר בעשום־אופן ניט.

יאַקאָב איז געווען אַ קלוגער באָכער און האָט פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף דער מאַמעס האַסקאָמע. דערבײַ האָט ער ליב געהאַט די מוטער און ניט געקאָנט זי באַליידיקן, און ער האָט געזאָגט ראַכילן, אַז ער וועט פאָרן קיין באַזעל, באַקומען דער מאַמעס באַגיטיקונג, מאָמענטאַל זיך אומקערן, און זיי וועלן כאַסענע האָבן.

אין צוויי טעג אַרום איז דער פאָטער מיטן זון איוואַנאָווסקי אַוועקגעפאָרן אין דער שווייץ. פאַרן אַוועקפאָרן האָט יאַקאָב געבעטן ראַכילן זיך אָפּפאָטאָגראַפירן און, ווען די פאָטאָגראַפיע וועט פאַרטיק ווערן, אַרויסשיקן זי קיין באַזעל: ווי נאָר זײַן מאַמע וועט דערזען, וואָס פאַר אַ שיינהײַט ראַכיל איז, וועט זי גלײַך אים בענטשן.

דערמיט זײַנען זיי אַוועקגעפאָרן.

## 2

און ראַכיל איז פאַרבליבן. איצט איז זי געווען ניט פּראָסט ראָכל ראַכלענקאָ, די טאָכטער פונעם שוסטער אַווראָם ראַכלענקאָ, זי איז איצט געווען די קאַלע פון יאַקאָב איוואַנאָווסקי פון באַזעל, דעם זון פונעם באַוווּסטן פּראָפעסאָר, דעם אייגנטימער פון אַ באַרימטער קליניק.

אַ לאַגע, דעם עמעס געזאָגט, אַ גאַנץ צווייפלהאַפטע. די גאַס האָט דעם איניען באַטראַכט פון אַלע זײַטן, געדרייט אַהין און אַהער. אַלע האָבן געהאַלטן, אַז ראָכל האָט איין שאַנס קעגן הונדערט. דער שאַנס איז — איר שיינקײַט, און די נײַן און נײַנציק „קעגן" וועט איר אַליין זיך אָנשטויסן: אַ פּראָסטע, ניט קיין געבילדעטע, ניט קיין רײַכע און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, און דאָרט — דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, אַ קליניק, די שווייץ, אייראָפּע... וואָלט וועלן דער אַלטער כאַסענע מאַכן זײַן זון פאַר איר, וואָלט ער עפּעס וואָס אונטערגענומען, אָפּגעשטעקט ראַכלענקאָן אַ וויזיט, אַ קוק געטאָן, וואָס פאַרא מענטשן זײַנען די עלטערן, וואָס איז דאָס פאַר אַ מישפּאָכע, מיט וועלכער מע דאַרף ווערן קרויווים, ער וואָלט נעענטער זיך באַקענט מיט דער קאַלע זעלבסט. קיין זאַך האָט דער פּראָפעסאָר איוואַנאָווסקי ניט געטאָן, צו די ראַכלענקאָס ניט אַרײַנגעגאַנגען, זיך ניט פאָרגעשטעלט, ניט באַקענט זיך, קיין וואָרט ניט אַרויסגעזאָגט. ס'איז קלאָר: ער האָט אַלץ באַטראַכט ווי אַ ייִנגלשן קאַפּריז און דערפאַר זיך צוגעאײַלט אַוועקפירן דעם זון קיין באַזעל. די האַסקאָמע פון דער מוטער איז בלויז אַן אויסרייד.

צו אַזאַ אויספיר איז געקומען די גאַס, און פון אַזאַ אויספיר איז אַ שפּאַן צו אָפּשפּאָטן: אָט האָסטו דיר אַ שלימאַזלדיקע קאַלע!

נאָר שוין דעמלט, צו זעכצן יאָר, איז מײַן מאַמע ניט געווען דער מענטש, פון וועלכן מע קאָן מאַכן אַ שפּאַס... אײַנגיכן האָבן אַקוראַט... וואָס הייסט „אַקוראַט"? יעדן טאָג אָנגעהויבן אָנקומען בריוו פון דער שווייץ, איר פאַרשטייט, אַלע טאָג, אין איינעם און דעם זעלבן הויז האָט צום שוסטער ראַכלענקאָ זיך געיאַוועט דער פּאָטשטאַליאָן, וואָס האָט ביז דעמלט דעם וועג אַהין ניט געוווּסט, און דערלאַנגט אַ קאָנווערט פון באַזעל. די סקעפּטיקער זײַנען געצוווּנגען געווען צו מאַכן אַ שווײַג. אין הארצן האָבן די סקעפּטיקער, געוויס, גערעכנט, אַז די בריוו באַטײַטן גאָרניט, מאַלע וואָס סע דראַקעט אַף פּאַפּיר אַ פאַרליבט באָכערל! נאָר אַ פאַקט בלײַבט אַ פאַקט. בריוו זײַנען אָנגעקומען. ראַכיל האָט אַף זיי געענטפערט, געגאַנגען אַף דער פּאָטשט און אַרײַנגעוואָרפן אין קעסטל די קאָנווערטן. הייסט עס, אַז עפּעס טוט זיך, דער איניען באַוועגט זיך, וווהין, אין וועלכער ריכטונג, — ס'איז אומבאַוווּסט, נאָר ער באַ־

וועגט זיך, און מענטשן האָבן באַשלאָסן: מע וועט צווואַרטן, וועט מען זען, די צײַט וועט באַווײַזן.

די בריוו זײַנען ניט פֿאַרהיט געוואָרן, נאָר ווי איך האָב שפּעטער זיך דערוווּסט פֿון דער באָבען, האָט אין יענעם יאָר, ווען ס׳איז פֿאַרגעקומען די בריוו־וועקסלונג צווישן רוסלאַנד מיט דער שווייץ, די מאַמע מײַנע באַקומען אַ ביסל בילדונג, פֿאַרברייטערט, אַזוי צו זאָגן, אירע האָריזאָנטן, זיך אויסגעלערנט גוט רוסיש און אַפֿילו אַ ביסעלע דײַטש. פֿאַרשטייט זיך, אַז מע האָט איר געהאָלפֿן. אַף אונדזער גאַס האָבן געלעבט געבילדעטע באַרישניעס, איך רעד שוין ניט פֿון געבילדעטע יונגעלײַט, עס זײַנען געווען גימנאַזיסטן, און רעאַליסטן, סטודענטן, וואָס זײַנען אַראָפּגעקומען אַף קאַניקולעס. ווער וועט עס זיך אָפּזאָגן צו העלפֿן אַזאַ קראַסאַוויצע, וואָס דאַרף דערצו אײַנעמען די שווייץ!

איצט וועלן מיר געדאַנקלעך זיך איבערטראָגן אין דער שווייץ, אין דער שטאָט באַזעל.

די הויפּט־געשטאַלט איז אין באַזעל געווען מײַן באָבע עלפֿרידאַ, און די באָבע עלפֿרידאַ — האָט זיך ניט געלאָזט, פֿאַר קיין זאַך ניט, אין קיין פֿאַל ניט! איר יאַקאָב, אַזאַ יאַקאָב, זאָל פּלוצעם כאַסענע האָבן, און דערצו נאָך מיט אַ שוסטערס אַ טאָכטער, וועגן דעם קאָן גאָר קיין רייד ניט זײַן. קיין שום שלעכטס וועגן מײַן מאַמען האָט זי, נאַטירלעך, מײַן טאַטן ניט געזאָגט, ס׳איז קיין גרונט ניט געווען צו זאָגן, נאָר מע דאַרף צום ערשטן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט, צו נײַנצן יאָר האָט מען ניט כאַסענע, דאָס איז מײַן טויט, דער סאָף פֿון מײַן לעבן, איך וועל דאָס ניט איבערטראָגן, און אַזוי ווײַטער און ווײַטער. ווי איך פֿאַרשטיי, איז דאָרט געווען אַ גרויסער טומל, אַ טומל אָפֿן אייראָפּעיִשן שטייגער, ווי זאָגט מען עס, אָפֿן באַזעלער אויפֿן, ווי עס פֿירט זיך אין פֿײַנע דײַטשישע מישפּאָכעס, נאָר אַף לעבן און טויט.

נאָר אויך פֿאַר יאַקאָבן איז די פֿראַגע אַזוי געשטאַנען: לעבן צי טויט. ער איז באַשטאַנען אַף זײַנעם, דערנאָך אַנשוויגן געוואָרן. דאָס שווײַגן איז געווען ערגער פֿונעם גרעסטן טומל. ער איז אַנשוויגן געוואָרן און גענומען צאַנקען מאַמעש פֿאַר די אויגן. און אַלע זעען, אַז וועגן קיין שום אוניווערסיטעט קאָן קיין רייד ניט זײַן, אַז אַ מענטש גייט אויס, ווי אַ ליכט: עסט ניט, טרינקט ניט, גייט ניט אַרויס פֿון צימער, וויל קיינעם ניט זען, לייענט ניט, פֿאַרנעמט זיך מיט קיין זאַך ניט, זיצט גאַנצע טעג באַ זיך אין צימער און רייכערט אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס!

ווי־אַזוי קאָן דאָס צוקוקן אַ מאַמע? ערשט ניט לאַנג צוריק האָט זי שפּאַצירט מיט איר יאַקאָבן איבער די באַוווּסטע באַזעלער בולוואַרן, אַלע האָבן זיך געשפּיגלט אין זיי, געפֿרייט זיך און זיך נאָכגעפֿרעגט, וועמענס איז עס אָט דאָס שיינע ווײַסע באָכערל, און איצט ליגט דאָס באָכערל איינער אין צימער, אין רויִק, רייכערט אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס, עסט ניט און טרינקט ניט, רעדט מיט קיינעם ניט, איז אויסגעדאַרט און געל געוואָרן, אָט־אָט וועט ער באַקומען אַ טשעכאָטקע און אויסציִען די פֿיס.

אַזוי איז אַדורך אַ יאָר, און ס׳איז קלאָר געוואָרן: מע דאַרף עפּעס טאָן. אויב אויסקלײַבן צווישן לעבן און טויט, איז בעסער לעבן. און אָט פּונקט אין אַ יאָר אַרום אין דעם זעלבן כוידעש יול ווערט געשיקט צו אונדז אין שטאָט אַ דעלעגאַציע: דער פּראָפֿעסאָר איוואַנאָווסקי, מיט דער פֿרוי עלפֿרידע און דעם זון יאַקאָבן און אָן עקאָנאָמקע, אַ פֿרוי, וואָס באַדינט די באָבע עלפֿרידע, אָן אָנגעטרויטער מענטש, וועלכן ס׳איז פֿאַרגעשטאַנען אַלץ אויספֿאָרשן, זיך דערוויסן אַלע סוידעס, ווײַל אַזאַ דאַמע, ווי די באָבע, קאָן זיך אַליין ניט פֿאַרנעמען מיט אַזעלכע זאַכן, און געפֿאָרן איז זי ניט כאַסענע מאַכן יאַקאָבן, נאָר צעשטערן די כאַסענע.

אָבער דער אַנדערער צאַד האָט זיך אויך צוגעגרייט. מיטן אַנדערן צאַד האָב איך גאָרניט אין זינען געהאַט די מישפּאָכע ראַכלענקאָ. איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז מײַן זיידע ראַכלענקאָ, ראָכלס טאַטע, כאָטש ער איז געווען אַ שוסטער, איז ער געווען איינער פֿון די בעקאָוועדיקסטע שטאָט־לײַט, און עפּשער טאַקע דער סאַמע בעקאָוועדיקער. און אויב אין אַ שטאָט, ווו עס זײַנען פֿאַראַן פֿאַרמעגלעכע לײַט, רײַכע הענדלער, אַפֿילו סאָכרים פֿון דער צווייטער גילדיע, ווו עס זײַנען פֿאַראַן פּראָוואָז־מאַשיניסטן און מענטשן פֿון אינטעליגענטע פּראָפֿעסיעס, אויב, כאַזער איך איבער, אין אַזאַ שטאָט איז דער אָנגעזעענסטער מענטש אַ פּראָסטער שוסטער, איז דאָס, אָן צווייפֿל, אָן אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקײַט. אַזאַ מין אויסגעצייכנטע פּערזענלעכקײַט איז עס געווען מײַן זיידע ראַכלענקאָ, איך האָב שוין וועגן דעם דערמאָנט, נאָר וועגן אים וועט נאָך אַ סאַך גערעדט ווערן. דערווײַל וועל איך נאָר זאָגן, אַז ער איז געווען אַ מענטש אָן פּוצן, אָן אַנטשלאָסענער, ניט אַנערקענט קיין כיטרעקײַטן און קיין אינטריגעס: ווילסט כאַסענע מאַכן דײַן זון מיט מײַן טאָכטער — מאַך כאַסענע, נעם זי אַזאַ, ווי זי איז, און וועלכע זי איז — זעסטו אַליין; ווילסט ניט — מאַך ניט כאַסענע, קיין אַנדערע וועט זי ניט זײַן, און איך אַליין און מײַן הויז וועלן אויך קיין אַנדערע ניט ווערן. אַזוי,

אז ראַכלס עלטערן האָבן רויִק געוואַרט אפן קומען פון די איוואַנאָווסקיס. ניט זיי האָבן זיך געגרייט, געגרייט האָט זיך די גאַס, געגרייט האָט זיך די שטאָט, געגרייט האָבן זיך די סטודענטן, וואָס זײַנען געקומען צו פאָרן אַף קאַניקולעס, גימנאַזיסטן און רעאַליסטן, לערער און דאַנטיסטן — די גאַנצע אינטעליגענץ, און פּראָסטע מענטשן פונעם שוסטער־צעך, און די שכייִנים. אַלע זײַנען געווען אַף דער זײַט פון ראַכילן מיט יאַקאָבן, אַלע האָבן געוואָלט, אַז זיי זאָלן זײַן גליקלעך, איר וועט פרעגן פאַרוואָס? איך וועל אײַך ענטפערן: ראַכיל און יאַקאָב האָבן זיך ליב געהאַט, און ליבע נעמט אײַן די וועלט.

ניט ראַכיל און ניט די עלטערן אירע האָבן זיך ניט געקליבן צו מאַכן קיין שום פּאַטיאָמקינישע דערפער, האָבן ניט געוואָלט זיך אויספּײַנען, נאָר די שטאָט איז געווען אופגערודערט, און ווי נאָר עס איז באַוווּסט געוואָרן, אַז זומער וועלן קומען די איוואַנאָווסקיס, האָבן פון דער העלער הויט זיך באַוויזן אַף ראַכילן מאָדערנע טופלעלעך־שיפּעלעך אַף הויכע קנאַפּל, נאַטירלעך, דער טאַטע איז אַ שוסטער; ס׳האָט זיך געיאַוועט אַ נײַ קליידל, אַ היטעלע פון דער בעסטער מאָדיסטקע, ווי ס׳האָט זיך געפאָדערט אין יענער צײַט, און אין יענער צײַט האָט אַ מאָדיסטקע געהייסן אַ מײַסטערן, וואָס מאַכט דאַפּקע היטעלעך.

אַזויאַרום האָבן אַלע הייס און אָן שום אײַגננוץ זיך געגרייט צו די פאָרשטייענדיקע געזעענישן. בייזע צינגער, און צווישן זיי, זעלבסטפאַרשטענדלעך, כאַיִם יאַגודין, האָבן געטײַנעט, אַז די דאָזיקע ווילטעטיקײַט איז ווײַט ניט קיין אומזיסטע. אויב ראָכל וועט כאַסענע האָבן מיט איוואַנאָווסקיס זון, וועט דער פּראָפעסאָר, דער אייגנטימער פון דער בעסטער קליניק אין דער וועלט, פאַר אַלץ באַצאָלן מיט אַ סמיטשעק. נאָר בייזע צינגער וועלן זיך געפּײנען אומעטום און שטענדיק. וואָס איז נעגייע כאַיִם יאַגודינען, איז אַלעמען קלאָר געווען: ער איז באַליידיקט אפן אַלטן איוואַנאָווסקין, ווײַל יענער האָט ניט געוואָלט זיך באַנוצן מיט זײַן פּאַרפומערי. זאָגט אַליין, וואָס פאַר אַן אייגננוצן קאָנען דערוואַרטן סטודענטן, גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס, וועלכע האָבן געלערנט ראַכילן רוסיש און דײַטש, געאָגראַפיע און געשיכטע, געלערנט זי, ווי צו האַלטן זיך. זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי וועלן דערפון קיין זאַך ניט האָבן, און ניט געוואָלט דערפון עפּעס האָבן.

און אָט זײַנען די שווייצאַרער געסט געקומען און זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל, ווו עס האָט זיי פײַערלעך באַגעגנט די פּאַני יאַנזשעווצקאַ, וועלכע האָט געמאָלדן, אַז זי איז גליקלעך צו באַגריסן די הויכגעשעצטע געסט אין איר האָטעל, זי האָט אויסגעטיילט פאַרזייערטע וועגן דעם אייבערשטן שטאָק און צוגעשטעלט צו זיי די פּאָקאָיאָווע פאַראַסקע און דעם אָפיציאַנט טימאָפיי, וועלכן מע האָט צוליב אָט דער געפעליקײַט אָנגעטאָן אַ שוואַרצן גאַרניטער מיט אַ באַבעלע, אַזוי ווי אין די בעסטע האָטעלן פון וואַרשע, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט די פּאַני יאַנזשעווצקאַ. און ווײַל דער זיידע איוואַנאָווסקי איז געווען אַ באַרימטער כירורג און פּראָפעסאָר, האָבן אים אָפּגעשטעקט וויזיטן די אָנגעזעענסטע מענטשן פון שטאָט: דער פּריסטאַוו, דער היגער פּריסיאַזשנע פּאָווערענע, דער קאַזיאָנער ראָוו און פּראָסט דער ראָוו, דער אויסגעדינטער פּאָלקאָווניק פּאָראָביילאָ מיטן ווײַב און מיט דער טאָכטער און דער דאָקטער פון דעם אײַזנבאַן־שפּיטאָל וואָלינצעוו, זייער אַ גוטער דאָקטער, אַ סאָציִאַל־דעמאָקראַט, כאָטש געשטאַמט האָט ער פון אדעליקע. מיט איין וואָרט, די שטאָט האָט באַגעגנט די געסט לויטן ערשטן ראַזריאַד, ס׳איז נאָר קיין גאָטעסדינסט ניט פאָרגעקומען, נאָר אַזוינס קומט פאָר בלויז דעמלט, ווען עס קומט דער קייסער אַליין, און, ווי איר פאַרשטייט, איז פאָרט געקומען ניט יענער.

פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ באַגעגעניש קאָן מען דערקלערן דערמיט, וואָס דאָס זײַנען געווען געהויבענע געסט: איז ווי נוצט מען ניט אויס די געלעגנהײַט אַ קוק צו טאָן אפן סאַמע באַרימטן אין אייראָפּע און עפּשער אין דער גאַנצער וועלט פּראָפעסאָר. נאָר גלייבט מיר, אַז אין גרונט איז געלעגן דער אינטערעס צו דער ראָמאַנטישער געשיכטע, קיינער האָט ניט געקאָנט בלײַבן גלײַכגילטיק צו אָט דער ליבע פון דעם וווּנדערלעכן פּאָרל, צו דער ליבע פון דער שיינהײַט ראַכיל, וואָס איז די טאָכטער פון אַ שוסטער, און דעם צאַרטן, דעליקאַטן יונגלינג יאַקאָב פון דער ווײַטער שטאָט באַזעל.

און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן וויזיטן: פון די איוואַנאָווסקיס צו די ראַכלענקאָס, פון די ראַכלענקאָס צו די איוואַנאָווסקיס. די עקאָנאָמקע טראָגט זיך אַרום איבער דער שטאָט, פאָרשט אויס, דערוויסט זיך, נאָר וואָס קאָן זי זיך דערוויסן? דער ענטפער איז איינער: ראַכיל איז די ווירדיקסטע פון די ווירדיקע, דער אַלטער ראַכלענקאָ איז דער געשעצסטער פון די געשעצטע. און ס׳איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער וואַלד, עס זײַנען געווען האַמאַקן, און דער אַפּטייקער אַריאַל האָט צוגעגרייט אַזאַ קעפיר און אַזאַ אײַזקרעם, אַז די באָבע עלפרידע איז געווען איבעראַשט און זי האָט אָנערקענט, אַז אַזאַ קעפיר און אַזאַ אײַזקרעם האָט זי אין איר לעבן

קיינמאָל ניט פאַרזוכט, כאָטש זי איז אויסגעוואַקסן אין די בעסטע שטעט פון אייראָפּע און גע־לעבט אָף באַרימטע קוראָרטן; און ווען איר איז אויסגעקומען פאַריכטן די פריזור, האָט זיך געיאָוועט בערנאַרד סעמיאָנאָוויטש, און, ווי איך האָב אײַך שוין דערציילט, איז דאָס געווען דער סאַמע גאַלאַנטער פאַבריקמאַכער פון דער גאַנצער גובערניע, און די באָבע עלפרידע האָט געזאָגט, אַז מיט אַזאַ פאַבריקמאַכער וואָלט זיך געגרויסט ניט נאָר באַזעל, נאָר אויך פּאַריזש, און פּאַריזש, ווי אײַך איז באַוווּסט, איז דער געזעצגעבער פון מאָדעס און פרויען־פריזורן. אונדזער שטאָט האָט ניט אונטערגעפּירט, זיך באַוויזן אין דער גאַנצער פּראַכט, און וועגן דער שיינהייט ראַכיל איז שוין ניטאָ וואָס צו ריידן, נאָר אַ בלינדער וואָלט דאָס ניט געקאָנט זען, אָבער אויך אַ בלינדער וואָלט דאָס פאַרשטאַנען לויט איר שטים, אַזאַ וווּנדערלעכע, אויסערגעוויינלעכע מעלאָדישע שטים האָט זי פאַרמאָגט. אָפּגעבנדיק אירס דער מאַמען, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז געפּירט האָט זי זיך מיט די איוואַנאָווסקיס אידעאַל, אין דער היגיענע, וואָס זי האָט גוט פאַר־באַהאַלטן איר כוצפּע און ספּריטנעקייט. מעגלעך, אַז זי האָט זיך דערשראָקן פאַר אָט די געהויב־בענע הערן, פאַר דעם פּאַראַד; מעגלעך, איך ווייס ניט, נאָר ס'איז אַ פאַקט, אַז פאַר דער באָבע עלפרידע איז זי אַנטשטאַנען ווי אַ שטילע, באַשיידענע שיינהייט ראַכיל. און וועגן דעם, אַז זי איז ניט קיין צעבאַלעוועטע, נאָר אַ האָרעפּאַשנע מיידל, וואָס ווייסט וועגן איר כיווו און אירע פּליכטן, — אין דעם האָט די באָבע זיך שנעל פאַנאַנדערגעקליבן.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער באָבעס ווידערשטאַנד איז געבראָכן און עס האַלט שוין בײַ אַ כאַסענע, נאָר דאָ האָט די באָבע אַרויסגערוקט די שווערע אַרטילעריע. ווײַזט זיך אַרויס, אַז די באָבע איז ניט קיין ייִדישקע, נאָר אַ שווייצאַרקע פון דײַטשישן אָפּשטאַם, און ווען דער זיידע האָט מיט איר כאַסענע געהאַט, האָט ער אָנגענומען דאָס פּראָטעסטאַנטישע אָדער לוטע־ראַנישע צי גאָר דאָס קאַלוויניסטישע גלויבן, און זייערע זין זײַנען אויך פּראָטעסטאַנטן, לוטע־ראַנער און קאַלוויניסטן, און מײַן פאָטער יאַקאָב איז אָף אַ העלפט אַ דײַטש און אויך אַ לוטעראַנער. באַקומט זיך אַזויאַרום, אַז איך בין גאָר אָף אַ פערטל אַ דײַטש.

איז אָט, אָף ווײַפל יאַקאָב איז אַ פּראָטעסטאַנט, לוטעראַנער און קאַלוויניסט, שטעלט זי, די באָבע, אַרויס אַ פאָדערונג, אַז ראַכיל זאָל אויך ווערן אַ פּראָטעסטאַנטן, אַ לוטעראַנערן און קאַלוויניסטן און אַז זיי זאָלן כאַסענע האָבן אין באַזעל.

אַ דונער אינמיטן העלן טאָג! פּראָטעסטאַנט? לוטעראַנער? קאַלוויניסט? וועגן אַזעלכס האָט מען דאָ אַפילע ניט געהערט. וועגן פּראַוואָסלאַוונע, קאַטאָליקער — דאָס האָט מען בײַ אונדז געוווּסט, נאָר קאַלוויניסט, פּראָטעסטאַנט?

אין קיין שום גאָט האָב איך ניט געגלייבט און גלייב ניט. אַ רוס, אַ ייִד, אַ ווײַסרוס — פאַר מיר איז דאָס קיין כילעק ניט, די סאָוועטנמאַכט האָט מיך דערצויגן ווי אַן אינטערנאַציאָ־נאַליסט. מײַן ווײַב איז גאַלינאַ ניקאָלײַעוונאַ — אַ רוסישע, מיר לעבן מיט איר שוין דרײַסיק יאָר און מיר האָבן דרײַ זין, אויסגעצייכנטע כעווורע, און כאָטש זיי זײַנען פאַרשריבן ווי ייִדן, קענען זיי ניט די ייִדישע שפּראַך, נאָר די רוסישע, זיי זײַנען געבוירן אין רוסלאַנד, כאַסענע געהאַט מיט רוסן, און מײַנע אייניקלעך זײַנען, הייסט עס, רוסן, און אַלע האָבן מיר איין היימלאַנד — רוסלאַנד. נאָר, פון דער צווייטער זײַט, וועל איך אײַך זאָגן אַזוי: אַ מענטש קאָן גלייבן אין גאָט, קאָן ניט גלייבן, מע קאָן באַקומען אַ גלויבן, און מע קאָן עס פאַרלירן. נאָר פאַר אַן עכט־גלייביקן איז פאַראַן איין גאָט, יענער, וועלכן ער טראָגט אין זײַן האַרצן, און אויב דו ווילסט שוין גלייבן, איז האַלט זיך בײַ דער עמונע, אין וועלכער דו ביסט געבוירן געוואָרן. ענדערן דאָס גלויבן צוליב פּערזענלעכע אינטערעסן איז ניט שיין, גלויבן איז ניט קיין הענטשקע: אַראָפּגעצויגן פון דער האַנט איינע און אָנגעטאָן אַן אַנדערע... און אָט האָט מײַן מוטער ראַכל, וועלכע האָט, צווישן אַנדערס, אויך ניט געגלייבט אין גאָט, געדאַרפט ווערן אַ לוטעראַנערן צוליב אירע אינטערעסן... וואָס? ליבע איז העכער? ריכטיק, זי איז מאַסקים. אַזוי האָט מײַן מאַמע טאַקע געשטעלט די פראַגע. זי האָט געזאָגט יאַקאָבן:

— אויב מיר דאַרפן דאָס בײַקומען, און אויב איך בין אַ ייִדישקע אָף הונדערט פּראָצענט, און דו אָף פופציק, טאָ קער זיך אום צו דעם גלויבן פון דײַנע פאָטערס און זיידעס.

לאָגיש! הונדערט פּראָצענט איז מער פון פופציק. און דער זיידע ראַכלענקאָ און די באָבע ראַכלענקאָ האָבן געזאָגט:

— אונדזער טאָכטער זאָל ווערן אַ לוטעראַנערן און אַ פּראָטעסטאַנטקע — אין קיין פאַל ניט! אַזאַ ביזאָיען וועלן מיר ניט לאָזן פאַלן אָף אונדזערע קעפּ.

פאַרגעסט ניט, אַז דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען ביז דער רעוואָליוציע, אין 1910 יאָר, די רעליגיעזע פאָרורטיילן זײַנען געווען שטאַרק, באַזונדערס אין אַ קליין שטעטל אָף אוקראַינע. און די ראַכלענקאָס קאָן מען פאַרשטיין. זיי האָבן געדאַרפט בלײַבן דאָ, און אָט האָסטו דיר,

ביטע, די טאָכטער איז געוואָרן א לוטעראַנערן, אפילע ניט פּאָשעט קיין לוטעראַנערן, נאָר עפּעס פון א שווייצאַרישער שיטע.

מער פון אַלץ באשולדיק איך דעם ייִדן איוואַנאָווסקי. בייס זײַן ערשטן באזוך האָט ער אויסבאַהאַלטן זײַן לוטעראַנסטווע. נאָך דעמלט האָבן זיך פיל געוואונדערט, וואָס ער איז ניט געגאַנגען אין שול, ווו מע האָט פאַר אים אויסגעטיילט א בעקוועדיק אָרט אין דער מיזרעך־וואַנט. ס׳האָט געכידעשט, נאָר ס׳איז ניט פאַרפּיקסירט געוואָרן, דעריקער נאָך דערפאַר, וואָס דער אַלטער האָט דורך דער שול געגעבן א רײַכע נעדאָווע פאַר די אָרעמעלײַט. נאָר מע האָט געדאַרפט ריידן אָפן: אזוי און אזוי, מיר זײַנען פּראָטעסטאַנטן, לוטעראַנער, קאַלוויניסטן, רעפאָרמיסטן... נאָר ס׳איז אים, ווײַזט אויס, געווען א ביזאָיען צו אנערקענען, אז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן גלויבן, האָט ער געשוויגן, און דאָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין א יאָר אַרום, ווען אַלץ האָט שוין געהאַלטן באַם שלוס, ווען די מאַשין האָט זיך שוין געקײַקלט שנעל צום פּיניש, האָט די פּראָטעסטאַנסטווע און לוטעראַנסטווע זיך אוועקגעלייגט ווי א בערוועגע אַפּן וועג. און ווען א לויפנדיקע מאַשין שטויסט זיך אָן אָף א בערוועגע, קערט זי זיך איבער, און די פּאַסאַזשירן, דאַרפט איר וויסן, איז דערפון גאָרניט זיס.

און דאָ לאָזט די באָבע ארויס א צווייטן סנאַריאַד: נאָך דער כאַסענע דאַרף דאָס יונגע פּאָרפאָלק אָף שטענדיק בלײַבן אין דער שווייץ — דאָרט איז די היים, די נעסט, דאָרט איז דער אוניווערסיטעט, די קליניק.

ס׳הייסט, אז ראַכיל דאַרף אָף שטענדיק זיך אָפּרײַסן פון אירע וואָרצלען, אָנעמען דאָס דײַטשישע גלויבן, אוועקפאָרן פון איר היימלאַנד, זיך צעשיידן מיט די עלטערן, און אויסער אַלץ — שטעלן זיי צו שאַנד.

ראַכיל האָט זיך אוועקגעשטעלט, ווי א וואַנט: אין קיין שום שווייץ וועט זי ניט פאָרן, איר איז דאָ אויך גוט, און וועגן לוטעראַנסטווע קאָן אפילע קיין רייד ניט זײַן; ביפּראַט נאָך אז אין גאָט גלייבט זי ניט, און וויאַזוי, פרעגט זיך, האָט זי געקאָנט גלייבן אין גאָט, אז א גאַנץ יאָר האָט זי זיך געכאַווערט מיט סטודענטן, גימנאַזיסטן און רעאַליסטן, מיט פרײַדענקענדיקע, מאַרקסיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערן און בונדאָווצעס. און יאַקאָב, מײַן קומענדיקער פאָטער, איז אויך גאָר ניט געווען קיין הייסער פּראָטעסטאַנט, ער האָט אָף דעם אַלץ געקאָנט זיך אויסשפּײַען, ער האָט געדאַרפט ראַכילן — אָט וואָס ער האָט געדאַרפט, און וואָלט זי געווען א מוסולמענערקע, א בודיסטקע אָדער א געצנדינערן, וואָלט ער מיט פאַרגעניגן געוואָרן א מוסולמענער, א בודיסט און א געצנדינער, אבי ראַכיל זאָל ווערן זײַן ווײַב.

איך ווייס ניט, ווי לאַנג עס האָט זיך געצויגן די דאָזיקע באַטאַליע, נאָר אַלץ האָט זיך פאַרענדיקט מיטן באַשלוס: כאַסענע וועלן זיי האָבן דאָ, און נאָך דער כאַסענע אוועקפאָרן אין דער שווייץ. דאָ האָט ראַכיל געמוזט זיך אונטערגעבן: דאָס ווײַב דאַרף גיין מיטן מאַן און ניט פאַרקערט.

פאַרשטייט זיך, אז אַזאַ קאָמבינאַציע האָט געקאָסט געלט. מײַן פאָטער, האָט זיך אויסגעלאָזט, איז געווען, אַנטשולדיקט מיר פאַרן אויסדרוק, ניט קיין געמאַלעטער, און כאַסענע מאַכן אים האָט דער ראָוו ניט געהאַט קיין רעכט. נאָר עס זײַנען אוועק אין קאָן געפעלשטע מעדיצינישע צײַגענישן און דעסגלײַכן, ווײַל ווי עס זאָגט זיך: „שעצט די מענטשהײַט פון דער גאַנצער וועלט איין הייליקן אָפּגאָט“... אַלץ האָט זיך אײַנגעאָרדנט, די כאַסענע איז געווען פאַר דער גאַנצער שטאָט, נאָך דער כופּע זײַנען די יונגע געגאַנגען פון דער שול צופוס, אַרום זיי האָבן מענטשן געזונגען, געטאַנצט, געפרייט זיך, אַן אָרקעסטער האָט געשפּילט מאַרשן און טענץ, די שטאָט האָט געיובלט... נאָך דער כאַסענע איז ראַכיל מיט יאַקאָבן צוזאַמען מיט די אַלטע איוואַנאָווסקיס און מיט דער עקאָנאָמקע אוועקגעפאָרן אין דער שווייץ און באַ אונדז אין שטאָט איז פאַרבליבן דער טרויער, די פרייד און די ריידערײַען...

די דאָזיקע פראַגע איז, פאַרשטייט זיך, אַרומגערעדט געוואָרן אויך אין דער שערערײַ, באַ בערנאַרד סעמיאָנאָוויטשן. און ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז די הויפּט־כקירעס האָבן געהערט צו כאַים יאַגודינען.

און אָט מעלדעט כאַים יאַגודין, אז די גאַנצע וואָזיעניש אַרום דער געשיכטע איז ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי — א שטורעם אין א גלאָז וואַסער. ס׳הייסט, אז דער שטורעם איז א שטורעם, נאָר גאָר ניט פון יענער זײַט, פון וועלכער עס באַטראַכטן אים די גראָבע יונגען, וואָס האַלטן זיך פאַר געלערנטע כאַכאָמים, און וואָס האָבן אינדערעמעסן אין לעבן אויסער דער טוירע גאָרנישט ניט געזען, און זיך אויסגעוויכנעט די מויכעס, טײַטשנדיק די טוירע. „וואָס איז דער כילעק, וואָס יאַקאָבס מוטער איז א דײַטשקע און א לוטעראַנערן?“ — האָט געפרעגט כאַים יאַגודין. אַבסאָליוט קיין כילעק ניט, איז באַשטאַנען כאַים יאַגודין, און

דעם, וואָס וועט פּרוּוון אים דערווידערן, וועט ער צעזעצן די מאָרדע, און קיינער וועט אים ניט באַשטראָפן, נאָר, פאַרקערט, אים באַלוינען, ווײַל די פרוי פון דעם איצטיקן קייסער, איר אימפּעראַטאָרישע הויכגעבירטיקײַט אַלעקסאַנדראַ פיאָדאָראָוונאַ, — איז אויך אַ דײַטשקע, פון העסן, און דעם קייסערס מוטער, ס׳הייסט דאָס ווײַב פונעם פאַרשטאָרבענעם אימפּעראַטאָר אַלעקסאַנדער דעם דריטן, די לעבעדיקע אַלמאָנע, די אימפּעראַטאָרשע מאַריִאַ פיאָדאָראָוונאַ, איז אַ געבוירענע פון דענעמאַרק, דאָס הייסט פאַקטיש אויך אַ דײַטשקע, און יעקאַטערינע די צווייטע איז גאָר געווען אַ ריינע דײַטשקע. נאָר די פאַרשטאָפּטע קעפּ די טאַלמודיסטן ווייסן וועגן דעם גאָרניט און האָבן ביכלאַל קיין אַנונג ניט וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. און אויב זיי האָבן מיט אַ שפּיץ פון אויער עפּעס געהערט וועגן יעקאַטערינע דער צווייטער, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס איר געזאַלבט געזיכט איז אויסגעמאָלט אַף די הונדערטרובלדיקע קרעדיט־בילעטן. נאָר די הונדערטרובלדיקע האָבן זיי דאָך אויך ניט אָנגעקוקט אין די אויגן, זיי האָבן געלעבט, לעבן און וועלן לעבן אַף די קופּערנע גראָשנס, אָט די קעלבער, פאַרשטאָפּטע קעפּ און כאַמעס! די דײַטשן זײַנען אַף קיין טראָפּן ניט ערגער פון די ייִדן, פאַרקערט, בעסער. בײַ אים, בײַ כאַיִמען, איז דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק געווען דער הויכגעבירטיקער באַראָן טאַנכענהאַוזען, וואָס שטאַמט פון דײַטשן, אַ העלד!

קורץ, דאָס, וואָס יאַקאָבס מוטער איז אַ דײַטשקע, איז נאָר אַ מײַלע פאַר אים. און דאָס, וואָס זי איז אַ לוטעראַנקע, אפילע אַ קאַלוויניסטקע, איז נאָך בעסער — ס׳איז נאָך ניט באַוווּסט, וועמענס גאָט איז בעסער: דער לוטעראַנער, וואָס האָט געהאָלפן ביסמאַרקן בײַקומען די פראַנצויזן, צי דער ייִדישער, פאַר וועלכן קיינער, אויסער די ייִדן זעלבסט, האָט קיין מוירע ניט. און ביכלאַל, אַלע געשפּרעכן וועגן יאַקאָבס מוטער דאַרפן טייקעף אָפּגעשטעלט ווערן — דאָס איז אַן אינטעליגענטע, דערצויגענע און דעליקאַטע דאַמע, און דער, וואָס וועט זיך דערוועגן עס אָפּלייקענען, וועט ער, כאַיִם יאַגודין, צענעריקן די מאָרדע ביז בלוט, ווײַל די אָפּיצערישע ערע דיקטירט זיך אײַנשטעלן פאַר אַ דאַמע, זאָל זײַן אפילע אַ דײַטשקע, אַ לוטעראַנקע אין די יאָרן, און מעג שטאַמען פון באַזעל.

אַזוי אַז קיין רייד וועגן יאַקאָבס מוטער זײַנען ניטאָ, די פראַגע וועגן איר איז אויסגעשעפּט ענדגילטיק. נאָר...

נאָר... דאָ הייבט כאַיִם יאַגודין אויף זײַן שטעקן... נאָר אינגאַנצן אַן אַנדער פראַגע איז: ווער איז יאַקאָבס טאַטע? ווער, פרעגט זיך, איז אָט אָ־דער, זײַט מיר מויכל פאַרן אויסדרוק, פּראָפעסאָר, דער טײַוול זאָל אים נעמען? ווער איז ער עס אַזוינס? אַ ייִד? און פון וואָס איז דאָס געדרונגען? אַך, ער איז אַ היגער, אַן אָרטיקער... איר זײַט געווען בײַ זײַן געבוירן ווערן? איר זײַט געגאַנגען מיט אים אין כיידער? ווער איז געווען זײַן בובע? ווער האָט אים געמאַלעט? ווער האָט אים פאַרשריבן אין בוך? באַווײַזט מיר יענע אַקושערקע, באַווײַזט מיר יענעם ראָוו! אַך, ער איז געבוירן געוואָרן אין איוואַנאָווקע און געקומען מיט דער מאַמען אַהער. זייער גוט! נאָר ווער איז זײַן פאָטער, ווער האָט געזען זײַן פאָטער? איך פרעג אײַך אַף דער רוסישער שפּראַך, דער טײַוול זאָל דאָס נעמען? אַך, מע האָט געזען נאָר די מוטער... דאָ רעדט זיך ניט וועגן דער מאַמען, זײַן מאַמע האָב איך אויך געזען, זי, אָלעהאַשאָלעם, קער מיר אָן אַן אייגענע שוויגער, אַן אייגענע מאַמע פון מײַן אייגן ווײַב, זאָל זי ווייך זײַן די ערד... און מינאַסטאַם קען איך מײַן אייגענע שוויגער בעסער ווי עפּעס אַ טיפּעש... וועמען איך מיין? וועמען איר ווילט! כאָטשבי אײַך!.. איז אָט. וועגן מײַן פאַרשטאָרבענער שוויגער קאָן איך אַליין דערציילן פיל אינטערעסאַנטע זאַכן. נאָר ס׳גייט אַ רייד, כאָזער איך איבער, ניט וועגן מײַן שוויגער, ניט וועגן דער מאַמען פון אָט דעם פּראָפעסאָר, דער טײַוול זאָל אים נעמען, נאָר וועגן זײַן טאַטן, וועגן מײַן, זײַט מיר מויכל פאַרן אויסדרוק, שווער. ווער האָט עס געזען דעם טאַטן פון אָט דעם פּראָפעסאָר? איך, צום בײַשפּיל, האָב אים ניט געזען, כאָטש ער איז מײַן שווער און איך זײַן איידעם. וואָס? ווען איך האָב כאַסענע געהאַט מיט זײַן טאָכטער, איז ער שוין אַף דער וועלט ניט געווען? נאָך איין כאָכעם האָט זיך געפונען, ווי געפעלט עס אײַך? טאָ הערט, כאָכעם איינער: מײַן ווײַב, מיין איך, האָט געזען איר טאַטן, ער איז געשטאָרבן, ווען זי איז שוין געווען אַ היפּש מיידל, און זי האָט מיר דערציילט וועגן אים עפּעס אומגעווײנלעכס: דאָס איז געווען, אַנטשולדיקט מיר פאַרן אויסדרוק, ניט עפּעס קיין שוסטער, נאָר אַ העכסט געבילדעטער מענטש און ניט קיין טאַלמודיסט, נאָר אַ וועלטלעכער מענטש, אַ פילאָסאָף, איר האָט געהערט וועגן פילאָסאָף שפּינאָזע? איז אָט, זיי האָבן זיך איבערגעשריבן: איוואַנאָווסקי האָט געשריבן שפּינאָזען, שפּינאָזע — איוואַנאָווסקין. מײַן ווײַב האָט עס געזען מיט אירע אייגענע אויגן און געהערט מיט די אייגענע אויערן. שוין זשע איז דאָס אײַך ניט פאַרשטענדלעך, וויפל דאַרף איך עס אײַך אײַנדויבען אין אײַערע פאַרשטאָפּטע קעפּ? נאָר אַז דער פּראָפעסאָר איוואַנאָווסקי האָט געזען זײַן טאַטן, דאָס וועט קיינער ניט דערווײַזן!

קיינמאָל ניט! דאָס זאָג איך אײַך, כאַיִם יאַגודין, דער טײַוול זאָל אײַך נעמען! ווײַל דער פראָפעסאָר איז געבוירן געוואָרן, ווען דער אלטער איוואַנאָווסקי האָט שוין אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע; דער פראָפעסאָר איז געבוירן געוואָרן, ווען זײַן מאמע, ס'הייסט מײַן שוויגער, איז שוין דרײַ יאָר געווען אן אלמאָנע. דער דאָזיקער פראָפעסאָר איז א בײַסטרוק, אָט ווער ער איז! און דער טאַטע זײַנער איז גאָר ניט איוואַנאָווסקי, נאָר אן אײַזנבאַן־פּאָדריאַטשיק, פון יענע, וואָס האָבן צוגעשטעלט מאַטעריאַלן אף צו בויען די אײַזנבאַן־ליניע פון ליבאַווע ביז ראָמענסק, א סויכער פון די סטאַראָוווערן. ווען דער פראָפעסאָר איז געבוירן געוואָרן, האָט דער פּאָדריאַטשיק אונטערגעשמירט ווּעמען מע דאַרף, און מע האָט דעם פראָפעסאָר פאַרשריבן אפן פאַרשטאָרבענעם איוואַנאָווסקי, און דער פּאָדריאַטשיק האָט מאָמענטאַל אָפּגעשיקט די אלמאָנע אהער, אף דער ליבאַווע — ראָמענסקער אײַזנבאַן־ליניע, מיט צוויי, הייסט עס, טעכטער, וועלכע זײַנען ווירקלעך איוואַנאָווסקיס, און מיטן ערשט־געבוירענעם פראָפעסאָר, וואָס איז אזא איוואַנאָווסקי, ווי איך בין דער אימפּעראַטאָר ווילהעלם דער צווייטער. איצט איז אײַך קלאָר די מעכאַניקע, אָדער איך דאַרף אײַך דאָס צעקײַען און ארײַנלייגן אין מויל?

כאָטש דער פּאָדריאַטשיק איז א סטאַראָווער און א שווינדלער, ווי אלע אײַזנבאַן־פּאָדריאַטשיקעס, נאָר אין דעם געגעבענעם פאַל האָט ער זיך ארויסגעוויזן אלס ווירדיקער מענטש, ער האָט באַוואָרנט די אלמאָנע מיט געלט, נאָכגעשפּירט נאָך דער דערציִונג פונעם זון, טאַקע דערפאַר האָט דער פראָפעסאָר פאַרענדיקט די ניעזשינער גימנאַזיע — איר וועט מיר אָנרופן א סאַך ייִדן, וואָס זאָלן האָבן געענדיקט די ניעזשינער גימנאַזיע? נאָר פאַר די געלטער, וואָס עס האָט פאַרמאָגט דער פּאָדריאַטשיק, האָט ער געקאָנט ענדיקן די דוכאָוונע אקאַדעמיע, נאָר דעם קאַדעטישן קאָרפּוס האָט ער ניט געקאָנט ענדיקן: פאַר כאַבאַר צעשיסט מען אין ארמיי פאַר אלעמען אין די אויגן — פאַרן סטראַיִ און מע נעמט צו אלע רעכט און דאָס פאַרמעגן. איז אָט, אדאַנק זײַן טאַטן דעם פּאָדריאַטשיק האָט דער פראָפעסאָר פאַרענדיקט פון אָנפאַנג די גימנאַזיע און דערנאָך דעם אוניווערסיטעט אין שווייצאַריע. אויב דאָס איז ניט אזוי, איז דערקלערט — ניין, ניט מיר, מיר דאַרף מען ניט דערקלערן, איך ווייס אלץ אליין, — דערקלערט דעם אוילעם: פאַרוואָס איז דער פראָפעסאָר געבוירן געוואָרן מיט צען יאָר שפּעטער פון זײַנע שוועסטער? פאַרוואָס איז די אלמאָנע איבערגעפאָרן פון איוואַנאָווקע אהער, ווו זי האָט ניט קיין שטיין און קיין ביין, ניט קיין קרויווים און ניט קיין באַקענטע? דערקלערט, אף וואָס פאַרא דיווידענדן האָט דער זון פון אן אָרעמער אלמאָנע פאַרענדיקט פון אָנפאַנג א גימנאַזיע און דערנאָך אן אוניווערסיטעט אין שווייצאַריע? דער פּאָדריאַטשיק, דער פּאָדריאַטשיק און ווידער דער פּאָדריאַטשיק! עמעס, צו זײַן אייגענעם זון האָט ער זיך ארויסגעוויזן ווי א לײַטישער מענטש, נאָר אין אלץ אין איבעריקן געווען א פולשטענדיקער אויסוואָרף, און ווען ער פאַלט ארײַן אין מײַנע הענט, וואָלט איך אים צעזעצט דעם פּאַרצעף אזוי, אז אים וואָלט ניט דערקענט קיין איין סטאַראָווער... פאַרוואָס? איר שטויסט זיך אליין ניט אָן? ער דאַרף זיך זאָרגן פאַר זײַן זון, נאָר צוזאַמען דערמיט דאַרף ער, דער טײַוול זאָל אים נעמען, פאַרשטיין, אז דאָרט איז דאָ א מישפּאָכע, אז מע טאָר ניט קעכלען דעם פראָפעסאָר, באָדן אים אין גאָלד, און זײַנע לײַבלעכע שוועסטער צירן אין טראַנטעס און אין שמאַטעס, מע טאָר ניט, אז דער פראָפעסאָר זאָל עסן בולקע מיט פּוטער, און זײַנע שוועסטער הוילע קאַרטאָפליעס, — ער, דער הינטישער זון, האָט ניט געלאָזט, אז די אלמאָנע זאָל אויסגעבן א קאָפּעקע אף די טעכטער, אלץ דעם פראָפעסאָר. אלץ נאָר פאַרן פראָפעסאָר; זײַנע שוועסטער זײַנען אויסגעוואַקסן אָן שום בילדונג, אָן שום נאַדן, און מיט איינער פון זיי האָט ער, כאַיִם יאַגודין, כאַסענע געהאַט נאָר צוליב איידלמוטיקײַט, קעדיי אופשטעלן די גערעכטיקײַט. וואָס איז נעגייע נאַדן, איז פאַר אים, כאַיִם יאַגודינען, געלט — טפו! פאַר אן אונטעראָפיצער פון דער רוסישער ארמיי איז געלט — טפו! אן אונטעראָפיצער פון דער רוסישער ארמיי קאָן פאַרשפּילן אין קאָרטן ניט נאָר דעם ווײַבס נאַדן, נאָר אויך די גיטער און די קאַפּיטאַלן פון זײַנע אָוועס, וואָס איז פאַר אן אָפיצער געלט — טפו! האַקלאַל, ער, כאַיִם יאַגודין, האָט געזוכט פאַרן לעבן ניט קיין געלט, נאָר א מענטשן, און אים געפונען — דאָס איז געווען זײַן פאַרשטאָרבן ווײַב, וועלכע ער האָט געאַכטעט, האַלעוואַי געזאָגט געוואָרן אף אלע ווײַבער! ער האָט זי צוגענומען פון א שטוב, ווו מע האָט זיך געשאַפט מיט איר, ווו דאָס שײַנדל איז געווען דער פראָפעסאָר: אלץ דעם פראָפעסאָר, אלץ פאַרן פראָפעסאָר! און אינדערעמעסן איז דער פראָפעסאָר א בײַסטרוק, א מאַמזער, דער זון פונעם פּאָדריאַטשיק דעם סטאַראָווער, און עס קומט אויס, אז יאַקאָב, ראַכיל ראַכלענקאָס כאָסן, איז א בײַסטרוק, און אויב אין אים רינט ייִדיש בלוט, איז נאָר פינף און צוואַנציק פראָצענט, דאָס איבעריקע איז דײַטשיש און רוסישס...

צווישן אנדערס, קוקט ער, כאַיִם יאַגודין, דערויף, ווי עס פּאַסט א געבילדעטן מענטשן, און זעט דעריין ניט אײַן קיין שום אויסערגעוויינלעכס, נאָר אים איז דערווידער, וואָס די שטאָטי־

שע בעהיימעס גיבן זיך אויס פאַר הייליקע, און אַליין לעבן זיי מיט וועמען עס מאַכט זיך, און וואָס איז נעגייע די דײַטשישע קאַלאָניסטקעס, כאַפּט מען זיי מאַמעש מיט ביידע הענט, ווײַל אַלע וויסן, וואָס פאַרא יאַדערדיקע מיידן דאָס זײַנען און וואָס פאַר א כיישעק זיי האָבן צו דעם דאָזיקן געשעפט, און דער פּראָפעסאָר איז ניט שולדיק, וואָס זײַן מאַמע איז געשלאָפן מיטן אײַזנבאַן־פּאַדריאַטשיק, און יאַקאָב איז אוואַדע און אוואַדע ניט שולדיק. נאָר וואָס, פרעג איך אײַך, שטעלן מיט זיך פאָר אונדזערע ראַבײַיִם און אונדזערע גאַבעס, אויב זיי האָבן לויטן ייִדישן שטייגער כאַסענע געמאַכט א מענטש, וואָס די מאַמע זײַנע איז א ריינע דײַטשקע און דער טאַטע א האַלב רוסישער — מיט איין וואָרט, א מענטש, וואָס איז א ייִד אַף פינף און צוואַנציק פּראָצענט?!

אַזאַ ווערסיע, פאַרשטייט איר, האָט אַרויסגערוקט כאַיִם יאַגודין. ווען עמעצער אַנדערש וואָלט זי אַרויסגערוקט, וואָלט מען אין דעם געגלייבט, פאַרוואָס זאָל מען ניט גלייבן אין ניט קיין געוויינלעכן פאַקט, וואָס דערגאַנצט די מערקווירדיקע געשיכטע וועגן דעם שידעך פון יאַקאָבן און ראַכילן? אויב ס'האָט זיך פּלוצעם אַרויסגעוויזן, אַז יאַקאָבס מאַמע איז א דײַטשקע און ער אַליין א לוטעראַנער, איז פאַרוואָס קאָן ניט זײַן דער זיידע קיין רײַכער אײַזנבאַן־פּאַדריאַטשיק? ווען עמעצער וואָלט אין דער דאָזיקער סיטואַציע געמאָלדן, אַז יאַקאָבס פאָטער איז א קאַבאַרדינעץ אָדער א טשעטשענעץ, וואָלט מען אויך געגלייבט — שוין צופיל אומגעוויינלעך איז געווען די גאַנצע געשיכטע. אויך אייניקע זקיינים און זקיינעס האָבן באַשטעטיקט, אַז דער אַלטער איוואַנאָווקע פון איוואַנאָווסקי איז ווירקלעך געווען א געלערנטער מענטש, און אַז דער מאַן איז א געלערנטער, קוקט די גאַנצע צײַט אַרײַן אין סייפער, איז וווּהין, פרעגט זיך, זאָל קוקן דאָס ווײַב? דעם ווײַב פאַרבלײַבט נאָר איינס — קוקן אַף רעכטס, קוקן אַף לינקס, און דעם פּראָפעסאָרס מאַמע האָט, נאָך לעבנדיק אין איוואַנאָווקע, אינדערעמעסן אָפּט זיך פאַרקוקט אַף רעכטס און אַף לינקס, און ווען דער מאַן איז געשטאָרבן, איז זי פּאַשעט געוואָרן א פריילעכע אַלמאָנע און געטראָגן אַפן האַלדז א וואָגיקע גאָלדענע קייט מיט א גאָלדענעם מעדאַליאָן. און וואָס אין דעם מעדאַליאָן איז געווען, ווייסט קיינער ניט, זי האָט דעם מעדאַליאָן קיינמאָל ניט געעפנט, עפּשער איז דאָרט געווען עמעצנס פּאָרטרעט, און ווער קאָן וויסן, עפּשער דער פּאָרטרעט פון דעם פּאַדריאַטשיק!.. פיל געדענקען נאָך, וואָס עס האָט זיך געטאָן, ווען דאָ האָבן זיך געבויט די ליבאַווע — ראָמענסקע און די קיִעוו — וואָראָניעזשער אײַזנבאַן־ליניעס, וועלכע האָבן זיך איבערגעקרייצט אין באַכמאַטש... מענטשן זײַנען אָנגעפאָרן — אָן א שיר! פּראָסט מאַנצבלען, אינזשעניערן און טעכניקער, פּאַדריאַטשיקעס און סאָכרים, אַגענטן, קאַסירן — אַלע מיט געלט, און אַלע האָבן געגאַרט נאָך פרויען, מע טרינקט, מע הוליעט. אַרום זײַנען טראַקטירן, אײַנפאָר־הײַזער און קאַבאַקן, נו, און דאָרט, ווו עס איז פאַראַן א נאָכפרעג, איז אויך פאַראַן אן אָנבאָט...

נאָר דאָס אַלץ איז פון איין זײַט...

פון דער צווייטער זײַט, האָבן אַלע געקענט כאַיִם יאַגודינען אַלס א פּלאַפּלער, א באַרימער און א ליגנער, וואָס איז פייִק אויסצוטראַכטן וואָס איר ווילט פאַר א געשיכטע. און אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער איז באַליידיקט אַפן פּראָפעסאָר איוואַנאָווסקי פאַרן אָדעקאָלאָן, אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער איז מעקאַנע דעם אַלטן ראַכלענקאָ — ראַכילס טאַטע, פאַרוואָס ער איז מעקאַנע, וועט איר זען ווײַטער. און וואָס פאַר א מענטש כאַיִם יאַגודין איז, האָבן אויך אַלע געוווּסט, אַן עכטער מענטש וואָלט זיך ניט דערלויבט צו ריידן אַזוי וועגן זײַן שוויגער און זײַן שוואָגער. און אַלע האָבן געוווּסט, אַז כאַיִם יאַגודין האָט גענומען א ווײַב גאָר ניט קיין אָרעמע. און באַקומען האָט ער נאָדן א הויז, דאָס זעלבע הויז, וועגן וועלכן איך האָב אײַך דערציילט, און א פּרוכטן־קליײטל האָט ער באַקומען, פון וועלכן ס'האָט געצויגן די כאַיונע די פאַמיליע, ביזוואַנען ס'איז ניט געשטאָרבן דאָס ווײַב, און אַז כאַיִם האָט דאָס קלייטל פאַרקויפט, ווײַל ער, אַן אונטעראָפיצער פון דער רוסישער אַרמיי, האָט דאָך ניט געקאָנט פאַרקויפן קיין פּרוכטן די היגע פאַרשטאָפּטע קעפּ און די כאַמעס. אין כאַיִמס מײַסעס זײַנען געווען אויך אַנדערע אויסטראַכטענישן, און עס זײַנען געווען אַלטע לײַט, וועלכע זײַנען פעסט באַשטאַנען דערויף, אַז דער פּראָפעסאָר איז ווירקלעך איוואַנאָווסקיס זון פון איוואַנאָווקע, וואָס איז געווען ניט נאָר קיין געלערנטער, נאָר אויך א טיכטיקער מענטש, א האָלץ־פאַרגרייטער, צוגעשטעלט, צווישן אַנדערס, וואַלד אַף דעם שפּאַלע־זאַוואָד, און זײַענדיק פאַרבונדן מיט דער בויונג פונעם וועג, האָט ער זיך איבערגעקליבן אַהער; עמעס, ער איז אינגיכן געשטאָרבן, נאָר געקומען זײַנען די איוואַנאָווסקיס שוין מיטן ייִנגעלע — דעם פּראָפעסאָר, אַזוי אַז וועגן קיין שום סטאַראָאָבריאַדיעץ קאָן קיין רייד ניט זײַן. און דער אַלטער איוואַנאָווסקי איז געווען א מענטש א פאַרמעגלעכער און האָט געקענט געבן דעם זון בילדונג, ער האָט פאַרמאָגט אייגן געלט דערויף, און אינעם געלט פונעם פּאַדריאַטשיק זיך ניט גענייטיקט.

וואָס איז נעגייע שפּינאָזען, האָבן די אַלטע דערציילט, איז ווירקלעך געווען עפּעס א געשיכטע. איינעם א באָרוך שפּינאָזע האָט מען אַרײַנגעוואָרפן אין כיירעם פאַר פרײַדענקערײַ, האָט דער אַלטער איוואַנאָווסקי, ווי א געבילדעטער מענטש, אַוועקגעשיקט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט א פּראָטעסט־טעלעגראַמע. וווּהין? ס׳איז קלאָר וווּהין — קיין ווילנע... דאָס, וואָס שפּינאָזע האָט געלעבט מיט צוויי הונדערט יאָר פאַר איוואַנאָווסקין, און דערין ניט אין ווילנע, נאָר אין אַמסטערדאַם, האָט קיינעם ניט געאַרט, אין אַזעלכע אייניצלהײַטן זײַנען אונדזערע זקיינים ניט אַרײַנגעדרונגען. א טעלעגראַמע איז א טעלעגראַמע... נאָר דאָס באַווײַזט דען, אַז דער פּראָפעסאָר איוואַנאָווסקי איז א בײַסטרוק?

מיט איין וואָרט, עס זײַנען געבראַכט געוואָרן פאַרשיידענע טײַנעס קעגן כאַים יאַגודינס ווערסיע, און אַלע האָבן געוווּסט, וואָס פאַר א מענטש כאַים איז, און מע איז געשטאַנען אַף דער זײַט פון ראַכילן און יאַקאָבן.

נאָר עס זײַנען געווען, כאָטש איך איבער, אויך ניט קיין פאַרגינער און סאָנים, וועלכע האָבן אויסגענוצט כאַימס לעגענדע צוליב זייערע פּליאָטקעס און מעסירעס, וואָס זיי האָבן געשיקט קיין טשערניגאָוו און אַפילע קיין פּעטערבורג, אין סענאַט, וועגן דעם ניט געזעצלעכן שליוב לויטן יידישן דין פונעם לוטעראַנער יאַקאָב איוואַנאָווסקי מיט דער יידישקע ראַכיל ראַכלענקאָ.

אָבער די צאַרישע ביוראָקראַטישע מאַשין האָט זיך געקײַקלט לאַנגזאַם, און ביז עס זײַנען געשריבן געוואָרן, אָפּגעשיקט און פאַנאַנדערגעקליבן געוואָרן די מעסירעס, ביז מע האָט געשיקט אָנפראַגעס און עס זײַנען געקומען ענטפערס, אַף די ענטפערס זײַנען געשטעלט געוואָרן אַנדערע פראַגעס, — ביז דאָס אַלץ האָט זיך געפּלאָנטערט און אויסגעפּלאָנטערט, איז די צײַט געגאַנגען. און די צײַט גייט גיך, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מילכאָמע, דערנאָך די רעוואָליוציע, און בײַס אַזעלכע גרויסע געשעענישן האָט זיך שוין קיינער ניט אינטערעסירט: צי האָט מען מאַלע געווען יאַקאָב איוואַנאָווסקין צי ניט. די גרויסע געשיכטע האָט פאַרשטעלט די קליינינקע געשיכטע, כאָטש פון אַזעלכע קליינינקע געשיכטעלעך, פון מיליאָנען קליינינקע געשיכטעלעך, ווערט, מעגלעך, געשאַפן די הויפּט־געשיכטע פון דער מענטשהײַט.

## 3

וועגן דעם, וויאַזוי עס האָבן געלעבט מײַנע עלטערן אין דער שווייץ, ווייס איך לויט דעם, וואָס זיי האָבן דערציילט, און דערציילט האָבן זיי ווייניק און ווידערשפּרעכלעך. באַזונדערע ווערטער, פראַזעס, שפּאַסן. „אין באַזעל האָסטו געזאָגט אַנדערש". אָדער: „אין באַזעל האָסטו געוואָלט דאָס, און ניט געוואָלט יענץ". ווי פון שמאַטקעלעך נייט מען אויף א קאָלדרע, אַזוי האָב איך פון פאַרשיידענע אָפּשניצלעך פון אָט די שמועסן זיך צונויפגעשטעלט א בעערעכדיקע פאַרשטעלונג וועגן דעם, וואָס אין באַזעל איז פאָרגעקומען און פאַרוואָס זיי האָבן זיך אומגעקערט.

הייסט עס, אַז מײַנע עלטערן לעבן אין באַזעל. אין א יאָר אַרום ווערט געבוירן זייער עלטערער זון, מײַן ברודער ליאָווע, און נאָך אין א האַלב יאָר אַרום שטעלט זיך אָפּ אַף אונדזער סטאַנציע דער צוג, דער קאָנדוקטאָר טראָגט אַרויס א טשעמאָדאַן, רענצלעך, טראָגט אַרויס א צונויפגעלייגט קינדער־וועגעלע, און עס גייט אַרויס פון וואַגאָן א יונגע דאַמע מיט א קינד אַף די הענט. די דאָזיקע דאַמע איז געווען מײַן מוטער ראַכיל און דאָס קינד — דער זעקסכאַדאַשימדיקער ליאָווע, מײַן עלטערער ברודער. מיט אים האָט זיך די מאַמע געיאַוועט צו אירע עלטערן. וואָס איז געשען? ס׳איז גאָרנישט ניט געשען, געקומען זיך זען מיט די אייגענע. נאָר קיינעם וועסטו ניט אָפּנאַרן, אַלע האָבן זיך גלײַך אָנגעשטויסן — ס׳איז עפּעס ניט קעשורע: געקומען אינמיטנדערינען, אָן דעם מאַן, מיט א זויג־קינד אַף די הענט. אין הויז פון דעם זיידן ראַכלענקאָ איז פול מיט מענטשן, אַלעמען איז טשיקאַווע א קוק טאָן אַף ראַכילן, וואָס איז פון איר געוואָרן אין שווייצאַריע, נאָר דעריקער ווילן זיך אַלע דערוויסן, פאַרוואָס האָט זי זיך אומגעקערט, און דאָס איז נאַטירלעך: די מענטשן זײַנען אופריכטיק געווען פאַרינטערעסירט אין איר גוירל, גענומען אין דעם א הייסן אָנטייל, און אָט איז עפּעס פאָרגעקומען, און, מעגלעך, אַז פון אַלץ איז געוואָרן אויס...

פאַרשטייט זיך, אַז די מאַמע האָט זיך אומגעקערט ניט צוליב דעם, זי זאָל זיך זען מיט די עלטערן און באַווײַזן זיי דאָס אייניקל. מײַן מאַמע האָט זיך אומגעקערט פון באַזעל אַף

שטענדיק. זי האָט ניט געוואָלט דאָרט מער לעבן. פאַרוואָס? קלוימערשט איבער די שוועסטערקינדער. מײַן פֿאָטער האָט קלוימערשט גענומען אויסאַזשעווען נאָך זײַנע שוועסטערקינדער. עס זײַנען געווען מיידלעך פֿון דער מאַמעס צד. נאָר דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַן אויסרייד, איך לייקן ניט, די מאַמע איז געווען אַן אײפֿערזיכטיקע, נאָר ניט דערפֿאַר ווײַל דער טאַטע האָט זי פֿאַראַטן — ער האָט דאָס אַפֿילו אין זינען ניט געהאַט, ניט אַזאַ מענטש איז ער געווען, פֿאַר אים האָט קיינער, אויסער דער מאַמען, ניט עקזיסטירט. די מאַמע איז כּלל געווען אַן אײפֿערזיכטיקע, אַזאַ כאַראַקטער — אַ היציקע. דעם מאַן האָט זי געהאַלטן פֿאַר איר אייגנטום. נאָר איך כאַזער איבער — די שוועסטערקינדער זײַנען פּאַשעט אַן אויסרייד. די סיבּעס זײַנען געווען פֿיל טיפֿערע.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָט געשפּילט אַ ראָליע די בענקשאַפֿט נאָכן היימלאַנד. אין טאָך, האָט זי, אויסער יאַקאָבן, דאָרט קיינעם ניט געהאַט, ניט קיין אייגענע, ניט קיין כאַווערטעס, עס זײַנען ניט געווען אונדזערע ווײַנשל־סעדער, אונדזער וואַלד, דער מאַרק, דער רייעך פֿון אונדזער געשמאַקער ערד, — דאָס אַלץ, אין וואָס זי איז אויסגעוואַקסן און צו וואָס זי איז צוגעוווינט געווען און אָן וואָס ס׳איז איר שווער געווען צו לעבן.

און דאָך קאָן מען עס בײַקומען. מענטשן קלײַבן זיך איבער אין אַנדערע לענדער, געוווינען זיך צו צו אַן אַנדער אַרומרינגלונג, און די מאַמע וואָלט זיך צוגעוווינט. נאָר ס׳איז געווען נאָך עפּעס, דאָס וויכטיקסטע. אינעם מאַנירלעכן פּראָפֿעסאָרישן דײַטשישן הויז, באַנאַנד מיט דער אַריסטאָקראַטישער שוויגער און שוועגערנס, די ווײַבער פֿון איר מאַנס ברידער, אויך אַריסטאָקראַטקעס, האָט זי, די טאָכטער פֿון אַ שוסטער אָף אוקראַיִנע, זיך געפֿילט ניט נאָר די ערשטע, ניט קיין גלײַכע מיט זיי, נאָר די לעצטע. מעגלעך, אַז די מאַמע וואָלט אויך דאָס איבערגעטראָגן, סאָפּקאָלסאָף וואָלטן זיי דאָך ניט אייביק געלעבט אינעם הויז פֿונעם שווער. זיי האָבן געקענט ווינען באַזונדער. נאָר ס׳איז געווען אַ טראָפּן, און דער דאָזיקער טראָפּן האָט איבערפֿולט דעם בעכער פֿון לייד. די שפּראַך! די מאַמע האָט גערעדט אָף רוסיש, אוקראַיִניש, זי וואָלט בײַגעקומען, קאָן זײַן, אויך דײַטש, נאָר געשטערט האָט איר די לײַבלעכע שפּראַך ייִדיש. קענענדיק ייִדיש, האָט זי אין אַלגעמיין פֿאַרשטאַנען די דײַטשן, נאָר יענע האָבן זי ניט פֿאַרשטאַנען; ווען זי האָט זיך געפֿלײַסט דורכשמועסן מיט זיי, האָט זיך בײַ איר באַקומען ניט קיין דײַטש, נאָר ייִדיש, און פֿאַר די דײַטשן איז ייִדיש — אַ געלעכטער. און אַז מע זאָל לאַכן פֿון איר, האָט די מאַמע ניט געקאָנט איבערטראָגן, און דער דאָזיקער געלעכטער איז געווען דער טראָפּן, וואָס האָט איבערגעפֿולט דעם בעכער.

דעם עמעס, פֿאַרוואָס די מאַמע האָט זיך אומגעקערט, האָט געוווּסט נאָר דער טאַטע און איך. פֿינקטלעכער, זיך דערוווּסט שפּעטער, און ניט פּראָסט זיך דערוווּסט, נאָר, ווי אין יענעם אַנעקדאָט, אויסגעכעזשבנט פֿינקטלעך. פֿאַר אַנדערע איז דער מאַמעס צוריק־קומען געווען אַ רעטעניש, אַלע האָבן געמיינט, אַז זי האָט זיך אומגעקערט דערפֿאַר, ווײַל דאָס לעבן אירס מיט יאַקאָבן האָט זיך ניט געקלעפּט. און פֿיל האָבן באַדויערט, וואָס אַזאַ וווּנדערלעכע ראָמאַנטישע געשיכטע, אַזאַ, קאָן מען זאָגן, אויסערגעוויינלעכע געשעעניש אין לעבן פֿון אונדזער שטאָט, האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרניט. די אָנשטרענגונגען, דער קאַמף — אַלץ איז געווען אומזיסט, קיינעם האָט עס ניט געבראַכט קיין גליק.

נאָר זיי האָבן אַ טאָעס געהאַט. ס׳איז ניט אַדורך קיין צוויי כאָדאָשים, ווי פֿון באַזעל איז אַראָפּגעקומען יאַקאָב אַליין, מיט דער אייגענער פּערזאָן, און אַלעמען איז קלאָר געוואָרן: קיין שום אײַנרײַס איז ניטאָ, זיי זײַנען מאַן און ווײַב, ווי פֿריִער האָבן זיי ליב איינער דעם אַנדערן, נו, און ווו זיי האָבן ליב איינער דעם אַנדערן, אין רוסלאַנד צי אין דער שווייץ, איז ניט קיין נאַפּקעמינע.

איך ווייס ניט, וואָס פֿאַראַ געשפּרעכן עס זײַנען פֿאָרגעקומען צווישן טאַטן מיט דער מאַמען, נאָר אַז פּונקט דאַן בין איך געווען פֿאַרפּראָגראַמירט, איז קיין צווייפֿל ניט — אַזוי קומט אויס לויט דער צײַט.

האַקלאַל, אַהער־אַהין, בײַ ליאָווען זײַנען מאָזלען, בײַ ליאָווען איז אַ סווינקע, דערנאָך איז די מאַמע ווידער אָף דער צײַט, און מײַן פֿאָטער, מע האָט אים שוין גערופֿן ניט יאַקאָב, נאָר אָף אונדזער אויפֿן, יאַנקעוו, שלעפּט זיך פֿון טשערניגאָווסטשינע קיין באַזעל, פֿון באַזעל צוריק אַהער, און די מאַמע דאַרף מיך פֿון אָנפֿאַנג געבּירן, דערנאָך מיך אויסהאָדעווען, דערנאָך, שוין אין פֿערצנטן יאָר, האָבן און אויסהאָדעווען דעם דריטן — פֿימען. אַזוי האָט זיך געצויגן ביז אויגוסט פֿונעם פֿערצנטן יאָר, ביז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן, ווי אײַך איז באַוווּסט, די ערשטע וועלט־מילכאָמע, און וועגן קיין שום שווייץ האָט שוין קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. און מײַן טאַטע יאַנקעוו איז געבליבן שטעקן אין רוסלאַנד, און, דאַנקען גאָט, אים האָט מען ניט געטשעפּעט, ווי אַן אויסלענדער: כאָטש ער איז אַ לוטעראַנער ניט פֿון דײַטשלאַנד.

נאָר וואָס זאָל ער טאָן? אַ שיינער, אַ דערצויגענער, אַ העפֿלעכער, גוטער מענטש, אַ שטאַלטנע מאַנצבל, נאָר אַבסאָליוט ניט צוגעפּאַסט צו דעם היגן לעבן. אַ מענטש אָן אַ ספּעציִאַליטעט. איר פֿאַרשטייט, וואָס אַזוינס איז אַ מענטש אָן אַ ספּעציִאַליטעט? איר פֿאַרשטייט. דעמלט דאַרפֿט איר אויך פֿאַרשטיין, וואָס איז אַזוינס אַן אינטעליגענט אָן אַ ספּעציִאַליטעט, אַן אינטעליגענט אָן הויכבילדונג. אַ פּוסט אָרט. צו פֿיזישער אַרבעט ניט צוגעוווינט, צו קאָנטאָרסקע אַרבעט — טויג ער ניט, ער האָט שלעכט געקענט די שפּראַך. נאָר אַרבעטן דאַרף מען, אויסהאַלטן די פֿאַמיליע דאַרף מען, מע קאָן ניט מיטן ווײַב און די קינדער זיצן אויפֿן האַלדז פֿון דעם זיידן ראַכלענקאָ.

און דער זיידע ראַכלענקאָ האָט באַשלאָסן מאַכן פֿון אים אַ הענדלער.

איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז כאָטש מײַן זיידע ראַכלענקאָ איז געווען אַ שוסטער, איז ער געווען אַ כאָכעם, אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש. דער כאָשעווער גאַבע פֿון שול. געוויינלעך קלײַבט מען אויס פֿאַר אַ גאַבע אין שול אַ פֿאַרמעגלעכן מענטשן, ער זאָל קאָנען געבן אַף דער שול, און אויך די אָרעמע העלפֿן, און מיט דער נאַטשאַלסטווע קאָנען דורכקומען, איז וואָס דאַרף מען דערצו? מע דאַרף געלט. דעריבער פֿלעגט מען פֿאַר אַ גאַבע געוויינלעך אויסוויילן אַ בעקאָוועדיקן מענטשן, נאָר מיט געלט. בא אונדז האָט מען אויסגעקליבן מײַן זיידן, דעם שוסטער ראַכלענקאָ — זײַנע מײַלעס און כאָכמע זײַנען געווען טײַערער פֿון אַלע געלטער. וועגן זיידן וועל איך אײַך דערציילן שפּעטער, דערווײַל בלויז באַמערקן, אַז אַלס געשעפֿטלעכער און קלוגער מענטש האָט ער צוגעטראַכט פֿאַר מײַן פֿאָטער אָט וואָס פֿאַר אַ געשעפֿט.

מיר האָבן געהאַט אַ שאָכן מיט דער פֿאַמיליע פּלאָטקין, געהייסן האָט ער קוסיִעל. קוסיִעל פּלאָטקין. אויב מע זאָל אים כאַראַקטעריזירן מיט איין וואָרט, איז דאָס דאָזיקע וואָרט שלימאַזל. עס זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע מענטשן, האָרעפּאַשניקעס, זיי האָבן ליב אַרבעטן, נאָר עס גייט זיי ניט. פֿאַר וואָס זיי זאָלן זיך ניט נעמען — באַקומט זיך ניט. קוסיִעל האָט געהאַט אַ פֿלייש־געשעפֿט, אַ קלייטל, אַזעלכע קלייטלעך האָבן בא אונדז זיך גערופֿן יאַטקעס. פּלאָטקין איז אַרומגעפֿאָרן איבער די אַרומיקע דערפֿער, אײַנגעקויפֿט פֿי, עס געקוילעט און געהאַנדלט מיט פֿלייש אין דער יאַטקע. נאָר עס איז אים געגאַן מיט דער פּוטער אַראָפּ. ער איז געווען אַ קליינינטשקער, מיט אַ קרום זײַטל, ניט קיין שיינער. דאָס ערשטע ווײַב איז בא אים געשטאָרבן, דאָס צווייטע האָט זיך פֿאַרפֿירט אַ פּאָליובאָווניק — דעם מאַנס מעשאָרעס, אים באַזעצט בא זיך אין הויז. קוסיִעל איז געפֿאָרן איבער די דערפֿער, אײַנגעקויפֿט פֿי, און זי האָט מיט אָט דעם פּאָליובאָווניק זיך געבאַלעוועט. און ווען דער מעשאָרעס איז דער פּאָליובאָווניק פֿונעם באַלעבאָס׳ ווײַב, קוקט ער אויפֿן באַלעבאָס׳ געלט, ווי אַף זײַנעם. אויב דעם באַלעבאָס׳ ווײַב איז זײַן ווײַב, איז דעם באַלעבאָס׳ קאַסע — זײַן קאַסע. אויב קוסיִעל האָט געשיקט דעם מעשאָרעס קויפֿן פֿי און אַליין געבליבן אין שטוב, האָט דאָס ווײַב געמאַכט דעם אומגליקלעכן קוסיִעלן אַזאַ לעבן, וואָס קיין שום סקאָטינע וואָלט עס ניט אויסגעהאַלטן. און אָט לייגט פֿאָר דער זיידע ראַכלענקאָ קוסיִעלן פֿאַרטרײַבן דעם מעשאָרעס און אַף זײַן אָרט נעמען מײַן טאַטן. און זאָל מײַן טאַטע בא אים אָפּאַרבעטן אַ יאָר. אויב פֿאַר דעם יאָר וועלן זיי זיך געפֿעלן ווערן און דאָס געשעפֿט וועט אַוועק אַ גאַנג, וועט קוסיִעל נעמען דעם טאַטן אין דער קאָמפּאַניע, דעמלט וועט דער טאַטע זײַן ניט קיין מעשאָרעס, נאָר אַ שותּף, וועט האָבן אין דעם געשעפֿט אַ העלפֿט כיילעק. אין אַ יאָר אַרום, אויב אַלץ וועט זײַן גוט, וועט דער טאַטע אַרײַנטראָגן אַ העלפֿט פֿאַר דער יאַטקע, און דערנאָך וועלן זיי דעם רעווועך שוין טיילן אַף גלײַכע כאַלאָקים. פֿונוואַנען וועט דער טאַטע נעמען געלט? נו, ווי איר פֿאַרשטייט, איז קוסיִעלס קלייטל גאָר ניט אַזאַ געהויבענע פֿירמע, ניט „דזשענעראַל מאָטאָרס”, געלט וועט זיך פֿאָדערן ניט זייער קיין סאַך. עפּעס־וואָס האָט דער טאַטע געבראַכט פֿון דער שווייץ, אַ ביסל וועט ער, אָוראָם ראַכלענקאָ, געבן, און אויסער דעם, האָט ער אַזאַ רעפּוטאַציע, אַזאַ נאָמען, אַז אויב ס׳וועט זיך פֿאָדערן אַ האַלוואָע, דאַרף מען זיך אין דער האַלוואָע ניט סאָפֿעקן. איך ווייס ניט, וויִאַזוי קוסיִעל האָט געקוקט אויפֿן פֿאָרשלאָג וועגן נעמען אין אַ יאָר אַרום מײַן טאַטן פֿאַר אַ שותּף, מעגלעך, אַז דאָס איז אים ניט זייער געפֿעלן געוואָרן, יעדערער וויל זײַן דער גאַנצער באַלעבאָס אין זײַן געשעפֿט. נאָר דורכטרײַבן דעם אויסוואָרף דעם מעשאָרעס, דעם גאַנעוו, דעם ווײַבס פּאָליובאָווניק, און אָנשטאָט אים נעמען אַזאַ לײַטישן, ווויילן מענטשן, ווי מײַן טאַטע, — דאָס איז אים, אָן צווייפֿל, געווען צום האַרצן. און ער האָט געוווּסט, אַז קיין שום שלעכטס, אויסער גוטס, קאָן מײַן זיידע ראַכלענקאָ ניט פֿאָרשלאָגן.

אַלץ האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן ניט אַזוי פּראָסט. קוסיִעל איז מאַסקים געווען, נאָר ער איז ניט געווען קיין מאַנצבל: אויב דאָס ווײַב באַזעצט איר קאָכאַנעק אין זײַן אייגן הויז, איז דער מאַן ניט מער ווי אַ שמאַטע.

אין אָפּגעשטעלטן טאָג קומט דער זיידע מיטן טאַטן אין דער יאַטקע און זיי זעען, ווי קוסיִעל שטייט א פאַרלוירענער, און דער אויסוווּרף דער מעשאָרעס שטייט פאַר דער סטאַיקע מיט א האַזעדיק שמייכעלע.

דער זיידע ווײַזט אָן אַף מײַן טאַטן און פרעגט:

— קוסיִעל, ווער איז אָט דער מענטש?

— דאָס איז מײַן נײַער מעשאָרעס, — ענטפערט קוסיִעל דעם זיידן, ציטערנדיק פון שרעק, און שאָקלט מיטן קאָפּ אין דער זײַט פון דעם אויסוווּרף דעם מעשאָרעס.

— און ווער איז דער מענטש?

— דאָס איז מײַן געוועזענער מעשאָרעס, — פאַרהיקעט זיך קוסיִעל.

— דו האָסט זיך מיט אים צעצאָלט?

— צעצאָלט.

— פולשטענדיק און מיט יושער?

— פולשטענדיק און מיט יושער.

דעמלט פרעגט דער זיידע דעם מעשאָרעס:

— דו האָסט טײַנעס צום באַלעבאָס?

— מיר האָט די באַלעבאָסטע פאַרווערט אוועקצוגיין פונדאַנען, — מעלדעט דער כוצפּעניק.

— דו האָסט ניט קיין באַלעבאָסטע, — זאָגט דער זיידע, — דו האָסט געהאַט א באַלעבאָס. נאָר איצט איז ער שוין קיין באַלעבאָס איבער דיר ניט און דו ביסט ניט זײַן ארבעטער.

מיט די ווערטער נעמט דער זיידע דעם מעשאָרעס פאַר די לאַצן, שלעפּט אים ארויס פון אונטער דער סטאַיקע און שלײַדערט אים ארויס פון דער קלייט צום טײַוול אָפן ברוק.

און קוסיִעלס ווײַב האָט דער זיידע געזאָגט:

— אויב דו וועסט שטעלן צו שאַנד דײַן מאַן, וועט אויסקומען אײַך גענטן און דיך אויסגעבן פאַר יאַנקל דעם געשטופּלטן.

דער געשטופּלטער יאַנקל איז געווען א דעפעקטיווער באָכער מיט א קאַלאָסאַלן קאָפּ און מיט קורצע פּאַראַליזירטע פיס, ער איז געזעסן גאַנצע טעג אָפן גאַנעק אָפן טערקישן אויפן, אַנדערש זיצן האָט ער ניט געקאָנט, וואַנזיניק געשמייכלט, און ווען מע האָט זיך צו אים געווענדט, האָט ער עפּעס אומפאַרשטענדלעכס מערוקעט. וועגן אַזעלכן זאָגט מען בא אונדז: „ס'האָט אים געפעלט צען גריוועניקעס צום קערבל", — א דולער... אלע זײַנען צוגעווויינט געווען צו אים, קיינער האָט אים ניט באַליידיקט, ניט די קינדער, ניט, נאַטירלעך, די דערוואַקסענע... און אָט אַזוי, אָף אַזאַ אויפן, איז מײַן פאָטער געוואָרן א מעשאָרעס אין די יאַטקעס בא קוסיִעל פלאָטקינען.

עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דאָס איז גאָר ניט קיין פּראָסטער איניען. וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א קאַצעוו אין יענער צײַט? ער איז א פּי־הענדלער, א קאַצעוו, א פּאַרקויפער. אָף צו אײַנהאַנדלען פּי דאַרף מען האָבן פּראַקטיק, אָפן קוק דאַרף מען אָפּשאַצן, וויאַזוי דאָס שטיקל געפיך איז אויסגעפּיטערט, וויפל איז אין דעם ווערטפול פלייש, וויפל פעטס, מע דאַרף קענען אויסטאַפּן דעם באַלכײַ, וויסן די פּאָראָדע און דאָס אָרט, ווו ס'איז אויסגעהאָדעוועט געוואָרן. דאָס פּי אין אונדזערע קאַנטן איז דאָס אַזויגערופענע טשערקאַסער פּי, אָף דער וויסנשאַפטלעכער שפּראַך, די גרויי־אוקראַיִנישע פּאָראָדע. א גוטע, אפילע אַן אידעאַלע פּאָראָדע סײַ פאַר ארבעט, סײַ פאַר פלייש; איר האָט ווען־עס־איז געזען אַן אוקראַיִנישן אָקס? א קראַסאַוועץ! א זיבעציק פּוד וועגט ער, מער פון א טאָנע! און שלעפּט אַן אַנדערהאַלבן טאָנעס. אכט יאָר ארבעט אַזאַ אָקס, ארבעט ווי אַן אָקס, זײַט מויכל פאַרן קאַלאַמבור, דערנאָך לאָזט מען אים זיך אויספּאַשען פאַר פלייש. קורץ געזאָגט, אָף פּי דאַרף מען זײַן א מייוון — אַנדערש וועט מען דיר אַרײַנשטופּן דער רועך ווייסט וואָס, אפילע א קראַנק שטיקל פיך, דאָ דאַרף מען דערפאַרונג און דערפאַרונג. קיין דערפאַרונג האָט מײַן פאָטער ניט געהאַט, און קוסיִעל האָט יאָ געהאַט: ער האָט דאָס גאַנצע לעבן זיך פאַרנומען מיט פלייש. און דערפאַר איז איבער די דערפער געפאָרן קוסיִעל, אײַנגעקויפט פּי, און דער טאַטע איז געשטאַנען אין קלייט. נאָר פאַרקויפן פלייש איז אויך ניט קיין פּראָסטע זאַך. יעדער סאָרט האָט זיך זײַן פּרײַז, — איין זאַך, לאָמיר זאָגן, איז פּילע, א זײַט, א צווייטע — דער האַלדז, די לענדן, דער קרייץ. יעדער באַלעבאָסטע ווילט זיך באַקומען א בעסער שטיקל און פאַר א ביליקער פּרײַז, ס'זאָל זײַן געשמאַקער און צאַרטער, ס'זאָל קלעקן אי אָף א סופּ, אי אָף קאָטלעטן, אי אָף א ראָסלפלייש, אי אָף א פּעטשאַ, זי פּרוווט עס אויס סײַ לויטן אויסזען, סײַ לויטן גערוך. איר דערלאַנג פלייש, ס'זאָל גלאַנצן, ניט קיין צו ווייכס, נאָר ניט קיין האַרטס און אויך ניט קיין צופיל רויטס. פּרוווט שטייט אָף אין קראָם א שאָ בא דער סטאַיקע, און טוט א קוק, וויאַזוי אַן עכטע באַלעבאָסטע קלײַבט זיך אויס פלייש, דערבײַ דאַרף מען געדענקען, אַז אונדזער אויעזד איז

א פיציכטלערישער און יעדער פרוי פאַרשטייט אין פלייש ניט ווייניקער ווי אַן איצטיקער אינזשעניער פון דער פליישקעלטער־אינדוסטריע, וועט איר דעמלט פאַרשטיין די לאַגע פון מײַן פאָטער, וואָס האָט ביז דעמלט געזען פלייש נאָר אפן טיש אין א געקאָכטן, געבראָטענעם אָדער גערייכערטן אויסזען. דערבײַ דאַרף מען אין זינען האָבן זײַן דעליקאַטקייט: דאָס איז געווען, ווייסט איר, ניט יענער געשיקטער פאַרקויפער, וואָס קאָן פאַר אײַערע אויגן אָפּהאַקן א געשמאַק שטיקל פלייש, עס א דריי טאָן פאַר אײַער בליק, ווי א בריליאַנט, און אין דער היים געפינט איר אָנשטאָט דעם בריליאַנט איינע ביינער. דער טאַטע האָט דאָס מאַכן ניט געקענט, און איר האָט שוין געוויס באַשלאָסן, אז קיין טאָלק האָט פון דעם דאָזיקן איניען זיך ניט געקאָנט באַקומען און דער טאַטע איז דורכגעפאַלן.

שטעלט זיך פאָר, אז קיין דורכפאַל איז ניט פאָרגעקומען. די אונטערנעמונג האָט זיך באַרעכטיקט.

ניט באַלד. עס זײַנען געמאַכט געוואָרן טאָעסן, עס זײַנען געווען פעלערן. דעם ערשטן כוידעש איז קוסיעל געשטאַנען באַנאַנד מיטן טאַטן, ריכטיקער, דער טאַטע באַנאַנד מיט קוסיעלן, ער האָט באַהערשט די זאַך. און די זאַך איז אוועק א גאַנג. פאַרוואָס אוועק? איך וועל אײַך דערקלערן. ערשטנס, איז דער טאַטע געווען א פייזיקער און דערצו פון א מישפּאָכע כירורגן, און א כירורג, ווי דו זאָלסט ניט דרייען, איז אין א געוויסער מאָס א קאַצעוו... צווייטנס, זײַנען די הויפּט־קליענטן בא קוסיעלן געווען די דעפּאָער, די פרויען פון מאַשיניסטן און אַנדערע אַרבעטער, זײַן יאַטקע האָט זיך געפונען אפן אַלטן מאַרק, ניט ווײַט פון דער סטאַנציע, ס׳איז געווען נאָך איין יאַטקע אפן נײַעם מאַרק, נאָר דאָס איז אין צווייטן עק פון דער שטאָט. אַלע פון דעפּאָ האָבן אײַנגעקויפט פלייש בא קוסיעלן אַף באָרג, זיי האָבן גענומען דאָס פלייש, און קוסיעל אָדער זײַן מעשאָרעס האָט פאַרשריבן אַף א פּאַפּירל, און ווען די מאַשיניסטן האָבן באַקומען דעם געהאַלט, האָבן זייערע ווײַבער זיך פאַנאַנדערגעצאָלט. איז אָט, דער אויסוואורף דער מעשאָרעס, און מעגלעך, אז קוסיעל זעלבסט, האָבן צוגעשריבן. די באַלעבאָסטעס האָבן עס געוווּסט, פאַרשטאַנען, נאָר דערווײַזן ניט געקענט, זיי האָבן געמאַכט גוואַלדן, נאָר מע האָט זיי געשטופּט אין דער נאָז דאָס פּאַפּירל און געטײַנעט: „איך זעט, ס׳איז פאַרשריבן?”. איבער די דאָזיקע צושרײַבעכצן זײַנען די קוינעטעס אוועקגעגאַנגען פון קוסיעלן אפן נײַעם מאַרק אין דער אַנדערער יאַטקע: א מענטשן פאַרדריסט, ווען מע מאַכט פון אים א טיפּעש. און מײַן פאָטער האָט געזאָגט: „עס זאָלן ניט געדאַכט ווערן קיין שום צושרײַבעכצן, אזא איז מײַן פאָדערונג”. קוסיעל האָט געמוזט אײַנגיין דערויף, ביפראַט נאָך, אז ער האָט געזען, אז דאָס געשעפט גייט אָן צושרײַבעכצן. אַלע האָבן געקענט מײַן פאָטער אַלס אַן אָרנטלעכן מענטשן, געוווּסט, אז ער וועט ניט דערלויבן זיך נעמען קיין איבעריקע קאָפּעקע. עס האָבן זיך אופגעהערט די סקאַנדאַלן און די אײַנקויפערנס, וועלכע זײַנען אוועקגעגאַנגען איבער די צושרײַבעכצן, האָבן זיך אומגעקערט. דריטנס, האָט מײַן פאָטער אײַנגעפירט אין קראָם א ניט געהערטע ציכטיקייט און אָרדענונג. איר ווייסט, וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר די דײַטשן אין דעם פּראַט. מעגלעך, אז דער טאַטע האָט זיך דערמאָנט אין די ציכטיקע דײַטשישע פלייש־קראָמען, ווו עס הענגט וווּרשט, גערייכערט כאַזער־פלייש און קרענץ סאָסיסקעס און דאָס זעט אויס אזוי שיין און געשמאַק, אז עס ווילט זיך אַלץ עסן... און לעצטנס, צום פערטן... דאָס פערטע איז דאָס סאַמע וויכטיקע... פערטנס, פאַרשטייט איר מיך, איז די שיינקייט פון מײַן פאָטער. ער האָט געהאַט דינע וואָנצעלעך און א בערדל, וואָס רופט זיך אָן „עספּאַניאָלקאַ”, און איז ענלעך געווען אַף א פראַנצויז. דערצו האָט דער טאַטע געקענט ניט נאָר די דײַטשישע שפּראַך, נאָר אויך די פראַנצויזישע, אין שטאָט האָט מען אים טאַקע אזוי גערופן „דער פראַנצויז”, כאָטש ער איז געווען א בלאָנדער. אַגעוו, איז א גרויסער טאָעס צו רעכענען, אז אַלע פראַנצויזן זײַנען ברונעטן. ווײַט ניט אַלע. צווישן די פראַנצויזן, באַזונדערס צווישן די אַריסטאָקראַטן, זײַנען פאַראַן א סאַך בלאָנדע. און די פרויען פון די מאַשיניסטן און אַלע דעפּאָווסקע איז געווען אָנגענעם, וואָס זיי באַדינט אזא גאַלאַנטער מאַנצבל, וואָס איז ענלעך אַף א פראַנצויז, און די, וואָס זײַנען פריער געקומען איבער א טאָג אָדער צוויי, האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקוקן קימאַט יעדן טאָג. און איבער דער שטאָט איז אוועק א קלאַנג, אז די פרויען זײַנען פאַרליבט אין מײַן טאַטן. און אזוינס האָט געקאָנט טרעפן. געווען איז בא אונדז אין שטאָט איינע א גאָלובינסקאַיאַ, א פרוי פון א דעפּאָ־מעכאַניקער, און זי האָט זיך ווירקלעך אײַנגעליבט אין מײַן פאָטער. זי האָט גערעדט מיט אים אַף פראַנצויזיש, געקומען אַלע טאָג אין קלייט און פאַרקאָכט געוואָרן ביז איבער די אויערן. אין א סאַך יאָרן אַרום האָט דער טאַטע מיר אַליין דערציילט וועגן דעם. גאָלובינסקאַיאַ האָט אים פאָרגעשלאָגן אוועקוואַרפן מײַן מאַמען און אוועקפאָרן מיט איר, מיט דער גאָלובינסקאַיאַ, צו איר פאָטער, דעם פּאָרעץ.

מיט איין וואָרט, רייד און פליאָטקעס זײַנען געווען איבערגענוג, דעריקער נאָך דערפאר, וואָס זיי האָט צעבלאָזן קוסיִעלס ווײַב. צי האָט עס אלץ געקאָנט ניט דערגיין צו מײַן מאמען, און צי האָט זי עס געקאָנט אוועקמאכן מיט דער האנט? אף קיין איין מינוט ניט! זי איז געקומען איז דער יאטקע און דערזען דאָרט א סאך פרויען און צווישן זיי די גאָלובינסקאיא. דאָס, וואָס גאָלובינסקאיא האָט געקויפט פלייש, איז געווען גאנץ נאטירלעך, נאָר מײַן מאמע איז געווען א פרוי אין פולן זין פון דעם דאָזיקן וואָרט, פאר איר איז גענוג געווען צו זען, ווי עס קוקט אף אים גאָלובינסקאיא, זען דעם טאטן צווישן אזויפיל פרויען. דאָס אלץ צוזאמען מיט די ריידערײַען, מיט די פליאָטקעס איז געווען איבערגענוג, און זי האָט געמאָלדן, אז דער טאטע וועט מער קיין איין טאָג ניט ארבעטן בא קוסיִעלן.

וואָס הייסט? — ער האָט זיך ערשט אײַנגעאָרדנט, ארײַן, קאָן מען זאָגן, אין קורס, באקומען א ספעציאַליטעט, אין א כוידעש־צוויי ארום וועט ער ווערן א שותּף, און אָט האָסטו דיר, — פארלאָז דאָס געשעפט! פרויִשע קאפריזן! אפילע דער זיידע ראכלענקאָ, וואָס איז געווען שטרענג צו די זין, נאָר ראכילן אין לעבן ניט אָנגערירט מיט קיין פינגער, אפילע ער האָט א זעץ געטאָן מיטן פויסט איבערן טיש אזוי, אז דאָס געפעס איז אונטערגעשפרונגען.

— עס זאָל זײַן שטיל, — האָט געזאָגט דער זיידע, — קיין שום רייד!

ער איז געווען גערעכט. דרײַ קינדער זײַנען קיין שפּאס ניט, און מע קאָן ניט דעם ווילזײַן פון דער מישפּאָכע שטעלן אין געפאר איבער פרויִשע קאפריזן און נארישער אייפערזיכטיקײַט. דער טאטע האָט דאָס פארשטאנען, געשעצט זײַן אָרט, נאָר ער האָט ניט געקלאפּט מיטן פויסט איבערן טיש, זיך בלויז אָפּגעשלאָגן מיט כאָכמעס און פאָרגעזעצט גיין אין דער יאטקע.

אָבער קיין שום ווערטער, קיין שום אײַנריידענישן האָבן אף דער מאמען ניט געווירקט. זי האָט זיך געבלאָזן, מיטן טאטן ניט גערעדט, געלאָפן אלע טאָג אין דער יאטקע, געשטאנען, געקוקט אף די קוינעטעס, ווי א וועלפיכע, מע האָט מוירע געהאט, אז זי קאָן נאָך, צווישן יאָ און ניין, אויספּאטשן די גאָלובינסקאיא.

קאָן מען ארבעטן אין אזעלכע אומשטענדן?

נאָר אייפערזוכט איז איין זאך און געשעפט איז א צווייטע. די מאמע מײַנע איז געווען א גענוג פראקטישע, פארשטאנען, אז די פאמיליע דארף מען קאָרמעווען. אין שטוב האָט זי געמאכט סקאנדאלן, און אויסער דער שטוב אונטערגעזוכט אן אָרט פארן טאטן, אזא אָרט, וווּ עס זאָל מיט קיין פרויען אפילע ניט שמעקן. און, שטעלט זיך פאָר, זי האָט געפונען. מע דארף א מעשאָרעס אין דער קראָם בא איינעם אן אלעשינסקין, א סויכער פון אײַזנווארגסכוירעס, פארבן, לאנדווירטשאפטלעכע אינסטרומענטן. ווער זײַנען די קוינים אין אזא קלייט? דער פויער וְועט שיקן זײַן ווײַב אויסקלײַבן א קאָסע, צי א לעמעך פאר זײַן אקער, אָדער א שינע פאר א ראָד? נאָך אזא סכוירע וועט ער אליין קומען, ער וועט די דאָזיקע קאָסע באטראכטן הונדערט מאָל, זי פּרוּוון מיטן פינגער, זיך אײַנהערן, וויִאזוי זי קלינגט, ווי זי וויברירט. דאָס סאמע אָנגעמאָסטענע אָרט פאר מײַן פאָטער. עמעס, מע דארף באהערשן די זאך פון סאמע אָנהייב. נאָר די מאמע האָט געזאָגט, אז פאר אן עכטן פארקויפער איז ניט וויכטיק מיט וואָס צו האנדלען. מע דארף קאָנען האנדלען, און האנדלען קאָן דער טאטע.

די מאמע איז באשטאנען אף אירן, און דער טאטע איז איבערגעגאנגען צו אלעשינסקין און דאָרט אָפּגעארבעט גאנץ היפש, א יאָר צוויי צי דרײַ, אין מײַן זיקאָרן איז אפילע פארבליבן דער רייעך פון דער קלייט, ביז איצט געדענק איך די קעסטלעך מיט טשוועקעס, די פעסער מיט אייל, די אײַזן־פּאסן, דאָס אײַזן פאר שינעס און פיל אנדערס, איך געדענק די קנוילן דראָט, די קאָסעס, סערפּן, פּאָדקעוועס, די שלײַפשטיינער, זעגן, האמערס, שטריק, צײַמלעך. אלעשינסקי האָט ניט גענומען דעם טאטן פאר קיין שותּף, קיין שותּפים האָט ער ניט געדארפט, געווען א רײַכער מענטש, נאָר געצאָלט האָט ער ניט שלעכט: דער טאטע איז געווען א גוטער ארבעטער, די פויערים האָבן אים געאכטעט, דער טאטע האָט קיינעם ניט אָפּגענארט, ניט ארײַנגערוקט קיין שמאטע, און א פראָסטן מענטשן ארויסגעוויזן ניט ווייניקער אופמערקזאמקײַט, ווי א פּאָריץ, פאר אים זײַנען אלע געווען גלײַך. און, מעגלעך, אז דער טאטע וואָלט אזוי פארבליבן אפן גאנצן לעבן א מאָסקאטעלשטשיק, נאָר ס'האָט אלץ צעשטערט א סרייפע. ס'איז פארברענט געוואָרן די קראָם? ניין! ס'איז פארברענט געוואָרן ניט די קראָם, נאָר דעם טאטנס מאָסקאטעלנע קאריערע.

בא אונדז אין שטאָט איז געווען א פרײַוויליקע פײַערלעשער־דרוזשינע, אָדער קאָמאנדע, זי האָט געהייסן סײַ אזוי און סײַ אזוי. איך ווייס ניט, צי זײַנען פאראן אזעלכע פרײַוויליקע דרוזשינעס אויך אצינד, כ'מיין, אז עס זײַנען פאראן: אין א קליין שטעטל לוינט ניט צו האלטן קיין געצאָלטע פײַערלעשער־קאָמאנדע. ווען אין א שטעטל קומט פאָר א סרייפע, זעען עס

אַלע, יעדערער קאָן אַ זעץ טאָן אין גלאָק, און דעמלט זײַנען מעכויעוו די מיטגלידער פֿון דער פֿײַערלעשער־קאָמאַנדע, ווו זיי זאָלן ניט זײַן און מיט וואָס זיי זאָלן ניט זײַן פֿאַרנומען, אַלץ אוועקוואַרפֿן און גלײַך קומען אין דער פֿײַערלעשער־דעפּאָ, פֿאַשעטער געריעדט, אין דעם פֿײַערלעשער־שײַער, ווו עס שטייען גרייט פֿעסער מיט וואַסער און ס'הענגען פּאָמפּעס, שלאַנגען, שטריק, שטעקנס, — מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס עס פֿאָדערט זיך אָף צו לעשן אַ סרייפֿע.

בײַ אונדז איז געווען אַן ערשטקלאַסיקע פֿײַערלעשער־קאָמאַנדע. אַפֿילע אַליין דער הער גובערנאַטאָר פֿלעגט זאָגן, אַז ווען אין יעדער שטאָט, דאָרף און שטעטל פֿון זײַן גובערניע זאָל זײַן אַזאַ אויסגעצייכנטע קאָמאַנדע, וואָלט עס געווען אַ גליק פֿאַר דער באַפֿעלקערונג און באַזונדערס פֿאַר זייער פֿאַרמעגן, ווײַל בײַ אַ סרייפֿע ברענט פֿריִער דאָס פֿאַרמעגן, דערנאָך ברענען די, וואָס ראַטעווען דאָס האָזיקע פֿאַרמעגן.

אָנטיילנעמען אין דער פֿײַערלעשער־קאָמאַנדע האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ גרויסער ערע. אָנגענומען האָט מען אַהין מאַנצבלען איינס־און־איינס, געזונטע, שטאַרקע, דרייסטע און באַדאַכטע. און דעריבער האָבן די ווערטער „מיטגליד פֿון דער פֿרײַוויליקער פֿײַערלעשער־קאָמאַנדע” שוין אַליין פֿאַר זיך געדינט אַלס אַטעסטאַט פֿאַר אַ מאַנצבל, דעריקער פֿאַר אַ יונגן. אין דער שפּיץ פֿון דער פֿײַערלעשער־קאָמאַנדע איז געשטאַנען אַ דערפֿאַרענער, געשטעלטער און דרייסטער שעף, וועלכן די דרוזשינע פֿלעגט אויסקלײַבן, און אַלס שעף פֿון אונדזער דרוזשינע האָט מען אויסגעוויילט, פֿאַרשטייט זיך, דעם זיידן ראַכלענקאָ. צום אַלעם ערשטן האָט דער זיידע אַרויסגעטריבן פֿון דער קאָמאַנדע כאַיִם יאַגודינען, וועלכער האָט בײַ אַ סרייפֿע געטומלט, געשריגן, געפּאַכעט מיטן שטעקן און בלויז געשטערט. דער זיידע האָט באַפֿוילן נאָענט ניט צולאָזן כאַיִם יאַגודינען צו קיין סרייפֿע. דער זיידע איז געווען אַ מענטש אַ שטרענגער און הויך געהאַלטן די דיסציפּלין: יעדערער האָט געוווסט זײַן אָרט און וואָס ער דאַרף טאָן. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלע זין זײַנע, מײַנע פֿעטערס, זײַנען געווען מיטגלידער פֿון דער דרוזשינע, כעוורע געזונטע, העלדישע. און מײַן טאַטע, ווי אַ מיטגליד פֿון דער מישפּאָכע, איז אויך געווען אין דער דרוזשינע און בײַ אַ סרייפֿע מאָמענטאַל זיך געיאַוועט אָף דעם באַשטימטן אָרט.

און אָט האָט זיך געמאַכט אַ סרייפֿע: אין אַ מאַרק־טאָג האָבן זיך אָנגעצונדן עטלעכע קלייטלעך... דער טאַטע אײַלט, געוויינלעך, צום אָרט פֿון דער סרייפֿע, נאָר דער באַלעבאָס, אַלעשינסקי, לאָזט ניט, באַפֿוילט אַרויסטראָגן די סכוירע אָפֿן פֿאַל, אויב דאָס פֿײַער וועט זיך דערקלײַבן אַהער. נאָר באַם טאַטן זײַנען אָפֿן ערשטן פּלאַן די געזעלשאַפֿטלעכע פֿליכטן, ער הערט ניט דעם באַלעבאָס, אײַלט אָף דער סרייפֿע, לעשט צוזאַמען מיט דער דרוזשינע, און איז אַזוי פֿאַרכאַפּט, אַז ער באַמערקט ניט, ווי עס האָט זיך אָנגעצונדן די קלייט פֿון זײַן באַלעבאָס. און כאָטש די קלייט איז ניט פֿאַרברענט געוואָרן: ס'איז שוין געווען דער סאָף פֿון דער סרייפֿע, און די קלייט איז אַ שטיינערנע, און דערצו נאָך אַ פֿאַרסטראַכירטע, דאָס גאַנצע גוטס האָבן די מעשאָרסים באַוויזן אַרויסצושלעפּן, און אין אַלגעמיין האָט אַלעשינסקי גאָרניט פֿאַרלאָרן, נאָר ער האָט ניט געקענט מויכל זײַן דעם טאַטן, וואָס יענער האָט די געזעלשאַפֿטלעכע פֿליכטן געשטעלט העכער פֿון דעם באַלעבאָס' אינטערעסן. ער האָט זיך אָנגעהויבן טשעפּען, און דעם טאַטן איז אויסגעקומען אים פֿאַרלאָזן.

אין דער זעלבער צײַט, ניט געקוקט אָף דער מילכאָמע, האָבן פֿון דער שווייץ ניט אופגעהערט אָנצוקומען בריוו, זיי זײַנען געגאַנגען דורך אַ געדרייטן וועג, דורך שוועדן, וואָס איז געווען אַ נייטראַל לאַנד פּונקט ווי די שווייץ. און פֿאַרשטייט זיך, אַז אין די דאָזיקע בריוו איז ווי פֿריִער געשטעלט געוואָרן די פֿראַגע וועגן אַריבערפֿאָרן אין דער שווייץ. נאָר וועגן וואָס פֿאַר אַ פֿאָרן האָט געקאָנט גיין אַ רייד אין דער צײַט פֿון מילכאָמע? ס'איז אַ געלעכטער! אין דער שווייץ האָט מען ניט געהאַט קיין פֿאַרשטעלונג, וואָס אַזוינס איז קריג.

און אָט איז אויסגעבראָכן די רעוואָליוציע, דעם קייסער האָט מען אַראָפּגעוואָרפֿן, דעם טכום אָפּגעשאַפֿן, פֿאָר וווהין דו ווילסט, דערנאָך די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, די וועלטקריג האָט זיך געענדיקט, בריוו פֿון דער שווייץ זײַנען שוין געגאַנגען דורך אַ געוויינלעכן וועג, די פֿאָדערונגען אַריבערצופֿאָרן אין דער שווייץ זײַנען געוואָרן נאָך שטאַרקער, און אַליין דאָס אַריבערפֿאָרן מער רעאַלער. און אָף וויפֿל איך געדענק, איז דער זיידע ראַכלענקאָ געווען גענייגט צו דעם, אַז דער טאַטע מיט דער פֿאַמיליע זאָלן אוועקפֿאָרן אין דער שווייץ, דער זיידע האָט ליב געהאַט זײַן טאָכטער ראָכל, און יאַנקעוון, ווי אַן אייגענעם זון, און די אייניקלעך האָט ער ליב געהאַט, באַזונדערס דעם עלטערן, ליאָווען. נאָר דער זיידע האָט געזען, אַז דער איידעם זײַנער יאַנקעוו איז אינגאַנצן ניט צוגעפּאַסט צום היגן לעבן; אָן אַ פּראָפֿעסיע, אַ מעשאָרעס — דאָס איז קיין פּראָפֿעסיע ניט פֿאַר אַזאַ מענטשן. און אָף די פּאָדאַטש־

קעס פון דער שווייץ ווייסטו ניט דורכקומען, און ס׳איז פריקרע: א דערוואַקסענער מענטש, א טאַטע פון קינדער.

מע דאַרף פאָרן אין דער שווייץ... און דער טאַטע האָט, מיסטאָם, וועגן דעם געטרוימט, קלער איך...

נאָר די מאַמע — אין קיין פאַל ניט! „מיילע, איך האָב געקאָנט זײַן דער דריטער סאָרט, נאָר איך וויל ניט, אַז מײַנע קינדער זאָלן זײַן דריטסאָרטיקע. און זיצן אויפן האַלדז פון שווער־און־שוויגער וויל איך אויך ניט. און יאַנקעוו, אויב ער וויל, זאָל ער פאָרן אין זײַן באַזעל, אַרײַנטרעטן אין אוניווערסיטעט, און אַז ער וועט ווערן א דאָקטער, וועלן מיר דעמלט זען: אָדער ער וועט זיך אומקערן אַהער מיט א ספּעציאַליטעט, אָדער כאַסענע האָבן מיט איינער פון זײַנע פרישטשעוואַטע פּלעמעניצעס, מיט עפּעס אַן אויסגעדאַרטער שווייצאַרער וואַבלע, און מיר זאָל ער צושיקן א געט, ווײַ־ניט־איז וועל איך זיך דורכלעבן מיט די קינדער״.

אַזעלכע רייד אין יענע צײַטן! נאָר כאָטש מיר זײַנען שוין בײַ דער מאַמען געווען דרײַען, איז זי, ווי מענטשן דערציילן, ערשט אַרײַן אין סאַמע בלי פון איר שיינקייט. אין זיבעצנטן יאָר איז זי אײַנגעגאַנגען אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר, און וואָס איז אַזוינס פיר און צוואַנציק יאָר פאַר א קראַסאַוויצע? נאַטירלעך, אַז נאָך דעם, ווי מע האָט דרײַ קינדער, איז שווער צו פאַרהיטן די טאַליע. דערבײַ איז די מישפּאָכע אונדזערע א פּראָסטע, און געגעסן האָבן מיר וואָס גאָט האָט צוגעשיקט, און צוגעשיקט האָט ער אונדז ניט אַזוי אײַ־אײַ־אײַ, באַזונדערס בײַס דעם קריג, דעם וועלטקריג און בירגערקריג. אויב ס׳איז געווען א שטיקל ברויט, קאַרטאָפל און א הערינג, איז אויסגעצייכנט. אַזוי, אַז די מיידלשע טאַליע האָט די מאַמע, נאַטירלעך, ניט פאַרהיט. נאָר וואָס איז נעגייע דעם איבעריקן, געדענק איך, אַז ווען איך פלעג גיין מיט דער מאַמען אויפן מאַרק, האָב איך לויט דעם, וויאַזוי די מאַנצבלען האָבן, קוקנדיק אויף איר, געצאַקעט מיט די צינגער און זיך איבערגעוווּנקען, שוין דעמלט פאַרשטאַנען, כאָטש איך בין געווען א קליינער, אַז מײַן מאַמע איז ניט קיין געוויינלעכע. געגאַנגען איז זי איבערן מאַרק א הויכע, א שלאַנקע, ווי א קייסערינטע, און אַלע זײַנען אָפּגעטראָטן, מאַכנדיק איר א וועג.

דערמיט וויל איך זאָגן, אַז ווי א פרוי איז מײַן מוטער געווען אין זיך זיכער. נאָר איך קלער, אַז שוין צופיל. א קראַסאַוויצע אויף ניט צו געפינען, א באַלעבאָסטע, וואָס נאָך אַזעלכע איז ניטאָ, א טיכטיקע, קלוגע, אַן אויטאָריטעטע, נאָר דרײַ קינדער — דאָס איז אַזאַ פּרעמיע, נאָך וועלכער ניט יעדערער וועט קומען צו פליִען. צוערשט וועט מען א טראַכט געבן. און אויב עמעצער וועט נעמען א פרוי מיט דרײַ קינדער, איז עפּעס אַן אַלמען, וואָס וועט אונטערוואַרפן נאָך זײַנע פיר יעסוימים. די מאַמע האָט עס גוט פאַרשטאַנען און אויף קיין אַנדער שידעך, נאַטירלעך, ניט אויסגערעכנט, געוווּסט, אַז דערצו וועט עס קיינמאָל ניט דערגיין, זי האָט געוווּסט, אַז איר יאַנקעוו וועט אין ערגעץ זיך ניט אַהינטאָן, ווײַל ער איז צוגעזאָגטן געוואָרן צו איר מיטן האַרצן אויפן גאַנצן לעבן. און אָפּט דאַכט זיך מיר אויס, אַז טאַקע איבער איר דולן כאַראַקטער האָט דער טאַטע זי נאָך מער ליב געהאַט, געזשאַלעוועט, פאַרשטאַנען, אַז ניט מיט אַלעמען וועט זי זיך צוזאַמענלעבן, זי דאַרף נאָר אַזאַ מאַן, ווי ער, — א רויִקן, דעליקאַטן און ליבנדיקן.

טאַקע דערפאַר, ווײַל ער איז געווען אַזאַ מענטש, אַזאַ מאַן, האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אינעם שווערס שוסטער־וואַרשטאַט, ס׳הייסט בײַ מײַן זיידן ראַכלענקאָ. קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען.

ווען דײַנע ברידער זײַנען מעדיצין־דאָקטוירים און דײַן טאַטע פאַרמאָגט אין באַזעל א קליניק, איז א שוסטער־וואַרשטאַט ניט קיין צוקערקע. נו, און קוסיִעל פּלאָטקינס יאַטקע? און אַלעשינסקי דעם זשעליאַזניקס קלייט? דאָס זײַנען צוקערקעס?

אָבער פאָרט, אַרבעטנדיק בײַ קוסיִעלן אין דער יאַטקע, און דערנאָך אין דער מאָסקאָטעלנע קראָם, פלעגט דער טאַטע אַוועקגיין אויפן גאַנצן טאָג פון שטוב, ברענגען דעם געהאַלט און דאָס האָט קלוימערשט געהאַט אַן אויסזען פון זעלבשטענדיקייט. איך זאָג קלוימערשט, ווײַל אַלציינס זײַנען מיר געווען אָפּהענגיק פונעם זיידן, געלעבט אין זײַן הויז, גענוצט זיך מיט זײַן באַלעבאַטישקייט, און ווי איר פאַרשטייט, האָט מיט זײַן פאַרדינסט א פאַמיליע פון פינף מענטשן זיך ניט געקאָנט צעהיצן; כאָטש דער טאַטע איז געשטאַנען אין קראָם, נאָר ער איז געווען א מעשאָרעס און קיין איין קאָפּעקע אויסערן געהאַלט ניט געהאַט. און דאָך, כאַזער איך איבער, איז עפּעס אַן אויסזען פון זעלבשטענדיקייט דאָך געווען, כאָטש דערמיט, וואָס דער טאַטע פלעגט קומען אַהיים אין אָוונט, ווען אַלע האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן וועטשערע, ער האָט געגעסן אַליין, און געגעסן קלוימערשט זײַן וועטשערע. איצט אָבער, אַרבעטנדיק בײַם זיידן, איז דער טאַטע געווען אינגאַנצן אונטערטעניק דעם זיידן. קײַלעכדיקע מעסלעסן

האָט ער זיך געפונען אין זיידנס הויז, געגעסן מיט אלעמען צוזאמען, אינגאנצן געוואָרן א מיטגליד פון דעם זיידנס פאמיליע, און דאָס איז געווען א קאָמפּליצירטע, ניט קיין געוויינלעכע פאמיליע, און אליין דער זיידע איז געווען ניט קיין געוויינלעכער מענטש. פון איין זײַט — דער סאמע געשעצטער, דער סאמע געאכטעטער מיטגליד פון דער קעהילע, פון דער צווייטער — האָט ער געקענט אָן שום טײַנעס ארויסשלײַדערן אפּן ברוק קוסיעלס מעשאָרעס; פון איין זײַט, א גאבע אין שול, פון דער צווייטער — דער נאטשאלניק פון דער פרײַוויליקער פײַערלעשער־דרוזשינע. איר וואָלט געמעגט א קוק טאָן, וויאזוי דער זיידע האָט געיאָגט די פערד, ווען ער איז געפלויגן אף א סרייפע, זיי אונטערגעטריבן, געפײַפט ווי א קאָזאק, און וויאזוי ער האָט זיך געשאָלטן אין דער מאמען ארײַן און געקראָכן אין פײַער, דעמלט וואָלט איר פארשטאנען, וואָס פאר א קאָמפּליצירטער און ווידערשפּרעכיקער כאראקטער דאָס איז. און פאר מײַן פאָטער איז געווען ניט אזוי פאָשעט זיך צופּאסן צו אים.

## 4

מײַן זיידע ראכלענקאָ, דער ברייטפּלייציקער, שווארצבערדיקער, איז אויסגעוואקסן אף דער פעטער ערד פון אוקראַינע, אף די טיבע דאָרפישע וועגן, ווו זײַן טאטע, ס'הייסט מײַן אורזיידע, האָט געהאלטן א מין קרעטשמע, צוגעהאנדלט מיט בראנפן, און קאָן זײַן, נאָך מיט עפּעס, פארווערטן. ער האָט זיך געכאוועט מיט מענטשן, מיט וועלכע אָן אָנשטענדיקער מענטש וואָלט זיך געדארפט האלטן פונדערווײַטנס. דער זיידע איז פון קינדווײַז אָן געווען א געוואגטער און א לײַטישער. די קרעטשמע האָט ער ניט ליב געהאט, און ער איז, נאָך אינגאנצן א יינגל פון פערצן אָדער פופצן יאָר, אוועק פון דער היים אף דער בויונג פון דער ליבאווע—ראָמענסקער אײַזנבאן־ליניע, געטאסקעט שפּאלעס. די ארבעט איז פאר אים געווען אָן אנגעמאָסטענע, ווײַל פיזישע קרעפטן האָט ער פארמאָגט אויסערגעוויינלעכע. און ער האָט ריכטיק געטאָן, וואָס ער איז אוועק פון שטוב. דאָרט, ווו א קרעטשמע, דאָרט איז בראנפן, דאָרט, ווו בראנפן — דאָרט זײַנען געשלעגן, ווו עס זײַנען געשלעגן — דאָרט זײַנען הארִיגעס. און אָט האָט דער אורזיידע בײַס א געשלעג געגעבן א נעריק א מענטשן, און יענער איז אין עטלעכע טעג ארום געשטאָרבן. מעגלעך, אז געשטאָרבן איז ער ניט דערפון, וואָס דער אורזיידע האָט אים א זעץ געטאָן, נאָר אין דאָרף האָט מען יענעמס טויט פארבונדן מיט דעם געשלעג, און דער אורזיידע האָט געמוזט אנטלויפן פון דאָרט, און דערפאר האָט מען אים בא אונדז אין שטאָט געגעבן א צונעמעניש „דראלע”, ס'הייסט דער אנטלאָפענער.

נאָך דער זיידע איז דערבײַ ניט געווען, ער האָט געארבעט אף דער בויונג פון ליבאווע—ראָמענסקער אײַזנבאן־ליניע, געשלעפּט שפּאלעס און שוין פון פערצן יאָר געלעבט זעלבשטענדיק.

איך האָב עטלעכע מאָל אײַך געזאָגט, אז מײַנע עלטערן, יאנקעוו און ראכיל, זײַנען געווען זייער שיינע מענטשן. זייער שיינע. נאָר זייער שיינקײַט האָט זיך ניט געקאָנט גלײַכן מיט דער שיינקײַט פון מײַן זיידן. אזעלכע קראסאווצעס, מיין איך, ווערן געבוירן איין מאָל אין הונדערט יאָר. ער האָט פארמאָגט אָן אויסערגעוויינלעך ווײַס פּאָנעם מיט ברייטע קינבאקן. א שווארצע ציגײַנערישע באָרד, א הויכן ווײַסן שטערן, גלײַכע בלאנקענדיקע ציין און וווּנדערלעכע עטוואָס קאָסע „יאפּאָנישע” אויגן מיט בלאָווע ווײַסלעך. פארן קריג זײַנען מיר מיט אים געפאָרן קיין לענינגראד, ער איז שוין געווען טיף אין די זיבעציקער, נאָר ווען מיר זײַנען געגאנגען איבער נעווסקי, האָבן מענטשן זיך אויסגעקערעוועט און אונדז נאָכגעקוקט. מײַן מאמע ראכיל האָט געהאט אין וועמען געראָטן צו זײַן.

די בויונג פונעם וועג האָט זיך פארענדיקט, און דער זיידע איז אוועקגעפאָרן קיין אָדעס, אנגעקומען אין א שוסטער־געשעפט און געוואָרן א גוטער ספּעציאַליסט פון דעם פאך. ער איז געווען א געשעפטלעכער, ארבעטזאמער, א מענטש פון וואָרט, ניט ליב געהאט צו פּלאפּלען און וואָלט, געוויס, פיל דערגרייכט אין אָדעס. נאָר אָדעס!! הײַנט — איין פּאָגראָם, מאָרגן א צווייטער פּאָגראָם, און דער זיידע איז ניט געווען פון די מענטשן, וואָס זאָל זיך לאָזן באליידיקן, לאָזן זיך צעמאזיקן. ער האָט אליין געקאָנט צעמאזיקן וועמען איר ווילט. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? סאָפּקאָלסאָף איז אים דערעסן געוואָרן די דאָזיקע מוזיק און ער איז אוועקגעפאָרן קיין ארגענטינע. געלעבט דאָרט א יאָר, נאָר ארגענטינע איז אים ניט געפעלן געוואָרן: ערשטנס, האָט ער, ווי זײַן טאָכטער ראכיל, געבענקט נאָך דער היים, געווען צוגע־

בונדן צו די אייגענע ערטער, צווייטנס, כאָטש ער האָט געשעמט מיט זײַן זאַכלעכקייט, איז ער קיין „מאכער” ניט געווען, ער האָט אָנגעטרויט מענטשן און איז געווינט געווען, אז מע זאָל אים געטרויען, ער האָט ניט געקאָנט זיך דרייען, געווען אַן אָפענער באַסערוועדאָם, און וואָס האָט אים געקאָנט קלאָר זײַן אין ארגענטינע: ער האָט ניט געקענט די שפּראַך, די מענטשן, זייערע מינהאָגים. קורץ, ער האָט זיך אומגעקערט אין זײַן לײַבלעכער שטאָט און זיך פאַרנומען מיט שוסטערײַ, מיט דעם, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט, ווינענדיק אין אָדעס. און ווײַל ער האָט די ארבעט זײַנע געקענט און אונדזער אומגעגנט איז רײַך געווען מיט פּי, און עס זײַנען געווען לעדערניקעס, און מיט דער צײַט האָט זיך געעפנט א לעדער־זאַוואָד, האָט דער זיידע גלײַך פאַרשטאַנען די קאָניונקטור, און דאָס געשעפט איז בא אים אוועק א גאַנג. דערנאָך זײַנען אונטערגעוואַקסן די זין.

וואָס איז אַזוינס שוסטערײַ? איך וועל אײַך זאָגן אַזוי: א שוך איז, אויב איר ווילט וויסן, דער סאַמע וויכטיקסטער טייל פון דעם מענטשנס טואַלעט. און ווי?אַזוי באַציט מען זיך צו אים? וואָס איז אַזוינס א שוסטער? א שוסטער איז דער לעצטער מענטש, אָט וואָס א שוסטער איז. א שנײַדער — דאָס קלינגט. גוט אופנייען א קאָסטיום איז קונסט. און א שוסטער? טופל קויפן מיר גרייטע, נאָר א קאָסטיום סטאַרען מיר זיך אופנייען לויט א באַשטעלונג. און מע דאַרף פאַרקערט. מע דאַרף נייען סטאַנדאַרטע קאָסטיומען, פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס פון וווּקס און פולקייט, און נאָך בעסער — האָבן גרייטן שניט פון האַלבפאַבריקאַטן, מע זאָל פאַר א שאָ, צוויי צופּאַסן אים פאַרן קוינע. אַזוי טוט זיך טאַקע אין פיל לענדער. סאָפּקאָלסאָף, אויב דער קאָסטיום איז אַף אײַך עטוואָס געראַמער, איז דאָס בלויז אַן עסטעטישער פעלער, איר זעט פאָשעט ניט אויס ווי קיין אָפּגעטאָקטער אַפּאַלאָן, ווי איר טראַכט וועגן זיך, דאָס ברענגט שאָדן אײַער אייגנליבע, נאָר ניט דעם געזונט. א צווייטע זאַך איז א שוך. א פּראַקטיקער מיט א פיליאַריקער דערפאַרונג, ווײַל איך אײַך זאָגן: קיין איין טייל פונעם קערפּער איז ניט אַזוי פילבאַר צום אָנטאָן, ווי דער פוס צום שוך. ווער עס האָט געדינט אין ארמיי, ווייסט: דעריקער זײַנען די שטיול. ווען די שינעל איז אויסגעפּאַסט לויט דער פיגור, זעט אויס דער סאָלדאַט בראַוו, נאָר אויב ער זעט אויס ניט אַזא בראַוווער, איז עס אויך ניט שרעקלעך, קעמפן קאָן מען. נאָר ווען עס קוועטשט א שטיול, זײַט איר שוין קיין סאָלדאַט ניט! אלע פאָלקנפירער, אָנהייבנדיק פון יולי צעזאַר, האָבן פרי?ער פאַר אַלץ געלייגט אַכט אַף די שיך. איך זאָג אײַך ווי א ספּעציאַליסט: אונדזערע פיס זײַנען אַף אַזויפיל קאַליע געוואָרן פון די שיך, אַז א נאָרמאַלן, געזונטן און ריכטיקן פוס קאָן מען זען נאָר בא אַן ערשט געבוירן קינד. ווי נאָר דאָס קינד האָט אָנגעטאָן זײַן ערשט שיכעלע — איז אויס! פון דעם מאָמענט הייבט ער אָן צו קאַליעטשען דעם פוס מיט סטאַנדאַרטע און מאָדערנע שיך. אין מעשעך פון יאָרהונדערטער האָט ניט דער שוך זיך צוגעפּאַסט צום פוס, נאָר דער פוס צום שוך. און צו וואָס זײַנען מיר דערגאַנגען? וואָס פאַר א פוס זעט איצט פאַר זיך דער שוסטער? די פינגער זײַנען צונויפגעקוועטשט, אויסגעקרימט, אָנגערוקט איינער אַפן אַנדערן, דער גרויסער פינגער איז פון גלײַך געוואָרן קאָסע, דער קלייננקער פינגער איז אינגאַנצן פאַרקריפּלט, צוגעפּלעטשט צום פּערטן, ס'איז צעשעדיקט די אַקס און דער אָנשפּאַר פון טראָט, ער האָט פאַרלוירן די עלאַסטישקייט, און דאָס באַטײַט, אַז ער האָט מוירע פאַרן וועג... דער שוסטער זעט מאָזאָליעס, בלאָטערן, וווּנדן, ארײַנגעוואַקסענע נעגל, אָפּגעריבענע פּיאַטעס, פּלאַכטריט... גאָר ניט קיין אויסגעשפּילט בילד, און דאָס אַלץ איז איבער שלעכטע, ניט ריכטיקע, שוין צו סטאַנדאַרטע אָדער צופיל מאָדערנע שיך.

אנטשולדיקט, איך האָב צו געגנוי זיך אָפּגעשטעלט דערויף, נאָר יעדער מענטש האָט א שוואַכקייט — ריידן וועגן זײַן פאַך. דער מענטש רעדט וועגן דעם, וואָס עס טוט אים וויי, כאָטש ס'קאָן גאָר זײַן, אז דעם אַנדערן אינטערעסירן ניט דײַנע ווייטעקן. כ'וועל זאָגן נאָר איינס: א שוך דאַרף פאַרהיטן דעם פוס אַזוי, ווי די נאַטור האָט אים באַשאַפן. דער אידעאַל וואָלט זײַן, ווען יעדער איינער זאָל האָבן זײַן קאָפּיטע. נאָר קעגן פּראָגרעס וועסטו ניט גיין, און דער פּראָגרעס — דאָס איז מאַסן־פּראָדוקציע. קעגן דער מאָדע וועסטו זיך אויך ניט שטעלן — אַזוי איז באַשאַפן דער מענטש, אַלעמען דערלאַנג די מאָדע. און דאָך בייס דער מאַסן־פּראָדוקציע און בייס דער אינדיווידועלער באַשטעלונג דאַרף מען געדענקען וועגן דער הויפּט־זאַך — וועגן פוס.

אין יענע צײַטן, וועגן וועלכע איך דערצייל, איז די מאַסן־פּראָדוקציע נאָך ניט געווען אַזוי אַנטוויקלט און פיל מענטשן האָבן געהאַלטן פון באַשטעלן שוכוואַרג, לויט דער מאָדע, פאַרשטייט זיך, נאָר די מאָדעס האָבן זיך געענדערט ניט אַזוי אָפט, ווי איצט. דער זיידע האָט אײַנגעאָרדנט זײַן געשעפט מיט קאָפּ, באַדאַכט, דאָס באַליביקע לעדער איז פאַראַן אונטער דער האַנט, ער האָט געגנייט סײַ מענער־שיך, סײַ דאַמען־שיך, פונעם אָנהייב ביזן סאָף, פון

דער מאָס ביזן גרייטן שוך. ער איז אליין געווען א מײַסטער, און די געזעלן זײַנען געווען מײַסטערס, און די זין, עמעס ניט אלע, זײַנען אויך געוואָרן שוסטערס, און די אייניקלעך. איך און מײַן עלטערער ברודער ליאָווע האָבן פון דרײַצניאָריקן עלטער אָנגעהויבן ארבעטן באם זיידן, — די מישפּאָכע איז א גרויסע, און דער פאָטער אונדזערער, ווי איר ווייסט, איז געווען א מענטש אָן א פאך. דעמלט, דאָס איז שוין געווען באַ דער ראטנמאכט, האָט מען די ייִנגלעך דערלויבט ארבעטן פון פערצן יאָר, נאָר דער זיידע איז געווען א קוסטאר, און מײַן טאטע האָט זיך אויך גערעכנט פאר א קוסטאר, און איך מיטן ברודער ליאָווע האָבן זיי געהאָלפן, ווי מיטגלידער פון דער מישפאָכע.

איר פילט די סיטואַציע? דער פאָטער איז אין ווארשטאט אין דער זעלבער לאגע, ווי מיר, אף די צווייטע ראָלן, ער האָט געטאָן צווייטראנגיקע ארבעטן: צוגעקלאפט אָפּצאסן, פאָדעשוועס, צוגעבייט קנעפלעך, פארשריבן די באשטעלונגען, ווען דער זיידע פלעגט אראָפּנעמען א מאָס. מיט איין וואָרט, ניט גאָר קיין געהויבענע באשעפטיקונגען און ניט גאָר קיין סאָלידע קאָלעגן — די אייגענע קליינע קינדער. נאָר וואָס קאָנסטו מאכן? און כאָטש מיר האָבן געלעבט מיטן זיידן אונטער איין דאך, געלעבט ווי איין מישפאָכע, נאָר א דאך — איז א דאך, א מישפאָכע — איז א מישפאָכע, און געשעפט — איז געשעפט. און פארן זיידן איז דאָס געשעפט געשטאנען אפן ערשטן פלאן, אף זײַנע געשעפטן האָט זיך געהאלטן די מישפאָכע און די מישפאָכעס פון זײַנע קינדער, און די מישפאָכעס פון זײַנע געהילפן; דער זיידע אליין האָט געארבעט ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ, און פון אנדערע געפאָדערט דאָס זעלבע, פאר קיינעם ניט געמאכט קיין אויסנאַם: ניט פאר די זין, ניט פאר די אייניקלעך, ניט פאר די געהילפן, ניט פאר דעם איידעם, — און אויב דער איידעם האָט שלעכט צוגעקלאפט דעם קנאפל, האָט דער זיידע געקאָנט א שלײַדער טאָן דעם שוך, און דער איידעם האָט אים געדארפט אופהייבן, דאָס איז געווען זייער דערנידעריקנדיק. נאָך ער האָט פארשטאנען, אז דער זיידע טוט עס ניט פאר שלעכטקײַט, אז ער פאָדערט עכטע ארבעט, און מע דארף ארבעטן און דאָס איבערטראָגן, און ער האָט געארבעט און דאָס געליטן.

ערגער איז באשטאנען דער איניען אין דער צווייטער העלפט פון הויז. די ערשטע העלפט איז געווען דער ווארשטאט, די צווייטע — די וווינונג. און אָט איז אין דער אנדערער העלפט דער איניען געווען קאָמפּליצירטער. מע דארף נאָך אין זינען האָבן, אז דאָרטן האָבן געלעבט צוויי מישפאָכעס — דעם זיידנס מישפאָכע און אונדזער מישפאָכע. אין זיידנס מישפאָכע איז דער זיידע געווען דער אכטער, און אונדזערע דערווײַל פינף. א טוץ מיט א שמיציק! און אלע מענטשן מיט כאראקטערס. אָפט ניט קיין געצוימטע, קיין באדאכטע, דאָס איז ניט, פארשטייט איר מיך, דאָס אויסגעיידלטע דאָקטערישע דײַטשישע הויז, דאָס איז א הויז פון א שוסטער אין א קליינער שטאָט אף אוקראַינע, און דאָס הויז איז א גאנצע וועלט, און צופאסן זיך צו דער דאָזיקער וועלט איז פארן פאָטער געווען ניט לײַכט.

א ווײַב האָט דער זיידע זיך גענומען פון האָמעל. ער איז א סאך ארומגעפאָרן. אויב ער האָט זיך דערקליבן קיין ארגענטינע, איז וועגן האָמעל ניטאָ וואָס צו ריידן. אין האָמעל האָט די באָבע געארבעט אין א שערערײַ, געמאכט פאריקן. אין יענער צײַט האָבן גאָטספאָרכטיקע פרויען געטראָגן שלייערס, די אייגענע האָר האָט מען אָפּגעשוירן, ניט אינגאנצן, פארשטייט זיך, ניט הויל געמאכט דעם קאָפּ, א ביסל האָר האָט מען געלאָזט, קעדיי ניט אויסזען פליכעוואטע אָן דעם שלייער; ווי איר פארשטייט, האָבן זיי צום מאן אין בעט זיך געלייגט אָנעם פאריק, און צווישן מענטשן אים צוריק אָנגעטאָן, צוגעבונדן א צאָפּ. פון וואָס דאָס האָט זיך גענומען, ווייס איך ניט, אזא איז געווען דער רעליגיִעזער מינהעג.

אזויארום האָט מיידלווײַז די באָבע געלעבט אין האָמעל, געארבעט אין א שערערײַ, ערגעץ האָבן זיי זיך מיטן זיידן באגעגנט, זיך פארליבט איינס אינעם אנדערן און באשלאָסן כאסענע האָבן. פארן זיידן איז עס געווען גאָרניט פאָשעט: א שיינער יונג, ער האָט פיל ארומגערײַזט, געווען צוגעוווינט צו א באָכעריש לעבן, און איר פארשטייט, צו וואָס פאר א באָכעריש לעבן — פרויען זײַנען פון אים ניט אָפּגעטראָטן, און אים איז געווען ניט אזוי לײַכט צו מאכן א סאָף דערצו, מאכן א קנופּ און כאסענע האָבן מיט דער באָבען. נאָר אויך פאר דער באָבען איז געווען ניט פאָשעט גיין מיט אים צו דער כופּע. נאָר דאָ איז די פראָבלעם געווען גאָר אַן אנדערע. איר טאטע איז געווען א באלעגאָלע, און אין יענער צײַט זײַנען די צעכישע פארבינדונגען געווען זייער פעסטע, די באלעגאָלעס האָבן אָפט געלעבט אף איין גאס, כאסענע געמאכט זייערע זין מיט די טעכטער פון די שכיינים — און אף אזא אופן האָבן זיך פארייניקט און פארשטארקט זייערע געשעפטן. צו דער באָבען, ווי צו א טאָכטער פון א בינדיוזשניק, האָט זיך געשאדכנט אויך א זון פון א בינדיוזשניק, אליין א בינדיוזשניק, און אָט דער כאסן האָט אונטערגערעדט זײַנע גוטעברידער לויטן צעך אָנברעכן דעם זיידן די ביינער,

יענעם זאָל זיך מער ניט גלוסטן אָפּשלאָגן פרעמדע קאָלעס, דעריקער נאָך פון אן אנדער שטאָט און פון אן אנדער צעך.

איינמאָל איז דער זיידע אראָפּגעקומען קיין האָמעל, ארײַנגעגאנגען צו דער באָבען, א ביסל געזעסן, דערנאָך איז די באָבע געגאנגען אים באגלייטן צום וואָקזאל. און אָט דאָ, אפן וואָקזאל, האָבן די בינדיוזשניקעס זיך אָנגעוואָרפן אפן זיידן.

איר האָט אמאָל געזען, וויאזוי עס שלאָגן זיך בינדיוזשניקעס? זיי שלאָגן זיך אף טויט, שלאָגן זיך מיט אײַזערנע לאָמען, מיט וועלכע מע פארדרייט די שטריק אף די טעלעגעס. איר פארשטייט אליין: איין זאך, אז מע טוט אײַך א טעלעבענץ איבערן קאָפּ מיט א פויסט צי אפילע מיט א פלאש, נאָר אינגאנצן אנדערש — אויב מיט אן אײַזערנעם לאָם. נאָר דער זיידע האָט באוויזן ארויסכאַפּן בא איין פורמאן דעם לאָם און, אָפּשלאָגנדיק זיך, ארײַנגעלאָפן אין וואָקזאל. נאָך אים האָבן זיך ארײַנגעריסן די באלעגאָלעס. פרויען האָבן געשריגן, קינדער האָבן געוויינט, די נאטשאלסטווע פון דער סטאנציע האָט זיך באהאלטן; די דאָזיקע נאטשאל־ניקעס זײַנען דרייסט, ווען זיי האָבן צו טאָן מיט א פאסאזשיר אָן א בילעט, נאָר ווען זיי דערזעען א צעווילדעוועטע כאָפּטע בינדיוזשניקעס מיט אײַזערנע לאָמען אין די הענט, פאלט בא זיי ארויס די נעשאָמע און זיי באהאלטן זיך. קיין שום נאטשאלסטווע אין דער וועלט קאָן אזוי זיך ניט באהאלטן, ווי די אײַזנבאן־נאטשאלסטווע. ווען אין קאסע זײַנען ניטאָ קיין בי־לעטן און איר דארפט דרינגענד פאָרן, פרווווט דעמלט געפינען, מע רעדט שוין ניט וועגן דעם נאטשאלניק פונעם וואָקזאל, נאָר כאָטשבי דעם דעזשורנע — אין קיין פאל וועט איר אים ניט געפינען. דער זיידע איז געווען איינער קעגן א צענדליק ווילדגעוואָרענע בינדיוזשניקעס, וועלכע זײַנען גרייט געווען מיט זייערע לאָמען מאכן פון אים א קאָטלעט. נאָר דער זיידע איז געווען ניט דער מענטש, פון וועלכן מע קאָן מאכן קאָטלעטן. מיט דעם לאָם אין די הענט האָט ער זיך דורכגעשלאָגן צוריק אפן פלאַץ, געכאַפּט זײַן קאָלע, מײַן קומענדיקע באָבע, ארומגעלאָפן מיט איר ארום וואָקזאל, ארײַנגעשפרונגען אין צוג און אוועקגעפאָרן צו זיך אין דער שטאָט, און דאָרט האָבן זיי כאסענע געהאַט.

נאָר כאָטש דער זיידע האָט זײַן קאָלע באקומען, קאָן מען זאָגן, אפן שלאכטפעלד, און ריזיקירנדיק דערבײַ מיטן לעבן זי ארויסגעטראָגן אף די הענט, האָט ער אין דער היים אף די הענט זי ניט געטראָגן. און דאָס לעבן פון דער באָבען איז גאָר ניט אזוי זיס געווען. דער זיידע איז געווען א מענטש א שווערער, א שטרענגער, אין שטייגער זייער אן אקוראטער און באלע־באטישער. די באָבע האָט אָבער פון די יונגע יאָרן געמאכט פאריקן אין דער שערערײַ און צו דער שטוביקער ארבעט ניט צוגעוווינט געווען, זי איז אינגאנצן, צום באדויערן, ניט געווען קיין באלעבאָסטע און אפילע ניט זייער קיין אקוראטע, ס׳הייסט ניט קיין אָפּגעלאָזענע, נאָר ניט מעשוגע געווען צוליב ציכטיקײַט, ווי אלע ראכלענקאָס, דערין אויך מײַן מאמע, דאָס האָט זי געיארשנט באַם זיידן, און ניט בא דער באָבען. און די באָבע, א שטילע, א שווײַגערן, זייער א פרומע, האָט נאָך דער כאסענע אינגאנצן זיך פארלוירן. דער זיידע האָט געפאָדערט, אז אין שטוב זאָל זײַן ציכטיק, אז אלץ זאָל זײַן צו דער צײַט, לויטן זייגער. און אוילעם איז געווען א סאך, און קינדער האָבן זיך א שאָט געטאָן... ביסלעכווײַז האָט די באָבע, נאטירלעך, זיך צוגעוווינט, נאָר פון אָנפאנג זײַנען געווען מיספארשטייענישן, זי האָט גלײַך ניט געקאָנט זיך אנידערשטעלן, ניט געקאָנט פארנעמען אין הויז דאָס עמעסע אָרט, שפילן א פּאָזיטיווע ראָל: דער ערשטער מענטש איז געווען דער זיידע סײַ פאר איר, סײַ פאר די קינדער, סײַ פאר די איינִיקלעך און פאר די שכיינים — מיט איין וואָרט, פאר אלע. און כאָטש די באָבע האָט מיט דער צײַט זיך אָנגעהויבן ספראווען מיט דער באלעבאטישקײַט און מיט דער מישפּאָכע, נאָר שוין אזוי פארבליבן אפן צווייטן אָרט. דער ערשטער איז געווען דער זיידע, נו און דער צווייטער מענטש איז געוואָרן מײַן מאמע, א האָרעפּאשניצע, א באלעבאָסטע מיט א כאראַקטער, אן אקוראטע; אָנבינדנדיק דעם זיידן איר מישפּאָכע, האָט זי געהאלטן פאר א כויוו צו ארבעטן פאר צוויי, געקאָכט פאר אלעמען, געראַמט פאר אלע, ארומגעזען די בעהיימע — אין אלגעמיין זיך ספראווועט מיט דער גאנצער באלעבאטישקײַט. נאָר געטאָן האָט זי דאָס ניט ווי קיין מיטהעלפערן פון איר מוטער, ס׳הייסט פון מײַן באָבען, נאָר, אזוי צו זאָגן, אָפּשטויסנדיק זי פון דער אָנפירונג, און דערמיט נאָך מער אראָפּגעזעצט יענערס ראָל אין שטוב. און דער זיידע איז אף דעם אײַנגעגאנגען. פאר אים איז קוידעמקאָל וויכטיק געווען, אז אין שטוב זאָל זײַן אן אָרדענונג, אז די שטוביקע אומשטענדן זאָלן ניט שטערן, נאָר פארקערט, מיטהעלפן זײַנע שוסטער־געשעפטן, און וועגן קיין שום אייגנליבע און פאנאנדערשטעלונג פון די קרעפטן האָט ער ווייניק וואָס געטראכט, פאר דעם אײַנציקן רעאלן קויעך אין הויז האָט ער געהאלטן זיך זעלבסט.

קיין זאך האָט מײַן טאטע, נאטירלעך, ניט געקאָנט ענדערן, ער איז געקומען אין זיידנס

הויז, ווי א פּרימאַק, און זיך ניט אַרײַנגעמישט אינעם פרעמדן לעבן. נאָר פונעם ערשטן טאָג אָן געגומען אַרויסווײַזן דער באָבען אויפמערקזאַמקײַט און אכטונג. צו דעם איז מען דאָ ניט צוגעוווינט געווען. און אָט די אויפמערקזאַמקײַט האָט פאַר זיך געקלונגען ווי א מין פּראָטעסט. נאָך מער, דער טאַטע האָט געצוווּנגען אויך מײַן מאַמען זיך באַציִען צו דער באָבען מיט אכטונג, און די מאַמע האָט, ניט אַרויסלאָזנדיק פון די הענט דאָס צײַמל, נאָכגעפאָלגט דעם טאַטנס בײַשפּיל. מעגלעך דערפאַר, וואָס זי האָט געפילט א באַשטימטע שולד קעגן אים. ניט וועלנדיק אים דערצאָרענען, האָט זי אויפגעהערט קאַמאַנדעווען מיט דער באָבען, און געווען צו איר, ווי זי האָט געקענט, אויפמערקזאַם. יעדנפאַלס זיך ניט געקריגט און ניט ווידערשפּעניקט איר.

א גאַנצע וואָך איז געווען טומלדיק, אַלע זײַנען געווען באַשעפטיקט: באַשטעלער, קוינים, צושטעלער, אַרבעט, לויפעניש — באַזונדערס טומלדיק איז געווען אין די מאַרק־טעג, ווען עס זײַנען געקומען צו פאָרן די אַרומיקע פויערים. שטיל איז געווען פרײַטיקצונאַכטס און שאַבעס. דער טיש איז פאַרשפּרייט מיט א פּערלדיק־ווײַסן טישטעך, די ליכט שימערן מיט א מאַטער שײַן, עס שמעקט מיט געפילטע פיש און פרישער כאַלע, דער זיידע, א ברייטפּלייציקער, א שיינער, שפּאַנט אַרום איבערן צימער און מורמלט א פאַרנאַכטיקע טפילע. און שאַבעס, אינעם נײַעם סורדעט און אין נײַעם היטל, גייט ער פּאַמעלעך, פאַרלייגט די הענט אַף דער פּלייצע, אין שול אַרײַן. איך פלעג טראָגן דעם סידער נאָך אים און דעם טאַלעס אין א סאַמעטן זעקעלע. כ'בין נאָך ניט אַלט קיין דרײַצן יאָר — קיין באַרמיצווע ניט געוואָרן. גיי איך נאָך דעם זיידן, שלײַדער מיט די פיס שטיינדלעך און הוידע זיך אַף די צעשאָקלטע ברעטער פונעם הילצערנעם טראָטואַר.

איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז דער זיידע איז געווען דער גאַבע פון דער שול, דער כאַשעווסטער מענטש, קאָן מען זאָגן, אין דער קעהילע. נאָר צי איז ער ווירקלעך געווען א טיף גלייביקער, אַזאַ, ווי צום בײַשפּיל, די באָבע, קאָן איך ניט זאָגן. אינעם גאַנצן אומבליק פון דער באָבען איז געווען עפּעס רעליגיִעזס, ניט קיין גאָטס סטראַפּטשע, ניט קיין פרומאַקישע באַגײַסטערונג, נאָר דורכדרינגלעך־רעליגיִעזס, רויִקס, אַפילע א מין אָפּגעשיידטקײַט. אין א טונקלער בלוזקע, טונקל קלייד מיט א ברייטן קאָרסאַזש, אין א שוואַרצער, פון דער האַנט אויסגענייטער, פּאַטשיילע, א שטילע, נאָר אָן אַנזיכטיקע, איז זי געגאַנגען אין שול אַרײַן אָן א סידער: דער סידער אירער איז שטענדיק געלעגן אין שול, אין שאַפּקעלע אונטערן געזעס; אין דער היים איז אַף איר נאַכט־טישל געלעגן אַן אַנדערער. דער זיידע איז געווען ניט אַזאַ פרומער, ניט אַזאַ גלייביקער. פאַר אים איז די רעליגיע געווען, גיכער, די פאָרם פון זײַן נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, א יאָמטעוו, אַן אָפּרו פון מי און זאָרג, דער גרונט פון דער ווירקלעכקײַט, אין וועלכער ער האָט געלעבט. ער איז פריִער פאַר אַלץ געווען א מענטש פון טאַט, א מענטש פון קאָנקרעטן וואָרט. פאַרשטייט זיך, אַז עס זײַנען געווען שוסטערס, וועלכע האָבן, זיצנדיק אַפן דרייפוס און סמיקענדיק א דראַטווע אָדער אַרײַנקלאַפּנדיק א צוואָק, געכקירעט וועגן וועלט־פּראָבלעמען. דער זיידע האָט קיינמאָל ניט געכקירעט וועגן קיין וועלט־פּראָבלעמען. אויב איר ווילט וויסן, ביכלאַל ניט דיסקוטירט אין דעם עכטן זין פון דעם דאָזיקן וואָרט. ער האָט שווײַגנדיק אויסגעהערט אַנדערע, אַלץ אַרומגעטראַכט און דערנאָך קורץ און קלאָר געמאָלדן וועגן זײַן באַשלוס. און אויב דער זיידע האָט געראָטן דעם קליִענט טאָן אַזוי און ניט אַנדערש, מאַכן אַף אַזאַ אויפן און ניט אַף קיין אַנדערן, האָט דער קליִענט געמאַכט אַזוי, ווי עס האָט פאָרגעשלאָגן דער זיידע, ער האָט געוווּסט, אַז אַוראָם ראַכלענקאָ וועט קיינמאָל זײַנע אייגענע אינטערעסן ניט שטעלן העכער פון דעם קליִענטס אינטערעסן. ער איז געווען א געזעלשאַפטלעכער מענטש ניט צוליב ערעגײַציקײַט, נאָר דערפאַר, ווײַל אין געזעלשאַפטלעכע איניאָנים האָט ער געקענט באַווײַזן זײַן גערעכטיקײַט.

אין שטאָט בא אונדז האָט געלעבט איינער א גוויר פריידקין, ער האָט געהאַט א מעלגעשעפט. געלעבט האָט ער ברייט, אַף דער כאַסענע פון זײַן זון האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן בא אונדז אין שטאָט אַן אויטאָמאָביל, ער האָט אים ספּעציִעל אויסגעשריבן פון טשערניגאָוו אָדער האָמעל. דער מענטש האָט ליב געהאַט זיך א באַרים טאָן. נאָר ווי יעדער גוויר, געווען קאַרג פאַר יענעם. אָרעמעלײַט האָבן געקויפט בא אים מעל, געבאַקן ברויט, כאַלע, פּירעזשקעס און פאַרקויפט אַפן מאַרק. וואָס האָבן זיי דערבײַ פאַרדינט? גראָשנס. נו, און אויב דער פאַרדינסט איז א גראָשנדיקער, איז פון וואָס קאָן אַזאַ קאָמערסאַנט צונויפשלאָגן א ביסל געלט? און אַז ס'איז ניטאָ קיין פאַרקער־קאַפּיטאַל, קומט אויס נעמען מעל אין קרעדיט, אַף באָרג. און פריידקין, ווי יעדער באַלעגוף, האָט פאַר דעם קרעדיט גענומען פּראָצענטן. די אָרעמעלײַט האָבן קיין אַנדער בריירע ניט, נאָר ווען עס האָט צוגעשפּאַרט אַזוי, אַז דעם כויוו איז ניט געווען מיט וואָס צו דעקן, און מעל דאַרף מען, איז דעמלט דער פּראָצענט אַוועק אַף פּראָצענט, מיט איין וואָרט — א יאַך, קנעכטשאַפט. אַפן אַלטן מאַרק האָט געוווינט אַן אַלמאָנע

מיט דער פֿאַמיליע גאַראַדיעצקאַיאַ, אַן אָרעמע, אַ קוויטיקע, אַן אָפּגעשליסענע. געהאַט האָט זי דאָס, וואָס עס האָבן אַלע אָרעמע אַלמאָנעס, — אַ בינטל קינדער, פּונקט אַזעלכע קוויטיקע און אָפּגעריסענע, ווי זי אַליין. זי האָט געבאַקן בולקעס און פֿאַרקויפֿט אויפֿן מאַרק, און ווי איך האָב שוין געזאָגט, פֿאַרדינט דערויף גראָשנס און פֿאַר די גראָשנס געדאַרפֿט האָדעווען, שיכן און קליידן אירע קינדער. זי האָט אַזוי אָנגעבאָרגט בײַ פֿריידקינען, אַז ער האָט אויפֿגעהערט איר געבן מעל. הייסט עס, שטאַרב! און די קינדער זאָלן שטאַרבן! צו וועמען איז זי אַוועקגעגאַנגען? פֿאַרשטייט זיך, צו ראַכלענקאָן.

דער זיידע האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זײַן טאַבורעט, אַראָפּגענומען דעם פֿאַרטעך און אַוועק צו פֿריידקינען אין לאַבאַז און זאָגט אים:

— די פּראָצענטן וועסטו איר מוחל זײַן, דעם כּיוון אירן וועל איך אויסצאָלן, און צוויי פּוד מעל וועסטו איר געבן אומזיסט. אויב ניט, איז מיט דער־אָ האַנט האַלט איך דיך, און מיט דער וועל איך דיר אויסזעצן אַלע דײַנע ציין אײַנאיינעם מיט די קאָראָנקעס.

און פֿריידקין איז מוחל געווען דער ייִדענע די פּראָצענטן, איר געגעבן צוויי פּוד מעל אומזיסט. גאָראָדיעצקאַיאַ האָט ווידער אָנגעהויבן האַנדלען אויפֿן אַלטן מאַרק מיט פּירעזשקעס און בולקעס און, פֿאַרשטייט זיך, איבערן גאַנצן מאַרק געלויבט אין טאָג אַרײַן דעם זיידן; ווי אַלע אומגליקלעכע אַלמאָנעס, איז זי געווען אַ פּיסקאַטע, אַ שרײַערקע.

איך געדענק גענוי אַזאַ צופֿאַל, כאָטש איך בין דעמאָלט געווען גאָר אַ פּיצל.

באַנאַנד מיט אונדז האָט געלעבט אַ שאָרניק סטאַשענאָק אַפֿאַנאַסי פּראָקאָפּיעוויטש, אַ ווײַסרוס. ער האָט אויסגעאַרבעט דאָס, וואָס אַ שאָרניק דאַרף אויסאַרבעטן: געשפּאַן, צײַמלעך, כאָמוטן, פּאַסטראָמקעס, שלייעס, ווישקעס, זאָטלען, אַפֿילע אַרומגעקלאַפּט עקיפּאַזשן מיט לעדער. אַ שאָרניק איז אַ מעלאָכע, וואָס איז נאָענט צו שוסטערײַ, דער כילעק איז נאָר אין דער נאָדל: די נאָט בײַ דעם שוסטער דאַרף זײַן אַ געדיכטע, זי זאָל ניט דערלאָזן קיין שטויב און קיין וואַסער, דער פֿאָדעם דאַרף אײַנגאַנצן פֿאַרפֿולן דעם שטאָך, און אַ שאָרניק איז דערמיט ניט געבונדן און נוצט אַ נאָל, נאָר מאַטעריאַל איז בײַ זיי דער זעלבער — לעדער, און דערפֿאַר איז צווישן זיידן מיט אָט דעם שאָרניק סטאַשענאָק געווען איין קאָאָפּעראַציע: וואָס איינער בײַ דאַרף ניט, איז אָפּגעגעבן געוואָרן דעם אַנדערן — מע איז דאָך שכנים. דער זיידע האָט געהאַט אַ גרויסן הויף און גרויסע שײַערס, און סטאַשענאָק האָט זיך גענוצט מיט אָט די שײַערס, ער האָט פֿאַרמאָגט אַ סאַך לעדערוואַרג און פֿולשטענדיק אָנגעטרויט דעם זיידן, זיי האָבן אָפּגעלעבט בישכיינעס דרײַסיק יאָר און ניט געזאָגט איינער דעם אַנדערן קיין דרײַסיק שלעכטע ווערטער.

און אָט קומען איינמאָל צו פֿאָרן צוויי ציגײַנער, איינער דעם זיידנס אַ באַקענטער, וואָס האָט געהייסן ניקיפֿאָר, דער אַנדערער אַן אומבאַקאַנטער. אַרײַנגעפֿאָרן אין הויף, אַוועקגעשטעלט די טעליגע, האָט ניקיפֿאָר באַשטעלט בײַם זיידן אַ פּאָר שטיוול, גענומען עפּעס פֿון סטאַשענאָקס סכוירע, עס אַרויפֿגעלייגט אויף דער טעליגע און אַרויסגעפֿאָרן פֿון הויף. נאָר דאָ קומען צו לויפֿן סטאַשענאָקס זין און זאָגן, אַז די ציגײַנער האָבן עפּעס בײַ זיי צוגעגאַנוועט. דער זיידע גייט אַרויס אויף דער גאַס, שטעלט אָפּ די טעליגע און געפֿינט אונטערן היי די גנייווע. עס נעמט זיך צונויף אַן עולם, מע וויל לויפֿן נאָך פּאָליציי, נאָר דער זיידע פֿאַרן ווערט — וואָס פֿאַר אַ פּאָליציי, ער באַפֿוילט אָפּטראָגן דאָס צוגעגאַנוועטע אויפֿן אָרט און דערנאָך פֿרעגט ער דעם באַקענטן ציגײַנער:

— וויאַזוי וועלן מיר זיך פֿאַנאַנדערצאָלן, ניטשיפֿאָר?

יענער שווײַגט. וואָס זאָל ער זאָגן?

דעמאָלט טוט דער זיידע אים אַזאַ נעריק, אַז ניקיפֿאָר טוט אַ פֿאַל אויף דער ערד און פֿונעם מויל און פֿון דער נאָז נעמט רינען בלוט.

דעם אַנדערן ציגײַנער, דעם אומבאַקאַנטן, האָט דער זיידע ניט געטשעפּעט. ער האָט געשלאָגן ניט פֿאַר דער גנייווע, נאָר פֿאַרן פֿאַראַט.

אָט אַזאַ מענטש איז געווען דער זיידע ראַכלענקאָ.

אַדאַנק זײַנע אָנשטרענגונגען איז אין שטאָט אויסגעבויט געוואָרן אַ נײַער בעסמעדרעש, ווען דער פֿריִערדיקער איז אַלט און ענג געוואָרן. דערפֿאַר טאַקע האָט מען אים אויסגעוויילט אַלס גאַבע — בײַסן ערשטן יאָמטעוו פּורים. איר ווייסט, וואָס איז עס אַזוינס פּורים? דאָס איז אַ פֿריילעכער יאָמטעוו. אין דער טוירע ווערט דערציילט, אַז בײַם קיניג אַכאַשווירעש פֿון פּערסיִע איז געווען אַ מיניסטער האָמאָן, וועלכער האָט געוואָלט זיך דערשלאָגן די האַסקאָמע פֿונעם קיניג אויף אויסצוהאַרגענען אַלע ייִדן. נאָר דעם קיניגס ווײַב, די שיינהײַט עסטער, האָט אײַנגערעדט דעם קייסער אָפּשאַפֿן דעם באַשלוס און, פֿאַרקערט, טייטן דעם אויסוואורף האָמאָנען. לעקאָוועד דער דאָזיקער געשעעניש ווערט געפּײַערט דער פֿריילעכער יאָמטעוו פּורים — מע

זינגט און מע גראַגערט מיט די גראַגערס. און אָט האָט מען אינעם ערשטן פּורים, גלײַך נאָך דעם ווי מע האָט פאַרענדיקט די בויונג, געבראַכט אַ שטול אין בעסמעדרעש, אוועקגעזעצט דעם ייִדן און אַף די הענט אים געטראָגן ביז דער שטוב: פאָרויס זײַנען געגאַנגען מענטשן, געזונגען, געטאַנצט, געגראַגערט מיט די גראַגערס — אָט סאַראַ קאָוועד מע האָט אָפּגעגעבן דעם ייִדן.

די באַפעלקערונג פון אונדזער שטאָט איז געווען אַ געמישטע, אַ פרײַנטלעכע: עס האָבן געלעבט אין שאָלעם רוסישע, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן, ייִדן. דאָ ניט ווײַט זײַנען געווען זעקס דײַטשישע דערפער, די אָוועס פון די דאָזיקע דײַטשן זײַנען אַרויסגעקומען פון פראַנקפורט־אַפן־מײַן, זיי האָט דאָ באַזעצט יעקאַטערינע די צווייטע. ביז דעמלט, אין זיבעצעטן יאָרהונדערט, האָבן אין די אָרטיקע וועלדער זיך איבערגעקליבן ראַסקאָלניקעס — אָנפּאָפּיסטן. און אַף דעם אײַזנבאַן־וועג און אין דעפּאָ האָבן געאַרבעט פּאָליאַקן, וועלכע זײַנען אַהער אַרויסגעשיקט געוואָרן נאָכן אופשטאַנד פון 1863 יאָר. מיט איין וואָרט — אַ בונטע באַפעלקערונג, נאָר קיין סינע, קיין נאַציִאָנאַלע מיספאַרשטייעניש — דאָס ניט! ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז בײַ אונדז איז ניט געווען קיין איין פּאָגראָם. נאָך דער רעוואָליוציע פונעם 1905 יאָר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעאַקציע, זײַנען צו אונדז געקומען צו פאָרן פּאָגראָמשטשיקעס. נאָר אַף דער גאַס איז אַרויס מײַן זיידע ראַכלענקאָ מיט די זין — און וואָס עס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך דער זיידע, און וועלכע זין ער האָט געהאַט, קאָנט איר מישפּעטן לויט אָט דער פאָטאָגראַפיע — דאָס זײַנען ניט קיין שוסטערס, נאָר איליאַ מוראָמצעס! עס זײַנען אַרויס די קאַצאָווים, די שוסטערס, סטאָליערס, בינדיוזשניקעס, טרעגערס פון דער סטאַנציע, אַן אָפּגעקליבענער אוילעם, גיבוירים, ווער מיט אַ שטעקן, ווער מיט אַ האַק, בײַ וועמען אַ דישעל צי אַ פלאָקן; צוהילף זײַנען געקומען די אַרבעטער פון דעפּאָ, אויך ניט מיט די ליידיקע הענט, און די פּאָגראָמשטשיקעס זײַנען קוים אַוועק מיטן לעבן.

נאָר בײַ אונדז אין שטאָט איז ניט געווען קיין קלויסטער. שטעלט זיך פאָר. ווען די שטאָט וואָלט אופגעקומען פון עפּעס אַ דאָרף, וואָלט אומבאַדינגט געווען אַ קלויסטער. אין יעדער דאָרף איז פאַראַן אַ קלויסטער. נאָר די שטאָט אונדזערע איז פריִער געווען אַ שטעטעלע, דערנאָך, ווען מע האָט דורכגעפירט אַן אײַזנבאַן־וועג און אויסגעבויט אַ דעפּאָ, איז דאָס געוואָרן אַן אײַזנבאַן־יִישעוו, און פונעם אײַזנבאַן־יִישעוו פאַרוואַנדלט זיך אין אַ שטאָט, און קיין קלויסטער איז ניט געווען. טפילע טאָן איז מען געגאַנגען אין שכיינעסדיקן דאָרף נאָסאָווקאַ. מע האָט, פאַרשטייט זיך, געזאַמלט געלט אַף גאָטס הויז, נאָר מע וואָלט אַזוי געקאָנט זאַמלען נאָך אַ יאָר צוואַנציק. וואָס טוט דער זיידע? ער צווינגט צימערמאַנען, אַ רײַכן הענדלער פון בוימאַטעריאַל, אַלעשינסקין, דעם אייגנטימער פון דער זאַליאַזנע קלייט, און אַנדערע סאָכרים פאַרקויפן מאַטעריאַל אַף בויען אַ קלויסטער, קלוימערשט אַף באָרג, און דערנאָך קיין געלט ניט נעמען. און אַ קלויסטער איז אויסגעבויט געוואָרן. ווען עס איז פאָרגעקומען די גאָטעסדינסט אַף צו הייליקן דעם קלויסטער, האָט דער גאַלעך אין זײַן דראָשע דערמאָנט דעם מעשטשאַנין ראַכלענקאָ, וואָס כאָטש ער איז אַן איוּדיי, נאָר גאָט איז ליב זײַן טיכטיקײַט.

5

איך כאַזער איבער, דער זיידע האָט געהאַט אַ קאָמפּליצירטן כאַראַקטער, אַ ווידערשפּרעכעכן. אָט האָט איר אַ בײַשפּיל — זײַן באַציִונג צו די אייגענע קינדער.

מײַן מאַמע ראָכיל האָט געהאַט זייער אַ שיינע שטים. איר דאַרפט וויסן, אַז אַלע ראַכלענקאָס האָבן גוט געזונגען. נאָר ווען מײַן מאַמע פלעגט זינגען, האָט לעבן דער שטוב זיך צונויפגענומען אַן אוילעם, אַלע האָבן געהערט, ס'האָט אַפילע געטראָפן, אַז מע פלעגט צעברעכן דעם פּלויט פונעם פּאַליסאַדניק. איינמאָל, זי איז נאָך געווען אַ מיידל, האָט די מאַמע, שפּאַצירנדיק מיט איר קאָמפּאַניע אין וואַלד, גענומען זינגען. דער וואַלד, ווי איך האָב דערציילט, איז געווען פול מיט דאַטשניקעס, און צווישן זיי האָט זיך געמאַכט אַ פּראָפעסאָר פון דער פּעטערבורגער קאָנסערוואַטאָריע. דער פּראָפעסאָר הערט, ווי עמעצער זינגט איבערן גאַנצן וואַלד, פירט אויס טרעלן, וועלכע ער האָט אַפילע אין קאָנסערוואַטאָריע ניט געהערט. ער הייבט זיך אוף פון זײַן האַמאַק, לאָזט זיך גיין אַף דער דאָזיקער שטים און זעט אַ קאָמפּאַניע פון יונגע כעווריע. נאָר אין דער אָנוועזנהײַט פון אַ פרעמדן מענטשן איז די מאַמע שטיל געבליבן.

— ווער האָט עס בײַ אײַך געזונגען? — פרעגט דער פּראָפעסאָר.

אַלע שווײַגן, ווײַל די מאַמע שווײַגט, און אויב זי שווײַגט, הייסט עס, אַז זי וויל זיך ניט אָנערקענען, און אַף וויפל זי וויל זיך ניט אָנערקענען, גיבן זי די אַנדערע ניט אויס.

דעמלט נעמט דער פּראָפעסאָר רײדן מיט יעדערן באַזונדער, דערגייט ביז מײַן מאַמען, און לויט איר קאָל דערקענט ער, אַז געזונגען האָט זי, דערפאַר איז ער דאָך אַ פּראָפעסאָר, ער זאָל זיך אָנשטויסן.

— איר האָט אַן אויסערגעוויינלעכע שטים, — זאָגט דער פּראָפעסאָר, — אַזעלכע שטימען, ווי אײַערע, איז פאַראַן זייער ווייניק, און עפּשער אינגאַנצן ניטאָ. איר דאַרפט פאָרן אין פּעטערבורג, זיך לערנען אין קאָנסערוואַטאָריע. איך וועל טאָן פאַר אײַך אַלץ.

מיט איין וואָרט, זאָגט איר צו גאָלדענע בערג, ער פּירט זי צו צו זײַן פרוי און צו דער טאָכטער, און יענע זײַנען אויך איבעראַשט פון איר שטים, רײדן איר אויך אײַן פאָרן קיין פּעטערבורג, זאָגן אויך צו גאָלדענע בערג, לעבן וועט זי בײַ זיי, אין קיין זאַך זיך ניט נייטיקן און ווערן אַ באַרימטע זינגערין.

איך ווייס ניט, צי די מאַמע האָט ווירקלעך זיך געקליבן פאָרן קיין פּעטערבורג, נאָר דעם זיידן האָט זי געזאָגט, אַז זי וויל פאָרן.

און דער זיידע האָט געענטפערט:

— פאָרן קאָנסטו. נאָר אויב דו וועסט זיך אומקערן, איז... דו זעסט אָט די־אָ האַק? וועל איך מיט איר דיר אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

די זין פלעגט דער זיידע אַמאָל שלאָגן־מיימעסן, נאָר די איינציקע טאָכטער זײַנע, ראָכלען, ווי איך האָב שוין געזאָגט, קיין איין מאָל מיט קיין פינגער ניט אָנגערירט. און אָט האָט איר אײַך אַ וואָרענונג. ווי אַזוי האָט ער עס געקאָנט אַרויסברענגען פאַרן מויל. די מאַמע האָט גלײַך אויפן אָרט באַשלאָסן פאָרן, כאָטש, איר האָט זיך איבערצײַגט, אַז קיין גרויסער באַלן אַף צו פאָרן פון אָרט אַף אָרט, אַפילו אין דער שווייץ, איז איר ניט געפעלן געוועזן. נאָר זיך אונטערגעבן? דאָס איז אויך ניט געווען אין איר כאַראַקטער. זי וואָלט מינאַסטאַם טאַקע אַוועקגעפאָרן, נאָר אינגיכן, נאָך דעם צופאַל, האָט אין שטאָט זיך באַוויזן אַן אַנדער פּראָפעסאָר, דער פּראָפעסאָר איוואַנאָווסקי מיטן זון יאַקאָבן, און וואָס ווײַטער איז פאָרגעקומען, ווייסט איר. פון יענער שאָ, ווען מײַן מאַמע האָט דערזען מײַן קומענדיקן טאַטן, האָבן קיין שום קאָנסערוואַטאָריעס פאַר איר ניט עקזיסטירט.

איר שטים האָט די מאַמע פאַרהיט אויך אין רײַפן עלטער, פאַרשטענדלעך, אַ שטים ניט קיין אַוועקגעשטעלטע, ניט קיין אויסגעאַרבעטע, ווי עס האָבן געזאָגט ספּעציאַליסטן, נאָר אַן אויסנעמלעכע. איך געדענק נאָך, אַז אין שטאָט איז אַמאָל געקומען צו פאָרן איינע אַ פּראָפעסאַרשע, דאָס מאָל פון דער מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע. דערהערט דער מאַמעס שטים, האָט זי זיך אַרײַנגעשטעלט צו אונדז אין שטוב און געזאָגט:

— איך וועל פון אײַך מאַכן אַ זינגערין אַ בעסערע פון דער קאַטולסקע. ניט איר וועט הערן קאַטולסקען, נאָר קאַטולסקע וועט הערן אײַך.

די מאַמע האָט זיך בלויז צעלאַכט... וועגן דער קאַטולסקע האָט זי קלאָל קיין אַנונג ניט געהאַט, און וועגן וואָס פאַר אַ זינגערין קאָן גיין אַ רייד, אַז די קינדער זײַנען שוין דערוואַקסענע.

ווי אַזוי דער זיידע איז זײַנערצײַט זיך באַגאַנגען מיט איר טאַלאַנט, האָט איר זיך שוין איבערצײַגט.

דעם זיידנס עלטערן זון האָט מען גערופן יוסעף, ער איז געווען דער ערשטלינג, און דער זיידע האָט אים זייער ליב געהאַט, נאָר איר דאַרפט וויסן, אַז קיינעם פון זײַנע זין האָט דער זיידע אַזוי ניט געשלאָגן, ווי יוסעפן. געשלאָגן־געמיימעסט, און יענער האָט עס פאַרדינט. ערשטנס, האָט יוסעף ניט געוואָלט זיך לערנען. אין שטוב אַרײַן איז געגאַנגען אַ לערער, זייער אַ גוטער פּעדאַגאָג, קוראַס האָט מען אים גערופן, ער האָט געלערנט מיט יוסעפן אַלע קעגנשטאַנדן, און אַליין דער זיידע האָט זיך געלערנט בײַ אים, ווי אַ פּראָסטער שילער. יאָ, יאָ... ווען קוראַס פלעגט קומען צו גיין, האָט דער זיידע זיך צוגעזעצט, קלוימערשט פון טשיקאַוועס וועגן געלייזט די אויפגאַבעס, אויסגעלייגט מיט אייגענע ווערטער דאָס איבערגעלייענטע און אַף אַזאַ אויפן זיך אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן אַף רוסיש, באַקומען אַוועלכע־ניט־איז אָנפאַנג־בילדונג. איר וועט מאַסקים זײַן, אַז פאַר אַ דערוואַקסענעם, באַשעפטיקטן מענטשן איז דאָס, וואָלט איך געזאָגט, ניט קיין געוויינלעכע זאַך.

האַקלאַל, אין שטוב איז געגאַנגען דער לערער קוראַס, יוסעף האָט פײַיִקײַטן, ער כאַפּט אַלץ אויף. הייסט עס, לערן זיך געזונטערהייט! אָבער ניין! ער האָט זיך גאָר אַרײַנגעטאָן אין טויבן. פון קיין זאַך, אויסער טויבן, וויל ער ניט וויסן, ער טרײַבט זיי גאַנצענע טעג; אַ ייִנגל, נאָר זײַן טויבן־יאַגד איז די בעסטע אין שטאָט, און ניט פּאַשעט קיין יאַגד, נאָר אַן אונטער־

נעמונג. פון קליינוויַיז אוף האָט ער געמאַכט געשעפטן, און די ערשטע געשעפטן זײַנען געווען טויבן. ער האָט געביטן, פאַרקויפט, גענומען אויסקויף פאַר פאַרכאַפּטע טויבן — מיט איין וואָרט, געמאַכט געשעפט. דאָס גאַנצע לעבן זײַנס איז געווען געשעפט. ער איז אויסגעוואַקסן אַן עמעסער באַנדיט. געטאָן דער טײַוול ווייסט וואָס, עס לייגט זיך מאַמעש אַפן זינען ניט: געגאַנוועט באַם זיידן לעדער און גרייטע סכוירע, און באַ אונדזער שאָכן דעם שאָרניק סטאַשענאַק אַפאַנאַסי פּראָקאָפּיעוויטש, אויך געגאַנוועט לעדער, אַלעמען אָפּגענאַרט, געשפּילט אין קאָרטן, מיט איין וואָרט — אַ גאַזלען.

אויסערלעך איז ער ענלעך געווען אַפן זיידן, נאָר אַפן זיידנס פּאָנעם איז געווען אויסגעלייגט די איידלקײַט אַליין, און פון יויסעפס אויגן האָט אַרויסגעסטאַרטשעט אַ פּינקע. אַפן זיידן איז געווען אָנגענעם צו קוקן, אַף יויסעפן — פאַרקערט. דער זיידע איז געווען אַ קלוגער, יויסעף — אַ כיטרע און אַ בייזער. צו איינעם האָט ער זיך אונטערגעכאַנפּעט, אַ צווייטן באַליידיקט, געטראָטן מיט די פיס. זײַן לאָזונג איז געווען דאָס רוסישע ווערטל: „אַ צוגעלאָזט קעלבל זויגט צוויי קי". ער האָט געקאָנט שמייכלען, און ווען ער האָט געשמייכלט, איז דאָס געווען אַ מאַלעך, געקאָנט געווינען באַ אַ מענטשן צוטרוי, און דערנאָך אים אָפּנאַרן. ער האָט געהאַט אַ כאַוועך כאָנקע ברוק, פּונקט אַזאַ באַנדיט, ווי ער אַליין. יענער האָט געאַרבעט אַף אַ האָלץ־סקלאַד. באַם סקלאַד איז געווען אַ בודקע מיט אַן אײַזערן אייוועלע, דאָרט האָט זיך צונויפגענומען זייער קאָמפּאַניע, געשפּילט נעכטוויַיז אין קאָרטן, געפירט אַהין מיידן, געטרונקען בראַנפן. מיט דער צײַט, קלער איך, וואָלטן זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עמעסער באַנדע. נאָר דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועלט־מילכאָמע, יויסעפן האָט מען צוגענומען אין אַרמיי, נאָר אויך דאָרט האָט ער זיך אײַנגעאָרדנט: ער האָט אײַנגעליבט אין זיך די פּרוי פונעם קאַפּעלמייסטער, און יענע האָט געצווונגען דעם מאַן נעמען יויסעפן אין אָרקעסטער, אים אויסלערנען שפּילן אַף אַ פלייטע. אַזוי, שפּילנדיק אַף דער פלייטע, האָט ער אָפּגעוואָיעוועט די גאַנצע מילכאָמע.

פרויען האָבן אים ליב געהאַט, זיך געקלעפּט צו אים, ער איז געווען אַ שיינער, אַ בראַווער, געקאָנט זיך אָנטאָן, נאָר מיט פרויען זיך באַגאַנגען כאַזעריש. אַף דעם באָדן פלעגן זיך מאַכן פאַרשיידענע געשיכטעס און קאָנפליקטן.

מיט זײַן שאָכן, מיטן שאָרניק סטאַשענאַק אַפאַנאַסי פּראָקאָפּיעוויטש, איז מײַן זיידע געווען זייער באַפרײַנדעט, כאָטש יענער איז געווען ייִנגער פון אים אַף צען יאָר. די סטאַשענאַקס זײַנען געווען גוטע און לײַטישע מענטשן, אויך וועגן דער דאָזיקער מישפּאָכע וועט גיין אַ רייד ווײַטער. דערווײַל וועל איך נאָר זאָגן, אַז סטאַשענאַקס עלטערן זון, אַנדרייען, האָט מען אין אויגוסט פונעם פערצנטן יאָר צוגענומען אין דער אַרמיי, און דאָס ווײַב זײַנס, קסאַנאַ, איז געבליבן מיט אַ זויג־קינד אַף די הענט, זי איז געווען, הייסט עס, אַ סאָלדאַטקע, און גאַנץ לאַנג. אַנדריי האָט זיך אומגעקערט פון דער דײַטשישער געפאַנגענשאַפט אין אַכצעטן יאָר, און יויסעף האָט זיך אומגעקערט פון דער אַרמיי אין זיבעצעטן. און אָט איז באַנאַנד אַ שיינע יונגע סאָלדאַטקע אָן אַ מאַן. יויסעף האָט, פאַרשטייט זיך, געוואָרפן אַף איר אַן אויג, ער גייט אַרײַן צו די סטאַשענאַקס נאָך דעם, נאָך יענעם, שטעלט אָפּ קסאַנען אַף דער גאַס, רעדט זיך דורך מיט איר איבערן פּאַרקן, — האַקלאַל, אַלעמען איז קלאָר געוואָרן, וואָס ער וויל. קסאַנא האָט אַף יויסעפס לאַנטשען זיך ניט געענטפערט, נאָר די שטאָט איז אַ קליינינקע, אַ דאָרעמדיקע, אַלץ זעט מען. מע זעט, אַז יויסעף שטייט צו צו קסאַנען און דאָס קאָמפּראָמעטירט זי, גיט שפּײַז אַף רײַדערײַ און פּליאָטקעס, ווי עס טרעפט אין דער פּראָווינץ, ווו די פרויען האָבן ליב פּלאַפּלען מיט דער צונג.

צווישן דער מאַמע מיטן פעטער יויסעף איז פאָרגעקומען אַ געשפּרעך אין מײַן אָנוועזנהײַט: די מאַמע האָט געמיינט, אַז איך פאַרשטיי גאָרניט, מיר איז געווען אַ יאָר פינף אָדער זעקס. נאָר קינדער אין דעם עלטער זײַנען זייער פאַרשטענדיקע, פילבאַרע און פאַרגעדענקען פיל. איך געדענק יויסעפן באַם שפּיגל, מיט אַ בערשטל גלעט ער צו די גלאַנצנדיקע האָר, וואָס זײַנען אָנגעשמירט מיט בריליאַנטין.

— דו האָסט צופיל אָנגעהויבן זיך טוליען צו סטאַשענאַקס פלויט, — האָט די מאַמע געזאָגט.

— מיש זיך ניט אין קיין פרעמדע געשעפטן, — האָט יויסעף געענטפערט, ניט אויסקערנדיק זיך.

— דו שענדסט אַ כאַסענע־געהאַטע פרוי!

— וואָס נאָך וועסטו זאָגן?

— ביסט אַן אויסוווּרף און אַ טויגעניכץ!

— וועסט זיך באַ מיר דערריידן! — האָט יויסעף איר געדראָעט.

אין דעם זעלבן טאָג אָדער אַף מאָרגן שטייט יוסעף באַם פלויט, וואָס צעטיילט אונ־זערע סעדער, און שמועסט מיט קסאַנען. עס קומט אונטער די מאַמע.

— קסאַנאַ! דו האָסט אויגן? נעם דאָס קאַראַמיסל און דערלאַנג דעם אָקס ווי עס דאַרף צו זײַן, ער זאָל זיך ניט טשעפּען.

בּאַ סטאַשענאָקן אין סאָד האָבן געאַרבּעט אויך אַנדערע פרויען פון סטאַשענאָקס מישפּאָכע, זיי האָבן דאָס געהערט און אויך צוגעקומען צום פלויט.

איך מיין, אַז אין יענער מינוט איז יוסעף פייַיק געווען האַרגענען מײַן מאַמען, נאָר אַרום זײַנען פרויען און קינדער, און אים האָט געקלעקט סייכל ניט אופהייבן קיין סקאַנדאַל. ער האָט אָנגערופן מײַן מאַמע „טיפּשע" און איז אוועק.

און איך געדענק דײַטלעך, אַז קסאַנע האָט געזאָגט:

— אַ דאַנק אײַך, ראַכיל אַבראַמאָוונאַ!

נאָך דעם האָט יוסעף אופגעהערט צושטיין צו קסאַנען, צו די סטאַשענאָקס ניט אַרײַנגעגאַנגען, נאָר די דאָזיקע געשיכטע האָט, צום באַדויערן, אים קיין זאַך ניט אויסגעלערנט.

ס'איז געווען בּאַ אונדז אַ בּעזשענקע פון בעסאַראַביע, אַן אומגליקלעך איינזאַם מיידל, יוסעף האָט אָנגעהויבן מיט איר לעבן און, ווען זי איז שוואַנגער געוואָרן, האָט ער זי אָפּגעשיקט קיין האָמעל, איר צוגעזאָגט, אָנגעפּלוידערט, און זי האָט אים געגלייבט און אוועקגעפאָרן. יוסעף האָט באַלד אוועקגעשיקט קיין האָמעל זײַן כאַוער כאַנקע ברוק מיט געלט און אים געזאָגט:

— גיב איבער דער דאָזיקער אידיאָטקע דאָס געלט און זאָג, אַז איך וועל מיט איר קיינמאָל ניט כאַסענע האָבן, זי איז באַ מיר ניט די ערשטע און ניט די לעצטע.

און כאַנקע באַנדיט האָט מיט פאַרגעניגן איר עס איבּערגעגעבּן וואָרט אין וואָרט. איר שטעלט זיך פאָר אין יענע יאָרן אַ פרוי, ניט קיין כאַסענע-געהאַטע, אַ שוואַנגערע, דערצו נאָך אַן איינזאַמע בּעזשענקע, אין אַ פרעמדער שטאָט, צווישן פרעמדע מענטשן! וואָס איז דאָ צו לייקענען, מיר, מאַנצבּלען, זײַנען ניט קיין הייליקע, באַזונדערס ווען מיר זײַנען יונג און עס גייט אונדז אַף פרויען. נאָר דאָך זײַנען דאָ עפּעס גרענעצן, איבער וועלכע מע קאָן ניט איבערשפּאַנען. דו ביסט פאַרכאַפּט געוואָרן, זיך צונויפגעגאַנגען, פאַרבּראַכט, נאָר צוזאָגן... צוזאָגן און אָפּנאַרן — דאָס פּאַסט ניט פאַר קיין מאַנצבּל. זאָג ניט צו! אויב האָט זי דיך ליב, איז זי דײַנע אָן שום צוזאָגעכצן. און דעריקער נאָך זיך באַנוצן דערמיט, וואָס דאָס מיידל איז אַן איינזאַמע, אַ הילפלאָזע, מיט איין וואָרט אַ בּעזשענקע, און דערנאָך זי אוועקוואַרפן אַף גאָטס באַראָט, דאָס קאָן נאָר אַ טויגעניכץ. און יוסעף איז געווען אַ טויגעניכץ, ער האָט געטראַכט נאָר וועגן זיך, וועגן זײַנע פאַרגעניגנס.

די דאָזיקע געשיכטע מיט דער בּעזשענקע געדענק איך זייער קלאָר, הייסט עס, אַז זי איז פאָרגעקומען שוין נאָך דער רעוואָלוציע, מעגלעך, אַז אין אַכצעטן אָדער נײַנצעטן יאָר, איך ווייס די געשיכטע ניט לויט עמעצנס ווערטער, כ'בין אַליין געווען אַן איידעס פון די געשעענישן און פון אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום דעם. ס'איז פאָרגעקומען אַ קאָנפליקט צווישן מײַן טאַטן מיט דער מישפּאָכע פון די ראַכלענקאָס, דער איינציקער קאָנפליקט, דער ערשטער און דער לעצטער, און נאָך דעם, ווי מיר דאַכט זיך, זײַנען מיר איבערגעפאָרן אַף אַן אַנדער קוואַרטיר.

יוסעף און מײַן טאַטע זײַנען געווען אין איין עלטער, דערפון איז געדרונגען, אַז אין יענעם מאָמענט זײַנען זיי אַלט געווען צו זיבן און צוואַנציק, אַכט און צוואַנציק יאָר. יעדנפאַלס ניט מער ווי דרײַסיק. נאָר דער טאַטע האָט צו יענער צײַט שוין געהאַט פיר קינדער; נאָך ליאָווען, מיך און פימען, האָט אַף דער וועלט זיך באַוויזן ליובע. און יוסעף איז געווען אַ באַכער, אַ געשעפטמאַכער, דאָס שוסטערײַ האָט ער אוועקגעוואָרפן, אוועק האַנדלען, איך מיין, אַז ער האָט ספּעקולירט, געמאַכט שאַכער-מאַכער, באַזונדערס בייסן נעפּ, געפירט אַן אויסגעלאַסן לעבן און געווען אַ גרויסער לאָוועלאַס. און, נאַטירלעך, קיין שום איניאַנים מיט מײַן פאָטער ניט געהאַט. זיי האָבן פאַרהאַסט איינער דעם אַנדערן, נאָר דער טאַטע — אַ מענטש אַ דעליקאַטער, האָט דאָס ניט אַרויסגעוויזן, און יוסעף, ווי אַ כאַם, האָט זײַן פאַראַכטונג ניט אויסבאַהאַלטן, אָבער באַליידיקן מײַן טאַטן ניט געוואַגט, ווײַל עס איז נאָך געווען די מאַמע, וואָס איז אין אַ באַליבּיקן מאָמענט גרייט געווען פאַרטיידיקן דעם טאַטן, ווי אַ קוואָטשקע איר הינדעלע. נאָר די מאַמע איז געווען ניט קיין הון, נאָר אַן אָדלערן. אין שטוב האָבן אַלע פאַר איר מוירע געהאַט, און דער פעטער יוסעף האָט אויך מוירע געהאַט. אַזויאַרום איז צווישן יוסעפן און דעם טאַטן געשטאַנען די מאַמע, אַ גרייטע צו דערשטיקן יעדער מין סיכסעך, פאַרלעשן יעדער פונק. נאָר אין דער זעלבער צײַט האָט זי ניט געוואָלט וויסן פון קיין שום פרײַנטשאַפט צווישן זיי, מוירע געהאַט, אַז יוסעף זאָל ניט אַרײַנציִען דעם פאָטער אין

זײַנע אמורנע געשעפטן; פאר יויסעפן איז ניט געווען קיין שום הייליקע זאך, ער וואָלט מיט פאַרגעניגן אָנגעזאלצן דער אייגענער שוועסטער, גענומען איר מאן פאר א שוטעף. און דער מאמע איז אויסגעקומען צו קוקן אין אלע זײַטן, אז פון איין זײַט זאָל דער טאטע מיט יויסעפן ניט קריגן זיך, און פון דער צווייטער — זיי זאָלן זיך ניט באַפרײַנדן. וועגן דעם האָט זי זיך אומזיסט געזאָרגט. דער טאטע האָט געהאט א ווידערגעפיל צו יויסעפן, דעריקער האָט ניט געקאָנט זײַן קיין רייד וועגן פרויען. דער פאָטער האָט געדארפט קאָרמעווען די קינדער, קיין פאַך האָט ער ניט געהאט, איר פארשטייט אליין, אז וועגן קיין שום פרויען האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן! נאָר פונעם קאָנפליקט האָט די מאמע אים אויסהיטן ניט געקענט. דער קאָנפליקט איז פאָרגעקומען טאקע איבער דער בעזשענקע.

קיינער האָט, פארשטייט זיך, ניט באַוויליקט יויסעפס אופטו, נאָר ס'איז געווען א כילעק דערין, אַף וואָס פאר אַן אויפן מײַן טאטע פאַרורטיילט יויסעפן און ווי עס האָבן אים פאַרורטיילט די ראַכלענקאָס. דער פאָטער האָט געהאלטן, אז יויסעף איז מעכויעוו כאסענע האָבן מיטן דאָזיקן מיידל. ווי קאָן מען עס ווארפן אפן וואסער אַן אייגן קינד? פארן טאטן איז דער כויוו געשטאנען אפן ערשטן אָרט, צוליב דעם כויוו האָט ער געקאָנט מאקריוו זײַן מיט זיך זעלבסט, און ער האָט דאָס זעלבע געפאָדערט אויך פון יויסעפן. ס'קאָן זיך מאכן, אז אין אים האָט גערעדט די סאָלידארישקײַט: דאָס מיידל איז דאָ געווען פונקט אזא פרעמדע, ווי ער אליין, אַן איינזאמע, אָן קרויווים, אָן באקענטע. די ראַכלענקאָס האָבן אויך פאַרורטיילט יויסעפן, נאָר ניט דערפאר, וואָס ער האָט אוועקגעוואָרפן דאָס מיידל אין אזא לאגע, נאָר דערפאר, וואָס ער איז מיט איר זיך צונויפגעגאנגען. איך האָב געהערט א געשפרעך וועגן דעם צווישן טאטן מיט דער מאמען, זיי האָבן געמיינט, אז איך שלאָף, נאָר איך בין ניט געשלאָפן און אלץ געהערט.

די מאמע האָט אַן ערעך געקלערט אזוי:

— עס זײַנען פאראן ווייניק בארישניעס פון פײַנע מישפאָכעס, מיט וועלכע מע קאָן כאסענע האָבן? ווו זײַנען געווען זײַנע אויגן און ווו, פרעגט זיך, איז געווען זײַן געדאנק? ער איז דאָך ניט קיין ייִנגעלע, גאָט צו דאנקען, שוין קימאט דרײַסיק יאָר! ניין, אים האָט זיך פארוואָלט נאָר אָט די אומגליקלעכע בעזשענקע. און זי איז אויך גוט! געקלערט, מינאסטאם, אונטערכאפן אַן אויסגעשפילטן כאָסן. זי האָט אָבער ניט געוווסט, מיט וועמען זי האָט צו טאָן, האָט זי זיך ארײַנגעכאפט, די טיפשע! פארשטייט זיך, אז ס'איז א ראַכמאָנעס אַף דעם קומענדיקן קינד, נאָר וואָס קאָן מען איצטער מאכן? כאסענע האָבן? וואָס פאר א לעבן וועט עס זײַן בא זיי? מיינסט, אז אזא וועט יויסעף אכטן? זי איז פאר אים א פאָר? באטאָג וועט ער זי מייעסן, און באנאכט שלאָפן מיט אנדערע. דאָס איז א לעבן? ניין, מיט כאסענע האָבן וועסטו די זאך ניט פאריכטן.

אזוי האָט געדענקט מײַן מאמע, און אויך אזוי האָבן געדענקט די ראַכלענקאָס, מעגלעך מיט אייניקע וואַרי׳אַציעס: פארשטייט זיך, אז יויסעף איז אַן אויסוווּרף, נאָר כאסענע האָבן? כאסענע האָבן איז ניט קיין אויסוועג פון דער לאגע.

אין אָט דער ווידערשפרעכלעכקײַט, מיין איך, איז צו זען דעם כילעק פון מײַן טאטן מיט די ראַכלענקאָס. ער איז געווען א מענטש פון כויוו, נאָר א ראָמאַנטיקער, געפלויגן אין די וואָלקנס, און זיי זײַנען פעסט געשטאנען אַף דער ערד און געדענקט רעאַל, דערבײַ איז קלאָר געווען, וואָס יויסעף וועט טאָן. ווי׳אזוי זיי זאָלן ניט קלערן און וואָס זיי זאָלן ניט זאָגן, וועט יויסעף מאכן, ווי ער וועט וועלן, און קיין שום קויעך וועט אים ניט צווינגען טאָן, וואָס ער וויל ניט. דער זיידע האָט אויך פארשטאנען, אז קיינעמס באשלוס וועט יויסעף זיך ניט אונטערוואַרפן, און דערפאר האָט ער געשוויגן. וואָס עס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך דער זיידע אין די יונגע יאָרן, ווייסט איר. איך מיין, אז אין די ארומיקע דערפער האָבן ארומגעשפאצירט ניט ווייניק כעוורעלײַט און מיידלעך מיטן זיידנס קאָסע־געשטעלטע אויגן. און וועגן דעם, אז אין דער שכיינעסדיקער פעטראָווקע איז בא איינער א פויערטע געווען א זון, וועלכן ער האָט אנערקענט פאר זײַנעם, וועגן דעם האָט מען געשמועסט, ווי וועגן אַן אומשטרײַטבארן פאקט. און איך מיין, אז אזוי איז עס געווען. פון מײַן ווײַטער קינדהײַט געדענק איך בעפלדיקע רייד אַף דער דאָזיקער טעמע, כ'געדענק, אז דער זיידע פלעגט פאָרן קיין פעטראָווקע, בלײַבן דאָרט אַף נאכטלעגער, און די באָבע פלעגט זיך באומרויִקן. דערנאָך, געדענק איך וועגן עפעס געלט־איניאָנים: דער זיידע האָט געהאָלפן זײַן דאָרפישער ליובאָוויצע און זײַן זײַטיקן זון. אזוי, אז צו אזעלכע זאכן האָט דער זיידע זיך באצויגן גאנץ פרײַ און קאלטבלוטיק. ער האָט ראַכמאָנעס געהאט אַף דער אומגליקלעכער, נאָר פארשטאנען, אז צווינגען יויסעפן כאסענע האָבן מיט איר דארף מען ניט: קיין שום גוטס וועט ניט ארויסקומען ניט פאר איר, ניט פאר יויסעפן פון דער דאָזיקער כאסענע.

קאָן זײַן, אַז איך וואָלט ניט פאַרגעדענקט די דאָזיקע געשיכטע: כ'בין דעמלט געווען זייער אַ קליינינקער, און ענלעכע געשיכטעס זײַנען באַם פעטער יוסעף געווען אַ וואָגאָן, — נאָר די מײַסע מיט דער בעזשענקע האָב איך פאַרגעדענקט דערפאַר, ווײַל איך בין בײַגעווען בייסן סקאַנדאַל צווישן פעטער יוסעף און מײַן טאַטן. און דער דאָזיקער סקאַנדאַל האָט זיך טיף פאַרשניטן אין מײַן זיקאָרן.

איך ווייס ניט, וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט יוסעפן, ווייס ניט, פון וואָס ס'האָט זיך אָנגעהויבן. אויב אַפילו דער טאַטע האָט עפּעס געזאָגט יוסעפן, איז, אָן צווייפל, אין אַ דעליקאַטער פאָרם, נאָר איך כאָזער איבער, אַז איך געדענק ניט וואָס נעמלעך. נאָר איך געדענק בוילעט יוסעפס בייזע צורע. אַ צעקאָעסטער איז ער געווען שרעקלעך, ניט געדענקט, וואָס מיט אים טוט זיך, געקאָנט הארגענען אַ מענטשן.

ער האָט געשריגן צום טאַטן:

— שוואַבער טעלערלעקער! דו וואַגסט מיך לערנען? ווער ביסטו עס? אַ פּאַראַזיט אויף פרעמדע קעסט, וואָס זיצט אויפן קאַרק מיט זײַן כאַליאַסטרע. ליידיקגייער! גאָרניט, אויסער קינדער, קאָנסטו ניט מאַכן, צעטראָטענער, וויסטער יעקע! עסן אונדזער ברויט שעמסטו זיך ניט, און מיר וואַגסטו שטעכן די אויגן מיט עפּעס אַ שליוכע, לערנען אונדז געקומען. פאַרנעם זיך אין דײַן שווייצאַריע, שוואַבער טעלערלעקער!

און ער האָט זיך געוואָרפן אויפן טאַטן, און אויף אים האָט, ווי אַ קאַץ, זיך געוואָרפן מײַן מאַמע, ווײַל יוסעף האָט פּאַשעט געקאָנט הארגענען דעם טאַטן, ער איז געווען אַ שלעגער, ווי אַלע ראַכלענקאָס, און דער טאַטע, ניט וואָס שלאָגן זיך, ער האָט אויפן לעבן קיינעם ניט אָנגערירט מיט קיין פינגער. און מיר, די קינדער, רעווען און פאַרשטעלן אויך דעם טאַטן. אויפן טומל האָבן פון וואַרשטאַט זיך געיאָוועט דער זיידע און מײַנע פעטערס. דערהערנדיק די ווערטער „שוואַבער", „טעלערלעקער", האָט דער זיידע אַראָפּגעלאָזט יוסעפן אַ פּליאַסק, נאָר יוסעף, אָט דער אויסוווּרף, וואַרפט זיך אויפן אייגענעם טאַטן, אויפן אַלטן, נאָר דאָ האָבן זיך אַרײַנגעמישט די פעטערס, אויסגעדרייט יוסעפן די הענט, און דער זיידע האָט אים אַראָפּגעלאָזט נאָך עטלעכע פעטש, שוין ניט פאַר מײַן טאַטן, נאָר פאַר זיך אַליין.

מיט איין וואָרט, ס'איז פאָרגעקומען אַ מיִעסע סצענע, זי האָט זיך מיר אײַנגעשניטן אין זיקאָרן. דאָס איז געווען דער איינציקער פאַל, ווען מע האָט אין זיידנס הויז באַליידיקט מײַן פאָטער. נאָך דער דאָזיקער געשיכטע איז אונדזער מישפּאָכע איבערגעפאָרן אין אַן אַנדער הויז. עפּשער ניט גלײַך איבערגעפאָרן און, מעגלעך, ניט איבער יענער געשיכטע, נאָר דערפאַר וואָס, איר פאַרשטייט אַליין, אויב אויפן קאָפּ, כ'האָב אין זינען דעם זיידן, זיצן דיר זיבן מענטשן, איז דאָס שוין צופיל, און מע דאַרף פאַר זיך צוזוכן אַן אייגענע שטוב. נאָר דעמלט בין איך געווען אַ קינד, און מיר האָבן זיך פאַרגעדענקט נאָר די וויכטיקסטע געשעענישן, זיי האָבן זיך צוזאַמענגעפּרעסט אין צײַט, און דערפאַר האָט די געשיכטע מיט דער בעזשענקע, דער סקאַנדאַל מיטן פעטער יוסעף און דאָס איבערפאָרן אויף דער נײַער קוואַרטיר זיך פאַרייניקט אין מײַן זיקאָרן, ווי איין געשעעניש אָדער געשעענישן, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען איינע נאָך דער אַנדערער, כאָטש אין דער ווירקלעכקײַט האָבן זיי געקאָנט פאַרלויפן מיט גרויסע אינטערוואַלן איינע פון דער צווייטער.

מיר האָבן געקויפט ניט קיין גרויס שטיבל אויף דער שכיינעסדיקער גאַס. דעמלט, בייס דעם בירגערקריג, האָט אַלץ זיך איבערגעמישט: מענטשן זײַנען זיך צעפאָרן, צוזאַמענגעפאָרן, זיך צעלאָפן. דאָס שטיבל האָבן מיר געקויפט פאַרהעלטניסמעסיק ניט טײַער, ניט קיין גרויס שטיבל: אַ זאַל, צוויי צימערן, אַ קיך, אַ קעמערל — געקויפט געלונגען אין דער הינזיכט, וואָס אונדזער הויף האָט זיך קימאַט אָנגעשפּאַרט אין זיידנס הויף. איך זאָג קימאַט, ווײַל באַנאַנד מיט אונדז איז געשטאַנען אַ צווייִשטאָקיק הויז, אין וועלכן ס'האָט געוווינט דער אינזשעניער פון דער אײַזנבאַן־דעפּאָ איוואַן קאַרלאָוויטש, פון די דײַטשן, אַ וואַזשנע און שטרענגער הער. באַ איוואַן קאַרלאָוויטשן איז געווען אַ גרויסער פרוכט־סאָד, מיר פלעגן אַריבערקריכן איבערן פּאַרקן, איבערלויפן דעם סאָד, און ווידער איבערן פּאַרקן — און מיר זײַנען באַם זיידן אין הויף. איוואַן קאַרלאָוויטש איז דערפון געווען ניט צופרידן, דאָס אַרויסגעזאָגט מײַנע עלטערן, די מאַמע פלעגט אונדז דערפאַר אַרײַנלייגן אין קאָלנער, דערויף איז זי געווען אַ גרויסער מײַסטער, נאָר דער טאַטע, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט אונדז קיינמאָל ניט אָנגערירט מיט קיין פינגער. איוואַן קאַרלאָוויטש האָט שטאַרק זיך געבייזערט אויף אונדז, קינדער. מיר האָבן געטומלט, געשריגן, אים אָנגעטאָן גענוג פאַרדראָס, ער איז אונדז אַפילו כוישעד געווען אין דעם, אַז מיר טאַסקען באַ אים עפּל, — דער דאָזיקער כשאַד האָט געהאַט אַ גרונט. דאָך פלעגט ער מײַנע עלטערן אַרויסווײַזן גרויס קאָוועד. אַלע האָבן געאַכטעט זיי, און דער פאָטער מײַנער האָט פאַר אים זיך אַרויסגעוויזן, ווי אַן אינטערעסאַנטער מיטשמועסער, דערצו

אַן אייגענער, פּאַקטיש אַ דײַטש, זיי פּלעגן שמועסן נאָר אַף דײַטש. פאַר איוואַן קאַרלאָוויטשן איז דאָס געווען אַ גוטע פּראַקטיק, קיין אַנדער מענטשן מיט אַזאַ ריינער דײַטשישער אויסשפּראַך האָט ער, נאַטירלעך, געפינען ניט געקענט. איוואַן קאַרלאָוויטש האָט געגעבן מײַן טאַטן ביכער פון זײַן ביבליאָטעק. דורך אים האָבן מיר, איך און מײַן ברודער ליאָווע, זיך אויך צוגעלאַנטשעט צום לייענען.

נאָר, אַנטשולדיקט מיר, איך האָב זיך אָפּגעווענדט. די לעצטע צײַט טרעפט עס מיט מיר: די אַלטע דערינערונגען מישן זיך איבער מיט די נײַע געדאַנקען. און וואָס מער אַלטע דערמאָנונגען, אַלץ מער נײַע געדאַנקען. דיר דוכט זיך, אַז דו האָסט דעמלט אַזוי געקלערט, נאָר אינדערעמעסן טראַכסטו איצט אַזוי.

האַקלאַל, וועגן וואָס? וועגן פּעטער יוסעפן...

די באָבע האָט געזאָגט, אַז „די פרוי, וואָס וועט כאַסענע האָבן מיט יוסעפן, וועט זײַן אומגליקלעך". נאָר שטעלט זיך פאָר — ער האָט כאַסענע געהאַט זייער געלונגען, אָפּגעשפּאָרט אַ ווײַב לויט דער אייגענער מאָס. דאָס ווײַב זײַנס איז געווען אַ ציין־דאָקטער. און וואָס אַזוינס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט יוסעף? גאָרניט, אַ באַבניק, נאָר פרויען האָבן אים ליב געהאַט. אָבער די דאָקטערשע האָט פאַרמאָגט אַ כאַראַקטער. זי האָט גיך אַרײַנגענומען יוסעפן אין די הענט און אים געצווונגען זיך אויסלערנען מאַכן פּראָטעזן. ווי אַלע ראַכלענקאָס, האָט יוסעף געהאַט גאָלדענע הענט, די מעלאָכע האָט ער פלינק באַהערשט, געמאַכט קאָראָנקעס, ציין־בריקן, פּראָטעזן און אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געפאָדערט פאַר דעם ווײַבס פּאַציִענטן. ס'איז אַ גאָלדענער געשעפט אין אַלע הינזיכטן. אין שטאָט זײַנען געווען נאָך צוויי דאַנטיסטן, נאָר יוסעפס ווײַב איז געווען אַ בעסערער דאָקטער, און יוסעף ניט נאָר קיין גוטער טעכניקער, נאָר אַ געשיקטער, אַ כיטרע און אַן אײַנשטעלער, און כאָטש ער האָט געהאַט צו טאָן מיט גאָלד, האָט ער פאַר גאָרנישט ניט מוירע געהאַט. ביפראַט נאָך בייסן נעפּ האָט ער בריִט אַוועקגעשטעלט דעם געשעפט, און זייער ציין־קאַבינעט האָט געבליט. און ווען דער נעפּ האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן זיי זייער קליַיטל צוגעשלאָסן און געאַרבעט אין פּאָליקליניק, נאָר אין דער היים פאַרהיט די קרעסלע קלוימערשט פאַר פּרײַנט און אייגענע. נאָר אין אַזאַ שטאָט זײַנען אַלע פּרײַנט אָדער קרויווים. און די ראַיאָנע אָנפירונג האָט אויך ציין, און ווען די ציין טוען וויי, קומט אויס אַף עפּעס־וואָס קוקן דורך די פינגער, ביפראַט, אַז אַלץ ווערט פאַר דיר געטאָן שנעל, גוט, אַף דער העכסטער שטופע. אין פּאָליקליניק איז אַ ריי, און אויב עס קומט דער פּאָרזיצער פון ראַיויספּירקאָם אָדער דער שעף פון מיליציע, זעצט זי אים אַוועק אין דער קרעסלע, היילט אים און דערנאָך זאָגט זי: „קומט מאָרגן אין אָוונט צו מיר אַהיים". זעצט אים פאָר היילן אין שטוב, נאָר קיין געלט נעמט זי ניט, זאָל גאָט היטן, ער איז אירער אַן אָפּיציעלער פּאַציִענט פון דער פּאָליקליניק, מיט קיין שום פּריוואַטער פּראַקטיק פאַרנעמט זי זיך ניט, זי טוט בלויז אַ געפעליקײַט, זי ווײַזט אַרויס אַכטונג, באַפרײַט פון דער נייטיקײַט צו זיצן אין דער ריי אָדער אַפילע דורכצוגיין אויסער דער ריי, וואָס איז, ווי איר פאַרשטייט, אויך ניט גאָר באַקוועם. נו, און אויב זי ווײַזט אַרויס אויפמערקזאַמקײַט זייערע פרויען, איז דאָס אויך נאַטירלעך, — די פרויען זײַנען אירע כאַווערטעס: איינע איז אַ דאָקטער, די צווייטע — אַ לערערקע, די דריטע — די פאַרוואַלטערן פון דער ביבליאָטעק, מיט איין וואָרט, די ראַיאָנע אינטעליגענץ, אירע קאָלעגן און פרײַנט, זיי היילט זי אויך אין דער היים און קיין געלט נעמט זי ניט. און אויב זיי שענקען איר מאַטאָנעס, ברענגען אַ טאָרט אָדער אַ קעסטעלע שאָקאָלאַד־קאָנפעטן, אָדער ברענגען פון קיִעוו עפּעס אַ שמאַטקע, איז אין דעם קיין שום זינד ניטאָ. אַזויאַרום איז איר שטוביקער קאַבינעט געווען אַ מין פיליִאַל פון דער פּאָליקליניק, אַף אַ מישפּאָכעדיקן, אַף אַ פּראָסטן אויפן, אָן פאָרמאַליטעטן, ביוראָקראַטיזם און פאַרשלעפּעניש. נאָר הינטער דעם דאָזיקן פאַסאַד האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ פירמע, פּריוואַטע פּערזאָנען איז אַלץ געמאַכט געוואָרן פאַר געלט, און אויב מע האָט ניט געהאַט קיין גאָלד אַף קאָראָנקעס, בריקלעך און פּראָטעזן, האָט גאָלד זיך געפונען באַ יוסעפן.

אַלע האָבן זיך אָנגעשטויסן, סאַראַ געלט עס שאַרט יוסעף מיט דער פרוי, נאָר יוסעף האָט דאָס געשעפט אַוועקגעשטעלט קונציק, צוטשעפּען זיך איז ניט געווען צו וואָס, און קיינער האָט טשעפּען זיך ניט געוואָלט. און כאָטש יוסעף איז געווען אַן אײַנשטעלער, אַ רייזיקאַנט, אַ גיריקער נאָך געלט, איז דאָס ווײַב זײַנס געווען אַ געהיטע, אַ גרויסע דיפּלאָמאַטקע און אים צוגעוווינט צו פאָרזיכטיקײַט. יוסעף איז געפאָרן נאָך גאָלד קיין כאַרקאָוו, קיִעוו, מאָסקווע, און אַפילע קיין מיטלאַזיע, נאָר קיינמאָל איז ער ניט דורכגעפאַלן, אַלץ איז געווען צוגעדעקט און צוגעראַמט. זיי האָבן געהאַט גאָלד און צירונג, נאָר אַלץ גוט באַהאַלטן, אַ וווּנדערלעך אייגן הויז מיט שיינער אויסשטאַטונג. אַלע זומער האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט קיין קרים אָדער קאַווקאַז. יוסעף האָט ליב געהאַט אַ שיין לעבן, שיין זיך קליידן, און אַז

דאָס ווײַב זאָל זײַן שיין אָנגעטאָן. א געשמאַק האָט ער געהאַט — דאָס וועסטל בא אים ניט אָפּנעמען. די טיכטיקייט, ענערגיע וועסטל אויך ניט אָפּנעמען, און א מישפּאָכע־מענטש איז ער געוואָרן א גוטער. נאָר קיינעם אין לעבן קיין גוטס ניט געטאָן, אַלץ פאַר זיך. וואָס איז שײַעך דער בעזשענקע, האָב איך מיט א סאַך צײַט שפּעטער זיך דערוווּסט, אַז דער זיידע האָט זי אָפּגעזוכט אין האָמעל, געהאָלפן איר מיט געלט, און זי האָט כאַסענע געהאַט — דער זיידע האָט אײַנגעאָרדנט איר גורל.

דעם זיידנס צווייטער זון האָט געהייסן לייזער, מיט גאָרנישט ניט ענלעך אַף יוסעפן. א פאַנטאַזיאָר, א מענטש ניט קיין פּראַקטישער, א פילאָסאָף, דער איינציקער קורצזיכטיקער צווישן די ראַכלענקאָס, מינאַסטאַם דערפאַר, וואָס ער האָט פון קינדווײַז א סאַך געלייענט, אפילע באַנאַכט. דערפאַר האָט ער געטראָגן פּענסנע און געשעמט פאַר א געבילדעטן מענטשן, כאָטש ער איז געווען ניט קיין געבילדעטער, נאָר אַן אָנגעלייענטער, און אַן אָנגעלייענטער אָן א סיסטעם, ער האָט געלייענט אַלץ, וואָס האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט. זעענדיק, אַז ער איז אַזוי אַרײַנגעטאָן אין לייענען, האָט דער זיידע אים אַרײַנגעגעבן אין טשערניגאָווע אין ראַטנערס גימנאַזיע, ס'איז געווען אַזא פּריוואַטע גימנאַזיע, מיט קאַזיאָנע רעכט. נאָר אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז קיין עכטע פייִקייט פאַרמאָגט לייזער ניט. ער פאַרמאָגט גאָר א פעלער, וואָס איז אינגאַנצן ניט אייגנטימלעך פאַר די ראַכלענקאָס. דער דאָזיקער פעלער איז — פוילקייט. די אייגענע מוטער האָט האָלץ, און ער זיצט און לייענט א צײַטונג, פּונקט אַזוי דאַרף דאָס זײַן. א גוטער, ניט קיין עגאָיִסט, נאָר א פוילאַק, איר פאַרשטייט, א פאַנטאַזיאָר, א טרוימער און א שלימאַזל. א שוסטער איז ער געווען א מיטלמעסיקער, דער זיידע האָט אים אונטערן שטעקן אויסגעלערנט, נאָר ער האָט ליב געהאַט זיך דורכשמועסן מיט די באַשטעלער, פּלאַפּלען אַף פאַרשיידענע טעמעס, דערנאָך האָט ער געאַרבעט אין אַן אַרטעל, אַף א פאַבריק, פריִער אין צעך, שפּעטער אין אָ.ט.ק. צוגעגייגט צו דער ערד האָט אים דער טויט פונעם ווײַב. דאָס ווײַב זײַנס טעמע, א צאַרטע, א בענימעסע, האָט ליב געהאַט לייזערן, זי איז אים מויכל געווען זײַן ניט פּראַקטישקייט, גאָרניט געפּאָדערט און געלעבט מיט דעם, וואָס איז געווען. מיט אַזא ווײַב איז לייזערן געווען גוט. ער האָט געקאָנט ווייניק אַרבעטן און א סאַך פילאָסאָפירן. נאָר בייסן האָבן א קינד איז טעמע געשטאָרבן. וויאַזוי לייזער האָט זיך ניט געגומען דאָס לעבן — ווייס איך ניט. אָפּן זון האָט ער ניט געקאָנט קוקן, דעם קליינינקן דאַניִעל האָט אויסגעכאָוועט דער זיידע, ער האָט אים אָפּגעגעבן אין דאַרף צו אַן אַם, צווישן אַנדערס אין דאָרף פּעטראָווקע, אין דעם זעלבן, ווו ער האָט געהאַט א זײַטיקן זון, צו יענער צײַט שוין א דערוואַקסענעם מענטש, א פאָטער פון א פאַמיליע. אין אָט דעם דאָרף פּעטראָווקע איז דער זיידע קימאַט אַלע טאָג געפאָרן א קוק טאָן אַפּן אייניק, וואָס־און־ווען, זען, אַז אַלץ, הייסט עס, זאָל זײַן אין אָרדענונג. ער האָט אים אויסגעניאַנטשעט, אויסגעכאָוועט אים. נאָר בא לייזערן האָבן אינגאַנצן זיך אַראָפּגעלאָזט די הענט, ער האָט אָנגעהויבן אויסטרינקען, און אפילע דער זיידע, וואָס האָט ניט געליטן קיין שיקער, האָט אַף לייזערס טרינקען ניט געלייגט קיין אכט, פאַרשטייענדיק, אַז דאָס לעבן איז אים ניט געראָטן.

דעם זיידנס דריטער זון האָט מען גערופן גרישע. קיין שום אויסערגעוויינלעכס קאָן איך וועגן אים ניט דערציילן. מיט קיין זאַך האָט ער זיך ניט אויסגעטיילט. א געזונטער, ווי אַלע ראַכלענקאָס, דער ערשטער שלעגער אַף דער גאַס, נאָר קעסיידער זיך אײַנגעשטעלט פאַר גערעכטיקײַט, האָט פאַרטיידיקט שוואַכע. און וואָס הייסט עס פאַרטיידיקן שוואַכע? דאָס הייסט פאַרפירן א געשלעג מיט א שטאַרקערן. און ער האָט געמאַכט בלאָוו־און־בראַנד אַף צו הערן און געדענקען! און אַז דאָס ייִנגל איז געקומען אהיים מיט לאַמטערנס אונטער די אויגן און מע האָט בא אים געפרעגט: ווער? האָט דאָס ייִנגל געענטפערט: גרישע ראַכלענקאָ. ווּעמען האָבן זיך געזשאַלעוועט די עלטערן? דעם זיידן. און דער זיידע האָט אין אַזעלכע פאַלן זיך ניט פאַנאַנדערגעקליבן, ווער איז גערעכט און ווער איז שולדיק. אויב מע קלאָגט זיך אַף דיר, הייסט עס, אַז דו ביסט שולדיק, דעם פרעמדן זון אַנטויטשען קאָן ער דאָך ניט, און דעם אייגענעם קאָן ער. און דער געשפּרעך איז א קורצער — דער רימען. יוזי־פּעפּן מיטן רימען און לייזערן מיטן רימען, נאָר יענע פלעגן זיך אויסבאַהאַלטן, עס פלעגט טרעפן, אַז זיי זײַנען אַנטלאָפן פון שטוב אַף עטלעכע טעג. גרישע איז ניט אַנטלאָפן, דעם זיידנס רימען האָט ער פאַרזוכט גאַנץ אָפט, נאָר קיינמאָל ניט געוויינט, ניט געבעטן מויכל זײַן. עמעס, ער איז שנעל געוואָרן א באַרדאַס און געגומען גוט אַרבעטן. צו שוסטערײַ און ביכלאַל צו יעדן מין פאַך האָט ער געהאַט פייִקײַטן.

איך געדענק, אַז מײַנע פעטערס האָבן אין הויף אויפגעבויט גיגאַנטישע טריט, אַזא מאָדע איז דעמאָלט געווען. די גיגאַנטישע טריט האָבן זיך באַקומען אויסגעצייכנטע, ווי אין די פּאַרקן און אין די סעדער. די כעווראַ פון דער גאַנצער שטאָט זײַנען זיך צונויפגעלאָפן. וואָס טוט

דער פעטער יוסעף? ער מאַכט געשעפט: נעמט בײַ יעדערן אַ קאָפּעקע. דער פעטער גרישע שטייט בײַ אַ זײַט שווײַגנדיק און קוקט, ווי יוסעף נעמט צונויף די קאָפּעקעס, און דערנאָך זאָגט ער:

— באַווײַז, וויפל דו האָסט צונויפגענומען. — ער נעמט בײַ יוסעפן די מאַטבייעס, ציילט זיי איבער און גיט זיי אָפּ מיר:

— גיי קויף פאַר דעם געלט צוקערקעס און ברענג זיי אַהער.

איך האָב געבראַכט צוקערקעס, און גרישע האָט זיי צעטיילט די כעווריע. יוסעף האָט ניט געוואַגט אים זאָגן אַ וואָרט, כאָטש גרישע איז געווען ייִנגער, נאָר שטאַרקער פון אים, קיין שטאַרקערע, ווי איר ווייסט, האָט יוסעף זיך ניט קעגנגעשטעלט.

אין פופצעטן יאָר האָט מען דעם פעטער גרישע מאָביליזירט אין אַרמיי, און ער איז די גאַנצע ערשטע וועלט־מילכאָמע אָפּגעווען אויפן פראָנט, און ניט ווי יוסעף, ניט אין דער מוזיק־קאָמאַנדע, נאָר אין דער אינפאַנטעריע, אין די אָקאָפּעס, אַן עמעסער סאָלדאַט, פאַרווונדעט געווען, קאָנטוזשעט. נאָך דער מילכאָמע זיך אומגעקערט און ווידער געשטעלט זיך צו דער אַרבעט צו שוסטערײַ. מיט דער צײַט איז ער געוואָרן אַ גוטער מײַסטער, אַ רויִקער, אַ האָרעפּאַשנע, ניט קיין פּלאַפּלער און אַ֫ין פראַט פון טעכניק זייער אַ באַגאַבטער. געווען פון די ערשטע סטאַכאַנאָווצעס, אָבער דערפון קיין קאַריערע ניט געמאַכט, פון אַלץ זיך אָפּגעזאָגט, ליב געהאַט נאָר די אַרבעט. ווען די פאַבריק האָט זיך פאַרברייטערט און איז מעכאַניזירט געוואָרן, האָט ער אַרײַנגעטראָגן פיל ווערטפולע ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פאָרשלאָגן. צו אים, ווי עס קומט פאַר, האָבן זיך צוגעקלעפּט לאָווקאַטשעס, נאָר דער פעטער גרישע האָט דערויף קיין אַכט ניט געלייגט. אַ פּראָסטער, אָן שום זעלבסטליבע, די אינטערעסן פון דער אונטערנעמונג זײַנען געשטאַנען בײַ אים אויפן ערשטן אָרט, אַן עכטער מײַסטער אין זײַן פאַך, אַ פאָרגעשריטענער אין פולן זין פון דעם דאָזיקן וואָרט. איך פאַרזענלעך האָב פאַר וואָס אים אָפּצודאַנקען. ווען איך און מײַן ברודער ליאָווע האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן מיטן טאַטן און מיטן זיידן, האָט ער, גרישע, אונדז געלערנט. און מײַן טאַטן האָט ער אויך געדולדיק געלערנט. און אויב איך האָב געזאָגט וועגן פעטער גרישע, אַז ער איז געווען אַ פּראָסטער מענטש, וואָס האָט מיט קיין זאַך זיך ניט אויסגעטיילט, איז גאָר מעגלעך, אַז אין דעם איז באַשטאַנען זײַן גרויסקײַט. ער איז געווען אַ מענטש פון אַרבעט און אַרבעטס־כּיווו, און אויף אַזעלכע מענטשן האַלט זיך די וועלט.

דעם זיידנס קינדער האָבן אַלע זייערע כעסרוינעס, אָפּט ביז גאָר גרויסע, דאָך האָבן זיי עפּעס־וואָס געיאַרשנט פונעם זיידן: יוסעף — די טיכטיקײַט, לייזער — די גוטסקײַט, גרישע — די אַרבעטסזאַמקײַט, מײַן מאַמע ראַכיל — דעם ווילן, ציל־אָנגעווענדטקײַט, הערשערישקײַט. נאָר אין קיינעם פון זיי האָט דעם זיידנס כאַראַקטער פולקאָם און אינגאַנצן זיך ניט איבערגעכאַזערט. בלויז איין זון האָט זיך דערהויבן צום זיידנס כאַראַקטער, און, מעגלעך, אַפילע אים איבערגעשטיגן, ווײַל ער איז אַרײַנגעפאַלן אין דער גערדיכטעניש פון די היסטאָרישע געשעענישן און געווען זייערע אַן אָנטיילנעמער. דאָס איז געווען דער פעטער מישע, דעם זיידנס ייִנגסטער זון און דער ייִנגסטער פון מײַנע פעטערס.

מיר איז שוין העכער די זעכציק, און דער פעטער מישע איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ, ער איז אומגעקומען, ווען איך בין נאָך געווען אַ ייִנגל, נאָר ער האָט באַלויכטן מײַן קינדהײַט מיט אַן אומפאַרגעסלעכער שײַן, מיך באַשאָנקען מיט עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב דורכגעטראָגן דאָס גאַנצע לעבן, און ער שטייט פאַר מײַנע אויגן, ווי אַ לעבעדיקער. אַ ברייטפּלייציקער, אַ געוואַגטער, מיט אַן אויסגעטעסעט פאַרברוינט מאָנגאָליש געזיכט און מיט גוטע, עטוואָס קאָסע־געשטעלטע אויגן.

אַלע ראַכלענקאָס האָבן געהאַט אין זיך עפּעס מאָנגאָלישעס, און דער פעטער מישע באַזונדערס. פונוואַנען האָט זיך עס גענומען? איינס איז קלאָר: פאַר יעדער פאָלק איז די ריינקײַט פון דער ראַסע — אַ מיף, איבערהויפּט פאַר אַ פאָלק מיט אַ פירטויזנטיאָריקער געשיכטע.

דער פעטער יוסעף איז געווען פאַרקאָכט אין טויבן, לייזער — אין ביכער, מישע האָט זיך געקעכלט אין פערד. זיך דורכטראָגן רײַטנדיק אויף אַ פערד אין אַ קאַזאַקישן זאָטל, אין אַ רײַטערישן זאָטל, אָן אַ זאָטל — דערפאַר איז ער גרייט געווען אָפּגעבן די נעשאָמע: ס׳איז מילכאָמע־צײַט, דורך דער שטאָט פלעגן דורכגיין קאַוואַלעריסטישע טיילן, זיך אָפּשטעלן אין די פּריוואַטע שטיבער. מישע האָט זיך באַפרײַנדעט מיט פיל פון די קאַוואַלעריסטן און זיך אויסגעלערנט באַגיין מיט די פערד ניט ערגער ווי זיי.

טאַקע פון די פערד האָט זיך אָנגעהויבן די מיליטערישע קאַריערע פונעם פעטער מישע: אין זיבעצעטן יאָר איז ער אַוועק אויפן פראָנט מיט אַ קאַוואַלעריסטישן עסקאַדראָן. זיך פאַרשריבן פאַר אַ פרײַוויליקן, באַקומען אַ פערד און אָפּגעקעמפט אויפן פראָנט דעם גאַנצן ביר־

גערקריג. דער פראָנט איז אַדורכגעגאַנגען איבער גאַנץ רוסלאַנד, און דער פּעטער מישע איז פאַרפאַלן געוואָרן און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ לעגענדע. עס זײַנען זעלטן וועגן אָנגעקומען פון אים קורצע בריוו — איר קאָנט זיך פאָרשטעלן די דעמלטיקע פּאָטשט. די בריוו זײַנען ניט פאַרהיט געוואָרן, פון זיי האָט זיך מיר פאַרגעדענקט נאָר איין פראַזע: „אַהיים וועל איך זיך ניט אומקערן, ביז מירן ניט אײַנעמען וואַרשע". ער האָט געדינט אין קאַוואַלעריסטישן קאָר־פּוס בא גײַען. דער דאָזיקער קאָרפּוס האָט אָנגעגריפן אַף וואַרשע... בא אונדז האָט דער פּע־טער מישע זיך באַוויזן אומדערוואַרט, אין אַ קאַוואַלעריסטישער שינעל, אין אַ פּאַפּאַכע, מיט שפּאָרן, אַן אַרומגעוויקלטער מיט לעדערנע פּאַסן, מיט אַ שאַשקע אַף דער זײַט, אַ העלד פונעם בירגערקריג. אַ קאַוואַלער פונעם אָרדען פון דער רויטער פאָן, דעמלט האָט עס וועגן פיל געהאַט צו זאָגן.

אויסגעצירט איז ער געווען, ווי אַ קאַרטינע; עפּשער האָט עס זיך דעמלט מיר געדאַכט, און עפּשער איז עס אַזוי געווען אינדערעמעסן. אַ שאַשקע, אַ פּאַפּאַכע, פּאַסן, שפּאָרן, זײַנע פערד — אַלץ דאַכט זיך איצט אַ מענטשן, וואָס איז דורכגעגאַנגען די גרויזאַמע שול פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, אַ ביסל נאַיוו. נאָר דעמלט איז עס געווען אין דער מאָדע, ס'איז געווען די נאָרמע: מ'האָט ליב געהאַט זיך אַ בארים טאָן, באַזונדערס בא אונדז, אַף דאָרעם, און באַזונדערס אַזעלכע כוואַטקע באַכערים און פּאַרטיזאַנער, ווי דער פּעטער מישע. ס'איז איבעריק צו דערציילן, ווי מיר אַלע, אָנהייבנדיק פונעם זיידן און ענדיקנדיק מיט אונדז, די אייניקלעך, האָבן זיך געגרויסט מיטן פּעטער מישע, איך רעד שוין ניט פון דער באָבען: זי האָט זיך אין אים געקעכלט. דעם שוסטער ראַכלענקאָס אַ זון פון אַ קליין שטעטל אַף דער טשערניגאָוושטשינע — און נאָ דיר, ביטע, אַזאַ העלד, ניט וואָלכער־ס'איז אונטער־אָפיצער, ווי כאַיִם יאַגודין, נאָר, מע קאָן זאָגן, אַ רויטער גענעראַל. די שטוב איז פול מיט געווער, אין שטאַל שטייען פערד, אַזעלכע האָט די וועלט ניט געזען, און אונדזער שאָכן דער שאָרניק סטאַשענאָק האָט געמאַכט פאַר זיי אַ באַזונדער מין געשפּאַן. מיר זײַנען נאָכגעגאַנגען דעם פּעטער מישע: ווו ער, דאָרט מיר. פון אונדזער שטאָט קומען אַרויס אָנגעזעענע פּאָליטישע טוער, נאָר וועגן זיי האָבן מיר גאָרנישט ניט געוווסט, זיי זײַנען געווען ווײַט — אין מאָסקווע, אין פּעטראָגראַד, און דער פּעטער מישע איז געווען דאָ, פאַר אונדזערע אויגן.

ער האָט פאַרגעזעצט דינען אין אַרמיי, כאָטש געלעבט האָט ער אין טשערניגאָוו. ווער ער איז דאָרטן געווען, איז מיר ניט אינגאַנצן קלאָר: מעגלעך, קאָמאַנדעוועט מיט אַ מיליטער־טייל, צי עפּשער גאָר געווען אַ מיטגליד פונעם מיליטער־טריבונאַל, און מעגלעך, אַז ביידע זאַכן צוזאַמען. מיט איין וואָרט, אַן אָנגעזעענער מענטש אין טשערניגאָוו. און אָט קומט ער איינמאָל צו אונדז אין שטאָט אַף אַ טאָג, צוויי זיך זען מיט די עלטערן. און צוליב וואָס איז ער גאָר געקומען? נאָך זײַן טויט איז ער אַהער געקומען...

אַלץ איז רויִנירט, קיין פעסטע וואַליוטע איז ניט געווען, געלט האָט מען געציילט אַף מיליאָנען, און ווער באַדאַרף זיי, די מיליאָנען? פּאַפּירלעך! דער פּויער וויל פון זיי ניט וויסן. אונדזער ראַיאָן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז אַ פּיציכטלערישער. וואַזוי קויפט מען פּי, אויב דער פּויער נעמט ניט די דאָזיקע מיליאָנען? די קאַצאָווים האָבן געקויפט פּי פאַר אַלטע צאַרישע גאָלדענע מאַטבייעס, און אין יענער צײַט האָט עס געהייסן ספּעקוליאַציע מיט גאָלד. דרײַ מענטשן האָבן זיך אַרײַנגעכאַפּט און געזעסן אין דער טשערניגאָווער טפּיסע, ס'האָט זיי געדראָעט צעשאָסן ווערן. צו וועמען האָבן זיך עס אַ וואָרף געטאָן זייערע אייגענע? פאַרק שטענדלעך, צו דער באָבע ראַכלענקאָ. איר זון איז דאָך דער עלטסטער נאַטשאַלניק אין טשער־ניגאָוו, שוין זשע וועט ער ניט אויסלייזן זײַנע אייגענע, מע קאָן זאָגן, זעמליאַקעס? טאַטעס פון מישפּאָכעס, מע טאָר ניט דערלאָזן, אַז זייערע קינדער זאָלן בלײַבן יעסוימים. און דאָ, ווי אָפּצולאָכעס, ווי אומיסטן, קומט צו פאָרן דער פּעטער מישע.

די באָבע זאָגט אים:

— לאָז אָפּ אָט די מענטשן.

ענטפערט ער:

— איך קאָן דאָס ניט טאָן.

נאָר זי כאַלעשט פאַר אים. פּאָדערט. אַ גוטע פרוי, נאָר פאַרשטייט ניט, אַף וואָס זי שטויסט דעם זון, פאַרשטייט ניט, וואָס עס דראָעט אים.

— אויב מע וועט זיי צעשיסן, — זאָגט די באָבע, — וועלן מיר דאָ ניט קאָנען פאַרבלײַבן, מירן דאַרפן פונדאַנען אוועקפאָרן, אוועקוואַרפן די אייגענע נעסט און זיך וואַלגערן ערגעץ. דאָ קאָן איך ניט קוקן די מענטשן אין די אויגן.

דעמלט זאָגט דער פּעטער מישע:

— אויב איך וועל דאָס טאָן, וועט מען מיך אַליין צעשיסן.

נאָר זי גלייבט ניט, מיינט, אַז ס'איז אַן אויסרייד, וויינט זי און באַשטייט אויף אירן, זי האָט ראַכמאָנעס אויף די ווײַבער פון די אַרעסטירטע, זי האָט זיי צוגעזאָגט, און איר, וואָס שטייט אין דער מישפּאָכע אויפן צווייטן פּלאַן, האָט זיך געוואָלט דערווײַזן, אַז איר וואָרט האָט אויך עפּעס אַ ווערט, אַז איר באַליבטער זון מישע וועט אַלץ טאָן פאַר־אירעטוועגן.

ווען דער זיידע וואָלט געוווּסט וועגן אַט די געשפּרעכן, ווען עס זאָלן געוווּסט ווערן די פּעטערס, מײַן מאַמע ראַכיל, מײַן טאַטע יאַנקעוו, וואָלטן זיי, פאַרשטייט זיך, דערוויזן דער באָבען, אַז זי פּאַדערט פון מישען אומגלעכס. נאָר צום אומגליק זײַנען די געשפּרעכן פאָרגעקומען אויג־אויף־אויג, די באָבע האָט גענומען בײַ מישען דאָס וואָרט, אַז ער וועט די אייגענע גאָרנישט ניט זאָגן.

דער פּעטער מישע האָט זיך אונטערגעגעבן, ניט געקאָנט אָפּזאָגן דער אייגענער מוטער און באַפרײַען די דאָזיקע מענטשן, ראַכמאָנעס געהאַט, ער האָט געקענט זיי, די מישפּאָכעס זייערע, געוווּסט, אַז זיי האָבן קינדער, און עפּשער האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז מיט זייער פאַרברעכן האָבן זיי ניט פאַרדינט צעשאָסן ווערן. פאַרגעסט ניט, אַז ער איז דעמלט אַלט געווען צוויי און צוואַנציק יאָר. אַ ייִנגל! ער האָט געזען דעם טויט, נאָר געזען אים אויפן שלאַכטפעלד. ער איז געווען אַ סאָלדאַט און ניט קיין ריכטער, ניט קיין געצוימטער, אַ דרייסטער, נאָר אַ גוטער, אַ ברייטהאַנטיקער. אין אַ געוויסער מאָס איז ער געווען אַן אָנהענגער פון געשעעניש, נאָר אין גוטן זין פון דעם דאָזיקן וואָרט; דאָס איז געווען אוואַנטיוריזם פון אַ גוט, דרייסט און מיטפילנדיק האַרץ. ער האָט געקאָנט שיסן, נאָר ניט צעשיסן. זײַן גוטסקײַט האָט ער געשטעלט העכער פון די אײַזערנע געזעצן פון דער רעוואָליוציע און האָט געמוזט דערפאַר ענטפערן.

פאַרשטייט זיך, אַז ער איז ניט געווען אַזאַ טיפּעש, ער זאָל פּאַשעט אַרויסלאָזן די דאָזיקע מענטשן אויף דער פרײַ. זיי האָבן אָנגעגעבן אויף באַגנעדיקונג, און דער פּעטער מישע האָט — ביז דעם באַשלוס פון וווּציק — ווי אַ מיטגליד פון טריבונאַל, זיי אָפּגעלאָזט אויף פּאָרוקע, און טאָן דאָס האָט ער אַליין ניט געהאַט קיין רעכט. ווי נאָר די דאָזיקע מענטשן זײַנען אַרויס פון טורמע, זײַנען זיי מאָמענטאַל פאַרשוווּנדן געוואָרן; פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַ פאַרברעכן, נאָר יעדערער ראַטעוועט זײַן לעבן, ווי ער קאָן. אַ פאַקט איז, אַז דער פּעטער מישע האָט ניט געזעצלעך באַפרײַט דרײַ מענטשן פון טפיסע און געגעבן זיי אַ מעגלעכקײַט אויסמײַדן די שטראָף. דערפאַר האָט מען אים אַליין אָפּגעגעבן צום געריכט און פאַרמישפּעט צום דערשיסן.

איך מיין, אַז מיט אַ שווערער האַרץ האָט מען אים פאַרמישפּעט. אַלע זײַנען זײַנע נאָענטע פרײַנט — כאַווײרים, אַלע האָבן אים ליב געהאַט, און דער פאָרזיצער פון טריבונאַל פּיקסאָן, אַ לעט, איז פּאַשעט געווען פאַרקאָכט אין אים, פּאַר אַזאַ, ווי מישע ראַכלענקאַ, האָט ער געקאָנט אָפּגעבן צען. נאָר דאָס זײַנען געווען אײַזערנע מענטשן, דער רעוואָליוציאָנערער כויוו איז פאַר זיי געווען העכער פון אַלץ, און זיי האָבן פאַרמישפּעט דעם פּעטער מישע צום שיסן.

נאָך דעם ווי עס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער אורטייל, איז פּיקסאָן געקומען צו מישען אין דער קאַמערע. אין טורמע האָט דער פּעטער מישע זיך אויפגעפירט ווונדערלעך. ער האָט געשפּאַסט, געזונגען. אַ שטים האָט ער געהאַט אַ גוטע, ווי בײַ אַלע ראַכלענקאָס. און אַט קומט פּיקסאָן, דער פאָרזיצער פון טריבונאַל, צו אים און פרעגט:

— זאָג, ראַכלענקאַ, וואָס ווילסטו?

— איך האָב איינציקע כיוועס, — ענטפערט דער פּעטער מישע, — דעם שוסטער, דעם שנײַדער, אַנדערע. כ'וואָלט געוואָלט זיך צעצאָלן מיט זיי.

דאָס איז געווען עמעס. דער פּעטער מישע איז געווען אַ פראַנט, געגייט זיך בײַ די בעסטע שנײַדערס און שוסטערס, און די פערד זײַנע האָט ער געקעכלט, ווי קיינער ניט.

— דרײַ טעג וועט דיר קלעקן? — פרעגט פּיקסאָן.

— מיר וועט קלעקן איין טאָג.

— גוט, איך וועל דיר געבן אַ פערד, פאָר און צעצאָל זיך, אויב ס'וועט דיר קיין טאָג ניט קלעקן, ווערסטו זיך אומקערן אין דרײַ טעג אַרום.

און אַט קומט מישע צו זיך אין דער קוואַרטיר, דאָרט וואַרט אויף אים דער זיידע, זיי פאָרן צוזאַמען איבער טשערניגאָוו, פאָרן אַרײַן צו אַלעמען, וועמען דער פּעטער מישע איז שולדיק. מיט אַלעמען צעצאָלט זיך, זאָגט אים דער זיידע:

— דאָ שטייען גרייט בײַ איינעם מײַנעם אַ באַקענטן פערד, איך וועל דיר געבן געלט — פאָר אוועק. אויב פּיקסאָן האָט דיך אָפּגעלאָזט, האָט ער זיכער דאָס אין זינען געהאַט.

— ניין, — ענטפערט דער פּעטער מישע, — דאָס וועל איך ניט טאָן. איך האָב געגלייבט מענטשן, האָבן זיי מיך אונטערגעפירט, נאָר איך וועל קיינעם ניט אונטערפירן.

ער האָט זיך געזעגנט מיטן זיידן און זיך אומגעקערט אין דער טפיסע.

אין צוויי טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון פעטראָווסקין, פונעם פּאַרזיצער פונעם וווּציק: אָפּשאַפן דעם אורטייל. דעם פעטער מישע האָט מען באַגנעדיקט, נאָר אים געמאַכט פאַר אַ פּראָסטן סאָלדאַט, און ער איז אומגעקומען בײַיס דער ליקווידאַציע פון עפּעס אַ באַנדע.

אַ סך האָבן ניט געגלייבט, אַז ער איז אומגעקומען, — דער טויט פון אַזאַ מענטשן דאַרף זײַן געװנוג אָנשוילעך, אַז מע זאָל אין דעם גלייבן. ער האָט אַזוי אָפּט ריזיקירט מיט זײַן לעבן, אַז מענטשן האָט זיך געדאַכט, אַז דער טויט נעמט אים ניט. עס זײַנען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מע האָט אים קלוימערשט געזען אין קרים, אין וולאַדיוואָסטאָק, מע האָט געשמועסט, אַז מע האָט אים אַוועקגעשיקט קיין כינע אַלס ראַטגעבער אין דער רעוואָליוציאָנערער אַרמיי פון גאָמינדאַן.

אין די דאָזיקע קלאַנגען גלייב איך ניט. דער פעטער מישע איז, פאַרשטייט זיך, אומגעקומען. ער איז ניט געווען קיין לאָװקאַטש, ער איז געווען אָן אופריכטיקער, פּונקט ווי יענע צײַט, אין וועלכער ער האָט געלעבט.

# 6

אין דער צײַט פון דעם בירגערקריג איז די היים בײַ מיר געשטאַנען אַפן צווייטן אָרט, איך האָב געלעבט מיט די אינטערעסן פון דער גאַס און ניט פון דער שטוב. איך בין איבערגעלעגן אַף דער סטאַנציע, לעבן די מיליטער־עשעלאָנען, לעבן די סאָלדאַטן און מאַטראָסן, און דאָס האָט פאַרשטעלט דאָס קליינלעכע, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דער מישפּאָכע. איך מוז זיך אָנערקענען, אַז מיר איז דעמלט געווען אַ שאָד, וואָס מײַן פאָטער געפינט זיך ניט קיין אָרט אין דער דאָזיקער וועלט, צווישן די מענטשן, וואָס זײַנען באַהאַנגען מיט קוילנוואַרפער־סטענגעס, מיט די, וואָס רײַטן אַף די פערד און פאָכען מיט די שאַשקעס. אַפילע כאַיִם יאַגודין, דער דולער אַלטער, פלעגט קומען אַף די לימודים פונעם זעלבשוץ־אָטריאַד און, פּונקט ווי עפּעס אַ גענעראַל, קאָמאַנדעווען: „נאַ־פּראַ־וואָ!", „נאַ־לע־וואָ!", „קרו־גאָם!", — און זײַנע קאָמאַנדעס האָט מען אויסגעפילט. וואָס דו זאָלסט ניט זאָגן, פאָרט אַן אַלטער סאָלדאַט, אַ פּאַרדינסטפולער אונטעראָפיצער, מיט געלע פעלדפעבעלישע וואָנצעס, מיט אַ גראָוון באָבריק און אַ געגאָלטער רויטער מאָרדע. נאָר ווען ער האָט זיך געפּרווּט אַ קלאַפּ טאָן איינעם אַ באָכער מיטן שטעקן, ווײַל יענער האָט ניט אַזוי גיך אויסגעפילט זײַן קאָמאַנדע, האָט מען דאָס אים ניט דערלויבט: עס זײַנען ניט די צאַרישע צײַטן, שלאָגן אַ סאָלדאַט איז פאַרווערט. איך זאָג דאָס דערפאַר, ווײַל אַלע, אַפילע דער גאָרנישט כאַיִם יאַגודין, האָט געפונען זײַן אָרט אין דער נײַער וועלט, און מײַן פאָטער איז געבליבן דער, וואָס איז געווען: אַ שטובּיקער מענטש, ניט קיין אײַנגעאָרדנטער, אָן אַ פּראָפעסיע, אָן אַן עכטער באַשעפטיקונג, אַ באַזעצטער מיט פינף קינדער. יאָ, יאָ, פינף! אין דער פאַרהעלטניסמעסיק שטילער צײַט פאַר אונדז, בײַיס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע האָט די מאַמע ניט געהאַט קיין איין קינד, אַלע האָבן געמיינט, אַז אַף אונדז דרײַען, אַף ליאָווען, מיר און פימען, האָט זיך אַלץ פאַרענדיקט, נאָר אָט אין זיבעצעטן ווערט געבוירן ליובע און אין נײַנצעטן — העניריך. די צוויי און מיר דרײַ, האָט איר שוין פינף. מיט אַזאַ קאַפּעלע האָט דער טאַטע שוין אין ערגעץ זיך ניט געקענט רירן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַ לעבן. מיטן אַלטן רעזשים איז אַלץ פאַרענדיקט, אַלע זײַנען גלײַך, אַלע זײַנען סאָוועטישע מענטשן, און וועגן וועלכער שווייץ קאָן גיין אַ רייד, אַז מיר זײַנען בײַ זיך אינעם היימלאַנד.

וואָס דער טאַטע זאָל ניט געווען שרײַבן אין דער שווייץ, האָט מען דאָרט פאַרשטאַנען, אַז זײַנע געשעפטן זײַנען שוואַך, און, ווי פריִער, גערופן אים קומען. דעריקער, וואָס בײַם טאַטן האָט זיך פאַרהיט דער שווייצאַרישער פּאַספּאָרט, אַרויספּאָרן האָט מען געקאָנט, נאָר ווידער האָט די מאַמע וועגן דעם הערן ניט געוואָלט. פאַר וועמען וועט מען זי דאָרט האַלטן?! מע וועט פון ראַכמאָנעס וועגן זי האָדעווען מיט די קינדער! אַזאַ דערנידעריקונג וועט זי ניט דערלאָזן. איין זאַך איז מאַטערן זיך דאָ, בײַ זיך אין דער היים, אַ צווייטע — זײַן אַ בעטלערקע באַנאַנד מיט רײַכע קרויווים. איך ווייס ניט, צי איז מאַסקים געווען דערמיט דער פאָטער,

נאָר ער האָט זיך צוגעוווינט צו זײַן לאַגע, ערגעץ געדינט. קיין גרויסער טאַלק איז דערפֿון ניט געווען, א פּאַיאָק האָט ער באַקומען א נישטיקן, ארויסגעבן פֿלעגט מען אים ניט רעגולער, און צומאָל האָט מען אים איינגאַנצן ניט געגעבן. צו יענער צײַט האָט דער טאַטע שוין גוט גערעדט אף רוסיש, געלייענט, גראַמאַטנע געשריבן, ער האָט פּאַרמאַגט פֿייִקײַטן, אן אָנ־שטענדיקער מענטש, נאָר אין זײַן אנשטאַלט איז ער ניט געווען, ווי איר פאַרשטייט, אף דער העכסטער שטעלע, ער האָט איבערגעשריבן פּאַפּירן, עפּעס געבראַכט אהיים; גוט, אויב דאָס איז געווען א פּאַיאָק, ערגער, אויב געלט, פֿאַר וועלכן מ׳האָט גאָרניט געקאָנט קויפֿן.

נאָר אָט זײַנען אונטערגעקומען די יאָרן פֿון נעפּ, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א האַרבע קאָנקורענץ צווישן פּריוואַטן אייגנטימער און דער מעלוכע. דעמלט האָט מען געזאָגט: „ווער — וועמען?״ — די מעלוכע וועט בײַקומען דעם אייגנטימער אָדער דער אייגנטימער די מעלוכע? און אויב די מעלוכע וויל בײַקומען דעם פּריוואַטן אייגנטימער, דאַרף איר סכוירע זײַן בעסער און ווערלוועלער. און וואָס הייסט ווערלוועלער? דאָס הייסט פֿאַרקירצן דעם אַפּאַראַט, באַזײַטיקן די איבעריקע מענטשן. בא דעם פּריוואַטניק איז דאָך קיין מענטשן ניטאָ, ער קוועטשט ארויס אַלץ פֿון זיך, פֿון זײַן מישפּאָכע, פֿון די ארבעטער. צוזאַמען מיטן נעפּ האָט מען דורכגעפֿירט א גראַנדיעזע פֿאַרקירצונג פֿון די שטאַטן, ליקווידירט די נייטיקע אנשטאַלטן, מע האָט אפילע זיך ניט דערשראָקן פֿאַר דער ארבעטסלאָזיקײַט, כאָטש פֿיל האָבן אָנגעווירן זייערע באַשעפֿטיקונגען און האָבן גענומען טײַנען: „פֿאַר וואָס האָט מען געקעמפֿט?״.

מײַן טאַטע איז אויך געבליבן אָן ארבעט. און ס׳האָט זיך געשטעלט די פּראָבלעם — מיט וואָס זיך באַשעפֿטיקן? וויאַזוי פֿאַרדינען אף ברויט? עמעס, צו יענער צײַט האָב איך, גלײַך נאָך ליאָווען, אָנגעהויבן ארבעטן, נאָר אַלציינס האָט דער טאַטע, א מאַנצבל אין סאַמע בלי, קאָן מען זאָגן, ניט געקאָנט מעפּאַרנעס זײַן די מישפּאָכע, און אין דער מישפּאָכע איז ער דער זיבעטער.

געענדיקט האָט זיך דערמיט, וואָס דער טאַטע האָט גענומען א פּאַטענט און ווידער גע־וואָרן א שוסטער א קוסטאַר. ניט זייער זיס, נאָר ער איז ניט אראָפּגעפֿאַלן בא זיך, אים האָט ארויסגעהאָלפֿן דער הומאָר, זייער א זעלטענע אייגנשאַפֿט בא א דײַטש. מעגלעך, אז ער האָט דעם שטריך דעראַבערט אדאַנק מײַן מוטער; אויסקומען מיט איר האָט מען געקאָנט נאָר באַזיצנדיק אין א גרויסער מאָס דעם געפֿיל פֿון הומאָר. דער הומאָר איז געווען א שוץ, א רעטונג.

אויב פֿיזיש האָט אונדז דערצויגן די מאַמע, זי האָט אונדז אויסגעניאַנטשעט, — האָט גײַס־טיק אונדז פֿאָרמירט דער פֿאָטער, ער האָט אויסגעארבעט אין אונדז דעם געשמאַק צו לייענען, געזאָרגט זיך פֿאַר אונדזער בילדונג, דערציילט מײַסעלעך, וועלכע ער האָט אליין געהערט אין דער קינדהײַט — מײַסעלעך פֿון די ברידער גרים, פֿון אַנדערסענען, סוזשעטן פֿון קינאָ־פֿילמען, וועלכע ער האָט זיך אָנגעזען נאָך אין דער שווייץ. אויך בא אונדז האָט זיך דעמלט באַוויזן קינאָ אונטערן נאָמען „קאַרסאָ״.

זײַן רויִקע שטים, די צאַרטע האַנט זײַנע איז געווען דער וועג צו געפֿינען אן אַלגעמיינע שפּראַך מיט אונדז... ס׳איז גענוג צו זאָגן, אז ניט די מוטער האָט אונדז באַלייגט שלאָפֿן, נאָר דער פֿאָטער. פֿאַרשטייט זיך, ווען דו ארבעטסט זיך אָן, ברעכסט זיך אָן אָדער לויפֿסט זיך אָן פֿאַרן טאָג, איז גענוג צוטוליען דעם קאָפּ צו דעם קישן, דו זאָלסט אנשלאָפֿן ווערן. מיט אונדזער מאַמען וועסטו קיין קאַפּריזן ניט פּראָווען, זי וועט זאָגן: „שטיל זאָל זײַן!״ — וועט זײַן שטיל. נאָר קינדער זײַנען קינדער, און ווען פֿינף שלאָפֿן אין איין צימער אף צוויי בעטן, און איינער רירט אָן דעם אַנדערן, דער צווייטער טוט א שטופּ דעם דריטן, דער פֿערטער שלעפּט אראָפּ פֿונעם פֿינפֿטן די קאָלדרע, און דער פֿערטער טוט א שלײַדער דעם פֿינפֿטן די קישן אין קאָפּ, וועסטו קיין אָרדענונג אזוי גיך ניט אײַנשטעלן. אָפּט פֿלעגט אויך טרעפֿן, אז די מאַמע איז ניט געווען בעקוויעך, און אירע פּעטש האָבן ניט געהאָלפֿן. נאָר דער טאַטע האָט דעמלט אונדז געקאָנט אײַנשטילן... און ווען מיר, די קלענערע, זײַנען קראַנק געווען, איז נאָך אונדז ארומגעגאַנגען אויך דער טאַטע, געזען, מיר זאָלן אײַנעמען די רעפּועס, אויפֿ־געשטאַנען צו אונדז באַנאַכט, די מאַמע איז ניט אופּגעשטאַנען. זי איז קיינמאָל ניט קראַנק געווען און ניט שטאַרק געגלייבט אין פֿרעמדע קרענק. איך געדענק, בא פּימען האָבן איינמאָל וויי געטאָן די ציין, ער האָט ניט געקאָנט אנשלאָפֿן ווערן, דער טאַטע איז צו אים צוגעגאַנגען, געגעבן א שווענקעכץ, און די מאַמע האָט געזאָגט:

— וואָס הערסטו אים? ווי קאָן עס בא אים וויי טאָן א צאָן? א צאָן איז דאָך א ביין!

דאָך דאַרף מען זאָגן, אז דעם טאַטנס גוירל האָט אינגיכן א שפּיל געטאָן.

בא אונדז האָט זיך אָרגאַניזירט א שוסטער־אַרטעל, דער איניציאַטאָר איז געווען מײַן עלטערער ברודער ליאָווע, כאָטש ער איז דעמלט אלט געווען פֿערצן אָדער פֿופֿצן יאָר. און,

שטעלט אײַך פֿאָר, די שוסטער, די דווירעסדיקע קוסטאַרן און האַנטווערקער, באַיאָרטע מענטשן. באַלעבאַטים, זײַנען געגאַנגען נאָך אים, נאָך א ייִנגל, א קאָמיוגיסט, אַזאַ קויעך האָט ער אין זיך פֿאַרמאָגט. מיר וועלן ניט גיין לייקענען, אַז געשפּילט האָט דאָ א ראָל דאָס, וואָס דעם קוסטאַר האָט מען גענומען צוקוועטשן מיט די שטײַערן, ס'האָט זיך אָנגעמערקט א קורס אַף קאָלעקטיוויזירן און ליקווידירן דעם פּריוואַטניק, נאָר אונדזער אַרטעל איז געשאַפֿן געוואָרן איינער פֿון די ערשטע, און דאָס איז געווען א רעטונג פֿאַר מײַן טאַטן. אין אַרטעל האָט דער טאַטע פֿאַרנומען פֿיר שטעלעס: געווען דער אױפֿנעמער פֿון באַשטעלונגען, דער קאַסירער, דער בוכהאַלטער און דער פֿאַרוואַלטער פֿון סקלאַד. און מיט אַלץ זיך ספּראַוועט. איצט זיצן אַף פֿיר שטעלעס פֿיר מענטשן, און דעמלט איז געווען איינער, ווײַל העכער פֿון אַלץ איז געשטאַנען די פּראָבלעם פֿון רענטאַבעלקײַט.

אין דער מיט פֿון די צוואַנציקער יאָרן איז די מישפּאָכע פּאַרפּעסטיקט געוואָרן. מע האָט ניט שלעכט געלעבט — ס'איז געקומען די צײַט פֿאַר מײַנע עלטערן אַראָפּצונעמען די פּרוכט פֿון זייער מי, פֿון זייערע זאָרגן. דאָס לעבן זייערס איז באַשטאַנען דערין, אַז זיי זאָלן אױפֿציִען די קינדער, מאַכן פֿון זיי מענטשן. פּראָסטע האָרעפּאַשניקעס, האָבן זיי קיין וועלט־פּראָבלעמען ניט געלייזט, מע האָט געלעבט איינער צוליב דעם אַנדערן, די קינדער זײַנען געווען די פּרוכט פֿון זייער ליבע, און זיי זײַנען געווען גליקלעך. נאָר ווי איר ווייסט, איז גליק א פֿאַרהעלטניסמעסיקער באַגריף... ניין, ניין, קיין געפּערלעכס איז ניט פֿאָרלאָפֿן, אַלע זײַנען געזונט און שטאַרק געווען, נאָר מיר זײַנען געוואַקסן, און בײַ יעדערן פֿון אונדז האָט זיך אויסגעאַרבעט זײַן כאַראַקטער, זײַנע אָנשויונגען, און באַזונדערע קאָנפֿליקטן זײַנען געוואָרן אומפֿאַרמײַדלעך.

דאָס שײַנדל פֿון אונדזער מישפּאָכע איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען ליאָווע, דער סעקרעטאַר פֿונעם אוקאָם פֿון קאָמיוג, אַן אָנגעלייענטער, א גראַמאָטנער, א וווּנדערלעכער רעדנער, א מיניסטערישער קאָפּ, א פּרינציפּיעלער און אַן אָרנטלעכער. אויסער דער לעדערנער קורטקע, מיט די געלאַטעטע הויזן, האָט ער גאָרניט געדאַרפֿט. צי איז ער ענלעך געווען אַפֿן פֿעטער מישע? אויסערלעך ניט. אויך א וווּקסיקער, א שוואַרצער, נאָר א דאַרער, און מאָנגאָלישעס האָט ער פֿאַרמאָגט ווייניק. און לויטן כאַראַקטער? מיר איז שווער צו זאָגן. גיכער אַזוי: דער פֿעטער מישע איז איינס, ליאָווע — א צווייטס. דער פֿעטער מישע איז געווען א זאַרגלאָזער, א געוואַגטער, א פּראָסטע נעשאָמע. ליאָווע איז אויך ניט געווען קיין שרעקעוודיקער, נאָר א מענטש פֿון אַן אַנדער צײַט, פֿון אַן אַנדער פֿאָרמאַציע. שוין ניט פֿון קיין סטיכיייִשער, נאָר פֿון אַן אײַזערנער אָרגאַניזירטקײַט. דער פֿעטער מישע האָט געקאָנט אומדערוואַרט עפּעס אָפּטאָן, ליאָווע האָט קיין אומדערוואַרטע זאַכן ניט געטאָן, זײַנע באַשלוסן האָט ער גענוי באַטראַכט און זיי דורכגעפֿירט רויִק, באַדאַכט, מיט אַן אומבאַשטרײַטבאַרער לאָגיק. דער פֿעטער מישע איז געווען א שטיקל אַנאַרכיסט, א פּאַרטיזאַנער, ער האָט זיך אויסגעפּוצט, ווי א קאַרטינקע — מיט זײַנע רימענס, שאַשקעס, פּאַפּאַכעס, פֿערד, און ליאָווע, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט אויסער זײַן לעדערנער קורטקע, דעם העמדל מיטן שטייענדיקן קאָלנער און די פּאָר הויזן גאָרנישט ניט געדאַרפֿט. אָבער דער פֿעטער מישע האָט, ניט טראַכטנדיק, צוליב א מאָמענט, אַפֿילע צוליב אַן עפֿעקט, געקענט אוועקלייגן אַפֿן שלאַכטפֿעלד זײַן גרויסאַרטיקע פּאַפּאַכע אײנײנעם מיטן קאָפּ. ליאָווע וואָלט צוליב א מאָמענטאַלן עפֿעקט דעם קאָפּ ניט אוועקגעלייגט, ווײַל ער האָט געוווּסט די ווערט פֿון אים, ער האָט געקאָנט מאַקריוו זײַן מיטן לעבן, נאָר אַזוי, מיט א טאָלק, מיט נוצן פֿאַר דער רעוואָליוציע... איך בין ניט קיין פּסיכאָלאָג און נעם זיך ניט אונטער זיי צו פֿאַרגלײַכן. יעדערער פֿון זיי באַזונדער איז געווען ווערטפֿול אַף זײַן אופֿן. יעדנפֿאַלס, האָט ליאָווע געהאַט א גרויסע ווירקונג אַף אונדז אַלעמען, אַלע זײַנען מיר געווען פֿאַרברענטע קאָמיוגיסטן, און איך האָב געקוקט אַף ליאָווען פֿון אונטן אַרויף, געהערט אים מיט אַן אָפֿן מויל.

אַזוי האָט אויך געקוקט אַף ליאָווען אַלעסיאַ סטאַשעוניאָק...

געוויס געדענקט איר דעם זיידנס שאָכן, דעם שאָרניק אַפֿאַנאַסי פּראָקאָפּיעוויטש סטאַשעניאָק. איך האָב שוין געזאָגט, אַז דאָס זײַנען געווען גוטע, לײַטישע מענטשן: דער אַלטער סטאַשעניאָק, זײַן ווײַב, די זין אַנדריי און פּעטרוס, די טאָכטער אַלעסיאַ — אַלע ווײַסהויטיקע, מיט ליכטיקע האָר און גרויע אויגן, ניט קיין וווּקסיקע, אויסערלעך האָבן זיי אויסגעזען שלאַבעריקע, נאָר אינדערעמעסן פֿיזיש שטאַרקע. די ווײַבער פֿון די זין קסאַנאַ און אירינאַ זײַנען אויך געווען אַזעלכע ווײַספּענעמדיקע, מיט ליכטיקע האָר, און די קינדער זייערע און די אייניקלעך אויך ווײַסינקע. זיי זײַנען אַרומגעלאָפֿן איבער דער גאַס אין ווײַסע העמדלעך און ווײַסע מײַטקעלעך.

אַנדערע ווײַסרוסן האָבן בײַ אונדז גערעדט אַף רוסיש, זיך אָנגעטאָן לויט דער שטאָטי־

שער מאָדע. די סטאשענאָקס האָבן גערעדט אַף ווײַסרוסיש: „גאלאווא” אָנשטאָט „גאָלאָווא”, סיאלאָ — סעלאָ, מילעדאיא — מאָלאָדאיא, דאָום — דאָם, דזעדז — דיעד, באַצקאָ — באטקאָ, פוידזעם — פּוידיאָם, דזווערי — דוויערי, דזיאוטשינא — דיעוווּשקא און אַזוי ווײַטער. מיר האָבן זיי זייער גוט פאַרשטאַנען: אַז דו האָסט פון דער קינדהײַט אָן צו טאָן מיט מענטשן, געוווינסטו זיך צו צו זייער שפּראַך. אָנגעטאָן האָבן זיי זיך אויך פון דער קינדהײַט אָן מיט אַ צומיש פון ווײַסרוסישער קליידונג: אונטערן פּידזשאַק אַן אַרויסגעלאָזט העמדל מיט אַ קאָסע קאָלנער, וואָס איז געווען אויסגענייט מיט אַ רויטער טאַשמע, די פרויען האָבן געטראָגן אַ קורצינק געשנורעוועט קאָפּטעלע, וואָס האָט שטײַף אַרומגענומען די בריסטן, אַ בלאָוו אָדער אַ שוואַרץ קליידל, אַ פאַרטעך און אויפן קאָפּ אַ טיכל. די פרויען זײַנען בײַ סטאשענאָקן אין שטוב געווען זייער שיינע, און דאָס הויז אַליין איז געווען ניט קיין געוויינלעכס: אויסגענייטע האַנטעכער, קווערטלעך פון קאָרע, קוישעלעך, הילצערנע לעפל, הינטער דער איקאָנע אַ בינטל גראָז. דער לעבנשטייגער האָט זיך אויך אונטערשיידט פונעם זיידנס רוישיקן, טעטיקן, אָפּט סקאַנדאַלישן. די סטאשענאָקס האָבן געלעבט שטיל, רויִק, גערעדט אײַנגעהאַלטן, מיט גרויסער זעלבסטווירדע.

בייסן וואַרעמס איז דער אַלטער סטאשענאָק געזעסן אינעם ווינקל, באַנאַנד — די זין לויט דעם עלטער, אין דער צווייטער זײַט די פרויען, באַם ברעג די באַלעבאָסטע. קרישלען דאָס ברויט האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גרויסער זינד, אַן אַראָפּגעפאַלן ברעקל האָט מען אופגעהויבן — מ'האָט געאַכטעט דאָס ברויט. די פּעטש, וואָס דער זיידע ראַכלענקאָ האָט בעשעפע פאַנאַנדערגעטיילט זײַנע זין, האָבן אין סטאשענאָקס שטוב ניט געגעכטיקט. די סטאשענאָקס זײַנען געווען גוטע מײַסטערס, נאָר געלעבט האָבן זיי שוואַך, געאַרבעט פּאַמעלעך, זיי האָבן ניט געײַלט, ליב געהאַט אַ שטיקל אַרבעט, וואָס איז גוט און מיט געשמאַק אַרויסגעפּאַרטיקט געוואָרן. ווי איך האָב שוין דערציילט, האָט סטאשענאָק אַרומגעקלאַפּט מיט לעדער עקיפּאַזשן. נאָך דער רעוואָליוציע איז קיינער אין קיין עקיפּאַזשן ניט געפאָרן. די סטאשענאָקס האָבן געמאַכט און פאַריכט געשפּאַן: כאָמוטן, פּאָסטראָמקעס, שלייעס, — די דאָזיקע זאַכן קאָן דער פּויער אַליין צורעכטמאַכן. אַזוי, אַז די פאַרדינסטן זײַנען, ווי איר פאַרשטייט... דאָס געשעפט איז געוואָרן צוניִשט, דער עלטערער זון, אַנדריי, איז אַוועק אין דעפּאָ, רעמאָנטירט די רימענס צו די מאַשינעס, פאַריכט די ווייכע בענק אין די וואַגאָנעס. דער צווייטער זון, פּעטרוס, האָט געאַרבעט אויפן לעדער־זאַוואָד, און דער אַלטער האָט פאַרגעזעצט קוסטאַרעווען בײַ זײַנע כאָמוטן. נאָר געלעבט האָט מען, ווי פריִער, איינייִנעם. די מישפּאָכע איז געווען אַ פרײַנטלעכע, געאַכטעט מענטשן. באַגעגענען פלעגן זיי אונדז מיט די ווערטער: „קאַלי לאַסקאַ”, „איך ווייס ניט ווי עס איבערצוזעצן: „טוט אונדז אָן די ערע!”, „זײַט ווי בײַ זיך אין דער היים!”, „באַגליקט אונדז מיט אײַער בײַזײַן”... אומבאַדינגט האָט מען אונדז באַזעצט באַם טיש, און כאָטש זייער הויפּט־שפּײַז איז געווען בולבע — קאַרטאָפל, נאָר פון קאַרטאָפל האָבן זיי צוגעגרייט די געשמאַקסטע מײַכאָלים: בולבע מיט גריוון, בולבע מיט שוועמלעך, בולבע מיט זויערמילך... און הײַנט די קאַרטאָפלנע לאַטקעס מיט האָניק, סמעטענע אָדער מיט שוואָמען — די פינגער אָפּצולעקן!

קינדווײַז פלעג איך קומען צו זיי אין וואַרשטאַט. ס'האָט געשמעקט מיט רויען לעדער, סקיפּידאַר, קופּאַראָס, מיט לאַק, עסיק, סטאָליאַרסקע קליי און פיש־קליי. די סטאשענאָקס זײַנען געזעסן רײַטנדיק אַף די בענק, אַף וועלכע עס זײַנען צוגעפעסטיקט געווען הילצערנע קלאַמען און אין די קלאַמען אַ פאַרפרעסט שטיקל אַרבעט. אַז איך פלעג קומען, האָט אַנדריי כיטרע זיך איבערגעווונקען מיט פּעטרוסן, און עמעצער פון זיי האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן בייזע שיידים, וואָס לעבן אין וואַלד, וועגן טײַכן און זומפּן, מיך גוטמוטיק געשראָקן... דער וואַלד־שעד איז אַ העסלעך באַשעפעניש מיט אַ דונערדיק קאָל און מוירעדיקע אויגן, וואָס שפּריצן מיט פײַער, אַליין אַ קודלאַטע, ס'הייסט אַ באַוואַקסענער. די ניטגוטע — די שיידים, וואָס לעבן אין די זומפּן, האָבן ליב אָפּצוטאָן פאַרשיידענע שפּיצלעך... פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זײַנען מײַסעלעך, נאָר די סטאשענאָקס האָבן דערציילט זייער אָנשוילעך, מיט איינצלהײַטן, און איך בין געווען אַ קליינינקער, און אַף מיר האָט עס געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק, און אין מײַן פאַרשטעלונג האָט זיך דאָס פאַרבונדן אין אַ קישעפדיקער געהיימער פאַנטאַסטישער וועלט.

און נאָך האָבן זיי ליב געהאַט צו זינגען. עמעס, קיינער פון זיי האָט ניט געהאַט אַזאַ קאָל, ווי מײַן מאַמע ראַכיל, נאָר געזונגען האָבן די סטאשענאָקס גוט, באַזונדערס, ווען זיי פלעגן זינגען צוזאַמען. די מעלאָדיע פון דער ווײַסרוסישער ליד, אויב איר האָט זי געהערט, איז אין אַ געווויסער מאָס אַן אייגנאַניקע, קאָן זײַן אַפילע אַ יאָמערלעכע, נאָר אין איר איז פאַראַן אַן אייגענער טרויעריקער ווונדער, מענטשלעכקײַט און גוטסקײַט.

זייערע לידער האָב איך געהערט אַ סאַך, ניט נאָר קיין טרויעריקע, נאָר אויך פריילעכע, אַפילע געפעפערט־שפּילעוודיקע, נאָר באַזונדערס האָט זיך מיר פאַרגעדענקט איינע אַ ליד, עפּשער דערפאַר, ווײַל דאָס האָט זי געזונגען די קלײנינקע אַלעסיאַ, און מיר איז אויסגעקומען מאָדנע, וואָס אַזאַ ליד זינגט אַ מיידעלע.

אָט איז די ליד:

Ой, хацела ж мяне маць
Ды за першага аддаць,
А той першы
За мяне старэйшы,
Ой, не аддай мяне, мацъ!

Ой, хацела мяне маць
Ды за другага аддаць,
А той другі
Ходзіць да подругі,
Ой, не аддай мяне, мацъ!

Ой, хацела ж мяне маць
Ды за трэцяга аддаць,
А той трэці
Як у полі вецер,
Ой, не аддай мяне, мацъ!

Ой, хацела ж мяне маць
За чацвёртага аддаць,
А той чацвёрты
Не живы, не мертвы,
Ой, не аддай мяне, мацъ!

Ой, хацела ж мяне маць
Ды за пятага аддаць,
А той пяты
П'яніца пракляты,
Ой, не аддай мяне, мацъ!

Ой, хацела ж мяне маць
Ды за шостага аддаць,
А той шосты
Хворы, недарослы,
Ой, не аддай мяне, мацъ!

Ой, хацела ж мяне маць
Ды за сёмага аддаць,
А той сёмы
Добры ды вясёлы,
Ён не схацеу мяне узяць...

אַלעסיאַ איז געווען אין דער מישפּאָכע סטאַשענאָקס אַ פאַרשפּעטיקט קינד, מיט צען יאָר ייִנגער פון פּעטרוסן, אין איינע יאָרן מיט מײַן ברודער ליאָווע, דאָס הייסט עלטער פון מיר אַף אַ יאָר. אַ צאַרטע, אַ דורכזיכטיקע, אַ בייגעוודיקע, ווי אַ צווײַגעלע, אַ רוסאָלאָטשקע מיט לײַנענע האָר. איר פאַרשטייט, אַז אין דער שכײנישער שטוב, אין דעם שכײנישן הויף, באַנאַנד מיט דיר, וואַקסט אַ מיידל און דו זעסט דורך דעם נידעריקן פּלויט, ווי זי זיצט אונטערן עפּלבוים און דרויבלט דעם לײַן, פּלעכט אַ קרענצל און זינגט מיט אַ קינדערש קעלעכל אַ טרויעריקע ווײַסרוסישע ליד, איז ביזוואַנען דו ביסט נאָך אַ ייִנגל, לייגסטו דערויף ניט קיין אַכט. נאָר ווען עס קומט אונטער דײַן עלטער, און דו דערזעסט מיטאַמאָל, אַז זי איז שוין ניט קיין מיידעלע, נאָר אַ מיידל, מיט שטאַרקע שלאַנקע פיס, מיט אַ יונגער ברוסט, מאַכט דאָס אַן איבערקערעניש אין דײַן לעבן. נאָר דו ביסט פאַר איר בלויז אַ שכײנעסדיק ייִנגל, און זי באַציט זיך צו דיר, ווי צו אַ ייִנגל, צערטלעך, קוקט פון אויבן אַראָפּ, רופט דיך „מילי כלאָפּטשוק", כאָטש אַליין פאַר זיך ביסטו שוין ניט קיין ייִנגעלע, נאָר זי באַציט זיך צו דיר, ווי צו אַ ייִנגל, און דו זעסט אין די נעכט פאַרשיידנס, און דאָס, וואָס דו זעסט, איז פאַרבונדן מיט אָט דעם מיידל... אַלץ בלײַבט נאָר מיט דיר, פון אָנפאַנג אַ סאָד, דערנאָך אַ דערמאָנונג.

נו, מיילע... אַלעסיאַ איז געווען אַ קאָמיוגיסטקע, זי איז געווען באַופטראָגט אָנצופירן מיט די קורסן פון ליקבעז אין דאָרף טערעכאָווקע, דאָס איז פון אונדז צוועלף קילאָמעטער, שפּאַנען אַהין און צוריק דאַרף מען צופוס. כאָטש מיר האָבן דעמלט ניט דערעסן, דאָך זײַנען מיר געווען מאַמעש ווי פון אײַזן, מיר האָבן דורכגעמאַכט צו צוואַנציק און צו דרײַסיק קילאָמעטער, און ניט זומער, זומער איז דער פּויער אין פעלד, מיר זײַנען געגאַנגען האַרבסט — אין בלאָטע, ווינטער — אין שניי און אין פראָסט. געלאָזט האָבן מיר זיך קיין טערעכאָווקע אינײנעם, איך מיט אַלעסיען, זי, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אַף די קורסן פון ליקבעז, איך — מאַכן די וואַנט־צײַטונג, אָבער אינדערעמעסן, אַף אָפּצוהיטן אַלעסיען, פונדעסטוועגן איז זי דאָך אַ מיידל, און איך, ווי דו זאָלסט ניט וועלן, בין אַ באָכער, כאָטש ייִנגער פון איר, נאָר מע דאַרף אָנערקענען, אַ שטאַרקער, אַ געזונטער, און איך, פאַרשטייענדיק די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט פאַר אַלעסיען, האָב זיך געפילט, ווי אַ גיבער, געווען גרייט שטעלן אַ ווידערשטאַנד וועמען איר ווילט. שטעלן אַ ווידערשטאַנד איז ניט געווען וועמען, די באַנדעס זײַנען שוין ליקווידירט געוואָרן, און מיר האָבן געשליאָפּעט מיט אַלעסיען באָרוועסע איבער די האַרבסטיק־בלאָטיקע וועגן, מיט די שטיוול, צונויפגעבונדענע באַ די אויערלעך און אַריבערגעוואָרפענע איבער די

אקסל. אַלעסיע האָט נאָר איין פּאָר שטיוול, און איך, א זון פון א שוסטער, אַן אייניק פון א שוסטער און אַליין א שוסטער, פאַרמאָג אויך נאָר איין פּאָר. מיר איז נאָך אויסגעקומען געבן מײַנע שטיוול די כעוורע, וועלכע האָבן אינגאַנצן ניט געהאַט וואָס אָנצוטאָן. לעבן דאָרף האָבן מיר די שטיוול אָנגעטאָן. א באַרוועסער שטאָט־מענטש האָט קיין אויטאָריטעט ניט אין דאָרף.

מיטן זעלבן וועג האָבן מיר זיך אומגעקערט צוריק, צומאָל פלעגט מען אונדז געבן א פערד, האַרבסט זײַנען מיר געפאָרן אין א וואָגן, ווינטער — אין א שליטן, אין א דאָרפישן שליטן, וואָס איז אָנגעטאָפּטשעט געווען מיט היי... ס'איז אַוונט־צײַט, בא דער זײַט דער וואַלד. די לעוואָנע באַלײַכט דעם טונקעלן שניי אָף די פעלדער, און דער ווײַסער שניי פון די ביימער באַלײַכט אַלעסיעס מילד פּאָנעם, דער קאָפּ אירער און די ברוסט זײַנען איבערגעקרייצט מיט א טיכל, עס פינקלען די וווּנדערלעכע, גוטע און לוסטיקע אויגן אירע... דאָס היי שורשעט גע־היים, אונדז איז וואַרעם אין דעם דאָזיקן היי, נאָר מיר דאַכט זיך, אז איך פיל איר, אַלעסיעס, וואַרעמקײַט... וואָס נאָר ווייסטו זיך ניט פאָרשטעלן, ווען דו ביסט אַלט פופצן יאָר, ווען באַנאַנד מיט דיר זיצט אַזאַ מיידל!

איך בין דעמלט פאַרליבט געווען אין אַלעסיען, פאַרליבט, ווי א ייִנגל, ווען עס רעגט דיך דאָס יונגע בלוט, דײַן עלטער. און דער עלטער צווינגט דיך זיך שעמען פאַר דעם דאָזיקן געפיל. מיר האָט זיך געדאַכט, אז אַלע זײַנען אין איר פאַרליבט. עפשער איז עס טאַקע אַזוי געווען, נאָר אַלע האָבן מיר געוווּסט, אַלע האָבן מיר געזען: אַלעסיען געפעלט מײַן עלטערער ברודער ליאָווע.

אונדזער היים איז דעמלט געווען דער קלוב. געפונען האָט ער זיך, צווישן אַנדערס, אינעם הויז, וואָס מע האָט רעקווירירט באַם רײַכן הענדלער אַלעשינסקי, אָט יענער, בא וועלכן עס האָט אין דער מאַסקאַטעלנער קלייט געדינט אַמאָל מײַן טאַטע. אין קלוב האָבן מיר פאַרבראַכט אַלע אָוונטן, אַמאָל אויך די נעכט, מיר האָבן געגרייט ספּעקטאַקלען, געמאָלט דעקאָראַציעס, געשריבן טעקסטן פאַר די וואַנט־צײַטונגען, פאַר דער „לעבעדיקער צײַטונג", רעאַגירט אָף יעדן מין געשעעניש, זאָל דאָס זײַן דאָס אַרײַנפירן פון דער מעטרישער סיסטעם פון מאָס אָדער דאָס אַנערקענען אונדזן מיצאַד ענגלאַנד און גריכנלאַנד, מיר האָבן געזאַמלט הילף אָף צו בויען די פאַרניכטונגס־עסקאַדרילייע „אולטימאַטום", — אַרומגעגאַנגען מיט קוועטלעך איבער די שטיבער, דורכגעלאָפן איבער די וואָגאָנען, בייס די צוגן פלעגן זיך אָפּשטעלן אָף אונדזער סטאַנציע. מיר האָבן ניט געטראַכט וועגן אײַנאָרדענען אונדזער גורל, מיר האָבן געטראַכט וועגן דער אײַנאָרדענונג פון דער וועלט, מיר האָבן פאַרניכטעט דעם דויערסדיקן לעבנס־סיי־דער, און דעם נײַעם געשאַפן אַנטשפּרעכיק אונדזער דערפאַרונג. און וואָס פאַר א דערפאַרונג איז דאָס געווען?

ליאָווע, אונדזער אָנפירער, איז דעמלט אַלט געווען זעכצן אָדער זיבעצן יאָר.

איך געדענק ליאָוועס פאַרטראַג וועגן „יעסענינשטשינע", דאָס איז געווען שוין נאָך יעסע־נינס טויט.

איר פאַרשטייט, איך האָב דעמלט שטאַרק ליב געהאַט יעסענינען, כ'האָב אים ליב אויך איצט, כאָטש לייענען לידער איז שוין ניטאָ ווען, נאָר ווען איך הער זיי, פאַרכאַפּט מיך באַם האַרצן אַזוי, ווי עס האָט מיך פאַרכאַפּט דעמלט. עס מאַכט זיך אַמאָל אין דער יוגנט — טרעפסט אָן אָף א גוטן בוך, פאַרליבסט זיך אין אים, און ער פאַלט דיר אַרײַן אין האַרצן אָפן גאַנצן לעבן. יעסענינס לידער האָט מיר געגעבן אַלעסיאַ, און מײַן גליק איז, וואָס דאָס איז געווען יעסענין, איך בין געווען אין דעם עלטער, ווען מע קאָן פאַרכאַפּט ווערן אויך פון א שלעכטן דיכטער. און כאָטש פונעם שטאַנדפּונקט פונעם לויפנדיקן מאָמענט, איז ליאָוועס פאַרטראַג געווען, מינאַסטאַם, א ריכטיקער, נאָר איר פאַרשטייט... נאָר ליאָווע האָט געזאָגט, אז יעסענין האָט פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיטן דאָרף, ניט פאַרשטאַנען די רעוואָליוציע און איז פרעמד אונדזער גרויסער זאַך. אָן דערעכערעץ! גראָב וועגן א טויטן פּאָעט... וועגן יעסענינען... „אָ, רוסלאַנד — די מאַלענע־פעלדער ביז פריידן האָב איך ליב און ביז ווײַ, דעם אומעט פון סאַזשל־קעס שטילע, די בלויקײַט, וואָס טוקט זיך אין זיי..." פאַר דעם האָבן מיר דאָך געקעמפט בייס דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, פאַר דעם אָפּגעגעבן דאָס לעבן.

אין דער היים האָב איך געזאָגט ליאָווען, אז זײַן פאַרטראַג איז געווען ניט קיין אָביעקּ־טיווער. יעסענין איז א גרויסער פּאָעט, די יוגנט האָט אים ליב, און מע קאָן אים ניט אַזוי פּראָסט און גראָב אויסמעקן.

וואָס זאָל איך אײַך זאָגן — ער האָט מיר גוט אַרײַנגעלייגט! ניט הערנדיק דאָס קאָל, — ער האָט ביכלאַל קיינמאָל ניט געהעכערט דאָס קאָל, ער האָט זיך אוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר און געזאָגט, אז פּאָעזיע איז גוט דאַן, ווען זי ברענגט נוצן דער זאַך פון פּראָלעטאַריאַט, אויב זי ברענגט ניט קיין נוץ, הייסט דאָס, אז דאָס איז שעדלעכע פּאָעזיע. די יוגנט האָט

ליב יעסענינען? ניט עמעס! מיט אים איז פאַרכאַפּט נאָר א טייל פון דער יוגנט, די וואַקלענ־דיקע, ניט־שטאַנדהאַפטיקע, ניט קיין פאַרהאַרטעוועטע אין קלאַסנקאַמף, וואָס האָט ניט פאַר־שטאַנען די נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק און האָט פאַרלוירן די רעוואָליוציאָנערע פּערספּעק־טיוון. ווײַזט אויס, אז צו דעם טייל יוגנט באַלאַנג איך אויך. נאָך מער! איך האָב זיך געפירט ניט ערלעך, איך וואָלט באַדאַרפט אופריכטיק דערציילן אף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג וועגן מײַנע וואַקלונגען, און איך האָב דאָס אויסבאַהאַלטן, און אויב איך בלײַב בא מײַנע אָנשויונגען, דאַרפן מײַנע כאַווײרים מיך פאַרמישפּעטן.

איצט איז דאָס א ביזאָיען צו דערמאָנען, נאָר אין יענער מינוט בין איך קליינמוטיק אָפּ־געטראָטן, מיר איז שרעקלעך געווען אוועקשטעלן זיך פאַר א פאַרזאַמלונג, פּלאַפּלען עפּעס אומפאַרשטענדלעכס — און וואָס פאַרשטיי איך אין פּאָעזיע? איך האָב מוירע געהאַט זיך אַרויסשטעלן אף געלעכטער און זיך אונטערגעגעבן ליאָוועס אווטאָריטעט, ניט געוואַגט פאַר־טיידיקן מײַנע איבערצײַגונגען. מיר איז א ביזאָיען זיך דערמאָנען וועגן דעם. מיט די יאָרן גיבן מיר זיך אונטער פיל זאַכן, וועסט גאָרניט מאַכן — אזוי איז דאָס לעבן... נאָר בא פופצן יאָר!

אַלעסיא האָט בייסן פּאָרטראָג אויך געשוויגן, כאָטש זי האָט ליב געהאַט יעסענינען, גע־לייענט אים אָן א שיר, געדענקט א סאַך זײַנע לידער. אַלעסיא האָט געקוקט אף ליאָווען, ווי איך, פון אונטן אַרויף. זי איז אויסגעוואַקסן אין א פּראָסטער מישפּאָכע, די מאַמע אירע איז געווען א היימישע באַלעבאָסטע, אירע באָבעס און שוועגערנס זײַנען אויך געווען שטוביקע. אַלעסיא האָט זיך געצויגן נאָך ליאָווען, זי האָט געוואָלט, אזוי צו זאָגן, אַנטשפּרעכן אים, זיך געוואָלט לערנען, אַרבעטן, זײַן זעלבשטענדיק.

נאָר ווו זאָל מען אַרבעטן בא אונדז, וווּהין גייט מען: עס זײַנען די צוואַנציקער יאָרן, נעפּ, אין לאַנד איז נאָך אָן אַרבעטסלאָזיקייט, און בא אונדז אין שטאָט איז שוין אָפּגערעדט. ווי אומעטום, איז בא אונדז, נאַטירלעך, געווען א בראָך פאַר די יוגנטלעכע אף די אונטער־נעמונגען, נאָר וואָס איז דאָס פאַר אָן אונטערנעמונגען? די דעפּאָ, דער לעדער־זאַוואָד, דער שוסטער־אַרטעל... און דאָך האָט אַלעסיען זיך אײַנגעגעבן אײַנאָרדענען פאַר אָן אופראַמערן אין ראַיויספּירקאָם. דעמלט האָבן דער ראַיויספּירקאָם, דער ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי און דער ראַיקאָם פון קאָמיוג, אין אַלגעמיין אַלע ראַיאָנישע אָרגאַניזאַציעס זיך געפונען אין איין הויז, וואָס איז אין זײַנערצײַט רעקווירירט געוואָרן באַם סויכער פריידקינען. און אָט איז אַלעסיא אין א בלאָוון אַרבעטס־כאַלאַט און אין א רויטער פּאַטשיילע געוואָרן די צירונג פון דער ראַיאָנער מאַכט. צי זי איז געפעלן ליאָווען? בא אזא מענטשן, ווי ליאָווע, וועסטו זיך ניט דערוויסן. ער האָט ניט אויסגעגעבן זײַנע געפילן. און דאָך בין איך איבערצײַגט: אַלעסיא איז אים געפעלן געווען, אַלע האָבן זי ליב געהאַט: מײַן מאַמע, און מײַן טאַטע, און דער זיידע, און די באָבע, און ווען זיי, ליאָווע און אַלעסיא, זײַנען געשטאַנען באַנאַנד, האָט מען פון זיי דאָס אויג ניט געקאָנט אָפּרײַסן: ליאָווע איז א הויכער, א שלאַנקער, א שוואַרצער, ווי א ציגײַנער, אַלעסיא גרייכט אים ביזן אַקסל, א ווײַספּנעמדיקע רוסאַלאָטשקע מיט לײַ־נענע האָר...

נאָר ס'האָט בא זיי זיך גאָרנישט ניט באַקומען...

געווען בא אונדז איינער א באָכער, זיאַמע גאָראָדיעצקי, דער ייִנגערער זון פון דער אַל־מאָנע גאָראָדיעצקאַיאַ פונעם אַלטן מאַרק, — איר געדענקט, כ'האָב אײַך דערציילט, דער זיידע האָט געצוווּנגען דעם קרופּניק פריידקינען איר מויכל זײַן דעם כויוו און איר געבן מעל? מע דאַרף אײַך זאָגן, אז כאָטש זי איז פאַקטיש געווען א שלעפּערקע, זײַנען אירע קינדער בא דער ראַטנמאַכט געוואָרן מענטשן, די זין האָבן געאַרבעט אין דעפּאָ, ווער אַלס שלאָסער, ווער אַלס עלעקטריקער — גוטע מײַסטערס, און די טעכטער האָבן כאַסענע געהאַט פאַר די כאַווײרים פון זייערע ברידער, ס'הייסט אויך פאַר דעפּאָווסקע. זייערע דערגרייכונגען האָבן זיי צו פאַרדאַנקען דער אייגענער אַרבעטזאַמקײַט, נאָר די אַלטע גאָראָדיעצקאַיאַ האָט געטײַנעט, אז ווען דער זיידע ראַכלענקאָ זאָל זיי דעמלט ניט געווען ראַטעווען, וואָלטן זיי אף דער וועלט ניט געווען, אזא עקזאַלטירטע ייִדענע איז דאָס געווען. נאָר דאָ גייט א רייד ניט וועגן איר, נאָר וועגן איר ייִנגערן זון זיאַמע.

זיאַמע, דער ייִנגערער פון די ברידער, האָט אין דעפּאָ ניט געאַרבעט, ער איז ערגעץ אוועקגעפאָרן און זיך אומגעקערט צוריק שוין א קאָמיוגיסט, א טשאָנאָוועץ. וואָס איז דאָס אַזוינס טשאָן, ווייסט איר?

דאָס זײַנען באַזונדערע טיילן, פאַר וועלכע ס'איז געשטאַנען די אופגאַבע צו ליקווידירן די באַנדעס אין דאָרף. אזויאַרום איז זיאַמע געווען א העלדישער באָכער, א געפּרווּוטער, ניט אזוי ווי מיר. ער האָט זיך געיאָוועט אין הויזן „קליאָש", אין א קעפּקע און אין אָן אַלטער

שינעל, געטראָגן זי אָנגעוואָרפן אַף די אַקסל, — א טיפּישער „בראַטישקאַ״ פון די יאָרן פון בירגערקריג, כאָטש דער בירגערקריג, ווי איר ווייסט, האָט זיך שוין פון לאַנג פאַרענדיקט און זיאַמע אַליין איז אינגאַנצן ניט ענלעך געווען ניט אַף קיין מאַטראָס, ניט אַף קיין ווויליונגערישן יאַט: ער איז געווען א דאַרער, א סוטולער, אין ברילן, קראַנק געווען אַף דער קרענק פון אָרעמעלײַט — אַף טשעכאָטקע, פון דער טשעכאָטקע איז ער טאַקע שפּעטער געשטאָרבן, דאָך האָט ער קיינמאָל מיט זײַן טשעכאָטקע זיך ניט אויסבאַהאַלטן און פון קיין זאַך זיך ניט אָפּגעזאָגט. ער איז אָבער געווען אַן אַלפאַבעטניק, ניט געוואָלט זיך לערנען, און כאָטש מיט זײַן סוטולעוואַטקייט און קורצזיכטיקייט ענלעך געווען אַף א געבילדעטן מענטשן, איז ער אינדערעמעסן געווען אַן אָפּגעשטאַנענער. ווען אין זײַן אָנוועזנהייט פלעגט פאַרגיין א רייד וועגן ליטעראַטור אָדער ביכלאַל וועגן דעם, וואָס ער האָט ניט געוווּסט, פלעגט זײַן פּאָנעם ווערן אָנגעדראָדלט און ער האָט מיט פאַראַכטונג געזאָגט: „גענוג צו פּאַטשן מיט די ליפּן!״ — אָדער גאָר אונדז אָנגערופן „פּוילע אינטעליגענטן״.

נאָר פאַר דעם הויפּט־סוינע פונעם קאָמיוג און פון דער ראַטנמאַכט האָט ער דערקלערט די קליינבירגערלעכקײַט. ווען מיר האָבן זיך געשלאָגן מיט די באַנדעס, האָט ער געזאָגט, האָבן מיר קיין שפּײַקעסטלעך ניט געהאַט, כ׳האָב געשפּיגן ווו איך האָב געוואָלט און פאַרשטעקט אין די ווינקלען די ציגאַר־אָפּשניצלעך. מיר זײַנען ניט קיין אַדעליקע, אַז מיר זאָלן זיך אירצן, בא אונדז איז גלײַכהײַט, אַלע זײַנען כאַווייִרים, און כאַווייִרים רופן איינער דעם אַנדערן „דו״. מיט איין וואָרט, אַלץ איז קליינבירגערלעכקײַט: אָנשטענדיקע קליידער, א האַלדזטוך, פאַרהענגלעך אַף די פענצטער, טופל. ריידנדיק מיט א מיידל, שפּאַצירנדיק מיט איר, האָט זיאַמע אַרופגעלייגט די האַנט אַף איר אַקסל אָדער אַרומגענומען בא דער טאַליע — גלײַכהײַט! אייניקע מיידלעך האָבן עס געליטן, מוירע געהאַט, מע זאָל זיי ניט באַשולדיקן אין קליינבירגערלעכקײַט, נאָר ווײַט ניט אַלעמען איז דאָס געפעלן געווען. ווען זיאַמע האָט „כאַווריש״ אַרומגענומען אָלעסיען, האָט זי אָפּגעוואָרפן זײַן האַנט; זיאַמע האָט איר געזאָגט: „וואָס מאַכסטו זיך פאַר א באַרישניע?״ — האָט אָלעסיע אים דערלאַנגט א טשמעל, א הילכיקן, אַפן גאַנצן קלוב. זיאַמע דער נאָר וואָלט עס געדאַרפט אַראָפּשלינגען, ס׳איז דאָך פאַרט א מיידל. ניין, ער איז געקראָכן פון דער הויט, געשטעלט די פראַגע אין ראַיקאָם: קלוימערשט, אַז סטאַשענאָק פירט זיך ווי אַן אַריסטאָקראַטקע פונעם אינסטיטוט פאַר איידלמוטיקע פרויען.

דער איניען האָט זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין קלוב, אַף א פאַרזאַמלונג פון דער שטאָטישער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע. איך געדענק אויסגעצייכנט ליאָווען אַף דער טריבונע — ער האָט צעמאַזיקט דעם אומגליקלעכן זיאַמען אַף פּיצלעך. אַז ליאָווע פלעגט זיך אָנוואַלגערן, איז ביז צו ענד, קיין גאַנץ שטיקל אָרט האָט ער ניט געלאָזט.

— גאָראָדיעצקי, — האָט געזאָגט ליאָווע, — טאָפּטשעט די ווירדע פון מענטשן, פאַרפלאַכט דעם הויכן געפיל פון ליבע. קלוימערשט מיטן קאַמף קעגן קליינבירגערלעכקײַט פאַרדעקט ער די אייגענע צעלאָזנקײַט און אָפּגעלאָזטקײַט, מאַכט א קולט פון דעם, וואָס איז געווען א שווערע נויטווענדיקײַט אין די יאָרן פון בירגערקריג, ווען אונדזער יוגנט האָט אין די שווערסטע באַדינגונגען העראָיִש זיך געשלאָגן אַף די פראָנטן, נאָר די מילכאָמע האָט זיך פאַרענדיקט, ס׳איז אָנגעקומען דער אופשטעל־פעריִאָד, פאַרן קאָמיוג שטייען אַנדערע אופגאַבעס, מע דאַרף זיך לערנען, מע דאַרף אַרבעטן, נאָר גאָראָדיעצקי וויל זיך ניט לערנען, וויל ניט ווי געהעריק אַרבעטן, זײַנע געבלימלטע פראַזעס זײַנען ניט מער ווי פּוסטע קלאַנגען פון אַן אַלפאַבעט. עס איז פאַראַן א באַשלוס פונעם ראַיקאָם שיקן גאָראָדיעצקין אין דאָרף אַלס פאַרקויפער אין סעלפּאָ. זאָל ער באַווײַזן, אַז ער שטייט אַף דער מאַדרייגע פונעם לויפנדיקן מאָמענט. א פאַרקויפער איז דער, וואָס פירט דורך די ליניע פון דער פּאַרטיי, ער איז אַף דער פאָדערשטער ליניע אין דער פאַרמעסטונג מיטן פּריוואַטניק, די קראָם פון דעם פּריוואַטניק שטייט באַנאַנד מיט דער סעלפּאָ.

אין יענעם מאָמענט האָט זיך אונדז אויסגעדאַכט, אַז דער באַשלוס איז א ריכטיקער. אַלע זײַנען מיר אין דעם דאָזיקן עלטער שטרענג און קאַטעגאָריש: אַז מע דאַרף — דאַרף מען.

איצט, אומקוקנדיק זיך אַף צוריק, מיין איך, אַז ליאָווע איז זיך באַגאַנגען מיט גאָראָדיעצקין צו שטרענג. יאָ, די אַרבעט אין סעלפּאָ איז א ווירדיקע אַרבעט, נאָר צי טויג פאַר איר גאָראָדיעצקי? זײַן קאָנקורענט, דער פּריוואַטניק, פאַרמאָגט א דוירעסדיקע פּראַקטיק, ער איז באָקי אין די נויטן פון דעם פּויער, איז אַליין א פּויער, און זיאַמע האָט קיין שום דערפאַרונג נישט ניט פון קיין הענדלער, ניט פון קיין פּויער. דער פּריוואַטניק וועט מאַכן פון אים אַן אָנעטשע. דאָס איז אַן אַרבעט פאַר א געזונטן, פּיפּיקן באָכער, און אַזעלכע זײַנען בא אונדז פאַראַן גענוג, מע קאָן אויסקלײַבן. נאָר גאָראָדיעצקי איז פאַר ליאָווען געווען א דערשײַנונג, מיט וועלכער מע האָט געדאַרפט אַנטשלאָסן מאַכן א סאָף, שטרענג און אומגעוואַקלט.

נאָר פון דער צווייטער זײַט, האָט ליאָווע ניט באַגײַסטערט אַלעסיעס גאַנג: פּאַכען מיט די הענט איז ניט קיין מיטל צו דערלייזן קאָנפליקטן.

ווען ליאָווע וואָלט זיך געווען באַנוגענען מיט דער דאָזיקער באַמערקונג בענוגייע אַלע־סיען, וואָלט מען מיט אים געקאָנט מאסקים זײַן...

נאָר ליאָווע האָט זיך דערמיט ניט באַנוגנט, ער האָט געזאָגט, אַז אַלעסיעס ניט־קאָמסאָ־מאָלישע אופירונג איז ניט קיין צופעליקע, אַלץ דערקלערט זיך מיט דער אופוירקונג פון דער סוויווע, אין וועלכער זי לעבט, און די סוויווע איז א קליינבירגערלעכע.

די זאַך, זעט איר, באַשטייט דערין, וואָס אַלעסיעס פאָטער, אַפאַנאַסי פּראָקאָפּיעוויטש סטאַשענאָק, איז געבליבן א קוסטאַר. אלע קוסטאַרן האָבן זיך פאַרייניקט אין ארטעלן, און ער ניט.

מע קאָן אים פאַרשטיין: דער איינציקער שאָרניק אין שטאָט, וווהין, פרעגט זיך, זאָל ער גיין? אין וועלכן ארטעל? מ'האָט אים אַרײַנגערוקט אין שוסטער־ארטעל, נאָר א שאָרניק איז פונדעסטוועגן ניט קיין שוסטער. בא אונדז איז ביכלאַל געווען צו זינגען און צו זאָגן מיט די איינציקע קוסטאַרן, אשטייגער, ווי מיט דעם שערער בערנאַרד סעמיאָנאָוויטשן, מיטן זייגער־מאַכער, קירזשנער, שמידער... שפעטער האָט אַלץ זיך אײַנגעלאַדיעט, עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער „ראַזנאָפּראָם”, נאָר די ערשטע צײַט זײַנען געווען מיספאַרשטייעניש. אַפאַנאַסי פּראָקאָפּיעוויטש האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און איז ארויסגעטראָטן פון דעם שוסטער־ארטעל. איצט זעט עס אויס נישטיק, נאָר דעמלט האָט מען דעם צוגעגעבן א באַדײַטונג, און סטאַשע־נאָק איז באַוווּסט געוואָרן אלס פּריוואַטניק. אַזוי טאַקע האָט ליאָווע אָנגערופן אים, דעם אַלטן סטאַשענאַק — הארטנעקיקער פריוואַטניק און הארטנעקיקער אינדיווידואַליסט. ער האָט גע־זאָגט, אַז אַלעסיאַ האָט מיט קיין זאַך ניט אופגעווירקט אפן פאָטער, פאַרקערט, די אינדיווי־דואַליסטישע סטיכיע פון דער מישפּאָכע האָט פאַרכאַפּט אויך זי.

איר פאַרשטייט, ס'איז געווען א שווערע פאַרזאַמלונג. יאָ, סטאַשענאַק איז ארויס פון ארטעל, נאָר וואָס האָט דאָס פאַר א שײַכעס צו אַלעסיען? זי לעבט אפן אייגענעם כעזשבן, א קאָמיוגיסטקע, פילט גוט אויס אירע פליכטן, שטרעבט צו א נײַ לעבן, זי האָט אָנגעגעבן א מעלדונג אין ארבפּאַק, מ'האָט אונדז גראָד צוגעשיקט א פּוטיאָווקע. און דאָס, וואָס זי האָט א פּליאַסק געגעבן זיאַמען, האָט זי ריכטיק געטאָן, — קריך ניט מיט די הענט, דער טײַוול זאָל דיך נעמען! ליאָווע האָט דאָך אליין פאַרמישפּעט גאַראַדיעצקין, וואָס זשע איז דאָס טשע־פּען זיך צו אַלעסיען, און דעריקער פאַר אַזעלכע קלייניקײַטן!

נאָר פאַר ליאָווען עקזיסטירן ניט קיין קלייניקײַטן. און אַף וויפל ס'איז קיין סאָד ניט געווען, אַז אים געפעלט אַלעסיע און אַלעסיען געפעלט ער, האָט ליאָווע געהאַלטן פאַר נייטיק אלץ איר ארויסזאָגן, מע זאָל ניט מיינען, אַז ער האָט אַזוי באַארבעט גאַראַדיעצקין דערפאַר, וואָס יענער האָט ארומגענומען גראָד אַלעסיען. צום שלוס האָט ליאָווע געמאָלדן, אַז דער ראַיקאָם האָט אַלץ באַקלערט און באַשלאָסן שיקן אין ארבפּאַק ניט אַלעסיען, נאָר קאַוואַליאָוון, א באָכער פון דעפּאָ: יענער איז א זון פון אַן ארבעטער, אליין אַן ארבעטער, און אַלעסיע זאָל צוואַרטן, זאָל זי זיך באַווײַזן אַף דער ארבעט.

זיאַמע און אַלעסיע זײַנען געזעסן אין דער ערשטער ריי, די שולדיקע, אַזוי צו זאָגן. מיר אַלע — פון הינטן. ווען ליאָווע האָט ארויסגעבראַכט די לעצטע ווערטער, איז אַלעסיע אופגעשטאַנען און געלאָזט זיך צום ארויסגאַנג.

— סטאַשענאַק! — האָט אויסגערופן ליאָווע. — די פאַרזאַמלונג איז נאָך ניט פאַרענדיקט.

— איך דאַרף אין דאַרף אַרײַן, ס'איז שוין שפּעט, — האָט געענטפערט אַלעסיע.

איך האָב זיך אויך אופגעהויבן און אוועק נאָך איר.

ליאָווע האָט מיך א רוף געטאָן:

— איוואַנאָווסקי, און דו וווהין?

— אויך אהין, — האָב איך געענטפערט.

אלע האָבן געוווּסט, אַז קיין טערעכאָווקע גייען מיר צוזאַמען.

אין דאַרף האָבן מיר געדאַרפט גיין ערשט אין צוויי טעג ארום, נאָר איך האָב געוואָלט באַשטעטיקן אַלעסיעס ווערטער, כ'האָב זיך געפילט פאַרפליכטעט ארויסגיין נאָך איר, כאָטש דאָס האָט באַטײַט, אַז איך רײַס אונטער די קאָמיוגישע דיסציפּלין.

אַף דער גאַס האָב איך געזאָגט אַלעסיען:

— ליאָווען פאַרטראָגט עס אָפּט. נעם זיך ניט צום הארצן.

איך האָב געמיינט, אַז זי וועט אָנהייבן וויינען. ניין, זי האָט ניט געוויינט, זי האָט זיך צעלאַכט... יאָ, יאָ, זיך צעלאַכט. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז זי פאַרמאָגט א שטאַרקן כאַראַק־

טער. די סטאַשעגאַקס האָבן ביכלאל זיך אַרויסגעוויזן ווי מענטשן מיט כאַראַקטערס. אין דעם וועט איר זיך נאָך איבערצײַגן.

זי האָט אַ קוק געגעבן אויף מיר, זיך צעשמייכלט און שטיל גענומען זינגען:

Ой, хацела ж мяне мацъ
Ды за сёмага аддацъ,
Я той сёмы
Добры ды вясёлы,
Ён не схацеу мяне узяцъ...

און ווידער זיך צעלאַכט און מיך אַ פּאַטש געגעבן איבער דעם אַקסל:

— אַ טײַערער באַכער ביסטו, באַריאַ!

און אַוועק.

און אין אַ וואָכן צוויי־דרײַ אַרום אַוועקגעפאָרן אין דער שטאָט טאָמסק.

מײַנע עלטערן האָבן אין ליאָוועס איניאַנים זיך ניט אַרײַנגעמישט. ליאָווע איז ענלעך געווען אויף דער מאַמען, סײַ אויסערלעך, סײַ מיטן כאַראַקטער, אַ געשטעלטער, אַ הערשנדי־קער, און אויב ס'איז געווען אויף דער וועלט אַ מענטש, מיט וועלכן די מאַמע האָט זיך גע־רעכנט, איז דאָס געווען ליאָווע. זי האָט זיך געגריסט מיט אים — אַן אויסגעשפּילטער מענטש, די פאַרקערפּערונג פון דער נײַער מאַכט, וואָס האָט אונדז געגעבן אַ ווירדיק לעבן, און אַ טכום, און יעטווידע באַליידיקנדיקע באַגרענעצונגען.

נאָר די מאַמע האָט ליב געהאַט גערעכטיקייט. זי האָט געזאָגט ליאָוון:

— אָט דאָס מיידל וועט דיר נאָך באַנק טאָן. געדענק מײַן וואָרט! נאָר וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו דעם אַלטן? וואָס דאַרף דיר דאָרן דער קאָפּ, צי איז סטאַשעגאַק אַרײַנגעטראָטן אין אַרטעל אָדער ניט? עס קלעקן דיר ניט דײַנע אייגענע געשעפטן? אַפאַנאַסי פּראָקאָפּיעוויטש האָט פאַר זײַן לעבן אָפּגעאַרבעט, מײַן איך, הונדערט מאָל מערער, ווי דו מיט דײַנע רעדעס.

ליאָווע האָט רויִק געענטפערט:

— זאָל דאָס דיך ניט באַאומרויִקן. מיר וועלן מיט די סטאַשעגאַקס אַליין זיך צונויפרעדן.

נאָר ליאָווע האָט גאָרניט געקלערט זיך צונויפרעדן, ער האָט אונטערגעפירט דעם כעזשבן און פאַרענדיקט דעם איניען.

די באַציִונגען מיט די סטאַשעגאַקס האָט אײַנגעלאַדיעט דער זיידע. ער איז אַוועקגעגאַנ־גען צו זיי און אָפּגעהאַרציק אין אַלץ זיך פאַנאַנדערגעקליבן. די סטאַשעגאַקס האָבן פאַרשטאַ־נען, אַז ניט דער זיידע, ניט די באָבע, ניט מײַנע עלטערן זײַנען מיט גאָרנישט ניט שולדיק. אינגיכן האָט מען ליאָווען צוגענומען אין קרײַזקאָם פון קאָמיוג, דעמלט זײַנען געווען קרײַזקאָמען, דערנאָך האָט מען אים אַוועקגעשיקט קיין מאָסקווע זיך לערנען, אין דעם סווערדלאָווער קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט.

און אַלעסיאַ איז אָנגעקומען אינעם טאָמסקער אוניווערסיטעט, געוואָרן אַן אינזשעניער־כימיקער, געאַרבעט אין דער נאַפט־אינדוסטריע אין באַשקיריע, אויף דער וואָלגע, איצט אין טיומען. זי איז אַ וויסנשאַפט־דאָקטאָר, מיט קינדער, אייניקלעך... איך האָב געהאַט זי באַ־געגנט, זי איז, נאַטירלעך, געקומען צו פאָרן צו אונדז אויך ביז דעם קריג און נאָך דעם קריג. נאָר אַלצייִנס בלײַבט זי אין מײַן זיקאָרן אַזאַ, ווי זי איז געווען דעמלט, בײַס אונדזער ווײַטער יוגנט, ווען מיר פלעגן פאָרן אין שליטן און די לעוואָנע האָט באַלויכטן איר מילד פּאָנעם אינעם פוכענעם שאַלכל, מיר זײַנען געלעגן אין היי, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך פיל איר וואַרעמקייט.

## 7

אין זעקס־און־צוואַנציקסטן יאָר, און עפּשער אַ ביסל שפּעטער, זײַנען פון דער שווייץ געקומען צו פאָרן די באָבע מיטן זיידן איוואַנאָווסקי.

קיין סאָוועטנפאַרבאַנד פלעגן קומען אַ סאַך אויסלענדער, אַ סאַך ספּעציאַליסטן — ס'האָט אָנגעגריפן דער ערשטער פינפיאָר. אויסער דעם, האָט דאָס לאַנד זיך געגנייטיקט אין וואַליוטע און פאַרברייטערט דעם אויסלענדישן טוריזם. טאַקע אַלס אויסלענדישע טוריסטן האָבן זיך באַוויזן דער זיידע מיט דער באָבען איוואַנאָווסקי.

דער זיידע איוואַנאָווסקי — אַ געפּאַקטער אַלטער, אַ גלאַט אויסגעגאָלטער, מיט אַ סיגאַר אין די ציין. באַ אונדז איז אַ סיגאַר אַ זעלטנהײַט, ביז דעם קריג האָט מען גערייכערט באַ

אונדז פאפיראָסן, נאָכן קריג איז מען איבערגעגאַנגען אַף סיגאַרעטן, אַגעוו, ניט אַלע, איך, ווי איר זעט, זעץ פאָר צו רייכערן „בעלאָמאָר", נאָר צו קיין סיגאַרן איז מען בא אונדז ניט צוגעוווינט געוואָרן, און אויב עס טרעפט זיך אַזא איינער און איך דערפיל דעם גערוך פון אַ סיגאַר, דערמאָנט זיך מיר דער זיידע איוואַנאָווסקי. די באָבע דערמאָן איך, ווען איך זע אַן אַלטיטשקע, וואָס כאַפּט איבער די מאָס פון קאָסמעטיק, זי האָט אויך דערין געזינדיקט.

זייער קומען האָט דאָס מאָל ניט אַרויסגערופן אַזא פּוראָר. אַן אַנדער צײַט, די שטאָט אַן אַנדערע, די מענטשן ניט אַזעלכע, מיט קיין שום שווייצאַרצעס וועסטו קיינעם ניט איבעראַשן. אַפילע די קרויווים האָבן זיך ניט שטאַרק אינטערעסירט מיט זייער קומען, מ'האָט פאַרשטאַנען, אַז די איוואַנאָווסקיס זײַנען געקומען זיך זען מיטן זון.

אָבער מײַן מאַמע האָט ניט געזשאַלעוועט צו מאַכן קיין פּאַקאַזוכע. אין שטוב איז, ווי שטענדיק, געווען ריין, אַלץ האָט געגלאַנצט, צוליב די געסט האָט זי זיך צוגעסטאַרעט מיטן עסן, און קאָכן האָט זי געקענט.

זיי האָבן געבראַכט מאַטאַנעס, סוווענירן, נאָר דאָך פרעמדע מענטשן, וואָס דו זאָלסט ניט זאָגן, צוויי וועלטן. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען אונדזער לעבן, מיר האָבן ניט געוווּסט זייער לעבן. די באָבע האָט אַפילע מיט קיין טאָלק ניט געקאָנט פאַרשטיין, מיט וואָס דער טאַטע פאַרנעמט זיך, אַ קליינער אָנגעשטעלטער בא אַ שוסטער־געשעפט... און כאָטש זי האָט אָפן קיין פּרעטענזיעס ניט אַרויסגעשטעלט, נאָר באַשולדיקט האָט זי אין אַלץ מײַן מוטער, וואָס האָט אים אָוועקגעפירט פון באַזעל, באַשולדיקט אונדז, די קינדער, וואָס הענגען ווי שטיינער אַף זײַנע פיס. איך פלעג צומאָל כאַפּן איר בליק — זי האָט געקוקט אַף אונדז מיט פאַרוווּנדערונג: וואָס, הייסט עס, איז דאָס פאַרא קינדער, וואָס קערן זיי זיך איר אָן, און וואָס קער זי זיי זיך אָן? זי האָט קיין איין מאָל זיך אַפילע צו אונדז ניט צוגערירט, איך רעד שוין ניט וועגן אַ קוש טאָן, וועגן דעם האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. אַפילע אונדזערע נעמען ניט געקאָנט פאַרגעדענקען, אין די מיידלעך האָט זי זיך נאָך פאַנאַנדערגעקליבן, זיי זײַנען געווען נאָר צוויי, נאָר די ייִנגלעך האָט זי געפּלאָנטערט, צעטיילנדיק די מאַטאָנעס, האָט זי זיי אַרויסגענומען פונעם באַול, אַפן אויג אָפּגעמאָסטן, וועמען וואָס, און דערמיט האָבן אונדזערע צווישנבאַציִונגען זיך פאַרענדיקט.

פאַרשטייט זיך, אַז די מאַמע האָט זיך אַף דער באָבעס באַציִונג צו די אייניקלעך, און וואָס פאַר אַ מאַמע וואָלט דאָס ניט באַליידיקט! באַזונדערס האָט די מאַמע פאַרדראָסן דער באָבעס גלײַכגילט צו דער קליינינקער דינע. כ'האָב פאַרגעסן אײַך צו זאָגן, אַז פאַר דעם קומען פון די איוואַנאָווסקיס, מיט אַ יאָר אָדער אָנדערהאַלבן, איז געבוירן געוואָרן אונדזער קלענסטע שוועסטערקע דינע. פינף יאָר זײַנען קיין קינדער ניט געווען, מ'האָט געמיינט, אַז שוין, אַלץ, נאָר אָט האָסטו דיר, ביטע! אין פינף־און־צוואַנציקסטן יאָר איז געבוירן געוואָרן דינע. הייסט עס, אַז איך האָב אײַך געזאָגט ניט ריכטיק: די איוואַנאָווסקיס זײַנען געקומען ניט אין זעקס־און־צוואַנציקסטן, נאָר אין זיבן־און־צוואַנציקסטן.

איר האָט קינדער? איר ווייסט, וואָס הייסט אַ נײַגעבוירענער? אַ קנײַלעכל לעבן, אַ פּיצל, אַ צעקנייטשטס... דינע איז געבוירן געוואָרן מיט געדיכטע שוואַרצע האָר און מיט אויגן בלאָווע, ווי דער בלאָווער הימל. איר שטעלט זיך פאָר? אַ גרויסע מישפּאָכע, דערוואַקסענע קינדער, און דאָ אַזא מיידעלע, אַזא קליינינקער ווונדער, לויפט, פאַלט, הייבט זיך אויף, פּלאַפּלט פאַרשיידענע קינדערשע ווערטער, אַלע זײַנען גרייט אָפּגעבן איר די נעשאָמע, דער זיידע ראַכלענקאָ לאָזט זי ניט אַראָפּ פון די קני, זי צופּעט אים די באָרד, אַלע זאָגן: „אַ קאָפּיע — די מוטער ראַכיל אין דער קינדהײַט". דער זיידע איוואַנאָווסקי איז אויך פון איר אַנציקט. נאָר די באָבע איוואַנאָווסקאַיאַ האָט אַפילע קיין קוק ניט געטאָן אַף דינען.

מײַן מאַמע איז געווען, ווי זאָגט מען בא אונדז — אַ שוועבעלע, נאָר ווען מע האָט געדאַרפט, האָט זי זיך געקאָנט נעמען אין די הענט און זיך פירן ווירדיק: עס זײַנען געקומען די אייגענע פון איר מאַן, ווײַזט זי זיי אַרויס אויפמערקזאַמקײַט, אָבער ניט מיין.

איר וועט זאָגן: טאַקטיקע. יאָ, אין אַ געוויסער מאָס. נאָר קלוגע טאַקטיקע. זי האָט באַוויזן דעם שווער און דער שוויגער, אַז זייער זון יאַקאָב, כאָטש ער איז ניט קיין פּראָפעסאָר, קיין מעדיצין־דאָקטאָר, איז ניט פאַרפאַלן געוואָרן, אַז ער איז אַ בעקאָוועדיקער מענטש אין שטאָט, דער הויפּט פון שטוב, דער הויפּט פון דער מישפּאָכע, און וואָס פאַר אַ מישפּאָכע! זאָל מען אַ זוך טאָן אין דער שווייץ אַזעלכע געזונטע קינדער!.. דער באַלעבאָס זײַנער אַכטעט אים, זײַן וואָרט איז אַ געזעץ, און ווען ער וואָלט וועלן פאָרן אין דער שווייץ, וואָלט געווען אַזוי, ווי ער פאַרלאַנגט, נאָר ער וויל דאָס אַליין ניט.

מע דאַרף אָנערקענען, אַז די מאַמע האָט אַרויסגעוויזן טיפע אַכטונג צום טאַטן און אין אונדז אײַנגעפּלאַנצט דעם דאָזיקן געפיל. ווען די מאַמע איז יונג געווען, האָט זי קיין ווערטער

ניט אויסגעקליבן, זי האָט געקאָנט זאָגן א שאַרף וואָרט. נאָר מיט דער צײַט, ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט זי פאַרשטאַנען, אז אויב דער פֿאָטער האָט קיין אויטאָריטעט ניט, איז ער שוין ניט דער הויפּט פון דער מישפּאָכע, און אָן א קאָפּ פון דער מישפּאָכע איז קיין הויז ניטאָ. אנאַליזירנדיק אצינד זייערע כאַראַקטערן, געפין איך, אז דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען ענלעך געווען איינער אפן אנדערן. פונעם ערשטן אָנבליק האָט זיך געדאַכט: הימל און ערד, פײַער און וואַסער, — נאָר די ליבע, פאַרשטייט איר מיך, האָט אַלץ אויסגע־גלײַכט. פאַר דער שטאַרקער פּערזאָן האָט זיך גערעכנט די מאַמע, זי האָט קאָמאַנדעוועט מיטן פּאַראַד, א קאַטעגאָרישע, ניט קיין פשאַרעדיקע, דאָך איז זייער אַלגעמיינער כאַראַקטער געווען ניט איר כאַראַקטער, נאָר דער כאַראַקטער פונעם פאָטער. עס האָט זיך געדאַכט, אז ער טרעט איר אין אַלץ אָפּ, נאָר אינדערעמעסן איז זי וואָס ווײַטער מיט א יאָר, געוואָרן אַלץ מער ענלעך אף אים. דער פאָטער האָט זיך ניט געענדערט, און די מוטער האָט זיך געענדערט. ס'איז פול געווען מיט איר די שטוב. זי איז געווען, דאַרף מען זאָגן, א גאַנץ טומלדיקע פּרוי, נאָר די גײַסטיקע אַטמאָספער האָט אַרײַנגעבראַכט דער טאַטע.

און אין דער צײַט, ווען עס זײַנען געקומען דער זיידע מיט דער באָבען, איז דער איינ־ציקער מענטש, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אף דער געהעריקער הייך און זיך געקאָנט שטעלן איבער אַלע באַליידיקונגען און פּרעטענזיעס, געווען טאַקע דער פאָטער. מיט די עלטערן האָט ער גערעדט אף דײַטש, נאָר אויב עמעצער פון אונדז, קינדער, אָדער פון די ראַכלענקאָס, צי אפילע פּראָסט א זײַטיקער, איך רעד שוין ניט וועגן דער מאַמען, איז געווען דערבײַ, האָט ער אומבאַדינגט איבערגעזעצט אף רוסיש יעדעס וואָרט, אויב אפילע זיי האָבן געשמועסט וועגן זאַכן, וואָס זײַנען ניט באַשטימט געווען פאַר קיין זײַטיקן אויער. און, פאַרקערט, יעדעס וואָרט, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אף רוסיש, אוקראַיִניש אָדער אף יידיש, האָט ער גלײַך איבערזעצט פאַר די עלטערן אף דײַטש. דערמיט האָט ער אַלעמען פּאַרייניקט, באַוויזן, אז אין הויז איז באַ קיינעם ניטאָ קיין סודעס. דאַכט זיך, א קלייניקייט, נאָר דערמיט האָט ער פאַרגלעט די אָפּגעפרעמדקייט.

צווישן אנדערס איז אף דעם באָדן פאָרגעקומען איינער א קאָמישער עפּיזאָד.

די באָבע האָט עפּעס געפרעגט דעם טאַטן, ער האָט עטוואָס זיך א קווענקל געטאָן, נאָר איבערזעצט:

— זי פרעגט, צי האָבן מיר עפּעס אָפּגעשפּאָרט?

די מאַמע, ווי איר ווייסט, האָט אין קעשענע נאָך קיין וואָרט ניט געדאַרפט קריכן.

— אָפּגעשפּאָרט, — ענטפערט זי, — צווײַ וועקזייגערס.

דער טאַטע וואָלט געוויס פאַרוויכט דער מאַמעס ענטפער, נאָר דער זיידע איוואַנאָווסקי האָט זיך צעלאַכט — ניט פאַרגעסן די רוסישע שפּראַך.

באַמערקט דעם פאַרוואונדערטן בליק פון דער באָבען, האָט דער זיידע געזאָגט, אז איצט האָבן יאַקאָב און ראַכיל אָנגעווענדט זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אף דערציִען די קינדער, זיי דאַרפן באַקומען בילדונג, נאָר אין דער צוקונפט וועלן זיי ברענגען אין אָרדענונג די פינאַנץ־איניאַנים.

דעם דאָזיקן ענטפער האָט דער טאַטע איבערגעזעצט אף רוסיש שוין אָן שום קווענק־לעניש.

אין אַלגעמיין דאַרף איך אײַך זאָגן, אז דער זיידע האָט זיך געהאַלטן אינגאַנצן אנדערש ווי די באָבע. פון אָנפאַנג האָט ער זיך, דעם עמעס געזאָגט, א ביסל פאַרלוירן, געפּיפּקעט זײַן סיגאַר, די באָבע האָט, מינאַסטאַם, אים געיאַדעט פון אינדערפרי ביז באַנאַכט: ער האָט פאַר־פירט יאַקאָבן אין אָט דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם שטעטל, גאָרנישט ניט באַמערקט, און אָט איז דער רעזולטאַט — פאַרלוירן דעם באַליבטן זון. נאָר שפּעטער, ווען דער זיידע האָט זיך אַרומגעקוקט, זיך צוגעוווינט, האָט ער, מיין איך, אָנגעהויבן פאַרשטיין, אז דעם זון האָבן זיי ניט פאַרלוירן; אויב דער זון לעבט אין אן אנדער לאַנד, און לעבט אף זײַן אויפן, הייסט דאָס ניט, אז מע האָט אים פאַרלוירן. דער זיידע איז געבוירן געוואָרן אין די דאָזיקע ערטער, גע־דענקט דאָס אַלטע רוסלאַנד, ער האָט געהאַט מיט וואָס צו פאַרגלײַכן, און ער האָט מיט איינ־טערעס זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר. און ער, מיין איך, האָט פאַרשטאַנען, אז אויב זײַן אייניקל ליאָווע, נאָך אינגאַנצן א יונגלינג, איז שוין א פּאָליטישער טוער, און די אנדערע אייניקלעך גרייטן זיך באַקומען העכערע בילדונג, איז מעגלעך, אז זײַן זון יאַקאָב האָט זײַנעם אן עכטן כעזשבן, כאָטש ניט אין קיין באַנק פון דער שווייץ. דערמאָנענדיק זיך אינעם זיידן איוואַנאָווסקי, אינעם אַלטן שווערלײַביקן מענטשן, אינעם פּראָפעסאָר מיט דעם סיגאַר, דערמאָנענדיק זיך אין זײַן שווערן בליק, אין זײַן פאַרינטערעסירטקייט, אפילע אופגע־לייגטקײַט, מיין איך איצט, אז ער האָט גאָר אנדערש פאַרשטאַנען דעם גוירל פונעם זון, איינ־

גאנצן אנדערש אָפּגעשאַצט דאָס, וואָס דאָרט, אין באַזעל, האָט זיך גערעכנט פאַר אַן אומזין, פאַר אַ קאַטאַסטראָפע. אויב מע קאָן באַגיין אַן אומזין צוליב ליבע אין די יונגע יאָרן, איז פאַרשטיין דאָס און, מעגלעך, באַדויערן, וואָס אין דײַן לעבן איז אַזעלכס ניט פּאַרלאָפן, קאָן מען נאָר אין רײַפן עלטער. איך מיין, אַז דער זיידע האָט ניט נאָר באַגיטיקט זײַן זון, נאָר אים מעקאַנע געווען.

אין אַ וואָך אַרום זײַנען די אַלטע איוואַנאָווסקיס אוועקגעפאָרן. דער טאַטע האָט זיי באַגלייט ביז באַכמאַטש, דאָרט האָט מען זיך געדאַרפט איבערזעצן אָפּן מאָסקווער צוג. כאָטש זיי זײַנען אויסלענדישע טוריסטן מיט בילעטן אין קעשענע, וועלכע מע דאַרף בלויז קאָמפּאָסטירן, דאָך קאָן אין אַ פּרעמד לאַנד, אַף אַן אומבאַקאַנטער סטאַנציע, זיך פאַרפּלאָנטערן אַפילע אַ מעדיצין־דאָקטאָר. דער טאַטע האָט אָפּגעטאָן אַלץ ווי עס געהער צו זײַן און זיך געזעגנט מיט די עלטערן, און דאָס מאָל אַף שטענדיק. איך מיין, אַז דאָס איז געווען אַ טרויעריקע געזעגענונג. וועגן וואָס האָבן זיי געשמועסט, ווייסט אויסער זיי קיינער ניט. געוויס זײַנען געזאָגט געוואָרן אַ סאַך ווערטער, און נאָך מער טרערן זײַנען פאַרגאָסן געוואָרן. נאָר ווען דער טאַטע האָט זיך אומגעקערט, האָט מען לויט זײַן פּאָנעם גאָרנישט ניט געקענט וויסן; און וועגן דעם, וואָס איז פאַרגעקומען אין באַכמאַטש, האָט ער ניט געזאָגט קיין וואָרט אַפילע דער מאַמען, איך האָב דאָס געזען לויט איר שווײַגן. ווען זי איז ניט צופרידן געווען מיט אונדז, קינדער, האָט זי ניט געשוויגן, די שטוב איז געגאַנגען כאַדאָראָם. נאָר ווען זי איז ניט צופרידן געווען מיטן טאַטן, האָט זי געשוויגן. די ערשטע צײַט האָט עס, מינאַסטאַם, געמאַטערט דעם פאָטער, נאָר מיט דער צײַט איז ער צוגעוווינט געוואָרן, ער האָט געוווּסט, אַז די מאַמע וועט שווײַגן אַ טאָג־צוויי, ניט מער.

אַזוי איז אויך געווען דאָס מאָל. צוויי טעג האָט זי זיך געבלאָזן, דערנאָך גענומען ריידן: דאָס לעבן איז געגאַנגען לויטן אײַנגעשטעלטן סיידער, געשטעלט אירע קאַשעס און מיט קיין פאַרמאַכט מויל ווערטו אַף זיי ניט ענטפערן. דער וויזיט פון דעם זיידן מיט דער באָבען איז אָפּגעטראָטן אָפּן צווייטן פּלאַן, עס האָבן אים פאַרשטעלט אַנדערע פּראָבלעמען. עס זײַנען אָפּגעטראָגן געוואָרן די געשענקטע זאַכן, צעבראָכן געוואָרן די צאַצקעס, און אַליין זייער קומען, דער גערוך פון זיידנס דופטיקן סיגאַר און דער באָבעס פּודרע — דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגערוקט אין דער טיף פון צײַט, דערטרונקען געוואָרן, ווי עס זאָגט זיך, אין אָקעאַן פון פאַרגעסן, דערבײַ איז אינגיכן נאָך זייער אוועקפאָרן, ניט באַלד, נאָר אין אַ מין האַלב יאָר אַרום, די מאַמע שיר ניט געשטאָרבן.

איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז מײַן מאַמע האָט פאַר דינען פינף יאָר ניט געהאַט קיין קינדער, און ווען זי האָט געבוירן דינען, האָבן אַלע באַשלאָסן: נו, אַצינד איז שוין אַף געוויס אַלץ! און וויפל איז טאַקע דער שיר?! נאָר ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ניט אַלץ. אין אַכט־און־צוואַנציקסטן יאָר האָט די מאַמע געבוירן מײַן קלענסט ברודערל סאַשע, דאָס זיבעטע, און ווירקלעך דאָס לעצטע קינד, געבוירן געוואָרן איז ער פאַר דער צײַט, אָפּן זיבעטן כוידעש.

וויאַזוי דאָס איז געשען, קאָן איך ניט דערקלערן, איך בין קיין ניט דאָקטער, און דעמלט, אין אַכט־און־צוואַנציקסטן יאָר, בין איך אינגאַנצן אַלט געווען זעכצן יאָר, וואָס האָב איך פאַרשטאַנען... איך האָב נאָר פאַרגעדענקט דעם שוידער פון יענער צײַט, די גאַנצע שרעק פון די געשעעניש, כ'האָב געדענקט, וויאַזוי מע האָט געפירט די מאַמע אין דעם אײַזנבאַן־שפּיטאָל, און מיר אַלע, דער טאַטע מיט די קינדער, זײַנען געבליבן אין ווערטיבויל; די מאַמע האָט מען גלײַך אוועקגעלייגט אָפּן אָפּעראַציע־טיש, און דער דאָקטער וואָלינצעוו, כ'האָב אים, דאַכט זיך, דערמאָנט, האָט איר געמאַכט אַ קרייץ־שניט, און דערנאָך, אין אַ שאָ אַרום, און עפּשער אין צוויי שאָ אַרום, אַרויסגעגאַנגען צו אונדז און געזאָגט, אַז די מוטער און דאָס קינד זײַנען לעבעדיק און וועלן לעבן... סאַשע איז געבוירן געוואָרן ניט קיין דערטראָגענער, צוויי קילאָגראַם מיט צוויי הונדערט גראַם... דער מאַמעס לעבן איז געהאַנגען אַף אַ האָר, מיר האָבן געטראַכט נאָר וועגן איר, און וואָס פאַר אַ ברעקל ס'איז געבוירן געוואָרן, אַ לעבעדיקס צי אַ טויטס, וועגן דעם האָבן מיר, דעם עמעס געזאָגט, ניט געטראַכט. נאָר דער דאָקטער וואָלינצעוו האָט געראַטעוועטביידן, סײַ די מאַמע, סײַ סאַשען, מײַן קלענער ברודערל.

די מאַמע איז געלעגן אין שפּיטאָל אַ טאָג צען, און עפּשער צוואַנציק, דערנאָך האָבן מיר זי צוזאַמען מיט סאַשען צוגענומען אַהיים. ווען זי איז געווען אין שפּיטאָל, האָבן מיר געטראַכט נאָר וועגן איר. איצט, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָט אַלץ זיך גענומען דרייען אַרום סאַשען. איר פאַרשטייט דאָך אַליין, צוויי קילאָגראַם מיט צוויי הונדערט גראַם! אַ שוואַכינקער, אין וואָס האַלט זיך די נשאָמע, ער שרײַט ניט, פּישטשעט קוים־קוים, דאָס האָט מען אים איבערגעוואָרעמט, דאָס צוגעקילט. מע טאָר אים שטײַף ניט וויקלען, האָדעווען דאַרף מען אים אַלע דרײַ שאָ, סײַ באַנאַכט, סײַ באַטאָג, און ער זויגט שלעכט, שלינגט

שלעכט. מיט וואָס נאָר האָט ניט איבערגעקרענקט אָט דאָס שלימאַזלדיקע קינד: גריפּ, לונ־גען־אָנצינדונג, פּאַנאַס, פורונקולן — פון אָט די קרענק האָט ער געדאַרפט שטאַרבן, נאָר ער איז ניט געשטאָרבן, לעבן געבליבן. גאָט האָט אים צוגעשיקט אַ געזונטע מאַמע און אַ געטרײַען טאַטן... אין אַ יאָר־צוויי אַרום איז דאָס שוין געווען אַ נאָרמאַל קינד, ניט אַזאַ קרעפּטיקס, ווי די איבעריקע, אַ שוואַכינקס, נאָר אַ קינד ווי אַ קינד, אַ ייִנגל ווי אַ ייִנגל! נאָך מער! צו צוויי יאָר איז דאָס געווען אַן עמעסער מאַלעך, אַ קאַפּיע פונעם טאַטן, פונקט אַזאַ ווײַסינקס, אַזאַ בלוי־אויגיקס, פונקט אַזאַ איידלס און צאַרטס. צום באַדויערן, האָבן מיר ניט געהאַט קיין פאָטאָגראַפיע פונעם טאַטן, ווען ער איז געווען אַ קינד, זיי זײַנען גע־בליבן אין באַזעל, נאָר איך בין זיכער, אַז זיי וואָלטן געווען פּינקטלעכע פאָטאָגראַפיעס פון סאַשען.

וויפל איז עס אַרײַנגעלייגט געוואָרן אין אים זאָרג און מאַטערנישן! אַבי ער זאָל נאָר בלײַבן לעבן! און ער איז לעבן געבליבן, דאָס קליינע מאַלעכל. אַ שטילס, אַ טרוימענדיקס, אַ ווײַס ייִנגעלע, אַ קאַפּיע פונעם טאַטן, אַזאַ ווי ער, אַ מיזיניקל. די מאַמע האָט אים געהאַלטן לעבן זיך, ווי אין זײַנערצײַט האָט געהאַלטן לעבן זיך מײַן טאַטן די באָבע עלפרידע, און אין קעגנזאַץ צו אונדז, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן אויף דער גאַס, איז סאַשע געוואַקסן אַ היימיש קינד. ער האָט ווייניק געשפּילט מיט אַנדערע קינדער, אַ סאַך געלייענט, דערנאָך געגומען שרײַבן לידער, אַ קליינינקער טרוימער, אַ דיכטער... מיר, די עלטערע, זײַנען געווען טעכ־ניקער, געשעפטלעכע מענטשן, ווען ליאָווע זאָל ניט געווען ווערן קיין פּאָליט־טוער, וואָלט ער אויך געווען אַ טעכניקער, מיר האָבן אַלע געהאַט פייִקײַט צו טעכניק, אָבער די קלענערע, דינע און סאַשע, זײַנען ניט געווען קיין טעכניקער, זייערע פייִקײַטן זײַנען געלעגן גאָר אין אַן אַנדער פלאַך. באַ דינען איז דאָס געווען מוזיקאַלישקײַט, באַ סאַשען — טרוימערישקײַט, פּאָעטישקײַט, נעשאָמע־דערהויבנקײַט, אַזוי וואָלט איך באַשטימט זײַן נאַטור, נאָר וועגן דעם שפּעטער... נאָר דערווײַל איז ער אין דרײַסיקסטן יאָר אַלט געווען צוויי יאָר, ער איז לעבן געבליבן, געזונט געווען, אַ קאָפּיע פונעם טאַטן, דער מאַמעס ליבלינג און אונדזער אַלעמענס ליבלינג.

אין די דרײַסיקער יאָרן איז אויף דער באַזע פון אונדזער אַרטעל געשאַפן געוואָרן אַ מעלו־כישע שוך־פאַבריק, און דעם טאַטן, אַ זיכערן מענטשן, האָט דער דירעקטאָר איוואַן אַנטאָנאָ־וויטש סידאָראָוו אָנגעמערקט אַלס פּאַרוואַלטער פונעם סקלאַד פאַר רוישטאָף און פורניטור, און דער טאַטע האָט זיך דערמיט ספּראַוועט, אַלץ איז באַ אים געווען אין אַן אידעאַלער אָרדענונג.

איך וועל אײַך זאָגן ווי אַ ספּעציאַליסט: אין אַ שוסטער־פאַבריק איז דער סקלאַד פון דער גרייטער פּראָדוקציע און דער סקלאַד פון רוישטאָף — ווי דער הימל מיט דער ערד. אויב דער פּאַרוואַלטער פון דעם סקלאַד פאַר גרייטער פּראָדוקציע איז אַ גאַנעוו, קאָן ער אוועק־גאַנווענען אַ פּאָר שיך, אַ קעסטל שיך, נאָר ער וועט אומבאַדינגט זיך אַרײַנכאַפּן; רויוואַרג — דאָס איז לעדער, שעוראָ, כראָם, לײַקע, יופט, אַפּאָיעק, שאַגרען. איין פעלכל איז ניט ענלעך אַפן אַנדערן: אַ לעכל, אַ שניט, אַ באַליאַשקע. דער פּראָצענט פון אויסגעאַרבעטער פּראָדוק־ציע איז אַ פאַרשיידענער: פון איינעם און דעם זעלבן פעלכל וועט איין מײַסטער אויסשנײַדן צוויי פּאָר, און אַ צווייטער — נאָר איין פּאָר. מיט איין וואָרט, מיט לעדער קאָן מען קאָמ־בינירן. אַ זשוליק וועט פון לעדער אַליין נאַשן און וועט געבן אָפּלעקן אַ ביינדל דעם מײַ־סטער, דעם אינזשעניער און דעם דירעקטאָר, אויב זיי זײַנען נאָר זשוליקעס. נאָר דער די־רעקטאָר פון דער פאַבריק סידאָראָוו איז געווען אַן אָרנטלעכער מענטש, אַן אַרבעטער, אַן אַרויסגערוקטער, ווי מע האָט זיי דעמלט גערופן, פּערזענלעך פאַר זיך האָט ער גאָרנישט ניט געדאַרפט, אַפילע קיין באַזונדערן קאַבינעט. „באַ אונדז, — זאָגט ער, — איז אַ וווינונגס־קריזיס, איך קאָן ניט פאַרנעמען קיין באַזונדער קאַבינעט, אַ צימער, אין וועלכן עס קאָן לעבן אַ גאַנצע מישפּאָכע". און ער איז געזעסן, שטעלט אײַך פאָר, אין דער אַלגעמיינער קאַנצעליאַריע, און דאָס האָט אים ניט געשטערט צו שמועסן מיט מענטשן און אָנפירן מיט דער פאַבריק.

און באַקומען האָט ער ווייניקער פון זײַנע פאַרטרעטער. דעמלט איז געווען אײַנגעשטעלט אַ פּאַרטמאַקסימום, הונדערט פינף און זיבעציק אָדער צוויי הונדערט פינף און צוואַנציק רובל. סידאָראָוו האָט געזאָגט: „דאָס לעדער דאַרף זײַן אין זיכערע הענט" — און אוועקגעשטעלט אַפן סקלאַד פון רויוואַרג און פורניטור מײַן טאַטן.

באַ אַן אַרבעט, ווו דו ביסט מאַטעריעל פאַראַנטוואָרטלעך, איז ווייניק צו זײַן אַן ערלע־כער מענטש. איך קען אַ סאַך ערלעכע מענטשן, וועלכע האָבן אַף מאַטעריעל־פאַראַנטוואָרט־לעכע שטעלעס געברענט, ווי די ליכט. און איך האָב אויך געקענט זשוליקעס, וועלכע האָבן זיך געבויט דאַטשעס, געקויפט אויטאָמאָבילן און ניט געברענט. אַ זשוליק טרויט קיינעם ניט

אָן, דערלויבט קיינעם ניט אָפּנאַרן אים, און נאַרט אַלעמען אַליין אָפּ. אַלץ איז בײַ אים אין אַזשור, קיין שום אַבעכעס וועט זיך ניט צוטשעפּען, און ווען בײַ אַן ערלעכן לאָפּוך טרעפט, אַז עס פעלט עפּעס, ברענט ער אַליין, דער בוכהאַלטער ברענט און דער דירעקטאָר ברענט, כאָטש אַלע זײַנען זיי לײַטישע מענטשן און זײַנען ניט אַרײַנגעקראָכן אין דער קעשענע פון דער מעלוכע.

וואָס אין שײַעך מײַן טאַטן, איז ער געווען ניט נאָר קיין ערלעכער און אָנשטענדיקער מענטש, ער האָט געהאַט אַ קאָפּ אויף די אַקסל, און אין היגזיכט פון אָרדענונג, פּינקטלעכקײַט — אָן עכטער דײַטש. סידאָראָוו האָט אים גאָר ניט געקאָנט אָנלויבן. און כאָטש אייניקע האָבן געוואָלט אים אונטערשטעלן אַ פיסל, געשטאָכן סידאָראָוון די אויגן דערמיט, וואָס דער טאַטע איז פון דער שווייץ, נאָר סידאָראָוו האָט דערויף ניט געלייגט קיין אַכט, זיך געהאַלטן פאַרן טאַטן, און אַלץ איז געווען בײַ זיי אין אָרדענונג.

אין וואָס באַשטייט דער אומגליק פון אונדזער שוך־אינדוסטריע? ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז דעם געברויכער געפעלן מער אויסלענדישע שיך. אונדזער לעדער איז ערגער? אונדזער לעדער איז בעסער! מיר שטייען נאָך אָפּ אין דער באַפאַרבונג, נאָר לעדער — האַלעווײַ אויף אַלעמען געזאָגט געוואָרן אַזאַ לעדער! נאָר אין דער מאָדע שטייען מיר אָפּ. בײַ אונדז איז זייער שווער איבערבויען די אונטערנעמונג אויף אַן אַנדער מין פּראָדוקציע. אַרבעט פאַנאַנדער אַ נײַע מאָדעל, באַשטעטיקט זי אין צענדליקער אינסטאַנצן. קיין שום קאָפּ וועט זיך דערמיט ניט ספּראַווען. פאַר נײַע מאָדעלן דאַרף מען אַ נײַע ווירטשאַפט פון קאַפּיטעס, נײַע אינסטרומענטן, שטאַמפּן, פורניטור, און דאָס אַלץ איז אין פאַרשיידענע הענט, אויף פאַרשיידענע פאַבריקן, וואָס דאַרפן ניט קיין נײַע מאָדעלן, זיי איז לײַכטער צו אַרבעטן מיטן אַלטן אַסאָרטימענט. דער רעזולטאַט איז: ביז מיר הייבן אָן אויסאַרבעטן אַ נײַע מאָדעל, גייען דורך עטלעכע יאָר, און די מאָדעל באַווײַזט זיך אויפן מאַרק שוין פאַרעלטערטע... אונדזערע פאַבריקן דאַרפן האָבן מער רעכט, גיכער זיך איבערבויען און באַפרידיקן דעם געברויכער.

סידאָראָוו איז געווען אַן עכטער באַלעבאָס, ער האָט געקענט די אַרבעט, געפילט דעם מאַרק, ניט מוירע געהאַט פאַר קיין פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. דערזען גוטע שיך, דערפילט אַ נײַע מאָדע — האָט ער גלײַך זיך איבערגעבויט, ניט געוואַרט אויף קיין שום באַשטעטיקונגען, אָבער דעם געזעץ האָט ער אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, קיין שום מאַכינאַציעס ניט דערלאָזט, בײַ אים האָט די פאַבריק געבליט, אויף זײַן פּראָדוקציע איז געווען אַ נאָכפרעג, אויף די פּאָליצעס איז די סכוירע ניט געלעגן, אַלע זײַנען געווען צופרידן — סײַ דער געברויכער, סײַ די פּראָדוצירער: ווען די פאַבריק אַרבעט גוט, איז דער פאַרדינסט בײַ די מענטשן אַ גוטער און די שטימונג בײַ די אַרבעטער איז אויך אַ גוטע.

אויף דער פאַבריק האָט דער טאַטע באַקומען, כ'וועל ניט זאָגן, קיין מיניסטערישן געהאַלט; אַ פאַרוואַלטער פון אַ סקלאַד איז ניט קיין אַקאַדעמיקער, נאָר אויפן לעבן האָט געקלעקט, דערבײַ האָבן מיר, ליאָווע און איך, געאַרבעט. ליאָווע איז אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין זײַנע זאַכן, און וועלכע זאַכן, ווייסט איר: קאָלעקטיוויזאַציע, קאַמף מיטן באַלעגופּנטום. אין אָנהייב פון די דרײַסיקסטע יאָרן איז אויף אוקראַיִנע געווען אַ הונגער, נאָך ערגער, ווי אין די צוואַנציקער יאָרן אין פּאָוואָלזשיע. וועגן דעם הונגער אויף פּאָוואָלזשיע האָבן געשריבן אַלע צײַטונגען, און דאָס פאָלק האָט זיך אויפגעהויבן העלפן די הונגעריקע, און אין אָנהייב פון די דרײַסיקסטע יאָרן האָט מען וועגן הונגער ניט געשריבן... אין די שטעט האָט מען עפּעס־וואָס אַרויסגעגעבן אויף די קאַרטאָטשקעס, און אין דאָרף זײַנען קיין קאַרטאָטשקעס ניט געווען. דער אוילעם האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין שטאָט אַרײַן, און די שטאָט לאָזט ניט... אַ שווערע צײַט געווען.

נאָר, פון דער אַנדערער זײַט — אינדוסטריאַליזאַציע. עס האָבן זיך געבויט נײַע זאַוואָדן, פאַבריקן, עלעקטראָסטאַנציעס. דאָס לאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקער מעלוכע, דאָס האָט אַרויסגערופן ענטוזיאַזם באַם פאָלק, די יוגנט האָט געשטרעבט אויף די בויונגען פון דעם ערשטן פינפיאָר, אויף דער מאַגניטקע, קיין קוזניעצק, טשעליאַבינסק, סטאַלינגראַד און אין אַנדערע שטעט. מײַן ברודער יעפים, ער איז אויף צוויי יאָר ייִנגער געווען פון מיר, איז אַוועקגעפאָרן קיין כאַרקאָוו בויען דעם כאַטעזע, דעם כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד, אַוועקגעפאָרן, ווי אַ פּראָסטער מוליער. דאָרט זיך געלערנט אין אינסטיטוט און געוואָרן אַן אינזשעניער, און, מע דאַרף זאָגן, אַ גוטער אינזשעניער. אין דער צײַט פון קריג איז ער געווען דער דירעקטאָר פון אַ גרויסן זאַוואָד, וועלכן ער האָט אויפגעבויט אין הוילן פעלד פון עוואַקוירטער אויסשטאַטונג, ער האָט פּראָדוצירט טאַנקען און אַנדער געווער, מע האָט אים באַלוינט מיט אָרדענס און שטאַרק אים געשעצט.

ווען יעפים איז אַוועקגעפאָרן אויפן כאַטעזע, האָט מען מיך צוגענומען אין אַרמיי, איך בין אַרײַנגעפאַלן אין דער אַרטילעריע, לויטן ווערטל פון די צאַרישע צײַטן: „אַ שיינעם אין

קאַוואַלעריע, א געזונטן אין אַרטילעריע״... כ׳האָב אָפּגעדינט מײַן צײַט און זיך אומגעקערט אַהיים. אַלע האָבן זיך געלערנט, ס׳האָבן זיך באַוויזן נײַע וווּזן, וווטוזן, טעכניקומס, און דאָס איז פאַרשטענדלעך: אָן אינזשעניערן איז ניטאָ קיין אינדוסטריאַליזאַציע. אויב דו ווילסט זיך לערנען, איז, ביטע, טו די געפעליקײַט, לערן געזונטערהייט, מע דאַרף נאָר וועלן. די כעוורע פון אונדזער דעפּאָ, וואָס האָבן פאַרענדיקט פינף־זעקס קלאַסן, זײַנען מיט דער הילף פון פּאַרגיכערטע קורסן אָנגעקומען אין וווּזן. פאַר מיר זײַנען אויך אָפן געווען אַלע וועגן: אָן אַרבעטער פון די קינדער־יאָרן, דערין נאָך א דעמאָביליזירטער רויטאַרמייער, כ׳האָב געקאָנט אָנקומען פריִער אַף קורסן, דערנאָך אין א ווּז, אוועקפאָרן קיין כאַרקאָוו, כאַרקאָוו איז דעמלט געווען די הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע. נאָר איך פאַרשטײט, אין שטוב בין איך איצט דער עלטסטער, כאָטש לויט די יאָרן איז ליאָווע געווען עלטער, נאָר ליאָווע איז דער פאַרטרעטער פון שעף פונעם פּאָליטאָפּטייל פון דער אײַזנבאַן־ליניע איבער דער קאָמיוגישער אַרבעט.

פאַר א מענטשן מיט א מעלוכישן פאַרנעם זײַנען היימישע מישפּאָכע־אָנגעלעגנהײַטן א שווערער אָל, און די עלטערן האָבן זיך געסטאַרעט מיט קיין זאַך אים ניט באַלעסטיקן, דערבײַ האָט ער שוין פון לאַנג געלעבט באַזונדער פון אונדז. אַזוי, אַז דער עלטסטער האָב איך זיך גערעכנט, און אַף מיר איז געפאַלן די פליכט צו העלפן דער מישפּאָכע און ציִען די ייִנגערע. די עלטערן האָבן געוואָלט זיי געבן בילדונג, פריִער פאַר אַלץ ליובען, זי האָט געהאַלטן באַם פאַרענדיקן די שול, און פון קיין אַנדערע אָפּשאַצונגען, אויסער „אויסגעצייכנט״, ניט געוווּסט. אין אונדזער מישפּאָכע האָבן ליאָווע און ליובע זיך גערעכנט פאַר טאַלאַנטן. איך און די איבעריקע ברידער — פאַר געוויינלעכע, אַפילע פימע האָט זיך גערעכנט פאַר א געוויינלעכן. ער האָט געאַרבעט אַלס מולירער אַף דער בויונג פון כאַטעזע, און קיינער האָט, נאַטירלעך, ניט געקאָנט פאָרויסזען, אַז ער וועט זיך אַזוי אַרויסרוקן בײַס דער מילכאָמע. און אָט איז מיר מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען פאַרגעשטאַנען שלעפּן די איבעריקע, איבערהיפּט ליובען — אין ווּז וועט זי באַקומען א סטיפּענדיע, דעמלט וועלן בלײַבן אַף אונדזערע הענט העניך, דינע און סאָשע, און אַזיוויי פון העניכן האָט מען קיין סאַך ניט דערוואַרט, ער וועט ענדיקן די זיבנײַאָריקע שול און גיין אַרבעטן, די קליינינקע דינע — זי האָט זיך ערשט געקליבן אין ערשטן קלאַס, און סאָשען וועלן די עלטערן אויסהאַלטן, — דעמלט וועל איך, הייסט עס, ווערן פרײַ און קאָנען סאָפּקאָלסאָף אײַנאָרדענען מײַן לעבן.

## 8

איך האָב גענומען אין אַכט די לאַגע פון די עלטערן און געבליבן אַרבעטן אין דער שוך־פאַבריק אַלס מײַסטער, פײַן פאַרדינט, געקאָנט זיך אָנטאָן לויט דער מאָדע. א באָכער בין איך געווען א יונגער, איין און צוואַנציק יאָר, ניט קיין שפּעטנע. דערצו שוין געקומען פון אַרמיי, א גאַנץ אָנגעלייענטער, כ׳האָב געקאָנט זיך דורכשמועסן מיט א מיידל, געטאַנצט וואַלכע איר ווילט טענץ, סײַ מײַרעוודיקע, סײַ באַלנע, אָן אייגענער מענטש, קאָן מען זאָגן, אַף דער טאַנצפּלאַשטשאַדקע, וועגן כאַסענע האָבן האָב איך ניט געטראַכט, מיר איז אַזוי אויך געווען ניט שלעכט, און די מאַמע האָט געטײַנעט: „ווען באַוויַזן!״. און די שטאָט אונדזערע איז גאָר ניט געווען אַזאַ פאַרוואָרפן ווינקל. זומער, ווי איר ווייסט, קומען צו פאָרן דאַטשניקעס, צווישן זיי אינטערעסאַנטע, אַפילע אָנגעזעענע מענטשן.

באַ אונדז איז, צווישן אַנדערס, געווען אַן אייגענער באַרימטער מענטש, א דיריזשאָר, ער לעבט נאָך איצט — א פאָלקס־אַרטיסט פון סאָוועטנפאַרבאַנד. צומאָל פלעגט ער קומען צו זײַנע עלטערן, אָפּרוען א וואָך־צוויי.

איינמאָל איז מיט אים געקומען צו פאָרן א מאָלער, אַן אַרמענער לויט דער נאַציאָנאַליטעט, גערופן האָט מען אים גײַק, איצט איז ער אויך א באַרימטער. דעמלט האָט ער געאַרבעט איבער א פּאָרטרעט פון אונדזער דיריזשאָר. געמאָלט האָט ער אים אין די אינדערפריִען און די איבעריקע צײַט געזעסן מיטן מאָלבערט באַם ברעג פון טײַך, אין וואַלד, אַף א לאָנקע, אין פעלד, אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט מיט א גרויסן בלאָקנאָט, געמאָלט די פאַרבײַגייער, די שטיבלעך, די קאָלווירטניקעס אַפן מאַרק, כאָטש ער איז שוין געווען א מענטש אין די יאָרן, מינאַסטאַם, באַ די פופציק, נאָר א מאַנצבל, דאַרף מען זאָגן, א קראַסאַוועץ. די האָר גראָווע, געדיכטע, געקרײַזלטע, די וואָנצעס שוואַרצע, אַן אָדלערישע נאָז, פון אונטער די געדיכטע ברעמען — א דורכדרינגלעכער בליק. ווען עס באַווײַזט זיך א מענטש מיט אַזאַ אויסזען און מיט אַזאַ ניט געוויינלעכער באַשעפטיקונג, וואָס גייט אַרום דעם גאַנצן טאָג מיט א בלאָקנאָט און מאָלט, קען אים אין צוויי טעג אַרום די גאַנצע שטאָט. ביפּראַט נאָך, אַז ניט געקוקט אַף דעם שטרענגן אויסזען, איז ער געווען א צוגעלאָזטער, גערעדט מיט א ספּעצי־

פיש קאַווקאַזער אַקצענט, מעכּאַבעד געווען די קינדער מיט קאָנפּעטן, און ווען מענטשן זיַינען געשטאַנען לעבן זיַין מאַלבערט, קיינעם ניט אַוועקגעטריבן.

און אָט האָט ער איינמאָל דערזען אונדזער מוטער אָפן מאַרק, וועגן דער דאָזיקער באַגעג־נעניש האָט מיר דערציילט ליובע, זי איז דעמלט געווען מיט דער מאַמע.

גיַיק האָט דערזען די מאַמע, זיך אָפּגעשטעלט און גענומען אופמערקזאַם קוקן אַף איר.

— וואָס האָט עס דער דאָזיקער קאַווקאַזער זיך פאַרקוקט אַף אונדז?— האָט די מאַמע זיך געוואונדערט.

— ער האָט זיך פאַרקוקט אַף דיר,— האָט ליובע געענטפערט.

— אַ ניַיע נייַס!— האָט געזאָגט די מאַמע.

ווען זיי זיַינען אַוועקגעגאַנגען פון מאַרק, האָט ליובע זיך אומגעקוקט און באַמערקט, אַז גיַיק קוקט זיי נאָך, און געזאָגט וועגן דעם דער מאַמען.

די מאַמע האָט גאָרניט געענטפערט.

דעם זעלבן אָפּדערנאַכט איז גיַיק מיט אונדזער זעמליאַק, דעם באַרימטן דיריזשאָר, גע־קומען צו אונדז אַהיים.

אַזעלכע בעקאָוועדיקע געסט! מיר האָבן זיי באַזעצט באַם טיש, פאַרגעלייגט טיי... נאָר די מאַמע איז געווען זייער צוריקגעהאַלטן, און דאָס האָט אויסגעזען מאָדנע. דער גאַנצער פון גאַסטפריַינטלעכקייַט ווערט באַ אונדז הייליק אָפּגעהיט.

און אָט מעלדעט דער דיריזשאָר, אַז זיַין פריַינט וויל אָנמאָלן דער מאַמעס פּאָרטרעט אין פאַרבן, און צוליב דעם דאַרף די מאַמע פּאָזירן עטלעכע טעג, צו אַ שאַ־צוויי.

די מאַמע מאַכט אַ דערשטוינט פּאָנעם:

— צוויי שאַ? און מיַין מישפּאָכע וועט זיצן אַ הונגעריקע?

— כאַשעווע ראַכיל אַבראַמאָוונאַ,— זאָגט דער דיריזשאָר,— איך דאַרף איַיך זאָגן, אַז אין אַלע ציַיטן האָבן די סאַמע גרעסטע פּערזענלעכקיַיטן אויסגעפינען ציַיט אַף צו פּאָזירן די קינסטלער, קעדיי לאָזן פאַר די קומענדיקע דורעס זייער בילד.

— איך בין ניט קיין פעלקס־קאָמיסאַר,— האָט געענטפערט די מאַמע,— מע וועט זיך באַגיין אָן מיַין פּאָרטרעט.

גיַיק, מיט זיַין קאַווקאַזער אַקצענט, מעלדעט:

— אַ שיינע פרוי איז אויך אַ באַרימטע פּערזאָן.

אַזעלכע קאָמפּלימענטן זיַינען באַ אונדז ניט אָנגענומען, ביפראַט נאָך נעגייע אַ כאַסענע־געהאַטער פרוי אין די אויגן, אין דער אָנוועזנהיַיט פון מאַן און די קינדער. נאָר באַ גיַיקן האָט עס געקלונגען אָנשטענדיק. מעגלעך צוליב זיַין קאַווקאַזער אַקצענט, דערבײַ האָט אַ מאָלער די רעכט אַף אַזאַ אָפּשאַצונג.

דאָך האָט די מאַמע זיך ניט פאַרשעמט, ניט רויט געוואָרן, און מיט ווירדע געענטפערט:

— עס זיַינען פאַראַן פרויען שענערע און ייַנגערע פון מיר.

אַף דעם האָט דער דיריזשאָר דערווידערט, אַז די זאַך איז ניט אין שיינקיַיט און ניט אין עלטער, נאָר אין דער נאַטור. עס זיַינען פאַראַן מענטשן, וועמענס אויסזען איז פּאַשעט אומבאַ־דינגט צו פאַרפיקסירן אָפן ליַיוונט. פּאָזירן גיַיקן איז דער מאַמעס כויוו פאַר דער קונסט.

דער דיריזשאָר איז געווען ניט נאָר אונדזער שיַינדל, ער איז אויך געווען אונדזער רום. ווער האָט עס געקענט אונדזער שטאָט? קיינער ניט, אויסער די אַרומיקע איַינוווינער, די דאַטשניקעס און די געגנטלעכע אָנפירונג. און אונדזער דיריזשאָר האָט געקענט דער גאַנצער סאָוועטנפאַרבאַנד. קימאַט יעדן טאָג האָט מען דורך דער ראַדיאָ איבערגעגעבן קאָנצערטן פונעם סימפאָנישן אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פון אַזאַ... און מע האָט אָנגערופן דעם נאָמען און פאַמיליע פון אונדזער זעמליאַק— דעם דיריזשאָר. אויספילן זיַין ביטע האָט יעדע־רער געהאַלטן פאַר אַ גרויס גליק.

נאָר די מאַמע האָט ניט פאַרלאַנגט אַזאַ גליק.

— מיַינע יאָרשים וועלן זיך באַגיין אָן מיַין פּאָרטרעט,— האָט זי געשמייכלט,— זיי וועט קלעקן מיַין פאָטאָגראַפיע.

אונדזער באַוווסטער דיריזשאָר האָט דערווידערט, אַז אַ פאָטאָגראַפיע גיט איבער נאָר די אויסערלעכקיַיט פונעם מענטשן, און אַ פּאָרטרעט שפּיגלט אָפּ זיַין איַינערלעכע וועלט. און אויב די מאַמע וויל, אַז אירע קינדער, איַיניקלעך, אורייניקלעך און אור־אורייניקלעך זאָלן זי זען ווי אַ שטענדיק־לעבעדיקע, דאַרף זי מאַסקים זיַין.

די מאַמע האָט ווידער געוואָלט עפּעס דערווידערן, נאָר דער פּאָטער האָט מיט דער אייגנטימלעכער פאַר אים דעליקאַטקיַיט געזאָגט:

— אײַער פֿאַרשלאָג איז פאר אונדז א גרויסע ערע. דערלויבט מײַן פרוי א קלער טאָן. עפשער וועט זי אויסגעפינען צײַט.

דער קינסטלער און דער דיריזשאָר זײַנען אוועקגעגאנגען. מיר זײַנען געבליבן זיצן באַם טיש. די מאמע פרעגט באַם טאטן:

— צוליב וואָס האָסטו פאר זיי געלאָזט א האָפענונג?

— דו פארשטייסט, — האָט געענטפערט דער פאָטער, — עפשער האָט דער דאָזיקער גײַק דערפילט אין דײַן פאָרטרעט זײַן דערפאָלג, און פון איין דערפאָלג איז אָפט אָפּהענגיק דער גורל פון א מאָלער. דו ביסט דאָך אינדערעמעסן באַ אונדז א קראַסאַוויצע.

אָף די דאָזיקע ווערטער האָט די מאמע ניט געלייגט קיין אכט. זי האָט דורכדרינגלעך א קוק געגעבן אפן פאָטער, איך געדענק ביז איצט דעם בליק, און געפרעגט:

— דו ווילסט עס?

— פארוואָס ניט קומען אנטקעגן א מענטשן? און פארוואָס זאָלן מיר ניט האָבן דײַן פאָרטרעט?

די מאמע האָט ווידער א קוק געטאָן אפן טאטן.

— גוט, זאָל זײַן, ווי דו ווילסט.

אפן אנדערן טאָג האָט גײַק זיך באַוויזן מיט א מאָלבערט, א פאָדראַמניק און עטיודניק, פונקט ווי ער וואָלט וויסן, אַז די מאמע וועט מאַסקים זײַן.

פּאָזירן, ווי איר פארשטייט, באַטײַט ניט נאָר זיך צוזעצן אָף א פאָר שאָ און קוקן אַהין, ווּהין דער מאָלער וועט הייסן. פריִער פאר אלץ דאַרף מען באַשליסן אין וואָס צו פּאָזירן. גײַק איז געווען א לעבנסווירדיקער מענטש, נאָר ווען ס'איז געקומען צו דער ארבעט, האָט ער גענומען ארויסשטעלן פאָדערונגען: דאָס קלייד טויג ניט, יענץ גייט ניט אונטער, מירן פּרוּוון מיט א שאַל, אָן א שאַל... און מע דאַרף ארויסגיין אין צווייטן צימער זיך איבערטאָן, דערנאָך זיך אומקערן, און ער באַקוקט דיך, און גיי ווידער אין צווייטן צימער, טו זיך נאָכא־מאָל איבער, קער זיך אום און נעם אין דער האַנט א בוקעטל בלומען, ניין, לייג אוועק די בלומען...

די מאמע פארמאָגט ניט קיין געהויבענעם גאַרדעראָב, נאָר אייניקע קליידער זײַנען געווען, צום בײַשפּיל, א בלוי קרעפּדעשינאָווע, זייער א שיין קלייד, אָבער גײַק האָט זי געצווּונגען אָנטאָן דאָס טונקל וואָלענע, מיט ניט קיין גרויסן אויסשניט, מיט א ווײַס געהעפטע קעלנערל, און אָנגעצויגענעם ליף און לאַנגע ארבל. מיר האָבן, אָפן גערעדט, זיך געכידעשט פון דעם אויסוואַל, אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז אין בלויען זעט די מאמע אויס יינגער און בונטער, נאָר גײַק האָט אויסגעוויילט דאָפקע דאָס טונקעלע וואָלענע. איר פארשטייט, מינאָ־סטאַם, אַז אין יול, אין דער היץ, אין א וואָלן קלייד איז גאַנץ שווער. דאָס אייניציקע, וואָס גײַק האָט ניט אָנגערירט, — איז דער מאמעס פריזור: די האָר זײַנען גלאַט פארקעמט און צונויפגענומען אפן נאַקן אין א גרויסן קובלעך.

נאָר די זאַך איז ניט דערין, אין וואָס די מאמע האָט פּאָזירט.

איר שטוינט זיך, געוויס, אָן, אַז ניט אומזיסט באַשרײַב איך די דאָזיקע געשעעניש, און דאָס איז געווען מער, ווי א געשעעניש אין דער מאמעס לעבן. עפּעס־וואָס האָב איך אליין געזען, א ביסל האָט מיר דערציילט ליובע, זי האָט דעמלט געהאָלפן דער מאמען זיך איבער־טאָן. ליובע איז אלט געווען זיבעצן יאָר, און זי איז געווען דער סאַמע דינסטער און סאַמע קליגסטער מענטש אין אונדזער מישפּאָכע. איך דערצייל דאָס, וואָס שפּעטער האָט די מאמע, אין א מינוט פון אָפנהאַרציקײַט, מיר אליין דערציילט.

אַזויאַרום, איז פריִער פאר אלץ דער מאמען ארויסגעקומען פארנעמען זיך דערמיט, מיט וואָס זי האָט זיך שוין לאַנג ניט פארנומען — מיט איר אויסערלעכן אויסזען. זי איז געווען שיין, שטאַלטנע, אונטערגעצויגן, נאָר זיצן פארן שפּיגל האָט זי ניט געהאַט קיין צײַט און קיין נויטבאַדערפטיקונג. אויך אָנעם שפּיגל איז זי געווען זיכער אין זיך. און אָט דאַרף זי באַ פערציק יאָר באַווײַזן זיך פאר א פרעמדן מאַנצבל, זיך אויסטאָן, זאָל זײַן ניט פאר זײַנע אויגן, אין שכיינישן צימער, נאָר פאר אים, ווידער זיך אָנטאָן און זיך באַווײַזן פאר זײַן אָפּ־שאַצנדיקן בליק. דאָס איז געווען א גרויסע נײַס, אינגאַנצן אַן אומדערוואַרטע זאַך אין איר לעבן. זי איז געווען גענויטנט, אַז מאַנצבלען זאָלן זיך אָף איר פאַרקוקן, נאָר זי האָט דערויף קיין אכט ניט געלייגט, קיין שום בליקן האָבן פאר איר ניט עקזיסטירט, פיר און צוואַנציק יאָר האָט זי געהאַט נאָר איין מאַנצבל — דעם מאַן. און פּלוצעם באַווײַזט זיך א גראָוער קראַסאַוועץ מיט אַן אָדלערישן בליק און זי דאַרף פאר אים זיך איבערטאָן, אָנמעסטן פארשיי־דענע קליידער, אַז דער דאָזיקער מאַנצבל זאָל דאָס באַגײַטיקן, ווען די מאמע זאָל זײַן א גרויסשטאָטישע פרוי, ווען זי זאָל זיך, ווי זאָגט מען עס, דרייען אין דער וועלט פון קונסט,

וואָלט זי, געוויס, געקאָנט אונטערשיידן א מאנצבל פון א מאָלער, ווי עס אונטערשיידן פרויען א מאנצבל פון א דאָקטער. נאָר די מאמע איז ניט געווען קיין גרויסשטאָטישע פרוי, קיין מאָלער אין לעבן ניט געזען, און צו דער הילף פון א דאָקטער אָנגעקומען נאָר איין מאָל ווען זי האָט געהאט סאשען.

דאָס ערשטע מאָל האָט די מאמע זיך פארלוירן, און פארלירן זיך איז זי ניט געוווינט געווען. זי איז געווען א קאטעגאָרישע, מיט אלעמען אָנגעפירט און קאָמאנדעוועט, און אָט האָט זי זיך פארלוירן פאר א מאנצבל — אן אינטערעסאנטן, ניט קיין געוויינלעכן, ניט זי האָט קאָמאנדעוועט מיט אים, נאָר ער מיט איר, ניט ער האָט זיך אונטערגעוואָרפן איר, נאָר זי אים.

אין אזא צושטאנד פאָזירט די מאמע גייַקן, געפינט זיך מיט אים אויג־אף־אויג צוויי שאָ אין טאָג. נאָר דאָס רעדט זיך נאָר אזוי — צוויי שאָ. גייַק דערלויבט איר אופשטיין, זיך דורכגיין, ארייַנגיין אין קיך, און אין שטוב זייַנען די קינדער: ליובע, העניך, דינע, סאשע. זיי פאָדערן דאָס, יענץ, עס דארף זיך אומקערן פון דער ארבעט דער טאטע און איך. פארשטייט זיך, אז ליובע האָט געהאָלפן, נאָר אויך זי איז געווען פארנומען, זיך געגרייט צו די עקזאמענעס. די מאמע האָט זיך אָפגעווענדט, און גייַק האָט צעצויגן דעם סעאנס אף דרייַ און אפילע אף פיר שאָ. ער האָט זיך געהאט זייַן נאָרמע, ניט געקאָנט איבערייַסן די ארבעט, געדארפט זי דערפירן ביז א באשטימטן פונקט, אין זייַן מי איז ער געווען אומדערמידלעך.

בייסן סעאנס האָבן זיי געשמועסט. גייַק האָט דערציילט וועגן זיך, פאנאנדערגעפרעגט אלץ בא דער מאמען, זי האָט געענטפערט. ער האָט געדארפט א לעבעדיק פּאָנעם, און די מאמע האָט פאר לאנגע יאָר, וואָס זייַנען אדורך אין מי און זאָרג, סאָפקאָלסאף זיך אָפגעווענדט פון דעם איינארטיקן לעבן, געפונען אן אופמערקזאמען צוהערער און אן אינטערעסאנטן מיטשמועסער.

גייַק האָט דערציילט וועגן טערקייַ, ווו ער האָט קינדווייַז געלעבט מיט זייַנע עלטערן און פונוואנען זיי זייַנען אנטלאָפן קיין באקו אין דער צייַט פון דעם ארמענער־טערקישן פּאָגראָם, דערציילט וועגן פאריזש, ווו ער האָט זיך געלערנט מאָלן, וועגן ווין, בערלין און וועגן דער שווייץ, וווהין ער איז געפאָרן פון פאריזש. די דאָזיקע באשרייַבונגען האָבן צוריקגעבראכט די מאמע צו אירע יונגע יאָרן, ווען זי האָט געלעבט אין באזעל, זיי האָבן אופגערודערט אין איר דערינערונגען. נאָר דאָס סאמע וויכטיקסטע איז געווען פאר איר זייַן שווייַגן, ווען ער האָט געקוקט אף איר און געמאָלט — איר ווייסט, וויאזוי אופמערקזאם און פאָרשנדיק עס קוקט א מאָלער אף זייַן נאטור! קיין שום ווערטער זייַנען דערבייַ ניט ארויסגעזאָגט געוואָרן, וועגן דעם האָט דערנאָך דערציילט די מאמע, נאָר ס'איז געווען וויכטיקערס, באדייַטנדיקערס — דאָס, וואָס שוועבט אין דער לופט, ווען א מאנצבל און א פרוי דערפילן אן אינטערעס, א ציִונג איינס צום אנדערן.

צי דער טאטע האָט זיך וועגן עפּעס אָנגעשטויסן? אָן צווייפל. ער האָט געקענט די מוטער ווי זיך אליין, און בא דער מאמען איז אלץ געלעגן אפן פּאָנעם, זי האָט ניט געקאָנט כיטרעווען, זיך אויסבאהאלטן. זי איז געוואָרן שווייַגעוודיק, צעשטרייט. זי האָט פאָרגעזעצט ליב האָבן איר מאן, ער איז שטענדיק געווען דער איינציקער, און אָט האָט זיך פּלוצעם געיאַוועט א צווייטער, א פרעמדער, וועלכן זי דארף ניט, און וואָס קריכט איר פאָרט אין די געדאנקען. אזא דערשיטערונג האָט ניט געקאָנט פארבייַגיין אומבאמערקט. נאָר דער טאטע איז, ווי שטענדיק, געווען רויִק, געלאסן. ער האָט געשפאסט, געלאכט, ווי קיין זאך וואָלט ניט פאָרגעקומען. וועגן גייַקן, וועגן דעם, וויאזוי עס גייט די ארבעט איבערן פאָרטרעט, זיך ניט נאָכגעפרעגט, וועגן דעם איז קיין רייד ניט געווען. גייַק פלעגט קומען צוועלף אזייגער און אוועקגיין ארום דרייַ־פיר, נאָך ביז מיר האָבן זיך אומגעקערט פון דער ארבעט, קיין איין מאָל ניט געבליבן אף מיטיק, ער האָט זיך פארענטפערט דערמיט, וואָס מע וואַרט אף אים באם דיריזשאָר, אינדערעמעסן אויסגעמיטן די אומבאקוועמלעכקייַט, וואָס וואָלט זיך געקאָנט שאפן אין זייַן אָנוועזנהייַט. אין אים האָט דערמאָנט נאָר דער מאָלבערט, וואָס איז געשטאנען אין א ווינקל מיט אן איבערגעקערטן לייַוונט און איבערגעדעקטער מיט א שטיקל לייַוונט.

א שווייַגנדיקער ראָמאן...

דער סאָף פונעם ראָמאן איז געקומען אומגעריכט.

איינמאָל קום איך פון דער ארבעט און זע, אז די מאמע איז אינגאנצן אן אנדערע, אזא, ווי פריִער, ניט קיין צעשטרייטע, ניט קיין פארטראכטע — אזא, ווי זי איז געווען. אן ענערגישע, א טעטיקע. זי האָט צוגערוימט פון טיש, איבערגעוואשן דאָס געשיר, דערנאָך אָנגעוויזן אפן מאָלבערט, וואָס איז געשטאנען אין ווינקל און געזאָגט:

— נעם אלץ און טראָג אָפ.

מע האָט מיר גאָרנישט ניט געדארפט דערקלערן, איך האָב גלייַך פארשטאנען. דער פאָר־

טרעט איז געווען צוגעדעקט מיט דער לײַוונט, מיר האָט זיך געוואָלט א קוק טאָן, נאָר איך האָב אונטערגעהויבן די לײַוונט, פאַרוויקלט דעם פּאָרטרעט אין א ריינער רעדנע, איבער־געבונדן אים מיט שפּאַגאַט, צוגעפּלייגט דעם מאַלבערט — ער האָט זיך צונויפגעלייגט, ווי א דרײַפוס, און זיך אוועקגעלאָזט צו גײַקן.

פון דעם דיריזשאָרס שטוב האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון א ראָיאַל, ווײַזט אויס, אז עס האָט געשפּילט דער דיריזשאָר, איבערבײַסן אים איז געווען ניט באַקוועם, נאָר כ׳האָב דאָך ניט געקאָנט אַלץ אוועקוואַרפן בא דער טיר, אָדער זיך אומקערן מיט אַלץ צוריק!

איך בין אַרײַנגעגאַנגען. אפן ראָיאַל האָט געשפּילט דער דיריזשאָר. גײַק איז געזעסן אין א קרעסלע מיט א בלאַקנאָט אין די הענט, און, ווי שטענדיק, געמאָלט. דערזען מיך, האָט ער זיך אופגעהויבן, גלײַך אַלץ פאַרשטאַנען, זײַן שטרענג פּאָנעם איז ניט געווען פאַרוואונדערט, נאָר אופגערודערט.

מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען אפן גאַנעק. איך האָב אַנגעשפּאַרט דעם מאַלבערט און דעם פּאָרטרעט אין דער פּאַרענטשע.

— די מאַמע האָט געבעטן דאָס אײַך איבערגעבן.

ער האָט געשוויגן. איר ווייסט, איך האָב אף אים ראַכמאָנעס געקראָגן... און ניט אוועק־געגאַנגען, ווײַל איך האָב פאַרשטאַנען, אז ער דאַרף מיר עפּעס זאָגן.

ער האָט אַרויסגעבראַכט נאָר איין וואָרט:

— טרויעריק...

זיך אויסגעדרייט און אוועקגעגאַנגען אין שטוב.

מיט א סאַך צײַט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, וואָס עס איז פאָרגעקומען יענעם טאָג.

אין דער צײַט פון סעאַנס איז די מאַמע אַרויסגעגאַנגען אין קיך, זיך אומגעקערט און ניט געקאָנט אַנעמען די פריערדיקע פּאָזע. גײַק איז צוגעגאַנגען צו דער מאַמען, גענומען איר קאָפּ אין די הענט און אויסגעדרייט אזוי, ווי עס האָט זיך געפּאָדערט. אָט די ערשטע און אייינציקע באַרירונג האָט געלייזט אַלץ.

די ערשטע באַרירונג לייזט פיל, נאָר לייזט אין דער אָדער יענער זײַט. פאַר דער מאַמען האָט זיך עס געלייזט אין דער אַנדערער זײַט: גײַקס באַרירונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א פרעמדער באַרירונג. אין דער מינוט האָט די מאַמע פאַרשטאַנען: זי האָט יאַנקעוון, נאָר יאַנ־קעוון, און קיינער אויסער יאַנקעוון איז ניטאָ, עס וועט ניט זײַן און קאָן ניט זײַן. די זאַך איז באַשטאַנען ניט אין פליכט: ווען די מאַמע וואָלט ליב באַקומען גײַקן, וואָלט זי אוועק מיט אים ווהין די אויגן וואָלטן געפירט, ניט געקוקט אף קיינעם און אף גאָרניט. אזוי טאָר מען ניט? מעגלעך. נאָר די מאַמע איז געווען אזא מענטש, און לאָמיר זי מישפּעטן מיט איר מאָס. אָבער ווען גײַק האָט זיך צו איר צוגעריררט און זײַן ליבע האָט זיך אַנגערוקט אף איר, האָט זי פאַרשטאַנען, אז קיין ליבע פילט זי צו אים ניט, זי פילט נאָר עפּעס אַן אומבאַקוועמלעכ־קײַט — אין איר לעבן האָט אומגעריכט זיך אַרײַנגעמישט ניט קיין געוויינלעכער מענטש. און אָט די אומבאַקוועמלעכקײַט דאַרף מען גלײַך גוויוער זײַן, ניט אָפּלייגנדיק אף קיין מינוט, און זי האָט אָפּגעשיקט דעם ניט פאַרענדיקטן פּאָרטרעט. אַלץ האָט זיך צוריק געשטעלט אף די פריערדיקע ערטער. און גײַק האָט ניט געמאַכט קיין פּרווו פאַרזעצן די באַקאַנטשאַפט, ער האָט פאַרשטאַנען, אז דאָס האָט קיין זין ניט.

צי האָט די מאַמע דערמאָנט גײַקן, דעם פאַרליבטן אין איר גרויהאָריקן מאַנצבל? דערך־מאָנט, און צום גוטן. א סאַך שפּעטער האָט זי מיר דערציילט וועגן דעם מיט א שמייכל, נאָר די געפילן, וועלכע זי האָט דעמלט איבערגעלעבט, דעם אויספרווו, אין וועלכן ס׳איז געשטעלט געוואָרן איר ליבע צום פאָטער, זײַנען געווען טיפער און באַדײַטנדיקער פון דעם, וואָס זי האָט דערציילט מיט א שמייכל. וואָס איז דאָ צו ריידן? די זאַך באַשטייט ניט אין דעם, אין וואָס פאַר א לאַגע דער מענטש ווערט געשטעלט — דאָס איז אין אים אָפּט ניט געווענדט, די זאַך באַשטייט אין דעם, וויאַזוי דער מענטש גייט אַרויס פון דער דאָזיקער סיטואַציע — דאָס איז שטענדיק געווענדט נאָר אין אים. איך מיין, אז פון דער דאָזיקער אופּטרייסלונג זײַנען מײַן מאַמע, מײַן טאַטע און גײַק אַרויס ווירדיק.

דאָס לעבן איז ווײַטער געגאַנגען. דער דיריזשאָר מיט גײַקן זײַנען אוועקגעפאָרן, און מיר זײַנען געבליבן, ווי זאָגט מען דאָס, אף די אייגענע ערטער.

איך אַרבעט אף דער פאַבריק, גיי צומאָל אף דער טאַנצפּלאַשטשאַדקע, באַגעגן זיך מיט מיידלעך, איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אז אַנדערש קאָן ניט זײַן. גרייט זיך צוביסלעך אין אינסטיטוט, כ׳פאַרליר ניט די האָפענונג פאַרזעצן מײַן בילדונג, איך לייען, קעדיי ענדגיל־טיק אַלץ ניט פאַרגעסן. צו יענער צײַט האָט זיך בא מיר באַוויזן נאָך איין אינטערעס.

אַף אונדזער פֿאַבריק איז געווען אַ ליטעראַרישער קרײַז. אַ סאַך זײַנען דעמלט פֿאַרליבט געווען אין ליטעראַטור און פֿיל האָבן אומפֿאַרשעמט געטרוימט צו ווערן שרײַבער. פֿאַר אונדז איז געשטאַנען דער בײַשפּיל פֿון מאַקסים גאָרקי: פֿון אַ באָסיאַק איז ער געוואָרן אַ באַרימטער שרײַבער. מיר האָבן געלייענט און איבערגעלייענט „טשעלקאַש“, „די זקיינע איזערגיל“, „מאַקאַר טשודראַ“ און אַנדערע זײַנע אויסגעצייכנטע ווערק. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע זײַנען אַלע געוואָרן גראַמאָטנע, און ווען אַ מענטש ווערט אַף די עלטערע יאָרן גראַמאָטנע, ווילט זיך אים אַלײן שרײַבן, אים דאַכט זיך, אַז דאָס איז זייער אַ גרינגע זאַך. מיט איין וואָרט, ס׳איז אַנטשטאַנען בײַ אונדז אַף דער פֿאַבריק אַ ליטעראַרישער קרײַז און איך האָב אָנגעהויבן אַהין אַרײַנגיין, געבראַכט אַהין אייניקע באַאָבאַכטונגען פֿונעם לעבן. ס׳איז געווען בײַ אונדז אַן אָנפֿירער, אַ געצאָלטער, די פֿאַבריק האָט געהאַט מיטלען אַף צו פֿירן קולטור־אַרבעט, און דעם דאָזיקן אָנפֿירער, צווישן אַנדערס, אַ שרײַבער, האָט מען געצאָלט דערפֿאַר, וואָס ער האָט אָנגעפֿירט מיטן ליטעראַרישן קרײַז. מע האָט געצאָלט ניט קיין סאַך, נאָר דעם שרײַבער האָט עס געפֿרייט: זײַן פֿאַמיליע איז געווען ראָגאָזשין, ער האָט געאַרבעט אין דער געגנטלעכער צײַטונג און פֿלעגט קומען צו אונדז צוויי מאָל אין כוידעש. קיין גרויסער שרײַבער האָט, אייגנטלעך, פֿון אים זיך ניט באַקומען, זײַן נאָמען איז פֿאַרגעסן געוואָרן, אויך איך און אַנדערע אונדזערע כעוורע זײַנען קיין שרײַבער ניט געוואָרן. קיין טאַלאַנט האָט, ווײַזט אויס, ניט געקלעקט, איך בין געגאַנגען אַ ווינטער אָדער צוויי און דערנאָך דאָס אוועקגעוואָרפֿן. נאָר וועגן דעם ליטקרײַז דערמאָן איך זיך מיט פֿאַרגעניגן, ער האָט עפּעס אונדז דערהויבן. ווען אַ גאַנצן טאָג זײַנען פֿאַר דײַנע אויגן פּאָדעשוועס, קנאַפּל און כאָליעוועס, ווילט זיך עפּעס פֿאַר דער נעשאָמע, בלויז די טאַנצפּלאָשטשאַדקע איז ווייניק.

אין פֿיר־און־דרײַסיקסטן יאָר איז ליובע אוועקגעפֿאָרן קיין לענינגראַד און איז אָנגעקומען אין מעדיצינישן. זי איז ענלעך געווען אַפֿן טאַטן: אַ שלאַנקע, אַן איידעלע בלאָנדינקע. אויסערלעך האָט זי זיך ניט געוואָרפֿן אין די אויגן אַזוי ווי מײַן מאַמע אָדער די שוועסטער דינע, יענע דערזעט מען פֿאַר אַ מײַל, אַז דאָס זײַנען שיינהײַטן. צו ליובען האָט מען זיך געדאַרפֿט צוקוקן, נאָר ווען דו קוקסט זיך צו, וועסטו שוין דאָס אויג ניט קאָנען אָפּרײַסן און פֿונעם האַרצן אַרויסוואַרפֿן, און וואָס איז שײַעך איר געבילדעטקײַט — איינע פֿינפֿן, אַ טרייסט פֿאַר די פּעדאַגאָגן און אַ רעטונג פֿאַר די טעמפּע קעפּ: זי האָט זיי געלאָזט איבערשרײַבן. אין שול זײַנען אַלע ייִנגלעך געווען אין איר פֿאַרליבט, נאָר זי איז קיינמאָל ניט געקומען אַהיים שפּעטער פֿון נײַן אַזייגער אין אָוונט. און כאָטש אין לענינגראַד האָט זי געלעבט אַליין, זײַנען מיר פֿאַר איר געווען רויִק, מיט איר קאָן קיין זאַך ניט געשען, זי וועט זיך קיינמאָל גאָרנישט ניט דערלויבן.

נאָר, שטעלט זיך פֿאָר, ס׳האָט זיך געטראָפֿן, שטעלט זיך פֿאָר, זי האָט זיך דערלויבט. מיינט נאָר ניט, אַז זי האָט געבוירן אַ קינד פֿון אַן אומבאַוווּסטן, אַלץ איז געווען ווי עס דאַרף צו זײַן. זי האָט זיך מיט איר וואָלאָדיע אַנטאָנאָוון צעשריבן, אַ גוטער באָכער, אַ וווּנדערלעכער, שוין אַפֿן לעצטן קורס אויך פֿון מעדיצינישן, נאָר ליובען איז אײַנגאַנצן אַכצן יאָר, און אָט האָסטו דיר, ביטע, אַ קינד. ווי טוט מען עס אַהין, וויאַזוי דערציט מען עס, ביידע זײַנען סטודענטן, מע לעבט אַף דער סטיפּענדיע, אין צוזאַמענוווינונג, און זי דאַרף נאָך לערנען פֿיר יאָר... און אָט יאַוועט זיך בײַ אונדז אין שטוב אַ קלייניקער איגאָריאָק, דאָס ערשטע אייניקל בײַ מײַנע עלטערן. מײַן ערשטער פּלעמעניק. פֿאַרשטייט זיך, אַז אַף אַלע קאַניקולן — סײַ אַף די זומערדיקע, סײַ אַף די ווינטערדיקע, איז ליובע מיט וואָלאָדיען בײַ אונדז, מע צאַצקעט זיך מיטן זון, דערנאָך פֿאָרט מען אַוועק, און די דערציִונג פֿון איגאָריאָקן פֿאַלט, ווי איר פֿאַרשטייט, אַף מײַנע עלטערן — וועסט גאָרנישט ניט מאַכן, וואָס דו זאָלסט ניט זאָגן — אייגן בלוט. איך האָב פֿון עמעצן געהערט: אונדזער אויפֿגאַבע איז דערפֿירן די אייניקלעך ביז צו פּענסיע, דערנאָך קאָן מען אָפּרוען. מיט איין וואָרט, אויב רעכענען דעם טאַטן מיט דער מאַמען פֿאַר דעם ערשטן דאָר, מיך מיט די ברידער און די שוועסטער פֿאַר דעם צווייטן, האָט מיט איגאָריאָקן זיך אָנגעהויבן דער דריטער...

נאָר וועגן דריטן דאָר וועט געזאָגט ווערן ווײַטער, לאָמיר זיך אומקערן צום צווייטן.

מירן זיך אומקערן צום פֿינף־און־דרײַסיקסטן יאָר. איך בין אַלט דרײַ און צוואַנציק יאָר, איך פֿאַרדין גוט, דער הונגער האָט זיך, גאָט צו דאַנקען, געענדיקט, די קאַרטאָטשקעס זײַנען אָפּגעשאַפֿט געוואָרן, דער טאַטע אַרבעט אַף דער פֿאַבריק, דער דירעקטאָר סידאָראָוו פֿילט זיך מיט אים, ווי הינטער אַ שטיינערנער וואַנט, אין שטוב זײַנען נאָר העניך, דינע, סאַשע און דער קלייניקער איגאָריאָק. דערין איז העניך שוין אין פֿ.ז.ו., פֿאַרדינט שוין עפּעס־וואָס און טרוימט וועגן אַ פֿליִער־שול. מע דאַרף זאָגן, אַז אונדזער גאַנצע מישפּאָכע, ווי פֿריִער די מישפּאָכע פֿון די ראַכלענקאָס, האָט זיך ניט גערימט מיט קיין באַזונדערער

דערצויגנקײַט: געזונטע, אײַנשטעלער און שלעגער. נאָר הענריך איז שוין אזא כוצפעניק, אז ס'איז גאָרניט אויסצוהאלטן... איר ווייסט, ווי עס טרעפט אפן גאס, ווען פינף ברידער שטייען איינס פארן אנדערן, אלע האָבן פאר זיי מוירע, און וואָס מער מע האָט פאר זיי מוירע, אלץ כוצפעדיקער זײַנען זיי. נאָר איך מיט ליאָוען האָבן פון דער סאמע קינדהײַט געארבעט, אונדז זײַנען אין קאָפּ ניט געלעגן קיין געשלעגן. פימע איז געווען א רויִקער און א געשטעלטער, נאָר אָט דער הענריך, וואָס האָט געפילט הינטער זיך די קראפט פון די עלטערע ברידער, איז געוואקסן, אנטשולדיקט מיר פארן אויסדרוק, אזא באנדיט, אז איך פארשטיי ביז איצט ניט, וויִאזוי האָט מען עס אים ניט אָפּגעריסן דעם קאָפּ. ער האָט זיך געטשעפּעט צו די דעפּאָווסקע און צו די זארעטשנע, און מיט די דאָרפישע פון ארום, געקראָכן אין פרעמדע סעדער און באשטאנען. די גאנצע שול, אלע לערער האָבן פון אים געהאט צו זינגען און צו זאָגן. קיין טאָג איז ניט אדורכגעגאנגען אָן א געשלעג, אָן א צענעריקטער נאָז, אָן אן אונטערגעשלאָגן אויג. און א כיטרע אויסוואורף איז דאָס געווען! אין שטוב איז ער שטיל, ווי א טויב, ער האָט מוירע פאר דער מאמען, זי האָט געהאט א שווערע האנט, פאר מיר מוירע געהאט: איך שלאָג, כאָטש זעלטן־ווען, נאָר שטארק. אָבער אין שול און אף דער גאס — אן עמעסע טשומא, מע האָט אים געהאט אויסגעשלאָסן און ווידער צוגענומען, קיין אנדער אויסוועג איז ניט געווען, ווי נאָכן זעקסטן קלאס אוועקשיקן אים אף אן אונטערנעמונג. דעמלט האָבן אלע פרײַ אָפּגעעטעמט. אין שול איז פּאָשעט געווען א יאָמטעוו. אף זײַן מאזל האָט אין דער דעפּאָ זיך געעפנט א פ.ז.ו., און ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען אף א שלאָסער־רעמאָנטלער. קיין שוסטער האָט ער ניט געוואָלט ווערן. אף מיר האָט דאָס שוסטערײַ (מיצאד די ראכלענקאָס) זיך פארענדיקט. איך, קאָן מען זאָגן, בין דער לעצטער שוסטער פונעם שייוועט ראכלענקאָ און פונעם שייוועט איוואנאָווסקי.

און איך פארשטיי גאנץ גוט הענריכן.

א שוסטער ווערט טאריפיצירט לויטן צווייטן אָדער, מאקסימום, לויטן דריטן ראזריאד, — קאָן מען דען לעבן אף אזא פארדינסט? קאָמבינירט ער: איינעם שרײַבט ער אויס א קוויטאנציע, דעם אנדערן — ניט, רעכטס־לינקס, לינקס־רעכטס! צו וואָס באדארף דאָס א יונגער מענטש, אויב באנאנד האָסטו א זאוואָד און אפן קאָנווייער פארדינסטו הונדערט פופציק — הונדערט זעכציק, און האָסט דערצו אלס צוגאָב קולטורעלע און ספּאָרטיווע באדינונג, און אין א יאָר־צוויי ארום באקומסטו א קווארטיר אין א נײַ הויז מיט אלע באקוועמלעכקײַטן? דעמלט, אין די דרײַסיקער יאָרן, האָבן זיך אלע געצויגן צו דער שווערער אינדוסטריע, אפן טראנספּאָרט. א מעטאליסט, א מאשיניסט, א שאכטיאָר — דאָס קלינגט, א שוסטער — קלינגט ניט. און אָט איז מײַן ייִנגערער ברודער הענריך אוועק אין פ.ז.ו., געוואָרן א שלאָסער אין די ווארשטאטן פון דעפּאָ און געטרוימט וועגן א פליִער־שול.

האקלאל, אין די דרײַסיקער יאָרן זײַנען אלע אונדזערע געווען פארנומען מיט זייער ארבעט. עס איז געבליבן נאָר דינע, זי איז געגאנגען אין דריטן קלאס, און סאשע איז ערשט אוועק אין ערשטן. דינע האָט מיט קיין פינפן אונדז ניט געבאלעוועט, נאָר זי האָט געירשנט בא דער מוטער די מוזיקאלישקײַט, איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אז די מאמע האָט געהאט א ווונדערלעכע שטים. איז אָט — דינען האָט מען פאָרויסגעזאָגט, אז זי וועט ווערן א בארימטע זינגערן, זי האָט פארמאָגט אן אבסאָליוטן געהער. געזונגען האָט זי רוסישע לידער, ייִדישע, ווײַסרוסישע און אוקראַיִנישע. אויב איר קענט די אוקראַיִנישע ליד, וועט איר מאסקים זײַן, אז זי איז ביז גאָר מעלאָדיש, הארציק. יעדער פאָלק האָט זיך זײַנע לידער, און יעדער פאָלק האָט זיי ליב. אין זיי איז זײַן נעשאָמע. נאָר די אוקראַיִנישע שפּראך איז צוגעפּאסט פאר זינגען, ווי קיין שום אנדערע, נו, מעגלעך אויך די איטאליענישע. די דאָזיקע באהויפּטונג, קלער איך, איז פאר קיינעם ניט קיין באליידיקונג. איך בין, צום בײַשפּיל, א גרויסער ליבהאָבער פון ציגײַנערישע און ווײַסרוסישע לידער, איך האָב שוין וועגן דעם געזאָגט, נאָך אין דער קינדהײַט האָט מיר די מאמע געזונגען אוקראַיִנישע לידער, און די לידער, וועלכע די מאמע זינגט דיר אין דער קינדהײַט — דאָס איז אף שטענדיק. נאָר דער מאמען איז ניט אָנגעגאנגען קיין לידער, און דאָס לעבן פון דינען האָט זיך צונויפגעלייגט אנדערש. אין שול זײַנען די לימודים פון זינגען — א געזעץ, דערנאָך דער קלוב פון פראָמקאָאָפּעראציע, און אין קלוב איז פאראן א מוזיקאלער און א דראמאטישער קרײַז, און אומעטום זײַנען פאראן לערער, וואָס קאָנען אונטערשיידן א באגאבטן מענטשן פון א מיטלמעסיקײַט, און זיי האָבן זיך אָנגעכאפּט פאר דינען. אויסער דעם, ווי איך האָב אײַך שוין דערציילט, האָט סטאניסלאווא פראנצעוונא אונטעריכט מוזיק. סטאניסלאווא פראנצעוונא איז די פרוי פון אונדזער שאָכן איוואן קארלאָוויטש, אָט יענער, דורך וועמענס סאָד מיר

פלעגן לויפן צום זיידן, און וואָס איז געווען באַפרײַנדעט מיט אונדזער פּאָטער, געגעבן אים ביכער און גערעדט מיט אים אויף דײַטש. אין שטוב האָט סטאַניסלאַוונא פּראַנצעוונא געהאַט א פּיִאַנינע, און זי מיט איוואַן קאַרלאָוויטשן האָבן זיך פֿאַרקאָכט אין דינען, ווי אין אן אייגענער טאָכטער, מעגלעך נאָך דערפאַר, וואָס קיין אייגענע קינדער האָבן זיי ניט געהאַט, זיי האָבן זי אַלץ געבעטן זינגען, און א קאָל האָט דינע געהאַט, ווי א גלעקעלע. און ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז ניט פּראָסט קיין גלעקעלע, נאָר א טאַלאַנט, האָט סטאַניסלאַווא פּראַנצעוונא אָנגעהויבן מיט איר לערנען מוזיק לויט נאָטן: א זינגערן, האָט זי געזאָגט, דאַרף פֿאַרמאָגן ניט נאָר וואָקאַלע, נאָר אויך מוזיקאַלע בילדונג.

לערנענדיק זיך אין פֿערטן קלאַס, איז דינע שוין געווען א סאָליסטקע פֿונעם שטאָטישן כאָר, אַרויסגעטראָטן אויף קאָנצערטן פֿון זעלבסטעטיקײַט. דער קלוב פֿון פּראָמקאָאָפּעראַציע איז בא אונדז א גאַנץ גרויסער, דער צושויער־זאַל האָט צוויי הונדערט ערטער, אין זאַל זײַנען דער זיידע מיט דער באָבע ראַכלענקאָ. דער זיידע איז אַלט פֿינף און זיבעציק יאָר, נאָר ער איז א שטאַרקער, א ברייטפּלייציקער, מיט א געדיכטער, נאָך אַלץ שוואַרצער באָרד, מיט א גרויסן ווײַסן שטערן, און די באָבע א רויִקע, א גוטע, און דער פֿעטער לייזער מיטן זון דאַני און דער פֿעטער גרישע מיט דער פֿרוי און די קינדער, נו, און איך, נאַטירלעך, און מײַנע קלענערע ברידער הענריך און סאַשע, און אין דער ערשטער ריי — דער טאַטע מיט דער מאַמען, אויסגעפּוצטע, יאָמטעוודיקע, נאָך ניט קיין אַלטע, דעם טאַטן איז פֿינף און פֿערציק, דער מאַמען צוויי און פֿערציק, פֿאַר אַזעלכע שיינע מענטשן איז דאָס נאָך קיין עלטער ניט, מיר איז שוין העכער זעכציק און איך רעכן זיך נאָך ניט פֿאַר קיין זאָקן.

אין אונדזער קלוב איז די זעלבסטעטיקײַט געווען זייער גוט אַוועקגעשטעלט. אָנגעפירט מיט איר האָט א יונגער מענטש מיט דער פֿאַמיליע באָגאָליובאָוו. אָט ערשט האָט ער פֿאַרענדיקט די מוזיקאַלע שול, ער איז דער כאָרמייסטער, דער קאָנצערטמייסטער און דער רעזשיסער פֿון דעם דראַמקרײַז. געשפּילט האָט ער אויף אַלע אינסטרומענטן, און אין מאָלער־קונסט זיך פֿאַנאַנדערגעקליבן, — מיט איין וואָרט א באַגאַבטע פּערזענלעכקײַט, א מײַסטער אויף אַלץ, אן ענטוזיִאַסט פֿון זײַן זאַך, האָט ער געקאָנט אָנצינדן אויך אַנדערע, אַפֿילע גאַנצענע מישפּאָכעס, ווי צום בײַשפּיל, די סטאַשעניאָקס, וואָס האָבן בא אים אויסגעבילדעט א ווײַסרוסישן כאָר, די אַלטע סטאַשעניאָקס האָבן אויך געזונגען. זיי פֿלעגן אַרויסגיין אויף דער בינע, זיך אויסשטעלן אין א ריי לויט דער עלטער: אַפֿאַנאַסי פּראָקאָפּיעוויטש מיטן ווײַב, דערנאָך די זין אַנדריי און פּעטרוס מיט די ווײַבער קסאַנע און אירינע, דערנאָך זייערע קינדער, אַלע ווײַסקעפּיקע, אין נאַציִאָנאַלע קאָסטיומען, געזונגען האָבן זיי — וווּנדערלעך. איך מיין, אַז ניט ערגער פֿון די איצטיקע „פּעסניאַרי“, און ווי דו זאָלסט ניט ווען, זײַנען די „פּעסניאַרי“ — דער בעסטער עסטראַדע־אַנסאַמבל, נאָר א פּראָפֿעסיִאָנעלער, און די סטאַשעניאָקס — ליבהאָבער, זיי זײַנען אַרויסגעטראָטן אַפֿילע אויף א געגנטלעכן קאָנקורס פֿון זעלבסטעטיקײַט און באַקומען א פּרעמיע. עס איז געווען, געדענק איך, נאָך א מישפּאָכע — די דאָראָשענקאָס, יונגע באָכערים און מיידלעך, זיי האָבן געטאַנצט האָפּאַק, קאַזאַטשאָק און אַנדערע אוקראַיִנישע טענץ; עס איז געווען אן אָרקעסטער פֿון דאָמבריסטן, דעקלאַמאַטאָרס, טשעטשאָטאָטשניקעס, אַפֿילע אַקראָבאַטן — מיט איין וואָרט, דאָס לעבן אין אונדזער קלוב האָט געקאָכט. נאָר דאָס שפּײַנדל פֿון דער פּראָגראַם איז געווען דער כאָר; באָגאָליובאָווס הויפּט־פּראָפֿעסיע איז געווען זינגען, און א כאָר האָט ער געשאַפֿן אן ערשטקלאַסישן.

און אָט, שטעלט זיך פֿאָר: עס זיצן אין דער ערשטער ריי דער טאַטע מיט דער מאַמען, אויף דער בינע געפֿינט זיך דער כאָר — פֿונפּאָרנט א האַלבקרײַז פֿון פּרויען, הינטער זיי שטייען אויף בענק, קעדיי זײַן העכער, די מאַנצבלען, אַלע מיט גוטע שטימען, עס ווערט געמאָלדן דער נומער און די „סאָליסטקע דינאַ איוואַנאָווסקאַיאַ“, און דינע גייט אַרויס פֿאָרויס, א מיידעלע, וועלכע ס׳איז ניט צו געפֿינען; אויף דאָרעם, ווייסט איר, ווערן די מיידלעך גיך אַנטוויקלט, — א הויכע, א שלאַנקע, מיט שוואַרצע האָר, פֿאַרפֿלאָכטענע אין צוויי דיקע צעפּ, מיט בלאָווע אויגן, און הייבט אָן זינגען, און דער זאַל ווערט פֿאַרשטילט, אַפֿילע די כוליגאַנעס, וואָס קומען אין קלוב נאָר קעדיי צו טומלען, אַפֿילע זיי זיצן, ווי פֿאַרקישעפּטע. און ווען דינע האָט אויסגעפּילט מיט איר וווּנדערלעכער שטים:

«Дивлюсь я на небо тай думку гадаю,
Чому я не сокіл, чому не літаю...»,

האָבן אַלע געוויינט, ווײַל דאָס איז געווען קונסט, און קונסט, פּונקט ווי ליבע, נעמט אײַן די וועלט.

פֿון מײַנע עלטערן איז ניטאָ וואָס צו ריידן. דאָס איז געווען די קרוין פֿון זייער טריִומף, די באַלוינונג פֿאַר די ניסיוינעס און שוועריקײַטן פֿון לעבן, די ליכטיקע שאָ פֿון זייער

גרויסער ליבע. די טרערן פון דעם אוילעם האָבן געמאכט אף דער מאמען א שטארקן אײַנ־דרוק. נישקשע, און אירע קינדער וועלן זײַן מעדיצין־דאָקטוירים, און ניט אין עפעס א שווייצאריע, נאָר אין דעם גרויסן לאנד, וואָס פארנעמט א זעקסטל פון דער פלאנעט. דאָס איז געווען דער מאמעס זיג, ער איז שפעט געקומען, דער זיג, און דעריבער געווען נאָך זיסער.

מיר האָבן, נאטירלעך, אויך געהאט ערגערנישן, נאָר אָן זיי איז קיין לעבן ניטאָ. צום בײַשפיל, ליאָוועס כאסענע האָבן. וואָס איז? אויסגעצייכנט, שוין לאנג צײַט, דעם באָכער איז שוין פינף און צוואנציק יאָר, ארבעט פון אינדערפרי ביז נאָכט, פאָרט ארום איבער דער געגנט, פארוואלטעט אין געגנטקאָם מיט די פראגן פון טראנספאָרט, נאָר אן איינזאמער, אָן א היים, דערנערט זיך, ווו עס מאכט זיך און מיט וואָס עס מאכט זיך, שפאָרט אָפ א מאָגן־אָנ־צינדונג, האָט ניט, ווער עס זאָל נאָך אים א קוק טאָן, אויסוואשן עפעס, פאריכטן, אָנקאָר־מעווען, דערלאנגען א רעפוע, ווען ער ווערט קראנק — מיט איין וואָרט, אן אלטער באָכער, שוין צײַט פארפירן א ווײַב, א היים, א מישפאָכע. אזוי, אז אליין אינעם פאקט פון זײַן כאסענע האָבן איז קיין שום שלעכטס ניטאָ, פארקערט, זייער גוט. נו, און דאָס, וואָס ער האָט כאסענע געהאט בא זיך אין טשערניגאָוו און אפילע ניט באוויזן די קאלע, זי ניט פאָרגע־שטעלט, אזוי צו זאָגן, די עלטערן, מיילע, דאָס וועסטו שוין ניט ענדערן. אין יענע יאָרן איז דאָס געווען ניט אזוי וויכטיק. און מאכן א כאסענע איז אויך ניט געווען אומבאדינגט. פאר־שריבן זיך אין זאגס — און אלץ, כאָטש מײַנע עלטערן זײַנען די דאָזיקע זאכן געווען ניט זייער צום הארצן, עפשער דערפאר, ווײַל זייער אייגענע כאסענע איז געווען זײַנערצײַט אן אויסשליסלעכע געשעעניש, וואָס דעמלט האָט זיך געטאָן, ווייסט איר, דעריבער האָט זיך זיי, מינאסטאם, געוואָלט, אז זייערע קינדער, איבערהויפט דער עלטערער זון, זאָל כאסענע האָבן ניט אזוי וואָכעדיק און פראָסט, ווי דאָס האָט געטאָן ליאָווע. נאָר וואָס קאָנסטו מאכן, אזעלכע צײַטן, אזעלכע מינהאָגים, און דאָס, וואָס ליאָווע האָט אפילע ניט געמאָלדן וועגן זײַן כאסענע, און דערוווּסט האָבן מיר זיך וועגן דעם פון פרעמדע מענטשן — פיל פון אונדזערע האָבן דעמלט געוווינט אין טשערניגאָוו, — וועסטו אויך גאָרניט מאכן: ליאָווע איז א מענטש ניט קיין גע־וויינלעכער, ער לעבט לויט זײַנע אייגענע געזעצן. דורך מענטשן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז זײַן ווײַב איז אן אָנגעזעענע פערזאָן, זי אונטעריכטעט פאָליט־עקאָנאָמיע, מיט דער באלע־באטישקײַט פארנעמען זיך וויל זי ניט און זיי דערנערן זיך אין דער גאָרקיך פון געגנטקאָם, דאָס איז אויך זײַן זאך — ער וויל אזוי לעבן, זאָל ער לעבן. די זאך איז באשטאנען אין עפעס אנדערס: אנע מאַיסייעוונע, אזוי האָט מען גערופן ליאָוועס ווײַב, איז עלטער געווען פון אים אף פינף יאָר, אים איז פינף און צוואנציק, איר — דרײַסיק, נאָר דעריקער איז דאָס, וואָס זי האָט א קינד, א מיידעלע פון דרײַ יאָר, פונעם ערשטן מאן, און ליאָווע איז, צווישן אנ־דערס, איר דריטער מאן.

ליאָווע איז געווען א מעלוכע־מענטש, א מיניסטערישער קאָפ, הייסט עס, אז ער האָט אלץ באקלערט, און סאָפקאָלסאָף איז דאָס זײַן פערזענלעכע זאך, און מע דארף ניט פאר־געסן, אז בא זײַן גאנצן מיניסטערישן קאָפ איז אין זײַנע אָדערן גערונען דאָס הייסע בלוט פון די ראכלענקאָס, און אף וואָס פאר אן אומגעריכטע שפיצלעך זײַנען פייִק די ראכלענקאָס, האָט איר זיך שוין איבערצײַגט, און בא דער גאנצער דײַטשישער באדאכטקײַט פון מײַן טאטן איז ער אויך פייִק געווען אף די סאמע אומדערווארטע באשלוסן, וועגן וואָס עס זאָגט איידעס זײַן אייגענע כאסענע.

נאָר די מאמע איז געווען אויסער־זיך. ליאָווע, אזא ליאָווע, האָט ניט געקאָנט געפינען זיך קיין יונגיטשקע, קיין ערלעך אָנשטענדיק מיידל? ער איז ניט פייִק צו האָבן קיין אייגענע קינדער? פארוואָס דארף ער דערציִען א פרעמד קינד? זיך אָפזאָגן פון אלעסיען און נעמען א פרוי, וועלכע האָט צו דרײַסיק יאָר באוויזן האָבן דרײַ מענער — דאָס איז אָפיציִעל! און וויפל זײַנען געווען ניט קיין אָפיציִעלע? וואָס באטײַט עס אלץ?

נאָר ליאָווע בלײַבט ליאָווע, מיר זײַנען דאָ, ער איז אין טשערניגאָוו, און ווען ער זאָל אפילע זײַן דאָ, וואָלטן מיר אויך גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן, ער איז ניט פון די, וואָס זאָל האנדלען לויט יענעמס ווילן, און די מאמע וואָלט ניט געוואָגט צו זאָגן אים א וואָרט, כאָטש ער איז איר זון, נאָר ניט קיין געוויינלעכער, א באזונדערער... די מאמע האָט געטומלט, גע־טומלט און אופגעהערט, און אלץ איז ווידער אוועק, ווי פריִער. אלץ איז געווען גוט.

און דאָך האָט עפעס באמרוּיִקט מײַן מוטער. כ'האָב זי געפרעגט, האָט זי געענטפערט:

— ס'איז צופיל גוט.

איך האָב פארשטאנען, וואָס עס באמרוּיִקט זי. דער פאָרגעפיל האָט זי באמרוּיִקט.

(פאָרזעצונג קומט)

פון רוסיש — א. גאָנטאר

## אַרן װערגעליס

## פּונעם ציקל „זיכרױנעס פֿון דער װײַט"

ביבלשע רעמיניסצענצן

דער מענטש איז געגליכן צו אַ לײטער, װאָס אײן עק זײַנער שטײט
אױף דער ערד און אַ צװײטער דערגרײכט ביז צום הימל, און אַלע האַנד־
לונגען, אױפֿטועז און רײד פֿון דעם מענטשן צעטרײסלען די הימלען.

בעש״ט

### לאַנדשאַפֿטן

געװאַנדערט האָב איך איבער לאַנדשאַפֿטן שױן װיפֿל,
איצט װאַנדערן די לאַנדשאַפֿטן אין מיר:
אַט רױשט אַ טיפֿער װאַלד אין מײַנע טיפֿן,
און אָט אונטער מײַן הױט אַ טײַך פֿאַרפֿרירט.
אַמאָל עס שפּרײט זיך אױס אין מיר אַ לאַנדשאַפֿט —
די לאָנקע, װעלכע אַלעמען געהער,
אַמאָל — אַ לאַנדשאַפֿט, װעלכע איז באַקאַנט שױן
פֿון די מילכאָמע־צײַטן: קײנעמס ערד.
עס טרעפֿן אױכעט לאַנדשאַפֿטן געמישטע,
דערצו נאָך אין געמישטע צײַטן יאָר,
און ס'איז ניטאָ אַזאַ מין הױכער מישפּעט
צו פּאַסקענען: ס'איז כאָלעם אָדער װאָר.
איך האָב געזען — עס טראָגט זיך דורך אַ שטערן
איבער מײַן קאָפּ אין װײַטן הימל־טאָל,
און ס'האָט באַשײַמפּערלעך געלאָזט זיך הערן
פֿון יענעם װײַטן טאָל אַ מענטשיש קאָל.
און װײַל אַזױנס געשעט הײַנט אָפּט און אָפּטער,
קײן געטלעכע פֿון דעם די לאַנדשאַפֿט װערט,
אין באַיקאָנורער סטעפּ אַ העליקאָפּטער
באַגלײט דעם שטערן ביז דער סאַמע ערד.

פֿון פֿרעמדע לאַנדשאַפֿטן זאָל גאָט מיך היטן,
אַ שלעכטער בײַט ברענגט קײנמאָל ניט קײן גליק.
די איצטיקע כ'װאָלט קײנמאָל ניט פֿאַרביטן
אױף דער, װאָס מיט צװײ טױזנט יאָר צוריק.
איך װיל ניט זײַן קײן בלאָט, װאָס װערט פֿאַרװיאַנעט.
װײַל ס'איז די העלע זון פֿון איר פֿאַרשטעלט.
אײן לאַנדשאַפֿט כ'האָב מיט מײַן בראַטאָק איװאַנען,
אױך דו מיט איסמאַילן האָסט אײן פֿעלד.

געוואַנדערט האָב איך איבער לאַנדשאַפטן שוין וויפל,
איצט וואַנדערן די לאַנדשאַפטן אין מיר.
צו ברעגן פון בערײשעס קלוגע שיפן,
געלאָדענע מיט ערדישקײַט, איך פיר.
די צײַט, אין וועלכער כ׳לעב, האָט אין מײַן לאַנדשאַפט
אַרײַנגעשפּריט די זיבן הימלען, און
אויב ס׳פעלט הײַנט עמעץ אין דער אַלטער מאַנשאַפט
פון מײַנע שיפן, איז עס בלויז דערפון,
וואָס יענער איז ניט קאַנטעט מיטן סייכל,
און ער איז גאָר ניט פון די פײַנע לײַט,
און זײַנע רייד און מײַסים, וואָס פאַרצייכנט
זיי זײַנען, האָט ניט ליב מײַן צײַט.
די צײַט, אין וועלכער כ׳לעב, האָט פאַר מײַן לאַנדשאַפט
געעפנט אַלע זײַטן פון דער וועלט,
און אויב עס פעלט הײַנט עמעץ אין מײַן מאַנשאַפט,
איז בעלי־סאַפעק — קאַין דאָרטן פעלט.
איך קוק אַרײַן אין ווײַטעניש אָן צווייפל,
פון לאַנג געלאָזט כ׳האָב אָפן דאָרט די טיר.
געוואַנדערט האָב איך איבער לאַנדשאַפטן שוין וויפל,
איצט וואַנדערן די לאַנדשאַפטן אין מיר.

## באַם אייגענעם אָנהייב צוגאַסט

אַ גאַסט באַ דעם ביבלשן האָפן
(סע שפּרייט אַף צוריק זיך דער וועג),
דאָרט נאָכאַמאָל ווער איך באַשאַפן
מיט ערשטיקע פרײַדן און שרעק.

איך קום צו דער ווײַט פון די אָוועס
און זע זיך אַרומגיין דאָרט ווילד.
איך זע זיך אַרומגיין דאָרט באָרוועס,
אין שטאָפן אין לײַכטע פאַרהילט.

און כ׳ווער באַ דעם יאַם־סאָף דערהאַרגעט
און ווידער לעב אויף אין אַ טאָל,
אַף שקלאַפן־גאַלערעס איך אַרבעט,
מיט טרערן פאַר טרערן באַצאָל.

איך דאַרף זיך דאָרט מער שוין ניט אײַלן,
פּאַמעלעכקע כ׳קוק זיך אַרום.
די ניכטערע זעל ניט פאַרווײַלן
און אויך ניט באַטריבן — איך קום.

די אויגן צום מידבאַר געווענדעט,
גרויס קאָוועד איך גיב אַף דעם אָרט:
עס האָט זיך אַ וועלט דאָרט געענדיקט!
אַ וועלט זיך באַשאַפן האָט דאָרט!

דעם אָוואַר איך וועל ניט פאַרבײַטן
אַף דעם, וואָס ניט טויג און וואָס טויג.
דאָס גרויסע זעט אָן זיך פונווײַטן,
מע דאַרף ניט פאַרמאַכן דאָס אויג.

פאַר מיר איז די ביבל קיין ביכל,
קיין לעזערעפּוע צו נאַכט.
ניט ביליקער איז און ניט בילכער
פון ייִדיש די שפּראַך פון טאַנאַך.

מיט נײַגער באַלאָדן און שײַלעס
איך בין, ווי אין לעבן עס פּאַסט,
געקומען צו זײַן בלויז אַ ווײַלע
באַם אייגענעם אָנהייב צוגאַסט.

דעם אוראַלט עס היטן די צײַטן,
זײַן יעטווידע ווענדונג און בויג.
דאָס גרויסע זעט אָן זיך פונווײַטן,
מע דאַרף ניט פאַרמאַכן דאָס אויג.

מיר זוכן צו אַלעס אַ ברייריע
און פרעגן מיט „ווײַ״ און מיט „אוי״ —
פאַרוואָס האָבן יענע העברעיער
געהאַנדלט אַזוי — ניט אַזוי?

לעמאָשל, ווער קאָן הײַנט באַהאַלטן
דעם צווייפל צו אָט אַזאַ פאַל:
דעם יאַם מיט אַ שטעקן צו שפּאַלטן,
ניט זען דעם סועצער קאַנאַל!..

און אויך און ביפראַט און אוואַדע
קאָן אויסזען אַצינד ווי אַ זינד:
עס האָבן געטייט די מאַסאַדער
סײַ זיך, סײַ דאָס ווײַב, סײַ דאָס קינד...

איך בין ניט קיין כאָנייף באם אָוואר,
און כ׳רעד ניט פון אָוואר מיט שפּאַט,
קיין הימל־גאָט זוך איך ניט, אָבער
איך זוך אין דעם מענטשן א גאָט.

אין טעמפּלען — ראבאַים, מיט פּאשטעס
זיי ברויכן טאנאך צום געגאר.
אף ביבלשע לאָנקעס זיך פּאשעט
דער איכטיאָזאוור פון סאטמאר.

אָ, לאָמיר אין היַינטיקע פארבן
ניט מאָלן די נעכטיקע צײַט.
קאָן זײַן, עס האָט דעמלט דאָס שטארבן
אן אָנהייב פון לעבן באטײַט.

ליובאוויטשער כסידים זיך באָדן
אין ביזנעס, אין זנוס און אין קריג.
מע פלאפלט פון מוישעס געבאָטן
אף יענער זײַט ברוקלינער בריק.

איז וואָס? נו, איז וואָס? ס׳איז רעליגיע?
ווי שוואך איז דער מענטש דאן געווען...
עס איז ניט קיין כעט, ווען באם וויגעלע
מע רעדט וועגן ניסים. געווענדט

די ביבל — צום דזשאז איז א פילפל,
פאר זיי שיר־האשירים ניט פאסט,
זיי היפּערן דורך אין דער ביבל
די ליד, וואָס ס׳האָט שלוימע פארפאסט.

איז אלץ אין דער צײַט און אין אויפן,
וויאזוי, איבער וואָס און פארוואָס:
נעשאָמעס — דעם שעד צו פארקויפן?
נעשאָמעס — פאר גײַסטער א מאָס!

פאר מיר איז די ביבל קיין ביכל,
קיין לעזע־רעפּוע צו נאכט.
ניט ביליקער איז און ניט בילכער
פון יידיש די שפראך פון טאנאך.

די נײַע צאדיקים צוביסלעך
באם אוילעם פארטונקלען דעם קאָפּ.
די פסוקים זיי קנאקן, ווי ניסלעך,
און שלינגען דעם קערן אראָפּ.

מיט נײַגער באלאָדן און שײַלעס
איך בין, ווי אין לעבן עס פאסט,
געקומען צו זײַן בלויז א ווײַלע
באם אייגענעם אָנהייב צוגאסט.

## דער שפּיגל

און אָדאָם האָרישן געפילט האָט זיך איינזאם. באם וואסער פון טײַכל געזעסן אליין.
דאָס אייגענע פּאָנעם דערזען אין דער טיפקײַט און, פול מיט דערשרעק, ניט געוווסט, ווי פארשטיין:
וואס איז דאָס? — קיין פיש, קיין בעהיימע, קיין אָף און קיין כײַע, קיין וואסער־געוויקס...
צווייפיסיק, גלאטהויטיק, די באקן באהאָריקט — פונקט איך, נאָר א צווייטער. א טײַך־מענטש געוויס...
(ס׳האָט אָדאָם דאָס אייגן געשטאלט ניט געקענט נאָך, דאָס אייגענע פּאָנעם נאָך קיינמאָל געזען).
א פיר מיט דער האנט און א רוף אים, דעם צווייטן, נאָר יענער א נאָכמאכער גראָד איז געווען —
פארבליבן אין וואסער, בלויז איבערגעכאַזערט דעם מאך מיט דער האנט און די בענקשאפט אין בליק.
און, זיפצנדיק שווער, אין זײַן איינזאמקײַט ווידער, איז אָדאָם אוועק פון דעם טײַכל צוריק.
אין שלאָף האָט אים גאָט דאן די ריפּ אויסגעשניטן.
און — כאווע!
„ווער ביסטו?“ — „איך ווייס ניט“, — זי זאָגט.
„קום, לאָמיר צום טײַך גיין. דער נאָכמאכער דאָרטן מעג זען, סארא גליקלעכע פּאָר איך פארמאָג“...
באם וואסער האָט אָדאָם זיך פײַנלעך דערשראָקן.
ער קוקט אין דער טיפקײַט, מיט כאווען באנאנד,
און — גוואַלד! — אָט דער טײַך־מענטש האלט אויכעט א כאווע, אזא, פונקט ווי אָדאָמס, ער האלט בא דער האנט.
האקלאל, אין גאניידן עס האָט שוין געהאלטן דערבײַ, עס זאָל אויסברעכן א געשלעג,
נאָר כאווע, די פרוי, האָט פארשטאנען: ס׳א שפּיגל...
גענומען איר מאנצבל באם האנט
און אוועק...

## פרוכטביימער

אָדאָם, נעם דרײַ סאָרטן ביימער, וואָס מיט פרוכט —
איינעם האָסטו מיט דײַן כאַוועוןן שוין פאַרזוכט, —
טראָג ארויס זיי פון גאַנײדן און פאַרפּלאַנץ,
אַז דער שטאַם זאָל זײַן פאַרהיט, דער וואָרצל גאַנץ.

ווען דו וועסט אַליין שוין ברענגען פרוכט, ווי זיי,
זאָלסטו איבערגעבן דײַנע יאָרשים לויט דער ריי —
וועלכע פרוכט האָט וועלכן טאַם, און אַז מע רײַסט
זי אַראָפּ, ווען זי אַרײַן אין וועלכער שפּײַז.

ס'איז פון מויל צו מויל באַוווסטיקן קעדײַ,
אַז די פרוכטביימער פאַרמאָגן סאָרטן דרײַ:
איינעם עסט מען אויף אײַנגאַנצן — ווייך, צי האַרט
(פײַגן, ווײַנטרויבן, דעם עפּל און די באַר);
בײַ דעם אַנדערן די שאָלעכץ טײַלט מען אָפּ,
און מע שלינגט דאָס אינווייניקסטע אַראָפּ
(ס'איז דער אַנאַנאַס, דער אַפּעלסין,
אויך דער טײַטל און די לימענע־ציטרין);
און דעם דריטן עסט מען אָן דעם האַרטן זוים
(פלוים און קאַרש און איילבירט און מילגרוים).

אָדאָם, נעם דרײַ סאָרטן ביימער, וואָס מיט פרוכט —
איינעם האָסטו מיט דײַן כאַוועוןן שוין פאַרזוכט, —
טראָג ארויס זיי פון גאַנײדן און פאַרפּלאַנץ,
אַז דער שטאַם זאָל זײַן פאַרהיט, דער וואָרצל גאַנץ.

## דער מאַנצבל זאָגט צו דער פרוי

פון די לײַדנשאַפטן רוישיקע
קיינמאָל וועל איך ניט אַראָפּ,
אַף די בערגלעך פון דײַן פרוישקײַט
וועל איך צושפּאַרן דעם קאָפּ.
אַלץ, וואָס כ'האָב ביז איצט געגעבן דיר,
איז דערווײַל אַן אַדעראַף,
צוליב דיר, מײַן זינד, און נעבן דיר
כ'וועל באַגעגענען מײַן סאָף.
ס'איז ניט שײַעך קיין אַנטוישטקײַט,
ס'איז ניט וויכטיק — גוט, צי שלעכט.

אַף די בערגלעך פון דײַן פרוישקײַט
איז מיר אייביק זײַן באַשערט.
בין איך איצט ניט מער, ניט ווייניקער
ווי דער קיניג אַף דײַן טראָן,
צווישן אַלע בין איך איינינקער,
און איך זאָג באַנײַס אַ קאָן:
פון די לײַדנשאַפטן רוישיקע
קיינמאָל וועל איך ניט אַראָפּ,
אַף די בערגלעך פון דײַן פרוישקײַט —
דאָרט פאַרלירן כ'וועל מײַן קאָפּ.

## דערפאַר, ווײַל די וועלט האָט געלאַכט

אַ לויב צו דעם פריילעכן שפּאַס,
וואָס קומט פון באַדאַכטקײַט און סייכל.
אין ביטערע ליידן און האַס
דער מענטש האָט געגעבן אַ שמייכל.
באַטאָג האָט קיין פײַן ניט געפעלט,
אומהיימלעך געוועזן איז באַנאַכט.
פאַרוואָס האָט פאַרהיט זיך די וועלט?
דערפאַר, ווײַל די וועלט האָט געלאַכט.

אַ לויב צו דעם פריילעכן שפּאַס
אין אָנהייב פון אָנהייבן אַלע.
דעם אורפאָטער פרייד האָט געפּאַסט,
נאָר ס'זײַנען אים גרוילן באַפאַלן.
פון טריקעניש סאַרפּעט דער פלאַנץ,
די כײַע אָן עסנוואַרג שמאַכט.
געבליבן די וועלט איז דאָך גאַנץ
דערפאַר, ווײַל די וועלט האָט געלאַכט.

א לויב צו דעם פריילעכן שפּאס.
מע זאָגט, אז די טײַווע בא נויעכן
געוועזן איז א שיקערע פּאס,
נאָר מאלע וואָס מענטשן הײַנט פּלוידערן.
אין מאבל אזוינס איז פאראן,

פון וואָס יעדע האָפענונג קראכט.
די וועלט איז ניט אונטערגעגאנגען
דערפאר, ווײַל די וועלט האָט געלאכט.
א לויב צו דעם פריילעכן שפּאס.
דער שפּאס זאָל ניט זײַן קיין באלאסט...

## מאָנטיק

ס'הייבט אָן צו ווערן מאָנטיק,
ס'הייבט אָן צו ווערן הײַנט.
געקומען ליכטיק, מאָנט ער:
דאָס וועלטל מיר באשײַנט! —
אז אײַער ליכט זאָל שפּרייטן
א טעפּיך פאר מײַן ליכט.
איך קום דאָך ניט צום גרייטן
און קום ניט אומגעריכט.

די מי מיט מיר איז קאָנטעט,
דער מענטש ווייל נאָך און נאָך.
איז מאכט מיר א באדינונג
און שפּרייט מיר אויס א וועג
און גיט מיר זעקס באדינער —
די איבעריקע טעג.
מיר ענטפערן: ניט פלאָנטער.
ניט שטעל זיך פאר דער וואָך,
ווײַל צוגעטראכט האָט מאָנטיק
דער זעלבער מענטש, אין טאָך.

ס'איז אײַך באוווסט: פון מאָנטיק
עס הייבט זיך אָן די וואָך.

## קיינעם האָט נאָך ניט פארשאט...

צו כאניפע און צו בילבל
ניט פארטרויעלעך פון פּאָרויס,
ווייל איך וויסן אין דער ביבל
דאָס, וואָס דרינגט פון איר ארויס.

ס'איז קעדײַ זיך טאָן א גריבל —
קיינעם האָט נאָך ניט פארשאט,
ווער פארזוכט האָט פון דער ביבל —
דאָס א רעמעז, דאָס א פּשאט.

אין אלוועלטלעכן געווירבל
שטראָמט און שטראָמט און שטראָמט די צײַט,
און עס קוקט פון איר די ביבל
פון דער נאָענט, פון דער ווײַט.

יויסעף בורג

# א וואַלד־בלום

פריינט מײַנער!

עס איז נאָענט צו האַלבער נאַכט.

א סאַפּזומערדיקע אויסגעשטערנטע נאַכט מיט א פולער לעוואָנע, וואָס הענגט פאַר מײַן פענצטער... און מיר קומט אַפן זינען, אַז אין אַזעלכע נעכט האָבן אונדזערע טאַטעס אויסגע־בונדן ספּלאַווען, געפירט זיי איבערן שטראָמיקן טײַך.

שווער איז געווען דער וועג. שווער, ווי דאָס לעבן.

און מיר קומען אַפן זינען לעגענדעס, אויסגעכאַלעמטע און שטילע לעוואָנע־נעכט בײַ די רוישנדיקע טשערמוש־ברעגעס. לעגענדעס וועגן רוסאַלקעס — וואַסער־מיידלעך, וואָס שפּרינ־גען אין לעוואָנע־שײַן פון די וואַסער־טיפענישן, שלאַנקע מיידלעך מיט שוואַרץ־שוואַרצע אויגן און פונקט אַזעלכע שוואַרצע צעלאָזטע האָר. זיי זעצן זיך אויס אַף די געהילצן, און א נאַכ־טיש געזאַנג נעמט שוועבן איבערן טײַך... און פונעם געזאַנג ווערט אַלץ מיטאַמאָל בלוי, דער אויסגעשטערנטער הימל און דער לעוואָנע־טײַך. און ספּלאַוועס שווימען דאַן לײַכט אַף דער איבערפלאַך.

און ס'שווימט א געזאַנג אָן ווערטער, אָן א ניגון...

און באַם ברעג פּלאַטערן שטיל די אַלטע ווערבעס, ווי זיי וואָלטן איבערגעכאַזערט דאָס מײַסעלע מיטן יונגן ספּלאַווניק, וועמען עס האָט אין אַזאַ נאַכט פאַרטראָגן צו א פעלדז. א וואַסער־מיידל האָט פאַרן פרײַז פון ליבע אים צוגעזאָגט ראַטעווען. זי האָט אַזוי לאַנג געזונ־גען איבער אים, ביז זי האָט אים פאַרקישעפט מיט איר געזאַנג... קיינער האָט מער דעם יונגן ספּלאַווניק ניט געזען. נאָר זײַן אַלט היטל האָט לאַנג און עלנט זיך געוויגט אַף די כוואַליעס.

עס איז נאָענט צו האַלבער נאַכט.

די נאַכט איז א קלאָרע, א לויטערע, און איך קאָן אַפילע אָן ליכט לייענען, וואָס איך האָב פאַרשריבן, ווען מיר זײַנען מיט דיר אַרומגעפאָרן איבער די פּוטילאָווער בערג אין דער טיף פון די קאַרפּאַטן, דאָרט, ווו דער טשערמוש נעמט זײַן אָנהייב.

עס האָט דעמלט אָנגעהויבן שאַרײַען אַף טאָג. איבער די באַרג־שפּיצן האָבן זיך געפלאַכטן די ערשטע זון־שטראַלן, און פון זייער צאַרטקייט האָבן אופגעוואַכט און זיך צעזונגען די באַ־האַלטענע טײַכלעך. א בלויער ווינט מיט רייכעס פון א יונגן פרילינג האָט געגלעט די וועלדער, געטראָגן דעם אָטעם פון אָן אופגעוואַכטן לעבן. אין די באַרג־שפּאַלטן האָט די נאַכט פאַרלוירן אירע לעצטע רעגעס.

אונדזער „גאַזיק" האָט זיך שווער געשלעפּט באַרג־אַרויף איבער א ברייטן שלענגלענדיקן וועג. געזאָטן, געסאָפּעט. און בײַ די ראַנדן האָבן הויכוואַלטיקע מאַטשטעס, ווי שוואַרצע סאָס־נעס, אונדז נאָכגעקוקט. זיי האָבן געטראָגן ליכט פון די טשערמוש־ברעגעס. ליכט אַהין, ווו מיט א צײַט צוריק האָט מען אַפילע פון קיין נאַפט־לאָמפּ ניט געוווּסט. און עס האָט זיך גע־דאַכט, דער רויש פונעם טײַך זינגט אין די דראָטן.

וואָס ווײַטער מיר האָבן זיך פאַרטיפֿט אין די בערג, אַלץ העלער האָט זיך צעוואַקסן דער פֿאַרטאָג. די זון האָט פֿלאַמיק צעשפּילט זיך, צעוואָרפֿן אירע פֿאַרטאַגיקע שטראַלן און געפֿינקלט, געפֿינקלט.

באַ דער זײַט פֿון וועג אַף אַן אויסגעטראָטענער סטעזשקע האָט געפֿלאָנטערט אירע טריט אַן אַלטע הוצולקע. זי איז געגאַנגען אַ באָרוועסע, גלײַך זי וואָלט מיט די אייגענע פֿיס געוואָלט פֿילן די זאַפּטן פֿון דער אופֿגעוואַכטער ערד, אײַנזאַפּן אין זיך ווער ווייסט דעם וויפֿלטסטן פֿרילינג, און אַפֿן לינקן אַקסל האָט, ווי אַ האַלבע לעוואָנע, זיך געוויגט אַ קאָראָמיסל מיט צוויי פֿולע קאַנען וואַסער.

איר געבלימלט טיכל אַפֿן קאָפּ האָט זיך אַ בייג געגעבן פֿאָרויס, די ליפּן האָבן זיך לײַכט אַ ריר געטאָן, און מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס טראָגט זי אונדז אָקעגן איר גוט־מאָרגן. און מיר האָבן ביידע איר צוגעוווּנקען מיט אַ שמייכל.

באָרגישע וועגן...

אין מײַנע ווײַטע קינדער־יאָרן האָט מײַן מאַמע מיר אָפֿט דערציילט פֿון פֿאַרוואָגלטע נעשאָמעס, וואָס זוכן אַ טיקן און בלאָנדזשען פֿאַרשטעלטע אַרום אין די וועלדער. און עס פֿלעגט אין די נעכט מיר כאַלעמען זיך זייער געוויין.

איינמאָל אין אַ פֿרימאָרגן האָב איך געקליבן טרוקענע צווײַגן אין וואַלד, דער קאַלטער טוי האָט ווי געבריט די באָרוועסע פֿיס, און איך האָב געוויינט פֿון ווייטעק. פּלוצעם איז לעבן מיר אויסגעוואַקסן אַן אַלטע פֿויערטע מיט אַ שטאַרק צעקנייטשטן פּאָנעם, פּאַסמעס גראָוע צעפּאַטלטע האָר זײַנען אַפּירגעקראָכן פֿון אונטער איר שוואַרץ קאָפּטיכל.

— טי טשעהאָ פּלאַטשעש?[1]

צו באַרמיצווע האָט מיר אויסגעפּעלט גאַנצע דרײַ יאָר, האָב איך נאָך ניט געשעמט זיך און געקוקט אַף איר מיט גרויסע, פֿאַרוויינטע אויגן.

פֿלינק, ווי אַ יונג מיידל, האָט זי צונויפֿגעקליבן פֿאַר מיר אַ בינטל האָלץ און דערנאָך דערלאַנגט מיר צוויי רײַפֿטלעך קאַלטע מאַמעליגע מיט אַ שטיק ברינדזע.

— יאַק טעבע זוואַטי?[2]

ווען איך האָב מײַן מאַמען דערציילט פֿון דער באַגעגעניש, האָט זי אַ פֿאַרזאָרגטע געוואָלט וויסן, צי האָב איך, כאַלילע, ניט אָנגערופֿן מײַן נאָמען. זי האָט מיט דער צונג אַ גלעט געטאָן מײַן שטערן און אויסגעשפּיגן דרײַ מאָל:

— אַ פֿאַרוואָגלטע נעשאָמע... קיין גוט־אויג זאָל דיר ניט שאַטן...

באָרגישע וועגן... זיי שפּעטשען מײַסעלעך פֿון מײַן קינדהײַט און וועקן בענקשאַפֿט.

ווידער און ווידער דערמאָן איך זיך אונדזער וועג.

דו האָסט אָפּגעשטעלט דײַן „גאַזיק" לעבן אַ הוצוליש הײַזל מיט געשניצטע סטריכעס און אַ געפּאַרבטן גאַנעק. אַפֿן גאַנעק איז געזעסן אַ מיידל אין אַ ווײַס אויסגענייט העמד, און אַ ברייטער, דרײַפֿאַרביקער גאַרטל האָט אונטערגעשפּאַרט אירע יונגע, הויכע בריסטן. די האָר העל־בלאָנדע, צעוואָרפֿן איבער די שמאָלע מיידלשע פּלייצעס, האָבן פֿאַרדעקט אַ העלפֿט פֿון איר פּאָנעם. זי איז געזעסן פֿאַרטיפֿט אין אַ בוך, וואָס איז געלעגן אַף איר שויס.

— אָקסאַנאַ, וואָס עפּעס אַזוי פֿרי?

זי האָט אופֿגעהויבן צו דיר אַ פּאָר בלויע־בלויע אויגן, צאַרט און טיף, ווי די אויגן פֿון אַ פֿאַרליבטער, און זיי האָבן אופֿגעלויכטן, זיך צעשטראַלט, ווי שטערן וואָלטן געפֿאַלן.

— אין אַ וואָך אַרום לעניגראַד... דער אוניווערסיטעט... לעצטע עקזאַמענעס.

זי האָט דיר צוגעשיקט אַ ליבלעכן שמייכל און געקישעפֿט מיט איר שיינקײַט, ווי אַ רוסאַלקע...

איך ווייס איצט, אַז קיין רוסאַלקעס זײַנען ניטאָ און קיין פֿאַרוואָגלטע נעשאָמעס זײַנען אויך ניטאָ. נאָר מײַן מאַמע האָט דערין געגלייבט, און איך האָב אויך דעמלט געגלייבט, און שפּליטערס פֿון יענעם ווײַטן גלייבן זײַנען פֿאַרבליבן אַפֿן גאַנצן לעבן..

אַפֿן שפּיץ פֿונעם פֿערעוואַל „דזשאָגאָל" האָבן זיך געקײַקלט פֿאַר אונדז די בוקאָווינער קאַרפּאַטן, זיך ווי געכוואַליעט אין אַ שטראָם פֿון ליכט, און ווײַסע שוואַנען־פֿליגל האָבן געטראָגן איבער זיי אַ זינגענדיקן פֿרילינג.

— זעט, סאַראַ שיינקײַט!

איך בין געשטאַנען לעבן דיר, געהערט, ווי דײַן האַרץ האָט פֿון פֿאַרליבטקײַט געשלאָגן, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דערפֿון איז די זון געוואָרן העכער, דער הימל לויטערער. וואָס פֿאַר אַ וווּנדערלעכע זעונג דאָס איז געווען, וואָס פֿאַר אַן אומגעווײנלעך געפֿיל...

[1] וואָס וויינסטו? (אוקר.); [2] ווי רופֿט מען דיך? (אוקר.).

„שיק דעם הימל א ליד — און עס קערט זיך אום צו דיר א מײַסעלע", — פלעגט מײַן מאמע מיר זאָגן.

ווען מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין טאָל, האָט דײַן פּאָנעם זיך פּלוצעם פאַרכמאַרעט.

— אָט דאָרט איז דער קייווער פון מײַן טאַטן!

און דו האָסט מיר אָנגעוויזן אַף א בערגל ניט ווײַט פונעם וועג. איך האָב דערזען אין דײַנע אויגן טיפן טרויער. און דו האָסט מיר דערציילט א געשיכטע פון פאַרגאַנגענע יאָרן.

עס האָבן געלעבט אין טאָל צוויי ברידער, נאַזאַר און אַרעסט. ביידע יונגע, ביידע שטאַרקע, ביידע אָרעמע, ווי די שטיינער באַם ברעג טײַך. איינער — פרײַ און אָפֿריכטיק, דער צווייטער — מיט א שלאַנג אין האַרצן.

זיי זײַנען איינעם א טאָג די קאַרפּאַטן פאַרטרונקען געוואָרן אין בלוט. אַלדאָס לעבעדיקע האָט זיך פאַרטראַכט, בא יעדן האָט געשלאָגן דער געדאַנק: וואָס וועט זײַן? און מענטשן זײַנען אַוועק אין די וועלדער נעקאָמע נעמען פאַר דער פאַרשוועכטער ערד.

אַוועק איז אויך נאַזאַר.

און אַרעסט?

ער האָט זיך פאַרדונגען דעם טײַוול, געוואָרן סטאַראָסטע, געהאָלפן אומברענגען די עטלעכע יידישע מישפּאָכעס אין דאָרף, שכיינים פון דורותס זײַנען דורך זײַן האַנט געטריבן געוואָרן צום טויט.

באַם אַרײַנפאָר אין טאָל האָט געוווינט אָקסאַנא. לאַנגע גאָלדענע צעפּ האָט זי, ווי א קרוין, געפלאָכטן איבער איר קאָפּ, און אַף איר איידל פּאָנעם האָבן געפינקלט א פּאָר גרויסע העלבלויע אויגן, און זיי האָבן געשטראַלט מיט גוטסקײַט. אַלע אין טאָל האָבן זי ליב געהאַט.

און וויאַזוי ניט ליב האָבן אַזאַ יונגע שיינהײַט? און מע האָט זי גערופן ניט אַנדערש ווי פלאָרא, פלאָרינא — און זי איז טאַקע געווען אַן עמעסע וואַלד-בלום.

אויך אַרעסט האָט זי ליב געהאַט.

נאָר דאָס איז געווען א כײַישע ליבע. ווען ער פלעגט זי באַגעגענען, האָט עפּעס כײַיש געברענט אין זײַנע אויגן, אויגן, וועלכע מע קאָן נאָר טרעפן בא א גאַזלען, בייס ער טוט זײַן רעציכע.

אָקסאַנא אָבער האָט ליב געהאַט אַן אַנדערן.

צי האָט נאַזאַר געוווּסט דערפון?

אַוודע. אירע אויגן, ווען זי פלעגט באַגעגענען נאַזאַרן, האָבן געשטראַלט צאַרט און טיף, און נאַזאַר האָט ניט געקאָנט אַרײַנקוקן אין זיי.

ליבע...

עס איז געקומען דער ווינטער. א האַרבער, קאַלטער ווינטער. די נעכט זײַנען געווען פראָסטיקע, און אין דער פראָסטיקער לײַדיקײַט האָבן שרעקלעכע אופרײַסן אָפּגעהילכט און זיך לאַנג געקײַקלט איבער די בערג. פלאַמען האָבן אָנגעצונדן א האַלבן הימל.

אָקסאַנא האָט אומרויִק זיך צוגעהערט צו די אָפּהילכן.

דאָרט אין די בערג איז געווען נאַזאַר.

און אין טאָל האָט דער ווינט געריסן שטיקער פון צעהאַנגענע מעלדונגען, וואָס האָבן צוגעזאָגט גרויסע געלטן פאַר אויסגעפינען נאַזאַרן.

אַרעסט איז געשטאַנען פאַר איינער אַזאַ מעלדונג. זײַנע געדאַנקען זײַנען געווען קאַלט, און די אויגן האָבן געברענט, ווי בא א הונגעריקן וואָלף. אַף אים האָט אַראָפּגעקוקט נאַזאַר מיט א רויִקן בליק, און אונטער נאַזאַרס בילד האָט זיך געשוואַרצט אַן איינס מיט א לאַנגער ריי נולן — די באַלוינונג פאַר נאַזאַרס קאָפּ.

...איינמאָל אין אַן אָוונט האָט אַרעסט זיך אומגעקערט פון א דורכגעפירטער בלוטיקער אַקציע. ער איז געגאַנגען מיט גיכע טריט, ווי עמעצער וואָלט זיך געיאָגט נאָך אים. פלוצעם האָט ער באַמערקט א מענטשן גיין אַנטקעגן. דער מענטש האָט זיך דערנענטערט, און אַרעסט האָט שיר ניט אויסגעשריגן: „שטיי, נאַזאַר!". פאַר די אויגן האָט א טאַנץ געטאָן די מעלדונג מיט די שוואַרצע נולן, נאָר טייקעף זיך אויסגעלאָשן: ניין, בעסער, אַז קיינער זאָל ניט וויסן!

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין א שניי-גרוב, און פון אופרעגונג, צי פון שיקרעס, האָט שטאַרק געשלאָגן בא אים אין קאָפּ: „איך זאָל נאָר טרעפן!".

אין דער פראָסטיקער נאַכט האָט זיך אַרײַנגעשטאָכן אַן אָפּהילך פון א שאָס. דער מענטש האָט פאַרקרימט צעשפּרייט די הענט, עפּעס אויסגעשריגן, נאָר דער ווינט האָט פאַרטראָגן זײַנע לעצטע ווערטער.

אין יענעם אָוונט, ווען אפן שניי האָט דער פראָסט געגליווערט דאָס בלוט פונעם דער־שאָסענעם, איז נאַזאַר ניט געווען בא דער שיינער אָקסאַנאַ. אַרעסט האָט א טאָעס געהאַט. נאַזאַר איז געוואָרן אין די בערג. אָט דאָס איז די גאַנצע געשיכטע.

די געשיכטע פון מײַן פאָטער. ער איז אוועק פון דער וועלט, ניט ווינסדיק, אז מע האָט אים אָנגענומען פאַר נאַזאַרן, דעם קאָמאַנדיר פון א פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד...

פּרינצעט מײַנער!

א סאַך יעסורים האָבן צוגעזען די קאַרפּאַטן. דו האָסט נאָר אפן שפּיץ מעסער פאַרכאַפּט יענץ פאַרגאַנגענע לעבן. דו ביסט געוואַקסן אין אן אנדער צײַט, זיך געלערנט, געוואָרן אן אינזשעניער.

מיר זײַנען געפאָרן מיט דיר איבער א ברייטן וועג, ווי פריִער האָט געפירט בלויז א שמאָלע סטעזשקע. באַם וועג איז געווען א קייווער פון א מענטשן, וועלכן דו האָסט אָנגערופן פאָטער, כאָטש ווען ער האָט דיך געפונען אין א שניי־גרובן, ביסטו שוין געווען א יאָר דרײַ אַלט. א ייִדישע מאַמע האָט אפן וועג צום טויט באַוויזן זיך אָפּצוטיילן פון דיר...

רעכטס איז דער קייווער פון דײַן פאָטער. און אנטקעגן לויכטן זיך נײַע הייזער פון פּליטנטרײַבער און וואַלדהעקער, מיט געשניצטע סטריכעס און געפאַרבטע גאַנעקעס.

און אָקסאַנאַ?

דו האָסט געוווּסט, וועמען איך מיין, און א קוק געטאָן אף מיר אזוי, אז איך האָב אַלץ איבערגעלייענט אין דײַנע אויגן. איך האָב ניט געפרעגט בא דיר, וועמענס בלוטיקע האַנט האָט אַרויסגעריסן די וווּנדערלעכע וואַלד־בלום. איך האָב זיך אָנגעשטויסן, ווער דער מער־דער איז...

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, ביסטו געשטאַנען מיטן פּאָנעם אף מיזרעך און א נײַער טאָג איז אופגעגאַנגען אין די בערג. א וואַרעם ווינטל האָט שטיל געררישט, גלײַך עס וואָלט א מײַסעלע דערציילט...

פּרינצעט מײַנער!

עס איז האַלבע נאַכט.

דער זייגער האָט אף א רעגע פאַרהאַלטן אַלע זײַנע ווײַזערס אף דער ציפער צוועלף. א מעסלעס האָט זיך געענדיקט.

איך ווייס: דער נײַער מאָרגן וועט ברענגען א נײַ מײַסעלע. עפּשער וועט עס זײַן וועגן דער שיינער אָקסאַנאַ, וואָס שטודירט אין לענינגראַד, און איר פאָטער — נאַזאַר, דעם באַוווּסטן בריגאַדיר אין די פּוטילאָווער וועלדער...

# דאָס קדושן־רינגל

הער, ווי ס׳פײַפט דער ווינט אין די בערג.

פון פאַרנעפּלטע ווײַטן, ווי געטריבן פון ווילדער שרעק, טראָגט ער מיט א פאַרשטיקטן אָטעם זײַן פּראָסטיק־בײַסיקן יאָמער. קאָוועט דער פראָסט די ביימער אין וואַלד, שפּאַלטן זיי זיך פון קעלט און ס׳טרעשטשעט דער לויטערער פינקלענדיקער שניי.

נאָר פאַרליבטע פילן ניט דעם ווינט.

זע, מיט וואָס פאַר א זאַרגלאָזער פרייד, שטיפעריש יונג צוויי סילועטן גליטשן זיך אף ליזשעס באַרג־אַראָפּ, טראָגן זיך, ווי אין א געוועט, איבער טיפע שניי־וועגן, אָפּגערוקט איינער פון צווייטן, פונקט ווי זיי וואָלטן איינמיטן געיעג געוואָלט זיך אַנקוקן, און דער אופגעווירבל־טער שניי יאָגט זיי נאָך, ווי א בלויער וואָלקן.

ווײַסע ברעמען, ווײַסע וויִעס. די געשפּאָלטענע לופט פּאַטשט אין פּאָנעם, פײַפט אין די אויערן, און דער ווינט צעזייט די יונגע פרייד.

— מיר איז אזוי גוט מיט דיר...

הער זיך אײַן אינעם רויש פונעם ווינט, און איך וועל דיר דערציילן א געשיכטע פון אן אנדער צײַט.

פאַרנאַכט.

דער אָפּגלאַנץ פון א פראָסטיק צאַנקענדיקן ווינטער־טאָג האָט בלווילעך געשימערט אף די שויבלעך פונעם קרומלעכן פענצטער, געצייכנט פאַנטאַסטישע אַראַבעסקן. א שטעכיקער ווינט האָט העפקער זיך געטראָגן איבער דער הינטערשטאָטישער פוסטקייט, און די נאַקעטע ביימער האָבן געקרעכצט פון קעלט. אינעם שטיבל מיטן ערדענעם דיל, וועלכער האָט איינגעזאַפּט דעם רייעך פון ליים, איבערגעמישט מיט פערדישן מיסט, איז אויך געווען קאַלט און ניט היימלעך. אף די ווענט זיינען געהאַנגען לאַנגע, פאַרשטאַרצטע שאָטנס, און אַן אומעטיקער פלאַנטער פון פינצטערניש האָט ארויסגעשפּאַרט פון די ווינקלען.

דער פאַרנאַכט האָט זיך אָנגערוקט גיך. און שיפרע איז געזעסן באַם אייזערנעם הרוב־קעלע, געוואַרעמט אירע רויטע צעווייקטע הענט, און געדאַנקען, ווי שאָטנס, זיינען געקראָכן אין קאָפּ. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך, גלייך זי וואָלט געדרעמלט, און נאָר אומגעהייערע מידקייט האָט ארויסגעקוקט דורך די שפּעלטלעך פון אירע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן.

די שאָען האָבן זיך געצויגן, ווי די קעלט, לאַנג און אומעטיק. יעדע רעגע — אַן אייביקייט, און אַרום איז געווען א פאַרגליווערטע שטילקייט, וואָס האָט מאָדנע געקלונגען אין די אויערן.

— א רעגע צו א רעגע זיינען ניט צוויי רעגעס...

שיפרע האָט זיך איינגעגראָבן אין זיך אַליין. דער אָפּשיין פון די געל־רויטע פלאַמען אינעם אייוועלע האָט געטאַנצט אף איר פּאָנעם, וואָס האָט דערפון אויסגעזען נאָך בלייכער און ווי צעשניטן. און די שטילקייט האָט אַלץ געקלונגען אין די אויערן:

— א רעגע צו א רעגע זיינען לאַנגע צוויי צענדליק יאָר... יאָרן, איבערגעלאָדענע מיט פּיין!

מיט געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט האָט שיפרע געטראָגן אין איר האַרצן אָט די יאָרן, אָנגעהויבן פון יענעם ווייטן ווינטערדיקן ביינהאַשמאָשעס, ווען זוניע, דער יונגער, כיי־נעוודיקער וואַלדהעקער, האָט זי אַרומגענומען, איר אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן און שטיל, ווי א פאַרבאָרגן געזאַנג, אַרויסגעשטאַמלט:

— מיר איז אַזוי גוט מיט דיר, שיפרע!

מאָנען יאָרן, שטומע יאָרן.

שיפרע האָט שוין פערציק אַריבערגעשפּאַנט.

א פּולבלעכע, א שטילע און עטוואָס א פאַרלוירענע, מיט א בלייכער פאַרטראַכטקייט אַפן פּאָנעם, גלייך זי וואָלט געהאַלטן אין אויסמעקן אַלע כעזשבוינעס מיט דער אַרומיקער וועלט, טראָגט זי נאָך אַלץ איר קערפּער לייכט און שפּילעוודיק, און אירע שוואַרצע עטוואָס פאַר־וואָלקנטע אויגן בלינצלען מיט א פּלעמל פון ניט אויסגעלעבטע באַגערן.

שיפרע די וועשערן, אָדער, ווי מע האָט זי נאָך אַלץ גערופן, שיפרע די יעסוימע, וועלכע איז אַלע אירע יאָרן געשטאַנען איבער גרויסע, פרעמדע באַליעס וועש און באַקומען רויטע אויסגעווייקטע הענט, וואָס האָבן דערמאָנט אין רוי פליייש, האָט געוווינט איינע אַליין אין א פאַרוואָרפן אַלקערל, באַם סאַמע ראַנד שטאָט, ווו זי האָט אַן אויסגעמאַטערטע פאַרבראַכט אירע נעכט. און ס'האָט זיך געדאַכט, די גרויסע באַליעס וועש האָבן אָפּגעטייט אין איר אַלע געפילן פון א פרוי, אַלע בענקעניש, און נאָר דאָס קדושן־רינגל פון בילקן גאָלד אַפן מיטלסטן פינגער פון דער רעכטער האַנט האָט עפּשער געוווּסט צו דערציילן פון א פריציייטיק פאַרלאָשן לעבן...

אין דרויסן פאַלט א שניי, א ווייסער געדיכטער שניי. די ערשטע שטערן ווינקען אַריין אין פענצטער מיט יאָמטעוודיקער פרייד. אין שטוב איז אויסגעהייצט, וואַרעם. בליץ־לאָמפּן, געלייענע אף איין אָוונט, צעגיסן ראַכוועסדיק א העלע, היימישע ליכטיקייט. טישן זיינען גע־דעקט מיט אַלעם גוטן, ווי טאַקע אף א רייכער כאַסענע. פרעמדע מענטשן פירן צוויי יעסוי־מים צו דער כופּע. פרעמדע, זייטיקע מענטשן קושן זיך אין די מיילער.

— מאַזלטאָוו!

ווו מענטשן — דאָרט איז טרערן. ווישן ווייבער זיך די אויגן מיט די פראַנדזן פון די שאַבעס־טיכלעך, נאָר קיינער וויינט ניט באַם באַזעצן די קאַלע. א שטילע כאַסענע אָן קלעז־מער. ווו מענטשן — דאָרט איז סימכע. מענער קאָנען זיך פרייען אָן טרערן. נעמט מען צו קויסעס.

— מאַזלטאָוו!

שיפרע אין איר ווייסן געבאָרגטן כופּע־קלייד פון פרעמדע רייכע פּלייצעס איז אויסטער־ליש שיין, ווי אויסגעוועבט פון שניי. ס'איז א שיינקייט, וואָס וואַרפט זיך ניט אין די אויגן, שרייט ניט, נאָר שפּילט אין יעדן גליד, אין יעדער באַוועגונג. זי קוקט אף איר באַשערטן,

און אירע בליקן זײַנען פול מיט צאַרטקײַט. אפֿן פּאָנעם שפּילט א שמייכל, זי איז פריילעך, באַריידעוודיק.

און אָט שטייט זי מיט איר באַשערטן אונטער דער כופּע. זוניע האַלט איר האַנט אין זײַנער, און איבער איר קערפּער צעגיסט זיך א פאַרשיקערנדיקע הייסקײַט. ער ציט אַרויף דעם רונג אַף איר זינגער:

— הרי את מקודשת לי...[1]

און ליכטיקע קלאַנגען, ווי די אייביקע שוועו, פליִען אַרויף צו די שטערן, און דער פאַר־נאַכט היט אָפּ דאָס געזאַנג פון פרייד און דעם ציטער פון האָפענונג.

— הרי את...

מאָרגן דאַרף זוניע זיך אומקערן אין די בערג. ער איז א וואַלדהעקער, און ווינטער איז יעדער טאָג מיט גאָלד גלײַך. ער האָט קוים זיך אָפּגעבעטן אַף א מעסלעס. פּילט שיפרע עפּעס אַן אומקלאָרע קלעמעניש, זי שרעקט זיך און ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס.

— זוניע, עפּשער וואָלסטו דיר אַן אַנדער אַרבעט אויסגעזוכט?

באַרויִקט ער שיפרען, נעמט זי אײַן, ווי מ'נעמט אײַן א וויינענדיק קינד:

— איך וועל זיך לאַנג ניט זאַמען...

ווען שיפרע וואָלט געקאָנט, וואָלט זי אָפּגעשטעלט דעם האַסטיקן לויף פון דער צײַט, אָפּגערוקט דעם מאָרגן.

נאָר ביז מאָרגן איז נאָך ווײַט. א סאַך שאָען זײַנען נאָך פאַראַן, און מינוטן, און רעגעס — א גאַנצע אייביקײַט. קלאַמערן זיי זיך איינער אין צווייטן, ווערן פאַרזונקען גלײַכצײַטיק אין טונקלקײַט און ליכט...

— מיר איז אַזוי גוט מיט דיר, שיפרע...

עס גייט א שניי. א ווײַסער געדיכטער שניי קרײַזלט צו דער ערד אין א קישעף־טאַנץ, שיט א גאַנצן מעסלעס, און דער הימל פאַרבט אים מיט זײַן בלוילעכער פאַרב. ער איז אַזאַ פּראָסטיק־שטעכיקער, הייסער, בלענדט די אויגן און ווערט צערונען אַף די געזאַלצענע ליפּן.

אַף א שפּיץ בוים וויגט זיך א שוואַרצע וואָראָנע. לאָקערט מיט איין אויג איבערן ווײַסן אַרום.

— קראַ־אַ־אַ... קראַ־אַ־אַ־אַ...

וואָס איז עס? אַן אָנזאָג פון שטורעם צי א וואָרעניש?

זוניע האָט פאַרגעסן אינעם בוים, וועלכן ער האָט מיט א טאָג פריִער אין אײַלעניש אי־בערגעלאָזט א ניט דערזעגטן. דער ווינט אָבער האָט ניט פאַרגעסן. ברעכט ער מיט גרימצאָרן די אונטערגעזעגטע סאָסנע. און די וואָראָנע האָט אויך ניט פאַרגעסן.

— קר־אַ־אַ־אַ... קרראַא... היט זיך, מענטש, אַף דיר לויערט דער טויט...

נאָר זוניע פאַרנעמט ניט איר געשריי. הערט ניט די סיסע־קרעכצן פונעם בוים. אים דאַכט זיך, אַז דער וואַלד זינגט. דער שניי זינגט. די גאַנצע אַרומיקע וועלט איז פול מיט פאַרהביקן געזאַנג. און עס יובלט זײַן יונג האַרץ מיט טויזנטער פריידן... און עס פלעכט זיך אַרײַן, ווי א צעבליטע שניי־בלום, אין זײַן פרייד די געשטאַלט פון שיפרען.

— מיר איז אַזוי גוט מיט דיר...

און אין אַלע זײַנע איינוורים צעגיסן זיך פּילקאָלירקע פּײַערן.

מיט פּײַער אָבער שפּילט מען זיך ניט, און אין אונטערגעזעגטער בוים איז אויך ווי א טליִענדיקע סרייפע, וואָס קאָן יעדע רעגע זיך צעפלאַקערן. ברעכט טאַקע אויס מיטאַמאָל צווישן הימל און ערד א פּאַרטויבנדיקער אופּרײַס, קײַקלט זיך ווײַט־ווײַט איבער די פאַר־שנייטע באַרג־שפּאַלטן, און זוניע ווערט אין איין אויגנבליק אַרומגעכאַפּט פון צעשפּרייטע סאָסנע־צווײַגן, ווי פון שווערע טונקל־גרינע פלאַמען, און בלײַבט ליגן אונטער די צווײַגן א געגעריקטער.

דערנאָך ווערט שטיל.

און די אַרומיקע סאָסנעס שטייען ווי שטומע אין אָט דער שטילקײַט. שטייען איבער זו־ניעס געביין, ווי בלינדע, וואָס האָבן גאָרניט געזען. און נאָר די וואָראָנע גיט צו וויסן:

— קראַ, קראַ... א מענטש איז דערהאַרגעט געוואָרן...

זי איז שטענדיק דאָרט, וווּ עס שוועבט דער טויט, און איר ווייסט געשריי ציטערט אין דער וואַלד־טיפעניש, ווי א גרויסע, שוואַרצע שרעק.

---

[1] האַריי אַט מעקודעשעס לי — דו ביסט הייליק פאַרבונדן מיט מיר... — די ערשטע ווערטער פונעם שפּרוך, וואָס דער כאָסן זאָגט צו דער קאַלע, ווען ער טוט איר אָן דעם הייראַט־רונג.

און עפשער איז דאָס אַלץ ניט מער ווי אַ כאָלעם?

שיפרע האָט קיין כאָלוימעס ניט געזען. זי האָט מיט אָפענע אויגן געכאָלעמט פון אַ לעבן מיט זוניען. און אין איין מעסלעס געווען אי אַ קאַלע, אי אַ ווײַב, און געוואָרן אַ יונגע אַל־מאָנע מיט אַ קדושן־רינגל פון ביליקן גאָלד.

עמעצער האָט פאַר דער טיר אָפּגעטרייסלט דעם שניי פון אייגענע טריט. דער פראָסט, ווי אַ ווײַסער דורכזיכטיקער נעפּל, האָט אַ זעץ געטאָן מיט שנײַדנדיקער קעלט. און איידער שיפרע איז געקומען צו־זיך, איז אויף דער שוועל שוין געשטאַנען אַ קליין יידל, אײַנגעהילט אין אַן אָפּגעטראָגענעם פוטער. דער רויטער פלאַם פונעם אייוועלע האָט געפלאַטערט אויף זײַן שמאָל באַוואַקסן פּאָנעם.

— אַ גוטן־אָוונט, שיפרע... וואָס עפּעס אין דער פינצטער?

שיפרע האָט אָנגעצונדן אַ לעמפּל, מיט אַ באַהאַלטענער פאַרשעמטקייט געמאַכט אַ שפּאַן אים אַנטקעגן. ער האָט געוואָלט זיך אָפּרוקן פון דער טיר, נאָר שיפרע איז געשטאַנען ווי צוגעוואַקסן צום אָרט, גלײַך זי וואָלט מיט איר גאַנצער גרייס געפּרוווט פאַרשטעלן די נאַקע־טע אָרעמקייט, וואָס האָט שטום געוויינט מיט עלנט.

— פאַרשטייסט, מ׳דאַרף כאַסענע מאַכן אַ יעסוימע.. גיי איך איבער די הײַזער...

זײַן קאָל האָט געקלונגען מיט אַ פרומען ציטער, פונקט ווי ער וואָלט געזאָגט טהילים. שיפרע האָט דערפילט, ווי העפטיק ס׳נעמט שלאָגן איר האַרץ. זי האָט געוואָלט אים עפּעס ענטפערן, נאָר ניט געוווּסט וואָס. אַ קנויל איז איר געבליבן שטעקן אין האַלדז. אינגאַנצן אַ פאַרלוירענע, האָט זי מיט באַדויערונג צעשפּרייט די אָרעמס, גלײַך זי וואָלט מיט אָט דעם זשעסט געגעבן צו פאַרשטיין: מײַן גאַנץ פאַרמעגן איז פאַר אײַערע אויגן...

דער ייִד האָט זיך געוונומען ווי פאַרענטפערן:

— איך ווייס, דו ביסט ניט קיין גווירנטע... כ׳האָב געמיינט, אַ פּאָר גראָשן...

און ריידנדיק אַזוי, האָבן זײַנע שאַרפע בליקן פּלוצעם אָנגערירט שיפרעס קדושן־רינגל. ביידנס אויגן האָבן זיך באַגעגנט. שיפרע האָט געמאַכט אַ שפּאַן אויף צוריק. נאָך אַ שפּאַן, נעענטער צו דער קאַלטער וואַנט. אין דער אומעטיקער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי זי שלינגט גאַנצע שטיקער לופט. זי האָט געוואָלט שרײַען, גלײַך עמעצער איז זי באַפאַלן. און אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָט זי גענומען אַפּגיך באַהאַלטן די הענט אונטערן פאַרטעך. אירע רויטע, געשוואָלענע הענט, וואָס האָבן דערמאָנט אין רוי פלייש.

אַ רעגע זײַנען זיי אַזוי געשטאַנען איינער קעגן צווייטן, און צווישן זיי — אַ מוירעדיקער אומעט.

פּלוצעם האָט זיך שיפרען אויסגעדאַכט, אַז דער ייִד קוקט אויף איר מיט אַ בעטנדיקן בליק אין די אויגן, פול מיט ראַכמאָנעס און כאַראָטע, און זײַנע ליפּן באַוועגן זיך קוים:

— פאַרט אַ יעסוימע...

שיפרע האָט ווי אין כאָלעם גענומען שלעפּן דאָס רינגל פונעם פינגער, פונקט זי וואָלט געריסן שטיקער פון איר באַוווּלט לעבן.

מיט שווערער מי, פאַרבײַסנדיק די ליפּן ביז ווייטעק, האָט זי אַראָפּגעצויגן דאָס רינגל. דאָס ערשטע מאָל פאַר צוואַנציק לאַנגע יאָר. און מיט עפּעס אַ ציטערנדיקער גיכקײַט אויס־געשטרעקט די האַנט:

— נאַט, נעמט... דאָס איז אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג...

זי האָט געקוקט אויף דעם ייִדן. געקוקט אַזוי, ווי זי וואָלט איצט געווען זייער ווײַט פון אים.

ס׳וועט זײַן אַ ווינטערדיקער פאַרנאַכט, אַ שניי וועט שיטן און די שטערן וועלן פינקלען, אַ יעסוימע וועט מען פירן צו דער כופּע. זי וועט מיט הייסע פאַרליבטע אויגן קוקן אויף איר באַשערטן. פרעמדע מענטשן וועלן גיין אַ מיצווע־טאַנץ.

און ס׳וועט אויף לאַנגע יאָרן געשלאָסן ווערן אַ גליקלעכער בונד פון צוויי עלנטע יעסוימים.

— הרי את מקודשת לי...

דער ווינט האָט פאַר דער נאַכט זיך ניט אײַנגעשטילט, גיפטיק געבלאָזן איבערן פאַר־שנייטן וועג. אַ מענטש איז געגאַנגען איבערן וועג, ווי אַן איבעריקער אויף דער וועלט, גע־גאַנגען געהויקערט אײַנדרײַען.

ווער איז ער? וואָס טרײַבט אים אין אַזאַ פראָסטיקן פאַרטאָג פון דער היים? און עפשער האָט ער גאָר קיין היים ניט?

שיפרע איז ארויס פון שטוב, ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן. זי איז געגאַנגען אינמיטן וועג. דער ווינט האָט זיך געוואָרפן אַף איר מיט רעציכע, געריסן שטיקער פון אירע קליידער, געפּרוווט זי אומוואַרפן. דינינקע, שנייִקע שפּיזלען האָבן געשטאָכן די הויט פון איר פּאַנעם, געבלענדט די אויגן, זי האָט געזילט, גלייך זי וואָלט מוירע געהאַט צו פאַרשפּעטיקן, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז ער וואַרט אַף איר... און וועט שטענדיק וואַרטן...

איבערן הייליקן אָרט האָט געוועלטיקט א טיפע שטילקייט. נאָר די ביימער האָבן דאָ און דאָרט געשפּאָלטן זיך מיט א קרעכץ פון קעלט.

שיפרע האָט אָראָפּגעשאַרט דעם שניי פון דער מאַצייווע. גרויע פאַראַיאָריקע פּניאָקעס האָבן ארויסגעשטאַרצט, ווי אָפּגעפרוירענע פינגער. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס וואַקסן זיי ארויס פון דער טיף, ווו עס ליגט איר זוניע, און זי האָט פאַרזיכטיק זיי פאַרבויגן אין א זייַט.

די מאַצייווע האָט געפינקלט אינעם פאַרשנייטן מאָרגן מיט הונדערטער ווייסע שטערנדלעך. שיפרע האָט זיך אריבערגעבויגן איבערן קייווער, מיטן פויסט דרייַ מאָל א קלאַפּ געטאָן אין שטיין:

— זוניע... א, זוניע...

איבערן בעסאַלמען האָט זיך געטראָגן וויגן א קלאָגנדיקער ניגן, ווי א פאַרשטיקט כליפּען:

— זוניע, איך קום באַ דיר בעטן מעכילע, זוניע... נעכטן אוועקגעגעבן אונדזער קדושן־רינגל... צוואַנציק יאָר האָב איך עס געטראָגן. איין גאָט ווייסט, ווי שווער מיר איז געווען זיך צו שיידן דערמיט. פּאַרט אָבער א יעסוימע... זאָלסט זיך מייַען פאַר איר, זוניע...

זי האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די ווערטער זייַנען פאַרגליווערט געוואָרן אַף די ליפּן. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָנעם קאַלטן שטיין. אים ארומגענומען מיט ביידע הענט, ווי א לעבעדיקן מענטשן. און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פון דער סאַמע טיף דערגייט צו איר זוניעס קאָל:

— ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך דיר אויסגעקושט יעדן פינגער אַף דייַנע געשוואָלענע הענט...

איר איז געוואָרן גרינג און וואַרעם פון זייַנע רייד. זי האָט מער ניט געשפּירט איר שאַרפּע איינזאַמקייַט, איר עלנט. און נאָר די פּלייצעס האָבן לייַכט געציטערט, ווי זי וואָלט געוויינט אין זיך אליין.

זי האָט זיך אָפּגעקערט פונעם קייווער און זיך געלאָזט אהיים, באַמיִענדיק זיך צו גיין אין אירע אייגענע האַלב־פאַרוויייעטע שפּורן.

הער, ווי ס׳פייַפט דער ווינט אין די בערג און ס׳טראָגט זייַן רויש דעם אָפּקלאַנג פון אן אנדער לעבן, פון אן אנדער ליבע.

## ערשטע ליבע

בערג קייטלען זיך אין אומענדלעכע בלויע ווייַטן. שפּאַלטן דעם האָריזאָנט. און גייען אוועק אַף מיזרעך.

היימישע בערג!

א גאַנצן טאָג בלאָנדזשע איך ווי א וואַנדערער ארום צווישן זיי אַף די וועגן פון מייַנע פאַרשוווּנדענע אמאָלן, פון די אויסגעלעבטע נעכטנס.

די וועלדער, אייַנגעהילט אין לאַנגע פאַרנאַכטיקע שאָטנס, דרעמלען אין א שטילן פאַר־טיפטן דרעמל. און די לופט איז אָנגעפילט מיט זיסלעך שאַרפע רייכעס פון סמאָלע און מיט זאַפטן פון ווילדע אָנגעגאָסענע פּייִרעס.

דער זומער געזעגנט זיך.

אונטער די פיס וואַלגערן זיך די לעצטע זון־שטראַלן, ווי צאַנקענדיקע פלאַמען. און איך שפּאַן פאַרזיכטיק, פונקט איך וואָלט מוירע געהאַט, מייַנע טריט זאָלן די פלאַמען ניט פאַר־לעשן.

...זי איז שטענדיק געגאנגען דורכן וואלד. אירע שיינע געטאָקטע באַרוועסע פיס זײַנען געשפּרונגען איבער גרעזער און בלומען. אינעם ווײַס־געבלימטן קליידל האָט זי אויך אויסגעזען ווי א טאנצנדיקע בלום. צומאָל האָט זי אונטערגעברומט עפּעס א לידעלע, און די קלינגענדיקע שטילקייט האָט עס פאַרטראָגן ווײַט־ווײַט.

איך האָב געקענט די וועגן, וועלכע זי האָט אויסגעטראָטן. געוווּסט די צײַט, ווען זי דאַרף פאַרבײַגיין. פונווײַטן זי דערקענט לויטן שאַרף פון אירע גרינגע טריט, און אין א שווײַגנדיקער פאַרליבטקייט איר נאָכגעגאנגען. געגאנגען אַן אָפּהאַלט, ווי איך וואָלט נאָכגעלאָפן זיך אליין און ניט געקאָנט זיך דעריאָגן.

אין די וועלדער האָט געבליט א יונגער פרילינג. אלץ, וואָס האָט אופגעוואכט, האָט זיך געצויגן צו דער זון.

און איך, אין מײַנע פופצן יאָר, בין אויך געווען א פרילינג אין פרילינג.

צופוסנס פון די בערג שפּרודלט א קלאָר טײַכל. שנײַדט ווי א זילבערנער בליץ אדורך דעם טאָל און פאַרקערעוועט צו א פאַרלאָזטער וואסער־מיל, מיט א שווארצן צעלעכצטן שינדל־דאך, מיט פאַרהאַקטע טיר־און־פענצטער. די צײַט האָט צעמאַזיקט די גרויסע הילצערנע מיל־ראָד, באַדעקט זי מיט געדיכטע פלאַסטן מאָך, און עס טריפט טרויעריק אראָפּ פון איר עפּעס א טונקעלע פליסיקייט, גלײַך די מיל וואָלט מיט שווערע גרינע טרערן זיך אליין באַוויינט.

איך קוק אַרוף צו דעם איינציק־אויסגעלאָשענעם פענצטער, כאָטש איך ווייס, אז דאָרט איז שוין לאַנג קיינער ניטאָ...

אף די שפּיץ פינגער האָב איך זיך פאַרקליבן צום גאַנעקל, זיך באַהאַלטן אין שאָטן פון לעוואָנע־שײַן און דורך דעם אָפענעם פענצטער אַרײַנגעקוקט אין אלקער, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט א געל־גרוי ליכט און פונוואַנען ס'איז געקראָכן א געפּראַזשעטער רייעך פון פאַרלעגערט מעל.

פון דער גרויקייט האָט אַרויסגעפלאַטערט די געלע רייך פונעם הענגלאָמפּ, צעוואָרפן א לאַנגן שאָטן פון איר איידעלער, קימאַט קינדערישער פיגור, און דער אָפּשײַן האָט געשפּילט אף איר גאָלדיק־ברוין פּאָנעם מיט א מיידלש שעמעוודיקן כיין. די גרויסע אויגן אירע האָבן פון אונטער לאַנגע שווארצע ווייִעס געשימערט מיט א בלויען גלאַנץ, ווי שטערן, געלויכטן מיט א וואַרעמער צאַרטקייט, און אירע פרישע, פּײַכטע ציין האָבן מיט א פּערלדיקער ווײַסקייט אַרויסגעבליצט דורך אירע פולע האלב־אָפענע ליפּן.

און כאָטש זי איז געווען עלטער פון מיר אף גאַנצע דרײַ יאָר, האָב איך אין א זיסער פאַרטראַגנקייט געקוקט אף איר פון מײַן באַהעלטעניש, געפילט, ווי עפּעס א צאַפּלדיקע פרייד גייט ארום אין האַרצן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אז קיינער, אויסער מיר, באַמערקט ניט איר שיינקייט, אַן אויסדערוויילטע שיינקייט פון א באַסמאַלקע, וואָס איז ווערט באַזונגען צו ווערן ווי אין שיר־השירים:

ווי א ליליע פון שאראָן דײַן שיינקייט ציכטיק ריין,
פאַרשיקערט שטאַרקער פון בעסטן שרימיקן ווײַן...

פּלוצעם האָט א פּײַף, ווי א כאַלעף, געשפּאָלטן דעם דרויסן. איך האָב געהערט, ווי איר טאַטע, דער מילנער, האָט ערגעץ פון דער טיף אלקער אַרויסגעכאַרכלט מיט אַן איבערגעזיפּט קאָל:

— שוין ווידער דער יונגאַטש!

זי האָט, דאַכט זיך, ניט געענטפערט, נאָר אין גיכער אײַלעניש אראָפּ די פאַרסקריפּענדיקע טרעפּ, ווי א שאָטן פאַרבײַגעשוועבט נאָענט לעבן מיר. איך האָב דערפילט דעם רייעך פון אירע שווערע, צעלאָזטע האָר. געזען איר שטראַלנדיק פּאָנעם. דער גאַנצער קישעף מײַנער איז מיטאַמאָל צערונען געוואָרן, און עפּעס א הייסער פאַרדראָס האָט געבריט אין האַרצן.

ניט ווײַט הינטער דער מיל בושעוועט א ברויזנדיקער וואַסערפאַל. טרײַבט מיט אימפּעט זײַנע וואַסערן באַרג־אַראָפּ. און די זון צעוואַרפט אין אים אירע פלאַמיקע שטראַלן. קרישלען זיי זיך און בלישטשען ווי שפּליטערס פון א צעבראָכענעם שפּיגל.

דאַכט זיך, ווי נעכטן האָבן די זעלבע וואַסערן פאַרקערעוועט צו דער מיל, געטריבן מיט א פריילעך געזאַנג די הילצערנע ראָד. און איצט שרײַט אַרויס פון זיי עפּעס א ווילדע בענקשאַפט.

נאָענט באַם ברעג שטייט אַן אַלטער פּויער מיט ווײַסע פּאַסמעס האָר ביז די אַקסלען. זײַן גראָב הוצוליש העמד איז אויך ווײַס, מיט רויטע פּליטערלעך אויסגענייט. ער שטייט אָנגעשפּאַרט אויף זײַן סוקעוואַטן שטעקן, די פֿאַרביקע טאָרבע פֿאַרוואָרפֿן אויפֿן רוקן, און זעט אויס ווי נאָרוואָס אַרויסגעשפּאַנט פֿונעם נעכטן. ער באַגעגנט מיך מיט אַ פֿריידיקן בליק, און אין זײַנע גלעצע, פֿאַרייכערטע וואָנצעס פֿלאָנטערט זיך אַ גוטמוטיקער שמייכל.

— סטאָהנע וואָדאָהרײַ... ניבע סטאַראָהאָ ראַבינאַ קליטשע....

איך פֿאַרשטיי, וועמען ער מיינט. ענטפֿער אויך אָפּ מיט אַ שמייכל. און פּלוצעם דאַכט זיך מיר, אַז דאָס האָט דער באַלשעמטאָוו זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַן אַלטן פּויער און געקומען ערעוו שאַבעס זיך טויוולען אין זײַן מיקווע...

זי איז געזעסן באַם ברעג אַנטקעגן דעם זעלבן וואַסערפֿאַל, וואָס דער באַלשעם האָט גע־נוצט פֿאַר אַ מיקווע.

אַ לויטערער מאָרגן האָט מיט אַ פֿרישער ליכטיקײַט זיך ברייטהאַרציק געשפּרייט אַרום איר. די זון האָט פֿאַרוועבט זי אין פֿלאַמיקע פֿעדעם. און באַלויכטן פֿון אַ זוניקן צויבער, האָט זי מיט אַ קונציקער רירעוודיקײַט צעוויגט אירע לאַנגע שוואַרצע האָר, וועמענס שטומע שטילקײַט האָט פֿאַרבאָרגן אין זיך עפּעס אַ קישעף.

אַף וועמען האָט זי געוואַרט אין אַזאַ שפּילנדיקן מאָרגן? וועמען גערופֿן מיט איר ריינער, קלינגענדיקער שטים?

איך האָב אַ פּערעלע געסיליעט,
איך האָב אַ פּערעלע פֿאַרלוירן.
איך האָב געהאַט אַ טײַערן דימענט
און האָב אים אָנגעווירן.

איר קאָל האָט זיך אויסגעמישט מיט די קלאַנגען פֿונעם וואַסערפֿאַל, און אַזאַ אומצעטייל־באַרע קרויוועשאַפֿט איז געווען צווישן זיי ביידן, גלײַך אַ רוסאַלקע, אויסגעוועבט פֿון שטראַלן, וואָלט אַרויסגעשווומען פֿון זײַנע שטורמישע טיפֿענישן.

אַ פֿאַרגאַפֿטער בין איך געשטאַנען אין דער געדיכטקײַט פֿון נידעריקע ווערבעס. אַזעלכע נידעריקע, ווי זיי וואָלטן זיך געשלאָגן מיט דער דייע: וואַקסן צי ניט. און מיט אַלע מײַנע פֿאַרשאַרפֿטע כושים אויפֿגעכאַפּט יעדע באַוועגונג אירע, יעדן קלאַנג.

אַרום איז געווען אַזוי שטיל, אַז דער אייגענער אָטעם האָט געשראָקן, פּונקט עמעצער וואָלט מיט שפּיציקע בליקן מיר נאָכגעקוקט, און די שטילקײַט האָט געשפּילט מיט שטיפֿערישע קוילעס פֿון באַשעפֿענישן, וואָס האָבן מיט אַ קאַלטן כויזעק זיך אָפּגערופֿן פֿון דער נאָענט:

— אײַ, סאַראַ כאַרפּע!

איך האָב נאָך טיפֿער זיך אַרײַנגעפּלאָנטן אין די צווײַגן, ווי איך וואָלט פֿאַר זיך אַליין זיך אויסבאַהאַלטן, און פֿאַרגעסנדיק אינעם צענטן געבאָט, האָב איך געגאַרט צו איר. אומ־פֿאַרשטענדלעכע פֿאַרלאַנגען האָבן געריסן מײַן געמיט. איך בין געשטאַנען צווישן הימל און ערד, אַ יונג יעשיוועבאָכערל מיט אַ פֿאַרבאָרגענער זינד אין האַרצן, אַ פֿאַרלוירענער אין מײַן אייגענער צעקלעמטער אומבאַהאָלפֿנקײַט.

אַ ווינטל האָט גענומען רוישן אין דיביימער ווי מיט מענטשלעכע שטימען, וואָס האָבן ווי געוואָרנט:

— געדענק, עבֿרה גוררת עבֿרה![2]

עפּעס אַן אומרו האָט זיך געטראָגן אין דער לופֿט און דורך די ווערבעס זיך אַרײַנגעריסן אין מײַן האַרץ.

מיטאַמאָל האָב איך באַמערקט, אַז זי קוקט אין מײַן ריכטונג. צי דען האָט זי אויפֿגעדעקט מײַן באַהעלטעניש? אַף איר פּנים האָט ווי דער מאָרגנרויט זיך צעשפּילט אַ ליכטיקער שמייכל. און אין די אויגן האָט געצאַפּלט עפּעס אַ ניט אויסגעלאַכט געלעכטער.

— אײַ, סאַראַ כאַרפּע...

איך האָב אויפֿגעציטערט, ווי מע וואָלט מיך געכאַפּט בײַ אַ שרעקלעכער גנייווע, און אַלע מײַנע אייוורים האָבן אויסגעדריקט דעם ציטער. פֿונקען האָבן געטאַנצט פֿאַר די אויגן, גלײַך ס'האָט פּלוצעם גענומען האָגלען מיט שטערן. איך האָב דערפֿילט, אַז מײַן פּנים האָט אויפֿ־געפֿלאַמט מיט אַ צונטער־רויטן פֿלאַם. און מײַן אײַנציקער באַגער אין אָט דעם אויגנבליק איז געווען — אַנטלויפֿן. זיך ווי אַ פֿויגל אויפֿרײַסן פֿון אָרט און פֿאַרשווינדן.

אַ ווינטל האָט אָנגעיאָגט און שטיל געריושט אין די ביימער:

[1] אוויירע גוירערעס אוויירע — איין אוויירע איז גוירעם אַ צווייטע.

— נאַרעלע, אַפּילו דער באַלשעם האָט געהאַלטן, אַז דער קוועך פון הייליקייט ליגט ניט אינעם פּאַכדאַנעסדיקן אַנטלויפן פון ערדישער פרייד...

דאָס אַלץ האָט געדויערט געציילטע רעגעס. נאָר יעדער רעגע האָט מיר אויסגעזען אַן אייביקייט. איך האָב טיפער זיך אַראָפּגעלאָזט אין די ווערבעס. קימאַט זיך אַראָפּגעזעצט. און אַ טרוקן געוויין אָן טרערן האָט געשטיקט אין האַלדז:

פּאַרוואָס האַסטו אַזוי פרי
זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר,
מײַן שולאַמיס,
מײַן אויסגעפּיבערטע אין טרוים
פון יונגע, אומרויִקע נעכט...

אין מײַנע פּופּצן ווײסנעס האָב איך ניט געוווּסט, אַז אויף דער וועלט זײַנען פאַראַן פראַגן, וואָס בלײַבן קיינמאָל ניט פאַרענטפערט.

זי איז געזעסן באַם ברעג. ווי אַ רוסאַלקע צעוויגט איר קויל־שוואַרצע האָר, די כוואַליעס האָבן זיך געלאַשטשעט צו איר מיט אַ ווײַסער שוימיקער צאַרטקײַט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ניט פאַר מיר האָבן די הימלען געבלויט און די זון האָט געלויכטן, ניט פאַר מיר האָבן די ווערבע־צווײַגן געפלאָכטן אַן אוזאָר אויף פאַן פון אַ ריינעם זוניקן מאָרגן...

נאָענט באַ דער מיל שטייט נאָך אַלץ דער אוראַלטער ברייט־צעוואַקסענער דעמב.
אַ סאַך האָט דער גוואַר געזען אויף זײַן לעבן!

ער האָט געזען יידן, וואָס זײַנען מיט דורעס צוריק, געיאָגטע פון ווײַטע מיזרעוודיקע ווײַטן, אַנטרונענע פון אינקוויזיציעס און קרייץ־צוגן, געקומען אהער בויען נײַע היימען. געזען מײַנע עלטער־זיידעס, די ערשטע יידישע פּליטנטרײַבער מיט העק אויף די לענדן, אין דער טאַרבע טאַלעס־און־טפילין, אַ לאַבן שוואַרץ אַלט־געבאַקן ברויט מיט עטלעכע ציבעלעס און אַ פּלעשעלע בראָנפן.

די צײַט איז געגאַנגען אַ יאָר נאָך אַ יאָר, אַ דאָר נאָך אַ דאָר. קלאַנגען און ווידערקלאַנגען וועגן אַ נײַער ווײַטער וועלט האָט דערגרייכט צו די ברעג, געמאַניעט, געקישעפט.

איך שפּאַר אָן מײַן גראַוון קאָפּ צו דעם טיף־געקאַרבטן דעמבענעם שטאַם, ווי איך וואָלט זיך צוגערירט צו די שאָטנס פון אָן אָפּגעלעבטער צײַט.

זי איז אוועק פון דער היים. דער הונגער האָט זי אַרויסגעטריבן פון טאַטנס שטוב, ווען אַ ווילדע, כײַישע סינע האָט טראָפּנווײַז געוומען פאַרסאַמען די וועלט, און באַראַן פאָן שטיפט, דער אַכזאָריעסדיקער טרעגער פון אָט דער סינע, האָט באַ דעם יידן צוגענומען די מיל.

איר גאַנץ מיידלש פאַרמעגן האָט זי פאַרבונדן אין דער מאַמעס אָפּגעבליאַקעוועטער שאַבעסדיקער שאַל און מיט אומעטיקע בליקן זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך וועלן עפּעס דערמאָנען.

זי איז אוועק, און מײַן כאַלעם האָט זיך איבערגעריסן!

פון ערגעץ ווײַט נידערט אַראָפּ אַ קילער פאַרנאַכט. הילט אײַן די ברעג אין שטילער דעמערונג. די מיל שטייט אַ שוואַרצע, צעלעכצטע, ווי אויסגעפּאַטשט פון ווינטן און רעגנס — אַ לעבעדיק בילד פון כוישעך און עלנט.

די וועגן, וואָס האָבן אַמאָל געפירט צו איר, זײַנען אײַנגאַנצן פאַרוואַקסן. קיינער גייט ניט מער איבער זיי. פאַרוואַקסן זײַנען אויך די געהיימע סטעזשקעס צו די היילן אין די באַרג־שפּאַלטן. פאַרביטערטע שלאַכטן האָבן דאָ באַגעגנט דעם בלוטדאָרשטיקן סוינע, וואָס איז אין אַ שטילן זומערדיקן פאַרטאָג באַפאַלן די קאַרפּאַטן.

דער אָנקום פונעם פאַרנאַכט צעוואַרפט לאַנגע שאָטנס. אַ מוירעדיק שווײַגן לויערט אַרום דער מיל. און נאָר דער אוראַלטער דעמב פלאַטערט מיט דער געדיכטקייט פון די בלעטער.

יענער פאַרנאַכט איז געווען אַזאַ פרידלעכער, רויִקער. פייגעלעך האָבן אומגעשטערט געזונגען אין די צווײַגן, און די בערג האָבן געדרעמלט. נאָר דער ווינט האָט אומעטיק געראַוישט. און דער אַראָמאַט פון ווילדע צײַטיקע פּיירעס האָט זיך אויסגעמישט מיט רייכעס פון בלוט און סרייפעס.

אין איינע צווי מעסלעס איז געוואָרן א סאַך קימאַט צו אַלע יידן, וואָס האָבן הונדער־טער יאָרן אָפּגעגעבן אָט דער ערד די וואַרעמקייט פון זייערע הערצער. און דער ווינט האָט העפקער אַרומגעטראָגן דעם טרויער פון אומקום.

זי איז געלעגן באַם ראַנד פון וואַלד לעבן צוויי דינינקע בעריאָזקעס, ווי לעבן צוויי אויסגעלאָשענע ליכט. דאָס קליידל, דורכגעלעכערט פון קוילן, איז געווען ברוין פון פאַר־באַקן בלוט. איר פּנים איז געווען רויִק, ווי זי וואָלט זיך צוגעלייגט א דרעמל טאָן. נאָר די ברעמען זײַנען ווי אומבאַגרײַפלעך פאַרגליווערט געוואָרן.

ניט קיין באַנדיטישע קויל פון באַנדעראָווצעס האָט איבערגעריסן איר לעבן. זי איז געפאַלן מיט א העלדן־טויט אין איינעם פון די ערשטע בלוטיקסטע שלאַכטן מיטן סוינע. און איך בין געזעסן אַף דער ערד, ווי אַן אָזול, און שטיל געוויינט. און אין קאָפּ האָבן זיך גע־פלאָנטערט שורעס, שורעס פון א ניט־פאַרשריבענער ליד:

כ׳האָב מײַן סאַד ניט אַנטפּלעקט פאַר דיר,
ווען דו האָסט, ווי א בלום, געבליט,
ווען דײַן בליק איז, ווי א פלאַם געווען,
וואָס האָט געוואַרעמט אין מינוטן פון פאַרצווייפלונג.
איך האָב געהונגערט נאָך דיר,
ווען ליבע און ליידן האָבן זיך צוזויפגעגאָסן,
און דו האָסט אַף מײַן הונגער זיך ניט אָפּגערופן...
וועמען וועל איך איצט מײַן ליד אויסזינגען?

זי איז געווען עלטער פון מיר מיט דרײַ יאָר.

הײַנט בין איך עלטער פון איר אַף גאַנצע דרײַ און דרײַסיק. איך שטיי פאַר דער מיל, ווי פאַר עפּעס א הייליקײַט, צו וועלכער איך בין גרייט טפילע טאָן. איך קוק אַרויף צו דעם איינציק פאַרהאַקטן פענצטער, באַ וועלכן איך האָב אויסגעזוכט דעם זיסן קוואַל פון מײַן ערשטער ליבע. און די בערג האָבן געגעבן מײַן כאַלעם א דאַך איבערן קאָפּ.

# קאַרשנביימער בליִען...

נאָך פון מײַן פריִער קינדהײַט געדענק איך דאָס קליינע דערפעלע באַם בערג פונעם טשערמוש מיט דעם צערטלעכן סלאַווישן נאָמען:

טשערעשענקא.

איך געדענק די קאַרשנביימער, וואָס האָבן וועסנע־צײַט אײַנגעהילט אין ווײַסן צוויט די קליינע הוצולישע כאַטקעס, צעשטעלטע איבער די בערג, ווי בינשטאָקן, און קוים האָט דער ווינט זיך צוגעריִרט צו די צווײַגן, האָט די ווײַסע בליִונג געגומען פאַלן און ווי מיט א גע־דיכטן שניי באַדעקט די ערד.

איך געדענק דעם פרילינג מיט די טיפע, לויטערע הימלען, באַלויכטענע פון ווײַטע פלאַמען, און דעם ערשטן דונער, וואָס האָט לאַנג און ווילד זיך געקײַקלט איבער די בערג.

טשערעשענקא...

די פאַרנאַכטן זײַנען דאָרט שטענדיק בלוי געווען, מיט דינע רויטלעכע נעפּלען באַזוימט. פון די וועלדער האָט זיך געטראָגן א שאַרפער און קלעפּיקער אַראָמאַט פון יונגע סאָסנעס, און די לופט האָט געשמעקט מיט צאַרטער, זיסלעכער קילקײַט.

צופוסנס פון די בערג, אַף אויסגעטראָטענע סטעזשקעס האָבן אין דעמערונג פאַרליבטע פּאָרלעך אַרומגעבלאָנדזשעט, און דער וואַלד האָט פאַר זיי א וווּנדערלעך ליבע־ליד געזונגען.

די אידילישע ברעגן פונעם טשערמוש האָבן געוועקט א בענקשאַפט, און פאַסטעכער האָבן די בענקשאַפט אין ווערטער אָנגעטאָן:

היי, טשערעשענקא — ליכטיקער פרילינג,
ווי א צעבליטער גאָרטן שיין,
מיט ביימער, שווער פון פּירעס,
און מיידלעך, פול מיט כיין...

האָט איינמאָל דער טאָג זיך דאָרט אויסגעלאָשן פאַר דער צײַט, און אַ שטאָקפינצטערע נאַכט איז באַפאַלן דאָס דאָרף. די בערג זײַנען געשטאַנען פאַרקלערטע, ווי אין טרויער גע־הילט, און גרויזאַם געשוויגן. אפילו דער טשערמוש האָט אײַנגעשטילט זײַן רויש, און נאָר אַ שוואַך, עלנט קרעכצן האָט פאַרלוירן זיך געוויגט אױף זײַנע כוואַליעס און זיך אַרײַנגעגאָסן אין דער פאַרגליווערטער שטילקייט.

און באַם סאַמע ראַנד פונעם וואַלד האָט עמעצער אין אײַלעניש פאַרגעסן צו צעטרעטן די לעצטע פונקען פון אַן אויסגעברענט פײַער, האָבן זיי, ווי בלוטיקע שטערן, געטליִעט אין דער פינצטערער נאַכט און אײנציקווײַז פאַרלאָשן געוואָרן...

אין יענער נאַכט האָט אָטאָ האָסביין געמאַכט די ערשטע נאָטיצן אין זײַן נײַעם טאָגבוך:

„הוראַ, איך בין ווידער באַ זיך אין דער היים! איצט איז זי אינגאַנצן יודענפרײַ. באַנ־דעראַס לײַט האָבן אויסגעצייכנט צוגעהאָלפן. בראַוואָ!"

ניט פון נעכטן האָט אַרום טשערעשענקאַ געוועלטיקט אָטאָ האָסביינס פאָטער, דער אַלטער באַראָן פאָן האָסביין. און אַלץ איז אויך געווען זײַן שלאָס מיט די פאַרשפּיצטע טורעמס, ווי געשאַרפטע שווערדן. איבער די אַלטע ווענט, אײַנגעטונקטע אין ווילדע געוויקסן, זײַנען שאָטנס אומרויִק געלאָפן צו די טורעמס און פון דאָרט צוריק צו די קעלערס, וווּ ס'האָט אין פינצטערע צײַטן ניט איין לעבן זיך פריצײַטיק אָפּגעשטעלט...

האָסביין, כאָטש אַן אָפּשטאַמיקער פון עסטרײַכישן אַדל, האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ דײַטש און זײַן זון אָטאָ אויך אופגעצויגן אין שטרענגן גערמאַנישן גײַסט. צו פופצן יאָר איז ער שוין געווען אַ לײַדנשאַפטלעכער יעגער, גאַנצע טעג פאַרפאַלן געוואָרן אין די אַרומיקע וועלדער, זיך געיאָגט נאָך ווילדע חײַעס און מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן צוגעזען, ווי, שווער־פאַר־וווּנדעטע, ווערן זיי פאַרקלינעט אין אייגענעם בלוט. אין זײַנע קאַלטלעכע וואַסערדיקע אויגן פלעגט זיך דאַן אָנצינדן אַ שמאָל פײַערל, ווי באַ הונגעריקע וועלף, און דער ברייטער שראַם, וואָס האָט צעשפּאָלטן זײַן רעכטע באַק, פלעגט ווערן צונטער־רויט.

און ווען עס האָבן שוואַרצע כמאַרעס זיך פאַרצויגן איבער די בוקאָווינער קאַרפּאַטן, און באַשעפעניש אין ברוינע העמדער מיט שוואַרצע האַקנקרייצן אויף די אָרעמס און מיט טעמ־פּע, ווי פון מעשוגאַס, פאַרקרימטע פּנעמער האָבן אָנגעהויבן פּראַווען ווילדע אָרגיעס, האָט אָטאָ האָסביין, דער געניטער יעגער, פאַרביטן דעם וואַלד אויף אוניווערסיטעט און אין איינעם אַ טאָג דערשאָסן אַ ייִדישן סטודענט.

און עס האָט אָפּגעהילכט ווײַט אין די קאַרפּאַטן דער ערשטער שאָס, דער ערשטער ווײ־געשריי פון אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט...

גערמאַנישער גײַסט... גערמאַנישע דערציִונג!

באַם סאָף פונעם באַראָנישן פּאַרק, וואָס פאַרייניקט זיך מיט די בערג, און וווּ דער רוי־שיקער וואַסערפאַל פאַרטראָגט די טשערמוש־וואַסערן צו די מיל־רעדער, האָט אַרויסגע־שטאַרצט אַ גרויסער ריזיקער פעלדז. פון איין זײַט האָט אַן אַלטע ווערבע געוויגט איבער אים אירע לאַנגע צעפלאָכטענע צווײַגן, און אויף אירע לענגלעכע בלעטער, ווי אויף פינגער, האָט געציטערט דער זון־פאַרגאַנג. פון דער צווייטער זײַט האָט אַ יאַם פון ליכט אים פאַרגאָסן, און ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן, ווי אין בורשטין.

יעדן פאַרנאַכט האָט הינטער זײַן רוקן זיך באַהאַלטן אַ יונגער ספּלאַוויניק און מיט פאַר־הוילענע בליקן אויף עמעצן אַרויסגעקוקט.

פון די אַלייען האָט זיך באַוויזן אַ פרויען־געשטאַלט אין אַ ווײַס זײַדן קלייד, וואָס האָט גערוישט מיט אַ שטילן פלאַטער. אירע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט, און אויפן קאָרנפאַר־ביק פּאָנעם האָט געשפּילט אַ קוים באַמערקבאַרע אומרויִקייט. זי האָט זיך געשאַרט לײַכט, ווי אַ שאָטן, און געקישעפט מיט איר איינמאַליקער, פרישער און באַצויבערנדיקער יונגקייט.

„צו ווען אײַל איך?.."

זי האָט אויף אַ רעגע זיך אָפּגעשטעלט. געשטאַנען ווי אַ יונגע ווײַסע בעריאָזקע, און גע־דאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין מויער:

„און אויב מע שפּירט מיר נאָך? וואָס פאַרא לײַדן דערוואַרטן מיך, ווער ווייסט?..."

אַ סאָסנע האָט זיך צוגעהערט. אויף איר געקאַרבטער קאָרע האָט אַ בלישטשע געטאָן אַ געלבלעכער טראָפּן סמאָלע, דורכזיכטיק, ווי אַ טרער. אונטער אַ סטריכע האָבן געוואָרקעט טויבן:

גליק וועט זײַן!

נאָר זי האָט ניט געהערט דאָס וואָרקען. זי האָט געהערט איר אייגן האַרץ. און דאָס האַרץ האָט געטיילט צום פעלדז.

דער ספּלאַווניק האָט זיך אומגעקוקט, זי דערזען, און זיי האָבן, ווי צוויי כוואַליעס, זיך צונויפגעגאָסן...

א סטייַע שוואַלבן איז פאַרבייַגעפלויגן. דער הימל האָט זיך צעזונגען. און ערגעץ ווייַט־ווייַט אין דער טונקעלער געדיכטקייַט פון א פאַרצווייַגטן בוים האָט א סאָווע געקרעכצט:

— אַר־אוך... אַר־אוך... אַר־אוך!

צי דען וועלן איך צאָרעס, אומגליקן זייַן?

די סאָסנע האָט פאַרלוירן א טרער...

און ווען די ערשטע שטערן האָבן זיך אָנגעצונדן, האָט דורך איינעם פון די אָפענע פענצטער דעם באַראָנס אַלטע, כריפּענדיקע שטים געזוכט:

— אילזע, איזאַלדע!

זי האָט זיך אומגעקערט מיט די זעלבע שטילע טריט, און אַף איר רויטע, ווי מיט קאַרשן־זאַפט באַדעקטע, ליפּן האָט זיך לאַנג נאָך פאַרהאַלטן דער פּייַכטער, וואַרעמער אָטעם, וואָס האָט געשמעקט מיט וואַלד, וואַסער און ביליקן טאַבאַק...

וועגן אָט דער אילזען זייַנען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע קלאַנגען. מע האָט געזאָגט, אַז זי איז ניט קיין אייגענע טאָכטער דעם באַראָנס, נאָר דאָס האָט ער זי פאַר שווערע געלטער אָפּגעקויפט בא דורכפאָרנדיקע ציגייַנער. אָבער צוליב וואָס האָט דער באַראָן באַדאַרפט אָפּ־קויפן א פרעמד קינד, איז געבליבן א סאָד.

א זון פון א רומענישן גוטסבאַזיצער, א יונגער יוריסט און דירעקטאָר פון א גרויסער פירמע האָט זיך געשאַדכנט צו אילזען. אויך אָטאָ איז ניט געווען גלייַכגילטיק צו איר. קינד־וווייַז זייַנען זיי געוואַקסן ווי לייַבלעכע ברודער און שוועסטער. נאָר קוים איז, ווי אין דייַ־טשישן מייַסעלע, „דער יונגלינג צום מאַנע געוואָרדען", האָט אָטאָ גענומען לויערן איבער איר, ווי א רויבפויגל...

אָבער אילזע איז פאַרליבט געווען אין א יונגן ספּלאַווניק מיט טיפע בליקן, ווי ריין וואַ־סער, דורכזיכטיק און בלוי. זי האָט אינדערשטיל זיך געטראָפן מיט אים, און דער פעלדז האָט פאַרשטעלט זייער באַגעגעניש.

איינמאָל אין א פאַרנאַכט האָט דער אַלטער באַראָן לאַנג אַרומגעזוכט אילזען אין פּאַרק, נאָר זי איז אין ערגעץ ניט געווען.

אָפּן טשערמוש איז געשוואומען א ספּלאַוו, און אים האָט באַגלייט א לויטערע לעוואָנע־נאַכט. כוואַליעס האָבן געטאַנצט, געקלונגען, גלייַך כאַסענע־גלעקלעך...

ווען באַראָן פאָן האַסביין האָט זיך דערוווּסט, אַז אילזע איז אַוועק מיט א פליסנטרייַבער, האָבן גענומען ציטערן בא אים די געקנייטשטע פליישיקע קינבאַקן. ער האָט פאַר קאַס אויס־געשפּיגן די פרעמדע ציין און מיט נאַקעטע יאַסלעס קוים אַרויסגעבראַכט איינצלנע, אָפּגע־האַקטע זילבן:

— פערררר־דאַממ־טעס יודען־בלוט!

און ס'איז שווער געווען צו טרעפן, וועמען ער מיינט, צי דעם ספּלאַווניק, צי זייַן אייגענע אילזע.

דאָס ערשטע מאָל פאַר צוויי צענדליק יאָר האָט ער זיך דערמאָנט אינעם קליינעם ייִדישן שטעטעלע אין גאַליציע, וועלכעס „זייַנע מענטשן" האָבן אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע באַראַבעוועט. זיך דערמאָנט אינעם קינד, וואָס האָט געוועקט מיט א געוויין דעם טויטן גוף פון דער מוטער, און ער האָט מיט נאָך מער צאָרן איבערגעכאַזערט:

— פערדאַמטעס יודען־בלוט!

אויך דער יונגער האַסביין האָט נאָך אילזעס אַנטלויפן געהאַט א געפיל, ווי עמעצער וואָלט אים באַרויבט. זייַנע בלוטן האָבן געזאָטן פון רעציכע, און אין אים האָט געברענט א דאָרשט, וועלכן ער האָט ניט באַוויזן צו לעשן...

וואָכנלאַנג האָט מען אילזען אַרומגעזוכט. דער אַלטער, באַלייַדיקטער באַראָן האָט שטרענג באַפוילן:

— טויט אָדער לעבעדיק!

עס זייַנען אַרויסגעשיקט געוואָרן שטעק־בריוו אין אַלע פּאָליציי־קאָמיסאַריאַטן. די זשאַנ־דאַרמעריע האָט געגנישטערט אין דערפער און וועלדער. דורכגעשטרייַפט בערג און טאָלן. נאָר דער ספּלאַווניק איז געווען א זון פון די בערג, און די באַרג־הייַלן האָבן אים אויסבאַ־האַלטן...

אין א קורצער צײַט ארום זײַנען די טשערמוש־ברעגעס פלוצעם אָפּגעראַמט געוואָרן פון באַראַנען און גוטבאַזיצער. און קיינער האָט מער ניט פאַרפאָלגט די פאַרשווּנדענע אילזע. זי איז באַלד געוואָרן א לערערן אין א נײַ־געשאַפענער שול, און ער, דער ספּלאָוויק, פּאַרטיזאַנער פון דאַרפסראַט. און עס האָט יונג און אַלט זיך מיטן לעבן געפרייט.

נאָר פאַרוואָס קרעכצט אין די נעכט אזוי יאָמערלעך די סאָווע?

— או־אוּך! או־אוּך!

צי דען אָך אומגליק?

ארום און ארום איז אזא שיינער, ליכטיקער פרילינג, קאַרשנביימער בליִען און הילן אײַן דאָס דאָרף אין ווײַסן צוויט.

טשערעשענקאַ...

האָט איינמאָל דער טאָג זיך דאָרט אויסגעלאָשן פאַר דער צײַט. און דער וויכער פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, וואָס האָט מיטן איבערפאַל אַפן ראַטנפאַרבאַנד אָנגעהויבן זײַן בלוטיקן וועג דורך די קאַרפּאַטן, האָט צוריקגעבראַכט דעם יונגן באַראָן אָטאָ פאָן האַסביין. און ער האָט דעם אומקער אין זײַן טאָגבוך פאַרשריבן:

„...ווײַטער איז אַלץ ווי געווען. די קאַרשנביימער האָבן שוין לאַנג אָפּגעבליט. זיי שטייען איצט, ווי אָפּגעברענטע, און דער טײַך דרייט האַסטיק זײַערע טויטע בלעטער... די וועלדער רוישן אין צײַט פון געוויטער, לאַקן. נאָר איך האַלט זיך אָפּ פון גיין אין זיי ווײַט. באַנדעס פון הוצולן און ייִדן, וואָס רופן זיך פּאַרטיזאַנער, ווילדעווען אין די בערג. אין די ליידיקע צימערן פון אונדזער ווילע איז אומהיימלעך. מיר דאַכט, ווי איך פאַרנעם די שטרענגע, כריי־פּענדיקע שטים פון מײַן פאָטער, זי שוועבט, ווי א פלעדערמויז, ארום צווישן די ווענט. זי רופט: אילזע, איזאַלדע! קיינער אָבער ענטפערט אים ניט. דורכן אָפענעם פענצטער דערגייט צו מיר דער לײַכטער זײַדענער שאָרך פון איר קלייד. עס דערנעענטערט זיך דער דופט פון איר הייסן אָטעם... קוואַטש! דאָס ריזלען אזוי די טאָפּאָלן...“

און דאָך האָט דער געניטער, לײַדנשאַפטלעכער יעגער זיך ניט אײַנגעהאַלטן. עס האָט זיך געגרייט אן אומגעריכטער איבערפאַל אָף פּאַרטיזאַנישע טיילן. אָטאָ האַסביין האָט גוט געקענט די בערג און טאָלן.

און שוין בייסן ערשטן אופמאַרש האָט ער באַגעגנט באַם ראַנד פון דאָרף א בעטלערקע מיט באָרוועסע, צעשטאָכענע פיס, אָנגעטאָן אין האַלב־הוצולישע, האַלב־ציגײַנערישע אָפּגע־ריסענע קליידער, פון וועלכע ס'האָט געאָטעמט מיט ווינט. זי האָט נאָך אויסגעזען יונג, נאָר איר פּאָנעם איז געווען בלייך, אויסגעצערט, און צוויי ברענענדיקע אויגן האָבן ווי אין פיבער געפינקלט. אָטאָ האָט, דערזעענדיק זי, אופגעציטערט, געמאַכט א שפּאַן אָף צוריק, ווי ער וואָלט פאַר עפּעס זיך פלוצעם דערשראָקן:

— איל־זע?

זי האָט מיד און גלײַכגילטיק זיך אָפּגעשטעלט פאַר אים, און, אופהייבנדיק אירע בליקן, א ווײַלע זיי פאַרהאַלטן אָף די טויטנקעפּ מיט די געקרייצטע ביינער, וואָס האָבן באַצירט זײַן קאָלנער, און גאָרניט געענטפערט.

האַסביין האָט מיט שטעכיקע בליקן זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס. אין געדאַנק זי אויס־געטאָן פון די אָפּגעריסענע שמאַטעס, און פאַר אים איז מיטאַמאָל ווידער געשטאַנען די פּרעכ־טיקע, אמאָליקע אילזע. ער האָט אופגעהויבן די ברעמען, צודרינגלעך געקוקט אין אירע אויגן, נאָר כאַפּן זײַער אויסדרוק ניט געקאָנט.

— אילזע! נו, גענוג זיך פאַרשטעלן!

זי האָט געשוויגן. נאָר די ליפּן האָבן זיך צעקרימט אין א פּײַנלעכער גרימאַסע, און ס'איז אויסגעקומען, ווי זי וואָלט אײַנצײַטיק אי געוויינט, אי געלאַכט. און ער האָט ווידער צונויפגעצויגן די ברעמען אין א גלײַכער און אכזאָריעסדיקער ליניע.

פלוצעם האָבן זײַנע בליקן א פאַל געטאָן אָף איר בויך. ער איז געווען פאַרשפּיצט און האָט צעשפּאַרט די פאַלדן פון איר אונטער־ראָק. וויִאזוי האָט ער עס גלײַך ניט באַמערקט?

— ביסט שוואַנגער, הונדע־פּעלץ?

זי האָט א שפּיז געטאָן מיט די אויגן, ווי בליצן וואָלטן זיך אין זיי געצונדן. און האַסביין איז מיט דעם פויסט איר פאַרפאָרן צווישן זיי, גלײַך ווי מיט דעם שטויס וואָלט ער געמיינט אויסצולעשן דאָס פײַער, וואָס האָט פון דאָרט ארויסגעפלאַמט, און אים האָט זיך אויסגעוויזן, ווי פונעם פאַריסענעם בויך קוקט אָף אים נאָך א לעבן. קוקט מיט די זעלבע ברענענדיקע בליקן...

— פּערדאַמטעס יודען־בלוט!

האָט ער מיט דעם זעלבן קאַס, אַ געיאַרשנטן בא זײַן פֿאָטער, אַ קריץ געטאָן מיט די צײַן.

אָטאָ האַסביין שרײַבט אין זײַן טאָגבוך:

„...און דאָך האָב איך זי ניט אומגעבראַכט. פֿאַראַן באַ יעגער אַ געזעץ, וואָס פֿאַרווערט צו שיסן אַף כײַעס, ווען יענע טראָגן אויס זייערע יונגע. כ'האָב באַפֿוילן זי פֿאָשעט צובינדן צו אַ ספּלאַוו און אים אַפּלאָזן מיטן וואַסער...״

אין יענער נאַכט איז טאַקע קיין איין שאָס ניט געפֿאַלן באַם דאָרף טשערעשענקאַ. עפּשער דערפֿאַר, ווײַל עס איז געווען שטאָקפֿינצטער, און עפּשער איז שוין ניט געווען מער וועמען צו שיסן. נאָר אַפֿן טשערמוש איז עלנט אַרומגעשווומען אַן אָפּגעשפּאָלטענער טייל פֿון אַ ספּלאַוו, ער האָט געקרעכצט, ווי אַ מענטש, ביז ס'האָבן די שטאַרצנדיקע סקאַלעס אים צע־שלאָגן און ער איז פֿאַרטרונקען געוואָרן...

ווײַט פֿון די קאַרפּאַטן, אין די צאָפֿן־קאַווקאַזער בערג, באַם סאַמע טײַך באַקסאַן, איז אַף אייביק פֿאַרבליבן שטורמבאַנפֿירער אָטאָ האַסביין.

איך האָב נאָך דער מילכאָמע דאָרט געאַרבעט אַלס לערער, און קינדער, וואָס האָבן גע־שפּילט זיך אין די בערג, האָבן אין איינעם אַ שפּעטהאַרבסטיקן פֿאַרנאַכט מיר געוויזן זײַן טאָגבוך, וואָס זיי האָבן געפֿונען.

מיט רויב און מאָרד האָט געווייעט פֿון דער אויסגעטאַקטער, שאַרף פֿאַרשפּיצטער גאָטי־שער שריפֿט. אַף אייניקע זײַטלעך איז זי געווען איינגאַנצן פֿאַרווישט, דורכגענעצט פֿון רעגנס. און אויסגעזען ווי אַ געגרבאַרי פֿון אויסגעטריקנטע טרערן...

איך האָב געלייענט, ניט אָפּרײַסנדיק זיך פֿון די זײַטלעך, ווי איך וואָלט דערזען מיטאַ־מאָל די פֿלאַמען פֿון פֿאַרסאַרפֿעטע שטעט און דערפֿער. דערהערט די וויגעשרייען פֿון פֿאַר־פּײַניקטע... מיר איז אופֿגעפֿאַלן אַן אַבזאַץ, פֿאַרשריבן שוין ערגעץ־ווו הינטער קיִעוו:

„ווער ווייסט, צי אין יענע בעטלערקע טאַקע אילזע געווען? באַקאַנטע האָבן פֿאַרזיכערט, אַז זי האַלט זיך אויך אין די וועלדער איינייִנעם מיט איר ספּלאַוונוּק...״

און אַ ווילדע, שוואַרצע רעציכע האָט אַרויסגעשריגן פֿון צווישן די שורעס.

ווען כ'האָב געענדיקט לייענען, האָט אין דרויסן אָנגעהויבן טאָגן. אין דער אומגעוויינ־לעכער בלויקייט האָט דער צווייקעפּיקער אייביקער זאַקן — דער עלבּרוס מיט גײַוועו פֿאַריסן צו די הימלשע הייכן זײַנע צווײ שנייִקע קרוינען, און די לעצטע שטערן האָבן זיך געלאָשן אַרום אים. פֿאַר מײַנע אויגן איז געשטאַנען דאָס קליינע אויסגעפֿלינדערטע דערפֿעלע באַם בערג פֿונעם טשערמוש, מיט דעם צענדליק ייִדישע מישפּאָכעס, פֿון דווירעס דאָרט אײַנ־געזעסענע. דווירעס זײַנען געגאַנגען דעם וועג, וווּהין אַלע דווירעס גייען, נאָר דער לעצטער איז אַכזאָריעסדיק פֿאַרשניטן געוואָרן...

לאַנגזאַם האָבן פֿאַרן פֿענצטער געגומען פֿאַלן די ערשטע שניייעלעך, ווי דער ווײַסער צוויט פֿון צעבליטע קאַרשנביימער, ווי דער פֿרילינג אינעם ווײַטן בוקאָווינער דערפֿעלע מיט זײַן צערטלעכן סלאַווישן נאָמען:

טשערעשענקאַ.

קאַרשנביימער האָבן זיך צעבליט, און זייער ווײַסע בלײַוּנג האַלט אין איין פֿאַלן... פֿאַלן...

שירע גאָרשמאַן

# אַלערליי דערציילונגען

## אין אַ רעגנדיקער נאַכט

גראָד בייס אסיע אבראַמאָוונע האָט זיך געפילט ניט גוט, זיך געלייגט און געוואָלט האַנאָע האָבן פון דעם, וואָס דער בלוט־דרוק האָט זיך בא איר אופגעהויבן, איז דאָס טיר־גלעקל שיר ניט צעשפּרונגען געוואָרן. זי האָט זיך אַ הייב געטאָן פון געלעגער, געגאַנגען צו דער טיר, פאַרוואונדערט געטראַכט: ווער האָט עס געבראַכט דער שיינער וועטער? געעפנט די טיר, האָט זי דערזען דעם פּלעמעניק און קימאַט פריידיק אויסגערופן:

— מאַקסיק, אַ האַרץ איז אַ זייגער, מיר פאַר דיר. זע, ווי ס'רינט פון דיר. נו, קום שוין אַרײַן!

— טיאָטיע אסיע, איך בין ניט אליין, — האָט ער אָפּהענטיק געלאָזט וויסן.

— כוץ דיר, זעט מען דאָ קיינעם ניט.

— מײַן כאַווערטע האָב איך איבערגעלאָזט אויפן ערשטן שטאָק באַם ראַדיאַטאָר. דו דערלויבסט, וועל איך זי אַ רוף טאָן.

— גיי רוף זי, — האָט אסיע אַ מאַך געטאָן און דערבײַ געטראַכט: אַזאַ מין וועטער, שוין איינמאָל אַ טאַכשיט, מיט אַ כאַווערטע איז ער געקומען. נו, פאַרפאַלן. איצטער האַלט זיך, מומע!

ס'האָט היפּש געדויערט, ביז מאַקסיק איז געקומען מיט זײַן כאַווערטע. אסיע אבראַמאָוונע האָט גוט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מאַקסיק האָט ניט געבראַכט דעם גאַסט צו טאַטע־מאַמע. כאָטש קיין פייגעלעך אין בוזעם האָט זי ניט געהאַלטן וועגן פּלעמעניק, איז זי געווען אויסער־זיך בייס זי האָט דערזען די פרײַלן. זי האָט שיר ניט אויסגעפּראַלט „וואָן!", נאָר אין דער זעלבער רעגע אין האַרצן צו זיך אליין אויסגערופן „ביטע!", און דאָס איז איר דורכגעפלויגן ניט צוליב גאַסטפרײַנטלעכקײַט, נאָר צוליב דעם, וואָס דאָרט, ווו די פרײַלן איז שטיין געבליבן, איז שוין געווען אַ קאַליוזשע. דעם מיידלס פּאָנעם האָט נאָך אסיע אבראַמאָוונע ניט געזען. זי האָט נאָר באַמערקט געדיכטע, לאַנגע, גלײַכע פּאַסמעס טונקעלע האָר, וועלכע האָבן פאַרהאַנגעןביידע באַקן און קימאַט דעם גאַנצן שטערן, פרײַ געלאָזט נאָר שמאָלע אויגן־שפּאַלטן און אַ פּאַסיקל נאָז. אויף די אַקסלען איז פרײַ געווען אַרופגעוואָרפן אַ קורצע געקעסטלטע פּעלערינע, אַרומגעפרענדזלט מיט געדיכטע צעקודלטע פרענדזן. אַקוראַט אַזוינע פרענדזן זײַנען אַראָפּגעהאַנגען פון דער פּאַנאַמע. אויפן רעכטן אַקסל איז אויף דער פּעלערינע געווען אַרופגעוואָרפן אַ טאָרבע פון דעם זעלבן געקעסטלטן פּעלערינע־טעקסטיל. די טאָרבע איז אויך געווען באַפרענדזלט. פון דער מאַקסי־יובעצע האָט געהאַלטן אין איין רינען, און ווען דאָס מיידל האָט זיך אַ דריי געטאָן באַם אויסטאָן די פּעלערינע, האָבן זיך אַנטפּלעקט טופליעס אויף דיקע הילצערנע פּאָדעשוועס און זייער הויכע דיקע קלעצלעך־קנאַפּל, אָפּענע בא די פּיאַטעס, פון דעם מין שוכוואַרג, וואָס ווערט אָנגערופן „קיין טראָט צוריק".

אין אַ ווײַלע אַרום איז אסיע אבראַמאָוונע מאַקריוו געווען אַכט אייער און אײַנגיכן איז געוואָרן אַ פרעזשעניצע „אָקסן־אויגן". די פּורטערניצע מיט פּוטער, אַ לעבעלע ריגער ברויט און עטלעכע בייגל זײַנען פאַרשוואונדן געוואָרן מיטן קוק. אסיע אבראַמאָוונע האָט דאָס ניט געזען, ווײַל זי איז אַוועק אין צווייטן צימער דורכטראַכטן, ווו צו מאַכן די געלעגערס. בייס זי האָט שוין פאַרטיק געמאַכט דעם פּראָיעקט, האָט זי אַ רוף געטאָן דעם פּלעמעניק און שטיל צו אים געזאָגט:

— דיר וועל איך מאַכן דאָס געלעגער אויפן וואַנטל פונעם דיוואַן אין מײַן צימער, און דײַן כאַווערטע וועט זיך לייגן אויפן דיוואַן. נאָך גוט, וואָס דער פעטער איז אין קאָמאַנדירונג און דער דיוואַן איז פרײַ.

— מומע אסיע, צום טײַוול דאָס וואַנטל. אַלץ

וועט זײַן אין אָרדענונג, — האָט דער פּלעמע־ניק שטיל געמאַכט קלאָר.

ווי ער האָט געזאָגט, אַזוי איז טאַקע געווען. פאַרשטייט זיך, אַז אַסיע אַבראַמאָווונע האָט פאַר־מאַכט די טיר פון איר צימער. אָבער דאָס האָט געהאָלפן, ווי א טויטן באַנקעס (ווי האָט דאָס געקאָנט העלפן, אַז זי האָט געהערט דורך דער וואַנט, ווי דער שאָכן פאַרברענגט מיט זײַן ווײַב). אַסיע אַבראַמאָווונע האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט שלאָפן, און זי האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט, ווי זי האָט מיט איר מאַן, מיט מיכ־לען, אין איין־און־דרײַסיקסטן יאָר פאַרבראַכט דעם האָניק־כוידעש אין דאַרניצע, ניט ווײַט פון קיִעוו.

אַף מאָרגן אינדערפרי איז זי אומגעוואָגט דורכגעגאַנגען דעם צימער, ווו מאַקסיק מיט דער פרײַלן זײַנען געשלאָפן, און זי האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז מע קאָן שיסן פון האַרמאַטן. זי האָט צוגעגרייט פרישטיק, אַליין אָן שום אַפּעטיט אָפּגעגעסן, אַרויסגעגאַנגען עפּעס קויפן צו מיטיק, צוריקגעקומען, זייער געהיט אָפּגע־שלאָסן די טיר, פון קאָרידאָר א קוק געטאָן צום דיוואַן און טרעפלעך באַשלאָסן: „זיי וועלן זיך אויפכאַפּן צו וועטשערע".

זיי האָבן זיך טאַקע אויפגעכאַפּט אַרום פינף אַזייגער פאַרנאַכט, מאַקסיק האָט פאַרזענלעך געמאַכט קאַווע, זאָרגפול צוגערוקט צו דער פרײַלן די פּוטער, ווורשט און קעז. נאָכן עסן האָבן זיי זיך אָנגעטאָן, מאַקסיק האָט זיך צוגע־רירט מיט זײַנע ליפּן צו דער מומעס באַק. זי האָט אים א צי געטאָן באַם אַרבל און זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין וואַנע־צימערל. דאָ האָט אַסיע אַבראַמאָווונע שטיל, מאַמעש אַרײַנגע־הויכט אין פּלעמעניקס אויער:

— הײַנט קאָנסטו נאָך קומען מיט איר, מאָרגן פאַר קיין פאַל ניט. מאָרגן קומט דער פעטער מיכל. און אין אַלגעמיין איז עס דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל.

— אַלץ וועט זײַן נאָרמאַל! ערשטנס, פאָרט זי מאָרגן אוועק, צווייטנס, אַרבעט איך מאָרגן. דריטנס, איז עס טאַקע דאָס לעצטע מאָל.

— ווו האָסטו זי געפּאַקט?

— זי איז געקומען צו מײַנעם א מיטאַרבע־טער, אין אונדזער אַנשטאַלט.

— וואָס זשע איז זי געקומען מיט דיר און ניט מיטן מיטאַרבעטער?

— דאָס פרעג בא איר.

— איך האָב שוין ניט וואָס צו פרעגן, איך שטויס זיך אָן, — האָט אַסיע אַבראַמאָווונע אַרויס־געקרעכצט און איז די ערשטע אַרויסגעגאַנגען פון וואַנע־צימערל.

ערשט איצט האָט זי גוט באַטראַכט די פרײַלן, ניט פאַרזען אירע גרויע אויגן, מער ווי אײַנגע־האַלטן אַף דער פרײַלנס דאַנק געענטפערט „ניטאָ פאַרוואָס". דערבײַ ווידער א טראַכט געטאָן וועגן פּלעמעניק: „שוין איינמאָל א טאָכ־שיט". און ווי זי טראַכט אַזוי, קלינגט דער טע־לעפאָן. נעמט זי אַראָפּ דאָס טרײַבל, דערהערט דער שוועסטערס שוואַכע, פאַרומערטע שטימע:

— אַסיע, איך בין אויסער־זיך, קום גלײַך צו מיר.

— וואָס האָט געטראָפן?

— פרעג ניט, כ'האָב שוין געקלונגען אין מי־ליציע!

— א, איך פאַרשטיי שוין, מאַקסיק האָט גע־נעכטיקט בא מיר, זײַ רויק.

— פאַרוואָס האָסטו מיר ניט אָנגעקלונגען?

— כ'בין געווען זיכער, אַז ער נעכטיקט הײַנט אויך בא מיר.

— אויב אַזוי, וועל איך אין אָוונט קומען און איך וועל דיר עפּעס ברענגען.

— וואָס פעלט דיר איין, דײַן בעניאָכידל וועט בא מיר ניט ווערן קיין דיסטראָפיק. כ'האָב געקויפט א הון, צוויי צענדליק אימפּאָרטנע אייער און א האַלבע קילאָ פינלענדישע פּוטער. קום מאָרגן, מיכל וועט שוין זײַן אין דער היים, וועלן מיר אינײנעם עסן אָוונטברויט.

— נו גוט, נאָר, אויב ס'איז דיר ניט שווער, קויף פאַר מיר אויך א האַלבע קילאָ פינלענדי־שע פּוטער. איך האָב געקויפט פאַר דרײַ פּופ־ציק א קילאָ, האָט עס א טאַם פון סטערינענע ליכט.

— איך וועל קויפן. קום אומבאַדינגט.

דער פּלעמעניק מיט דער פרײַלן זײַנען געקו־מען האַלב צוויי באַנאַכט און, ניט קוקנדיק אַף דער שפּעטער שאָ, איז גאָרניט געבליבן פונעם געבראָטענעם פלייש מיט בולבע, פונעם זופּ מיט אַרבעס און אין דער טיפער וואַזע, וועלכע איז פול געווען מיט עפּל, זײַנען געבליבן געציילטע פּאַריאָסעמטע פּיירעס.

די נאַכט איז אַסיע אַבראַמאָווונע בעסער גע־שלאָפן. בייס זי איז דורכגעגאַנגען דעם צימער, איז שוין מאַקסיק אַפן דיוואַן ניט געווען. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַוועק צו דער אַרבעט. לעבן ברויט־טעלער האָט זי דערזען א קרום אָפּגעריסן זײַטעלע פון בלאָקנאָט, האָט זי זיך צוגעזעצט און איבערגעלייענט: „טײַערע מומע אַסיע! איך בין דיר אַזוי דאַנקבאַר, אַז איך בין זיך אַליין מעקאַנע, וואָס דו ביסט מײַן מומע. כ'וואָלט געווען גליקלעך, ווען דו ביסט מײַן מאַמע. איך צווייפל ניט, אַז דאָס מיידל וועט אוועקגיין פון דיר א זאַטע, אויב דו האָסט, גיב איר עפּעס פון דײַן שוכוואַרג. עפּשער באַר־טיקעס, און טרוקענע זאָקן. דו ביסט א מאַלאַ־דיעץ!"

אַף אַסיע אַבראַמאָווונעס פּאָנעם האָט אויפגע־שײַנט א לײַכטער שמייכל, זי האָט אַרײַנגע־

לייגט דאָס צעטעלע אין אַ בוך און ס'איז איר געקומען אַפן זינען, אַז דער פּלעמעניק, קאָן זײַן, איז שוין ניט אַזוי נישטיק. זי האָט אַ טראַכט געטאָן: „דער מענטש איז שוואַך, וואָס קאָן מען טאָן". בײַס זי איז דורכגעגאַנגען נאָכאַמאָל דעם צימער, ווו דאָס מיידל איז געשלאָפן, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעקוקט דעם גאַסט. איין פולע רונדע האַנט האָט אַרומגענומען דעם קאָפּ, די צווייטע, אויך אַזאַ רונדע און ווײַסע, איז געווען אויסגעצויגן אַף דער וואַרעמער דעקע. די געדיכטע שטײַפע, קימאַט שוואַרצע האָר זײַנען אַזוי ווייך־לעבעדיק געווען צעשפּרייט אַף דער בלייכקײַט פון ציכל, דאָס פּאָנעם איז געווען פאַרצויגן מיט אַ דינער ראָזקײַט. אַסיע האָט געקוקט געציילטע רעגעס, ניט מער. זי האָט געוווּסט, אַז אַף אַ שלאָפנדיקן מענטשן טאָר מען לאַנג ניט קוקן.

בײַס אַסיע האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן פרישטיק, איז אויפגעשטאַנען דאָס מיידל, עס האָט זיך געהערט ווי זי וואַשט זיך. דערנאָך איז זי שעמעוודיק געזעסן לעבן טיש, געהאַמעוועט מיט צונויפגענומענע ליפּן, צוביסלעך געטרונקען פון קריגעלע די קאַווע. איבערגעלאָזט היפּש אין קריגעלע, אָנגעקוקט אַסיע אַבראַמאָוונען און שטיל געפרעגט:

— פאַרוואָס רעדט איר ניט מיט מיר?

— איך וויל ניט, איר זאָלט האָבן אַ פאַלשן אײַנדרוק וועגן מיר.

— כ'פאַרשטיי אײַך ניט.

— דאָס איז ניט גרינג צו פאַרשטיין. ערשטנס, רייד איך ניט מיט דעם, וואָס רעדט מיט מיר ניט. צווייטנס, וויל איך ניט, איר זאָלט טראַכטן, אַז כאָטש איך בין אַ באַיאָרטער מענטש, האָב איך אַ יונגע נעשאָמע.

די פרײַלן האָט אָפּגערוקט דאָס קריגעלע מיט דער איבערגעבליבענער קאַווע, זיך אויפגעהויבן פון שטול און, האַלטנדיק זיך באַם אָנלען פון שטול, געפרעגט:

— איר האָט קינדער?

— מײַן אײנציקער זון האָט קיינמאָל ניט געבראַכט צו מיר קיין אומדערוואַרטע געסט. איך מוז אײַך זאָגן, אַז איך פיל מיט אײַערע עלטערן.

— זײַט ניט אַזוי שטרענג! — האָט דאָס מיידל אויסגערופן. — מײַנע עלטערן זײַנען געבילדעטע מענטשן. איך בין ניט אָנגעקומען אין אינסטיטוט, ווײַל איך האָב שוואַכע לונגען, און...

— אַזוי, גלייבט מיר, איר קאָנט זיך דעראָבערן אָן ערגערע קראַנקײַט!

— וואָס רעדט איר?

— איר זײַנט ניט קיין קינד. איר פאַרשטייט גאַנץ גוט מײַנע ווערטער!

מער האָבן זיי קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

אַסיע האָט געקוקט, ווי דאָס מיידל טוט אָן די געקעסטלטע פּעלערינע מיט די פרענדזן, די פּאַנאַמע מיט פרענדזן און די געקעסטלטע טאָרבע מיט די פרענדזן. דאַן האָט אַסיע אַבראַמאָוונע צוגערוקט די באָטיקעס מיט טרוקענע זאָקן, אָבער יענע האָט אַרײַנגעשטעקט די פיס אינעם שוכוואַרג, וואָס ווערט אָנגערופן „קיין טראָט צוריק", האָט מיט דער לינקער פוס אוועקגערוקט די באָטיקעס מיט די זאָקן, וועלכע האָבן געשטעקט פון זיי, האָט געעפנט די טיר און איז אַרויסגעגאַנגען.

אַסיע אַבראַמאָוונע האָט צוגענומען די באָטיקעס, זיי אוועקגעשטעלט אַף אָן אָרט, האָט אַרופגעוואָרפן מיכלס קורטקע אַף די אַקסלען און איז אַרויסגעגאַנגען אַפן באַלקאָן. זי האָט געזען, ווי דער פּאָדאָלעק פון דער מאַקסי־יובעצע בא דער פרײַלן איז שוין פיטש־נאַס, ווי עס רוקן זיך אַרויס די פּיאַטעס פון די הילצערנע טופליעס, און זי איז אַרײַנגעגאַנגען אין קיך. זי האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז קאַווע און איז געווען באַהערשט פון אומעטיקע און ניט זיכערע געדאַנקען, וועלכע מע קאָן אויסדריקן בערערך אַזוי: „ס'איז ניט אַזוי פּאָשעט, ווי מע קאָן מיינען. ס'איז ניט נאָר אויסגעלאַסנקײַט, ניט נאָר צעלאָזנקײַט...".

## אַ יאָמקיפּערדיקע פאַרווײַלונג

זיכער איז בא אונדז יאָמקיפּער ניט קיין טאָנעס. מיר גייען ניט אין שול, יאָמקיפּער איז אַ געלעגנהײַט צו דערמאָנען די, וואָס זײַנען אַוועק, ווי קאָרבאָנעס. מע קאָן זיך דערבײַ אויך דערמאָנען, ווי די מאַמע פלעגט אָנטאָן אַ ווײַסע בלאָנד אַפן קאָפּ, אַ ווײַסע זײַדענע בלוזקע און אַ העל לאַנג קלייד, און ווי זי פלעגט מיטן טאַטן אַוועקגיין נאָכן פאַרפאַסטן, און נאָך דערוף, ווי דער זיידע האָט אין אַ לאַנגן ווײַסן קיטל מיט די ברייטע אַרבל געבענטשט די אײניקלעך, שפּרייטנדיק זײַנע הענט איבער די קינדערשע קעפּ, ווי פליגל...

ס'איז דאָ וואָס צו דערמאָנען...

קומט צו מיר צו גיין מײַן שאָכן, שלוימע קאָפּלינסקי, און אַבראַם אַבראַמאָוויטש (מע רופט אים אַזוי, ווײַל זײַן טאַטע איז געשטאָרבן, ווען ער איז געבוירן געוואָרן). זיצן מיר זאַלבעדריט,

און יעדערער האָט וואָס צו דערציילן. שלוימע דערציילט, אַז באַ זײַן ייִדן, אַלעוואַהאַשאַלעם, פּלעגן זיך צו די יאָמטויוויִם צוזאַמענעמען באַ די פּופּציק מענטשן — יעשוווניקעס, פּליטנטרײַבער. באַם פּאַרפּאַסטן זיך פּלעגט מען זיך ניט באַגיין אָן אַ גוטן קעלישעק בראַנפֿן, באַם אָפּפּאַסטן האָט דאָך גאָט אַליין געהייסן! אַבראַם אַבראַמאָוויטש, ווידער, דערציילט גאַרניט, ער הערט און שמייכלט. עפּשער וואָלט ער עפּעס דערציילט, נאָר עס קלינגט דער טעלעפֿאָן. כ׳נעם דאָס טרײַבל און הער:

— דאָס רעדט קוניצער. ווער רעדט דאָרטן?

— אויב איר דאַרפֿט אַזאַ און אַזאַ, האָט איר געטראָפֿן.

— איר געדענקט קוניצערן?

— הערט אויף, דרייט מיר ניט קיין קאָפּ. ס׳איז שוין זעקס יאָר, ווי מענדל קוניצער איז געשטאָרבן.

— אַזאַ מענטש, איך בין דאָך זײַנער אַ ברודער. ער איז געוועזן מענדל וואָלפֿאָוויטש, און איך בין וועלוול וואָלפֿאָוויטש. ער האָט מיר דערציילט וועגן אײַך. ער האָט אַלע מאָל דערציילט וועגן די קאָמונאַרן. וויל איך אײַך זאָגן, אַז איך שטיי דאָ אין גאַסטיניצע „מאָסקווע" אין פּאָיע און ס׳איז ניטאָ קיין נומער אָף אַ רעפּוע. עפּשער וואָלט איר געקומען און מיך גענומען?

— דאָס קאָן איך ניט. נעמט אַ בלײַקע מיט פּאַפּיר און שרײַבט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, און דאָס וועט אײַך ברענגען צו מיר.

מײַנע געסט הערן דאָך וואָס איך זאָג, און שלוימע ווילצלט זיך: „אַ גאַסט אין אַ נאָווינע". דער שמועס קלעפּט זיך שוין ניט, איז צײַט צו טרינקען אַ גלאָז טיי. כ׳האָב ניט באַוויזן אָוועקצושטעלן דעם טשײַניק אָפּן טיש, דער טעלעפֿאָן ווערט צעשפּרונגען. כ׳נעם אַראָפּ דאָס טרײַבל.

— איר הערט מיך, דאָס איז ווידער קוניצער. כ׳האָב שוין באַשלאָסן, אַז כ׳וועל צו אײַך ניט פֿאָרן. כ׳וועל בעסער איבערזיצן די נאַכט אָף אַ שטול אין פּאָיע, וואָרעם איך פֿיל, אַז איך קאָנטשע זיך.

נו, וואָס האָב איך דאָ געקאָנט זאָגן. מיר האָבן אויסגעטרונקען טיי מיט קיכעלעך, שלוימע מיט אַבראַם אַבראַמאָוויטשן זײַנען אוועקגעגאַנגען. איך זעץ זיך לייענען, עס קלינגט ווידער דער טעלעפֿאָן. איך נעם אַראָפּ דאָס טרײַבל, און איך הער ווידער וועלוול וואָלפֿאָוויטשן.

— איר פֿאַרשטייט, די דאַמע, וואָס זיצט אין פּאָיע, זאָגט מיר, אַז עלף אַזייגער גייען אַרויס די אַלע, וואָס זיצן דאָ מיט מיר איינינעם, און די פּאָיע ווערט פֿאַרמאַכט. וואָס זשע זאָל איך טאָן?

— גייט אַרויס פֿון פּאָיע ניט קיין אַרויסגעטריבענער. ניט ווײַט פֿון האָטעל „מאָסקווע" שטייען טאַקסי. זעצט זיך אַרײַן און פֿאָרט צו מיר.

— איך האָב אויך אַזוי געטראַכט, — איז ער מאַסקים.

כ׳גיב אַ קוק אָפּן זייגער, ס׳איז צען מינוט אָף צוועלף. אין אַ מינוט פֿערציק אַרום דאַרף ער שוין זײַן דאָ. ס׳איז צוועלף, ס׳קלינגט ווידער דער טעלעפֿאָן. איך נעם אַראָפּ דאָס טרײַבל און הער אַ גאַנצן רעפּאָרטאַזש:

— איר פֿאַרשטייט, כ׳האָב געטאָן, ווי איר האָט מיר געהייסן. כ׳האָב אָפּגעשטעלט דרײַ טאַקסי און קיין איין טאַקסיסט וויל ניט פֿאָרן צו אײַך, זיי זאָגן, אַז ס׳איז ווײַט. איך וועל שוין טאַקע איבערזיצן די נאַכט אין פּאָיע.

— ווו וועט איר זיצן, אַז איר זאָגט אַליין, מע טרײַבט אַלעמען אַרויס? איך וווין טאַקע ווײַטלעך, אָבער אויב איר וועט זאָגן דעם טאַקסיסט אַז איר גיט אים צוויי רובל כּוץ דערויף, וואָס ס׳וועט זײַן אָפּן סטשאָטשיק, וועט מען יאָ פֿאָרן.

— גוט, כ׳וועל טאַקע אַזוי טאָן.

דער זייגער איז שוין אַ פֿערטל אָף איינס. האַלב איינס, איינס, דער טעלעפֿאָן שווײַגט, און איך בין זיכער, אַז איך קאָן פֿאַרמאַכן די טיר אָפּן קייטעלע און גיין אין מײַן רו אַרײַן. פּלוצעם דאָס טיר־גלעקל ווערט אַזש צעזעצט. כ׳כאַפּ אָרוף אָף זיך דאָס כאַלאַט, לויף צו צו דער טיר, פֿרעג ווער דאָ איז און הער, אַז ס׳איז טאַקע מײַן גאַסט.

כ׳עפֿן די טיר, איך זע פֿאַר זיך אַ וווּקסיקן עלטערן מענטשן, פֿון אַהינטער זײַן פּלייצע קוקט אַרויס אַ מיליציאָנער, כ׳האָב גלײַך פֿאַרטיק אַ פּלאַן: איך וועל זאָגן דעם מיליציאָנער, אַז כ׳זע דעם דאָזיקן מענטשן דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן. דער מיליציאָנער דערפֿילט עפּעס און מאַכט צו מיר:

— באַבוסיע, עפֿנט ברייטער די טיר, לאָזט אַרײַן אײַער גאַסט. איר פֿאַרשטייט, ער האָט ניט געקאָנט כאַפּן קיין טאַקסי, און איך האָב יאָ געקאָנט, אַז ער האָט מיך געבעטן. איך אָרוואָזשאַיע עלטערע מענטשן, אַז אַן עלטערער מענטש בעט באַ מיר אַ טויווע, וועל איך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן.

אַזוי מאַכט צו מיר דער מיליציאָנער, און איך באַווײַז ניט צו זען, ווי זײַנע פּיס שווינדלען איבער די טרעפּ אַראָפּ־צו.

אין שטוב דערציילט מיר דער גאַסט:

— איך שטעל אָפּ איינעם, איך שטעל אָפּ אַ צווייטן, אַ דריטן, איך זאָג שוין, אַז כ׳וועל געבן אַ דרײַערל, ניט קיין צוויי קערבלעך, נאָר קיי־

נער וויל ניט. גיי איך צוריק אַרײַן אין פּאָיע, גיי צו צום מיליציאָנער, וואָס שטייט דאָרטן, און זאָג צו אים ווי די מײַסע איז, זאָגט ער צו מיר: „ס'וועט זײַן רעכט, זיידעניו", און ווי איר זעט, בא אים האָט זיך יאָ אָפּגעשטעלט א טאַקסי, לאַנג לעבן זאָל ער.

איך גיב א קוק אַפן זייגער, ס'איז אָן צען מינוט צוויי. מע דאַרף מאַכן נאַכט.

# עס זאָל אַזוי ניט טרעפן

איך האָב זיך באַקאַנט מיט איר אין כערסאָן אַפן טעקסטילער פּראָספּעקט. מיר זײַנען געגאַנגען צום טײַך־וואָקזאַל, צום באַן־וואָקזאַל. דערנאָך זײַנען מיר א ווײַלע געזעסן אין סקווער אַף א בענקל. דאָס איז געווען א גאַנץ כיינעוודיקע יונגע פרוי, וועגן זיך האָט זי גאָרניט דערציילט. זי האָט באַהאַוונט גערעדט וועגן ליטעראַטור און באַזונדערס וועגן טאָמאַס וואָלפן. זי האָט מיך באַגלייט צום האָטעל „קיִעוו" און מיר זײַנען היפּש געזעסן אין וועסטיביול. פון צײַט צו צײַט האָב איך זי אָנגעקוקט און איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס אירע אויגן זײַנען א מינע סטאַטיסטן אַף איר פּאָנעם. דאָס מיידל שמייכלט, די אויגן ניט, דאָס גאַנצע פּאָנעם איז הײַטער, די אויגן — ניט. דערנאָך האָב איך זי באַגלייט און איך האָב זיך איבערצײַגט, אַז ס'איז ריכטיק, וואָס זי האָט געזאָגט, זי וווינט נאָענט. מיר זײַנען היפּש געשטאַנען און זי האָט מיך ניט איין מאָל געבעטן, איך זאָל מאָרגן אַרײַנגיין צו זיי.

אַף מאָרגן איז זי געקומען אין האָטעל און איך בין מיט איר געגאַנגען, ווי זי האָט געזאָגט, „צו מײַן מאַמען און צו מײַן טאַטן".

די דירע איז מיר גלײַך געפעלן געוואָרן. ס'איז ניט געווען דער אומבאַדינגטער קרעדענץ, די גרויסע פּאָלירטע שאַפע, וואָס פאַרנעמט א וואַנט, אין וועלכער עס שטייען גלאַנצנדיקע ביכער און שרײַען מאַמעש „לייענט אונדז ניט!". איך האָב שוין געוווּסט, אַז די יונגע פרוי רופט מען לענע. זי האָט מיך באַקאַנט מיט איר מאַמען, וועלכע האָט געזאָגט:

— רופט מיך פּראָסט סאָרע און ניט סאַרא יעפימאָוונא.

דערנאָך איז געקומען דער טאַטע. דעם טאַטן האָט מען גערופן זייער מאָדנע — יאָכאָן. דאָס איז געווען א הויכער, מעכטיקער מאַנצבל, וואָס האָט פאַרנומען זייער א סאַך אָרט אין צימער. דאָס, וואָס איך האָב ניט געוואָלט, האָט פּאַסירט. ס'איז געגאַנגען א רייד וועגן עסן מיטיק.

— ביז וואָס־ווען קומט אַרײַן צו מיר אין צימער, — האָט לענע געזאָגט.

דער צימער איז מיר געפעלן געוואָרן מער ווי יענער. דאָ איז געשטאַנען א נידעריק טישל, א שמאָלע סאָפקע און ס'איז געהאַנגען א רעפּראָדוקציע פון מאַרקעס, א פּייזאַזש מיט שיפלעך. נאָר ווען איך האָב זיך א קערעווע געטאָן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָ שטייט נאָך א קליין בעטעלע, אין וועלכן עס שלאָפט א פּרעכטיק קינד. כ'ווייס ניט ווי ווער, איך קאָן קוקן אַף וואַסער, אַף פײַער און אַף א קלייניק קינד שאָענלאַנג.

אינגיכן האָט סאָרע אײַנגעלאַדן צום טיש, און כאָטש איך האָב אָן אײַזערנעם געזעץ, וואָס ווייניקער פרעגן, האָט מיך דאָס מאָל געפּיקט די צונג און איך האָב גאַנץ הויך זיך געווענדט צו לענען:

— מיר וועלן ניט וואַרטן אַף אײַער מאַן, מיר וועלן עסן מיטיק אָן אים?

כ'האָב געזען, ווי דער שעפּ־לעפל איז שטום געבליבן אין סאָרעס האַנט. יאָכאַנעס האָט א קוק געטאָן אין פענצטער, לענע האָט שטיל צו מיר געזאָגט:

— איצט טרעפט אַזוי. גלײַך ווי אונדזער ייִנגעלע איז געבוירן געוואָרן, איז מײַן מאַן פון מיר אַוועק. ס'איז אים געפעלן געוואָרן אַן אַנדער פרוי, איר פאַרשטייט?

— געפעלן געוואָרן! — האָט דער פאָטער מיט ביטל אויסגערופן.

איך, ווידער, האָב געטראַכט: אירע אויגן זײַנען שטום געווען ניט אומזיסט...

# אַף א סימכע

דער גרויסער רונדער טיש איז געווען סערווירט פּרעכטיק: א פּאַשטעט פון לעבער און געריבענע האַרטע אייער, א פאָרשפּײַז פון געהאַקטן הערינג, דין אָנגעשניטענע רויטע פיש, אפילע שוואַרצע רויג, שטיקער געפילטע קאַרפּ זײַנען געלעגן אין דורכזיכטיקער פאַרקילטער געלער יויך, קאַלט אָף, דין געשניטענע צונג און פענעצלעך אָנגעשניטענע אינדעטשקע־ביילעק

האָבן זיך זייער האַרמאָניש געטוליעט צו די פלעשער מאשקע, וואָס זײַנען אין א גרויסער צאָל געשטאנען אפן טיש. בלייך־גרינע סאלאט־בלעטער האָבן זאפטיק־פריש ארויסגעקוקט פון אונטער די אלע פארבײַסעכצן, און דער גרויסער טיש האָט געמאכט אן אײַנדרוק פון א נידערלאנדיש שטיל לעבן.

דער שולדיקער אין דעם אלעם, א מאנצבל איבער זיבעציק, איז געזעסן אויבנאָן. עס איז שוין שווער געווען צו טרעפן, וואָס פאר א מארע זײַנע האָר האָבן אמאָל געהאט, ווײַל זיי זײַנען שפּורלאָז פארשוווּנדן. דער שטערן איז אוועק ארופצו, האָט זיך באהעפט מיטן גלאנציקן בלויז שארבן און האָט געבילדעט א פּלאצדארם, דאָרטן זאָלן שטויסן זיך באטראכטונגען, באאָבאכטונגען און געדאנקען.

פארשטייט זיך, אז דער גרויסער אלטמאָדישער טיש האָט זיך גענייטיקט אין רוים, און דאָס האָט טאקע ניט געפעלט. אָבער דער גרויסער צימער פון דער אלטער דירע אַף איינער פון די קיִעווער גאסן, ווו דער אָנגעפּראָפּטער טיש איז געשטאנען, האָט איצט ניט אויסגעזען אזוי ראכוועסדיק, ווי געוויינלעך, און דאָס איז געווען נאטירלעך, וואָרעם עס איז דאָך צונויפגעקומען די גאנצע מישפּאָכע, קיין אײַנהאָרע. בייס אלע האָבן זיך אויסגעזעצט און ס'האָט דורכגעקלונגען דער ערשטער לעכאַיִם פארן ווילזײַן פונעם יוביליאר, האָט ער זיך אופגעהויבן, ניט נאָר צוליב דעם, וואָס ער איז געווען ביכלאל א העפלעכער און דערצויגענער מענטש, נאָר אויך דערפאר, וואָס די מערהײַט פון דער מישפּאָכע איז באשטאנען פון פרויען. צוויי דאמען, גלידשוועסטערקינדער, האָבן, ווי אלע, פלײַסיק צוגעביסן, ווינציקער ווי די אנדערע געשוויגן. איינע פון די צוויי, וואָס האָט אָנגעווענדט אלע מעגלעכע און אומעגלעכע טרופעס, קעדיי אויסצוזען ייִנגער, האָט גראָד דעריבער ניט אויסגעטאָן דאָס זאמשענע וועסטל מיט פיל מעשענע קנעפּ און שפּראָנצקעס, האָט פאררייכערט א דין סיגארעטל און ניט הויך אָבער אויסדרוקפול געזאָגט צו איר שכיינע, צו דער דאמע (וועלכע האָט זיך שוין אָפּגעזאָגט פון אלע מעגלעכע מיטלען, קעדיי אויסצוזען ייִנגער, ווײַל זי האָט שוין געפילט, אז דאָס איז אן ארויסגעוואָרפענע ארבעט):

— דאָס איז צו באוווּנדערן, — האָט די דאמע מיט די מעשענע קנעפּ געזאָגט.

— וואָס איז דען, — האָט די אנדערע געוואָלט וויסן.

— ביז הײַנט איז ניטאָ קיין גרינטלעך ערנסט ווערק, וואָס זאָל ווי געהעריק שילדערן דעם ארבעטער־קלאס.

— איך באדויער דאָס אויך. אָבער דערווײַל וועל איך בא אײַך בעטן, איר זאָלט מיר געבן א שטיקעלע צונג.

דער יוביליאר האָט א קערעווע געטאָן דעם קאָפּ צום גלידשוועסטערקינד, אָנגעגאָסן די גלעזלעך. מע האָט געטרונקען לעכאַיִם פאר שאָלעם, פאר ראטנמאכט, פארן יוביליאר, וועלכן ס'איז געוואָרן הײַנט 75 יאָר, אויך פאר די געסט, פארשטייט זיך, פארן יוביליארס קינדער און אייניקלעך. בייסן טאָסט פאר זײַנע קינדער האָט דער יוביליאר אָנגעשטרענגט א קוק געטאָן צו דער טיר, ווי ער וואָלט אַף עמעצן געווארט. דעם באלסימכעס פלעמעניק האָט ווידער אָנגעגאָסן די גלעזלעך, האָט אָנגעקוקט די דאמע מיט די מעשענע קנעפּ און באמערקט:

— איר פארשטייט, פארוואָס איר זײַנט א רעדאקטאָר און ניט קיין שרײַבער?

— אזוי גאָר, זאָגט זשע, פארוואָס בין איך ניט קיין שרײַבער?

— דערפאר ווײַל איר ווייסט, וואָס פאר א ווערק מע דארף, און שרײַבער ווייסן דאָס קנאַפּער!

— שטילער, שטילער, — האָט דער יוביליאר זיך געווענדט צו די געסט און אויסגערופן: — קעדיי ס'זאָל צו שטאנד קומען, וואָס מע באגערט, דארף מען זײַן פרײַ פון א סאך זאכן. מע דארף זײַן מוטיק, און פאר דעם וועלן מיר אויסטרינקען.

מע האָט געשריִען „הורא!” און „בראוואָ!”, ווײַל די גאנצע מישפּאָכע האָט געוווּסט, אז דער יוביליאר איז א באשיידענער מענטש, יאָגט זיך ניט נאָך גרויסע פארדינסטן, כאָטש ער איז זייער א באהאוונטער אינזשעניער אין א נייטיקן געביט. און ווען אלע זײַנען ווידער געווען פארטאָן מיט גאָפּל־מעסער, האָט זיך געעפנט די טיר. א יונגערמאן איז שטיל, אומגעוואגט דערשינען און שטיין געבליבן לעבן אלטמאָדישן בופעט: דער יוביליאר האָט זיך א זעץ געטאָן אפן שטול, ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און אראָפּגעלאָזט די אויגן... גאָפּל־מעסער זײַנען שטיל געבליבן, דעם יוביליארס ייִנגערע שוועסטער איז צוגעגאנגען צום יונגנמאן, זי האָט ארופגעלייגט איר האנט אַף זײַן אקסל, שטיל צו אים גערעדט און מיט דער אנדערער האנט געוויזן אפן פרײַען שטול, פון וועלכן זי האָט זיך אופגעהויבן.

אָבער דער יונגערמאן האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, ווי פריִער, איז ער געשטאנען באם אלטמאָדישן בופעט, זײַנע גרויע ברייט צעעפנטע אויגן האָבן א פלי געטאָן צום יוביליאר, צו זײַן פאָטער, און ער האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— ווער איז דער יונגערמאן, פארוואָס איז ער אזוי אָפּגעפרעמדט? — האָט די דאמע מיט די מעשענע קנעפּ געפרעגט בא איר שכיינע.

— שטילער, דער פּאַטער רעדט מיט אים ניט שוין באַלד צען יאָר.

— דאָס איז שווידערלעך, — האָט יענע אויסגערופן.

— שטילער, דער פּאַטער וועט דערהערן.

אין דער רעגע האָט זיך דער יונגערמאַן ראַפּטאָם אויסגעקערעוועט און איז אַרויס פון צימער.

ביידע דאַמען האָבן אַ הייב געטאָן די אַקסלען, און די מיט די מעשענע קנעפּ האָט זיך געווענדט צו דער אַנדערער:

— אָבער פאַרוואָס רעדט ער מיט אים ניט?

— איר פאַרשטייט, ניט נאָר דער פּאַטער, נאָר אַ האַלבע מישפּאָכע איז געווען קעגן דערויף, דער יונגערמאַן זאָל כאַסענע האָבן מיטן מיידל, ווײַל דאָס מיידל, לויט דער מיינונג פון דער מישפּאָכע, און דעריקער צוליבן פּאַטערס מיינונג, האָט ניט געהאַט קיין העכערע בילדונג. און אין אַלגעמיין גערעדט, איז דאָס אַ לאַנגע געשיכטע, — האָט די דאַמע געענדיקט און גראָד צו דער רעכטער צײַט, ווײַל דעם יובילאַרס ייִנגערע און עלטערע שוועסטער האָבן שוין צוגענומען פון טיש די אַלע פאַרשפּײַזן און געבראַטנס, האָבן דערלאַנגט טיי, טאָרטן, פאַרשיידענע טײַערע צוקערקעס און היימיש געבעקס.

# ליידיקע פלעשער

נעסיע, אַדער, ווי מע רופט זי, נעסיע יעפימאָוונע, שעמט צווישן אירע פרײַנט ווי אַ מאַכניסוירעכטע. עס טרעפט, אַ כאַווערטע קלינגט איר אָן און שיקט צו נעסיען אַ גאַסט, וואָס איז געקומען צו איר גופא. דאָס מאָל האָט נעסיען אָנגעקלונגען איר כאַווערטע באַסיע.

— דו וועסט זײַן פאַרנאַכט אין שטוב?

— געוויס. וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן, ס'האָט עפּעס געטראָפן?

— כ'וועל קומען וועל איך דיר דערציילן.

— דערצייל שוין, איך האָב צײַט, איך הער.

— דאָס איז ניט קיין טעלעפאָן־געשפּרעך. איך וועל קומען.

באַסיעס מאַן, נאַטאַן באַריסאָוויטש, האָט געהערט, וואָס דאָס ווײַב האָט אַרײַנגערעדט אין טרײַבל, האָט ער געוואָלט וויסן.

— באַסיע, ס'האָט עפּעס געטראָפן בײַ נעסיען?

— וואָס־ווען האָב איך ניט צעקײַט. אָבער ס'געפעלט מיר ניט איר סאָרט ריידן. האָב געדולד, זי וועט קומען, וועט זי דערציילן.

פאַרנאַכט איז נעסיע געקומען. אָבער דערגיין דעם איקער איז באַסיען ניט גרינג געווען. כאָטש זי האָט געפילט, אַז נעסיע איז פול, ווי אַן אייג. אָבער נעסיע האָט גראָד געשוויגן, ווײַלערווײַז געשמייכלט, האָט באַסיע געוואַרט. ס'איז דאָ אַ ווערטל: אַז מע וואַרט, דערוואַרט מען זיך.

נעסיע האָט געשפּאַנט איבערן צימער, שווער געאָטעמט, פּלוצעם זיך אָפּגעשטעלט, אַ וויש געטאָן די ליפּן מיט אַ ווײַס טיכעלע און אָנגעהויבן:

— איך זאָג דיר, באַסיע, אַז מע קאָן פּלאַצן. אַזאַ מין היסטאָריע. ס'קומט צו דיר אַ גאַסט, האַלט זיך מיט אים! הער זיך אײַן, וואָס עס טרעפט.

— אָבער אַלץ טרעפט נאָר מיט דיר!

— פאַל ניט אַרײַן אין די רייד און הער מיט קאָפּ. יענע וואָך קלינגט מיר אָן פייגע און דערציילט מיר, אַז צו איר איז געקומען פון גאָרקי אירער אַ באַקאַנטערס אַ זון. זייער אַ ווילער, אַ קלוגער, אַ קראַסאַוועץ, אַן אינטעליגענט. אָבער זי האָט גראָד צוויי פּוטיאָווקעס אין קליאַזמער פּאַנסיאָנאַט, איז עפּשער קאָן דער כאַווערטעס זון זײַן עטלעכע טעג בײַ מיר. ער וויל אָנקומען אין באַומאַן־אינסטיטוט, פאַרשטייסטו מיר, ער איז אויסגעווען אַלע גאַסטיניצעס אין מאָסקווע. און אומעטום איז קיין אָרט ניטאָ. מײַנער האָט די מינוט פאַרשטאַנען, געשאָקלט מיטן קאָפּ צו מיר אַף ניין. אָבער איך האָב געזאָגט פייגען — אַף עטלעכע טעג קאָן ער קומען.

אַף מאָרגן אינדערפרי איז ער געקומען. טאַקע אַ הויכער, אַ שוואַרצכיינעוודיקער, קיין קראַסאַוועץ וואָלט איך ניט געזאָגט. אָבער קיין מיִעסער אויך ניט. אַ טשעמאָדאַן האָט ער, אַ גאַנץ ווזקיקן. באַם פרישטיק האָט ער אָנגעגאָסן קאַווע פאַר מיר און פאַר כאַיִמען, דערציילט אַנעקדאָטן, גערעדט וועגן ליטעראַטור. נאָך פרישטיק איז ער אַוועקגעגאַנגען, צו מיטיק איז ער געקומען. קענסט דאָך מיך, אַז איך האָב אַ גאַסט, האָב איך פײַנט צו ציילן די גרויפּן אין טאָפּ. געמאַכט אַ גוטן וואַרמעס, אַוועקגעשטעלט אַפּעלסינעס. דער פּלעמעניק דערציילט אַלץ וועגן שרײַבער, לייענט אַף אויסווייניק לידער. מײַן כאַיִם האָט געעפנט מויל און אויערן. דו ווייסט דאָך, אַז בײַ מײַן כאַיִמען איז אַ בוך דאָס לעבן. פונדעסטוועגן איז ער ניספּאַעל געוואָרן און זאָגט צו מיר: אַ קאָפּ, אַ זיקאָרן! האַקלאַל, וואָס אַ טאָג איז דער פּלעמעניק כאַיִמען אַלץ מער געפעלן. ער האָט אונדז געלייענט אַף אויסווייניק פּאַסטערנאַקן,

בלאָקן, יעסעניבען און וועמען ניט? כאַיִם איז אנציקט. מיר געפעלט אויך דער באָכער. גלײַך נאָך פרישטיק גייט ער אוועק, אזייגער פירפינף קומט ער, עסט מיטיק, לייגט זיך צו אפן דיוואַן, דערנאָך, פארשטייט זיך, אָוונטברויט. אָפט דערציילט ער אונדז וועגן דזשאָנאַטאַן סוויפטן, וועגן וואָלטערן. אז ער האָט זיך א ביסעלע צוגעוווינט, האָט ער גענומען וואַנעס פאַר אָנבײַסן. אנומלטן זאָג איך צו אים שטיל: וואַשט אויס די וואַנע נאָך דעם ווי איר ניצט זי. זאָגט ער מיר, אז אין דער היים טוט עס די מאַמע. עס איז מיר געוואָרן, ווי זאָל איך דיר זאָגן... אָבער כאַיִם איז אנציקט פונעם באָכער, פאַרוואָס ניט, כאַיִם דאַרף דאָך ניט מאַכן קיין אָנבײַסן, קיין מיטיק, ער דאַרף ניט ראַמען און וואַשן. כ׳זאָג דיר, איך האָב פאַרוואָרפן די אייניקלעך. ווּעסט גלייבן, איך מיט כאַיִמען זײַנען אליין געוואָרן שטיקלעך געסט אין אונדזער צוויייצימערדיקער דירע. ווי קאָן מען דורכגיין דעם צימער בייס דער באָכער שלאָפט אפן דיוואַן. דערווײַל האָט דער דאָקטער פון אונדזער פּאָליקליניק געזאָגט, אז כאַיִם זאָל זיך אַף א פּאָר וואָכן לייגן אין שפּיטאָל מיט זײַן ספּאָנדעליאָז. און וויבאַלד דער דאָקטער זאָגט, איז דאָך אָפּגערעדט — לייגט ער זיך. קומט מיר צו א שטיקל ארבעט: איבער א טאָג לויף איך מיט פּערעדאַטשעס צו כאַיִמען, און די שטוב איז א שטוב. כ׳מאַך פרישטיק, כ׳קאָך מיטיק. דער באָכער האָט ניט קיין שלעכטן אַפּעטיט, נאָכן עסן איז ער אופגעלייגט, לייענט מיר אַף אויסוויניק לידער, דערציילט וועגן שרײַבער. איך הער, אָבער אמאָל פליט מיר דורך א געדאַנק: ס׳וואָלט מיר ניט אויסגעמאַכט, ער זאָל פאַרגעסן כאָטש איין מיטיק צוליב פּאָעזיע. א צוויי־דרײַ מאָל האָט ער בא מיר געפרעגט, צי האָב איך ליב שאָקאָלאַדנע אסאָרטי. איך געדענק ניט פּינקטלעך, וואָס איך האָב אים געענטפערט, אָבער אָן ערעך האָב איך אים געזאָגט, אז כ׳דערנער זיך מיט אנדערע פּראָדוקטן. אפן זעקסטן טאָג נאָך אָוונטברויט זאָגט ער מיר, אז אין צוויי טעג ארום פאָרט ער אוועק. כ׳וויל זיך ניט מאַכן בעסער ווי איך בין, איך מוז דיר זאָגן דעם עמעס, נעסיע, אז ס׳איז מיר ניט געוואָרן שווער אפן הארצן... איך דאַרף גיין אין שפּיטאָל, ער קלײַבט זיך אויך אוועקגיין. איך קום צוריק שוין פאַרנאַכטלעך, ער שטייט לעבן שטוב מיט אן אוואָסקע פלעשער. מיין איך, עפשער האָט ער עס גענומען צו פירן קיין גאָרקי. מיר גייען ארײַן אין שטוב, שטעלט ער ארויס די אוואָסקע אפן באַלקאָן, נאָך אָוונט־

ברויט טראָגט ער ארײַן א צוויי פלעשער, בעט בא מיר דאָס מעסערל, מיט וועלכן מע עפנט א פלאַש סאָק אָדער לימאָנאַד, גיב איך. עפנט ער א פלאַש, נעמט אליין א גלאָז. אז ער האָט אָנגעהויבן גיסן אין גלאָז, האָב איך פארשטאַנען, אז דאָס איז ביר. הער נאָר, וואָס אן אינטעלעקט קאָן! אויסגעליידיקט די פלעשער, איז ער אַף מאָרגן אוועק און געבראַכט נאָך!... אַף מאָרגן האָט ער ווידער ניט שלעכט איבערגעביסן. נאָך מיטיק געפרעגט, צי האָב איך האָניק, ווײַל ער האָט ליב טונקען אפּעלסין אין האָניק. קיין האָניק האָב איך ניט — איז ניט געטונקט! האָט ער נאָך מיטיק געטרונקען ביר. דעם טאָג, ווען ער האָט גענדאַרפט אוועקפאָרן, פרעגט ער בא מיר, ווּ איז דאָ נאָענט א פּונקט, וואָס נעמט גלאָזוואַרג. זאָג איך אים, אז אונדזער מאַגאַזין נעמט אויך א פלאַש פאַר א פלאַש. קוקט ער מיך אָן פאַרוווּנדערט און טוט א זאָג: בא מיר וועט מען צונעמען אלע. אָבער ס׳איז שוין אזויפיל פלעשער, אז אין זײַן אוואָסקע גייען זיי ניט ארײַן. גיב איך נאָך איין אוואָסקע, און ער גייט אוועק. ס׳האָט שוין היפּש געדויערט. אז ער איז געקומען, האָט ער געהאַט אזא פריילעכע מינע, ווי ס׳וואָלט בא אים אויסגעשפּילט א לאָטעריי־בילעט. און ער מאַכט צו מיר: בא מיר האָט מען גענומען אלע פלעשער. כ׳האָב זיך פאַרוווּנדערט. אָבער ווען מיר זײַנען ארײַנגעגאַנגען אין קיך, נעמט ער ארויס פון בוזעם־קעשענע א פלאַטשיקע פלאַש, פארשטיי איך שוין. נאָר ער מאַכט, פונדעסטוועגן, קלאָר די זאַך: דאָס איז ארמענישער קאָניאַק. אין גאָרקי איז דאָס ניטאָ!

און מער גאָרניט. נעסיע ווערט אנשוויגן. באַסיע שווײַגט אויך. און בייס נעסיע שטייט אין קאָרידאָר, וויל באַסיע וויסן אָט וואָס:

— ער איז טאַקע יענעם פאַרנאַכט אוועקגעפאָרן?

— יאָ.

— אליין, צי מיטן קאָניאַק?

— מיטן קאָניאַק.

— קיין לידער האָט ער דיר ניט געלייענט פאַרן אוועקפאָרן?

— הער אוף, באַסיע. איך זאָג דיר, וואָס א מענטש טוט זיך אליין, וועט עס אים קיין סוינע ניט טאָן. האַקלאַל, פולע פלעשער, ליידיקע פלעשער, אָבער איך זאָל נאָכאַמאָל נעמען יענעמס א גאַסט אין שטוב ארײַן — דאָס ניט! און איך בעט דיך זייער, זאָל דאָס בלײַבן צווישן אונדז.



## מאַקס ר י ז נ ט

### איך קום אַרײַן אין נײַעם טאָג

איך קום אַרײַן אין נײַעם טאָג
ניט ווי א גאַסט אַף לײַכטע פליגל,
ווײַל וואָס כ׳פאַרמאָג און וואָס איך טראָג,
איך וויל, ס׳זאָל ברענגען פאַרגעניגן.

און ניט אַזוי פאַר זיך אַליין,
און אויך ניט פאַר א קרײַז א שמאָלן,
מיט מיר צוזאַמען — גרויס און קליין
די פרייד נאָך פולער שפּירן זאָלן.

ניט אַלץ איז גאָלד, וואָס פינקלט שיין,
דאָס, וואָס עס בלאַנקט, קען טונקל ווערן,
און מײַן געוויסן האַלט איך ריין,
און נאָר אַזאַ מין כעזשבן כ׳טראָג
פון אַלץ וואָס רירט, וואָס טויג און טויג ניט,
ווײַל כ׳קום אַרײַן אין נײַעם טאָג
אונטער א העלן רעגנבויגן...

## אַווראָם קאַצעוו

### בײַ דעם בילד פון פּעטראָוו־וואָדקין „דאָס רויטע פערד"

דאָס שוואַרצע — ניט, דאָס ווײַסע — ניט.
דאָס רויטע פערד דעם מאָלער ציט.

ער מאָלט און טראַכט, ער מאָלט און קלערט:
וואָס איז אַזוינס דאָס רויטע פערד?

ווער באָדט דאָס פערד? ווער וואַשט? ווער צוואַגט?
ווער זעצט זיך נאַקעט אויף און יאָגט?

דער מאָלער מאָלט, דער קינסטלער שאַפט,
ער ווייסט די ווערט נאָך ניט, נאָר גאַפט.
...מײַן ליבער פרײַנט, דײַן רויטן פערד
איז אײַנעמען א וועלט באַשערט!

## מאַטל גאָלבשטיין

### נאָך זשאַלודיעס

קלײַבן זשאַלודיעס געפאָרן זײַנען מיידלעך אינעם וואַלד.
ס׳האָט די זון נאָך אַף די דעמבעס זומער־אָונטיק געשטראַלט.
ס׳איז געווען סענטיאַבער־כוידעש, אין דער צײַט פון בלעטערפאַל.

פאַרט א וואָגן, אַפן וואָגן זינגען מיידלעך און מע קוועלט.
און די פערדלעך לויפן מונטער איבער אופגעהילכטן פעלד.
ס׳האַרץ זיך פרייט בײַ יעדער איינער פון אַזאַ מין שיינער וועלט.

פונעם מיידלשן געלעכטער, וואָס דער וואַלד האָט אונדז דערהערט,
האָבן ביימער זיך פאַרטײַעט און געבליבן, ווי פאַרקלערט.
טראָפּנס טוי זײַנען געפאַלן פון די צווײַגן אויף דער ערד...

ס'האָבן בלעטער זיך געקאַטשעט פאַר די פיס מײַנע מיט רויש,
ווען אין טיף פון וואַלד געקליבן האָב איך זשאַלודיעס אין קויש.
פּלוצלינג שטיין בין איך געבליבן פאַר מײַן לאָזע־קויש אַנטוישט.

בײַ אַ דעמב האָבן די מיידלעך אונדז שפּאַס מיט מיר פאַרפירט:
פון מײַן קוישל צוגעגאַנוועט אַלע זשאַלודיעס בײַ מיר.
שטיין געלאָזט מיך ווי אַ לעקיש און מײַן קאָפּ מיט גראָז באַצירט.

האָב איך זיך בײַ זיי געבעטן: „גייט שוין, ווילע מיידלעך, גייט,
אין דעם וואַלד אין אָט דעם טיפן האָט איר מיר מײַן קאָפּ פאַרדרייט.
כ'קען, כאַלילע, ווערן שיקער פון אַזאַ מין גרויסער פרייד".

רופט זיך אָן דאַן קלומערשט ערנסט אַזאַ מיידל אַזאַ שוואַרץ:
— פונעם הימל פאַלן שטערן גלײַך ווי זשאַלודיעס אין האַרבסט,
קלײַבסטו אַלע זיי צונויף — דאַן שענק איך דיר אַוועק מײַן האַרץ.

זאָג איך: „מיידל, ביז די שטערן כ'וועל צונויפקלײַבן אין וועג,
קאָן מײַן בליק דײַן האַרץ צו ליבע נאָך, כאַלילע, טאָן אַ וועק,
ווי דער פּיקהאָלץ אין באַגינען, ווען פון שלאָף דעם בוים ער וועקט".

לאָזן גיין זיך אַלע מיידלעך מיט דער סטעזשקע און מע לאַכט.
ביימער אײַנציקווײַז זיך לעשן אין דער טונקל פון פאַרנאַכט,
גלײַך ווי עמעצער אין ווײַטן טיר נאָך טיר וואָלט צוגעמאַכט...

מיט אַ בלעטער־ראַש באַגלייט האָט אונדז דער וואַלד ביזן שאָסיי,
ס'האָבן פייגל אופגעהויבן אין דער לופט אַ טאַנץ־געשריי.
שטיל געפאַלן זײַנען בלעטער — אַ לעוואָנעדיקער שניי...

אײַנגעשפּאַנט די פערד אין וואָגן, זײַנען מיר אַוועק אַהיים.
מיד די פערד זײַנען געגאַנגען צום קאַלווירט־הויף מיטן פליין,
צו דעם פײַערל דעם ווײַטן, וואָס געטעקט האָט זיך געהיים.

כ'בין געלעגן און געדרעמלט אויפן וואָגן, ווי נ'אַ וויג,
ס'האָט דער ווינט געוועקט מײַן כאַלעם, ס'האָבן רעדער מיך געוויגט.
ווען איך טאַנץ אַראָפּ פון וואָגן, מיטן ווינט כ'וואָלט זיך צעקריגט.

קלײַבן זשאַלודיעס געפאָרן כ'בין מיט מיידלעך אין פאַרנאַכט,
ווייס איך ניט, פאַרוואָס ביז איצטער ס'האַרץ ווערט אומרויק־פאַרטראַכט,
ווען איך זע, ווי שטערן פאַלן פון דער הייך אין קויש פון נאַכט...

אויב פון אײַך וועט עמעץ הערן, ווי דער פויגל זינגט און שאַלט,
זאָלט איר וויסן, אַז די ליבע זינגט אַליין דאָס אײַנעם וואַלד
אָט די ליד פון שיר־השירים בײַ אַ יונגן לעבנס־קוואַל...

# בראָניע סיגעלניקאָווע

## מײַן שכײנע

איך קען זי דאָס ווילפלטע יאָר,
פון טשודנאָווער געסל מײַן שכײנע,
אַזעלכע אויגן און האָר
אין שטאָט ניט געווען בײַ קײנעם.

איר ווייסט, ווי זי האָט זינגען געקענט?
איר ניגן פלעגט פרייען די הערצער.
איר ווייסט, ווי זי האָט טאַנצן געקענט?
אין שטאָט זי געווען איז די ערשטע.

איצט שטייט זי באַם פענצטער פאַרטראַכט
און ווישט מיט די פינגער די שויבן,
און גלאָט אין דער וועלט ארײַן לאַכט
און פירט אומבאַוווּסט מיט די אויגן.

אַט גיסט זיך אַ ביטערע טרער,
צעפלאָכטן די האָר און צעשויבערט,
איר דאַכט זיך, איר זון גייט אַהער,
און ווידער עס נעמט זי אַ שוידער.

איך קוק אָף מײַן שכײנע אַצינד,
עס צופּט און עס ברענט מײַן נעשאָמע,
זי ווייגט און זי לאַכט ווי אַ קינד,
און דאָס האָט געטאָן די מילכאָמע.

# כאַים גורעוויטש

## הײַנטיקע צײַטן

ס'האָט זיך אַ סיביריאַק באַזוכן מאָסקווע געקליבן,
ער איז נאָך דאָרטן קײנמאָל ניט געווען,
און זײַער פּונקטועל האָט ער דעריבער
אין אַ נײַינקן בלאָקנאָטעלע פאַרשריבן
אַלדאָסדינג, וואָס ער באַדאַרף דאָרט זען.
און ס'האָט זיך קײנער ניט געכידעשט שטאַרק,
און ס'איז קײן וואונדער ניט געווען שוין מער,
וואָס מיט רויטע אויסיעס פאַרפלאָנירט האָט ער:
זיך ארײַנכאַפּן אומבאַדינגט אין זאָאָפּאַרק
און אַ קוק טאָן אָף אַ לעבעדיקן בער...

# באָריס מאָגילנער

## אַנטלײַט מיר אַ מעטאַפאָרע

אַנטלײַט מיר אַ מעטאַפאָרע,
איך בעט אײַך,
איר זײַנט דאָך אַן אוישער,
טאָ האָט זשע יוישער,
שטעקט ארײַן די האַנט אין האַרץ־נעסט
און דערלאַנגט זי פונדאָרטן —
פאַשעטער, ווי פאַרפאַרעטער רעטעך.

ס'איז גאָר ניט אַזאַ מין גרויסע
מײַן באַקאַשע,
איר זאָלט זיך ניט זאָרגן,
אַ קלײניקײַט וויל איך באָרגן,
ניט קײן מויצע פונעם לאַבן —
אַ ברעקל, וואָס פאַלט אַראָפּ פון אײַערע געפילן,
וואָס איר פאַרלירט און באַמערקט ניט אַפילע...
אַלץ איז קאָשער.
באַוואַרפט מיך מיט שטײנער —
אײַער דײַע.
כ'וועל לײַדן,
אויב דאָס איז ניט צו פאַרמײַדן,
כ'וועל פון ווייטעק ניט רעווען...
איך זאָג ניט צו קײן ריזיקן רעוועך,
נאָר אַנזעצן — ביין,
פּע, ניט שײן.
אַז גאָט וועט העלפן,
אומקערן וועל איך דעם כויוו —
אַ פולע זשמעניע קלינגעוודיקע מעטאַפאָרן,
עפשער אַ גאַנצע מײַע...

אורען גוראַלניק

# אַף יענער זײַט פונעם סאָציאַלן ווישער

די אויסלענדישעווירקלעכקייט אין דער אָפּשפּיגלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור

אין 1935 האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין אַ רײַזע איבער אַמעריקע צוויי סאָוועטישע שרײַבער — איליא איילף און יעווגעני פּעטראָוו, די אויטאָרן פון די שוין דעמלט באַרימטע סאַטירישע ראָמאַנען „צוועלף שטולן" און „דאָס גאָלדענע קעלבל". ווי באַוווּסט, האָט ניט לאַנג פאַר זייער אוועקפאָרן די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן ענדלעך אַנערקענט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און אויפגעשטעלט מיט אים דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען.

באַקומענדיק די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיטן לעבן אין אַמעריקע און דערציילן וועגן דעם די סאָוועטישע לייענער, זײַנען איילף און פּעטראָוו אַפּן פלינקן „פאָרדיק" אויסגעפאָרן קימאַט דאָס גאַנצע גרויסע לאַנד, פונעם ברעג אַטלאַנטיק און ביז דעם שטילן אָקעאַן. זיי האָבן אַ סאַך געזען און אַ סאַך פאַרשטאַנען, און נאָכן אומקערן זיך צוריק אַהיים האָבן זיי אָנגעשריבן אַ בוך, וואָס ווערט געלייענט מיט אינטערעס אויך הײַנט — „די איינשטאָקיקע אַמעריקע", אַ מין באַריכט וועגן זייער רײַזע.

אַליין דער נאָמען פונעם בוך שטעלט מיט זיך שוין פאָר אַן אַרט פּראָגראַם. אַוודע, — האָבן די שרײַבער געזאָגט, — עס איז גאָרניט אָפּצוווונדערן זיך פון דעם הויכן טעכנישן ניוואָ, מע דאַרף אויך אָנערקענען די אַרבעטזאַמקייט, געניטקייט און דערפינדערישקייט פון די אַמעריקאַנער אַרבעטער, אינזשעניערן, פאַרמערס, ביזנעסלײַט. די ניו־יאָרקער וואָלקנקראַצערס רופן אַרויס אָנערקענונג פאַר די אויפטוען פון די אַרכיטעקטאָרן און בוי־אַרבעטער, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט די דאָזיקע גרויסאַרטיקע געבײַדעס. די אויטאָרן פון דער „איינשטאָקיקער אַמעריקע" זײַנען אַנציקט פון די בריקן און וועגן און פון אַנדערע וווּנדער־ווערק, וואָס זײַנען איידעס פונעם וויסנשאַפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס. אָבער בײַ דעם אַלעם איז זייער פאַראינטערעסירטקייט דעריקער געווענדט צום מענטשן, צו זײַן גורל, צו זײַן טאָגטעגלעכן לעבן, צו זײַנע ליידן און פריידן. זיי גייען ניט פאַרבײַ די שאַרפע געזעלשאַפטלעכע ווידערשפּרוכן, וואָס זײַנען אָרגאַניש פאַר דעם אַמעריקאַנער לעבנסשטייגער. זײַענדיק גוטמוטיק און אָביעקטיוו, פאַרשווײַגן זיי ניט די פּגאָמים פון דער בורזשואַזער וועלט, וואָס איר איין־און־איינציקער גאָט איז דער דאָלער.

טויזנטער טוריסטן האָבן באַזוכט אַמעריקע סײַ פאַר און סײַ נאָך איילפן און פּעטראָוון, עס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן הונדערטער ביכער וועגן דעם לעבן אינעם „לאַנד פון וואָלקנקראַצערס".

די סאָוועטישע אויטאָרן האָבן אָבער דערזען, אַז אַט דאָס לאַנד איז „מערסטנטייל איין־ און צוויישטאָקיק", און זייער אויפמערקזאַמקייט איז דעריקער קאָנצענטרירט אַרום דעם געשטאַלט פונעם „דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער". פון אַט דעם שטאַנדפּונקט, אַ גאָר ווײַטן פון רעקלאַמפּראָספּעקטן, האָבן זיי טאַקע באַטראַכט די ווירקלעכקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

עס ווילט זיך אָבער באַמערקן, אַז לייענענדיק איצט, אין פיל יאָרן אַרום נאָכן דערשײַנען פון דער „איינשטאָקיקער אַמעריקע", די ביכער פון דזשאָן סטיינבעק, ערסקין קאָלדוועל און אַנדערע אַמעריקאַנער שרײַבער, וועלכע ווייסן

גוט זייער לאַנד, איז שווער זיך צו באַפרײַען פונעם געדאַנק, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָבן זיי נאָכגעפאָלגט אילפן און פּעטראָוון.

אילף און פּעטראָוו האָבן זיך באַגעגנט און געשמועסט מיט הונדערטער אַמעריקאַנער און האָבן אופגענומען דאָס געזעענע און געהערטע אָן קיין שום פאָרורטיילן. סײַ אין די דעטאַלן און סײַ אין די פאַראַלגעמיינערונגען זײַנען זיי גאַנץ אָביעקטיוו. ס׳איז אָבער נאַטירלעך, אַז זײַענדיק בירגער פונעם סאָוועטנלאַנד, עכטע הומאַניסטן, טרעגער פון פּראָלעטאַריש־אינטערנאַציאָנאַליסטישע אידייען, האָבן זיי ניט געקאָנט זײַן קיין זײַטיקע באַאָבאַכטער, קאַלטע פּראָטאָקאָליסטן און רעגיסטראַטאָרן.

אין זייערע ראָמאַנען וועגן די אַוואַנטיורעס פון דעם „גרויסן קאָמבינאַטאָר", וואָס זײַן גאַנץ לעבן איז איין יאָגעניש נאָכן גאָלדענעם קאַלב, האָבן אילף און פּעטראָוו מײַסטעריש און קאָמפּראָמיסלאָז דעמאַסקירט די אייגנטימערישע פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן, אַרויסגעשטעלט צו שאַנד און צו שפּאָט די פאַרשטעלונגען, אַז בלויז געלט אַליין קאָן שוין באַוואָרענען אַ גליקלעך לעבן. אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיי מיט די אייגענע אויגן געזען אַ וועלט, ווּ געלט איז פולמעכטיק באַנאַנד מיטן בראָדוויי, אַ פאַרגאָסענעם מיט עלעקטרע־שײַן, האָבן די שרײַבער באַוויזן די ענגע, פינצטערע, שמוציקע געסלעך, ווּ עס מאַטערן זיך די עמיגראַנטן פון אייראָפּע. אילף און פּעטראָוו האָבן אָנגערופן טשיקאַגאָ „אַ שרעקלעכע שטאָט" און דערבײַ צוגעגעבן, אַז „אַ געפיל פון צאָרן כאַפּט אַרום דעם מענטשן, ווען ער ווערט באַקאַנט מיט אירע פּאַראַנדקעס. די הויך־אָרגאַניזירטע קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע פאַרוואַנדלט דעם מענטשן אין אַ צוגאָב צו דער מאַשין: „די אַרבעטער... פירן ניט אָן מיט דער מאַשין, זיי באַדינען זי".

נעמענדיק פאַר אַ וועג־ווײַזער מאַקסים גאָרקין, דעם אַווטאָר פונעם פּאַמפלעט „די שטאָט פון דעם געלן טײַוול", האָבן אילף און פּעטראָוו איבערצײַגעוודיק אַנטפּלעקט די פאַלשקײַט און צווייפּנעמדיקײַט פון דער „געהויבענער" אַמעריקאַנער „דעמאָקראַטיע". ברענגענדיק אַ כאַראַקטעריסטישן בײַשפּיל פון פאַרלוימדן די מענטשן־רעכט, באַמערקן זיי סאַרקאַסטיש: „ווען אייבראַהעם לינקאָלן זאָל געווען אויפשטיין טכיעס־האַמייסים, וואָלט ער מיסטאַמע אויך גאָרנישט ניט געקאָנט טאָן. און אפילע גענעראַל גרענטס האַרמאַטן וואָלטן אים אויך קנאַפּ וואָס געהאָלפן"...

עס איז שוין דורכגעגאַן קימאַט אַ האַלבער יאָרהונדערט נאָכן דערשײַנען פון דער „איינשטאָקיקער אַמעריקע". ס׳האָט זיך פאַר דער צײַט אַ סאַך געביטן אין דער וועלט און אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער דער עמעס, וואָס ווערט דערציילט אינעם וווּנדערלעכן בוך פון די סאָוועטישע וואָרט־קינסטלער, איז ניט געמינערט געוואָרן. אילף און פּעטראָווס רעפּאָרטאַזש האָט נאָך ביז איצט ניט פאַרלאָרן זײַן באַלערנדיק־דערציִערישע באַדײַטונג. ווי פריִער, באַצויבערט ער אונדז מיט זײַן אָפנהאַרציקן גלויבן, אַז „די פּראָגרעסיווע קויכעס, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן דעם ערעוורואָו, וואָס פאַרמיסטיקט דאָס פרײַהײַטסליבנדיקע אַרבעטזאַמע לאַנד", וועלן אָפּהאַלטן אַ זיג.

מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער געשפּרעך וועגן דער אַזויגערופענער „אויסלענדישער" טעמאַטיק פון אילפס און פּעטראָווס בוך, אָבער עס זײַנען דאָ נאָך פיל אַנדערע בײַשפּילן, וואָס באַווײַזן, אַז די פילנאַציאָנאַלע סאָוועטישע ליטעראַטור האַלט הויך די פאָן פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַרישקײַט. די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרשלאָסן אין ענגע נאַציאָנאַלע ראַמען. דאָס איז צו זען אין דער ברייטקײַט פון איר טעמאַטיק, אין דער פילקאָליריקײַט פון דער געשטאַלטן־סיסטעם.

עס איז גענוג צו ווענדן זיך צו די שאַפונגען פון וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, וועלכער האָט, לויט זײַנע אייגענע ווערטער, „שיר ניט די גאַנצע ערד־קויל אַרומגעקרײַזט". ער איז ניט איין מאָל געפאָרן קיין אויסלאַנד, געווען אין בערלין, אין פּאַריז, באַזוכט ניו־יאָרק, טשיקאַגאָ, פילאַדעלפיִע, דעטרויט, פּיטסבורג, געפאָרן קיין מעקסיקע און קיין קובע... ער פלעגט אַרומפאָרן ניט אַלס זאַרגלאָזער טוריסט. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ באַפולמעכטיקטן פאָרשטייער פון דער נײַער סאָציִאַליסטישער קולטור. אין זײַן אויטאָביִאָגראַפישער פאַרצייכענונג „איך אַליין" לייענען מיר: „איך זעץ פאָר די אַמאָליקע איבערגעריסענע טראַדיציִע פון די טרובאַדורן און מענעסטרעלן. איך פאָר אַרום איבער די שטעט און איך לייען". אין רעזולטאַט פון די דאָזיקע רײַזעס האָט מאַיאַקאָווסקי געשאַפן אויסגעצייכנטע לידער, וועלכע באַשײַנען ביז איצט די וועלט־פּאָעזיִע. אין משך פון די יאָרן 1923—1929 האָט ער אָנגעשריבן די סעריִע פאַרצייכענונגען „איך אַנטדעק אַמעריקע", אַזעלכע לידער, ווי „דער אַטלאַנטישער אָקעאַן", „בלעק ענד ווײַט", „כריסטאָפאָר קאָלומב", „מעקסיקע", „בראָדוויי", „קווערשניט פון אַ וואָלקנקראַצער", „דער ברוקלין־בריק" און פיל אַנדערע. דער פּאַטאָס פון די דאָזיקע ווערק באַשטייט אין זאָגן דעם גאַנצן עמעס וועגן דער לאַגע פון אַן אַרבעטס־מענטש אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דער סאָוועטישער שרײַבער פּראָקלאַמירט דעם אָפּטימיסטישן גלויבן אין דער צוקונפט, אין אַ נײַער וועלט, וואָס איר אויסגעשטאַלט זעט ער אינעם לאַנד פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציִע.

מאַיאַקאָווסקיס „לידער פון אויסלאַנד" זײַנען שוין אַרײַן אין אַלע כרעסטאָמאַטיעס. אַ סאַך שורעס זייערע נעמען מיר הײַנט אויף ווי אַפאָריזמען.

דער דיכטער באַקעמפט „זײַן פינצטער־עקסעלענץ, דעם קאַפּיטאַל", וועלכער „קרוינענדיק זיך מיטן בראָדוויי", רויבט, כאַפּט און גאַזלט... מאַיאַקאָווסקי דערקלערט איראָניש, אַז ווען ער וואָלט געווען כריסטאָפאָר קאָלומבוס, וואָלט ער

„פֿאַרמאַכט אַמעריקע, זי אַ ביסל אָפּגערייניקט און דערנאָך זי אַנטדעקט צום צווייטן מאָל". אָבער באַגלײַך דערמיט איז דער גאַנצער אַמעריקאַנער ציקל לידער דורכגעדרונגען מיט גלויבן אין שעפֿערישן גײַסט פֿונעם פֿאָלק, אין זײַן גײַסטיקער געזונטקײַט. נאָכן באַזוכן דעם יוגנטלעכן זומער־לאַגער — „קעמפּ ניט געדײַגעט" הינטער ניו־יאָרק האָט מאַיאַקאָווסקי אָנגעשריבן איינע פֿון זײַנע אַמערסטן פֿריידיקע, אָפּטימיסטישע און לעבנסלוסטיקע לידער.

ווו דער דיכטער זאָל ניט זײַן, פֿאַרגעסט ער קיינמאָל ניט „אין זײַן סאָוועטישן פּאַספּאָרט". ער איז פֿאַרליבט אין פּאַריזש, אָבער געזעגנענדיק זיך מיט דער פֿראַנצויזישער הויפּטשטאָט, איז ער זיך מוידע: „איך וואָלט וועלן לעבן און שטאַרבן אין פּאַריזש, ווען אָף דער וועלט וואָלט ניט געווען מאָסקווע". און ס'איז ניט קיין צופֿעליקײַט, וואָס דער גרויסער ציקל לידער וועגן דער אויסלענדישער ווירקלעכקײַט ווערט פֿאַרענדיקט מיט דער באַרימטער „ליד וועגן סאָוועטישן פּאַספּאָרט".

ס'לויפֿן יאָרן. אַדאַנק דער פֿרוכטבאַרער אַטמאָספֿער פֿון פּאָליטישער אַנטשפּאַנונג, אַנטוויקלען זיך די קולטור־פֿאַרבינדונגען פֿון אונדזער לאַנד מיט די מיזרעך־ און מײַרעוו־לענדער. עס מערן זיך די קאָנטאַקטן פֿון סאָוועטישע שרײַבער מיט אויסלענדישע קאָלעגן. דער גאַנג פֿון דער צײַט טראָגט אַרײַן זײַנע קאָרעקטיוון אין דער דיספּאָזיציע אָף דער וועלט־אַרענע. נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע איז אַנטשטאַנען דער סאָציאַליסטישער לאַגער, וועלכער נעמט זיך קעסיידער אָן מיט קויעך און איז שוין געוואָרן אַן אַנטשיידנדיקער פֿאַקטאָר פֿון דער הײַנטצײַטיקער וועלט־געשיכטע. עס פֿאַרברייטערן זיך די רייען פֿון אַקטיווע פֿרײַנט פֿון דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד אין דער גאַנצער וועלט. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט די ראָליע פֿון אונדזער ליטעראַטור דערגרייכט אַ קוואַליטאַטיוו נײַעם שטאַפּל. איר אויטאָריטעט פֿאַר אַלע פּראָגרעסיווע קרײַזן אין אויסלאַנד איז אומבאַשטרײַטבאַר, ווײַל זי שטייט פֿעסט אָף די פּאָזיציעס פֿון עכטן אינטערנאַציאָנאַליזם. איר פּרינציפּיעלקײַט אינעם צוגאַנג צו לייזן די גרינטלעכע פּראָבלעמען פֿון דעם מענטשלעכן קיִעם, איר קעמפֿערישקײַט אין פֿאַרטיידיקן די אידעאַלן פֿון הויכן הומאַניזם קומען צום אויסדרוק אויך אין די ווערק, וואָס זײַנען געווידמעט דער אויסלענדישער טעמע.

די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט רומפֿולע טראַדיציעס, און זיי ווערן קעסיידער באַרײַכערט. לייענענדיק די פּאָעמעס פֿון אַנדריי וואָזנעסענסקי, דערמאָנט מען זיך אומגערן אין מאַיאַקאָווסקין. אָפֿן נײַעם עטאַפּ פֿונעם היסטאָרישן פּראָצעס פּראָקלאַמירט דער פּאָעט־נאָוואַטאָר אונדזער אינטערפּרעטאַציע פֿון דער מענטשן־רעכט־פּראָבלעם, אונדזער גלויבן אין אומויסשעפּלעכע מענטשלעכע מעגלעכקײַטן, אונדזערע פֿאַרשטעלונגען וועגן שעפֿערישער פֿרײַהײַט. און ס'איז טאַקע מערקווירדיק, אַז די פּראָגרעסיווע אַמעריקע, טראָץ דער פֿילדערײַ פֿון די „שפּאַרבערס", וועלכע פּרוּוון אומקערן די וועלט צו דער „קאַלטער מילכאָמע", באַגעגנט דעם סאָוועטישן פּאָעט מיט היספּײַלעס, ווי דאָס איז געווען, צום בײַשפּיל, בעשאַס זײַן לעצטער רײַזע איבער אַמעריקע.

אויך יעווגעני יעוטושענקאָ אַנטוויקלט מאַיאַקאָווסקיס טראַדיציעס אָף זײַן אייגנאַרטיקן אויפֿן. אַן איידעס פֿון דעם איז זײַן פּאָעמע וועגן דער טראַגעדיע פֿון טשילי. ראָבערט ראָזשדעסטווענסקי, דער אויטאָר פֿון דער פּאָעמע „צוויי הונדערט טריט", האַלט אויך זײַן האַנט, אַזוי צו זאָגן, אָפֿן דויפּעק פֿון דער וועלט, ער דענקט מיט גלאָבאַלע קאַטעגאָריעס, באַזינגענדיק די העלדישקײַט פֿונעם סאָוועטישן פֿאָלק.

נאָך פֿון מײַנע פֿריִע קינדער־יאָרן געדענק איך דעם גרויסן רוישעם, וואָס עס האָט אָף מיר געמאַכט ניקאָלײַ טיכאָנאָווס פּאָעמע וועגן דעם קליינעם ייִנגל פֿון אינדיע. די פּאָעמע „סאַמי", וועלכע איז אָנגעשריבן אין 1920, האָט באַשטעטיקט די אומשטערבלעכקײַט פֿון לענינען, די ראָמאַנטיק פֿון דער רעוואָליוציע, די אומזיגבאַרקײַט פֿונעם פּראָלעטאַריש־אינטערנאַציאָנאַליסטישן גײַסט. דער נעסטאָר פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור (נ. טיכאָנאָוו איז שוין אַרײַן אין נײַנטן צענדליק) איז אָף שטענדיק געבליבן טרײַ דער דאָזיקער נאָבעלער טעמע. אין די לעצטע יאָרן האָט ער געשאַפֿן צענדליקער פּאָעטישע און פּראָזאִישע ווערק וועגן דעם הײַנטצײַטיקן אויסלאַנד. באַזונדערס אַקטיוו אַרבעט טיכאָנאָוו פֿאַנאַנדער די מיזרעכדיקע טעמאַטיק. מע קאָן אָנרופֿן, צום בײַשפּיל, זײַן לידער־ציקל „צוויי שטראָמען", די גרעסערע דערציילונגען „דער ווײַסער ווונדער", „דער גרינער כוישעך", „זעקס קאָלאָנעס", דעם בוך „דער טאָפּלטער רעגנבויגן". אַנאַליזירנדיק די דאָזיקע ווערק, האָבן די קריטיקער באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז די פּאָעטישע שאַרפֿזעעוודיקײַט, דער „אַנטי־קיפּלינג"־פּאַטאָס, די מעטאַפֿאָרישקײַט פֿון די „מיזרעכדיק"־באַפֿאַרבטע געשטאַלטן — אַלץ דינט דעם צוועק צו פֿאַרטיידיקן די רעכט פֿון די באַפֿרײַטע און פֿון די נאָך קעמפֿנדיקע פֿאַר זייער פֿרײַהײַט מיזרעכדיקע פֿעלקער.

דעם גײַסט פֿון טיכאָנאָווס פּאָעזיע איז אויך נאָענט „די אינדישע באַלאַדע" פֿונעם פֿאָלקס־פּאָעט פֿון טאַדזשיקיסטאַן מירזאָ טורסון־זאַדע. דער דאָזיקער ציקל, ווי אויך די פּאָעמעס „פֿון דעם טײַך גאַנג ביז דעם קרעמל", „די אייביקע שײַן" און „די שטים פֿון אַזיִע" זײַנען געשאַפֿן געוואָרן לויט די פֿרישע שפּורן פֿונעם געשעענעם, אין רעזולטאַט פֿון דעם אויטאָרס פּילצאָליקע רײַזעס אין די לענדער פֿון אַזיע און אַפֿריקע. די פֿילאָסאָפֿישע באַזיניקונג פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט, פֿון דעם הײַנטיקן טאָג און פֿון דער צוקונפֿט פֿון אַזיע פֿלעכט זיך אָרגאַניש איבער מיט די געדאַנקען אַרום די צווישנבאַ־

ציִונגען פון דער פערזענלעכקייט מיט דער געזעלשאפט. מיט דער „אינדישער באלאדע" איז טעמאטיש פארבונדן מירזאָ טורסון־זאדעס פּאָעטישער ציקל „איך בין פונעם פרײַען מיזרעך".

די אויסלענדישע טעמע אין דער סאָוועטישער ליטעראטור איז אין טאָך גענומען אומויסשעפּלעך. ס'איז שווער צו געפינען א שרײַבער, וואָס זאָל זי ניט באַרירן אַף דעם אָדער יענעם אופן. מע קאָן, צום בײַשפּיל, דערמאָנען קאָנסטאנטין פעדינס ראָמאנען „דאָס צורויבן אייראָפּע" און „ארקטור־סאנאטאָריע", באָריס לאוורעניאָווס פּאָליטישע דראמע „די שטים פון אמעריקע", וולאדימיר ביל־בעלאָצערקאָווסקיס פּיעסע „די פארב פון דער הויט", פּיאָטער פּאַוולענקאָס „אזיִאטישע דערציילונגען", ווי אויך סערגיי יעסענינס אייגנארטיקע פארצייכענונג „דער אײַזערנער מירגאָראָד". דאָס זײַנען גאָר פארשיידענע שעפערישע אינדיווידואליטעטן און גויראָלעס, וועלכע האָבן אָן אינערלעכע קרויוועשאפט און גייען ארויס פון א לעבעדיקן, אופריכטיקן אינטערעס צו די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער וועלט.

אויב פאר דער מערהײַט ליטעראטן איז דאָס ווענדן זיך צו דער אויסלענדישער טעמאטיק געבליבן בלויז אן עפּיזאָד אין זייער שעפערישער ביאָגראפיע, ווייסן מיר אָבער ניט ווייניק פּאָפּולערע סאָוועטישע שריפטשטעלער, וועלכע זײַנען ארײַן אין דער געשיכטע פון דער וואָרטקונסט אלס שילדערער פונעם צווישנפעלקערלעכן מאָטיוו.

א גאנצע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער ליטעראטור און זשורנאליסטיק איז פארבונדן מיט מיכאיִל קאָלצאָווס נאָמען. דער ערשטער רעדאקטאָר פון דער צווייוואָכן־אויסגאבע „זא רובעזשאָם", איז ער צוזאמען מיט מאקסים גאָרקין געווען דער איניציִאטאָר פון אן אוניקאלער אויסגאבע „איין טאָג פון דער וועלט" — א פילפארביקע פּאנאָראמע פון דער פּלאנעטע. מיט די אייגענע אויגן זען אלץ, קעדיי ניט מיסברויכן מיט דעם לייענערס צוטרוי — אזא איז געווען קאָלצאָווס ערשטראנגיקער קלאל אלס שרײַבער פון גאָרקיס קאָהאָרטע, אלס פּובליציסט, וועמענס באגאבונג האָט זיך אנטוויקלט און איז פארשטארקט געוואָרן אַף די זײַטן פון דער „פּראוודא". זײַן קענען אָריִענטירן זיך אין דעם קאָמפּליצירטן מעכאניזם פון די וועלט־געשעענישן מאכט אויך הײַנט, אין עטלעכע יאָרצענדליקער ארום נאָך זײַן טויט, מאמעש א דערשיטערנדיקן אײַנדרוק. אנטוויקלענדיק די סוזשעטן, וועלכע ער האָט גענומען פון דער אויסלענדישער ווירקלעכקייט, פלעגט קאָלצאָוו קאָנצענטרירן זײַן אופמערקזאמקייט ארום דעם אנאליז פון יענע דערשײַנונגען, וואָס צום סאָף פון די 20־ער און אין אָנהויב פון די 30־ער יאָרן האָבן זיי דירעקט געפירט צו דער נײַער וועלט־מילכאָמע. דער פּובליציסט האָט אופגעדעקט די ווירקונג פון יענע קויכעס, וועלכע האָבן געעפנט דעם וועג פארן פאשיזם.

מיכאיִל קאָלצאָווס ביכער „דערשיטערנדיקע באגעגענישן" און „אכצן שטעט" זײַנען אָנגעשריבן מיט א געניטער האנט פון א סאָוועטישן ליטעראטאָר־אינטערנאציִאָנאליסט, וועלכער האָט געהאט א געבענטשטע באגאבונג צו באָאבאכטונג און פאראלגעמיינערונג. אין דער פארצייכענונג „צו גאסט באם קיניג" (1927) דערציילט ער וועגן דער מאָראלישער צעפאלנקייט און פּאָליטישער קורצזיכטיקייט פון דער הערשנדיקער קנופיע, וואָס איר איז געלונגען צו פארכאפּן די מאכט און צײַטווײַליק אונטערדריקן דעם ווידערשטאנד פון די יוגאָסלאווישע ארבעטנדיקע מאסן. פול מיט צאָרן און אופגעבראכטקייט רעדט ער אין דער פארצייכענונג „וואָס וואָלט געקאָנט זײַן" וועגן די אונגארישע פאשיסטן, וועלכע האָבן אין יענער צײַט געפײַערט זייער בלוטיקן ניצאָכן.

אין אלע געביטן פון דער צווישנפעלקערלעכער וועלט־פּאָליטיק, אַף אלע געאָגראפישע לענגען און ברייטן האָט מיכאיִל קאָלצאָוו זיך געפילט זיכער. ער שרײַבט א ציקל פארצייכענונגען „שטרײַקן אין נעפּל" — טרעפלעכע און צילגעווענדטע שילדערונגען, וואָס שפּיגלען אָפּ די וויכטיקסטע מאָמענטן פונעם קלאסנקאמף אין ענגלאנד. קאָלצאָווס רעפּאָרטאזשן פון דעם לייפּציקער פּראָצעס האָבן באוויזן די מאָראלישע נישטיקייט פון דעם דײַטשישן פאשיזם און איינצײַטיק — די עכטע דערהויבנקייט פון די קאָמוניסטן.

די באדײַטונג פון קאָלצאָווס ווערק אַף דער צווישנפעלקערלעכער טעמאטיק, זייער אידייִש־קינסטלערישע אייגנארטיקייט, עסטעטישע נאָוואטאָרישקייט ווערט באזונדערס קלאָר אינעם „קאָנטעקסט פון דער עפּאָכע". אין אָט די ווערק געפינט איר אן אייגנארטיקן אויסדרוק פון דער אלגעמיינער טענדענץ אין דער גאנצער פארמילכאָמעדיקער ליטעראטור, וועלכע האָט זיך אנטפּלעקט ניט בלויז אין מ. גאָרקיס פּובליציסטיק און אין וו. מאיאקאָווסקיס „אויסלענדישע לידער", נאָר אויך אין די ווערק פון א. טאָלסטאָי, ווס. ווישנעווסקי, א. פאדייעוו און אנד. זײַן העכסטע אופבליִונג האָט קאָלצאָווס טאלאנט דערגרייכט בײַסן בירגערקריג אין שפּאניע, אין וועלכן ער האָט אָנטיילגענומען באנאנד מיט אנדערע באקאנטע שרײַבער־אנטיפאשיסטן — ערנעסט העמינגוויי, מאטע זאלקא, ראלף פאָקס.

וועגן דעם שפּאנישן קריג, וועגן דער העלדישקייט פונעם פאָלק, וואָס האָט דאָס ערשטע אין דער וועלט זיך באגעגנט אַפן שלאכטפעלד מיטן אָנגרײַפנדיקן פאשיזם, איז פאראַן אַף אלע שפּראכן א גרויסע ליטעראטור, אָבער קאָלצאָווס לײַדנשאפטלעכער, מוטיקער און פּאָעטישער „שפּאנישער טאָגבוך" איז אָן ספּק איינער פון די בעסטע קינסטלערישע דאָקומענטן. דער אָפּשײַן פונעם „שפּאנישן טאָגבוך" לאָזט זיך פילן אין פילצאָליקע ווערק, וואָס די סאָוועטישע קולטור־מײַסטערס האָבן געשאפן אין די שפּעטערדיקע יאָרן: אין ר. קארמענס פיל־

מען און אין זײַנע ביכער וועגן שפּאַניע, לאַ־
טיין־אַמעריקע און וועגן דעם קעמפּנדיקן וויעט־
נאַם, אין ק. סימאָנאָווס לידער און אין זײַן
פּיעסע „דער באָכער פון אונדזער שטאָט“, אין
יו. זשוקאָווס רײַזע־פאַרצייכענונגען און אין
אַנדערע.

ריידנדיק וועגן דער אויסלענדישער טעמאַטיק
אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור, דאַרף מען
אָפּמערקן דעם גרויסן בײַטראָג פון אַזאַ וואָרט־
מײַסטער, ווי איליאַ ערנבורג. מע קאָן אָן גוזמא
זאָגן, אַז לויט זײַנע ביכער, וועלכע ער האָט
געשאַפן אין משך פון איבער אַ האַלב יאָר־
הונדערט, וועלן די קינפטיקע געשיכטע־פאָר־
שער האָבן די מעגלעכקייט אויפצושטעלן די
וויכטיקסטע שטריכן פון אונדזער עפּאָכע. איליאַ
ערנבורג איז געווען אַ דיכטער און אַ ראָמאַ־
ניסט, אַ פּובליציסט און אַ מעמואַריסט, ער האָט
געאַרבעט קימאַט אין אַלע זשאַנרען פון דער
ליטעראַטור, און אומעטום האָט ער געשטעלט
פּראָבלעמען פון אַ גלאָבאַלן כאַראַקטער. מיט
דער זאָרג פאַרן גורל פון דער גאַנצער
מענטשהייט זײַנען דורכגעדרונגען זײַנע לי־
דער — אָנהייבנדיק פון דער זאַמלונג „אויס־
לענדישע באַטראַכטונגען“, וועלכע איז אַרויס
אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן, און ביז
דער זאַמלונג „דער בוים“, וואָס איז פאַרעפנט־
לעכט געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מיל־
כאָמע.

פיל יאָרן האָט איליאַ ערנבורג פאַרבראַכט
אין אויסלאַנד אַלס סאָוועטישער זשורנאַליסט.
ווייניק ווער האָט געקענט די בורזשואַזע מײַ־
רעוו־וועלט מיט אַלע אירע אָרגאַנישע ווידער־
שפּרוכן בעסער פון אים. איליאַ ערנבורגס פי־
לאָסאָפיש־סאַטירישן ראָמאַן „אויסערגעוויינלע־
כע פּאַסירונגען פון כוליאָ כורעניטאָ און זײַנע
טאַלמידים“ (פאַרעפנטלעכט אין 1922) האָט
פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט וו. אי. לענין. אויך אין די
ביכער „דרײַצן ליולקעס“, „טרעסט ד.ע.“, אי־
נעם ראָמאַן „וואָס אַ מענטש דאַרף“, ווי אויך
אין זײַנע פאַרצייכענונג־זאַמלונגען, האָט ערנ־
בורג די גאַנצע צײַט געוואָרנט, אַז דער שטו־
רעם רוקט זיך אָן, דער פאַשיזם ווערט שטאַר־
קער און פרעכער, און דער צוזאַמענשטויס מיט
אים איז אומפאַרמײַדלעך. עס איז גאָר ניט
איבערצושאַצן די וויכטיקײַט פון ערנבורגס ראָ־
מאַן „דאָס פאַלן פון פּאַריזש“, ווו עס ווערט
דערציילט וועגן דער טראַגעדיע בייס דער פאַ־
שיסטישער אָקופּאַציע פון פראַנקרײַך. די אַר־
בעט איבער דעם דאָזיקן בוך האָט זיך אָנגע־
הויבן אין 1940, לויט די הייסע שפּורן פון די
געשעענישן.

אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן איז דער שרײַפט־
שטעלער געוואָרן איינער פון די איניציאַטאָרן
פון פאַנאַנדערוויקלען די צווישנפעלקערלעכע
שאָלעם־באַוועגונג. ערנבורג איז געווען וויצע־
פּרעזידענט פונעם אַלוועלטלעכן שאָלעם־ראַט,
ער האָט אָנטיילגענומען אין די צווישנפעלקער־
לעכע קאָנגרעסן אין פּאַריזש, וורראָצלאַוו, וואַר־
שע, געפאָרן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, כינע,
יאַפּאָניע, אינדיִע, און יעטווידע פון די דאָזיקע
רײַזעס האָט איבערגעלאָזט אַ שפּור אין זײַן
שעפערישער ביִאָגראַפיע.

ערנבורגס דערפאַרונג אַלס זשורנאַליסט פון
אינטערנאַציאָנאַלער טעמע ווערט פילזײַטיק
אויסגענוצט אין דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַ־
טור. מע קאָן, צום בײַשפּיל, אָנווײַזן אַף די
ביכער פון גענאַדי פּיש „אַ גוטמאָרגן דיר, דע־
נעמאַרק!“, „באַגעגענישן אין סואָמי“, „נאָרווע־
גיִע דערנעבן“, „בא די שוועדן צוגאַסט“. פאַר־
דינטע פּאָפּולערקײַט האָבן דערוואָרבן די פאַר־
צייכענונג־זאַמלונגען פון דאַניִיל גראַנין, גע־
ווידמעט יאַפּאָניע און אויסטראַליע, פון וויטאַלי
קאָראָטיטש וועגן די פאַרייניקטע שטאַטן און
קאַנאַדע. די דאָזיקע ביכער צייכענען זיך אויס
ניט בלויז מיט דער רײַכער אינפאָרמאַציע,
וועלכע איז, אַזוי צו זאָגן, גענומען „פון די
ערשטע הענט“, נאָר אויך מיט אינהאַלטסרײַכע
געשטאַלטן־אַסאָציִאַציִעס.

די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער טראָגן אויך
אַרײַן זייער כיילעק אין דער דאָקומענטאַל־
קינסטלערישער ליטעראַטור אַף דער צווישנ־
פעלקערלעכער טעמאַטיק. די לייענער פון „סאָ־
וועטיש היימלאַנד“ זײַנען שוין באַקאַנט מיט
אַרן ווערגעליסעס פּאָעטישע ציקלען און רײַזע־
נאָטיצן „צוואַנציק טעג אין אַמעריקע“, „דאָס
גאַנצע פּאַריזש“, „אין נעפּל“, „ווידער אין
וועג“, „בריוו פון אייראָפּע“ און אַנדערע, וועל־
כע שטעלן צונויף דעם בוך „רײַזעס“. די דאָזי־
קע ווערק ווערן אויפגענומען ווי אַ פּאַראַלגע־
מיינערט קינסטלעריש בילד פונעם הײַנטצײַ־
טיקן אויסלאַנד, אַ וואָרהאַפטיקע שילדערונג
פון אונדזער אומרויִקער צײַט.

ווערגעליסעס בוך איז פילקלאַנגעוודיק, אין
אים קאָן מען געפינען אַלע פאַרבן־ניואַנסן פו־
נעם רײַזע־זשאַנער. מיר, די לייענער, מאַכן
דורך צוזאַמען מיטן אווטאָר שיִר ניט אַ וועלט־
רײַזע פון מיזרעך אַף מײַרעוו, פון צאָפן אַף
דאָרעם. מיר באַזוכן ניו־יאָרק און לאָנדאָן, מאָנ־
טעווידעאָ און זשענעווע, מיר וואַנדערן איבער
די געסלעך פון אַמסטערדאַם, איבער די אוראַל־
טע פּלעצער פון רוים, מיר באַגעגענען זיך מיט
סײַרוס איטאָנען אין זײַן גוט און מיט מאַרק
שאַגאַלן אין זײַן וואַרשטאַט, מיר האָבן אַ מעג־
לעכקײַט צו שמועסן מיט פּאָשעטע בירגער פון
פראַנקרײַך און ענגלאַנד, בעלגיע און אורוגווײַ,
איטאַליע און פאַרייניקטע שטאַטן. כוץ דעם,
איז דאָס אויך אַ רײַזע אין דער צײַט, וועלכע
בײַט זיך פאַר אונדזערע אויגן. די דאַטע 1964
שטייט אונטערן ציקל פאַרצייכענונגען „צוואַנ־
ציק טעג אין אַמעריקע“, דער ציקל „בריוו פון
אייראָפּע“ איז שוין דאַטירט מיט די יאָרן 1971
און 1973. לויט די איצטיקע מאָסן איז דער צענ־
יאָריקער צײַט־אָפּשניט אַ גרויסע היסטאָרישע
דיסטאַנץ. יעדן טאָג קומען פאָר טיפע, קוואַלי־
טאַטיווע ענדערונגען אין אַ סאַך געביטן פונעם
סאָציִאַלן, עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און גײַסטיקן
לעבן. עס בלײַבט אויך ניט אָן ענדערונגען די
אַזויגערופענע „ייִדישע גאַס“, וועלכע איז אונ־

טערגעוואָרפן דער ווירקונג פון אלע אומרויִקע ווינטן פון דער עפּאָכע. א. ווערגעליסעס בוך האלט אויס דעם צײַט־אויספּרווו, ער בלײַבט און וועט פארבלײַבן אין דער פולער מאָס אקטועל, ווײַל דער מעכאבער דענקט ברייט־מאַסשטאביק, ארײַנקוקנדיק סײַ אין ווײַטן אָוואר, סײַ אין דעם מאָרגנדיקן טאָג. בא דער גאנצער אכטונג צום קאָנקרעטן פאקט, באמערקנדיק די קלענסטע דעטאל, בלײַבט ער אן אָנהעגער פון פילאָסאָפישער פאראלגעמיינערונג. פון דער אפן ערשטן קוק כאאָטישער מאסע פון צופעליקע פאקטן ברענגט דער מעכאבער צום באוווסטזײַן פונעם לייענער זייער פארבאהאלטענעם טאָך. אינעם קאלײדאָסקאָפּ פון געשעענישן און געשטאלטן נעמט ער זיך גלײַך אויסצוטיילן דאָס כאראקטעריסטישע, די דיִאלעקטיק פון דער ווירקלעכקײַט, וועלכע איז פול מיט שרײַענדיקע ווידערשפּרוכן.

ארן ווערגעליסעס פארצייכענונגען קאָן מען פארגלײַכן מיט א פראָנט־טאָגבוך. אין אָט דער הינזיכט זײַנען באזונדערס באלערעוודיק „די בריוו פון אייראָפּע" — נײַן און צוואנציק קורצע פארצייכענונגען, וועלכע זײַנען טרעפלעך ווי סנײַפּערישע שאָסן.

ארויספאָרנדיק הינטער די גרענעצן פון זײַן סאָציִאליסטישן היימלאנד, קוקט זיך צו דער סאָוועטישער ייִדישער פּאָעט באזונדערס אופמערקזאם צו דער לאגע אף דער „ייִדישער גאס", וועלכע שטעלט הײַנט מיט זיך פאָר א פּאָדערשטע ליניע פון דעם אידעאָלאָגישן פראָנט. דער אנטיקאָמוניזם, אײַנגעשלאָסן זײַן ציִעניסטישן אוואנגארד, האָט אנטוויקלט א גאנצע סיסטעם פון קונציקע פּראָפּאגאנדיסטישע שטיק, וואָס זײַנען געווענדט קעגן דעם סאָוועטנפארבאנד און קעגן זײַן פּאָליטיק פון אלגעמיינער אנטשפּאנונג. זיי מיִעסן זיך אויך ניט מיט אינספּירירן בילבולים אף דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור און אף אירע שעפער.

די מיסיע פונעם סאָוועטישן ליטעראט, וואָס זאָגט דער וועלט זײַן עמעסדיק וואָרט וועגן אונדזער היימלאנד און וועגן אונדזער פאָלק, איז קלאָר און פארשטענדלעך. און ניט אומזיסט לאָזט איבער ארן ווערגעליסעס בוך א ליכטיקן, אָפּטימיסטישן אײַנדרוק. דאָס קומט ניט בלויז דערפון, וואָס דער פּאָעט באגעגנט אין אויסלאנד א סאך איבערגעגעבענע פרײַנט אונדזערע, בעסויכעם אויך אקטיוויסטן פון פארשיידענע ייִדישע פּראָגרעסיווע קולטור־געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, וועלכע שטעלן זיך קעגן דער אטמאָספער פון דער נאציִאָנאליסטישער היסטעריִע. די איבערצײַגעוודיקײַט פון דעם אווטאָרס קאָנטרארגומענטאציע איז געבויט אף דעם פעסטן גלויבן אינעם ענדגילטיקן ניצאָכן פון די לענינישע אידייען פון פעלקער־פרײַנטשאפט.

דאָס, וואָס די ייִדישע ליטעראטור שטייט הײַנט אפן מאגיסטראל־וועג פונעם אלפארבאנדישן ליטעראריש־קינסטלערישן פּראָצעס, פארזיכערט איר ווײַטערדיקע אידייִש־קינסטלערישע פארפולקומונג און איז א באוויַיז פונעם וווּקס פון איר אווטאָריטעט סײַ באם סאָוועטישן און סײַ באם אויסלענדישן לייענער.

• • •

## די פּאָטשט פון סאָוועטיש היימלאַנד 1979

# אינפֿאָרמאַציע, באַטראַכטונגען, באַאָבאַכטונגען, פֿאָרשלאָגן

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ באַקומט פון זײַנע לייענער פיל בריוו, וועלכע ברענגען מיט זיך אָפּרופן אַף די פּובליקירטע מאַטעריאַלן, ווי אויך קאָלערליי אינפֿאָרמאַציעס, באַטראַכטונגען, באַאָבאַכטונגען, פֿאָרשלאָגן...

הערץ שערעמעט פון זשמערינקע דערציילט אין זײַן בריוו, אַז אַפן אינדזל דזשערבי אין טוניס איז פֿאַראַן אַ ייִדישער ייִשעוו, וועלכער עקזיסטירט שוין קימאַט צוויי טויזנט יאָר. אַ גרויסע ווערט שטעלן מיט זיך פֿאָר די היסטאָרישע דענקמעלער אַפן אינדזל. בעשאַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָבן די היטלעריסטן אָקופּירט דזשערבי, נאָר זיי האָבן אַ לאַנגע צײַט ניט געוווּסט, אַז כוץ אַראַבער און נעגערן, וווינען דאָרט אויך ייִדן. און ווען די פֿאַשיסטן האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם, איז שוין געווען שפּעט צו פֿאַרנעמען זיך מיט זייער אויסראָטונג — דער קריג האָט געהאַלטן באַם פֿאַרענדיקן זיך מיט דער מאַפּאָלע פון היטלערן. פונדעסטוועגן האָט דער דײַטשישער קאָמענדאַנט אַרופֿגעלייגט אַף דער ייִדישער קעהילע אַ קאָנטריבוציע: איין צענטנער גאָלד און צוויי צענטנער זילבער. די ייִדן האָבן צונויפֿגענומען דאָס זילבער, נאָר גאָלד האָט געפֿעלט. צוהילף זײַנען געקומען די אַראַבער און די נעגערן — מע האָט צונויפֿגעזאַמלט דאָס רעשט גאָלד און געראַטעוועט די ייִדן. הערץ שערעמעט קלערט, אַז וועגן אַזעלכע פֿאַקטן, אין דער שײַן פון די הײַנטצײַטיקע ייִסראָעל־אַראַבישע באַציִונגען, וואָלט געווען נוצלעך צו דערמאָנען וואָס אָפּטער.

נאָכדעם באַרירט אונדזער קאָרעספּאָנדענט די שפּראַך־פֿראַגע. הערץ שערעמעט איז אַ הייסער אָנהענגער פון דער פֿאָדערונג, אַז קעגן פּראָווינציִאַליזמען און דיִאַלעקטיזמען איז נייטיק אויפֿצושטעלן אַ זיכערן באַריער. מיט וועלכע ניואַנסן, לעמאָשל, טיילט זיך אויס דאָס וואָרט „פֿאַרוואָראָזשען“ פון די ווערטער „פֿאַרקישעפֿן“, „באַצויבערן“? אינעם ערשטן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ פֿאַרן פֿאָריקן יאָר האָט זיך אונדזער קאָרעספּאָנדענט־קריטיקער אָנגעשטויסן אַף „אויסגעשטשאָבעט“, „מאַרודניצע“, „זיך יאַקשײַען מיט פֿאַסאַזשירן“, „אָקאָלייען“. ווי ער שרײַבט אינעם בריוו, איז ער מאַמעש געפֿאַלן אין כאַלאָשעס. „דאָקאָנאַיעט“ האָט אים דער אויסדרוק „אַ וואַקסענער אָגריזעק אינעם לאַמטערן“. פֿאַרשטייט זיך, אַז הערץ שערעמעט איז גערעכט, ווען ער קאָמענטירט אָט די דאָזיקע פֿראַזע אַזוי: „פון אַ ליכט בלײַבט אַן אָגאַרעק, אַן אָגריזעק בלײַבט פֿונעם בלײַער, וועלכן דער מעכאַבער האָט געהריזעט, בעשאַס ער האָט צוגעטראַכט די מעשונע מאָדנע ווערטער...“

דער גוירל פון אונדזער מוטער־שפּראַך באַאומרויִקט פיל קאָרעספּאָנדענטן. די באַהאַנדלונג פון אָט דער טעמע אין די בריוו, וועלכע קומען אָן אין רעדאַקציע, פֿירט זיך אַף אַ פֿאַרשיידענעם ניוואָ, אָבער אין אַלע פֿאַלן — מיט ליבע און פֿאַרלאַנג צו פֿאַרהיטן די ריינקײַט פון דער ייִדישער שפּראַך, איר כיין, איר לעבנס־קויעך.

ע. סאַפּיאַן פון טולטשין, וויניצער געגנט, זאָגט אַרויס זײַן מיינונג בענעגייע דער אָנווענדונג פון דער פּרעפּאָזיציע „פון“. ער ברענגט דערבײַ טשיקאַווע בײַשפּילן. „ס'זײַנען פֿאַראַן פֿאַלן, ווען פּאָטער ווערן פֿונעם „פון“ איז אומעגלעך. אָבער די מעגלעכקײַטן צו באַגיין זיך מער באַלעבאַטיש מיט אָט דער פּרעפּאָזיציע טאָרן ניט פֿאַרנאַכלעסיקט ווערן. צום באַדויערן, טרעפֿן מיר זיך אָן מיט נאַכלעסיקײַט אַף יעדן שריט און טריט. אָפּט כאַזערט מען איבער דעם „פון“ עטלעכע מאָל אָן נויטווענדיקײַט און אַזוי מעגושעמדיק, אַז עס גרילצט מאַמעש אין די אויערן. געוויס איז „אַ פּאָליטיק, וואָס שאַצט דעם שאָלעם“ בעסער פון „אַ פּאָליטיק צום שאַצן פון שאָלעם“. „אַ באַגריסונג מיצאַד דעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד“ איז בעסער ווי „אַ באַגריסונג פון שרײַבער־פֿאַרבאַנד“. און פֿאַרקערט: צוליב וואָס שרײַבן „אַ מיטגליד אין דער קאָמפּאַרטיי“? געוויס איז ריכטיקער „אַ מיטגליד פון דער קאָמפּאַרטיי“. ע. סאַפּיאַן שרײַבט ווײַטער, אַז צומאָל גיט צו די פּרעפּאָזיציע „פון“ אַ ריכטיקן ניואַנס דעם געשריבענעם. אין דער קיִעווער צײַטונג „פּראָלעטאַרישע פֿאָן“, — דערמאָנט ער זיך, — האָט געדאַרפֿט געדרוקט ווערן זײַנערצײַט אַ מאַטעריאַל וועגן די גוטע אָפּרופֿן פון אָנגעזעענע אויסלענדער וועגן דעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. אַ מיטאַרבעטער פון רעדאַקציע האָט דעם מאַטעריאַל באַקעפּלט אַזוי:

„מיט פרעמדע אויגן”. ער האָט ניט געפילט, ווי אזא קעפל גיט צו דעם איניען א נעגאטיווע באפארבונג. עס האָט געדארפט זיך אריינמישן דער הויפט־רעדאקטאָר, קעדיי דאָס קעפל פארבײַטן אף „מיט אויגן פון פרעמדע”, וואָס עס איז שוין געווען א סאך נעענטער צום געדאנק, אז אפילע פרעמדע אנערקענען אונדזערע דערגרייכונגען.

אין די בריוו פון אונדזערע לייענער געפינען מיר פון מאָל צו מאָל א דערציילונג, א סקיצע, א נאָוועלע, אָדער פּאָעטישע ווערק...

נאטאן האלפערין פון בערקעלי, קאליפאָרניע, האָט צוגעשיקט א פּאָעמע, וואָס עס האָט פארפאסט זײַן זון אמאר. דער אמעריקאנישער קאָרעספּאָנדענט אנטפלעקט א גוטן געפיל פון הומאָר, ווען ער שרײַבט: „אויב די שירים, וועלכע איך שיק איצט פאר אײַער־אונדזער כאָשעוון זשורנאל, זײַנען דרוקבאר, איז גוט, אויב ניט — איז אין יעדער רעדאקציע דאָ א גרויסע קאָרב”... שאפן פּראָפעסיאָנעלע פּאָעזיע גיט זיך אײַן זייער זעלטן. אָבער סײַווי ווילט זיך, אז דאָס אויסגעטרוימטע וואָרט פון א לייענער זאָל זײַן געדרוקט:

„דער גאָט פון מילכאָמע,
דער גאָט פון נעקאָמע
צום שלאכטפעלד וויל קומען
מיט טויט און מיט בלומען.
אף ערד און אין הימל
געפארן עס לויערן —
דער גענעם־געווימל
איין רעגע וואָלט דויערן...”

די פּלאנעטע, וואָס איז געגליכן צו „א רויטן קנויל אין דעם בלויען הימל”, מוז מען אויסלייזן פון דער סאקאָנע, מע טאָר ניט דערלאָזן, אז פון איר זאָל בלײַבן בלויז „א מידבאָר פון שטיינער אונטער א העלער איבערגעקערטער קויסע”. דער מענטשלעכער גײַסט קאָן אלץ, און קוידעמקאָל איז ער בעקויעך אויסמײַדן פּלאנירטע קאטאסטראָפעס. „עלעקטראָנישע קאָמפּיוטערס מיט זייערע אלמעכטיקע מויכעס דארף מען קעגנשטעלן דער קריגערישער מיסטעריע...”

קיין פּאָעמע איז נאָך דערווײַל בא נאטאן האלפערינס זון ניטאָ, און דרוקן דאָס, וואָס עס איז ניטאָ, קאָנען מיר ניט, נאָר „עפּעס אין דער שורע”, ווי דיכטער דריקן זיך אויס, איז פאראן, און אמאר האלפערין וואָלט געדארפט פאָרזעצן זײַנע באמיִונגען...

מיר ווערן ניט לייקענען: בריוו פון אונדזערע אויסלענדישע פרײַנט ברענגען אונדז א באזונדערן פארגעניגן. אז טויזנטער מענטשן לייענען אונדזער זשורנאל אין סאָוועטנפארבאנד, דאָס ווייסן מיר גוט, ווײַל מיר באגעגענען זיך דירעקט מיט אונדזערע לייענער סײַ פּאָנעם־על־פּאָנעם „אונטער פיר אויגן”, סײַ אף מאסן־צוזאמענטרעפן אין ביבליאָטעקן און אין צושויער־זאלן. נאָר אז דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד” לייענען רעגולער און איבערגעגעבן פיל מענטשן אין אויסלאנד, וועגן דעם זאָגן איידעס בעסער פון אלץ די בריוו, וועלכע קומען צו אונדז פון יענע מעקוימעס.

לעצטנס האָט אונדז פון בערלין אָנגעשריבן מאטיאס ווילקע. ער וווינט אין דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק אף דער יאָהאנעס־בעכער־שטראסע, 38. ער איז א סטודענט, פארנעמט זיך מיט מוזיק, דערלערנט די ייִדישע שפראך. „מיר איז זייער אינטערעסאנט צו לייענען אײַער זשורנאל. לייענענדיק אים, באקום איך א גוטע פאָרשטעלונג וועגן דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור, — שרײַבט ווילקע. — באזונדערס געפעלט מיר אינעם אכטן נומער פארן 1978 יאָר דאָס ארטיקל וועגן לעוו טאָלסטאָיס באציִונגען מיט דער ייִדישער ליטעראטור. אין „סאָוועטיש היימלאנד” האָב איך געלייענט, אז עס איז טעטיק אין מאָסקווע א ייִדישער דראמאטישער אנסאמבל. איך וואָלט זייער וועלן בײַזײַן אף א פאָרשטעלונג פון אָט דעם קאָלעקטיוו. א גרויסן דאנק אײַך פארן זשורנאל”.

קימאט אין יעדן פּעקל בריוו, וואָס דער פּאָטשטאַליאָן ברענגט אין רעדאקציע, זײַנען פאראן נאָטיצן וועגן אונדזערע מיטצײַטלער — סאָוועטישע בירגער. די קאָרעספּאָנדענטן פונעם זשורנאל ווילן, אז ניט בלויז זיי פערזענלעך, נאָר אלע מיר זאָלן וויסן, סארא גוטע מענטשן עס לעבן אף אונדזער ערד. פּובליקירן אלע באקומענע מאטעריאלן איז פּאָשעט אוממעגלעך, און ניט נאָר דערפאר, ווײַל זייער קינסטלערישער ניוואָ באפרידיקט אָפט ניט די פּאָדערונגען פון א ליטעראַרישער צײַטשריפט. אפילע ווען מיר זאָלן באקומען פון די לייענער אויסשליסלעך שעדעווערן, איז אויך ניט מעגלעך אלע מאנוסקריפּטן צו פארעפנטלעכן — ס'וואָלט ניט געקלעקט קיין אָרט אין זשורנאל. מיר סטארען זיך אָבער מיט פארשיידענע מיטלען, אז קיינער זאָל ניט פארגעסן ווערן.

וועגן יויסעף סאפּאָזשניקאָוון דערציילט אין זײַן בריוו דער וועטעראן פון מי, דער קאָמוניסט שאול אָסטראָווסקי פון קיִעוו. צו עלף יאָר איז שוין יויסעף געוואָרן אן ארבעטער, א פארדינער. ער איז געווען א נײַגעריקער, אקשאָנעסדיקער יאט. שטענדיק פלעג ער קלערן, וויִאזוי צו ראציאָנאליזירן דעם טעכנאָלאָגישן פּראָצעס, זײַנע פאָרשלאָגן האָבן געבראכט פיל נוץ דער אונטערנעמונג. ווײַזט אויס, דערפאר האָט מען יויסעפן געשיקט זיך לערנען — אין לענינגראד, אין דער פּראָמאקאדעמיע. איז אָבער פּלוצעם אויסגעבראָכן די מילכאָמע. פונעם פינפטן קורס גייט ער אוועק אפן פראָנט און שלאָגט זיך אפן אזויגערופענעם „ניעווסקי פּיאטאטשאָק”, אף די סיניאַווסקער הויכענישן, ווו ער ווערט פארוווּנדעט. שפּעטער איז ער מיט אן אווטאָטאנקען־באטאליאָן דערגאנגען ביז דײַטשלאנד. נאָך דער דעמאָביליזאציע פארענדיקט יויסעף סאפּאָזשניקאָוו דעם אינסטיטוט. ביזן 1952 ארבעט ער אין בוי־מיניסטעריום, דערנאָך — אף אן אינסטרומענטאלן זאוואָד אלס עלטערער אינזשעניער־קאָנסטרוקטאָר. ער איז אָפּגעמערקט מיט מיליטערישע באלוינונגען און מיט באלוינונגען פאר ערלעכער מי. יויסעף איז א מענטש א געזעלשאפטלעכער — זעקס יאָר איז ער א פארוואלטער פון א זאוואָדישן פּיאָנער־לאגער.

פארשטייט זיך, סאפּאָזשניקאָוו איז אן אייגנארטיקע פערזענלעכקײַט, אָבער איינצײַטיק איז ער א פיגור א טיפּישע. טאקע אזעלכע מענטשן, ווי ער, האָבן געבויט דעם דניעפּראָגעס, די מאגניטקע, העלדיש זיך קעגנגעשטעלט דער פאשיסטישער אינוואזיע. אזעלכע, ווי יויסעף סאפּאָזשניקאָוו, האָבן אפסנײַ אופגעבויט אונדזער רויִנירטע ווירטשאפט.

בריוו וועגן גויראָלעס פון מענטשן, אין וועלכע מיר קאָנען שפּירן דעם גוירל פון א גאנצן דאָר, באַקומען מיר ניט ווייניק. זיי פרייען אונדז, ווײַל זיי זאָגן איידעס וועגן דעם, אז די סאָוועטישע ייִדן זײַנען מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן זייער סאָציאַליסטיש היימלאנד, שטענדיק גרייט אויספילן זייערע פליכטן אלס בירגער און אלס פּאטריאָטן.

אלע מאָל, ווען מיר קלײַבן פאנאנדער די פּאָטשט פון דער רעדאקציע, געפינען מיר צווישן די בריוו אזעלכע, וואָס דערציילן וועגן די קאָרבאָנעס פון דעם צווייטן וועלט־קריג. די לעבן־געבליבענע קאָנען ניט שווײַגן, דאָס אש פון די אומגעבראכטע לאָזט ניט צורו די געראטעוועטע.

ציפּע פילניק פון ניקאָלײַעוו ווענדעט זיך אין רעדאקציע מיט א באקאָשע, מיר זאָלן פארעפנטלעכן איר באשרײַבונג וועגן דער טראגעדיע, וואָס איז געשען אין דער ייִדישער קאָלאָניע עפינגאר, באשטאנקער ראיאָן, ניקאָלײַעווער געגנט, דעם 10 סענטיאבער 1941.

זי הייבט אָן די שוידערלעכע שילדערונג פון א פּאָעטישער סטראָפע:

„עס איז געווען א טאָג —
די זון האָט אופגעהערט צו שײַנען.
עס האָט ניט געהאָלפן דאָס וויינען,
עס האָט ניט געהאָלפן דאָס טײַנען“...

ווײַטער:

„די היטלערישע מערדער האָבן לעבעדיקערהייט באגראָבן אין א ריוו, דרײַ קילאָמעטער די ווײַט פון דער קאָלאָניע, 521 ייִדן. דעם אלטן אָנמעכטיקן ראָוו האָבן די טאליאָנים אופגעהאנגען אף זײַן באָרד, צעצונדן אונטער אים א פײַער און באפוילן זײַן זון, א קינסטלער, אָנמאָלן דאָס שרעקלעכע בילד. בא יוריסעף איטקינען, אָן אלטן מענטשן, איז געווען קראנק די פרוי און זי האָט ניט געקאָנט גיין צום ריוו, האָט מען יויסעפן אײַנגעשפּאנט אין א וואָגן און אוועקגעזעצט זײַן ווײַב — און מיט בײַטשן גענויט אים שלעפּן דעם וואָגן צום ריוו. עטלעכע ייִדן האָבן זיך אויסבאהאלטן פון די גאזלאָנים אין קארטאָפל־היטשקע, האָבן די פאשיסטן זיי אופגעזוכט מיט הינט. בײַזוואנען די אומגליקלעכע זײַנען דערגאנגען צום ריוו, האָבן זיי אלע באוויזן אראָפּ פון זינען. צווישן זיי איז געווען מײַן מאמע. דאָרע רײַכעלגאוז האָט געטראָגן אף די הענט א ייִנגעלע און מיט יאָמער געבעטן, מע זאָל כאָטש דאָס קינד ניט טייטן, אָבער די באנדיטן זײַנען געווען טויב צו אירע גוואלד־געשרייען, איינער פון זיי האָט מיט א באגנעט דערשטאָכן דאָס אייפעלע. אין יענעם טאָג איז בא מאניע סוועטליצע געבוירן געוואָרן א קינד, האָבן זי די מערדער אינײינעם מיטן נײַגעבוירענעם פארטריבן אין ריוו. בא מיר אין דער מישפּאָכע זײַנען אומגעקומען 23 מענטשן...“

„ווען די רויטע ארמיי האָט באקעמפט דעם ווילדן סוינע, האָבן מיר, די לעבעדיק געבליבענע, זיך אומגעקערט אין דער קאָלאָניע. מיר האָבן צעגראָבן דעם קעגנטאנקען־ריוו, ווו עס זײַנען פארטיליקט געוואָרן די קאָלאָניסטן, און געבראכט זיי צו קווורע אין צענטער פונעם ייִשעוו, צווישן דער שול און דעם בעס־מעדרעש. אפן ברודער־קייווער האָבן מיר אופגעשטעלט א דענקמאָל. אלע יאָר נעמען מיר זיך צונויף אינעם טאָג פון דעם אומקום פון אונדזערע לאנדסלײַט“.

לייענער פון בעלץ זײַנען געפאלן אף א געדאנק, וויאזוי צו אָפּמערקן דעם אָנדענק פון פארשיידענע שרײַבער, אלציינס באליבטע, אזוי, אז אף אָט דעם אקט זאָל פאלן די שײַן פון אלפאָלקישקײַט.

דעם 9־טן מײַ קומען זיי צו באצייכענען די שאַפונג און אופטוען פון ז. בארדיטשעווער, ה. ריווקין, ה.־ל. קאָזשבער. וועגן דעם האָט אונדז אָנגעשריבן א. ציטרין. ער האָט אויך צוגעשיקט די פאָטאָ פון א מירמלשטיין־טאָוול אין אָנדענק פון די אומגעקומענע בעלצער שרײַבער.

אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן זײַנען מענטשן פון פארשיידענעם עלטער, סע שרײַבן אונדז יונג און אלט.

מיט א גרופּע טוריסטן פונעם „ספּוטניק“ איז אין פאָלקס־פוילן געווען צוויי וואָכן אף אן עקסקורסיע אָ. בירזען פון ריגע. ער איז אלט 24 יאָר, ארבעט אלס עלטערער אינזשעניער אין אן אויסרעכענונגצענטער. דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“ לייענט ער פונעם 1970 יאָר, זינט ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין דער היים אף א ייִדיש בוך — פּערעץ מארקישעס „טראָט פון דוירעס“; דעם בוך האָט ער איבערגעלייענט — צוליב דעם טאקע, מיט דער הילף פון „סאָוועטיש היימלאנד“, דערלערנט די ייִדישע שרײַב־שפּראך (פארשטאנען ייִדיש האָט ער אויך פריִער). איצט קאָן ער זיך ניט באגיין אָן דעם זשורנאל און ביכלאל אָן דער ייִדישער ליטעראטור.

בירזענס גרופּע האָט באזוכט עטלעכע פּוילישע שטעט, צווישן זיי ווארשע און קראָקע.

אפּרעל איז דערקלערט אין פוילן אלס כוידעש פון אָנדענק נאָך די קאָרבאָנעס פונעם פאשיזם. אין 1978, ווען אָ. בירזען האָט באזוכט פוילן, זײַנען דאָרטן, ווי אויך אין דער גאנצער וועלט, אָפּגעמערקט געוואָרן צוויי מערקווירדיקע דאטעס: דער 35־ער יאָרטאָג פונעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ און דער הונדערטסטער געבורטסטאָג פונעם גרויסן קינדער־פרײַנט, דעם פּעדאגאָג און שרײַבער יאנוש קאָרטשאק.

א שטארקן אײַנדרוק אף אָ. בירזענען און זײַנע כאווײרים האָט געמאכט דער מאָנומענט לעקאָוועד די קעמפער און מארטירער פון דער ווארשעווער געטאָ. דאָס איז געווען דער ערשטער דענקמאָל אין ווארשע נאָך דער באפרײַונג. געשאפן האָט אים דער האָלענדישער סקולפּטאָר ראפּאָפּאָרט, אויסנוצנדיק דעם מאטעריאל, וואָס די פאשיסטן האָבן צוגעגרייט פאר א סטאטוע דעם מעשוגענעם יעפרייטאָר.

אינעם הויז פון פּויליש־סאָוועטישער פרײַנטשאפט האָט מען אָ. בירזענען און זײַנע כאווײרים באוויזן א קינאָפילם וועגן די אכזאָריעסן פון די נאציסטישע בארבארן.

איצט איז ווארשע א פּראכטפולע שטאָט, וואָס לעבט מיט א נײַ לעבן. אָבער אף קיין איין מינוט פארגעסט זי ניט, אז דאָס נײַע, שיינע לעבן האָט געקאָסט פיל בלוט. צום 35־טן יאָרטאָג פונעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ האָט מען אינעם ייִדישן פּאַוויליאָן פון דעם מוזיי אין אוישוויץ אנטהילט א נײַע עקספּאָזיציע. אינעם זאָל פון דער מע־

לוביִשער פילהאַרמאָניע איז פאַרגעקומען א פײַערלעכער אָוונט, געווידמעט דעם יאָרטאָג פונעם אופשטאַנד. מיט שטרענגער פײַערלעכקײַט איז דורכגעגאַן דער אַקט פון אופלייגן קרענץ און בלומען באַם צופוסנס פונעם דענקמאָל די געטאָ־העלדן. די פוילישע טעלעוויזיע האָט באַוויזן דעם פילם „רעקוויִעם נאָך 500.000". דער יידישער טעאַטער האָט צוגעגרייט צום יאָרטאָג פונעם אופשטאַנד א פּרעמיערע פון נויעך לוריעס פּיעסע „ווידערשטאַנד".

אין וואַרשע האָט זיך פאַרווירקלעכט אָ. בירזענס לאַנגיאָריקער טרוים — מיט די אייגענע הענט לייגן בלומען צום מאָנומענט פון די געטאָ־קעמפער.

אָ. בירזען און זײַנע כאַוויירים האָבן באַזוכט דעם געוועזענעם טויט־לאַגער אוישוויץ. וועגן דעם שוידערלעכסטן פון אַלע אויסראָטונגס־ערטער האָט מען שוין זייער פיל געשריבן, און אָ. בירזען האָט וועגן דעם ניט איין מאָל געלייענט. אָבער ווען דו זעסט אַליין די, אויב מע קאָן אַזוי אָנרופן, עקספּאָנאַטן פונעם מוזיי אין דעם לאַגער — דאָס קינדערשע שפּילצײַג, קופּעס מענטשישע האָר, די טאַלייסים פון די דערשטיקטע אין גאַז זקיינים — רופט עס אַרויס א באַזונדערס ברענענדיקן געפיל פון האַס צו די נעכטיקע און הײַנטיקע אַפּאַרטעיִד־טרעגער. די כײַישע פאַרברעכנס פון די נאַציסטן וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן, פּונקט אַזוי, ווי עס וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן די רומפולע סאָוועטישע אַרמיי, וואָס האָט מיט 34 יאָר צוריק געראַטעוועט פון פוילן אונטערגאַנג און שקלאַפערײַ פוילן און איר באַפעלקערונג. אין אוישוויץ האָט אָ. בירזען דאָס אַלץ דערפילט באַשײַמפּערלעך.

אין דער געשיכטע פון דער אַלטער קראָקע, וועלכע איז אַמאָל געווען די הויפּטשטאָט פון פוילן, זײַנען פאַראַן אויך בלעטלעך פון דער יידישער געשיכטע. פאַר דער מילכאָמע האָבן אין אָט דער שטאָט געוווינט אַרום 80.000 יידן. אייניקע גאַסן טראָגן אַדהײַעם אַזעלכע נעמען ווי יויסעף־גאַס, עסטער־גאַס, זיי האָבן אַפילע פאַרהיט זייער אַמאָליקן אויסזען. אין קראָקע פונקציאָנירט א יידישער מעלוכישער מוזיי, וועלכער שליסט אין זיך אײַן דעם אַלטן יידישן בעסוילעם. אַדאַנק דער אָנגרײַפנדיקער סאָוועטישער אַרמיי איז דער פאַרברעכערישער פּלאַן פון די פאַשיסטן צו אופרײַסן קראָקע ניט מעקוייעם געוואָרן. אַז קראָקע איז א שטאָט א מוזיי, אַז זי האָט פאַרהיט איר אַלטערטימלעכן וווּנדערלעכן אויסזען, די פּילצאָליקע קאָסטיאָלן און אייגנאַרטיקע הײַזער, מיט עפּעס ענלעכע אַף די פאַרבליבענע באַ אונדז אין ריגע, — האָט אָ. בירזען געוווּסט. אָבער דאָס, וואָס ער האָט דערזען מיט די אייגענע אויגן, איז ניט צו באַשרײַבן. א שטאַרקן אײַנדרוק האָט אַף אים געמאַכט דער געוועזענער קיניגלעכער פּאַלאַץ מיט זײַנע גרויסאַרטיקע גאָבעלענען. אין דער אַלטער שטאָט קראָקע האָט אָ. בירזען מיט אינטערעס באַטראַכט אַן אויסשטעלונג פון יונגע מאָלער.

אָט וועגן די אַלע געדאַנקען, באַאָבאַכטונגען און געפילן האָט אונדז אָנגעשריבן אָ. בירזען, און דער בריוו (אַף יידיש) פון דעם יונגן ריגער אינזשעניער האָט אונדז געבראַכט פיל פאַרגעניגן.

א געטרײַער סאָוועטישער בירגער, א קויבישעווער טוישעוו — מ. באַרבאַי קאָן ניט באַנעמען, וואָס הייסט — מענטשן דערלויבן זיך פאַרלאָזן זייער היימלאַנד. ער שרײַבט אין זײַן בריוו: „איך בין דערצאָרנט, איך בין שטאַרק אופגעבראַכט, וואָס אייניקע פאָרן אַוועק פון סאָוועטנפאַרבאַנד קיין ייִסראָעל און אין אַנדערע מעקוימעס! עפּעס דאַרף מען טאָן! ראַדיקאַל! וואָס גיכער אַליין די יידישע סוויווע וועט מאַכן א סאָף צו די שענדלעכע קונצנמאַכערײַען פון די ציִעניסטישע סלוזשבעס, וועלכע שפּײַען זיך אויס אַף אונדז און אַף אונדזערע נאָרמאַלע געפילן, אַלץ בעסער וועט זײַן פאַר אַלעמען"...

די לייענער ווענדן זיך אין רעדאַקציע מיט פאַרשיידענע באַקאָשעס. ג. מענסיאָנזשניק פון קעשענעוו דערמאָנט זיך, אַז אינמיטן פון די דרײַסיקער יאָרן זײַנען אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער בײַגרענעץ־אָטריאַד געקומען צו פאָרן צוויי קאָרעספּאָנדענטן פון דער צײַטונג „דער עמעס". זיי האָבן געפירט מיט אים געשפּרעכן, געבעטן געבן פאַר דער צײַטונג יעדיִעס וועגן זײַנע ברידער — איינער פון זיי איז אין 1929 אומגעקומען אַף דער גרענעץ. דער מאַטעריאַל וועגן זײַן מישפּאָכע איז געווען געדרוקט, כאָטש ער אַליין האָט יענעם נומער ניט געלייענט. וועגן דעם, אַז „דער עמעס" האָט יאָ באַשריבן זײַן געזינד, האָט אים לעצטנס מיטגעטיילט אַן אַלטער באַקאַנטער. דעריבער פרעגט אונדז דער כאַווער מענסיאָנזשניק, צי עס ווערט אָפּגעהיט ערגעץ־ווּ די צײַטונג „דער עמעס". האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, געענטפערט אונדזער קאָרעספּאָנדענט און אָנגעוויזן דעם אַדרעס, ווּ ער וועט האָבן א מעגלעכקײַט איבערבלעטערן די אַלטע נומערן פון דער צײַטונג.

פון באַקו שרײַבט אונדז כאַיִם זשאַבאָטינסקי: „איך בין געווען א געוויינלעכער מיטלמעסיקער יידישער אַקטיאָר, קיין שטערן פון הימל האָב איך ניט געכאַפּט"... עפּשער צופיל באַשיידן געזאָגט, אויב נעמען אין אַכט דאָס, וואָס שלוימע מיכאָעלס האָט דאַפקע יאָ געהאַלטן פון כאַיִם זשאַבאָטינסקין, נאָר באַשיידנקײַט האָט קיינמאָל ניט קאַליע געמאַכט קיין עכטן שוישפּילער... כאַיִם זשאַבאָטינסקי האַלט, אַז עס איז ניט ריכטיק, שרײַבנדיק וועגן יאַקאָוו סאָמוילאָוויטש גוזיקן און זײַן טעאַטראַלער מישפּאָכע, צו זשאַלעווען העלע קאָלירן. „גוזיק האָט טאַקע געהאַט פאַרדרייטע גענג, אָבער פאַר זײַנע אַקטיאָרן האָט ער געזאָרגט, — טיילט מיט אין זײַן בריוו כאַיִם זשאַבאָטינסקי, — זײַן עלטסטע טאָכטער ליאַליע גוזיק איז געווען אַן אַקטריסע מיט א געשמאַק, און ווען זי האָט געשפּילט אַפילע אין שונד־אָפּערעטעס (מע האָט אין זייער צײַט געמוזט שפּילן שונד אויך), האָט זי איר געשמאַק ניט פאַרלוירן. אַזאַ מין סילווא, ווי זי, אין קאַלמאַנס אָפּערעטע האָב איך ניט געזען אַפילע אין די רוסישע אָפּערעטעס. סטאַניסלאַווסקי האָט געזאָגט: „אויב איר שפּילט א מענטש א שלעכטן, איז זוכט, ווּ ער איז א גוטער, און אויב איר שפּילט א מענטש א גוטן, איז זוכט, ווּ ער איז א שלעכטער. דאָס הייסט, אַז א מענטש קאָן ניט זײַן גאָר אינגאַנצן שלעכט, אָדער גאָר אינגאַנצן גוט". אַזוי איז מיט גוזיקס מישפּאָכע. כיין און אומכיין האָבן זיך אין זיי איבערגעמישט". כאַיִם זשאַבאָטינסקי לייגט פאָר, אַז אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" זאָל מען דערציילן נאָך וועגן דרײַ אינטערעסאַנטע יידישע אַקטריסעס: מאַלווינע צוקער, סאַ־

ביע סטאַיאַנאָווסקע און מאדאם לאַנצמאַן (איר נאָמען האָט ער פארגעסן). ס׳איז קעדײַ, אז דער ייִדישער אוילעם זאָל וויסן פון אָט די דרײַ העראָישע, ווי ער שרײַבט, פּערזענלעכקײַטן, עלע ניט, וועט די געשיכטע פונעם ייִדישן טעאטער ניט זײַן קיין פולע.

פיל לייענער שיקן אין רעדאקציע בריוו־זיכרוינעס, און מע דאַרף זאָגן, אז אָט דער מין מאַטעריאַל איז מערסטנטייל אַן אינטערעסאנטער. קוידעמקאָל, מיט די פאקטן, וועלכע ער ברענגט צו טראָגן. גוויִעסאיידעס פון מיטצײַטלער איז אַן ערנסטע זאַך, און צעעפּענענדיק אַן אָרדנטלעכן קאָנווערט, ווארטן מיר שטענדיק אַף וויכטיקער אינפאָרמאַציע.

פון ריבינסק שרײַבט אונדז ריווקע עפּשטיין — א לייענערן מיט א זעכצניאָריקן סטאַזש. זי איז שטארק צופרידן, וואָס דער זשורנאַל פארגעסט ניט די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אויך פּראָגרעסיווע קולטור־טוער פון דער פארגאנגענהײַט, וועלכע האָבן אזוי אָדער אנדערש אופגעווירקט אַף דער גײַסטלעכער אַנטוויקלונג פונעם פאָלק. ביפראַט איז פאַר אונדזער קאָרעספּאָנדענטקע טײַער געווען, וואָס דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט יאַקנעהאָזן, וועלכער איז געווען איר ערשטער לערער. זי האָט געלעבט קלייניערהייט מיט אירע עלטערן אין מינסק. טאַטע־מאַמע האָבן געוואָלט, זי זאָל באַקומען גוצלעכע בילדונג. בעסער פון יאַקנעהאָזן איז קיין לערער אין מינסק דאַן ניט געווען: „יאַקנעהאָז איז, כוץ דעם, געווען זייער א ווױלער מענטש. ווען אין 1908 איז מײַן פאָטער שוואַך געוואָרן מיטן געזונט, — שרײַבט ר. עפּשטיין, — האָט יאַקנעהאָז אים פאָרגעלייגט זיך אָפּרוען א שטיקל צײַט אין מאָגילנע, ווו עס האָט געוווינט זײַן, יאַקנעהאָזס, געזינד"...

אייניקע לייענער ווענדן זיך אין רעדאַקציע מיט קאָנקרעטע פאָרשלאָגן, פלענער, און אלע אָן אויסנאַם זײַנען זיי איבערצײַגט, אז אויב מיר וועלן פארווירקלעכן בלויז אָט די פאָרשלאָגן און פלענער, וועט דער זשורנאַל באַקומען טויזנטער נײַע לייענער. לעצטנס האָבן מיר דערהאַלטן א בריוו פון טראָיִצק, טשעליאַבינסקער געגנט. דער כאָווער זיסי בלאָך זאָגט ארויס א ווונטש, אז „סאָוועטיש היימלאַנד" זאָל דרוקן קראָסוואָרדן. ער, זיסי בלאָך, האָט ליב זיך פארנעמען מיט קראָסוואָרדן. אָבער, צום באַדויערן, קיין ייִדישע קראָסוואָרדן האָט ער דערווײַל ניט געזען אין ערגעץ. בעכיין, האָט ער געפּרווט אליין צונויפשטעלן א קראָסוואָרד און ארײַנגעשיקט אים אין רעדאַקציע מיט א האַקדאָמע: „טויג ער — איז מאַכעטייסע, אויב ניט, טאָ האָט ניט קיין פאַריבל, וואָס איך האָב אָפּגענומען בא אײַך צײַט". קיין פאַריבל האָבן מיר ניט, און איינצײַטיק מאַכן מיר אופמערקזאַם דעם ליבן כאָווער זיסי בלאָך, אז „סאָוועטיש היימלאַנד", אלס א ליטעראַריש־קינסטלערישער כוידעש־זשורנאַל, האָט שוין אזוי אויך אײַנגעפירט אזעלכע ניט אייגנטימלעכע פאַר אזא אויסגאַבע עלעמענטן, ווי זינג־לידער, מאַטעריאַלן פאַר א לערנבוך פון שפּראַך אדגל...

יאָ, די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז ביז גאָר א רײַכע און אינטערעסאַנטע.

# די טראגעדיע און דער קאמף פון די פאלעסטינער

כאַשעווע כאווײרים פון דער רעדאקציע!

מיר בעטן איַיך געבן א קורצן איבערבליק איבער דער לאגע פון די פאלעסטינער אראבער. דאָס איז באזונדערס נייטיק איצט, ווען די פּראָבלעם פון א היימלאנד פאר אָט דעם פאָלק שטייט אין צענטער פון דער רעגולירונג אפן נאָענטן מיזרעך.

גוטע ראָזנער (מאכאטש־קאלא)

לויט די לעצטע אָנגאבן זיַינען פאראן בע־ערעך 3,5 מיליאָן פּאלעסטינער אראבער. אומגע־פער 500 טויזנט פון זיי ווינען אין יִסראָעל, ארום 1,2 מיליאָן אף די אראבישע טעריטאָריעס, וועלכע זיַינען אָקופּירט געוואָרן אין 1967 — אפן מיַירעוו־ברעג פון דעם יארדן־טיַיך (760 טויזנט) און אינעם אזא־סעקטאָר (430 טויזנט). א גרויסע מאסע פּליטים האָט זיך באזעצט אין די אראבישע לענדער: ביז 900 טויזנט אין יאַר־דאניע, צווישן 360 טויזנט און 400 טויזנט אין ליבאן, ארום א פערטל מיליאָן אין קוּווייט, מער פון 150 טויזנט אין סיריע, צווישן 15 טויזנט און 20 טויזנט אין עגיפּעט אאוו. די אגרעסיע קעגן דאָרעם־ליבאן, וואָס יִסראָעל האָט פאַר־גענומען ניט לאנג צוריק, האָט זיך אויסגעלאָזט מיט א נײַעם אומגליק אף די קעפּ פון צענדלי־קער טויזנטער פּאלעסטינער, וועלכע זיַינען ווי־דער געווען געצוווּנגען צו פארלאָזן זייערע אײַנגעזעסענע ערטער און לויפן אפן צאָפן פו־נעם לאנד.

דאָס לעבן פון דער מערהײַט פּאלעסטינער אין דער פרעמד איז פול מיט דאכקעס און מיט דערנידעריקונגען. זיי זיַינען פארורטיילט צו א נעבעכדיקער עקזיסטענץ אין די לאגערן, וועל־כע מע האָט פאר זיי אויסגעטיילט. ניט האָבנ־דיק קיין שטענדיקע ארבעט, מאטערן זיך פיל פון זיי אף דער אָרעמער קיצווע, וועלכע ס'טיילט פאר זיי אויס די ספּעציִעלע אגענטור פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נא־ציעס. אזא קיצווע באקומען איצט מער פון 1,7 מיליאָן פּאלעסטינער אראבער.

נאָכן אונטערשרײַבן די סעפּאראטע פאַר־שטענדיקונגען אין קעמפּ־דעיוויד האָט דער פּרעמיער פון יִסראָעל מענאכעם בעגין געמאָלדן, אז די אײַנוווינער פונעם מיַירעוו־ברעג וועלן אף ווײַטער הייסן „אראבער פון יִסראָעל". די רעכט פון די דאָזיקע מענטשן, ווי עס האָט זיך בילדעריש אויסגעדריקט דער פאָרזיצער פונעם אויספירקאָם פון דער אָרגאניזאציע פאר דער באפרײַונג פון פּאלעסטינע יאסיר אראפאט, זיַי־נען פארקויפט געוואָרן „פאר א הויפן זאמד פונעם בארג סינײַ".

אין אזעלכע באדינגונגען האָבן די אָנטיילנע־מער פון דער דאמעסקער בעראטונג פונעם „פראָנט פון שטאנדהאפטיקײַט און קעגנוויר־קונג" (סיריע, ליביע, טיימענער פאָלקס־דעמאָ־קראטישע רעפּובליק, אלזשיר און די אָרגאני־זאציע פאר דער באפרײַונג פון פּאלעסטינע) גענומען אף זיך די היסכײַוועס צו „האלטן די פּראָבלעם פונעם אראבישן פאָלק פון פּאלעסטי־נע אלס גרונט־פּראָבלעם פון דער אראבישער נאציע".

די פּאלעסטינער האָבן דערוויזן, אז זיי זיַינען א פאָלק מיט אן אייגענער געשיכטע, אײַגענער קולטור, אייגענע טראדיציעס, אז זיי זיַינען פייִק ניט בלויז צו שווארץ־ארבעט, צו וועל־כער זיי זיַינען פארמישפּעט אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס. זיי טראָגן אריַין א וועזנטלעכן כיילעק אין דער עקאָנאָמיק און קולטור פון די מעלוכעס, וועלכע נעמען זיי אוף. און דאָך זיַינען גרויסע מאסן פּאלעסטינער, ניט געקוקט אף דער הילף פון די אראבישע לענדער און פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס, ביז איצט געצוווּנגען צו מאטערן זיך אין די פּליטים־לאגערן.

דער סאָוועטנפארבאנד, די אנדערע סאָציִאַ־ליסטישע לענדער טרעטן ארויס פאר זיכערן די געזעצלעכע רעכט פונעם אראבישן פאָלק פון פּאלעסטינע, זיי באטראכטן די ליַיזונג פון דער דאָזיקער פּראָבלעם אלס א וויכטיקן באשטאנד־טייל פון דער אלזײַטיקער איַינרעגולירונג אפן נאָענטן מיזרעך.

ס. טאָנקין

**לעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען**

# אונדזער לעבן

## מאַטעריאַלן פֿון דער ייִדישער פּראָגרעסיוער צײַטונג אין אַרגענטינע

### דרײַ געדענקדאַטעס

### ד״ר שאַמשן דרוקאַראָוו

1900 — 1973

שאַמשן דרוקאַראָוו

דעם גוטן און פֿולן סאַכאַקל פֿון אַלץ, וואָס דער אַרגענטינער „איקוף״ שטעלט מיט זיך פֿאָר אין זײַן גאַנצן פֿאַרנעם און אַלזײַטיקײַט, האָט מען געקאָנט געפֿינען אין דער פֿיגור פֿון שאַמשן דרוקאַראָוו.

אָנהייבנדיק פֿון די ערשטע יאָרן פֿון זײַן געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקײַט, האָט ער זיך אויסגעטיילט ווי א וווּקסיקער דעמב. זײַנע ערשטע טריט אין דער רעוואָליוציאָנערער פּרעסע, זײַן רײַזע קיין ביראָבידזשאַן, זײַנע אויפֿטוען אין דער באַוועגונג פֿאַר שאָלעם, זײַן גלענצנדיקער „איקוף״־פּעריאָד, די פּאָפּולערקײַט אינעם לאַנד און אויפֿן גאַנצן קאָנטינענט, זײַן באַגײַסטערטע פּובליציסטיק און רעדנערישער טאַלאַנט, זײַן טעטיקײַט ווי א פֿאָלקסדאָקטער, זײַן פֿאָלקסטימלעכע וואַרעמקײַט, אויסגעבונדנקײַט מיט מענטשן און זײַנע אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿייִקײַטן זאָגן אײדעס, אַז מיר זײַנען בעמעשעך פֿון 50 יאָר געווען געבענטשט מיט אַן עמעסן לידער, מיט א פֿירער פֿון גאָר א הויכן ניוואָ.

דאָס וויכטיקסטע, וואָס מע האָט געקאָנט געפֿינען בײַ שאַמשן דרוקאַראָוון, איז געווען די אינערלעכע האַרמאָניע און דער סינטעז פֿון דערשײַנונגען. ער איז געווען א מענטש, צונויפֿגעשטעלט פֿון גאַנצקײַטן, און דערפֿאַר האָט ער זיך אויסגעטיילט מיט זײַן פֿעסטקײַט. ער

איז דערבײַ לאַכלוטן פרײַ געווען פון דאָגמאַטישקייט און פון אייפערזיכטיקער גײַווע.

אַף יובילײ־קערמעשלעך לעקאָוועד אים האָט ער ליב געהאַט צו זאָגן: „אין מײַן פולן לעבנסבעכער פעלט ניט קיין אײן טראָפּן גליק״. דאָס איז נישט געווען ניט קיין ארויסשטעלן זיך, ניט קיין בראַוווּר, נאָר דער אויסדרוק פון לעבנסלוסט און אידעאָלאָגישער לעבנספרייד.

שאַמשן דרוקאַראָווס גליק האָט געהאַט טיפע אידעאָלאָגישע וואָרצלען און איז געווען באַהעלט פונעם באַוווּסטזײַן, אַז מיר געפינען זיך אין סאַמע מיטן פון דער געשיכטלעכער גרונטאידיי פון אונדזער צײַט. אויך די פאָלקס־ליבע, מיט וועלכער ער איז געווען ארומגערינגלט, האָט מיטגעשטײַערט צו זײַן גליק־געפיל.

גליק, וואָס זאָל געבוירן נאָך מער גליק אפן פעלד פון קולטור, סאָציאַליזם און פאָלקישן ווילזײַן — צו דעם האָט זיך שאַמשן דרוקאַראָוו געריסן מיט לײַב און לעבן.

# יאָסל פריידקעס

1903 — 1973

יאָסל פריידקעס

50 פון די קאַרגע 70 יאָר, וואָס ער האָט געלעבט, האָט ער געווידמעט דעם קאַמף פאַר דער אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליזם: 25 פון זיי אפן פעלד פון סינדיקאַליזם, און 25 — פאַר דער איקופישער פאָלקס־קולטור.

אָנהייבנדיק מיט זײַנע ערשטע באַוווּסטזיניקע טריט אין היימיש־אומהיימלעכן פילסודסקיפוילן און פאָרזעצנדיק מיט דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין מאָנטעווידעאָ און בועגאָס־אײַרעס, האָט ער געהאַט אויסצושטיין פון דער רעאַקציע, וועלכע האָט אים געדריקט און געשטיקט, געוואָרפן אין טפיסעס, אָבער ניט געקאָנט בײַקומען אַף א האָר זײַן אידעאָלאָגישע איבערצײַגטקייט. זינט זײַנע יוגנט־יאָרן איז ער געווען גײַסטיק מאָביליזירט, ווי א פראָנטאָוויק, אײנעם געראַנגל פאַר מענטשלעכער פרײַהײַט, פאַר סאָציאַלן יוישער.

ער איז געווען דאָס „טאָגטעגלעכע ברויט״ אין „איקוף״, און אלע האָבן אים טאַקע אידענטיפיצירט מיטן ייִדישן קולטור־פאַרבאַנד אַף אַזוי ווײַט, אַז די יוגנט האָט אים גערופן „סעניאָר איקוף״. ער האָט געטאָגט און גענעכטיקט אונטער די איקופישע געמאַרקן, אין די רעדאַקציעס פון די פּראָגרעסיווע טאָג־צײַטונגען און זשורנאַלן, געטאָן די אַנאָנימע אַרבעט פון קאָאָרדינירן, צוגרייטן, אויסיידערן, אויספאָרשן, אײַנשטעלן פאַרבינדונגען, קריטיקירן און אויך קריגן זיך לעטויוועס דער זאַך.

אין ברען פון אידעאָלאָגישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע דיסקוסיעס פלעגט טרעפן, אַז ער האָט אופגעהויבן דאָס קאָל, ארויסגעשפּרונגען וועןניט־ווען מיט אַן איבערגעטריבן וואָרט, אָבער ניט, כאָלילע, צו באַליידיקן עמעצן, נאָר צוליבן אייפער און טעמפּעראַמענט, מיט וועלכן ער פלעגט פאַרטיידיקן אַן אידיי אָדער גראָדקייט פון א געדאַנק.

ער האָט דערהויבן דאָס, וואָס מע רופט אין אַן אינסטיטוציע „טעכנישע אַרבעט״, צו העכערע ניוואָען און אפילע צו א מין שליכעס. פונדאַנען — זײַן ניט פאַרלײַדן שלאַבעריקײַט, אויסגליטשונגען, אָפּשלעפּעניש. מע האָט געוווּסט, אַז אין „איקוף״ איז פאַראַן א „סעניאָר איקוף״, אַף וועלכן מע קאָן זיך פאַרלאָזן מיט פאַרמאַכטע אויגן, און דערפאַר איז אַזוי שווער געווען אים צו פאַרבײַטן נאָך זײַן פּלוצעמדיקן בליץ־טויט, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַזאַ גוואַלדיקן ריס אין דער באַוועגונג.

ער האָט אָנגעזאָגט, אַז מע זאָל אוועקגעבן זײַן קערפּער פאַר מעדיצינישע פאָרשונגען און אַז זײַן גוף זאָל אײַנגעוויקלט ווערן אין די פאָנען פון פאָלקס־פוילן, פון ארגענטינע און פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ער האָט געוואָלט,

אז אויך זײַן טויט זאָל סימבאָליזירן דאָס, וואָס ער, יאָסל פריידקעס, איז געווען, דעם וועג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, און דעם אלטרויִזם, וואָס האָט געגעסטיקט אין אים.

ער איז א גאַנץ לעבן און אומעטום געווען אן ארבעטער, אין בוכשטעבלעכן און אין־סימבאָלישן זין. ער איז געווען א וועבער: געוועבט שטאָף און געוועבט אידייען און איז אליין פארוועבט געוואָרן אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט.

# מייער טשיזש

1929 — 1973

מייער טשיזש איז געווען מער ווי א מוסטער. ער איז געווען אן אויסנעמלעכער מענטש. פּונקט מיט אזא פליסיקייט, ווי זײַן אורוגווײַער שפּאַניש, האָט ארויסגעקוואָלן פון זײַן מויל זײַן פאָלקס־היימישער ייִדיש, און אף ביידע שפּראַכן האָט זיך אָנגעזען זײַן טיפע קולטור־אָנגעלאָדנקייט, זײַן הויך־פּאָליטישער באוווּסטזײַן פון א פּראָגרעסיוון אָנפירער, זײַן יוגנט־ברויז, רעדנער־טאלאנט און זײַן שארפע פּען.

ער איז אוועקגעריסן געוואָרן אין עלטער פון 44 יאָר, אָבער ער האָט שוין געהאַט באוויזן צו האָבן א לאַנגע פאַרגאַנגענהייט — א באַגאַזש פון 25 יאָר זשורנאַליסטישער, פּאַרטייִשער און קולטור־טעטיקייט. מע האָט געשטוינט: ווי קומט צו א יוגנטלעכן אזויפיל פײַנע דערוואַקסנקייט, אזא קויעך אָנצופירן יאָרן און יאָרן מיט א ייִדישער טאָג־צײַטונג („אונדזער פרײַנט"), ווו זײַנע לייטאַרטיקלען און אידעאָלאָגישע וויקוכים מיט די אָפּנייגלער פון אלע מינים זײַנען געווען א קאַטעדרע פון דיִאַלעקטישער לאָגישקייט, פּראָגרעסיווער קלאָרקייט און מאַנאָליטישער פּרינציפּן־פעסטקייט.

אָנשטויסנדיק זיך פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט א הארבער פּראָבלעם, פלעגן אלע אין מאָנטעווידעאָ קוידעמקאָל וועלן וויסן: „וואָס זאָגט מאַריאָ?" אין דער דאָזיקער ווענדונג צו „מאַריאָ" איז געלעגן דורכויסיקער צוטרוי, איבערגעגעבנקייט און ליבע. מע האָט זיך געפילט געפאנצערט הינטערן שוץ־מויער, וועלכער האָט געהייסן „מאַריאָ",— הינטער דעם דאָזיקן צאַרטן באָכער, וואָס פון זײַנע לעבנסליבנדיקע אויגן האָט ארויסגעבליקט אזא ערנסטקייט און אזא קויעך, וועלכע וועגן אָפּ און מעסטן אויס ביז דער גענויקייט פון א מיליגראַם און א מילימעטער.

ער האָט אין דער פּראָגרעסיווער ייִדישער סוויווע פון אורוגווײַ אָנגעפירט מיט אַלץ און מיט אלעמען, אָפּגערעדט שוין פון דער יוגנט. ער איז געווען דער הויפּט־סטיל פונעם אורוגווײַער ייִדישן יוגנט־פאַרבאַנד „פּיכו" און אן אַנטשפּרעכיקער אוטאָריטעט אין דער ארגענטינער „פּיכיִאָ",— אין דער ברויזנדיקער צײַט צווישן דער מאַפּאָלע פונעם נאַצי־פאַשיזם און דעם אופקום פונעם קאַלטן קריג, ווען מע האָט געדאַרפט רודערן צווישן אזויפיל פּראָבלעמען.

מייער טשיזש

ער איז געווען פּאָפּולער ניט נאָר אף ביידע ברעגן פון דעם לא־פּלאַטא־טײַך, נאָר אויך אין אלע אנדערע פּראָגרעסיווע צענטערס פון לאַטײַן־אַמעריקע. אויך „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אים אָפּגעגעבן אויסערגעוויינלעכן קאָוועד. די אינטערנאַציִאָנאַלע טעלעגראַפן־אַגענטור „דאַן" האָט אים באַשטימט פאַר אירן א קאָרעספּאָנדענט.

ער האָט נאָך באַוויזן צו קומען, א פרישער און א געזונטער, אף די לעווײַעס פון דרוקאַראָוון און פריידקעסן, זיי באַגלייט מיט זײַנע העספּעד־רייד, און אין געציילטע וואָכן ארום האָט מען, דערשטוינטע און צעבראָכענע, געדאַרפט שוין פירן אים אליין צו זײַן אייביקער רו.

ווען ס'וועלן קומען בעסערע צײַטן אין אורוגווײַ, וועט זײַן זייכער מאָנומענטאַליזירט ווערן אף א בעקאָוועדיקן אופן, ווײַל ער איז געווען אן אוניקום אין דער פּראָגרעסיווער געשיכטע פונעם יונגן ייִדישן לעבן אפן לאַטײַן־אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

מייער טשיזש

# יידישע קולטור־פּראָבלעמען אין קאָנטעקסט פון דער הײַנט־צײַטיקייט

**אונדזער פאָלק און די הײַנטצײַטיקע קולטור אונדזערע זײַנען, ווי דער פּאַריזשער מאַניפעסט האָט אָפּגעמערקט, „טיף דורכגעדרונגען מיט א בענקשאַפט נאָך א נײַער, באַפרײַטער וועלט”, נאָך „אַן אָרדענונג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט...”**

**די גאַנצע מאָדערנע וועלטלעכע און פּראָגרעסיווע יידישע ליטעראַטור און קולטור האָט טאָמיד און אומעטום מיטגעצאַפּלט מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון אונדזער יאָרהונדערט. צי דען קאָן הײַנט־צו־טאָג די מיסיע פון ליטעראַטור און קונסט זײַן אַן אַנדערע, איידער אָפּשפּיגלען די הײַנטצײַטיקייט, אויפנעמען מענטשלעכע פּײַנען און שטרעבונגען, באַוואָפּענען די פאָלקסמאַסן מיט אידייִש געווער פאַרן געראַנגל, וואָס זײַן ציל איז פאַרוואַנדלען אין אווירקלעכקייט אָט יענע „בענקשאַפט נאָך א נײַער באַפרײַטער וועלט”.**

**מענדעלע מוכר־ספרים האָט דערציילט, אַז, פאַרבײַפאָרנדיק פּעטערבורג, האָט ער אַנומלטן באַזוכט דעם אַזיאַטישן מוזיי פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. דאָרט האָט ער זיך אָנגעטראָפן אָף א גאַנצער סעקציע פון העברעיִשע שריפטן און ביכער. און אָט וויאַזוי מענדעלע האָט דערציילט וועגן זײַנע אײַנדרוקן:**

„איך בין געווען אין פּעטערבורג און האָב באַזוכט דעם אַזיאַטישן מוזיי פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. דער ביבליאָטעקער האָט מיך אַרײַנגעפירט אינעם ביכער־אוצר, און עפּשער צען מינוט בין איך געגאַנגען צווישן ביכער, בין דורכגעגאַנגען א גאַנצן קוואַרטאַל פון העברעיִשע ביכער. דרײַ מענטשלעכע לעבנס זײַנען עפּשער וויניק, קעדיי דורכצולייענען זיי. איך האָב זיך געפרעגט, וועגן וואָס רעדט צו אונדז אָט די דאָזיקע ביכער־גאַס? זי רעדט צו אונדז בלויז וועגן הימלשע זאַכן. וועגן ברויט, וועגן געזונט, וועגן לעבן — פע, פע... בעסער טאַנייסים, לײַטערונג פונעם גוף צוליב דער נשמה, אָפּזאָגן זיך פון דער־וועלט צוליב יענער־וועלט. און יאָרנלאַנג האָבן אָט די ביכער פאַרשטעלט אַזוינע פּערלען, ווי די בעסטע שאַפונגען פון יעהודע האַלייווי, גוויראָל און אַנדערע. און אויב עמעצער האָט געהאַט מוט אַרויסצוטרעטן קעגן דער הימלשער הערשאַפט, ווי דאָס האָט געטאָן דער מוטיקער באָרוך שפּינאָזע, פלעגט ער אין כיירעם אַרײַנגעוואָרפן ווערן.

איין גליק איז נאָר, וואָס דאָס אָרעמע פאָלק האָט געלעבט אין דער זײַט פון אָט דער ביכער־גאַס, האָט גערעדט אָף זײַן שפּראַך און האָט, נאַטירלעך, געוואָלט עסן און געשטרעבט צום לעבן”.

**און ווי איבערופנדיק זיך מיטן זיידן, האָט דער יידישער סאָוועטישער דיכטער אַרן ווערגעליס אָט וויאַזוי כאַראַקטעריזירט אין אַן עסיי די אַזויגערופענע בירגערלעכע יידישע ליטעראַטור:**

„יאָ, הײַנט, אין דער אַטאָם־ און קאָסמאָס־עפּאָכע, אין דער עפּאָכע פון סאָציאַלע און אַנטיקאָלאָניאַלע רעוואָלוציעס, פון ריזיקע אינדוסטריעלע איבערקערענישן; הײַנט, ווען די דאַמאָקל־שווערד פון נעאָנאַציזם הענגט שוין אַזוי נאָענט איבערן קאָפּ, — צי שטעקט די הײַנט ניט, אונדזער פאַרבענקטע באַסמאַלקע, „די בירגערלעכע יידישע ליטעראַטור”, נאָך אַלץ אין דער ווײַטפאַרגאַנגענער צײַט, אין דער צײַט פונעם אימפּעראַטאָר פראַנץ־יאָזעף, פונעם צאַרישן רוסלאַנד, פון קאָצקער רעבן?.. א פאַרכאָלעמטע, א פאַרטפּילעטע, שטאַמלט זי און פליסטערט קעסיידער סאַמע הייליקע רייד, און ווײַזן ווײַזט זיך איר אויס, אַז זי שרײַט איבער דעם רויש פון רעאַקטיווע אַעראָפּלאַנען איבער איר קאָפּ, די וווּלקאַנען־אויסברוכן פון פאָלקס־צאָרן אין אַפריקע, אַזיע, לאַטײַן־אַמעריקע באַם שטורעמען די אַלטע וועלט.

און פרעגט מען: סטײַטש? היתּכן? ענטפערן די אויסטײַטשער, די אידעאָלאָגן פון דער יידישער בירגערלעכער ליטעראַטור, אַז זי איז די איינציקע טרײַע היטערן פון אונדזער טראַדיציע, אַז אָן איר אַרכאַיִשקײַט וועלן מיר, כאַסוועכאָלילע, „פאַרגאָיִשט ווערן”.

**קעדיי ניט „פאַרגאָיִשט צו ווערן”, ד. ה. ניט דערלאָזן, אַז די שטים פון דער יידישער ליטעראַטור זאָל זיך הערן אין דעם איבערוף פון די ליטעראַטורן פון דער הײַנטיקער וועלט, טוען זיי אַלץ אָף צו פאַרקאָנסערווירן זי אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט”.**

**לאָמיר פון אונדזער זײַט צוגעבן, אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פון אוועקשטעלן די יידישע ליטעראַטור (און אין א ברייטערן זין — די קולטור ווי א גאַנצע) מיטן פּאָנעם צו אונדזער צײַט, קעדיי זי זאָל אויספילן די פליכטן, וואָס די איצטיקע שאָ רוקט אַרויס פאַר איר, — אָט דער אָפּזאָג נעמט אָן די פאַרשיידנאַרטיקסטע פאָרמען, אָנהייבנדיק פון א ביטל־באַציִונג צו די קלאַסיקער און ביז צום קונצנמאַכערישן פאַרזוך אַריבערצושפּרינגען איבער צוויי טויזנט יאָר יידישע געשיכטע און קולטור, פּונקט ווי אין מעשׂה פון די צוויי יאָרטויזנטער פון דעם אַזויגערופענעם „גאָלעס” האָט אונדזער פאָלק גאָרנישט ניט געשאַפן.**

**אָן אויסדרוק פון די ליקווידאַטאָרישע טענדענצן אין דער יידישער ליטעראַטור איז דער „געטאָיִזם”, וואָס דער אָבסקוראַנטיש־רעאַקציאָנערער שרײַבער יצחק באַשעוויס איז איינער פון זײַנע באַזינגער.** אין אויבנדערמאָנטן עסיי ברענגט אַרן ווערגעליס די ווײַטערדיקע כאַראַקטעריסטישע אַרויסזאָגונג באַשעוויסעס: „די יידישע ליטעראַטור איז א פּראָדוקט פון געטאָ מיט אַלע מײַלעס און אַלע כעסרוינעס, און זי קאָן פון געטאָ ניט אַרויס. דאָס איז דער שליסל פון

איר רעטעניש. די אידיי, אַז די ייִדישע ליטעראַטור — און די ייִדישע קולטור — קאָנען טראָגן אַ וועלטלעכן כאַראַקטער, זײַנען ווי באַ לײַטן גלײַך, איז פון אָנהייב אָן געבויט אַף אַ מיספאַרשטייעניש...״

און אַ ביסל ווײַטער גיט באַשעוויס צו:

„די ייִדישע קעהילעס, די קאָהאָל־לײַט, די ראַבאָנים, שאָכטים, נעמאָנים, לאָמדים; דער פרומער ייִדישער קרעמער און באַלמעלאָכע, די פרומע ייִדענע, דער יעשיוועבאָכער און דאָס קאַלע־מיידל זײַנען און מוזן דעריבער בלײַבן די טעמאַטיק און באַשטימען דעם אינהאַלט און די פאָרם פון דער ייִדישער ליטעראַטור״.

פונדאַנען ביז מאָשיכיזם און קלעריקאַליזם איז איין שפּאַן. אין אָנבליק פון אַזעלכע טעאָריעס פרעגן מיר: צי דען איז דאָס די ליטעראַטור, וועלכע מענדעלע האָט אויפגעפאָדערט, ווען ער האָט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק אָנגעוויזן, אַז „אַ ליטעראַטור, וואָס האָט ניט קיין שײַכעס צום פאָלק און צו זײַן נויט און וואָס ווערט פון דעם ניט באַווירקט, — קאָן אַף קיינעם ניט ווירקן. זי האָט ניט קיין אינטערעס פאַרן פאָלק, און זי איז איבעריק אינעם לעבן!״

מיט אַ קורצער צײַט צוריק, בײַם אַ טעלעוויזיע־דעבאַטע אין מאָנטעווידעאָ, האָט אַן אורוגווײַער זשורנאַליסט אָנגעוויזן, אַז אין לאַטײַן־אַמעריקע שטאַרבן יעדן יאָר פון הונגער, פון קאָלערליי קראַנקײַטן צוויי מאָל אַזויפיל מענטשן, ווי די אַטאָם־באָמבע האָט אומגעבראַכט אין כיראָסימע. און ער האָט אויסגעפירט: דאָס באַטײַט, אַז די אימפּעריאַליסטישע אונטערדריקונג און די פעאָדאַלע אָפּגעשטאַנענקײַט וואַרפן אַראָפּ אַף אונדזערע פעלקער צוויי אַטאָם־באָמבעס אַ יאָר, וועלכע רײַסן זיך אויף אָן קיין שום פאַרטויבנדיקן קלאַנג, אָבער וואָס זײַנען ניט ווינציקער מערדעריש, איידער יענע באָמבעס פון כיראָסימע און נאַגאַסאַקי.

קלאָר איז, אַז די פעלקער פון אונדזער קאָנטינענט ווילן ניט זײַן קיין קאָרבאָנעס פון הונגער און נויט.

דעריבער זײַנען זיי אַזוי אַקטיוו אין דעם קאַמף פאַר ברויט, פאַרן לעבן, פאַר דער קולטור.

די דאָזיקע שלאַכט איז, נעמלעך, אויך אַ קולטור־דערשײַנונג, ווײַל, ריידנדיק וועגן פאַרטיידיקן די קולטור, דאַרפן מיר קוידעמקאָל האָבן אין זינען דעם קאַמף פאַרן פרידן און סאָציאַלער גערעכטיקײַט.

יעדע סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס שטעלט פאַר זיך ווי אַ ציל די פרײַהײַט און דאָס גליק פון די פאָלקסמאַסן, איז גלײַכצײַטיק אַ קולטור־רעוואָלוציע.

ווען אונדזערע איקופישע אָרגאַניזאַציעס זאָלן ניט אופנעמען דעם רוף פון אונדזער טקופע, וואָלטן זיי דערמיט אַרויסגעלאָזט פון זייערע הענט די פאָנען, וואָס זײַנען מיט דרײַסיק יאָר צוריק פאַנאַנדערגעוויקלט געוואָרן אין פּאַריזש, און זיי וואָלטן דערמיט אונטערגעכאַסמעט זייער אייגענעם טויט־אורטייל. די היסטאָרישע טראַדיציעס און די קולטור־ירושע זײַנען גילטיק בלויז דעמלט, ווען זיי ווערן דיאַלעקטיש איבערגענומען. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז ניט מיטן אומקערן זיך צום אָוואַר, נאָר אַרויסציִענדיק פון אים די פּראָגרעסיווע ווערטן, וועלכע בלײַבן אייביק לעבן, און ניט מיט אָפּפרעמדן זיך פון דער קאָנקרעטער רעאַליטעט פון אונדזערע לענדער, נאָר דורך אַוועקשטעלן זיך מיטן פּאָנעם צו דער דאָזיקער רעאַליטעט, — וועט דערגרייכט ווערן דער היסטאָרישער העמשעך פון אונדזער פאָלקס־קולטור.

טרײַ צום מאַנדאַט פונעם פּאַריזשער פּראָגרעסיוון קולטור־קאָנגרעס, איבערנעמענדיק די בעסטע קולטור־טראַדיציעס און זײַענדיק טרײַ די פּרינציפּן פון סאָציאַלן יוישער און פרײַהײַט, היטן מיר הײַנט אָפּ ווי דאָס אויג אין קאָפּ די פּראָגרעסיווע ייִדישע ליטעראַטור און קולטור, דעם גרויסן אוצער פון די ייִדישע פאָלקס־מאַסן.

(אַן אויסצוג פון אַ רעפעראַט, וואָס מייער טשיזש האָט געהאַלטן אין 1967 אַפן לאַטײַן־אַמעריקאַנער צוזאַמענפאָר פון „איקוף״ אין מאָנטעווידעאָ).

---

## ערע זײַן אָנדענק!

אין קאָוונע איז אין עלטער פון 82 יאָר געשטאָרבן דער באַקאַנטער שוישפּילער, וועטעראַן פון דער ייִדישער בינע יאַקאָוו בעלצער.

י. בעלצער איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט בעלץ (מאָלדאַוויע) אין אַ מישפּאָכע פון באַלמעלאָכעס. פון קינדווײַז אָן נעמט ער אָן אָנטייל אין זעלבסטעטיקע קרײַזן און וואַנדער־טרופּעס. אין 1914 אָרגאַניזירט ער אַ ליבהאָבער־טרופּע צוהילף אָרעמע קינדער.

די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע גיט אים די מעגלעכקײַט צו פאַרפולקומען זיך אלס פּראָפעסיאָנעלער אַרטיסט.

אין 1935 ווערט ער דער אָנפירער פונעם זשיטאָמירער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער. אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע געפינט ער זיך אין די אַרויספאָר־בריגאַדעס, וועלכע טרעטן אַרויס מיט קאָנצערטן אין די האָספּיטאַלן פאַר די פאַרוווּנדעטע סאָוועטישע שלאַכטלײַט.

נאָכן קריג באַזעצט זיך יאַקאָוו בעלצער אין קאָוונע, ווו ער אָרגאַניזירט אַ קאָלעקטיוו ליבהאָבער פון דער ייִדישער זעלבסטעטיקער קונסט.

מיטן טויט פון יאַקאָוו בעלצערן האָט די ייִדישע טעאַטראַלע קונסט פאַרלוירן אַן אומדערמידלעכן טוער פון דער ייִדישער זעלבסטעטיקער קונסט.

## געשטאָרבן צילי אַדלער

אין ניו־יאָרק איז אין עלטער פון 90 יאָר געשטאָרבן די באַוווּסטע ייִדישע שוישפּילערין צילי אַדלער.

נאָך אין די יונגע יאָרן האָט צילי אַדלער זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט אירע ראָלן אין מאָריס שוואַרצס ייִדישן קונסט־טעאַטער. זי האָט מיט גרויס דערפאָלג גאַסטראָלירט אין פיל לענדער. אַף איר לאַנגן שעפערישן וועג האָט זי אויך געשפּילט אין ענגלישן טעאַטער און אין אַ ריי פילמען.

■

# דאָס איז טשיקאווע

# די געשיכטע פונעם סאָוועטישן הערב

דער סאָוועטישער הערב האָט א רומפולע געשיכטע. ער איז קימאט אין איין עלטער מיטן גרויסן אָקטיאבער. אים האָט געבוירן די רעוואָלוציע. בא זײַן וויגעלע איז געשטאנען וו. אי. לענין.

ערעוו דעם ערשטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאבער־רעוואָלוציע האָט די צײַטונג „איזוועסטיא" פארעפנטלעכט א בעעמעס היסטאָרישע מיטיילונג: „...דעם זעקסטן נאָיאבער וועט מען אָף עלף מאָסקווער פּלעצער פארברענען די עמבלעמען פון דער אלטער אָרדענונג און אײַנאָרדענען א גראנדיעזע אילומינאציע... 9 אזייגער מיט 30 מינוט וועלן אופגעהויבן ווערן עמבלעמען, וועלכע זײַנען דער אויסדרוק פון דער נײַער אָרדענונג".

די ערשטע עמבלעם פון דער ארבעטער־פּויערישער מעלוכע איז געוואָרן דער סערפּ און דער האמער. דאָס איז געווען פּאַשעט און פארשטענדלעך. און שוין אין איינעם פון די ערשטע סאָוועטישע אלעפבייסן, וועלכער איז אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען „מיר זײַנען אין שול", האָבן די מוזשיקעס — אלטע און יונגע — זיך געלערנט לייענען לויט די זילבן און זײַנען דערגאנגען דעם פארבאָרגענעם זין פונעם טעקסט, וואָס איז געדרוקט געווען מיט גרויסע אויסיעס אָף דער גאנצער זײַט: „דער סערפּ גיט דעם האמער ברויט און גרינס, מילך און פּוטער, פלייש און לעדער, האנף און לײַן. דער האמער גיט דעם סערפּ אקערס און גוס־אײַזן, העק און טשוועקעס, דרעשערס און פארשיידענע מאשינעס, צוקער און זאלץ, פארשיידענע מינים ציץ און געוואנט, קעראָסין און שוועבעלעך, צײַטונגען און ביכער, וויסנשאפט און פרײַהײַט".

דער סערפּ און דער האמער זײַנען געווען דער הויפּט־עלעמענט אין דער צייכענונג פון יענעם סאמע ערשטן הערב, וועלכן דער איניאָנים־פארוואלטער פון ראטפּאָלקאָם וו. ד. באָנטש־ברויעוויטש האָט געבראכט באווײַזן וו. אי. לענינען. דער הערב, שרײַבט אין זײַנע זיכרוינעס באָנטש־ברויעוויטש, איז געווען דער זעלבער, וואָס איצט, נאָר מיט אן אנטבלויזטער לאנגער שווערד אינמיטן. וו. אי. לענין האָט זיך געכידעשט: וואָס טוט דאָ די שווערד?.. און מיט א דינעם שווארצן בלײַער האָט ער אויסגעשטראָכן די שווערד, איבערכאזערנדיק דעם זעלבן אויסמעק־צייכן אָפן ברעג פונעם פּאפּיר, רעכטס פון דער צייכענונג.

— און אין אלגעמיין איז דער הערב גוט. לאָמיר באשטעטיקן דעם פּראָיעקט. דערנאָך וועלן מיר אים באטראכטן און באהאנדלען אין ראטפּאָלקאָם.

ער האָט אונטערגעשריבן די צייכענונג מיט זײַנע איניציאלן.

דער סקולפּטאָר נ. א. אנדרייעוו, וועלכער האָט געצייכנט דעם מעלוכע־הערב פון רספסר, האָט שפּעטער געמאכט געדיכטער די זאנגען, שטארקער די זון־שטראלן, אויספּאריכט די לענטע און „אלץ געמאכט עפּעס רעליעפער, אויסדריקלעכער". דער פּראָיעקט איז באשטעטיקט געוואָרן דעם 19 יול 1918. און אין 1923 האָט די סעסיע פון צענטראלן אויספירקאָמיטעט פון פסס‏ר באשטעטיקט דעם זעלבן הערב, נאָר ס'האָט אים נאָכאמאָל אָנגעצייכנט דער קינסטלער נ. דובאסאָוו, — פארן גאנצן סאָוועטנפארבאנד.

דאָס איז אײַנקורצן די געשיכטע, וויאזוי ס'איז געשאפן געוואָרן דער הערב. געווען זײַנען נאָך א סאך אנדערע פּראָיעקטן. די קינסטלער האָבן צונויפגעשטעלט דעם הערב פון צײַנרעדער, אקערס, קוואלדעס, טשטשיפּצעס, שפּעט־האָרנס. אייניקע האָבן פארגעלייגט אפילע איבערלאָזן דעם צווייקעפּיקן אָדלער, בלויז מיט אויסגעצופּטע פעדערן, און אָנשטאָט דער קרוין אָנטאָן אים א רויטארמייִש היטל... אין 1936, ווען עס איז באהאנדלט געוואָרן דער פּראָיעקט פון דער נײַער קאָנסטיטוציע, האָבן פיל קינסטלער געהאלטן, אז מע דארף ענדערן דעם הערב: אָפּשפּיגלען אין אים דעם טעכנישן פּראָגרעס, וועלכן דאָס לאנד האָט דערגרייכט פאר די קימאט 20 יאָר עקזיסטענץ פון דער סאָוועטנמאכט. מע האָט פאָרגעלייגט ארײַנפירן אינעם הערב א טראקטאָר, א פּנעוומאטישן שאכטיאָרישן האמער און א הייבקראן, אָדער פארבײַטן דעם סערפּ און האמער, וואָס זײַנען שוין געצײַג פון דער פארעלטערטער טעכניק, אָף א קאָמבײַן, בלומינג און עלעקטראָגענעראטאָר... און נאָך: אָנמאָלן אינעם הערב ביכער — דעם סימבאָל פון קולטור.

ווי די צײַט האָט אָבער באוויזן — און מיר איבערצײַגן זיך דערין, — איז די סימבאָליק פונעם הערב אויסגעקליבן און קאָמפּאָנירט פּינקטלעך, מיט א קינסטלערישן כוש. א גרופּע ארבעטער פון לענינגראד, פארשטייענדיק דעם היסטאָרישן ווערט פון אונדזער הערב, זײַן רעוואָלוציאָנערע סימבאָליק, האָט געשריבן אלס ענטפער יענע, וועלכע האָבן געוואָלט זען דעם הערב א „מער הײַנטצײַטיקן": „...דער סערפּ און האמער סימבאָליזירן ניט די טעכניק, נאָר דעם אייביקן בונד פונעם ארבעטער־קלאס און פּויערטום... אונדזערע מאמעס האָבן אָף א שטיקל רויט צײַג אויסגענייט א סערפּ און א האמער, אויסגענייט „פּראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך", און דאָס שטיקל רויט צײַג איז געוואָרן א פאָן, אונטער וועלכער עס זײַנען געשטאָרבן און געזיגט אונדזערע טאטעס. מיר האָבן געזען אין מוזיי די פאָן פון דער ערשטער רײַטער־ארמיי. אָף איר זײַנען אויסגענייט א סערפּ און א האמער. עס עקזיסטירן אונדזערע פּראָלעטארישע טראדיציעס, און עס טויג ניט, ווען מע בײַט זיי ווי א קלייד. דעם הערב דארף מען ניט בײַטן".

וו. סטעפּאנענקאָ

## קויכעס, וואָס זוכן אן אויסוועג

א דעמאָנסטראַציע אין טעל־אביוו קעגן דעם וואַקסנדיקן יאַקרעס

אופשריפטן וואָרענען: „די רעדיפּעס און רויִנירונגען פון די אַראַבישע וווינונגען דערווייַטערן דעם שאָלעם״

די גרופּע געזעלשאַפטלעכע טוער פון ייִסראַעל אַף א באַזוך פונעם מעמאָריאַל־קאָמפּלעקס אין כאַטין (ווייַסרוסלאַנד)

# ייסראַעל היינט: קויכעס פון אָקופּאַציע און עקסטרעמיזם

1. „אווטאָנאָמע רעכט" פון די פּאַלע־סטינער אין בעגינס נוסעך
2. בעשאַס די דעבאַטן אין קנעסעט
3, 4. אַזוי פירן זיך אויף די ייסראַעל־דיקע אָקופּאַנטן אַף דער אַראַבישער ערד.



1



2

3

4

# מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן
## פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור

### לעלטשוק, שימען
(1941 — 1918)

— דיכטער. געבוירן אין קאַלינקאָוויטש (ווײַסרוסלאַנד), געלערנט אין א ייִדישער שול. פאַרענדיקט דעם ליטעראַרישן פאַקולטעט פונעם ווײַסרוסישן מעלוכע־אוניווערסיטעט. געווען א מיטגליד פון דער ליטעראַרישער יוגנט־גרופּע. דעביוטירט מיט לידער אין זשורנאַל „שטערן”. בײַס דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע העלדיש אומגעקומען אין שלאַכט קעגן די דײַטשישע פאַשיסטן.

ווערק: „לידער־זאמלונג” פון די דיכטער ב. גורעוויטש, אי. באָרוכאָוויטש, מ. לעלטשוק און פּ. פלאָטקין, מינסק, 1940; „די ליד וועגן בושעל”, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”, נום. 3, 1963.

ביבליאָגראַפיע: מ. ראָזנהויז, „ליטעראַרישע ירושע פון די שרײַבער שלאַכטלײַט”, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”, נום. 2, 1961; „מיט ביקס אין האַנט און ווארעם בלוט אין הארצן”, מאַטעריאַלן וועגן יונגע דיכטער שלאַכטלײַט, וועלכע זײַנען העלדיש אומגעקומען אף די פראָנטן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, דאָרטן, נום. 3, 1963.

### לערמאַן, לייב
(1937 — 1905)

— פּראָזאַיִקער. געבוירן אין פּוילן, געווען אן ארבעטער. אין יאָר 1920 געקומען קיין ראַטנפאַרבאַנד, געלעבט אין כאַרקאָוו, דערנאָך אין מאָסקווע. געווען א סטודענט פונעם צווייטן מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. געדרוקט פאַרצייכענונגען און נאָוועלן וועגן ארבעטער־לעבן אין די צײַטונגען „דער עמעס”, „שטערן”, אין די זשורנאַלן „די רויטע וועלט”, „פּראָליט” און אנדערע.

ווערק: „ציגל” דערציילונגען, מאָסקווע, 1932; „טאָרפּער”, דערציילונגען, מאָסקווע, 1933.

ביבליאָגראַפיע: מ. וואָרטמאַן, אין דער צײַטונג „דער עמעס” פונעם 5 מארט 1934.

### לובאָצקי, דאָוויד
(1942 — 1887)

— פּעדאַגאָג, לינגוויסט. געבוירן אין ליטע. פאַרענדיקט דעם ווילנער ייִדישן לערער־אינסטיטוט און דעם מאַטעמאַטישן פאַקולטעט פונעם ווילנער אוניווערסיטעט. געווען א לערער אין ייִדישע שולן פון קאָוונע און ווילנע. אין 1920, צוזאַמען מיט זאַלמען רייזענען און גערשן פּלודערמאַך, רעדאַגירט דעם ווילנער פּעדאַגאָגישן כוידעשזשורנאַל „די נײַע שול”. ד. לובאָצקי איז דער אווטאָר פון א ריי לערנביכער פאַר די ייִדישע שולן און גימנאַזיעס, צווישן זיי — „געאָמעטריע פאַרן 2־טן קלאַס גימנאַזיע” (ווילנע, 1935). ער האָט אקטיוו זיך באַטייליקט אין דער ארבעט פון די טערמינאָלאָגישע קאָמיסיעס פאַר מאַטעמאַטישע און טעכנישע וויסנשאַפטן אף ייִדיש. ווען ליטע איז אין 1940 געוואָרן א סאָוועטן־רעפּובליק, איז ער געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון איבערבויען די שול־בילדונג אף נײַע, סאָוועטישע יעסוידעס. אומגעקומען אין לידער געטאָ.

### לויטער, עפראַיִם
(1963 — 1890)

— רעזשיסער, זשורנאַליסט, פּעדאַגאָג. געבוירן אין בערדיטשעוו, פאַרענדיקט די רעאַל־גימנאַזיע אין ווילנע. די ערשטע ווערק (טעאַטער־רעצענזיעס) געדרוקט אין די ווילנער צײַטונגען „סעווערא־זאַפּאַדני גאָלאָס” און „ווילנער וואָכנבלאַט”. אין 1911 פאַרעפנטלעכט אין ווילנער אלמאַנאַך „קנאָספּן” א דערציילונג „די ליכט איז אויסגעגאַנגען”, אין 1912 — א סעריע פאַרצייכענונגען און לעגענדעס אין דער וואַרשעווער צײַטונג „פרײַנט” — וועגן דעם אָנטייל פון ייִדן אין דער רוסישנאַפּאָלעאָנישער מילכאָמע פון 1812. אין 1917, צוזאַמען מיטן רוסיש־ליטווישן דיכטער יו. באַלטרושײַטיס, ארויסגעגעבן אין מאָסקווע אן אלמאַנאַך פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין רוסיש. שפּעטער אקטיוו מיטגעארבעט אין דער סאָוועטישער ייִדישער פּרעסע, געדרוקט הויפּטזאַכלעך ארטיקלען וועגן טעאַטער־קונסט. פון 1919 איז עפראַיִם לויטער באַוווּסט אלס אקטיווער בויער פון סאָוועטישן ייִדישן טעאַטער. אין די יאָרן 1921 — 1923 געווען רעזשיסער אין קיִעווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, אין 1924 — 1925 אָנגעפירט מיט א ייִדישער טעאַטער־סטודיע אין באַקו, אין 1926 — 1928 רעזשיסער אין כאַרקאָווער רעפּובליקאַנישן ייִדישן טעאַטער, אין 1929 — 1934 געארבעט אין דער טעאַטראַלער סטודיע באַם מאָסקווער גאָסעט און געלייענט לעקציעס אינעם מאָסקווער טעאַטראַלן אינסטיטוט. אין די יאָרן 1935 — 1941 אָנגעפירט מיטן ייִדישן טעאַטער אין אָדעס, דערנאָך געשטעלט א ריי ספּעקטאַקלען אין די רוסישע און אוקראַיִנישע טעאַטערן. אין 1960 ארויסגעגעבן אף רוסיש א זאַמלונג וועגן טעאַטער־קונסט „דאָס וואָרט אף דער בינע”. צוזאַמען מיט וו. ארדאָוון איבערגעזעצט אף רוסיש שאָלעם־אלייכעמס פּיעסע „דאָס גרויסע געווינס”.

ווערק: באַגעגענישן מיט וואַכטאַנגאָוון, זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד” נום. 9, 1963.

ביבליאָגראַפיע: ז. רייזען, לעקסיקאָן , נום. 2; א. קאַהאַן, אין דער „פאָלקס־שטימע”, וואַרשע, 25 פעברואַר 1961; נעקראָלאָג אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד” נום. 1, 1964.

## לוריע, הירש (1878 — 1937)

— פובליציסט, געזעלשאפטלעכער טוער. געבוירן אין וויטעבסק, ווײַסרוסלאנד. געווען איינער פון די אָנפירנדיקע טוער אין „בונד". פאר פּאָליטישער טעטיקײַט עטלעכע מאָל ארעסטירט געוואָרן דורך דער צארישער אָכראנקע, אין 1903 — פארשיקט קיין סיביר. פארן אָנטייל אינעם אופשטאנד פון די פּאָליטיש־פארשיקטע (באקאנט אונטערן נאָמען „ראָמאנאָווקע") אין אירקוטסק פארמישפּעט געוואָרן צוגאָבלעך אף 12 יאָר קאטאָרגע, באפרײַט לויט דער אמניסטיע אין 1905. נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע געווען טעטיק אלס פובליציסט, געשריבן אין ייִדיש און אין רוסיש אף קאָאָפּעראטיווע, אנטירעליגיעזע און היסטאָריש־רעוואָליוציאָנערע טעמעס. צוזאמען מיט ש. דימאנשטיין און אָ. מייער צוגעגרייט אף רוסיש די זאמלונג פון די פּאָליטישע קאטאָרזשאנען „רעוואָליוציאָנערע באוועגונג צווישן די ייִדן" (מאָסקווע, 1934). מיטגעארבעט אין זשורנאל „קאטאָרגא אי סילקא".

ווערק: קארל מארקס, זײַן לעבן און שאפן, אָדעס, 1922; שאבעס..., אָדעס, 1922 (צווייטע אופלאגע), כארקאָוו, 1923; טוירע, איר אנטוויקלונג..., כארקאָוו, 1923; פּייסעך, כארקאָוו, 1924. אף רוסיש זײַנען דערשינען זײַנע ווערק אנטאָן אנטאָנאָוויטש קאָסטיושקאָ־וואליוזשאניטש, מאָסקווע, 1926; דאָס רויטע לאָדזש, מאָסקווע, 1934.

## לוריע, מוישע (1897 — ?)

— איבערזעצער, היסטאָריקער, פּעדאגאָג. געבוירן אין א דאָרף לעבן באָברויסק, ווײַסרוסלאנד. צו דרײַצן יאָר אוועק פון דער היים. געארבעט און זיך פארנומען מיט זעלבסטבילדונג. שטודירט אין בערלין און אין געטינגען אָריענטאלע און אוראלטע געשיכטע, באקומען אין 1924 דעם טיטל דאָקטאָר פון היסטאָרישע וויסנשאפטן. זיך געדרוקט אין די אויסגאבעס „וועקער" (ווין), „ארבעטער־צײַטונג" (קאָוונע), „מילגרוים" (בערלין). פארן „ייִדישן קולטור־פארלאג" אין בערלין איבערגעזעצט ו. געטעס „די יעסורים פונעם יונגן ווערטער" און די ערשטע דריי טיילן פון פ. דאָסטאָיעווסקיס „די ברידער קאראמאזאָוו". אין 1925 געקומען קיין סאָוועטנפארבאנד און געוואָרן א לעקטאָר אין דער מאָסקווער „מײַרעווקע". זינט דעמלט געדרוקט אין פארשיידענע אויסגאבעס ארטיקלען און אָפּהאנדלונגען אף פארשיידענע טעמעס.

ווערק: די סאָציאלע פארהעלטענישן און די סאָציאלע באוועגונג אין פאָלק ייִסראָעל, זשורנאל „צײַטשריפט", מינסק, 1926; מאטעריאליסטישע פראגן צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער רעליגיע, אין „וויסנשאפטלעכע יאָרביכער", 1, מאָסקווע, 1929.

ביבליאָגראפיע: ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב. 2.

## ליבערמאן, מאָטל (1897 — ?)

— ביבליאָגראף. געבוירן אין סלאָנים, ווײַסרוסלאנד, אין אן ארבעטער־מישפּאָכע. בייס דער ערשטער וועלט־מילכאָמע צוזאמען מיט דער מישפּאָכע אריבערגעפאָרן קיין מינסק. געווען א לערער אין פארשיידענע ייִדישע שולן פון ווײַסרוסלאנד. זינט 1925 — א מיטארבעטער פון דער צײַטונג „אָקטיאבער" און פונעם זשורנאל „שטערן". זיך געדרוקט אויך אין די צײַטונגען „יונגער לענינעץ" (מינסק), „דער עמעס" (מאָסקווע), אין די זשורנאלן „ראטנבילדונג" (כארקאָוו), „דער אפּיקוירעס" (מאָסקווע).

ווערק: ביבליאָטעקן צו דינסט דער סאָציאליסטישער בויונג, מינסק, 1932; ליטערארישע זאמלונג פאר קינדער־גערטנער (צוזאמען מיט ה. זאלצמאן און אנד.), מינסק, 1936.

ביבליאָגראפיע: כ. נאדעל, ראטנבילדונג, נומ. 10—11, כארקאָוו, 1932; נ. רובינשטיין, דאָס ייִדישע בוך אין סאָוועטנפארבאנד, 1932, 1933, 1934, 1935. זוכצעטל.

## ליטווינאָוו, לייב (1899 — ?)

— אקטיאָר, רעזשיסער, דראמאטורג. פּסעוודאָנים פון לייב גורעוויטש. געבוירן אין מינסק, ווײַסרוסלאנד. זינט 1917 געווען אן אקטיאָר אף דער רוסישער און ייִדישער בינע. אָנגעפירט מיט דראמאטישע קרײַזן און סטודיעס אין מינסק און אין אנדערע שטעט. געשטעלט א ריי פּיעסן אין מינסקער ייִדישן טעאטער, געדרוקט ארטיקלען וועגן טעאטער אין די מינסקער אויסגאבעס „אָקטיאבער" און „שטערן", אין דער האָמלער צײַטונג „פּאָלעסקאיא פּראוודא".

ווערק: (צוזאמען מיט א. כאווין) צען טעג אין טרעסט, א קינאָ־סאטירע אין 19 עפּיזאָדן, מינסק, 1925.

ביבליאָגראפיע: ז. זילבערצווײַג, לעקסיקאָן פון ייִדישן טעאטער, ב. 2 (מיט א ביבליאָגראפיע); זשורנאל „שטערן", מינסק, פעווראל, 1927.

## ליבקיס, דינע (1900)

— דיכטערן, איבערזעצערן. געבוירן אין סלאָוועשנע, וואָלין, אין דער מישפּאָכע פון א גארבער. באקומען ייִדישע און אלגעמיינע בילדונג צוערשט אין שטעטל, דערנאָך אין קיִעוו, ווו זי האָט פארענדיקט ייִדישע פּעדאגאָגישע קורסן. געארבעט אין א קינדערהיים, אין א ייִדישער מיטלשול, שפּעטער — אין דער קיִעווער ייִדישער ביבליאָטעק אף ווינטשעווסקיס נאָמען. דעביוטירט מיט לידער אין דער קיִעווער צײַטונג „קאָמוניסטישע פאָן" אין 1922. אין די ווײַטערדיקע יאָרן זיך געדרוקט אין די צײַטונגען „שטערן", „דער עמעס", אין די זשורנאלן „די רויטע וועלט", „סאָוועטישע ליטעראטור", ווי אויך אין „יונגוואלד", „פּיאָנער", „אייניקײַט".

ביבליאָגראפיע: י. נוסינאָוו, די רויטע וועלט, כארקאָוו, נומ. 9, 1926; ע. קאָרמאן, ייִדישע דיכטערנס, טשיקאגאָ, 1928; ב. רובינשטיין, דאָס ייִדישע בוך אין סאָוועטנפארבאנד, מינסק, 1932.

■ ■ ■

# פרײַנטלעכע שארזשן אין זשורנאל „פּראָליט"

די שארזשן פלעגן זײַן אונטערגעשריבן מיטן פסעוודאָנים „קאָפּסי" (קאַטליאר, פעפער, סיטאַ)

**די פארקישעפטע פרינצעסן שאָמערינע אינעם מירמלשטײַנערנעם פאלאץ, און דער פרינץ וועוויאַרקאנדרוס לײזט זי אויס פון מערדערישע הענט,**

אָדער

**דער געראטעוועטער שרײַבער**

**א העכסט־אינטערעסאנטער ראָמאן אין כ׳ווייס ווי פל טײלן, פארפאסט פון שײַקעוויטש־שאָמער**

אם ענדע איז די שיף צום ברעג צוגעפאָרן. די פרינצעסן שאָמערינע האָט אלע אירע פעקלעך, זאַגאר אויך די ראָמאנען, פארנומען און האָט מיט קינ־גלעכע שפאן אפן פארוויסטעטן ליטערארישן אינדזל ארופגעשפרײַזט.

ווען זי איז וואר שוין נאָענט צום פאלאץ, שפרינגען דאן ארויס 30 גאזלאָנים מיט 100 אָנגעלאָדענע פען־פיסטאָלעטן און שיסן אויס.

---

די פאראָדיע איז אָנגעשריבן אין צוזאמענהאנג מיט די ארויסטרעטונגען פון א. וועוויאָרקע אינעם זשורנאל „די רויטע וועלט", וועלכע מע האָט געקאָנט פארשטיין ווי א ליטערארישע רעאבילִיטאציע פון שאָמערן.

דער עלטסטער רויבער שאָלעמאלײכענדראָ שטעלט זיך אָפּ און זאָגט:

— איך בין דער גרעסטער מעכאשעף פון אלע ליטערארישע אינדזלען, און איך וועל דיזע פרינצעסן אף לאנגן שלאָף פארקישעפן.

די רויבער האָבן דערווײַל פײַער געמאכט, און באלד איז מען צום מישפעט צוגעטראָטן.

שאָלעמאלײכענדראָ האָט גלײַך גענומען איין גלאס און האָט עס אָנגעפילט מיט דעם קישעף־געטראנק און האָט עס שאָמערינען געגעבן.

שאָמערינע האָט עס אויסגעטרונקען און גלײַך אנגעשלאָפן געוואָרן, און איבער איר איז א גרויסער מירמלשטײַנערנער פאלאץ אויסגעוואקסן.

און די רויבער מענ׳דלבערטא, פערעצינע און אלע

---

געצײכנט א. העפּטער

כ׳ מ. ליטוואקאָוו בא דער ארבעט

געצײכנט ב. מעלאמעד

ד. האָפשטיין און פ. שאמעס
(צום דערשײַנען פון זײער בוך
„ליטעראטורקענטעניש")

— איצטער ווייסט איר שוין, וואָס הייסט א כאָריי?..

איבעריקע רויבער האָבן אַלע פּעקלעך און ראָמאַנען גענומען און אין פײַער אַרײַנגעוואָרפן.

יעצט, ליבער לעזער, וועלן מיר צוריק גיין צום פּרינץ וועוויאָרקאַנדרוס.

דיזער טאַפּפערער פּרינץ איז אַפן „האָנעגקריי" געריטן אָן אופהער אין פּוסטן „מידבער".

ער האָט פּלוצעם איין געשריי דערהערט.

דער רײַטער האָט איין קלאַפּ געטאָן מיט דעם פּוס

דעם פערד אין בויך אַרײַן און מיט גרויסער געשווינדיקײַט צום פּאַלאַץ צוגעריטן.

דאַן דערזעט ער אַלץ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, ווערט ער שטאַרק אין קאַס און זאָגט:

— דו, ווילדער מעכאַשעף, איך האָב מיט דיר שוין לאַנג כעזשבוינעס!

ער שפּרינגט עטלעכע שריט פון זיך, כאַפּט אַלע רויבער אײַנציקווײַז, האַקט זיי אָפּ די קעפּ און וואַרפט זיי גלײַך אין פײַער אַרײַן.

נאָכהער גייט ער צו צו דער פּרינצעסן שאָמערינע און טוט אַ בלאָז אָף איר געזיכט פונעם קריטיקוס־טרײַבעלע.

זי עפנט די אויגן, ער ראַטעוועט זי פונעם פאַר־קישעפטן פּאַלאַץ און פירט זי אַוועק אין דער „רויטער וועלט" אַרײַן, און פאַר די אַנגסט, וואָס זי האָט פריִער געהאַט, איז זי יעצט נאָך גליקלעכער געוועזן.

**ענדע**

## מיר לעבן, מיר אַרבעטן!

„— איך מאַך פון מײַן פּאָעמע — אַ ראָמאַן".
„— און איך פון מײַן ראָמאַן — אַ פּיעסע!"
(פון שמועסן צווישן שרײַבער)

ס'איז די וועלט באַגליקט איצט ווידער,
דרייט זיך, פרייט זיך גרויס און קליין.
ס'איז אַרויס אַ ביכל לידער!
ווידער לידער? זייער שיין.
קריזיס, ליזיס, שווערע יאָרן,
און קיין פּיעסע איז ניטאָ!
— איז אַ פּיעסע גלײַך געוואָרן
פון די לידער פאַר אַ שאָ!
גיט אונדז פּראָזע! נײַע צײַטן!
זיצט און שטשאָבעט דער פּאָעט.

אַ ראָמאַן פון טויזנט זײַטן!
הונדערט העלדן! הונדערט שטעט!
נאָר בא אונדז קיין אייצע פעלט ניט,
טריפּעס פיל זײַנען פאַראַן.
פון אַ פּיעסע, וואָס מע שטעלט ניט,
איז געוואָרן אַ ראָמאַן.
אומעטום די זעלבע ווערטער,
אומעטום דער זעלבער פּאַן.
פון ראָמאַן איצט לידער פלעכט ער,
און די מײַסע הייבט זיך אָן...

## איינער אַ שרײַבער...

ווילט איר לידער, האָט איר לידער,
און דערציילונגען, נאָוועלן.
ס'איז דעם לעזער אַלץ דערווידער,
אים אַליין איז אַלץ געפעלן.

געצייכנט א. העפּטער

## וועגן אָפּעראַטיווער קריטיק

לייענער: כ' רעדאַקטאָר, וואָס גיט איר ניט קיין קורצע רעצענזיע אין אײַער זשורנאַל?

רעדאַקטאָר: וואָס זאָלן מיר טאָן מיט אונדזערע קריטיקער, זיי האָבן גרויסע מאַסשטאַבן... ווען מע בעט זיי אָנשרײַבן אַ רעצענזיע, שרײַבן זיי אַ גאַנצן בוך.

געצייכנט ל. ראָדניעוו



ש. גאָדינער — „די ביקס מיט דעם מענטש"

ה. אָרלאַנד — אַרויס פון די „הרעבליעס"

# כראָניק

## ארן ווערגעליסעס באזוך אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע

אין יאנוואר־פעברואר ד. י. האָט דער סאָוועטישער ייִדישער שרײַבער ארן ווערגעליס, הויפּט־רעדאקטאָר פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, באזוכט די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע.

זײַענדיק דער גאסט פון דער אמעריקאנער קאָמוניסטישער פארטיי, איז א. ווערגעליס ארויסגעטראָטן אפן טראדיציאָנעלן יאָרבאנקעט פון דעם זשורנאל „דזשויִש אפערס“ („ייִדישע איניאָנים“), וועלכן די פארטיי גיט ארויס, זיך באגעגנט מיט די רעדאקטאָרן פון אירע אנדערע געדרוקטע אויסגאבעס אף פארשיידענע שפראכן.

בעשאס דער רײַזע איבערן לאנד איז ארן ווערגעליס געווען אין וואשינגטאָן, ניו־יאָרק, לאָס־אנדזשעלעס, טשיקאגאָ, מאיאמי־ביטש. ער איז ארויסגעטראָטן אף מאסן־באגעגענישן מיט אמעריקאנער ייִדן פון פארשיידענע וועלט־אָנשויונגען, אויך מיט ניט־ייִדן, זיך באגעגנט מיט אָנגעזעענע געזעלשאפטלעכע טוער, צווישן זיי — מיטן פּרעזידענט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס פיליפּ קלאָצניק.

ארן ווערגעליס האָט אין זײַנע ארויסטרעטונגען און בייס די שמועסן מיט געזעלשאפטלעכע טוער באטאָנט די דרינגענדיקע נויטווענדיקײַט צו ליקווידירן דעם קאלטן קריג אין דער ייִדישער סוויווע, אָפּשטעלן די ווילקירלעכע אנטיסאָוועטישע קאָמפּאניעס, וועלכע עס אָרגאניזירן און פירן דורך אומפאראנטוואָרטלעכע, אייגננוצלעכע אנטיפאָלקישע עלעמענטן.

ניט געקוקט אף דער צעיושעטער אנטיסאָוועטישער העצע, וועלכע עס האָבן בייסן באזוך געפירט די צײַטונגען „פאָרווערטס“, „אלגעמיינער זשורנאל“, „מאָרגן־פרײַהײַט“, און אף די פרווון פון זייערע מענטשן דורכשמוגלען זיך אין די זאלן, ווו דער גאסט איז ארויסגעטראָטן. און צו שטערן דאָרט די אָרדענונג, ווי אויך אף די פרווון פון די קוילער־יונגען פון דער „דזשויִש דעפענסליג“ צו קאָנצענטרירן זיך בא די ארײַנגאנגען אין די זאלן, זײַנען אלע באגעגענישן דורכגעגאנגען אין א מוסטערהאפטער אָרדענונג און מיט הארציקער פרײַנטשאפט צום סאָוועטנפארבאנד. די ברייטע ייִדישע פאָלקס־מאסן אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע האָבן אלץ געטאָן, קעדיי אונטערהאלטן אן אטמאָספער פון אכרײַעס, האָבנדיק אין זינען די נאָבעלע צילן פונעם קאמף פאר שאָלעם און סאָציִאלן יוישער.

דער צענטראל־אָרגאן פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פון פשא „דיילי וואָרלד“ האָט ברייט אינפאָרמירט אירע לייענער וועגן דעם באזוך.

אין די נאָענטסטע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאנד“ וועלן פארעפנטלעכט ווערן די רײַזע־נאָטיצן פון ארן ווערגעליס.

## אין אן אטמאָספער פון פעלקער־פרײַנטשאפט

אין גרויסן באנקעט־זאל פון דעם ווילנער פאלאץ פון די פראָפאריינען איז אין דער אָנוועזנהײַט פון 400 מענטשן, פאָרגעקומען א ליטעראריש־מוזיקאלער אָוונט, אײַנגעאָרדנט דורכן ייִדישן פאָלקס־טעאטער, לעקאָוועד 60 יאָר סאָוועטנמאכט אין ליטע און 60 יאָר, זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן די קאָמוניסטישע פארטיי פון ליטע.

דעם אָוונט האָט געעפנט דער פאָרזיצער פונעם קינסטלערישן ראט פון דעם פאָלקס־טעאטער יאנקל וויניצקי. ער האָט גערעדט וועגן דער גרויסער באדײַטונג פון ביידע דאטעס פאר דעם איצטיקן ריזיקן פאָרשריט פון ליטע אין דער אנטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט, אינדוסטריִע, קולטור.

מיט א רעדע איז ארויסגעטראָטן דער געוועזענער ערשטער פאָרזיצער פונעם פּרעזידיום פון דעם ליטווישן אויבער־סאָוועט דער דיכטער יוסטאס פּאלעצקיס. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אז דאָס אנטשטיין פון דער סאָוועטנמאכט אין 1918 איז געווען אן אָרגאנישער רינג אין דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג פון ליטע. זײַן רעדע האָט יו. פּאלעצקיס פאַרענדיקט מיט פאָרלייענען לידער פון רעוואָליוציאָנערן אופברויז און שטורעם, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין יענע יאָרן.

אין ליטערארישן טייל פונעם אָוונט זײַנען ארויסגעטראָטן די ליטווישע פּאָעטן כורגינאס, שולציִטע, רײַמעריס. די ארטיסטן פונעם פאָלקס־טעאטער האָבן געלייענט לידער פון כאַיִם ביידער, הירש בלאָשטיין, בער האלפערן. דאָס איבערפלעכטן זיך פון ווערק אין ליטוויש, רוסיש, ייִדיש האָט צוגעגעבן דעם אָוונט א כאראקטער פון צווישנפעלקערלעכער פרײַנטשאפט.

די צווייטע העלפט פונעם אָוונט איז אָפּגעגעבן געוואָרן די קאָלעקטיוון פונעם פאָלקס־טעאטער: דעם כאָר, די אָרקעסטראנטן און טאנצאָרן. ס'איז געווען סימבאָליש, וואָס אָנגעהויבן דעם אָוונט האָבן פאָרשטייער פונעם עלטערן דאָר, וועלכע האָבן זיך באטייליקט אין די שטורמישע געשעענישן פון 1918 — 1919, און פארענדיקט אים האָט די יוגנט.

## ביראָבידזשאנער נײַס

### אין כאבאראָווסק, אפן בלויען עקראן

די כאבאראָווסקער קאנטישע טעלעוויזיע האָט אין מעשעך פון א האלבער שאָ באוויזן א פּראָגראם, געווידמעט דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

מיט אן ארײַנפיר־וואָרט איז ארויסגעטראָטן דער ערשטער פאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון געגנטלעכן אויספירקאָם, דעפּוטאט פון אויבער־סאָוועט פון רספסר געוועזענער דירעקטאָר פונעם זאוואָד פון קראפט־טראנספאָרמאטאָרס מארק קאופמאן.

אפן בלויען עקראן זײַנען באוויזן געוואָרן וווּנדערלעכע לאנדשאפטן פון דער געגנט, נײַ־בויונגען פונעם צענטן פינפיאָר, פּאָטאָקאדרען וועגן די קולטור־דערגרייכונגען אין די שטעט און דערפער.

### פּרעמיערע פונעם ליאלקע־טעאטער

מיט דער פּרעמיערע פונעם מײַסעלע „וויִאזוי דער בער איז געוואָרן א מענטש“ האָט אָנגעהויבן זײַן שעפעריש לעבן א נײַער פּראָפעסיִאָנעלער קאָלעקטיוו — דער ביראָבידזשאנער ליאלקע־טעאטער. זײַנע ערשטע צושויער זײַנען געווען קינדער פון די פאָרשול־אנשטאלטן און פון די אָנפאנג־קלאסן.

— אונדזערע נאָענטסטע פּלענער, — האָט געזאָגט דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם טעאטער וו. ווינאָגראדאָוו, — איז ארויספאָרן אף גאסטראָלן אין די ראיאָנען פון דער געגנט. דאָרט וועלן מיר באווײַזן אונדזערע שטעלונגען אין די קולטור־הײַזער און קינדער־גערטנער. מיר גרייטן א קאָנצערט־איבערזיכט אויך פאר דערוואקסענע. צוליב דעם האָבן מיר פארטראכט א פריילעכע, לעבנסלוסטיקע פאָרשטעלונג, אין וועלכער עס וועלן צוזאמען מיט א וויץ און א פּאראָדיִע באוויזן ווערן אן עקסצענטרישער טאנץ און א זינג־ליד.

■ ■ ■

קינסטלער יויסעף טשײַקאָוו

פּראָעקט פון א סקולפּטור־גרופּע. 1935

די דאָזיקע קינסטלערישע בײַלאגע איז פארטראכט געוואָרן ווי א שעפערישער באריכט פונעם גרויסן סאָוועטישן קינסטלער יויסעף טשײַקאָוו צו זײַן 90־טן געבורטסטאָג. צו אונדזער גרויסן ווייטעק איז דער פארדינסטפולער קונסט־טוער פון רספסר, פּראָפ. י. טשײַקאָוו, איינער פון די אקטיווסטע אוטאָרן פון אונדזער זשורנאל, געשטאָרבן, ווען דער נומער „סאָוועטיש היימלאנד” איז געווען אין דרוק.

ערע זײַן ליכטיקן אָנדענק!

רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד”



אף א לויף־פארמעסטונג. 1957

א שווימערן. 1959



א נאטורשטשיצע. אָן א דאטע

די מאמע מיטן קינד. 1963



נאנעס פּאָרטרעט. באַרעליעף

דרײַ מײדלעך. 1947



# В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

## Урок II

## לימעד צוויי

## Лимэд цвей

Рукописные буквы:
Гласные [а, о, у, и, э]
Согласные [д, к, л, р, с, т, ш]
Дифтонги [эй, ай, ой]
Согласная [н]
Вариант неопределенного артикля [ан]

§ 8. Обратите внимание на сходство следующих печатных и рукописных букв (стрелкой указано, в каком направлении следует вести запись данной буквы):

**Таблица 4**



**Задание 6.** Руководствуясь указаниями о направлении записи, научитесь правильно писать каждую из этих букв. Напишите каждую из них 5—10 раз.

**Задание 7*.** Спишите в свои тетради следующие слова. Напоминаем: писать надо справа налево (перевод слов см. под чертой).

1 — רו! 2 — רוט! 3 — ריר! 4 — רירט! 5 — טו! 6 — טוט! 7 — קוק! 8 — קוקט! 9 — דער קורס.
10 — דער טוריסט.

1 — Отдохни! 2 — Отдохните! 3 — Тронь! 4 — Троньте! 5 — Делай! 6 — Делайте! 7 — Смотри! 8 — Смотрите! 9 — курс, 10 — турист.

§ 9. Заметьте, как пишутся остальные, известные уже вам буквы:

**Таблица 5**



**Задание 8*.** Ниже приведены 12 еврейских рукописных букв. Спишите эти буквы и рядом с каждой из них напишите соответствующую ей русскую букву.



**Задание 9*.** Спишите в свои тетради следующие слова (перевод см. таблицу 3а, Урок I).

**1 — די שאָ, 2 — דאָס שערל, 3 — דער לערער, 4 — דער שילער, 5 — דער טאטע, 6 — דער דירעקטאָר, 7 — די קאלע, 8 — דאָס שאָקאָלאדקעלע.**

**§ 10.** Пять печатных и рукописных согласных букв **[м], [н], [ф], [ц]** и **[х]** пишутся в начале или в середине слова иначе, чем в конце слова.

**§ 11.** Заметьте два варианта согласной буквы **[н]** (название буквы — **нун**).

**Таблица 6**

| Позиция в слове | печатное | рукописное |
|---|---|---|
| «Н» в начале или середине слов | נ | נ |
| «Н» в конце слов | ן | ן |
| Например | **Нина= נינא** | נינא |
| | **Дон= דאָן** | דאָן |

**Задание 10.** Прикройте столбик «произношение» и попытайтесь самостоятельно прочесть следующие слова. В случае затруднений сверьтесь с указаниями в графе «произношение». Добейтесь беглого чтения.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| **[дын]** | **тонкий** | **דין** | **[нор]** | **только** | **נאָר** |
| **[дон]** | **Дон** | **דאָן** | **[нус]** | **орехи** | **ניס** |
| **[тон]** | **тон** | **א טאָן** | **[нышт]** | **не** | **נישט** |
| **[антóн]** | **Антон** | **אנטאָן** | **[тэ́нэр]** | **тоны** | **טענער** |
| **[óнтон]** | **одевать** | **אָנטאָן** | **[ше́нэр]** | **красивее** | **שענער** |
| **[лэрн]** | **учить** | **לערן** | **[ду́нэр]** | **гром** | **א דונער** |
| **[лэ́рнэн]** | **учиться** | **לערנען** | **[ды́нэр]** | **тоньше** | **דינער** |

**Задание 10а*.** Спишите слова этой таблицы и сверьте свои записи с ключом к заданию 10а.

**§ 12. В литературном идише три дифтонга.**

**Таблица 7**

| Примеры | | | | Буквы | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| Перевод | Произношение | Рукописные | Печатные | Произношение | Рукописные | Печатные | №№ п/п |
| **красиво** | **[шэйн]** | שיין | **שיין** | **[эй]** | יי | **יי** | **1** |
| **свет** | **[шайн]** | שײַן | **שײַן** | **[ай]** | ײַ | **ײַ** | **2** |
| **уже** | **[шойн]** | שוין | **שוין** | **[ой]** | וי | **וי** | **3** |

З а м е т ь т е! Дифтонг **[эй]** изображается двумя буквами **[юд]**. Дифтонг **[ай]** отличается от **[эй]** только тем, что под двумя буквами **[юд]** имеется еще черточка. Дифтонг **[ой]** изображается сочетанием буквы **[вов]** с буквой **[юд]**.

**Задание 11.** Читайте следующие слова:

| | |
|---|---|
| I. 1 — крути! 2 — говори! 3 — красиво, 4 — нет! 5 — читай! | **.I 1 — דריי! — ריידו! 3 — שיין, 4 — ניין! 5 — לייען!** |
| II. 1 — три, 2 — мел, 3 — свет, 4 — девять, 5 — одолжить. | **.II 1 — דרײַ, 2 — קרײַד, 3 — שײַן, 4 — נײַן 5 — לײַען.** |
| III. 1 — снаружи, 2 — капуста, 3 — уже, 4 — нужда, 5 — ясно (вёдро). | **.III 1 — דרויסן, 2 — קרויט, 3 — שוין, 4 — נויט, 5 — לויטער.** |

**Задание 11а.** Читайте следующие группы слов, содержащие разные дифтонги. Будьте внимательны!

**.1 דריי, דרײַ, דרויסן; .2 רייד, קרײַד, קרויט; .3 שיין, שײַן, שוין. .4 ניין, נײַן, נויט; .5 לייען, לײַען, לויטער.**

**Задание 12*.** Напишите номера от 1 до 10 и рядом (рукописными еврейскими буквами) слова, произношение которых мы обозначаем русскими буквами:

1 — штэйн, 2 — штойнэн, 3 — шнайдн, 4 — дайнэ, 5 — дойнэ, 6 — тэй, 7 — той, 8. тайнэ, 9 — райтн, 10 — ройтэр.

**§ 13.** Буква **алэф** в начале слова перед **[и], [у]**, также перед дифтонгами **[эй], [ай], [ой]** не произносится, например:

| 1. | 2. | 3. | 4. | 5. |
|---|---|---|---|---|
| **איר** | **און** | **איינס** | **אײַער** | **אויער** |
| **[ир]** | **[ун]** | **[эйнс]** | **[айэр]** | **[ойэр]** |
| вы | и | одно | ваш | ухо |

**Задание 13*.** Прочтите, а затем напишите по-русски следующие имена и фамилии:

**1 — אידא, 2 — אירא, 3 — איטא, 4 — אירינא, 5 — אושינסקי, 6 — איינשטיין, 7 — אויסלענדער, 8 — אָסקאר, 9 — אלטער, 10 — אראָן.**

**§ 14.** Неопределенный артикль **[а]** (см. § 5) перед словами, начинающимися с гласного или дифтонга, имеет форму **[ан]**, сравните например:

**א קראַן, אן עקראַן**

**Задание 14.** Читайте следующие слова сначала по вертикали, а затем по горизонтали:

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| идея | אן אידיי | א ליד | песня | место | אן אָרט | א קאָרט | карта |
| ухо | אן אויער | א טויער | ворота | работа | אן ארבעט | א ברעט | доска |
| яйцо | אן איי | א דריי | поворот | плуг | אן אקער | א קער | поворот |
| свидетель | אן איידעס | א קלייד | платье | экран | אן עקראַן | א קראַן | кран |
| интернат | אן אינטערנאט | א רעקטאָראט | ректорат | буква | אן אָס | א שאָס | выстрел |

**Задание 15*.** Запишите номера только тех слов и словосочетаний, где вместо их пропуска надо поставить вариант неопределенного артикля **[ан]** (а не **[а]**).

**1 — ...קאָרט. 2 — ...אָרט. 3 — ...עקראַן. 4 — ...קראַן. 5 — ...טויער. 6 — ...סאָד. 7 — ...אויער. 8 — ...שאָס. 9 — ...אייניקל. 10 — ...שרײַבער. 11 — ...אוקראַינע. 12 — ...לערער: 13 — ...אלטער: 14 — ...אינסטיטוט. 15 — ...ארבעטער. 16 — ...ליד. 17 — ...אָס. 18 — ...אקער.**

**Задание 16*.** Перепишите в тетрадь рукописными буквами слова из задания 15, поставив правильный вариант артикля.

## Ключи к уроку II

К заданию 7.

1 — רו! 2 — רוט! 3 — ריר! 4 — רירט! 5 — טו!
6 — טוט! 7 — קוק! 8 — קוקט! 9 — קורס,
10 — טוריסט.

**К заданию 8.**

1 — л, 2 — э, 3 — р, 4 — о, 5 — т, 6 — ш, 7 — д, 8 — у, 9 — а, 10 — и, 11 — к, 12 — с.

**К заданию 9.**

1 — די שאָ, 2 — דאָס שערל, 3 — דער לערער,
4 — דער שילער, 5 — דער טאטע 6 — דער
דירעקטאָר, 7 — די קולע, 8 — דאָס שאָקאָ-
לאדקעלע.

**К заданию 10а.**

1 — נאָר, 2 — ניס, 3 — נישט, 4 — טענער, 5 — שע-
נער, 6 — דונער, 7 — דינער, 8 — דין, 9 — דאָן,
10 — א טאָן, 11 — אנטאָן, 12 — אָנטאָן, 13 — לערן,
14 — לערנען.

**К заданию 12.**

1 — שטיין, 2 — שטיינען, 3 — שנײַדן, 4 — דײַנע,
5 — דיינע, 6 — טיי, 7 — טוי, 8 — טײַנע, 9 — רײַטן
10 — רויטער.

**К заданию 13.** 1 — Ида, 2 — Ира, 3 — Ита, 4 — Ирина, 5 — Ушинский, 6 — Эйнштейн, 7 — Ойслэндэр, 8 — Оскар, 9 — Алтэр, 10 — Арон.

**К заданию 15.** 2, 3, 7, 9, 11, 13, 14, 15, 17, 18.

1 — א קורט, 2 — אן אָרט, 3 — אן עקראן, 4 — א
קראן, 5 — א טויער, 6 — א סאָד, 7 — אן אויער,
8 — א שאָס, 9 — אן אייניקל, 10 — א שרײַבער,
11 — אן אוקראינער, 12 — א לערער, 13 — אן
אלטער, 14 — אן אינסטיטוט, 15 — אן ארקעסטער,
16 — א ליד, 17 — אן אָס, 18 — אן אקער.

**К заданию 16.**

Если ваш ответ правилен, вы уже умеете **читать** и **писать** 17 букв и буквосочетаний и можете перейти к уроку III.

*Кандидат педагогических наук,*
*доцент Семен Сандлер*

blem was confirmed on 19 June 1918. When approving the draft emblem, Lenin firmly struck out the sword that stood at the intersection of the "hammer and sickle". This once again stressed the peaceful character of the young worker's and peasants' state.

*Replies to Readers' Letters.* These are usually items of a strongly political nature. This time, too, in reply to a letter from reader Guta Rozner of Makhachkala, we are publishing a special information item, "The Tragedy and Struggle of the Palestinians" by S. Tonkin, which gives an account of this important problem.

At the end of our April number, we are publishing a material for the Lexicon of Soviet Jewish Literature and for those studying Yiddish.

*Translated by Alex Miller*

* * *

Transport Engineers and worked as a specialist for some time. He took part in the Second World War. In 1954, his first book was published, an adventure story for children entitled "Kortik". The sequel to this was a story, "The Bronze Bird". Rybakov continued writing works of an entertaining and romantic type intended for the children. Two of his stories, "The Adventures of Krosh" (1960) and "Krosh on Vacation" (1966) became Soviet children's favourites. These works already showed the main characteristics of Rybakov's writing: lively dialogue, humour, good-natured irony and a vigorous narrative style. Rybakov also wrote serious books about the Soviet worker, the creator of contemporary life. His novel "The Drivers", dedicated to the life, so close to the writer himself, of the driver-mechanics, was honoured with a State prize in 1951. Well-deserved recognition was also afforded to his novel "Ekaterina Voronina" (1955) on which the remarkable film with that title was based. Rybakov subsequently wrote two more stories, "Summer in Sosnyaki" (1964) and "The Unknown Soldier" (1970). "Rybakov is primarily a narrator, a story-teller," wrote the critic E. Starikova. "In characterising his hero, he prefers to rely not on reflection or analysis, but on action, fact, event." We might add that in his new multi-level novel, the work of a mature master of the form, Rybakov draws on an immense variety of artistic means which, judging by readers' reactions, have been appreciated at their true worth by the Russian reader. In our April number, we are publishing the beginning of Rybakov's novel. (Biographical information about the author is available in the Short Literary Encyclopedia, Vol. 6, p. 558).

*The criticism section* features a survey by Uran Guralnik (Dr. Philology) "On the Other Side–the Realities of Life Abroad as Mirrored in Soviet Literature". The author examines a number of Soviet literary works which reflect the realities of life in Europe and America.

In our regular feature, *"People, Their Times and Destinies"*, publicist Aron Ierusalimsky is the author of "The Porter's Grandson", an article about Gersh Shafir, a remarkable person and public figure. The subject of the profile began his conscious political life in the revolutionary Bogunsky Regiment, fought in many battles for Soviet power, then studied at the Markhlevsky Communist University. With a natural gift for Party organisational work, Shafir went to Baku on a propaganda assignment. Here, he had the good fortune to meet Maxim Gorky and become his correspondent. "During the Second World War," writes Ierusalimsky, "Shafir was, naturally, at the front. Retiring on pension, he became the social correspondent for the Gorky Museum. He helped in the search for unknown material about the writer, travelled all over the country, studied the archives and libraries of Moscow, Gorky and other cities."

We offer the reader items from the Argentine newspaper "Undzer Lebn" ("Our Life") which throw light on the life and work of three outstanding figures in the progressive Jewish press in Latin America: Shamshn Drukarov (1900-1973), Iosl Freidkes (1903-1973) and Meyer Chizh (1929-1973). The last was for many years the editor-in-chief of the Uruguayan Jewish newspaper "Undzer Fraint" and a staunch friend of the Soviet Union. "He was popular," we are told in the profile, "not only on both sides of the River Plate, but in all the progressive centres of Latin America. Due recognition was also afforded to him by "Sovietish Heimland" which is linked by fraternal bonds with the progressive foreign press."

In *"Items of Interest"*, we are publishing a short article by journalist Viktor Stepanenko, "The History of the Soviet Emblem". The first Soviet em-

Suddenly a harsh shout broke the silence. I heard her father, the miller, asking hoarsely from somewhere in the depths of the room:

"That urchin again?"

She did not answer, apparently, but ran out of the mill, and, as she raced down the squeaking steps, flitted past me like a shadow. I caught the fragrance of her heavy, unbraided hair. My heart was pierced by a cruel sense of hurt.

Not far from the mill, there's a noisy waterfall. It sends its waters thundering down from the height above. The sun sprinkles it with beams of fire: they sparkle and glitter like bits of broken glass.

She was sitting on the bank opposite this waterfall. The clear morning spread before her a fine tassel of light and the sun was wrapping her in strands of flame. In the light of the sunbeams, she was combing with graceful movements of her hands the long black hair that seemed to be a miracle of beauty to me.

For whom was she waiting that blissful morning? Whom was she calling with her clear, ringing voice?

*I am threading pearls upon a string so fine,*
*I have let one fall, it's rolled I know not where.*
*Oh, I had a pearl, I had a stone so precious,*
*But I didn't cherish it, didn't take good care!...*

Her voice mingled with the roar of the waterfall, and there seemed to be such a kindred feeling between the two of them as if she had leapt out of its gurgling depths like a water-nymph.

I stood enchanted in a grove of low willows that were stubbornly growing on the mountain slope. I was following every note of her voice, every movement of hers.

It was so quiet around me that even the sound of my own breathing scared me: if anyone heard me, if anyone with a keen eye spied me, the voices of living beings seemed to come to me out of the silence, reproaching me with cold contempt: "Oh, how disgraceful!"

I withdrew more deeply into the thicket of branches, as if hiding from myself, and, oblivious of everything, reached out to her in spirit. I was tormented by indefinable longings. I stood between earth and heaven, a teenager with a secret sorrow in his heart, lost in his own helplessness.

Suddenly, I felt vaguely uneasy. Then I noticed that she was looking my way. It seemed to me that her eyes were laughing: "Oh, how disgraceful!..."

I felt my face on fire. My sole desire at that moment was to flee. To rise from the ground like a bird and disappear.

This all lasted only a moment, but it seemed an eternity. I withdrew even further into the willow branches. And a dry sobbing convulsed my throat.

*Why so early,*
*So early have you risen before my gaze,*
*My Sulamit?*
*You are woven out of dreams*
*The dreams of a young man's troubled nights....*

At my fifteen summers, I did not yet know that there are questions that remain unanswered.

She was sitting on the bank. Like a water-nymph, she had let down her black hair. The waves were lapping at her feet, covering the bank with white foam. And I thought with sorrow that it was not for me that the skies were blue and the sun shone. And the willows flowered and that incomparable pattern was woven against the clear morning sky....

* * *

Beginning with our April issue, we are printing a translation into Yiddish of the novel "Heavy Sand" by Russian writer Anatoli Rybakov, first published in the Moscow journal "Oktyabr" (Nos. 7, 8 and 9, 1978). It tells about a big Jewish family of hereditary craftsmen. The characterisation is extremely vivid. Their destinies are influenced by events in prerevolutionary and Soviet Russia.

Soviet prose writer Anatoli Rybakov was born in 1911 in the town of Chernigov in the Ukraine. In 1934, he graduated from the Moscow Institute of

Soon, Lena's mother invited us to take our seats at table. How many times have I sworn not to ask unnecessary questions, but this time my tongue seemed to be itching, so I asked, in spite of myself:

"What about your husband, Lena? Are we going to start without waiting for him?"

I saw the towel freeze in her mother's hands. Iohann stared out of the window. Lena said quietly:

"That's the way it is now. When our little boy was born, my husband left me. He fell for another woman...."

"Fell for another woman.... It's all so simple!" commented the father bitterly.

I then realised why her eyes were so expressionless....

Iosif Burg is the author of short stories inspired by memories of his youth. He lives in Trans-Carpathia and writes about it with love and knowledge. He was born in 1912 into a family of hereditary wood-cutters and lumbermen. The future writer was drawn to knowledge and learning. He became a teacher, took part in the Second World War and taught foreign literature at a higher school. He published two books of prose, "On the Cheremusha" and "Poison". "Soviet Writer" publishers are now preparing for press a new book by I. Burg, "Life Goes On", in Yiddish. We are offering the reader the chance to read the cycle of stories from this book under the general title, "On the Road". Here is one of them in translation.

## Iosif Burg

# First Love

The mountain range stretches endlessly into the silvery blue distance. It breaks up the line of the horizon. And disappears into the West.

My native mountains!

All day I wander among the familiar mountains over the roads of my past, down the paths of my experiences.

The forests dream. The air is filled with the sweetish tang of resin and ripe fruit. Summer is saying good-bye.

Under my feet the last patches of sunshine are scattered, rememiniscent of dancing lights. And I step carefully, as if afraid that my footsteps might extinguish those farewell symbols of summer.

... She always used to go through the forest. Her thin bare feet twinkled in the grass, lightly bending over the forest flowers. In her white embroidered dress, she herself looked like a dancing flower. Sometimes she would sing a song, and the ringing silence carried the refrain far away into the distance.

I knew the routes she used to take. I knew when she was due to go past me. I knew her from afar by the rustle of the light steps, and with silent infatuation I used to follow her. I used to walk without rest as if I was trying unsuccessfully to overtake myself.

A clear stream runs at the foot of the mountains. Like silver lightning, it darts through the valley and turns off to a water mill close by. It is black and desolate looking, and its black shingle roof is full of holes. Time has battered the big wooden wheel and covered it with a thick layer of moss.

I crept up on tiptoe to the balcony, hid in the shadows from the moonlight and looked through the open window into the little room from which came the fragrant white mist of ground floor.

The outlines of a hanging lamp floated out of the blue-grey half-light and in its yellowish glow I could see the shadow of a slim, almost childish figure; glints of light played on the golden-dark face with the scarcely visible traces of gentle girlish modesty. The big eyes shone under the dark brows. Like stars, they radiated a marvellous warmth. And the moist teeth, gleaming like white mother-of-pearl, showed through the parted lips.

She was a good three years older than me, but I looked at her with the sweetest desire from my hiding place, feeling a tremulous joy fill my heart; and it seemed to me that no one but me could see her beauty, that rare beauty worthy to be extolled in the "Song of Songs":

Like the lily of the valley, thy beauty is crystal clear,
It is more intoxicating than the foaming wine....

*The builders may have tried reinforcing*
*Dreams that they could not make come true,*
*But sand and snow were never trusty*
*Materials when the high winds blew.*

*Therefore a simple hut of branches*
*Is so much more reliable,*
*When shimmering castles in the air*
*Lure with the unattainable.*

* * *

*For the 50th Anniversary of the 1st Five-Year Plan.* Under this heading, we are publishing a selection of works by Soviet Jewish writers written half a century ago, during the first Soviet five-year plan. We are, as it were, inviting as our guests the heroes from the pages of a magazine of the Twenties, "Prolit" ("Proletarian Literature"), around which was grouped a talented number of writers in Yiddish producing works about that era which were in the same vein to F. Glodkov's "Cement", M. Sholokhov's "Virgin Soil Upturned", "Gidrotsentral" by M. Shaginyan, "Song of Kuznetsstroi" by V. Mayakovsky and others.

Our "guests" for the April number of "Sovietish Heimland" are Sh. Shkarovsky's short story "In the Donbass", an extract from M. Aronsky's novel "Construction", and short stories "Eternally Young" by I. Grinzaid and "To New Construction Projects" by Noyakh Lurye. From the verse of those times we are reprinting poems by D. Gofshtein, M. Gartsman, Sh. Goldenberg, A. Guberman and many other poets who sang the joys of constructive work.

*Prose by Contemporary Jewish Writers* is represented this month by short stories from Shira Gorshman of Moscow and Iosif Burg of Chernovtsy. Gorshman is a master of the psychological portrait. She has the ability to pick out what is typical of people and situations from a vast number of real-life impressions. Here is one of her stories.

**Shira Gorshman**

## All So Simple. . .

I got acquainted with her on Tekstilny Prospekt in Kherson. Deep in conversation, we made our way to the River Terminal and to the square outside the railway station. We rested awhile on a seat in the garden. She said nothing about herself and spoke only with enthusiasm about Thomas Wolfe. She was a very pleasant-looking young woman. She escorted me as far as the Kiev Hotel where I was staying and we sat together for a long time in the foyer.

From time to time, I would look at her intently, but I couldn't understand why her eyes were so fixed. Her face would laugh, but her eyes didn't; everything about here was so vital, it was just the eyes that seemed lifeless. . . .

The next day she came to the hotel and took me to her own place.

Her flat was cosy. There was no superfluous furniture or any of those highly polished cupboards that cover the whole wall and are full of books carefully chosen for the colour of their covers and which seem to be shouting: "We're not being read!" I was already aware that my new friend's name was Lena. She introduced me to her mother, who simply said:

"Don't call me Sarah Abramovna, it sounds too formal; just say Sore."

Then her father came in. He had the rather unusual name of Iohann. He was a tall, broad-shouldered man, and as soon as he walked in, he seemed to fill the whole room.

Dinner was mentioned.

"Let's come into my room for the time being," said Lena.

There was a low table, a narrow modern divan and a reproduction of "Landscape with Boats" by Markes on the wall. But when I looked round, I noticed a small cot in which a charming little boy was fast asleep. I can look for hours at water, fire and a child.

# RÉSUMÉ

## "Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
## No. 4, April 1979

Our April issue begins with the publication of a translation into Yiddish of the Law on Citizenship of the USSR, adopted on 1 December 1978 in Moscow at the 10th Session of the Supreme Soviet of the USSR (9th Convocation).

This law opens up new horizons for the spiritual emancipation of a man and for his personal and civil rights. Against the background of this new decree, there is indeed something profoundly tragic about the fate of those who for one reason or another have lost their Soviet citizenship and their Soviet homeland.

"Sovietish Heimland" is publishing a large selection of items about the failure of the "Jewish emigration": letters and narratives by people who, in search of a phantom paradise, lost their true home country and the land on which they had grown up and lived. We are printing some excerpts from these letters and from other sources.

*The poetry section* in our April number consists of a selection of contemporary Jewish poets: Max Riant of Samarkand, Avrom Kazev of Cherson, B. Mogilner of Moscow, Chaim Gurevich of Novosibirsk, Motl Golbshtein of Simferopol, Bronya Sinelnikova of Mscow, Aron Vergelis of Moscow and Dora Khaikina of Kiev are represented by separate cycles. Khaikina's selection is entitled "Clear Light For a Good Morning". Here is one of her poems in translation.

**Dora Khaikina**

### Castles in the Air

*Let shimmering castles in the air*
*Lure with the unattainable;*
*A simple hut made of tree branches*
*Will be the more reliable.*

*For builders of celestial mansions,*
*The earthly burden's hard to bear,*
*Whenever dreams or yearning call them*
*To heights beyond the clouds up there.*

*Their toil is lonely and is always*
*Engulfed in deep and empty night,*
*And in this unrewarding labour,*
*No one can make their burden light.*

*I know what suffering can lead to.*
*The soul, in grief and agony,*
*Seeking salvation, strove for where*
*All was remote infinity.*

*When joy blooms in a sudden smile*
*And soars star-like into the sky,*
*The heart's at peace, not even dreaming*
*Of airy castles far away.*

*What are those shining castles built on?*
*Does sand support them from below,*
*Or is it, at the height of sorrow,*
*Nothing more than the springtime snow?*

ственно, был на фронте. Выйдя на пенсию, он становится общественным сотрудником Музея имени Горького. Помогает разыскивать неизвестные материалы о писателе, ездит по стране, изучает архивы и библиотеки Москвы, Горького и других городов».

Редакция знакомит читателей с материалами из аргентинской газеты «Ундзер лебн» («Наша жизнь»), которые освещают жизненный и творческий путь трех выдающихся деятелей прогрессивной еврейской печати в Латинской Америке: Шамшн Друкарова (1900—1973), Иосла Фрейдкес (1903—1973), Мейера Чижа (1929—1973). Последний на протяжении многих лет был главным редактором уругвайской еврейской газеты «Ундзер фрайнт», непоколебимым другом Советской страны. «Он был популярен, — сказано о нем в публикуемой статье, — не только по обе стороны реки Ла-Платы, но и во всех других прогрессивных центрах Латинской Америки. Заслуженное внимание уделял ему и журнал «Советиш геймланд», связанный братскими узами с передовой зарубежной печатью».

В рубрике *«Это интересно»* публикуется небольшая статья журналиста Виктора Степаненко «История советского герба». Первый советский герб был утвержден 19 июля 1918 года. Причем, утверждая проект герба, В. И. Ленин решительно вычеркнул из него «меч», стоявший в перекресте «серпа и молота». Этим еще раз был подчеркнут миролюбивый характер молодого рабоче-крестьянского государства.

*«Отвечаем на вопросы наших читателей»*. Под таким заголовком журнал, как правило, помещает материалы остраполитического аспекта. И на сей раз, в ответ на письмо читательницы Гуты Рознер из Махач-Калы, опубликована журнальная справка «Трагедия и борьба палестинцев», написанная С. Тонкиным. В ней кратко изложена суть этого важного вопроса.

В конце апрельского номера журнала публикуются материалы к лексикону советской еврейской литературы и в помощь изучающим идиш.

Начиная с апрельского номера, «Советиш геймланд» публикует в переводе на идиш роман русского писателя Анатолия Рыбакова «Тяжелый песок», который впервые появился в московском журнале «Октябрь» (№№ 7, 8, 9 — 1978 г.). Роман повествует о большой еврейской семье потомственных ремесленников. Выведены люди с яркими характерами. События предреволюционной и советской России отразились на их судьбах.

Советский прозаик Рыбаков Анатолий Наумович родился в 1911 году в городе Чернигове на Украине. С 1919 года живет в Москве. В 1934 году окончил Московский институт инженеров транспорта и долгое время работал по специальности. Участник Великой Отечественной войны. Первую книгу, приключенческую повесть для детей «Кортик», опубликовал в 1954 г. Повесть «Бронзовая птица» явилась продолжением этой вещи. В дальнейшем А. Рыбаков продолжал писать произведения занимательного, романтического характера, адресованные детскому читателю. Появились две его повести «Приключения Кроша» (1960) и «Каникулы кроша» (1966), ставшие любимыми книгами советской детворы. Уже в этих произведениях проявились основные характерные черты Рыбакова-писателя: живой диалог, юмор, добродушная ирония, энергичная повествовательная манера. Вместе с тем А. Рыбаков работает над созданием серьезных произведений о советском рабочем, созидателе современной жизни. Его роман «Водители», посвященный близкой писателю жизни инженеров-автомобилистов, был отмечен Государственной премией 1951 года. Заслуженное признание завоевал и его роман «Екатерина Воронина» (1955), ставший основой замечательного одноименного фильма. Позднее А. Рыбаковым были написаны еще две повести «Лето в Сосняках» (1964) и «Неизвестный солдат» (1970). «Рыбаков преимущественно повествователь, рассказзик, — пишет критик Е. Старикова, — в характеристике героя он предпочитает опираться не на размышление или анализ, а на поступок, факт, событие». Добавим, что в новом своем многоплановом романе, произведении зрелого мастера-романиста, А. Рыбаков использует самый разнообразный арсенал художественных средств, который уже, судя по читательским откликам, по достоинству оценен русским читателем. В апрельском номере «Советиш геймланд» публикуется начало романа А. Рыбакова. (Биографические сведения о писателе почерпнуты из Краткой Литературной энциклопедии, том 6, стр. 558).

*В разделе критики* публикуется обзорная статья д-ра филологических наук Урана Гуральника «По ту сторону (зарубежная действительность в зеркале советской литературы)». В своей статье автор рассматривает ряд произведений советской литературы, в которых нашла отражение реальная действительность стран Европы и Америки.

В постоянной рубрике *«Люди, их время, их судьбы»* выступает публицист Арон Иерусалимский с очерком «Внук носильщика» — о замечательном человеке, общественном деятеле Герше Шафире. Герой очерка Г. Шафир начал свою сознательную жизнь в революционном Богунском полку, был участником многих боев за Советскую власть, потом учился в Коммунистическом Университете им. Мархлевского. Обладал даром партийно-организаторской работы, Г. Шафир поехал в Баку для проведения пропагандистской работы. Здесь ему посчастливилось познакомиться с М. Горьким, стать его корреспондентом. «Во время Великой Отечественной, — пишет автор очерка, — Шафир есте-

глаза светились из-под черных ресниц. Словно звезды, сияли они чудной теплотой. А влажные зубы, отливающие белым перламутром, сверкали сквозь полуоткрытые губы.

Она была старше меня на целых три года, но я смотрел на нее с сладчайшей вожделенностью из-за своего укрытия, чувствуя, как трепещущая радость проникает в сердце, и мне казалось, что никто кроме меня не замечает ее красоты, той исключительной красоты, что достойна быть воспетой в «Песне песней»:

*Как лилия долин кристально чиста красота твоя,*
*Крепче пенящегося вина опьяняет она...*

И вдруг резкий окрик оборвал тишину. Я слышал, как ее отец, мельник, откуда-то из глубины каморки спрашивал хрипловатым голосом:

— Опять этот хлопец!?

Она, кажется, ничего не ответила, но выскочила из мельницы, и, сбежав со скрипучих ступенек, как тень промелькнула мимо меня. На меня повеяло запахом ее тяжелых распущенных волос. Острая обида сдавила мне сердце.

Неподалеку от мельницы шумит бурлящий водопад. С напором гонит он свои воды с кручи вниз. А солнце рассыпает в нем огненные лучи. Искрятся они и блестят, как осколки битого стекла.

Она сидела на берегу, напротив этого водопада. Прозрачное утро расстилало пред ней тончайшую кисею света, солнце окутывало ее огненными нитями. И освещенная солнечным сияньем, она грациозным движением руки расчесывала свои длинные черные волосы, казавшиеся мне невозможным чудом красоты.

Кого она ждала в это благодатное утро? Кого звала своим чистым звенящим голоском?

*Я жемчужины на ниточку нанизывала,*
*Я жемчужину нечаянно обронила,*
*Ох, имела я да камень драгоценный,*
*Я его не сберегла, не сохранила!..*

Голос ее смешивался с шумом водопада, и такая родственная связь ощущалась меж ними, словно она, как русалка, выскользнула из его бурливой глубины.

Зачарованный стоял я в гуще невысоких верб, упрямо росших на горном склоне. Я ловил каждый звук ее голоса, каждое движение.

Кругом была такая тишина, что меня пугало даже мое собственное дыхание: не услышит ли кто меня, не выследит ли кто острым глазом, и казалось — голоса живых существ доносятся из тишины ко мне, укоряя с холодной презрительностью: «Ай, какой стыд!»

Я еще глубже прятался в гущу ветвей, словно от самого себя прятался, и, забыв обо всем, всей душой тянулся к ней. Неосознанные желания терзали мою душу. Я стоял посреди земли и неба, юный подросток с затаенной печалью в сердце, потерянный в своей беспомощности.

Вдруг меня охватило какое-то беспокойство. Одновременно я заметил, что она смотрит в мою сторону. Неужели обнаружила мое тайное присутствие? И в глазах ее, как мне показалось, вспыхнул едва сдерживаемый смех: — Ай-ай! Какой стыд!..

Я вздрогнул, будто уличенный в воровстве. В глазах заискрилось. Я почувствовал, как лицо мое запламенело. Единственным желанием в тот момент было — бежать. Сорваться как птица с земли и исчезнуть.

Все это длилось мгновение. Но оно казалось вечностью. Я еще глубже погрузился в ветви верб. И сухой плач сдавил мне горло.

*Почему ты так рано,*
*Так рано возникла перед взором моим,*
*Моя Суламифь?*
*Из мечты соткана ты,*
*Из мечты беспокойных юношеских ночей...*

В свои пятнадцать весен я еще не знал, что есть вопросы, которые остаются без ответа.

Она сидела у берега. Как русалка, распустив свои черные волосы. Волны ластились к ее ногам, белой пеной устилая берег. А мне с грустью думалось, что не для меня голубели небеса и сияло солнце. И вербы цвели и ткался этот бесподобный узор на ясном утреннем небе...

*Перевел Лев Фрухтман*

## IV

Из сизой мглы выплыли очертания подвесной лампы, и в ее желтоватом отсвете — тень тоненькой, почти детской фигурки; блики света играли на золотисто-темном лице с едва заметными следами нежной девичьей стыдливости. Большие в комнате еще и маленькую кроватку, в которой спал очаровательный ребенок. Не знаю кто как, но я могу смотреть на воду, на огонь и на ребенка часами.

Вскоре мать Лены просила нас к столу. Уж сколько раз я зарекалась не задавать лишних вопросов, но на сей раз меня словно кто за язык тянул: возьми да и спроси:

— А что, вашего мужа, Лена, мы ждать не будем, пообедаем без него?

Я увидела, как половник застыл в руках матери. Йохан стал смотреть в окно. А Лена тихо произнесла:

— Теперь и так случается. Когда наш мальчик родился, муж меня оставил. Ему понравилась другая женщина...

Понравилась. Как все просто! — с горечью заметил отец.

Я подумала: глаза ее недаром были так молчаливы...

Иосиф Бург — автор небольших рассказов, согретых воспоминанием о юности. Писатель живет в Закарпатском крае и пишет о нем с любовью и знанием. Родился он в 1912 г. в семье потомственных лесорубов и плотогонов. Но будущего писателя тянуло к науке. Он стал педагогом, был участником Великой Отечественной войны, преподавал зарубежную литературу в высшей школе. Выпустил две книги прозы «На Черемуше» и «Отрава». Сейчас в издательстве «Советский писатель» готовится новая книга И. Бурга «Жизнь продолжается» на еврейском языке. Цикл рассказов из этой книги под общим названием «В дороге» и предлагается читателю. Один из рассказов приводим на русском языке.

**Иосиф Бург**

## Первая любовь

(в сокращении)

Цепи гор тянутся бесконечно в сизо-голубую даль. Разрывают нить горизонта. И уходят на запад.

Родные горы!

Целый день брожу я среди знакомых гор по дорогам моего прошлого, по тропам пережитого.

Леса дремлют. Воздух наполнен сладковатым запахом смолы и созревших плодов.

Лето прощается.

Под ногами разбросаны последние солнечные пятна, напоминающие пляшущие огоньки. И я шагаю осторожно, словно боясь, что мои шаги могут погасить эти прощальные символы лета.

... Она всегда ходила лесом. Ее точеные босые ножки мелькали в траве, слегка пригибая лесные цветы. В белом вышитом платье она и сама выглядела как танцующий цветок. Порой она напевала какую-нибудь песенку, и звенящая тишина уносила мотив далеко-далеко.

Я знал те пути, которыми она ходит. Знал время, когда она должна пройти мимо. Издали узнавал ее по шороху легких шагов, и с молчаливой влюбленностью шел за ней вслед. Шел без передышки, так, словно догонял самого себя и не мог догнать.

У подножья гор струится прозрачная речушка. Прорезывает, как серебряная молния, долину и сворачивает к водяной мельнице с дырявой гонтовой крышей, одиноко чернеющей чуть поодаль. Время потрепало большое деревянное колесо, покрыло его толстым слоем мха.

На цыпочках подкрался я к навесу, спрятался в тень от лунного света и сквозь открытое окно заглянул в каморку, откуда струился запашистый дымок смолотой муки.

*Когда цветет улыбкой радость,*
*Взойдя светилом над землей,*
*И без мечты о дальних замках*
*На сердце счастье и покой.*

*На чем же замки те возводят?*
*И впрямь, наверно, на песке,*
*А может, на снегу весеннем,*
*Отдавшись горю и тоске?*

*Мечты, что не осуществились,*
*Строитель тщетно укреплял.*
*Но и песок и снег при ветре*
*Совсем не прочный матерьял.*

*И потому, куда надежней*
*Из веток сложенный шалаш,*
*Хотя влечет тебя, мечтатель,*
*Недосягаемый мираж!*

*Перевод Зои Велиховой*

*К 50-летию первой пятилетки.* Под этой рубрикой «Советиш геймланд» публикует в сегодняшнем номере подборку произведений советских еврейских писателей, написанных полвека назад, в эпоху первой советской пятилетки. Мы как бы приглашаем в гости на страницы нашего журнала героев со страниц журнала 20-х годов «Пролит» («Пролетарская литература»), вокруг которого группировалась талантливая молодая литература на идиш, создавшая произведения о той эпохе, аналогичные «Цементу» Ф. Гладкова, «Поднятой целине» М. Шолохова, «Гидроцентрали» М. Шагинян, «Песне о Кузнецстрое» В. Маяковского и др.

В апрельский номер «Советиш геймланд» «приглашены» рассказ Ш. Шкаровского «В Донбассе», отрывок из романа М. Аронского «Стройка», рассказы И. Гринзайда «Вечно молодое» и Нояха Лурье «К новым строительствам». Из поэзии тех лет публикуются стихотворения Д. Гофштейна, М. Гарцмана, Ш. Гольденберга, А. Губермана и многих других поэтов, воспевших радость созидательного труда.

*Проза современных еврейских писателей* представлена в апрельской книжке рассказами Ширы Горшман (Москва) и Иосифа Бурга (Черновцы). Ш. Горшман мастер психологического портрета. Ей удается из огромного ряда жизненных наблюдений выделить типическое в людях и ситуациях. Вот одна из ее новелл, опубликованных в сегодняшнем номере журнала.

## Шира Горшман
## Все просто...

Я познакомилась с ней в Херсоне на Текстильном проспекте. Разговаривая, мы ходили на Речной вокзал, на площадь у Железнодорожного вокзала. Немного передохнули в сквере на скамейке. О себе она ничего не рассказывала, только с увлечением говорила о литературе, в особенности, о Томасе Вулфе. Это была очень миловидная молодая женщина. Она проводила меня до гостиницы «Киев», где я остановилась, и мы еще долго сидели с ней в вестибюле.

Время от времени я бросала на нее пристальный взгляд и не могла понять, почему так неподвижны глаза на ее лице. Лицо смеется — глаза нет, все в ней так живо — глаза словно замерли...

Назавтра она пришла в гостиницу и повела меня к себе в гости.

Квартира мне показалась уютной. В ней не было бесполезной мебели, полированных шкафов во всю стену, набитых подобранными по цвету обложек книгами, которые словно кричат: «не читают нас!». Я уже знала, что мою новую подругу зовут Леной. Она меня познакомила с мамой. Та запросто сказала:

— Не зовите меня Саррой Абрамовной, лучше по-домашнему — Соре.

Потом пришел отец. Имя у него было какое-то необычное, Йохан. Это был высокий широкоплечий мужчина; войдя, он сразу заполнил собой всю комнату.

Заговорили об обеде.

— Зайдем пока что ко мне в комнату, — сказала Лена.

Здесь стоял низенький столик, узкий современный диван и на стене висела репродукция Маркеса «Пейзаж с лодками». Но когда я огляделась, то увидела

# РЕЗЮМЕ

## «Советиш геймланд» («Советская родина») № 4, апрель, 1979

Апрельский номер журнала открывается публикацией (в переводе на еврейский язык) Закона о гражданстве СССР, принятого 1 декабря 1978 года в Москве на десятой сессии Верховного Совета СССР девятого созыва.

Закон о гражданстве СССР открывает новые горизонты духовного раскрепощения человека, его личных и гражданских свобод. И на фоне этого нового постановления Советской страны величайшей трагедией выглядит судьба тех, кто по тем или иным причинам лишился советского гражданства, лишился Советской Родины.

«Советиш геймланд» публикует большую подборку материалов о крахе «еврейской эмиграции»: письма и рассказы тех людей, которые в поисках призрачного рая лишились истинной отчизны и земли, на которой выросли и жили. Приводим некоторые выдержки из этих писем и материалов.

*В поэтической рубрике* апрельского номера — коллективная подборка современных еврейских поэтов Макса Рианта (Самарканд), Аврома Кацева (Херсон), Бориса Могильнера (Москва), Хаима Гуревича (Новосибирск), Мотла Голбштейна (Симферополь), Брони Синельниковой ,Москва). Отдельными циклами выступают: московский поэт Арон Вергелис и киевская поэтесса Дора Хайкина. Цикл ее стихотворений носит название «Доброму утру — ясный свет». Приводим в переводе на русский язык одно из стихотворений.

**Дора Хайкина**

### Воздушные замки

*Пускай влечет воздушных замков*
*Недосягаемый мираж,*
*А все-таки куда надежней*
*Из веток сложенный шалаш.*

*Строителей небесных зданий*
*Земная ноша нелегка,*
*Когда в заоблачные выси*
*Зовет мечта или тоска.*

*Их труд всегда сопровождает*
*Глухая и пустая ночь.*
*И в этой горестной работе*
*Никто не в силах им помочь.*

*Я тоже помню цену боли.*
*Душа, познавшая печаль,*
*Ища спасенье, устремлялась*
*Туда, где беспредельна даль.*

**СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД**

**(Советская родина)**

**Ежемесячный**
**литературно-художественный журнал**

*На еврейском языке*

**Орган Союза писателей СССР**

**Издается с 1961 г.**

**Издательство «Советский писатель»**

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ

**Х. Бейдер** (зам. главного редактора),
**Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,**
**Нотэ Лурье, Х. Меламуд.**
**Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,**
**Г. Ременик, С. Фрай,**
**И. Шустер** (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Сдано в набор 30.I.1979. Подписано к печати 18.III.1979 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 13+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 18,15). Бум. л. 6,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1040.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

**© Журнал «Советиш геймланд», 1979 г.**

Цена 50 коп.

70821

# СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

# СОВЕТСКАЯ РОДИНА

**В НОМЕРЕ:**

Закон Союза Советских Социалистических Республик о гражданстве СССР.

**Информируем наших читателей.** Горькая судьба людей, потерявших советское гражданство.

**К 50-летию первой пятилетки.** Материалы из литературно-художественного журнала «Пролит» (1928—1932).

Анатолий Рыбаков. Тяжелый песок (Роман).

**Стихи:** А. Вергелиса, М. Рианта, А. Кацева, М. Голбштейна, Б. Синельниковой, Х. Гуревича, Б. Могильнера.

**Рассказы:** И. Бурга, Ш. Горшман.

У. Гуральник. Международная тематика в советской литературе.

Листая газеты и журналы. Это интересно. Отвечаем на вопросы наших читателей. Почта «Советиш геймланд». Материалы для лексикона еврейской советской литературы. Резюме на русском и английском языках.

1979

№ 4